STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05130

# DER HOYZ-FRAYND

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטעס בוך.

ווארשא

1888.

# דער
# הויז=פריינד

הערויסגעגעבען

פון

מ. ספעקטאר

# דער
# הויז=פריינד

א היסטאריש–ליטעראַרישעס בוך.

א) ראמאנען, ערצעהלונגען, שירים און פעליעטאנען פון דעם יודישען לעבען.

ב) היסטארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען, רייזע־בעשרייבונגען אין די ווייטע מדינות, ערצעהלונגען פון דער נאטור־געשיכטע, ניטצליכע ידיעות וואס יעדער מענש דארף וויסען אין זיין הויז, זיין פאמיליע.

ג) לעבענס־בעשרייבונגען פון גרויסע לייט מיט זייערע בילדער.

ד) קריטיקע איבער ספרים און וועגען דעם יודישען טהעאטער.

ה) נייע ערפינדונגען, אנעקדאטען, גלייכע ווערטליך, שאנע מעשות, שכל'דיגע רייד פון גרויסע לייט און פון אונזערע חכמים ז"ל.

## ערשטעס בוך.

הערויסגעגעבען פון

מ. ספעקטאר

# ДЕРЪ ГАУЗЪ-ФРАЙНДЪ

т. е.

**Домашній другъ**

Историко-литературный Сборникъ

Томъ I.

Изданіе М. СПЕКТОРА

ВАРШАВА

Типографія И. О. Алапина, Налевки 47.

1888.

Дозволено Цензурою
С. Петербургъ 5 Января 1888

# אינהאלט

פון דעם הערויסגעבער.

## I.

## ליטעראַרישעס


1) די יודישע שפראכע און איהרע שרייבער.

א) יודישע פאלקס-שרייבער אין א מאליגע צייטען: ר' יעקב ב"ר יצחק מחבר פון דעם „צאינה וראינה", ר' אליה בחור מחבר פון דער בבא־מעשה און נאך אנדערע חכמי ישראל.

ב) פאלקס-שרייבער אין אונזערע צייטען: ה"ה א. מ. דיק, אקסענפעלד, ד"ר ש. עטינגער, א. צעדערבוים, צ. ראבינאוויטש, מ. ל. לילענבלום, „שלשום בר יענטע", י. י. לינעצקי, מ. א. שאצקעס, י. ל. גארדאן, מ. זייפערט, מ. ספעקטאר „שלום עליכם" פון יעקב דינעסאהן 1

2) זכרונות, ערינערינגען וועגען אברהם מאפו ז"ל. פון א. ש. פריעדבערג 21

3) אנמערקונג פון .N. N דער ערשטער לעזער פון „הויז־פריינד" 37

4) אז סע פלעגט צו־טרעטען פאר צייטען. (שיר) פון מ. אבראמאוויטש 38

5) מיין צוואה. (שיר) פון מ. גארדאן 39

6) מיין לעבענס־צייט. (שיר) הנ"ל 43

7) דאס יודישע קינד. (שיר) פון ש. פרוג 44

8) דער גט. א קאמעדיע אין דריי בילדער. פון „שלום עליכם" 45

9) א גביריש גוט הארץ. (שיר) פון א. מ. ה. 63

10) א גוטער דאקטאר. פון מ. וו. זאטולאווסקי 65

11) [1] אין אלבום. [2] איין אמת'דיגער חלום.—הנ"ל 66

12) דער יתום. (נאוועללא) פון איזאבעללא 67

13) זעה די ווערבעס וויינען קלאגען. פון מ. אבראמאוויטש 85

14) בילדער פון לעבען. (שיר) פון פ. זאמאשטשין 86

15) טאקי שוין!!! (ערצעהלונג) פון הנ"ץ 92

16) דער פארטרעט (ערצעהלונג) פון חמ"ץ אוים טאראשטשא 99

17) דער אסיענדיגער מאטיוו (סאנעט) פון מ. וו. זאטולאווסקי 102

18) ביי דעם רב אין שטוב. (סצענא) פון י. מזח 103

19) ווער איז געערבט. (שיר) פון מ. וו. זאמולאוואסקי 108

20) עס געהט ניט חאטש צו־רייס זיך!. בריעף געשריעבען דייטליך פון פינע טינטלער און הערויס־געגעבען פינקטליך פון מ. ספעקטאר (פעליעטאָן) 109

21) דאס נייע מחזור׳ל. מסוד חכמים ונבונים. יראתי בפצותי. אתיתי לחננך. מלך עליון. האוחז ביד. וכל מאמינים. פון י. י. לינעצקי 121

22) ניט קיין פערגינער. (שיר) פון מ. זאמולאוואסקי 128

23) פישקע דער קרומער. (א ניי קאפיטעל) פון מענדעלי מוכר ספרים 128

24) תולדות ר׳ שלום יעקב אבראמאוויטש. פון מ. ס. 134

25) נייע ביכער. (רעצענזיעס) : „דער יודישער וועקקער“. „זרובבל“. „צעהן יודישע פאלקס־ליעדער“. „די הוזליכע מעדעצין“. „רוססיש־יודיש ווערטער בוך“. „די פראקטישע אריפמעטיקא“. "Евреи и Христiане„ פון אמת 143

26) דאס יודישע טהעאטער. פון י. מזח 160

27) ר׳ אברהם גאלדפאדען. (איינע קורצע ביאגראפיע) פון א וואהלינער 165

28) צו א. גאלדפאדען. (שיר) פון פ. זאמאשטשין 168

29) בעריהמטע יודישע פרויען. (לינא מארגענשטערען) פון י. גאמבערג 171

II.

# היסטארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען.

30) משיח׳ס צייטען. פון נ. ד. האפמאנן 1

31) דאס פלעשעלע מן. פון י. כהן 19

32) א רייזע אין מארגענלאנד. פון נ. ד. האפמאנן 25

33) דאס לעבען פון די בינען. די בינען וואהנונגען. די בינען אייעליך און וייערע ענטוויקלונג. די יונגע קעניגען. פון י. טרובניק 32

34) א וועלט מיט קויהלען פון מ. וועבער 39

35) די הוזליכע מעדיצין. [1] מוזלען. [2] נאטורליכע פאקקען. [3] ווינד פאקקען. [4] געשטעלטע פאקקען. (קוה פאקקען). [5] דער שארלאך (שקארלאטינע). פערפאסט פון דאקטאר מ. זוסמאנאוויטש 45

# פערשיעדענס.

36) מוסר פאר אללע. פון אליעזר צבי הכהן צווייפל ז״ל 73

36) א קליין בינדעל בלומען. פון פערשיעדענע גארטנער גענומען. פון מ. י. וויסבערג. 78
37) אפאריזמען און עפיגראמען. פון ז. קאנטאראוויץ, פ. סטופניקער, זאק, חמ״ץ, ה. געלער, י. ב. ב, ב. בעקערמאנן, מ. פארצאווסקי, א. זלידניוווקער, י. פ. צ. און נאך אנדערע 82
38) געדאנקען פון א משוגענעם. פון משבי״ח 88
39) לצנות. פון מ. זייפפערט 92
40) דער רעגען און די ווארהייט. פון שר של ים 92
41) יודישע שפריכווארטער. (אויס די כתבים פון ה. י. ב.) הערויסגעגעבען פון מ. ספעקטאר 89
42) יודישע טאכטער. (ראמאן) פון מ. ספעקטאר 1—57
I. קלארא II. א חתונה מיט קאוואליערען III. געטאנטצט מיט יאשטשערקעס IV. אבעקאנטע דאממע V. עס טאגט אין שטאדטיל VI. א משכון פאר-זעטצען און א גביר זאל מען זיין VII. אבגעשפארט פון שבת VIII. דריי שוועסטער IX. נעכטיגען אבענד X. גארפינקעל און שטיינפינקעל XI. א העבראישע קארעספאנדענציע פון אריבאטעווקע XII. די טאגע ביכער.
43) הזכרות נשמות. 58

צו דעם „הויז-פריינד" ווירד צו געלעגט פיער בילדער: איין בילד פון י. א. מאפו, ווי בילדער פון ש"י אבראמאוויטש, און איין בילד פון א. גאלדפאדען.

——מיר האבען די בילדער ניט געבונדען אין בוך כדי ווער עס וועט וועלען זאל די בילדער קענען ינפאסען אין ראממען.——

# פון רעדאקציע־טיש

ביים ענדיגען דעם „הויזפריינד“ האבען מיר זיך זעלבסט געפרעגט, צי האבען מיר מקיים געוועזען אללעס וואס מיר האבען צוגעזאגט אין אונזערע מודעות וועגען „הויזפריינד“? — וויל צוזאגען איז יעדען גרינג, און מקיים זיין איז שווער.

נאר פריהער איידער מיר וועלען ענטפערען דערויף, מוזען מיר זיך פאר ענטפערען פאר אונזערע געעהרטע אבאנענטען, וואס דער „הויזפריינד“ האט זיך פארשפעטיגט. דאס איז געוועזען א סבה, אין וועלכער מיר זענען כלל ניט שולדיג, וויל עס האט זיך פלוצים געמאכט אזויגע אורזאכען אויף וועלכע מיר האבען זיך פריהער ניט געקענט ריכטען.

מיר האבען געוואלט זיין פינקטליך פיעל מעהר ווי די אבאנענטען. האבען געוואלט צודער צייט לעזען דעם „הויזפריינד“, נאר עס האט נאר־ניט געקענט העלפען — דער „הויזפריינד“ האט אויף איצטיגעס מאל געמוזט פארשפעטיגען.

איין זאך טרייסט אונז וואס דער „הויזפריינד“ איז אזא בוך וואס האט זיין אינטערעס פאר דעם לעזער אין יעדער צייט. מעהר וויכטיג פון אללעס איז ביי אונז געוועזען: מקיים צו זיין וואס מיר האבען צוגעזאגט געבען אין „הויזפריינד“, און דאכט זיך אז מיר קענען איצט אפענטליך זאגען, אז מיר האבען א סך מעהר געגעבען ווי מיר האבען צוגעזאגט און ניט נאר זיך געסטארעט א„סך“ צוגעבען נאר אויך דער סך זאל זיין דורכאויס גוט, אינטערעסאנט און נוטצליך פאר יעדען, דען דאס איז דער ערשטער צוועק פון „הויזפריינד“.

די לעזער וועללען געוויס מיט פרייד באמערקען אז אין דעם „הויזפריינד“ זענען ביי דעם ענדיגען צוגעקומען אויסער אנדערע נייע ארטיקלען, אויך ארגינעללע יודישע שירים פון אונזערע צוויי בעריהמטע רוססישע פאעטען, ה״ה ש. פרוג און מ. ס. אבראמאוויטש, וואס האבען זיך בעוואוסט געמאכט מיט זייערע שיינע געדיכטע אין זשורנאל „וואסחאד“ און פארשטעהט זיך דארף נאר פרייען וואס די צוויי בעליעבטע פאעטען האבען ענדליך אנגעהייבען שרייבען פאר די וואס לייענען יודיש.

אויך האבען מיר שוין באווארענט, אז דער צווייטער „הויזפריינד“, וואס מיר וועלען בקרוב אם ירצה השם הערויסגעבען וועט שוין מעהר ניט פאר שפעטיגען און צוגעשיקט ווערען די אבאנענטען צו דער צייט.

# די יודישע שפראכע אונ איהרע שרייבער.

## זשארגאן־שרייבער אין אמאהליגע צייטען:

ר׳ יעקב ב״ר יצחק מחבר פון דעם „צאינה וראינה״, ר׳ אליה בחור מחבר פון דער „בבא-מעשה״ אונ נאך אנדערע חכמי ישראל.

## זשארגאן שרייבער אין אונזערע צייטען:

ה״ה א. מ. דיק, אקסענפעלד, ד״ר ש. עטינגער, א. צווייפעל, א. ב. גאטלאבער, ש״י אבראמאוויטש, א. גאלדפאדען, מ. גארדאן, א. צונזער, א. צעדערבוים, צ. ראבינאוויטש, מ. ל. ליליענבלום, „שלשום בר יענטע״, י. י. לינעצקי, מ. א. שאצקעס, י״ל גארדאן, מ. וייפערט, מ. ספעקטאר, „שלום עליכם״, אונ נאך אנדערע.—

אונזערע ערשטע חכמים אונ סופרים זענען על פי רוב געוועזען אונזערע גדולים אונ רעליגיאנס־לעהרער. זיי האבען געהאט א כונה רצויה וקדושה צו לערנען דעם יודען זיינע חובות בין אדם למקום, איהם מוסר לערנען אין ענינים שבין אדם לאדם, אונ זיי האבען זייערע דרשות אונ ספרים וואס איז נוגע צו דעם המון שטענדיג געשריעבען אין דער פאלקס־שפראכע, חאטש זיי זענען צו לשון הקודש פיעל נעהענטער אונ פיעל געלערענטער געוועזען אלס אין אונזערע צייטען אונזערע שרייבער, גמרא אונ מדרש לשון, וועלכע איז ניט ריין לשון הקודש אונ ניט ריין ארמית, איז געווים צו יענער צייט אזוי א זשארגאן געוועזען ווי אונזערע עברי־דייטש. איך האב ניט דעם רוים אונ מאגליכקייט אין דעם ארטיקעל אויספיהלען צו אויפווייזען דעם היסטארישען גאנג אונ ענטוויקלונג פון פערשיעדענע זשארגאנען אין אונזער ליטעראטור, נור איינס איז מיר קלאר, אז אונזערע אלטע חכמים האבען ניט געשריעבען אום כבוד סופרים, זאנדערן זייערע ברידער מיט נייער שרייבען צו לערנען אונ צו פיהרען בדרך הישר.

זעלבסט אונזער זשארגאן, דער עברי־דייטש, איז קיין נייעס, אונ ניט נעכטען האבען קלוגע אונ עהרליכע מענשען אין איהם אנגעהויבען צו שרייבען. א געוויסער גדול בישראל, רבי יעקב ברבי יצחק, האט מיט דריי הונדערט יאהר צוריק געשריעבען דעם איבעראלל בעקאנטען „צאינה וראינה״ טייטש חומש, אויך דעם „המגיד״, דעם דייטשען פירוש פון נביאים וכתובים, אונ אונזערע באבעס אונ עלטער־באבעס האבען געלייענט הונדערטער יאהרען צוריק דעם הייליגען ספר יעדען שבת ווי אונזערע מוטערס, אונזערע ווייבער אונ נאך אנדערע פון אונזערע טאכטער עד היום הזה.

אין יענע צייט אונ נאך פיעל פריהער זענען פערפאסט אונ איבערזעצט געווארען פיעל יודישע מוסר אונ רעליגיאנס ספרים אין אונזער היינטיגען זשארגאן, אנדערע אין חרוזים אין ריפמען מיט פיינע משלים אונ מליצות פון אונזערע חכמים. פון יענע גדולי הדור וואס זענען געווים געוועזען די לעהרער אונ פיהרער פון זייער פאלק.

זיי האבען צו טהון געהאט מיט רעליגיאנס־אנגעלעגענהייטען מעהר אלס מיט וועלטליכע זאכען, ווייל יענע יאהרען זענען אנדערע געוועזען. צו ערקענען די וועלט אונ וויסען וואס אין איהר קומט פאר, האבען יודען אין יענע פינסטערע צייטען געהאט אנדערע לעהרער אונ ערציילער. מיט פייער אונ מיט וואסער, מיט בלוט אונ מיט אייזען האט מען זיי מיט דער וועלט בעקענט. געוויזען זיי ווי אזוי מיט מענשען אומצוגעהן האט מען זיי נור איין כלל גדול אויסגעלערנט: צו קושען יענע הענט וואס שלאגען אונ רויבען זיי. זייער פלייש אונ בלוט אבצוגעבען יעדען הונגעריגען וואלף אונ דורסטיגער חיה רעה. מען האט זיי פון זייערע צרות אונ צורריםּ ניט בעדארפט ערציילען — זיי האבען זיי גוט געקענט. אונ אפשר האט מען מיט סכנות נפשות מורא געהאט זא וואס גאר צו שרייבען. קיין זאך אין דער וועלט וואר דעם יודען אין יענע צייטען ניט פעסט אונ ניט זיכער. ניט זיין הויז, ניט זיין האב אונ גוטס, ניט זיין קינד אונ ניט זיין אייגענעם לעבען. אללעס איז איהם געהאנגען אויף איין האר אונ ער האט אויך דערפאר פיר קיין זאך ניט געקאמפפט אונ געשטריטען. נור איין איינציגען הייליגטהום האט ער טהייער געהאלטען אונ געוואלט בעהאלטען: זיין איין איינציגען גאטט אונ זיין ריינע אמונה אין איהם. פיר איהם האט ער בהרף נפש געשטריטען ווי נאך קיין צווייטער העלד אין דער וועלט. אן דעם ליעבען גאטט ניט צו פארגעסען האבען איהם זיינע העלדען־אנפיהרער דערמאנט מיט זייערע אנקאזען אונ פארשריפטען חדשים לבקרים. ער זאלל זיין געוועהר: תפלה, תורה אונ מעשים טובים. פון האנד ניט אוועק לאזען אויף א מינוט. אונ ווי זיי האבען איינגעזעהען אז מרוב צרה ותלאה קצרה נפש העם צו פערשטעהן זייערע רייד אין אונזער הייליגער מוטערשפראכע, האבען זיי באלד צו ריידען אנגעהייבען מיט איהם אויף זיין לשון שהוא שומע. אונ אזוי איז צו אללע צייטען אויסגעבילדעט געווארען א ליטעראטור אין א געוויסער זשארגאן־שפראכע. אונ אזוי אויך אין אונזער זשארגאן.

הונדערטער ספרים אונ העתקות אין זשארגאן דערמאנט דער „סדר הדורות״, וואס האט געלעבט מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק, אויך מאנכע אזעלכע ספרים, וועלכע זענען יעצט יקירי המציאות, וואס ריידען פון מעשות אונ ערצאהלונגען וואס געהערען זיך מיט יודען אין יודישקייט כמעט גאר ניט אן, למשל: דער בעריהמטער מדקדק אונ אדם גדול בחדרי התורה והחכמה רבי אליהו בחור ז״ל האט געשריעבען לבד אנדערע ענינים וויכטיגע אין דער פאלקס שפראכע, אויך דעם ספור „בבא מעשה״ וואס איז דער וועלט בעקענט. געוויס איז אזוי א אדם גדול ניט אויסען געוועזען דער מיט דעם זעלבען צוועק, וואס א היינטיגער זשארגאניסט איז מיט זיינע פוסטע ענינים אויסען. ער האט געוואללט דעם המון געבען מיט וואס צו ערהייטערען זיין טריבעס געמיהט, ער זאלל בעסער לעזען דברים בטלים, וועלכע עס ענטהאלטען דאך א מעט מוסר אין זיך, איידער דער המון זאלל אין זיין פרייער צייט זיין א הולך בטל, אונ קומען דערצו לידי עבירה ומכשול. די זעלבע כונה מאג נאך היינט אויך זיין א כונה רצויה, דער המון זאלל אין זיינע שבתים אונ ימים טובים ניט אומגעהן ליידיג אונ פריי אין די גאסען, קומען דורך דעם לידי תרבות רעה, צו שלאג אונ סקאנדאלען וואס ברייגגען אפט צו די ערגסטע אונ געפאהרליכסטע פאלגען, ווי פאגראמען אונ עלילות אונ אללעס וואס איז גלייך דערצו.

נאך אללעם דעם, וואס מיר האבען דא געלעזען, בארפען זיך אונזערע שטאלצע

לְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ־שַׁרייבֶּער נִיט שֶׁעמֶען פַאר זֵייעֶר בֶּעפְרֶעמְדֶען זִיךְ פוּן זֵייעֶרֶע קְלֶענֶערֶע בְּרִידֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער, צוּ רֵיידֶען אִימֶער וֶוען זֵיי אוּנ קֵיינְמָאל מִיט זֵיי ? אָדֶער צוּ רֵיידֶען מִיט זֵיי דוּרךְ אַ מֵלִיץ (ווִי יוֹסֵף מִיט זַיינֶע בְּרִידֶער וֶועלְכֶע עֶס הָאבֶּען אִיהם פֶערקוֹיפְט), אוּם צוּ שְׁפִּיעלֶען אַ רָאלְלֶע פוּן אַהֶעכֶערֶען סָארְט מֶענְשׁ, מֶען זָאלל זֵיי נִיט עֶרְקֶענְנֶען וֶוער זֵיי זֶענֶען!... קוּמְט דָאס נִיט פָאר, ווִי עֶס מְהוּעֶן יֶענֶע נַארִישֶׁע קִינְדֶער אִין הַיינְטִיגֶע צֵייטֶען, וֶועלְכֶע קוּמֶען פוּן דִי גִימְנַאזְיֶעס אוּנ אוּנִיוֶוערְזִיטֶעטֶען, ווָא זֵיי הָאבֶּען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶענְס הוֹצָאוֹת גֶעשְׁטוּדִירְט, צוּרִיק צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דִי פְּשׁוּטֶע נִיט־גֶעקִינְסְטֶעלְטֶע יוּדֶען, אוּנ זֵיי, דִי קִינְדֶער, ווִילְלֶען מִיט זֵיי אֵיין יוּדִישׁ וָוארְט מֶעהר נִיט אוֹיסְרֵיידֶען, חָאטְשׁ זֵיי ווֵייסֶען גַאנְץ גוּט אַז דִי עֶלְטֶערֶען זֵייעֶרֶע קֶענֶען נִיט, (אוּנ זֶענֶען נִיט שׁוּלְדִיג אִין דֶעם) אוּנ פֶערְשְׁטֶעהֶען נִיט זֵייעֶר רוּסִישׁ, פְרַאנְצֵייז אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶען וָואס זֵיי הָאבֶּען פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע מְקוֹמוֹת מִיטְגֶעבְּרַאכְט? בֶּעלֵיידִיגְט נִיט אַזוֹי אַ בֶּענֶעהמוּנְג פוּן גֶעבִּילְדֶעטֶע קִינְדֶער, זֶעלְבְּסְט דֶעם אִישׁ פָּשׁוּט וָואס עֶר זֶעהט עֶס צוּ? אָדֶער קֶענְן אַזוֹי אַ עֶרְשַׁיינוּנְג, וָואס פַּאסִירְט לֵיידֶער אַזוֹי אָפְט בַּיי אוּנְז אִין אִיצְטִיגֶען פַאמִילְיֶען־לֶעבֶּען, סוֹבֵל זַיין אַיין נֶפֶשׁ יָפָה, צוּ זֶעהְן דֶעם צַעַר פוּן עֶלְטֶערֶען וֶועלְכֶע עֶס קֶענֶען נִיט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּזַאמֶען רֵיידֶען, אוּנ נִיט פֶערַאכְטֶען אוּנ פֶערְהַאסֶען יֶענֶע קִינְדֶער אוּנ זֵייעֶר נַארִישֶׁען נִיט נֵייטְהִיגֶען שְׁטָאלְץ ?!

אִיז דֶען דֶער הָמוֹן נִיט אוּנְזֶער פָאטֶער ? זֶענֶען מִיר דֶען נִיט זַיינֶע קִינְדֶער, זַיין בְּלוּט אוּנ פְלֵיישׁ וָואס נוּר אוֹיף זַיין רֶעכְנוּנְג, אוֹיף זַיינֶע מִיהֶע אוּנ צָרוֹת זֶענֶען מִיר הֶעבְּרֵייעֶר גֶעוָוארֶען מַשְׂכִּילִים אוּנ חֲכָמִים זִיךְ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען ?— וֶועלְכֶע רֶעכְטֶע הָאבֶּען מִיר זִיךְ גְרֶעסֶער צוּ הַאלְטֶען פַאר אִיהם, טַאקִי פַאר דֶעם הָמוֹן? אוּנ וָואס אִיז אוּנְזֶער הַשְׂכָּלָה אוֹיב נִיט פִיר אִיהם ? יוּדִישֶׁע הַשְׂכָּלָה אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ אִים פָאללֶען זִינֶען דֶעם וָוארְטֶעס—נוּר יוּדִישֶׁע הַשְׂכָּלָה, נִיט אַ הַשְׂכָּלַת הַחַיִּים; זִי אִיז אֵיינֶע סְפֶּעצִיעללֶע גֶעלֶעהרזַאמְקֵייט, וֶועלְכֶע דַארְף גֶעהֶערֶען דֶעם גַאנְצֶען יוּדֶענְטְהוּם! וָואס מִיר ווֵייסֶען, דַארְף אוּנ מָאג ווִיסֶען יֶעדֶער אֵיינְפַאכֶער יוּד לְפִי עֶרְכּוֹ וְעֵרֶךְ הַשָּׂגָתוֹ. מִיר זֶענֶען עֲרֵבִים זֶה בָּזֶה אוּנ דָאס וָואס מִיר עֶרְרֵייכֶען בְּחָכְמַת עַמֵּנוּ אִין אוּנְזֶער הַשְׂכָּלָה, זֶענֶען מִיר מְחוּיָב צוּ מְהֵיילֶען. קֵיין פְּרָאפֶּעסְיָאן דֶערְפוּן מַאכֶען, וָואס עֵין אִישׁ צָרָה בְּשֶׁל רֵעֵהוּ, אוּנ ווִי אַנְדֶערְס קֶענֶען מִיר דֶעם הָמוֹן אַיינְטְהֵיילֶען זַיין חֵלֶק דֵעַת אוּנ נַחַת רוּחַ וָואס מִיר הָאבֶּען, וֶוענְן נִיט אִין דֶער שְׁפְּרַאכֶע וָואס עֶר רֶעדְט זִי זֶעלְבְּסְט, וֶוענְן נִיט דוּרךְ אוֹתִיוֹת מְרֻבָּעוֹת, דָאס הֵייסְט: דוּרךְ שְׁרֵייבֶּען אִיהם מִיט אַזוֹי אַיין לָשׁוֹן אוּנ וָוארְטֶער, וָואס זֶענֶען אִיהם בֶּעקַאנְט אוּנ עֶר בַּארְף קֵיין פֶערְדֵייטְשֶׁער אוֹיף דֶעם נִיט הָאבֶּען?!

אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען דֶעם אַיינְדְרוּק וואס הַזְ״ט אַמָאהל אוֹיף מִיר גֶעמַאכְט אוּנ דִי לֶעהְרֶע וָואס הָאט מִיר אַמָאהל גָאר אוּמְגֶערֶען גֶעגֶע״עֶן אֵיינֶער אָט טַאקִי פוּן דֶעם „הָמוֹן מֶענְשֶׁען" אוּנ וֶועל עֶס צוּ יֶעדֶער גֶעלֶעגֶענְהֵייט דֶערְצֵיילֶען, ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹן בֶּערֵייטְס מֶעהְרֶערְן עֶרְצֵיילְט. וֶוען מֶען הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט: פַאר וָואס בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַזשַארְגָאנִישֶׁער שַׁרייבֶּער, אוּנ נִיט גֶעבְּלִיעבֶּען אַ הֶעבְּרֵייאִישֶׁער מְחַבֵּר ווִי אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהֵייבֶּען אָזֶעלְכֶער צוּ זַיין אוּנ צוּ וֶוערְן, אוּנ שְׁרֵייבּ לִיבֶּערְסְט זְשַׁארְגָאן, חָאטְשׁ מִיר אִיז לִיעבּ ווִי דָאס לֶעבֶּען דִי הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאכֶע, וּלְבִּי בָּהּ חַיֵּי רוּחִי !

דאס ווער מיט מיר. אין דער שטאדט מיר, איך בין דאמאלס א יונגעל געוועזען מיט דער השכלה זיך נור וואס בעקאנט. הײס ווי אפייער האב איך געברענט צו דער שפה העבריה און צו דער השכלה בכלל, געארבייטעט מיט אללע כוחות נור חברים צו בעקומען לעשות נפשות לתורה ולתושיה, און ווען עס וואלט אמאהל אין מיין שטאדט געקומען מאפו שולמאנן אדער אזוי ווער עס איז פון די העברייער וואס איך האב דאמאלס געוואוסט אנצורופען מיט זייער מיר געליעבטען נאמען, וואללט איך מיט מיינע חברים געזעהן את פניהם ואת חכמתם המאירה כראות פני מלאכי אלהים! און עס איז קיין חדוש, דאס די לעטצטע קאפיקע מיינע האב איך אויסגעגעבען אויף „מליצה ספרים׳לעך" (אזוי האט מען דאמאלס זיי אנגערופען). אין יענע צייט, בין איך אלס חבר אנגעקומען צו לערנען צוזאממען מיט א זוהן פון איינעם א געוויסען רבי שמחה, א אויפגעקאמענעם נגיד, זעהר איין פרומער אבער אויך זעהר א גוטער און אויפריכטיגער יוד. ער און זיין הויזגעזינד זענען אללע געוועזען האמש פשוטע געשעפטס־מענשען, אבער זיי האבען א אונאויסדריקליכע ליעבע און אכטונג געהאט צו אלץ וואס געבילדעט און געלערענט, געלד דערצו: זייער קינד זאלל קיין עם־הארץ בלייבען, האבען זיי ניט געזשאלעוועט, און די ערשטע נייעס, וואס איך האב ביי זיי אין הויז אריינגעבראכט איז געוועזען איין ביבלאטעקע אשיינע, א ווילנער ש״ס, א שיין געבונדענעם, האב איך געקויפט, משניות׳ן, מדרשים, מקראות גדולות, און נאך פון דעם מין ספרים, וואס אין קיין יודיש בעלי־בתים׳שע הויז פעהלען זיי ברוך השם ניט, ביסלעכווייז האב איך צוגעקויפט נייע ספרים און ספרים׳לעך און אונז האט נור געפעהלט א צייטונג א העברייעשע אום צו שרייבען.

אז איך האב דעם רבי שמחה׳ן ז״ל געבעטען דאס געלד אום צו שרייבען דעם „המגיד" האט ער מיר געזאגט בזה הלשון:

„מילא אויף ש״ס און אנדערע ספרים אז איך האב געלד אויסגעגעבען, האמש איך לערן אין זיי ניט און מיינע אלטערע קינדער פערשטעהען אין זיי אויך ווייניג, האב איך קיין חרטה, מאמער וועט מיר גאט מזכה זיין מיין יונגערער זאהן וועט וועלען לערנען און נוטצען האבען פון זיי. ווידער, אויב חלילה ניט, ווי זאגט מען: „שיינע ספרים אין א יודיש שטוב זענען א צירונג א שיינער!" און מיין הארץ פרייהעט זיך דערמיט, אז איך גיי פאר־ביי פאר דעם ספרים — אלמער און גיב אקוק אויף זיי, איך דאנק דאנן גאטט וואס ער האט מיך מזכה געוועזען צו האבען דאס וואס איך האב ביי מיינע עלטערן ניט געזעהן. איז דאס אלץ געערעדט וועגען ספרים, אבער אויסגעבען געלד אויף צייטונג, וואס זענען נור בלאטער און ניט קיין ספרים, און וואס פערשטעהן אלליין אין זיי פערשטעה איך מיט מיינע קינדער אויך ניט, צו וואס זאלל איך געלד ארויסווארפען?"

„אויב דו ווילסט איך זאלל דיר דיין פערגעניגען ניט אוועק נעמען, און דיר דאס געלד געבען, זאללסט דו אויף זיך מקבל זיין, אז אללע פרייטאג צו נאכט, אדער אזוי ווען, וואס איך מיט מיין ווייב און קינדער זענען פריי, און זיצען אין איינעם ארום טיש, וועסט דו נעמען דאס בלאט אונז פארלעזען און פערדייטשען ווי עס געהער צו זיין, זאללען מיר אללע פער[illegible]יגען האבען און וויסען וואס פאסירט אין גאנצען וועלט!

איך האב דאמאלס געמיינט, דאס איז אקלייניגקייט, און מען דארף דערצו נור קענען

פערדייטשען, איבער טראגען מקודש אל החול. און ווער האט נאך אזוי אללע שווערע העברייאישע ווארטער גוט געקענט פערדייטשען ווי איך? איך האב צו געזאגט יאר אחן ישוב הדעת, און האב גענומען זעקס רובעל און אוועק געשיקט קיין ליק. און אטאג צעהן ארום האב איך דעם ערשטען נומער ערהאלטען: אשר עודו בכפי בלעתיו. פרייטאג צו נאכט האבען זיי זיך ווירקליך ארום טיש ארומגעזעצט, איך בין געזעסען אויבען־אן כמלך בגדוד און אנגעהייבען פאר צו לעזען און פערדייטשען דעם לשון הקודש.

צו פיעל תמים און איינפאללטיג בין איך געוועזען אין יענע גליקליכע אונבעפלעקטע טעג. ריין און גאנץ וואר דאנן נאך מיין הערץ, ליעב און היילינ איז מיר געוועזען יעדעס העברייאיש ווארט און זילבע, און האב גערעכענט פאר א פערברעכען און גנבת דעת דורכצולאזען אזעלכע מליצות און איבעריגע ווארטער, וואס זענען אפשר גוט און פער־שטאנדליך אים העברייאישען, אבער פרעמד און גאנץ איבעריג אין זשארגאן, אדער עברי־דייטש, [דעם נאמען זשארגאן האב איך נאך דאמאלס ניט געוואוסט]. מלה במלה האב איך פערדייטשט, ניט געפיהלט די גרויסע טראפען שווייס וואס זענען מיר וויא פון א שווערע מיה אויף דעם שטערן ארויס געטרעטען, קריכענדיג און קלעטערענדיג אזוי אויף אלל די פיר, בארג ארויף און ארויף, איבער דערנער און גריבער, וועלכע עס האבען מיר שיעור דעם צונג פון דעם אקען אויס גערדרייט. איך האב ניט געמערקט און ניט בעקימערט זיך וואס טהוט זיך ארום מיר און ניט ארויס גענומען די אויגען פון דעם בלאט, און געלעזען און פערדייטשט ווייטער און ווייטער ביז צום סוף, און ווי דעם ערשטען פרייטאג צו נאכט, אזוי אויך איבער אכט־טאג און אזוי ווייטער ביז צום סוף יאהר!

הה! כמה ארך אפים האבען דיעזע אויפריכטיגע ליעבע מענשען געהאט, זיך פון מיר אזוי פיעל קוועלן און פייניגען צו לאזען מדי שבוע בשבוע, זיטצען אין גאנצען אויף איין ארט שעות גאנצע, מיך זעהן יעדע מינוט אין פערלעגענהייט, ווי דער צונג ווערט מיר אבגענומען פערטשעפענדיג זיך אין די געדרייטע ווילדע מליצות, וואס ערגעץ א שוטה א שרייבעריל האט אנגעפלוידערט אהנע זעלבסט צו וויסען וואס ער האט געמיינט דער־מיט צו זאגען, אזוי פערלעגען מיך צו זעהן און איינמאהל ניט א לאך טהון, מיר מיין פערגעניגען ניט צו שטערן חאטש זיי האט עס אפשר געקאסט געזונד—דאס וואר צו פיעל גוטס פון זיי!

דער יאהר איז געלויבט גאט אריבער, און איך בין געקומען רבי שמחהן בעטען נייע געלד אויף א נייען יאהר־צייטונג.

—הער נור מיין טהייערער, האט ער מיר געענטפערט באמונות, דו ווייסט עס אפשר ניט, נור איך בין דיר מחויב צו ערקלערן, אז אונזער פאראיאהריגער מסחר, אויסבייטען מזומנע קערבליך אויף פערדייטשענעס איז געוועזען א מקח טעות, אין מיר האבען זיך ביידע גענארט, ניט דו ביזט שולדיג חלילה, דו האסט דיין טרחה ניט געזשאלעוועט און האסט עהרליך פערדייטשט ווארט אין ווארט, חאטש דיר פלעגט עס ניט אזוי גרינג אנקומען, שולדיג זענען אפשר יענע וואס שרייבען אזעלכע ענינים וואס זענען ניט אינטערעסאנט, און אזעלכע מליצות מיט פערדרייטע ווארטער וועלכע עס לאזען זיך גאר ניט פערדייטשען, זיי שרייבען אפשר גאר ניט פיר אזעלכע יודען ווי איך און מיינע קינדער זענען, און איך

גלייב אז פיר מבינים ווי דו און ווי זיי אליין זענען הייסט עס אפשר גוט און קלוג געשריעבען, אבער וואס האב איך דערפון? און וואס האבען מיינע קינדער געלערנט פון די צייטונג פאר א גאנץ יאהר? בין איך באמת פריהער אונגליקליך געוועזען אז איך האב ניט געוואוסט אז ערגעץ גאנץ ווייט איז דא א שטעטל מארדאראווקע, און אז דארט זיטצט א רב'ל א מין שוטה רחמנא ליצלן, און ער קריעגט זיך כסדר מיט דעם מארדאראווקער שוחט, מאכט טרפה זיינע קעלבער וכדומה? אדער זענען מיינע קינדער גליקליך דערמיט און הויך געבילדעט געווארען, אז זיי וויסען איצט אז אין קאן־פילאווקע האט מען געזוכט חטאים און מען האט גענומען א אונשולדיג ווייבעל און זי געפיהרט מיט פעדערן אנגעשטעקט, און געשריען פאר איהר: ככה יעשה לנפש החוטאת! גלייב מיר, אזעלכע נייעס וואלט פיר מיינע קינדער געזינטער זיין גאר ניט צו וויסען. ווייטער פון אונזערע ידיעות איז מיר נור דאס געבליעבען, אז אין פראנצויזען־לאנד איז ביי א פאסטוך געבארען געווארען א קאלב מיט צוויי קאפ, און אז אונזער שטאדט־בעל־טאקסע, דער פראצענטניק און עוכר ישראל בעריל לייב, איז אגרויסער רך לב און טהוט דער שטאדט און ארעמע לייט די גרעסטע טובות, חאטש מיר וויסען אללע אז דאס איז שוא ושקר, נור זיינער א מלמד האט איהם אזוי שיין בעשריעבען פאר א שיינע חנוכה־געלד! איז מיר דאס כדאי געוועזען צו בעצאהלען זעקס רובעל א יאהר? ווייטער די הויכע און גרויסע ענינים וואס שרייבען זיך אין די בלאטער איז ניט פיר אונזערע מוחות, און מיר פערשטעהן זיי גאר ניט, און אזוי איך און אזוי מיינע קינדער פלעגען ביי דיין פארלעזונג רוהיג שלאפען, אויסער מיין אלטע, די פרומע גיטעל, זי פלעגט ניט א דרעמעל טהון אפילו, ווייל זי מיינט אז נור וואס לשון הקודש איז תורה און קודש קדשים און מען גיבט עולם הבא פיר דעם צו־הערן. גלייב מיר, צוויי־טעגנוויז פלעג איך דיין צער ניט קענען צו־זעהן ווי דו שווימסט און באדעסט זיך אין דעם ים מליצות און קענסט זיך צו אברעג ניט צו שלאגען; איך פלעג ביי זיך אליין פרעגען: למי אתה עמל?

ניט דאס האב איך געמיינט, איך האב געקלערט: מען דארף נור קענען פערדייטשען וועט דער ענין ממילא פערשטענדיג זיין, איצט זעה איך אז לשון־הקודש־צייטונגען זענען נור געשריעבען פיר לשון־הקודש־מענשען, פיר מיר אבער, פיר מיין ווייב און קינדער וואלט גוט זיין ווען עס זאל זיין אזוי א מין צייטונג, וואס רעדט פונקט אזוי ווי מיר ריידען, און שרייבט אהן מליצה, צי מיט ברילען צי אהן ברילען זאלל איך אליין לעזען קענען אדער לעזען הערן ווי מען לעזט מיר פאר א בריעף פון א קלוגען שרייבער, וועלכען איך פערשטעה און הער מיט פערגניגען! וואס מיינע אויגען זעהן איז מיר קלעהרער, און איך פערשטעה בעסער ווי יענער מאהלט עס מיר אויס מיט ווערטער. בכן איז מיין רצון, איז ערגעץ דא אזוי א מין צייטונג וואס שרייבט אין פראסט עברי־דייטש, אדער חאטש א פירוש אויף עברי־דייטש, וועל איך ניט זאלוועוען צו בעצאהלען דריי מאהל זעקס רובעל און אזוי א צייטונג אויס־צו־שרייבען. טאמער איז אזוינס ניטא, טא זיי אזוי גוט און שרייב אהן אבריוועל צום צייטונג־שרייבער, ער זאלל אונז פשוטע יודען אויך אין זינען האבען און דרוקען בלאטער אין עברי־דייטש: איך בין איהם ערב אז ביי אונז אין שטאדט אלליין וועלען זיך געפינען הונדערטער בעלי בתים, וועלכע עס וועלען קויפען די בלאטער מיט פערגניגען, און דער צייטונג־שרייבער וועט אן אונז גוט פערדינען!

ווי אפפענהערציג און קלוג האבען מיר דיעזע ווערטער אויסגעוויזען דאמאלס און

רעכט און פראקטיש ערשיינען ז׳ מיר נאך עד היום! איך האב אנגעהייבען זיך ערקונדיגען ביי בעקא. ט״ו און עלטערע משכילים, צי איז דא ערגעץ אין דער וועלט א צייטונג, וואס זאלל געשריבען זיין אויף עברי־דייטש, דאנן ערסט האב איך ערפאהרן, אז עס איז אמאל אזא צייטונג געוועזען, מיט דעם נאמען „קול מבשר״. אבער גראדע ניט לאנג האט די צייטונג אויפגעהערט צו ערשיינען,

דער עהרענסווירדיגע ר׳ שמחה ז״ל האט מיר מיין פערגניגען דענענאך ניט געוואלט רויבען, און מיר די זעקס רובעל אויף דעם המגיד געגעבען, אבער מיט דער בעדינגונג: ניט איהם און ניט זיין ווייב און קינד מעהר דעם קאפ ניט צו פערדרייען מיט די פערטייטשענעס.

א, ווי שווער און ביטטער וואר מיר צו יענע יאהרן דיזע בעדינגונג: מקבל זיין פון יעמאנדען אזוי פיעל גוטס א״כ גליק און איהם פון דעם גוטס און גליק דאס מינדעסטע ניט קענען איינ־טהיילען! צו איידעל וואר מיין הערץ, צו ריין וואר מיין געוויססען דאמאלס דאס צו ערטראגען, און האב דאריבער פיעל נאכגעדאכט אפלאן צו געפינען מיין פערגניגען מיט מיינע בעגליקער טהיילען צו קענען. אז מען זוכט געפינט מען, זאגט די וועלט, וראה זה מצאתי:

מיטוואך פלעגט דער בריפטראגער די צייטונג בריינגען און מיר זעלבסט אין האנד דערלאנגען, ווי ר׳ שמחה ז״ל האט איהם, געוויס ניט אהן א בעזאנדערע כונה, אנגעזאגט. ביז נאכט פלעג איך עס איבער לעזען עטליכע מאל און אריין נעמען גוט אין זינען אללע ענינים און אינטערעסאנטע מאמרים וואס פלעגען פארקאמען אין זיי: אין דער נאכט און אויף מארגען דאנערסטאג ביי נאכט פלעג איך די בלעטער איבער שרייבען אין עברי־טייטש, דבר דבור על אפניו, ממתיק זיין מאנכע ענינים מיט אייגענע ערקלערונגען, מסביר זיין יעדע זאך מיט אלייכטע און קלארע שפראכע, וואס יעדער וואר אים שטאנדע צו פערשטייהן. נון האט ווער עס איז פון אונזערע היינטיגע שטאלצע העברייער בעדארפט צו זעהן דאמאלס מיין גליק און טריאומף, וואס איך האב בעקומען, יעדעס מאל ווידער פרייטאג צו נאכט ביי מיינע פארלעזונגען, מיט וואס פאר א אויפמערקזאמקייט און פערגניגען פלעגט מען זיצען און הערן ווי איך לעזע און וואס איך לעזע!

ביתו של ר׳ שמחה ז״ל היה כביתו של אברהם אבינו עליו השלום. אפפען פיר אלע שכנים ארום און פיר יעדען, און עס פלעגען זיך אנקלייבען די ארומיגע שכנים יונג און אלט הערן די נייעס וואס מען שרייבט אין די גאזעטען, אזוי ווי מען געהט הערן א מגיד א בעריהמטען וואס דרש׳נט גאר א הפלא. דאס בלאט פלעגט נאך שבת איבער־געשריבען ווערן אין מעהרערע קאפיעס און פיעלע פלעגען עס לעזען די גאנצע וואך. אין איין יאהר צייט האבען מיינע אפטע און נאהענטעסטע צו־הערער איין אנדער פנים בעקאמען, זייערע בעגריפע האבען זיך אויס־געבעסערט, זייער לוסט צו וויסען וועלטליכע נייאיגקייטען האט זיך ענטוויקעלט, אללע האבען שאן געוואוסט וואס פאליטיק איז און וואו זי האלט אין דער צייט, זיך גוט בעקאנט מיט ביסמארקען, און זיך געפרייט מיט דעם וואס לאסקער איז א יוד און איז מנצח מיט כבוד אללע זיינע געגנער אין דעם דייטשעשען רייכסטאג, זיך געפריידט מיט יעדען ארבעט און עהרען־אויסצייכנונג פון יודישע גרויסע לייט אין פערשיעדענע לאנדער, און אזוי האט זיך ביי זיי א פאטריאטיזם געוויזעט צו זייער נאציאן און יודעשקייט, וואס

פריהער האבען זיי גאר פון דעם ניט געוואוסט. זעלבסט די שפראכע אין דעם הויז האט זיך אויס־געבעסערט, אונ זיי האבען מיט מענשען געקענט ריידען פיין אונ אנשטענדיג. איך נאר גליקליך פון דעם רעזולטאט, אונ רבי שמחה ז״ל מיט מיינע איבעריגע צו־הערער וואַרען העכסט צו־פרידען. נור איין יאהר האט דאס גליק אונ די צו־פרידענהייט געדויערט, יעדער מענש האט זיין שיקזאל, אונ ווא זיין שיקזאל טרייבט איהם, דארט אהין געהט די גוטע זאכע זיינע מיט איהם מיט, אונ זיין פארהאבען געהט אפט צו גרונד געגען זיין. אייגענעם ווילען.

דאס גליק האט זיך געענדיגט אונ ערגערע צייטען זענען אונטערגעקאמען, מיר דעם קאפ מיט דאגת פרנסה פערדרייט, אונ איך האב געמוזט מיין געליעבטע פעדער אוועק לייגען אונ נעמען וואס אנדערש אין האנד אריין הער־מיט מיין ברויט צו פערדינען, פון דעסטוועגען האב איך נאך אין יענע צייטען ניט פערגעססען, אונ איך האב נאך עד היום די תורה וואס איז מיר פון דאמאלס געבליעבען, היינו:

וויקען אויף דעם המון, ער זאלל הערן אונ טהון וואס מען רעדט צו איהם, קענן מען אם בעסטען נור מיט דער איינפאכען יודישען שפראכע, ווארום דער המון לאזט זיך בעלעהרן אונ וויל זיך לאזען פיהרען אין רעכטע וועגען, ווענן זיינע פיהרער זאללן נור עהרליך אונ אונפארטייאיש זיין, ווענן זיינע פארשרייבער זאללן בעגאבטע אונ וויססענדע מענשען זיין, דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, דאס איז א כלל גדול: עס דארף אבער מלב אל לב קיין שום מסך מבדיל, קיין שום מחיצה אונ קיין חציצה זיין, קיין טאלמאטש אונ קיין פערדייטשענים, ווארום די בעסטע העתקה איז נאך אויך גענוג ווייט פון דעם אריגינאל!...

דאס וואס איך האב דא ערציילט האב איך ריכטיג זעלבסט איבערלעבט, מאג זיך יעדער איינציגער דיעזע בעגעבענהייט אורטהיילען ווי ער פערשטעהט אונ ווי איהם איז בעליעבט. איך האב דורך דעם אללין אנגעהייבען שרייבען איינפאך יודיש. פיר מיינע ארעמע ברידער אונ שוועסטער, האטש באמת לעזע איך זעלבסט פיעל גערנער העברייאיש אלס וואס אנדערס, אונ טראכט אונ דענק זעלבסט אין־אונ־פון העברייאיש פיליייכט מיט מעהר אהבה צו אונזער הייליגער שפראכע אלס פיעלע פון אונזער העברייער וועלכע שרייען כל היום: אז היא ולכל בה חיי רוחם!

איך וואלט וועלין מיין אבהאנדלונג ענדיגען מיט איין אויס־פיהרליכען איבער־בליק איבער מעהרערע ספרים אונ ספורים אין זשארגאן, וואס זענען ביז איצט שאן געדרוקט אונ אויף וועלכע דער עולם פערבריינגט געלד אונ צייט גענוג זיי דורך צו לעזען. איך וואלט גאר קיין מורא האבען אנ־צו־ריהרן דעם אומזיסטען כבוד וואס מאנכע ניט־בעגאבטע אונ ניט־עהרליכע שרייבער האבען זיך פון זייערע ספרים גענומען, האטש איך בין אלליין א יודישער פאלקס־שרייבער אונ קענן זיכער ערווארטען פון זייער זייטע טויזענדפאך בעצאהלט צו ווערן מיט דעם זעלבען כבוד וואס איך וויל זיי איינטהיילען. אויך מיין הערץ אונ מיינע געוויססען וואלט מיך גאר ניט שטראפפען, ווענן דורך מיין איבער־בליק וואללט מאנכען פון זיי אב־גענומען ווערן זייערע פערדיענסטע וואס זיי האבען פון זייער שרייבען, האטש איך פערגינע גערן יעדען זיין לעבען אונ זיין גליק. אין אזוי א ענין אבער מוז מען שטענדיג אין

ינען האבען דעם אלטען משל :

בעת מען האט אנגעהייבען די אייזען-באהנען צו בויען, האבען די חברה "צער בעלי החיים" שטארק פראטעסטירט געגען דעם פראיעקט, "די אייזענבאהנען—האבען זיי געשריען—וועלען אב-נעמען פרנסה ביי די בעלי-העגלה, און ביי טויזענדער וועלכע עס לעבען פון טראנספארט, און ווען די בעלי-העגלה און טראנספארטירער, אלס מענשען, וועלען געפיי-נען קענען א אנדער מקור פרנסה, אז זיי וועלען זוכען, וואס וועלען אבער טהון די ארעמע פערד, וואס וועלען דאנן גאר איבריג זיין אין מענשליכען לעבען? ווער וועט זיי געבען זייער היי און האבער, זיי זאללען פון הונגער ניט אויס-פאללען? וועט דאס ניט זיין א אכזריות פון דער מענשהייט אזוי קיין צער בעלי חיים ניט האבען און אויס-בויען אייזענ-באהנען, וואס זאללען דאס לעבען רויבען ביי אזוי פיעל אונשולדיגע טהירע?" די מענשליכע קלוג-הייט און דער יושר פון דער וועלט האט זיך פון דעסטוועגען ניט אב-געשטעלט פון זיין פראיעקט איבער דער טענה אויף איין מינוט אויך ניט, מען האט געענטפערט: זאלל דענן איבער דעם אלליין וואס מאנכע פערד וועלען ניט האבען וואס צו עסען, די וועלט און די מענשהייט זיך אייביג פייניגען לאזען פון בעלי העגלה, און קיינמאלל איהרע נייע ערפינדונגען ניט ארויס ברייגען מכח אל הפועל?

זאלל דענן דער המון שטענדיג אזוי אויסגענארט און בעטראגען זיין איבער דעם וואס מאנכע שרייבערלעך פערד האבען ברויט און פרנסה דער-פון? דער גרעסטער כבוד פאר זיי איז אז איך גלייך זיי צו פערד, ריכטיגער האט מען זיי געקענט גלייכען צו וואנצען און פאראזיטען, און פרעגען: זאללען מיר זיך דענן אייביג פון זיי אין אונזערע בעטען און צימערן דאס בלוט זייגען לאזען, און זיי ניט אויס ראטען, אדער פערטרייבען, ווייל אונזער בלוט איז זייער ברויט, און עס איז א צער בעלי-החיים אוועק צו נעמען ברויט פון יעדער לעבענדע בעשעפענעס?— איך גלייך זיי דעננאך ניט צו פאראזיטען חאטש זיי ברייגען ניט די נוטצען פון פערד, ווייל זיי זענען פארט מענשען, און על פת לחם יפשע גבר, פון דעסטוועגען טאר מען זיי אייביג אין זייערע פשעים ניט לאזען און מען מאג געוויס-סענהאפט ראטהען דעם אנדערן זיי זיין געלד ניט צו געבען, און מען מאג זיכער זאגען, אז מען וועט זיי דאס ברויט אבנעמען וועלען זיי מוזען זוכען און געפינען א עהרליכען שטיקעל ברויט, פאר דעם האב איך כשאני לעצמי גאר קיין מורא, נור איך טהו דאס פארט ניט איבער אגאנץ אנדער סבה,

אונזער יודיש—דייטש האט פונקט דעם פערקעהרטען מזל פון דער שפה העבריה, ווערענד לשון הקודש שרייבט מען און מען איז מכוון עס זאללען די ספרים און מאמרים לעזען נור העברייער, נור אויך אזעלכע שרייבער און משכילים ווי דער בעל מחבר זעלבסט, איז יודיש—דייטש אקוראט דער הפך, קיין שרייבער קלערט גאר ניט צו אזוי צו אנדערים, אז איהם ערוואר‏ט א כבוד אדער א חרפה פון ערגעץ א צווייטען שרייבער וועלכער עס וועט איהם אין זיין ספר קריטיקירן, און באמת לעזט דער שרייבער פון יודיש—לשון ווייניגער אין דער שפרא-כע ווי אללע אנדערע, און איך אלליין בין אין דעם הינזיכט ביז איצט ניט בעסער געוועזן אלס איין אנדערער, על כן פעהלען מיר פשוט די ידיעות צו וויסען אקוראט, וועלכע גוטע ספרים זיינען אין די לעצטע עטליכע יאהר ארויס אין דער שפראכע, וואס זיינען ראוי

אונ ווערט צו לעזען אונ קריטיקירן, די אללע וועלכע איך בעגעגען טאג טעגליך ביי פערשידענע פאקעטן־טרעגער. וויפיעל איך האב פון זיי געליעגט, האב איך איינגעזעהן אז זיי זיינען אונטער דעם ווערטה פון קריטיק, אונ די איינינע גוטע וואס איך האב געלעזען בשום לב, זיינען שוין דעם עולם מבינים גוט בעקאנט אונ ליב אנגענומען, ווייל זיי שטאמען ווירקליך פון מענשען בעגאבטע אונ עהרליכע אונ אוטאריטעטן גרעסערע אלס איך. דערמאנען זייער נאמען צום גוטען, אונ זיי מיין דאנק אייסערן, דאסס זיי שעמען זיך ניט מיט דעם יודיש לשון ווי אנדערע, מוז איך היר. אונ די לעזער וועלן מיר ענטשולדיגען אז איך מיסכבדוויכע פילל׳ייכט זייער געדולד צו פיעל:

דער ערשטער יודיש—דייטשער מחבר, וועלכער עס האט מעהר געשריבען אונ מעהר נוטצ׳ען געבראכט דעם יודישען המון, וואס פערשטעהט קיין העברייעש, איז געווים החכם ר׳ אייזיק מאיר דיק נ״י. ער האט דעם לשון אויפגעהייבען משפלותו. אונ מיט ערענסט אונ ריין געוויססען, אונ ער מאג זיך פרייהען מיט דעם רעזולטאט וועלכען ער זעהט זעלבסט בחייו אין זיין אייגענער שטאדט ווילנא, אזוי גוט ווי עס זעהן איהם אללע מביני דבר אין פיעל שטעדט אין נאהענטע אונ ווייטע גובערנעס. ווי גוט מען זאלל איהם ניט נאך־אהמען, אדער ארגינאל שרייבען, בלייבט ער שטענדיג דער ערשטער אין דער יודיש—דייטשער ליטעראטור אונ יעדער וועלכער עס האט געלעזען זיינע ווערקע אונ וויים פיעל וועניג דעם רושם וואס זיי האבען אין זייער צייט אין יודישען לעבען געמאכט, פערגינט איהם דעם כבוד גערן, דענן ער אלליין האט איהם פערדינט אונ איהם קומט ער!

אזוי גרוים ווי החי דיק אין ערענסט אונ זיטטענלעהרע, אזוי גרוים ווער אין קונסט אונ טאלענט החי אקסענפעלד, ווער עס האט געלעזען זיינע טהעאטער־שטיקע, „דער קבצן עושר שפיל״ אדער „די געגארטע וועלט״, יענער אויב ער איז נור אמבין זעהט דעם מייסטער אין זיינע ריכטיגע לעבעדיגע טיפען, אונ ווי איינגעהאלטען אונ אביעקטיווא ער האט זיי געשריבען, מיר איז זיין לעבענס־געשיכטע וועניג בעקאנט. איך וויים נור, דאסס עס איז ניט וועניגער יעדענפאללס אלס עטליכע אונ פינפציג יאהר זייט ער האט זיי פערפאססט, אין יענער צייט איז ווירקליך געוועזען איינע בליהענדע אונ געדייהענדע צייט פיר אונזער יודיש לשון, דאנן האבען מענשען געבילדעטע, פון העכערן שטאנד זיך בעגעבען מיט דעם, אונ אגאנצע רייהע פון טהעאטער־שטיקע זיינען פערפאסט געווארן, חאטש פון יודישע פארשטעלונגען אפענטליך האט נאך גאר קיינעם געטרוימט, צו יענער צייט אדער ניט פיעל נאכהער זיינען פערפאסט געווארן די בעקאנטע קאמעדיען „סערקעלע״ פון ד״ר ש. עטינגער „חיים עלי׳ קצין״, „רחל־ע דיא זאנגערין״ אונ נאך מעהרערע וועלכע עס זיינען איצט ניט בנמצא, אבער מען געדיינקט זיי נאך, אונ ווער עס האט זיי געלעזען וויים זייערע וויכטיגע אונ צו זייער צייט פיעל בעוואוסטע אונ געעהרטע מחברים, וועלכע זייא האבען זיך דאמאלס בעריהמט אונ בעקאנט געמאכט מיט זייער חכמה אונ דעת אין אנדערע ענינים גדולים, אונ האבען זיך פון דעסטוועגען מיט דעם יודיש לשון ניט געשעמט, אונ געשריבען מיט טאלענט, מיט ערענסט אונ ארצון אהייליגען זעלבסט זייערע חבורים אין יודיש—דייטש,

אויך דער בעריהמטע יודישער געלעהרטער, החכם צווייפעל נ״י אונ דער געליבטע משורר אונ העברייעשער סטיליסט ה׳ גאטלאבער, האבען זיך זעהר אפט פון זייער געלעהר־

זאמקייט אין הויכען ארט אין דער העברייעשער ליטעראטור אראפגעלאזען אויך צום פאלק, זייערע לידערך תוכחת חיים און מוסר געזונגען, פיליכט ווייענדיגערהייט אין דיא אויערן פון זייערע ארעמע פערחושך׳טע ברידער, זיי געטרייסט, ווי עס טרייסט אפאטער זיין קינד, אין זיין שפראכע, אין דעם בעגריף וואס ער פערשטעהט. קיין רעכטען שרייבער איז מיט דרייסיג פערציג יאהר צוריק ניט איינגעפאלען ברעה, צו שעמען זיך מיט יודיש-דייטש, אויך הערר ש״י אבראמאוויץ נ״י האט זיין כח און טאלענט בעוויזען אין זיין יודיש-דייטשען חבור „די טאקסע“, און הערר אבראמאוויטש וועט קיין פאראיבעל האבען, אז איך ערלויב זיך אפפען צו זאגען, אז קיין חבור זיינער און מעהרערע חבורים פון אנדערע העברייעשע מחברים, האבען אין איינעם אזוי פיעל ניט געווירקט אויף דעם המון קוראים פון אללע קלאססען מענשען, ווי עס האט געווירקט „די טאקסע“ זיינע בשעתה און נאך עד היום הזה, אויף אללע לעזער. דאריבער בלייבט „די טאקסע“ אלליין דאס בעסטע ווערק וואס האט ביז איצט ערשיינט פון זיין פעדער, און מען מאג עס אנרופפען איין קלאססישעס ווערק. ה׳ אבראמאוויטש האט נאך פיעל מאל זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע יודיש-דייטשע ווערקע, און ווער ווייס ניט די קלאטשע און זיין „יודעל“? אבער זאלל מיר ה׳ אבראמאוויטש מוחל זיין, אז איך וועל דעם אמת אפפען זאגען: אז די ביידע ספרים האבען זיין צוועק ניט ערדייכט, אויב זיין צוועק איז ווירקליך געוועזען בעקאנט צו מאכען דעם יודען מיט זיינע איצטיגע צרות און צוררים, ווי מען קענן מיינען לייענענדיג די קלאטשע, אדער איהם צו בעווייזען און ערציילען מיט טהרערן אין די אויגען זיין היסטארישע מארטירער-געשיכטע, און איהם דעם מוטה געבען ווייטער צו דולדען און ווייטער צו ליידען פיר זיין היילינער אמונה, ווי יעדער פערשטאנדיגע לעזער קענן פון דעם „יודעל“ ארויס-זעהן, אויב דאס איז געוועזן זיין צוועק, האט ה׳ אבראמאוויטש במחילת כבודו געארבייטעט אומזאנסט, ווענן דאס פאלק איז נאך אין זיין בילדונג צו דער ענטוויקלונג ניט געקומען אום עס צו פערשטייהען און וואס דערפון צו לערנען. אויב די ביידע ספרים, דיא קלאטשע און „יודעל“ האבען זיך אבעריהמטען נאמען געמאכט, איז דער נאמען ניט פון דעם המון אבער נור פון זיינע חברים, די משכילים און מחברים אין לשון-הקודש, דאס פאלק קויפט זיי ניט און לעזט ניט, און זעלבסט ווענן מען לעזט איהם פאר, פערשטעהט איינער פון טויזענד וואס דארין האנדעלט זיך, און איך גלייב ניט אויב ה׳ אבראמאוויטש איז געוועזן אזוי פערנארט צו גלייבען, דאנן ווענן ער האט די ספרים געשריבען, אז ער שרייבט עס פאר דעם המון און דער המון וועט זיי פערשטעהן. בלייבט מיר אלזא די פראגע: פיר וועמען האט ער די קלאטשע און יודעל געשריבען און זשארגאן? איבער-הויפט בעמערק איך לפי ראות עיני ורגש לבבי, אז ה׳ אבראמאוויטש האט אויפגעהערט באלד נאך זיין ערשטען טריאומף פון דער טאקסע, ערענסט צו זיין אין זיין שרייבען יודיש-דייטש און ערענסט צו דייניקען פון דעם לשון זעלבסט, אין אללע זיינע לעצטע ווערקע, איז דער הומאר און סאטירע צו פיעל און צו דיק איינגעוויקעלט אין איינפאכע און אפט ניט נייטהיגע און ניט גאר וויציגע ליצנות, וועלכע עס פערשטעלן דעם טראפפען מוסר און דעת, און ווענן איך לעזע זיינע לעצטע יודיש-דייטשע ווערקע, ווי למשל, מסעות בנימין השלישי, בעקאם איך אנגעפיהל, ווי דער מחבר שפילט זיך און מאכט קונסט געבערעכע, און שפאט און לאכט, און טאנצט אויף אשטריק פיר זיינע חברים און מחברים זעלבסט, און בעקימערט זיך ווייניג אום דעם פאלק וואס נוטצען צו ברענגען.

זעלבסט אין דער שפראכע אונ אויסדריקע פון דעם יודיש-לשון, ווייס איך ניט ווי זיך אז ערקלערן די ארט אונ ווייזע ווי ער געברויכט איהם. איך גלייב ניט ער זאלל אזוי פעדאנטיש זיין אונ האלטען דעם לשון אלס איינע געשטעלטע שפראכע, וואס יעדעס ווארט האט איהר שרש אונ מקור אין דער שפראכע זעלבסט, אונ ער איז פיר די שרשים אונ מקורים אזוי פיעל איינגענומען, אז אלץ וואס ער געפינט ניט אין זיי איז ניט הייליג אונ ניט גוט צו געברויכען, אונ שרייבט דאריבער ריין יודיש, ווי מאנכער העברייער א פעדאנט שרייבט אונ וויל אז אנדערע זאללן אויך שרייבען נור ריין ביבליש. אדער ער איז לכתחילה דעם זשארגאן א פיינד, אונ וויל איהם אונטערגראבען בכדי ארויס צו שטעלן זיין פראקטקייט אונ פערדארבענהייט, ער זאל זיך שעמען פאר לייטען.

איך ערלויבע זיך איהם דיזע פארווירפע צו מאכען, ווייל איך אכטע זיין טאלענט אונ וויסען מעהר, אונצאהליג מאל מעהר, אלס יעדען אנדערן היינט-מאדישען זשארגאנישען מחבר. פיללייכט וועט ער אלס זעלד-קענער אויך ערקענען דאס געפיהל וואס זיינע לעצטע ווערקע האבען געמאכט אין הערצען פון דעם וואס מיינט ערענסט מיט זיין יודיש שרייבען, דעם פאלק וואס שאנעס אונ נוטציגעס צו געבען, אונ אז איך בין יעטצט אין דעם ענין ארויס פון מיין גדר, ניט צו בעריהרן חלילה יעמאנדען איבער זיין שלעכטעס שרייבען, אונ בעריהרע דענאך פיללייכט, אדער ווי אנדערע קענען מיט אטעות מיינען, הערן אבראמאוויטש, טהוע איך דאס ווייל ער איז דער גרעסטע אונ בעסטע זשארגאניסט. ער איז דער ארי שבחבורה ומי גדול לנו ממנו? דאריבער איז רעכט מיט איהם מדקדק צו זיין כחוט השערה אונ בפרט אזעלכע פעהלער וואס זיינען כעבות העגלה ביי דעם וואס קוקט בעין יפה אויף דעם לשון אונ אויף די ספרים וואס סופרים מהוגנים שרייבען. איך האפפע ה' אבראמאוויטש וועט מיך ניט שלעכט פערשטעהן.

אויסער ספורים, דראממען, קאמעדיען אונ מוסר ספרים אין עברי-דייטש, האבען מיר פון פערשידענע טאלענטפאללע מענשען פיעל שירים, פאעמען אונ לידער אין אונזער פאלקס-שפראכע, אונ ווען די בעריהמטעסטע איראפייעשע ליטעראטורן ריהמען זיך אונ זענען שטאלץ אויף זייערע פאלקס-דיכטער, קענן אונזער לשון זיך פיעל מעהר ריהמען מיט אונזערע פאלקס-דיכטער, חאטש מיר זענען ניט שטאלץ צו זאגען, אז אונזער יודיש-דייטשע ליטעראטור שטעהט זא הויך, ווי אירגענד איינע אנדערע, אבער אונזערע פאלקס לידער, מאגען מיר אויפריכטיג זאגען אז זיי שטייהען הויך גענוג, אונ זיי וואלטען נאך העכער זיין אונ קלינגען אין דער וועלט, ווען יודישע שרייבער וואלטען ניט צו טהיילט זיין אין צוויי הויפטקלאססען, אין העברייעשע אונ זשארגאנישע, אונ אין נעבען קלאססען אין יעדער לאנד, וואס אללע אין איינעם שטרייטען שטענדיג מיט אייגאנדער, אונ מאכען אללע אפט צו זאממען דאס יודיש-דייטש אונ זיינע גוטע שרייבער צו קיין געלד. —

ביי אזא פינסטערע לאגע פון דער שפראכע, וואו אונזערע מבינים זענען פון פער-שידענע אורזאכען ניט אומפארטהייאיש צו זאגען די מעלה יתירה פון אונזערע פאלקס-לידער, אדער זיי שווייגען גאר אונ ווילן ניט דערמאנען אונזער לשון בכלל אונ זיינע שרייבער בפרט, ביי אזא לאגע רופען מיר דעם המון. זעלבסט די לעזער, וואס פיר זיי זענען די ספרים געשריבען, אונ מיר הערן זיך צו מה בפיו — וואס זאגט דער המון אויף

די לידער פון אונזער בעריהמטעסטען און בעגאבטעסטען יודישען פאלקס־דיכטער ה׳ אברהם גאלדענפאדען! איז דא אקינד, איין אלטער יוד, אבייבע יודישע דאמע ביז אדינסט מיידעל ערגעץ אין א קיך, א סטודענט אין אוניווערזיטעט ביז אחסיד ביים רבין — צו איז דא יעמאנד אין רוססלאנד רומיניען גאליציען און לעצטערע צייט אויך אין פאריז און לאנדאן, ווי אויך אין אמעריקא און אויסטראליען, וועלכער עס האט זיך אין א יודיש הויז ערצאגען און האט אמאל אויף יודיש גערעדט, וואס האט זעלבסט ניט געזונגען אדער ניט געהערט זינגענדיג גאלדענפאדענס פאלקס־לידעלעך? וואס האט זיך ניט ערקוויקט אמאל מיט זיינע ריפמען, ניט געפיהלט בעת מעשה א ליבע צו זיין פאלק, ניט מיט געקרעכצט מיט זיין קרעכץ און זיך ניט געפרייט מיט זיין טרייסט? וויפיעל מוטטערס פערוויגען זייערע וויינענדע קינדער אט מיט די גאלדענע לידעלעך. און וויפיעל בעטריבטע הערצער ערהייטערן זיי אויף טויזענדער מיילען ווייט ווא יודען זענען צו זעהט און צו שפרייט! געוויס וויסען טויזענדער ניט וועמענס לידער זיי זינגען אדער זיי הערן זינגענדיג, אבער זיי וויסען גאנץ גוט דעם אינהאלט פון זיי, און נעהמען דאס צו לרצון און זיי ווערן זיי אייגען, ווארום דער מחבר זייערער, דער פאלקס־דיכטער אין וועמענס געפיהל פאללען הערצען זיי זענען צום ערשטען מאל געבארן געווארן, דורך איינע נאטירליכע בעגייסטערונג, האט זיי אויף דאס פאפיער געשריבען ניט פאר זיך נור פיר זיין פאלק, פיר זיינע ברידער און שוועסטער וועלכע ער ליבט ווי דאס לעבען און אפפערט זיין מיה פיר זיי.

מיין כונה אין דער אבהאנדלונג איז ניט אויף איינצעלנע מחברים אדער חבורים זיך אבצושטעלן און אויספיהרליכע רעצענזיאן צו מאכען וואו דיזע האבען געפעהלט אדער זיך אויסגעצייכענט, נור צו דערוויזען, אז יודיש־דייטש האט אויך שרייבער און ספרים וואס האבען זיך אגוטען און אגעעהרטען נאמען געמאכט צווישען זייערע יודישע לעזער, וועלכע עס האבען שטענדיג געוואוסט אויס צו צייכענען זייערע אויסערוויהלטע מענשען וואס האבען פאר זייער גייסטיגע ענטוויקלונג געזארגט. דיזע אויסגעצייכענטע צו דערמאנען און זיי אין דעם נאמען פון פיעלן צו דאנקען פאר זייער גוטס־טהון מיט זייער טאלענט, האלט איך פאר א חוב, און דאס טהוע איך גערן.

נאך איידער די וועלט האט גאלדפאדענס לידער געקענט זענען שאן בעקאנט און מיט ליבע אנגענומען געווארן די לידער פון אונזער עלטעסטען און עהרליכסטען גאלדם דיכטער החכם הישיש ה׳ מיכל גארדאן נ״י, און ווער האט נאך היינט פערגעסן זיינע ליבע און קלוגע לידער וואס זיי זענען שאן אלט איבער פערציג יאהר? ווער ווייס ניט דאס ליד „דער יוד אין גלות“ און ווער האט עס ניט געזונגען אדער ווענינגסטען ניט געהערט עס זינגענדיג אין א יודיש הויז? אין דעם יאהר 1872 בין איך אין בערלין געוועזן און דאס גליק געהאט א פריינדליך איינגאנג צו האבען ביי דעם וועלט־בעריהמטען געלעהרטען אברהם גייגער ז״ל. אין פרייע שטונדען האט ער מיט מיר גערעדט פון פערשידענע יודישע מחברים און געלעהרטע אין רוססלאנד. איינמאל האט ער מיך אפרעג געטהון צו איך קען דאס זשארגאנישע לידעל „דער יוד אין גלות“? צו מיין פרייד און גליק האב איך דאס לידעל געקענט, ווארום איך האב עס פון מיינע עלטערע שוועסטער זינגענדיג אפט געהערט, און איך האב איהם דאס ליד פארגעטראגען, דער געלעהרטער וואר דערמיט אזוי צופרידען, אזוי פערגניגט, דאסס ער האט מיך געבעטען איך זאלל עס אויפשרייבען, וואס איך

האב מיט פערגניגען נאטירליך באלד געטהון. אין אפאר טעג ארום אז איך בין ווידער ביי איהם געוועזן, האט ער מיך בעגעגנעט מיט דער שטראפע פון דעם זעלבען לידעל: „זיי זאגען זיי וועלן איהם לעשען דאס פייער, ער זאלל נור זאגען דער איינם איז" וכו'... „דיזע שטראפע מאג יעדער יוד אין זינגען האבען, האט דער בערידמטער רעפארמאטאר געזאגט, בשעת ער זאגט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד!". ער האט מיך אויך געפרעגט אויב איך קאננע דעם פראמען דיכטער פערזאנליך, און אז איך האב איהם ערציילט, דאסס איך האב אלס קינד זיינע ליבע געפונען און ער האט מיך אויף זיינע הענד געטראגען אונד מיינע עלטערן האבען מיט איהם אין איין הויז אונטער איין דאך געוואהנט, ווי מיר האט נאכהער מיינע מוטטער ערציילט — בין איך זעלבסט אין דעם געלעהרטען פראפפעסארס אויגען טהייערער געווארן, און ער האט מיין האנד פריינדליך געדריקט. החכם גייגער ז"ל איז אדייטשער יוד און א יודישער געלעהרטער געוועזן, דיזע ביידע אייגענשאפטען זענען קיינמאל אונזער פערדארבענעם לשון קיינע גוטע פריינד געוועזן, און דענגאך האט המשורר מיכל גארדאן איינע טיפע איננערליכע אכטונג געפונען ביי איהם אין הערצען און נור דורך זיין יודיש לידעל „דער יוד אין גלות"!...

ביי אונז אין רוססלאנד ווייסען אונזערע ברידער נאך ניט ווי אפאלקס-דיכטער צו פערעהרן, און פון דעסטוועגען איז מיר א וואונדער, ווי פערגעסט מען עס אזוי פיעל דעם זעלבען און מען האט ביז איצט כמעט איינמאל איהם און זיינע לידער און ווירקען אין דעם יודישען עולם אפפענטליך ניט דערמאנט? אללע ווייסען זיינע לידער, אללע זינגען נאך עד היום „דאס ליד פון דער שטיפמוטטער", „דאס ליד פון דער משקה", „דאס ליד פון דער חברה בארשטש" „דאס ליד פון די צבוע'קעס" אויך פון „דער בארד", זיין איראניש סאטירע-ליד פון דעם „ודוי" און נאך אזעלכע וואס זענען דעם פאלקס אייגענס געווארן. אויך האט דער זעלבע משורר צום ערשטען מאל דאס ליד: „שטעה אויף מיין פאלק" געזונגען, און נאך איהם האבען דיזע ווארטער אללע אנדערע משוררים צו גענומען און זייערע ריפמען געמאכט יעדער אויף זיין ארט. החו' מיכל גארדאן האט זיך ניט נור אויסגעציייכענט מיט פאלקס-לידער, אבער אויך ערנסטע לעהרע-ספרים האט ער אין דעם יודיש-דייטש געשריבען. און זיין בוך „די רוססישע געשיכטע" (היסטאריע) האט טויזענדער ברידער און שוועסטער אונזערע בעקאנט געמאכט מיט דער היסטאריע פון דעם פאלק אין לאנד אין וועלכען מיר זענען געבארן און לעבען, נאך פיעל פריהער איידער אונזערע העברייאישע שרייבער האבען אנגעהייבען וועגען דעם צו טראכטען. איבריגענס דארף דיזע אונדאנקבארקייט פון אונזערע קריטיקער אין סופרים, אונזער ליבען פאלקס-דיכטער החו' מיכל גארדאן, ניט באנג טהון. עס איז שאן לאנג בעוואוסט אז די וועלט פרייהט זיך און בעקענט זיך גיכער מיט דער קונסט אלס מיט דעם קינסטלער, און יעדער קינסטלער ווינשט זיך דערפאר, אז זיינע קונסט-ארבייט זאלל מעהר כבוד און פרסום האבען אלס ער זעלבסט. און ווי אונזערע חכמים ערציילען, האט זעלבסט דער אללער-העכסטער און גרעסטער קינסטלער, גאטט אליין, זיך אויסגעשפראכען: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו".

החכם גארדאן ווייס זעלבסט אז פיעל פון די וואס זענען היינט סופרים און מבקרים געווארן צו אורטהיילען אפפענטליך יעדען מחבר מעהר ווי זיין חבור, זענען נאך יונגע

לייט וואס ליעבען פרישען יונגען וויין מעהר ווי גוטען אלטען וויין, פיעל זענען אויף זיינע לידעלעך אויסגעהאדעוועט געווארן, אונזער ליטעראטור איז ניט לאנג ערשט בעניעט געווארן אונ איהר יונגסטע צווייג איז קריטיק, וועלבע עס לאזט זיך נאך ביי גען וואהין דער ווינד בלאזט... זאלל זי עלטער ווערן, זאללן אונזערע מבינים געזעטצטער ווערן, אונ מען וועט זיך מיט ליעבע אונ אכטונג אומקעהרן צו די וואס שיינען יעטצט פערגעססען צו זיין!...

אויך המשורר הנפלא ה' אליקום צונזער פערדיענט פאר זיינע לעטצטע שירים, „די סאבע“ אונ „שיבת ציון“ זיין ארט בכבוד צווישען אונזערע פאלקס־דיכטער. עס איז נור צו פערלאנגען פון איהם וואס אייגענארטיגעס צו זינגען, אונ ניט הויכע פאעזי אלס אמגיד אדער אפרעדיגער דעם עולם זיינע לידער פאר־צו־טראגען. די פאלקס־פאעזי געהט נור פון פאלק זעלבסט ארויס, זי בעזינגט זיין אינגערעס לעבען מעהר אלס דאס אייסערע, אונ יעדע געקינסטעלטע ארבייט אין דעם ארט פאעזי פערדארבט איהר ווערטה אונ געשמאק. דער וואס איז אפאלקס־דיכטער פון נאטור, געפינט זיינע געגענשטאנדע צו בעזינגען פאר זיינע אויגען, אונ ברויכט ניט נאכפליהען אחרי הנשר בשמים, ווי מען בעמערקט ליידער אין הערן אליקום'ס פריהערסטע לידער — יעדענפאלס אכטעט דאס פאלק זיין טאלענט אונ זיינע פערפאססונגען.

עס וועט א גרויסע אונרעכט זיין געגען מיינע לעזער ווענן איך זאלל דערמיט אלליין שליסען וועלן דיעזען ארטיקעל אונ ניט בעריהרן חאטש מיט א קורצען איבער־בליק די נייע ספרים פון נייע יודיש־דייטשע שרייבער, וועלכע האבען זייערע ספרים אדער זייערע ספרים האבען זיי בעקענט געמאכט ביי דעם המון קוראים, וואס האבען קיין אייגען געשמאק אונ אורטהייל אויף דאס וואס זיי לעזען, אונ מיין אייגענעם געוויסען וועט מיר ניט פערצייהען ווענן איך וואלט חלילה מיט אבעזונדערע כונה וועלן רויבען דעם כבוד אונ פערדיענסט, וואס מאנכע עלטערע מחברים האבען זיך געמאכט אין דער יודיש־דייטשער ליטעראטור. דאריבער, ווי ווייניג איך בין אויך בערייט געוועזען פערזאגען אונ איינצעלע ספרים צו דערמאנען, מוז איך זיך אביסעל אומקעהרן צוריק: דעם כבוד אב־צו־געבען יענע וואס האבען שוין דעם כבוד לאנג פערדיענט, אונ פון זיי זיך אראפלאזען צו נייע מחברים וואס שטעהן ליידער אויף איין זעהר ניט בכבודן פלאטץ אין יעדער הינזיכט וואס געהער צו קריטיק.

צו די אלטערע בעריהמטע מחברים, וואס יעדער יודיש־דייטשער לעזער דערמאנט ניט זייער נאמען אהן עהרע אונ דאנק, געהער געוויס הערר אלכסנדר צעדערבוים ני׳ דער רעדאקטאר פון דעם המליץ, פון דעם „קול מבשר“ [אמאהל] אונ פון „יודישען פאלקס־בלאט“ [ביז ניט לאנג]. ווער עס געדיינקט דעם „קול מבשר“ אונ זיינע וויכטיגע שרייבער אונ לייטענדע ארטיקלען צו יענער צייט, ווייס ווי גרויס די נוטצען זענען געוועזען אויף טויזענדער לעזער, וואס נור דורך איהם זענען זיי ענטוויקעלט אונ גייסטיג געשפייזט געווארן, צו גוטע איבערצייגונג צו קומען, אונ פון א וועלט אונ גוטע זיטטען אונ ידיעות צו ערפאהרן, וואס אהן דעם קול מבשר האבען זיי קיין אנדער מיטעל אונ מאגליכקייט געהאט דאס צו ערנייכען.

איינע גליקליכע אונ פרוכטבארע פעלד איז דאמאלס דער „קול מבשר“ געוועזען פאר

דעם המון אונ פיר זיינע שרייבער דאס המון־לשון . וואס מען רופט היינט אן מיט דעם נאמען „יודישער זשארגאן“ איז נאך אין אזוי שלעכטען רוף ניט געשטאנען, אונ מען האט זיך מיט איהם נאך ניט געשעמט , ווי מען שעמט זיך מיט איהם היינט . בעריהמטע חכמים , געלעהרטע משכילים אונ די פיינסטע העברייער זעלבסט זענען דאמאלס קארעספאנדענטען אונ מיט־ארבייטער געוועזען אין דעם יודיש־דייטשען „קול מבשר“ : אין איהם האבען געשריעבען ה' גאטטלאבער , ה' צווייפעל , ה' צבי הכהן ראבינאוויטש , ה' ליליענבלום , א געוויססער טאלאנט־פאללער משכיל בערנשטיין אונטער דעם פסעוודאנים „שלשום בר ימנע“ . אויך אונזער געליעבטער פאלקס־דיכטער הערר גאלדפאדען האט זיינע ערשטע פאלקס־לידער אפט דורך דעם „קול מבשר“ דעם פאלק א מתנה געשיקט, אונ ווי גיך אונ ווי גוט האט דאס פאלק דיזע לידער צו גענומען אונ זיי געזונגען אין זאלאנען אונ אין איינגעפאללענע הייזלעך , אויף א שמחה , אין א פריילינגע געזעלשאפט , אונ אין א טרויעריגע שטונדע ערגעץ איינזאם אונ אלליין , אונכוועמה צו פערטרייבען אונ דורך זיי דאס געבייגטע געמיהט צו שטיצען ! ווי בעקענט אונ בעליעבט האט זיך דורך דעם „קול מבשר“ געמאכט דער טאלאנטפאללע סאטירישע שרייבער ה' לינעצקע מיט זיין ביאגראפישע ערצייהלונג „דער פוילישער יונגעל“ , אונ ווי נייטהיג זענען דאמאלס געוועזען בכלל וואס אין דעם „קול מבשר“ איז צו לעזען געוועזען !

אז מען בעטראכט די נוטצען פון יענע ווערקע צו יענער צייט , געפינט מען אויך דא דעם אונטערשייד פון יודיש־דייטש אונ העברייעש , ווערענד לשון־הקודש־לעזער האבען פון דעם לעזען זעלבסט זיך געבילדעט , דאס הייסט : פון לעזען לשון־הקודש־בלעטער זענען זיי געווארן געבילדעטע , האלב אויפגעקלערטע בעלי בתים , משכילים אונ גלאט יונגע לייט וואס האבען פון העברייעש גערעדט אונ געטרוימט , אונ וואס מעהר אלס ניין צעהנטהייל פון זיי זענען ביי דער השכלה געבליעבען, ביי זייער העברייעש , אונ בעווייגען על פי רוב זייערע מיה , זייערע יאהרן אונ זייער השכלה — האט אין דער צייט דאס יודיש־דייטש עלטערע בעלי בתים אונ פשוטע יודען. די אויגען געעפענט זיך ארום צוקוקען אויף פיעל פעהלער אונ אייגענע נאררעשקייטען , אונ האבען ווייניגסטען איינגעזעהן זייערע קינדער אין אבעסערן אופן צו ערציהען . מוטערס האבען מאגליכקייט געפונען צום שכל צו קומען אונ צו ערקענען , אז זייערע קינדער וועלן ברויכען לעבען אין אקליגערע צייט וואס וועט פון זיי אנדערע ידיעות פארדערן , אלס די , וואס זיי , די מוטערס האבען אין זייערע יונגע יאהרן בעקומען . פאטערס אונ מוטערס האבען זיך פון פאראורטהייל בעפרייט אונ מען האט זיך מיה געגעבען מענשען צו ווערן פאר דער וועלט אונ צייט אין וועלכער מען לעבט , אונ קיינער קענן ניט פערלייקענען , אז דער קול מבשר האט צו דער בעוועגונג פיעל מיט־געווירקט , אונ אז איך וואלט ניט מורא האבען אפפען מגלה צו זיין וואס מיר האט דער נסיון געלערנט , וואלט איך זאגען אז דאס יודיש־דייטש האט זיין צוועק עררייכט זיכערער אלס אונזער פיעל שענערער אונ בעסערער לשון הקודש , ווארום לשון הקודש האט זיינע אייגענע אפפער פערלאנגט , אונ פיעל זענען צו איהם פערקויפט געווארן זא צו זאגען : לעבדים עברים , אונ פון איהם זעלטען וועלכע לעבענס־נוטצען געהאט , פריי צו זיין אין דער וועלט , מיט דעם לשון המדינה , צו לערנען ידיעות אונ חכמות וואס זענען מחיה אונ מפרנס די וואס זענען זיך עוסק מיט זיי , דאס אבער

האט לשון הקודש ניט געטהון, חאטש מיר זענען ניט מכחיש, אז פיעל העברייער האבען מעורר געוועזען דערצו, עס האט אבער זעלטען וועמען געהאלפען, אס־מיינסטען האט לשון הקודש אפגעצויגען יונגע לייט און יונגע יודישע בחורים פון דעם ים התלמוד, דעם ים וואס האט קיין ברעג, און קיין גרונד און, און האט זיי אריינגעטריבען אין דעם ים מליצה און השכלה. צו פערזוכען אויף אשפיטץ מעסער פון אללע חכמות, און צו קיין גרונד און ברעג צו קיינע פון זיי ניט צו קומען! און וויפיעל אזעלכע וואס זענען ביי זייערע העברייעש געבליבען, און זענען איצט צווישען הימעל און ערד, ניט צו גאטט ניט צו לייט, ניט צו דער און ניט צו יענער וועלט, געפינען זיך נאך עד היום אין יעדער שטאדט, אין יעדער יודישער קהילה!

יודיש־דייטש אבער האט זאלכע אפפער ניט פערלאנגט, פיר זיך זעלבסט האט דער לשון ניט געערדט און ניט געהאט וואס צו ריידען, דאריבער איז אלץ וואס מען האט אין איהם געשריבען, נור געוועזען אויף צו וועקען, צו ערקלערן און אנצווייזען אוועג, און די וואס האבען געפאלגט דאס וואס זיי האבען געלעזען, זענען צו אבעסערן תכלית געקומען, אלס יענע העברייער. דער „קול מבשר" האט געוויס א גרויסע צאהל לעזער געהאט און האט אגרויסען חלק אין לעבען פון פיעלע וואס זיי זענען דורך זייער לעזען אויפגעוועקט געווארן דאס גליק צו זוכען און צו געפינען, חאטש זעלטען וועט עס וועמען איהם איצט דאס מודה זיין! ווער קענן עס אבער אבלייקענען, אז אהן דעם אלף בית צו קענען, קענן מען צום לעזען ניט קומען, אהן דעם ערשטען טריט, קענן מען דען צווייטען ניט מאכען, און ווענן דער קול מבשר האט בעלעהרט די ניט־ווייסענדע און געוויזען דען ערשטען שריטט צו שטעלען אין וועג פון לעבען, זא איז זיין פערדינסט אויך שוין גראס גענוג לזכר עולם צו בלייבען אין דער געשיכטע פון אונזער פאלקס אויס־בילדונג אין אונזער לאנד.

נאך דעם „קול מבשר" איז אצייט שטיל געווארן אין דער יודיש־דייטשער ליטעראטור. נור פלוצליך, מיט א יאהר צעהן צוריק, האבען ארויס געשפראצט מחברים מיט ראמאנען און שירים, אין גרויסע און אין קליינע ביכער און ביכלעך, און האבען פערפלייצט אוועלט ווי אשטראם וואססער וואס מען ווייס ניט פון וואנען ער קומט און וואהין ער שטראמט אוועק. מאנכע זעהר פלאדאווימע מחברים האבען מיט זייערע ראמאנען און ספורים אין זשארגאן ווי געהרעגענט אויף דעם המון לעזער און רעגענען נאך עד היום אויף זיי אללע טאג מיט נייע אדער אלטע אומגעניטצעוועטע ביכער זייערע, אבער ניט ווי ארעגען אין פריהלינג וואס בעפאהיגט די ערד גוטע פרוכטע צו געבען, רעגענען דיזע נייע מיט זייערע ראמאנען, נור ווי ארעגען נאך סכות אין העהבסט צייט, נור קויטה און בלאטע צו מאכען אין יודישע גאססען און גאסליך, צייט צו פערשווענדען און אפעטיט צו פערדערבען ביי זייערע ארעמע פשוטע לעזער, וואס גוטעס ניט צו טהון אין וואס ניטציגעס נאכהער ניט לעזען צו וועלן!

אזוי שטעהט עס מיט אונזערע סופרים, מחברים איבערהויפט און מיט די נייע יודיש־דייטשע ראמאנן־שרייבער אינס־בעזאנדערן. ניט אויף זיינע אייגענע נייגונג, טאלענט און וויססען, קוקט דער רוב פון דעם סארט שרייבער, פע, וואצו ברויך מען דאס גאר צו צוקוקען? מען ברויך נור זעהן וואס יענער טהוט, און וואס יענעם האט געלונגען.

נון האט אפשר מיט צעהן יאהר צוריק וועהן צוליק געטראפען עס האט איהם געלונגען א ראמאן אדער זאנסט וואס אויך צו שרייבען אין יודיש, וואס האט אויף זיך אויפמערק־זאמקייט געצויגען, און ווי דער שטייגער איז, האט מען מסתמא טויזענדפאך מגזם געוועזען דעם שכר און דעם כבוד פון דעם גליקליכען מחבר. אט איז דאס אנגליקליך און א־עהרנס־געשעפט געוואָרען פאר טויזענד אנדערע, און ווער עס האט געקענט אצורת האותיות פון יודישען אלף בית אויפשרייבען, האט אפעדער אין האנד. אנשטאט א נאדעל, א דראטווע אדער א האמער גענומען, און יודיש־דייטשע שריפטשטעלער, מחברים, ראמאנען־שרייבער, זענען ארויסגעוואקסען ווי שוועמליך נאך אווארימען רעגען פון דערנער און העקען וואו מען האט קיינמאל געזייעט און ניט געפלאנצט. און באמת וואס קען גרינגער זיין ווי א מעשה אויף עברי־דייטש אויפשרייבען? ווער קען וועמען אינזייזען אז ער וויל באפיר מיט טינט פערזוינדיגען? ווער פרעגט אקשיא אויף א מעשה? דאס הייסט: ווער קוקט אויף דעם המון ניע מחברים און אויף דאס וואס זיי שרייבען? אבער וויפיעל ליידט דער המון עס דורך דעם דערנוויל, און ווי פערדארבען ווערט זיין טעם און זיין ריח, און וויפיעל געלד און צייט פערברענגט ער געביך אויף די דברים בטלים וואס זענען איהם מעהר מזיק אלס מועיל!!

גוטע אבער האבען מיר געציילטע מענשען און געציילטע ספרים פון דער לעצטער צייט צו דערמאנען, וואס דער געעהרטעסטע איז פון זיי הר' ר' משה אהרן שאצקעס נ"י, דער בעריהמטער און בעוואוסטער מחבר פון דעם „המפתח" וואס האט אויך אין דער פאלקס־שפראכע זיך בעריהמט געמאכט מיט זיין אויסגעצייכענטעם ווערק: „דער יודישער ערב פסח". הר' שאצקעס איז קיין קינסטלער ניט אבין־מפואר אויס־צוביזען אין דעם המון לשון אין א געשטאלט פון א ספור, נאך אללע רעגעלן נאך ווי עס פאסט גאר אזוי א איש נכבד ווי ער; אבער דער אינהאלט אין יעדער קאפיטעל אן און פיר זיך, איז עכט פון יודישען לעבען געגריפען, ניט איבערטריבען, און ניט פון אפרעמד וועלט אריינגעשלעפט, ווי עס טהוען אנדערע, און ווי עס איז אין אנדערנס ווערקע צו געפינען. יעדער יוד, יעדע יודענע וואס האט דעם „ערב פסח" געלעזען, האבען באלד דערמאנט און איינגעזעהן אז די אייגענע סצענען זעהען זיי טאקי ביי זיך עד היום, און זעלבסט די וואס זענען היינט אריסטאקראטען געווארען — ווי מען רופט, מיט אונרעכט, די וואס לעבען פרייהער — און האבען שאן דיזע נארישע געברויכע אבגעשאפט פון זייער גבול, האבען עס נאך ערשט ניט לאנג ביי זייערע עלטערן געזעהן און זעהן נאך ביי זייערע שכנים עד היום, און וויפיעל מאל איז מיר פארגעקומען צו הערן מאנכער בעל־הבית אדער בעלת הבית, ווען זיי געבען אקוק וואס טהוט זיך ווירקליך ביי זיי אים־הויזע אין די וואכע פון פאר פסח, אויף דעם תהו ובוהו פון שייערן און כשרן, פון קעהרן און ריינינען, פון צימערן און שרעקען זיך פאר אפיצעל חמץ און פאר אזעלכע ענינים וואס די תורה הקדושה האט עס גאר ניט געבאטען, וכדומה, ווי זיי שרייען פון דעם תהו ובוהו ארויס, די ווארטער: „אקוראט אזוי ווי אין דעם „ערב פסח" איז בעשריבען!" אט די ווערטער אליין זענען די בעסטע מיינונגסגעבער אויף דעם בעריהמטען ווערק, און איך האב נאך זיי קיין הסכמות און קיין שבח ניט צו צולייגען! אויסער דער קינסטליכען זייט פון דעם „ערב פסח" איז הר' שאצקעס פיעל דאנק און ברכה ווערטה פאר זיינע קלוגע ערקלערונגען פון פסח ענינים גדולים אין רעליגיאנזאכען,

מנהגים און דינים , און איבערהויפט בעטראכטונגען פון דעם מצב העם אין זיין גלויבען · וואס עפענין ווירקליך מאנכע לעזער די אויגען אויף אמת פון שקר אונטערשיידען צו קענען , און דער „ערב פסח" איז ראוי והגון ער זאלל זיך געפינען ביי יעדען יודען אין שטוב און מען מאג איהם לעזען ביי יעדען אנקומענדען ראש חודש ניסן , פוז ראש חודש ביז אסרו חג !

אויך אונזער בערירהמטעסטער משורר אין לשון הקודש, ה' יהודה ליב גארדאן, האט אונז מיט איאהר צוריק אקליין ביכעלע אין עברי־דייטש געשיינקט, שירים אנגענעהמע, הומא־ריסטישע, אויך מיט ז.וויינענדער סאטירע און איראניע געשריעבען „שיחת חולין" הייסט דאס ביכעל , צוזאממענגעקליבענע לידער פון פינף־און־צוואנציג אדער דרייסיג יאהר צייט. וואלטען די לידער ניט אזוי גוט זיין , און מיר ניט אזוי געפעהלן מיט'ן יודישען פאעטישען אינהאלט , וואלט אויך ה' גארדאן ראוי לתהלה זיין , וואס אין א צייט פון דרייסיג יאהר האט ער אזוי ווייניג „שיחות חולין" ארויס גערעדט... ווייל אבער די לידער זענען אויסגעצייכענט גוט און געפעהלען מיר זעהר , בעדויערע איך נור דעם ארעמען המון, וואס זייערע תלמידי חכמים האלטען איהם , דעם המון , פאר אזוי א מין חולין , און אין גאנצע דרייסיג יאהר צייט רייד׳ען זיי אזוי ווייניג שיחות חולין , וואס ער זאלל פערשטעהן , אז עס קלויבט זיך קוים עטליכע בלאטלעך צוזאמען , ער זאלל דיזע שיחות חולין פון א ספר לערנען... נור בעדוי־ערנסווירדיגער פאר דעם המון איז דער תלמיד חכם , דער משורר זעלבסט , וואס ער רופט זיך „פאלקס־דיכטער", דאסס דאס פאלק האט ביז די לעצטע שיחות חולין זיינע , ניט גער וואוסט פון איהם , זיין תורה ניט געהערט , און ווייסען נאך זעלבסט ניט פאר וואס האט ער , אט דער נייער מחבר פון יודיש־דייטש , דאס הייליג שיין ביכעלע א נאמען געגעבן „שיחות חולין" ? איך וויל האפפען אז אונזער אללערבעסטער און ערהאבענסטער משורר , האט שוין זיין אונרעכט ערקענט , און וועט פון איצט אן מיט זיינע ארעמע פשוטע ברידער זיך שוין ניט מעהר שעמען , אין די קינפטיגע יאהרן זיי מעהר שיחות חולין געבען , זיי צו לערנען , זיי צו טרייסטען מיט דער גאטטליכער גאבע, מיט דעם הייליגען רוח השיר וואס ער האט פאר זיין פאלק . מיר בעטען עס--און דאס ארעם פאלק מאג עס פון איהם פערלאנגען !

פון ספורים איז צום גוטען צו דערמאנען דעם ראמאנן „אהבה בתענוגים" אדער „בלומען און דארנער" פון הערן זייפערט . וויינגסטען האט דער ספור און דער וויסענ־דער מחבר מעהר ווערטה אין יעדער בעציהונג פון דעם גאנצען המון מחברים אין ספורים הבאים אחריו . עס איז נור שאדע וואס דער ה' זייפערט מיינט אפשר יוצא צו זיין מיט דעם ערשטען און איינציגען געראטענעם ספור זיינעם , און האט אין אונזער פאלקס־שפראכע צו שרייבען אויפגעהערט . דאס איצט ערשיינענדע „פאלקס־בלאט" האט נייע אויך ערנסטע שרייבער אין אונזער עולם בעקענט געמאכט , און מיר וואלט ווערטה זיין די מיה זיך אב־צו־שטעלן מעהר אלם אויף ערגעץ איין אנדער נייען יודישען שרייבער , אויף די אללע ספורים וואס זענען אין דעם „פאלקס־בלאט" געדרוקט געוועזען פון ה' מ' ספעקטאר , ווייל אבער דער גורל פון מיין מאמר , איז אויסגעפאלען אריינצוקומען אין „דעם הויז־פריינד" וואס ווערט פון איהם זעלבסט ארויסגעגעבען , מוז איך זיך היטער אבהאלטען און מיר פלאטץ

לאזען פון זיי ז. יעדען אין איין אנדער ארט. מען זאל ניט זאגען: „עלובה עיסה שהנחתום מעיד עליה!...

איך וויל מסיים זיין מיין ארטיקעל מיט גוטס, אונ דאריבער דערמאנן איך צום לעטצטען דעם אויסגעצייכענטען פאלקס־שרייבער ה׳ „שלום עליכם“, וואס איז איצט אויך גענוג בעקענט אונ בעליעבט געווארן ביי די אללע וואס לעזען דאס „יודישע פאלקס בלאט.“ זיינע בילדער האבען אללע פארבען אונ שאטטען פון יודישען לעבען, אונ דערמאנען יעדען לעזער איינע איבערלעבטע צייטען אונ בייגעווארנטע בעגעבענהייטען, אויך די שפראכע זיינע איז גוט אונ פאססענד צו דעם איינהאלט וואס ער שרייבט. ער איז קיין ראמאניסט אונ מאכט אויך קיינע אנשפריכע אלס אזעלכער זיך פארצושטעלן, אבער ער איז דעננאך איין זעהר בענאבטער אויסגעצייכענטער אונ קלוגער שרייבער, אונ מיט פערגניגען לעזט זיך אלץ וואס ער שרייבט. אויף אזעלכע שרייבער איז יעדען מבין מתפלל צו זיין: זיי זאללען זיך מעהרן, אונ שרייבען פאר זייערע ברידער וואס מעהר! יהי ברוך טעמו ופועל ידיו ירצו אחיו תמיד!

יעקב דינעסזאהן

# זכרונות.

### ערינגערונגען וועגען אברהם מאפו ע"ה :

---

נאך איצט ווען איך בעטראכטע דאס בילד פון אונזערם בעריהמטען העבראישען פערפאססער, אברהם מאפו, שטעללט זיך מיר לעבהאפט פאר מיין טהייערער פריינד, מיט זיין שאנע עדלע שטאטור (וואקס), זיין סימפאטהישעס געזיכט מיט דעם הויכען שטערן מיט די צוויי טיעפע ווינקעלן וואס האבען געריכט כמעט ביז צום שייטעל, זיין בריגעט־בלייכע כמעט פארמעט־געלבע צורה, מיט דער שאנען שמאלען נאז, מיט זיינע גוטמיטהיגע כמעט קינדעריש־אונשולדיגע גרויע אויגען, מיט דעם פיינעם קליינעם מויל, מיט זיין שטילע זיססע שטיממע—אלעם אין איהם אזוי לעבהאפט אונ ריכטיג ווי בשעת איך האב איהם געזעהען מיט מיינע אויגען אים־זוממער פון דעם יאהר 1863. אלס איך בין ביי איהם געוועזען צו גאסט אין קאוונא אונ איינינע טעג מיט איהם צו זאמען פארלעבט. דאס אנדענקען אן די איינינע טעג וועל איך אייביג ניט פערגעסען, נאר לייחער בלייבט מיר פון די איינינע טעג א פעהלער וואס איז ניט מעהר צו פעררעכטען א זינד; וואס חאטשע איך בין דארין ניט גאנץ שולדיג, קען איך מיר דאך אייביג ניט פערצייהען. דער פעהלער איז, וואס איך האב זיין ביאגראפיע ניט גלייך פאר נאטירט, ווי ער האט זי מיר ערצעהלט פון אלף ביז תיו; גאנץ שולדיג בין איך אין דעם ניט, ווייל ער האט עס מיר ערצעהלט פארין שלאף. מידע פון אונזערן א לאנגען שפאציער־גאנג בין איך צו בעטט געגאנגען, אונ ער האט זיך געזעטצט נעבען מיר אונ ערצעהלט אללעס פון זיין לעבען, ווען מיר האבען זיך די אויגען געקלעבט אונ די געדאנקען זענין געוועזען גאנץ אבגעשפאנט. איך האב דאריבער פיעלע פאקטען אונ דאטען פארהארט אונ פערגעסען. מיין זינד איז וואס איך האב איהן נאכהער ניט איבערגעפראגט, אונ אויך דאס וואס איך האב דוכט זיך גוט געהאלטען אין זכרון ניט גלייך פארצייכנט צום עוויגען געדענקען. —

נאך מאפו'ס טויד'ט האבען איינינע פון זיינע פערעהרער, וואס האבען געוואוסט פון אונזערע גרויסע פריינדשאפטליכע פערבינדונג, זיך אן מיך געווענדעט אין בריעף אונ אין צייטשריפטען (המליץ, השחר), איך זאל שרייבען זיין ביאגראפיע. די פערזאן פון מיין לייבען פערשטארבענעם פריינד איז מיר אבער געוועזען צו טהייער, איך זאל פון איהם שרייבען זאכען, אהן דאטען, אהן היסטארישע פינקטליכקייט, ווי א ביאגראפיע פון אזא בעריהמטען מענשען בעדארף צו זיין. איך האב געהאפט, דאס פון זיינע פיעלע בעקאנטע אונ פריינדע וועלן זיך געפינען מאנכע וואס וועלן פון איהם ריכטיגער אונ פינקטליכער שרייבען ווי איך. אונ ווירקליך האבען א פאאר פון זיינע גאהנטע בעקאנטע מאנכעס פון זיין ביאגראפיע געדרוקט (המליץ 1896 — נו' 11, פאן ח. א. מעדאליע, חיי אברהם מאפו—א בעזונדער בראשורע, פון א. קאפלאן, ווין 1870), אבער עס פעהלט נאך גאר פיעלעס! קיין פאלשטאנדיגע לעבענס־בעשרייבונג איז פון איהם ניט דא עד היום הזה.

אום עס זאל ניט פערגעססען ווערין אויך דאס ווענינע וואס איך וויים פון איהם,

ערלויבע איך מיר, צו דעם מאטעריאל וואס אנדערע האבען געליפערט אויך דאס ווענינע מיינערזייטס ביצוגעבען.

***

ר׳ אברהם מאפו וואר געבארען אים־חודש שבט אים־יאהר תקס״ח [1803] אין ווילאמפאלי [סלאבאדקע—איין טהייל פון דער שטאדט קאוונא, וואס ליעגט יענזייטס פון דעם טייך ווילליא]. זיין פאטער ר׳ יקותיאל האט דארט גיקנעלט אונ איז געוועזן פארערכנעט אלס איינער פון די גרעסטע קאוונער מופלגים. אז דאס קינד האט אנגעהויבען לערנען, האט ער געלערנט ביים גרעסטען גמרא־מלמד—טאקע בי זיין איינענעם פאטער, אונ האט באלד געקריגען א שם פאר א עלוי, צו אללע זיינע מעלות איז ער אויך געוועזן א גרויסער מתמיד, אונ האט פון דער וועלט מעהר נישט געקענט ווי זיין עלטערנ־הויז אונ־איבער הויפט דאס בית המדרש. ר׳ יקותיאל איז אבער אויך געוועזן א שטיק מקובל, נו—האט אונזער אברהם, ווי ער איז נאר עלטער געווארען, אויך דאס פון איהם געגנאשט. אונ האט זיך שטארק אריינגעלאזען אין קבלה־ספרים. פון וועלט זאכען האט ער מעהר נישט געקענט ווי חכמת החשבון, אויך דאס האט ער ערלערנט פון פאטער, כדי צו פארשטעהן די מאטהעמאטישע אויפגאבען [זאדאטשעס] וואס געפינען זיך אין מאנכע ערטער פון תלמוד. פון תענוגים האט ער נאר איינס געוואוסט: הערין א גוטען חזן דאוונען—ווייל ער האט אליין אויך זעהר גוט געזונגען [ער האט געהאט א זעהר אנגענעהמע שטימע], אום צו הערין זינגען פלעגט ער שבת ויו״ט לויפען אין די קאוונער בתי מדרשים, ווי נאר איינער פון די ארום־ליגענדע חזנים איז געקומען מיט משוררים א וועק צו ליגען פארען עולם א דאוונען—א יודישען קאנצערט. אט אזא קאנצערטיל האט איהם אמאל צו שלאגען זיין גאנצע קבלה:

אין יענער צייט האט ער זיך שטארק אריינגעטהון אין די קבלה־ספרים. אין ספר „זכירה", „מפעלות אלהים" אונ דערגלייכען מעהרערע האט ער געזעהען, אז עס איז דא געוויסע סגולות אונ וואונדער וואס מען קען אויפטהאן דורך חכמת הקבלה. ער האט זיך שטארק גענומען די פארגעשריבענע פראבען צו מאכען. איין ארט האט ער דאצו געהאט אויף קאוונער בארג, וועלכער ליעגט צווישען די ביידע טייכען, דעם ניעמען אונ דער ווילליע, וואס קומען זיך דארט צו זאממען. אין דעם בארג געפינען זיך פיעל גריבער פון זאמד אונ לעהם וואס ווערט ארויס געגראבען צום בעדארף דער שטאדט, אפט פאלט דארט א שטיק בארג איין, אונ—ווי דער שטייגער איז—געפינען זיך דאנן פיעלע ביינער פון מענשען, פון אלטע קברים אדער פון א פארצייטיגע מלחמה. דארט האט אונזער אברהם זיך אויסגעקליבען א פארבארגען ארט, צו טהון די סגולות אונ מאכען די פראבעס, ווי אין די ספרים געשריבען איזט. דארט האט ער אמאל געפאקט א טוידטען מענשענ־קאפ (טשערעפ) אונ האט עס אנגעשטאפט מיט ערד, פארזייעט מיט ליזען, אונגעשטעלט אין זיין „קאמערא—אבסקורא" [דער פארבארגענער ארט צו מאכען די געהיימע קונצין]. אונ אין א קורצע צייט האט ער זוכה געוועזן צו זעהען, ווי עס האט ארויס געשפראצט א גרין גראזעל וואס האט געוואקסען העכער אונ העכער, געראטהינער אונ געראטהינער. הכלל—עס זענין ארויסגעוואקסען ליזען! די ערשטע פראבע האט זיך א פנים איינגעגעבען,

היינט דארף מען שוין מאכען עפיס א רעכטען קונץ. אט כדומה למשל ווערען א ניעווידימקא, א „רואה ואינו נראה" ואללעמען זעהען אונ פון קיינעם נישט געזעהען ווערען. ווען דאס זאל געלינגען, איז דאך טאקי באמת א גליק! דאמאלס קען מען דאך פשוט אללעס אויס־פיהרען וואס מען וויל. עס פעהלט געלד—קען מען געהן אין קאזנאטשייסטווא אונ נעהמען פיעל מען וויל, אונ דער טשאסאוואי אונ די פריסיאזשנע סטראזשעס שטעהען דער ביי ווי גולמים אונ ווייסען ניט פון זייערע קעפ! מען איז אויף אימעצין א שטיינער אין כעס, געהט מען צו אונ עס רעגנען פעטש אז פונקען פליעהען יענעם פון די אויגען, אדער גלאט מען קיטצעלט איהם ביז אין טויטט אריין, ער זאל לאכען אויף צוזעמצעגעש אונ ניט וויסען פון וואנען דאס איז איהם געקומען. היינט מאלע וואס נאך מען קען אויפטהון פיר המציאות מיט אזא קונץ! אמת אונזער בעל מופת איז ניט געוועזען פאהיג צו אזעלכע געפאהרליכע זאכען, אבער וואס שאדט דאס אז מע קען עס? ער האט דאריבער צוערשט גאר א איינפאכע פראבע געמאכט: ער וועט געהען איבערן בריק גלייך אהיים, אונ אז ער וועט באגעגנען א בעקאנטען, וועט ער זיך אוועק גלייך, אונ אויב קיינער וועט איהם ניט טשעפען, איז אסימן אז מען באמערקט איהם נישט, דאס הייסט: אז ער איז טאקי א „רואה ואינו נראה". אן איינעם שאנען פרייטאג האט ער זיך אנגעלאדין מיט די שמות וואס זענין דער צו מסוגל, געטהאן אללעס ווי אין די ספרים שטעהט, אונ אן געהויבען שפאנען איבערן בריק, אהיים, אהיים, ער געהט זיך גלייך—קיינער טשעפעט איהם ניט, עס געהען פארביי אפאאר בעקאנטע—עפיס זעהען זיי איהם גאר נישט, ער געהט ווייטער אונ קוועלט גאר פון זיך אליין, ער שפאנט, ער לויפט, ער שוועבט, ווייטער, ווייטער, אונ דאס הערצעלע שפרינגט פון שמחה. מיט אמאל האט עס איהם רחמנא ליצלן אחאפ געטהון פון הינטען, ביים ארבל, אונ ער האט דער הערט עפיס ווי א בעקאנט מענשליך קול: „אברהמיל, מארגען דאווענען מיר צום ערשטין מנין, דער וו... חזן וועט דאווענען אין גרויסען בית המדרש". אזא בשורה וואלט אין איין אנדער צייט זיין פאר איהם א גרויסע שמחה; יענעם מאל אבער האט עס איהם אראפגעווארפען ווי פון זיבענטען הימעל, ער האט דער פון זיך געשטויסען, אז ער קען נאך דעם אמתין קונץ נישט: זיך צו פארשטעלין... אונ ער האט עס טאקי אין זיין גאנץ לעבין נישט געקענט...

דאן האט ער געהאלטען פון דעם אלטען כלל, אז ווען א מופת גיט זיך ניט איין, איז אסימן אז דער מענש איז נאך ניט ראוי דער צו, אדער ער האט ניט אפ געהיט צו טהון אללעס אקוראט ווי די קבלה ספרים הייסען. ער האט דאהער זיך שטארקער גענומען צו קבלה, בפרט אז צו יענער צייט איז ער שוין מעהר קיין יונגעל נישט געוועזען.

זיינע עלטערן האבען איהם צו 17 יאהר חתונה געמאכט, איין ארענטליכער בעל הבית פון קאוונא האט איהם גענומען פאר איין איידים. דארט ביים שווער אים הויזע פלעגט אפט קומען א געוויסער ר' אליעזר, וועלכער איז געוועזען א פארברענטער חסיד, אונ האט גאר געזוכט צו ווערבעווען פרומע יונגע לייט, זיי מאכען פאר חסידים. דער ר' אליעזר האט געווארפען איין אויג אויף דעם פרומען בעל הביתיל אונ האט איהם צו־געצויגען צו זיך, אריינגענומען אין דער קאמפאניע. זיין פאטער ר' יקותיאל האט עס אפילו נישט געוואלט ליידען, נאר ער איז געוועזען גענוג טאלעראנט, איהם נישט צו

שטערען צו נעהמען זיך א נאגג אין יודישקייט ווי איהם געפעלט. זיין מוטער אבער וואר א ענערגישע פרויא אונ וויל איהר פאטער איז געוועזן א גרויסער מתנגד, זענין איהר די חסידים געוועזען זעהר פערהאסט. אונ אז זי האט געזעהען איהר זאהן הייבט זיך אן אריינלאזען אין חסידות האט זי עס נישט געקענט פארטראגען. זי איז אמאל אין רעכטען מיטען שלש־סעודות אריין צו ר' אליעזרן אין קלויז' מיט א געשריי אונ געפילדער: „וואס האט איהר צו מיין אברהמ'לען? וואס פיהרט איהר איהם מיר אראפ פון וועג? איך וויל ער זאל זיין אונ בלייבען א ערליכער יוד ווי זיינע אבות אבותינו זענען געוועזען — נימט מיר אוועק מיין קינד!" מיט דעם סקאנדאל האט זי איהם ארויס געריסען פון די חסידים, אלס געהארזאמער זאהן איז ער מיט איהר אוועק פון דארטען אונ שוין מעהר אין דער קאמפאניע נישט געקומען. דער פאר האט איהם דער פאטער ר' יקותיאל אריינגעפיהרט אין א בעסערען ארט, ער האט איהם געמאכט פאר א תלמיד ביים סלאבאדקער רב, הרב רבי אליהו עראנאקער זצ"ל וואס נאכהער האט ער געהייסען רבי אליהו קאלישער — וייל ער איז נאכהער געווארען ארב אין קאליש] דער רב איז געוועזן א גרויסער מקובל, ביי איהם האט אברהם געהאט געלעגענהייט צו ערגרייכען נימ נאר די האכסטער מדרגה אין תלמוד, זאנדערן אויך אין קבלה, אין וועלכער ער איז געוועזן אריינגעטאהן מיט דער גאנצער נשמה. ביי איהם האט ער אבער נאך עפיס א זאך געגאשט: ער האט ביי איהם געפונען א תהלים מיט לאטיינישער איבערזעטצונג. אוים נייגיריגקייט האט ער אנגעהויבען דער פון צו לערנען לאטיין. לשון קודש האט ער פון זיך אליין זיך אוים געלערנט. אנפאנגס פון די פאר פארצייטיגע תכונה־ספרים וואס האבען זיך געפונען ביים פאטער, דערנאך פון דעם וואס ער האט דורכגעלערנט תנ"ך מיט רש"י ומצודות. נאר לערנען אזא שווערע שפראכע ווי לאטיין פון תהלים ארויס, דאס איז געוועזן א קאמפליצירטע ארבייט. [ער פלעגט נאכדעם שטענדיג ערצאהלען ווי שרעקליך שווער זי איז איהם אן געקומען]. אבער וואס איז נאך אזוי שטארק אויף דער וועלט ווי דער חשק אונ די התמדה? ער האט עס דורכגעזעצט, אונ מיט דער צייט האט ער זיך דעם לאטיינישען לשון אזוי צוגעאייגנעט, אז זי איז איהם געוועזן ווי א מוטער־שפראכע, ער האט אין איהר געשריבען אזוי לייכט ווי העברעאיש [איך האב פון איהם געהערט, אז אונזער זייגע מאנוסקריפטען [האנד שריפטען] געפינט זיך א גאנצעס ווערק וואס ער האט פערפאסט אין לאטיין]. דער רב אליין האט זיך אויך געהאלטען פיר א גרויסען לאטייניקום — ער האט געהאט א קאנקורדאנציע, אין וועלכעם עס זענען דא אללע ווערטער פון תנ"ך מיט לאטיינישער איבערזעטצונג, אונ דאם געמיינט אז צו שרייבען לאטיין ברויכט מען נאר פריהער עפים איבערשרייבען אין לשון קודש, אונ דער נאך איז עס שוין א קלייניגקייט צו נעהמען די קאנקורדאנציע אונ איבערביימען די ווערטער אויף לאטיין, נאר איין מאל ביי א געוויסע געלעגענהייט איז ארויסגעקומען ווער פון די ביידע איז א גרעסערער בריה אין דעם לשון, דער רב אדער זיין תלמיד? — די מעשה איז אזוי געוועזען:

אין סלאבאדקע איז געווען געוואהר געווארען אז דער גראף וויטגענשטיין וואס די שטאדטעל געהערט צו איהם, וועט קומען בעזוכען זיינע גיטער וועלכע ער האט דארט. אויף דער אסיפה איז ביי קהל באשלאסען, מען זאל קומען פאר דעם גראף מיט א שאנעם בריף. אין וועלכען מען וועט איהם ערגעבענליך בענטשען אונ אבב מאכן אויסבעטען ביי איהם וואס נאטהיג איז לטובת הכלל. אזעלכע ווינשעוואניעס צו גרויסע לייט פלעגען

פארצייטען געשריבען ווערען אויף לטיין, וועלכע איז די שפראכע פון אללע גרויסע געלעהרטע — אונ האבען טאקי מכבד געוועזען דעם רב. ער זאל עס אויפשרייבען, ווארום אז איין איינעגער וועט עס שרייבען, ובפרט נאך דער רב אלליין, וואס קען שוין בעסער זיין? דער רב אלליין האט אויך אזוי געמיינט; ער האט אפילו א שאן ביסל געשוויצט ביז ער האט פון זיין קאנקורדאנציע ארויסגעזוכט די אללע נאמהיגע ווארטער פון זיין מליצה, אבער דער פאר איז — ער דער בריף הייסט עס — ארויס געקומען איין אנטיק, גאר די פינגער צו לעקען! ער האט אבער קיין אנדערן מבין ניט געהאט אויף זיין מייסטערווערק ווי אברהם'ען, זיין תלמיד, אונ קוים איז אברהם צו איהם געקומען, האט ער איהם גלייך געזאגט: אנו, דו מיינסט דאך ביי זיך אז דו קענסט שוין לטיין. אט דא וועלען מיר באלד זעהן! לייען מיר דעם בריף איבער אונ זאג מיר נאר וואס שטעהט אין איהם געשריבען! — אברהם האט געלייענט אונ געלייענט אונ טאקי ניט פארשטאנען קיין פשט. דא האט דער רב איהם אויסגעלאכט; ער האט עס גענומען פאר א בעוויז אז ער קען נאך גאר קיין פירוש המלות ניט. אברהם איז אבער געוועזען צו עהרליך אום צו פער־שוויגען דעם אמת, אונ האט דעם רב ערקלערט, אז דער גאנצער בריעף איז נאר אויפגעקליבענע ווערטער אהן א שום גראממאטישען אונ לאגישען צוזאממענהאנג. דער רב איז אבער אויך געוועזען געטריי דעם אמת, אונ האט באלד איינגעזעהען אז אברהם איז גערעכט. דאן האט ער איהם מכבד געוועזען, ער זאל דעם בריף שרייבען ווי ער פארשטעהט. אברהם האט זיך געזעטצט אונ אפ געשריעבען א פיינעם בריף, מיט גייסט, מיט טאלענט, מיט א שאנעם געפיהל. דער בריף איז אנגעקומען צום גראף, אונ איז איהם זעהר געפאללען געווארען. ער האט קהל געדאנקט פאר דעם בריעף, — אונ פון דאמאלס אן האט שוין אברהם געקריגען אשם אין שטאדט פאר א גרויסען קענער אין לטיין. נאך בעסער אפילו פארן רב!

נאר אבעסערע געלעגענהייט צו ערלערנען לטיין, האט ער געהאט גאר פון איין אנדער צד, זייט ער האט בעקאנטשאפט געמאכט מיט א קאטוילישען גייסטליכען [גלח], איך געדענק ניט גענויא די פרטים ווי ער האט מיר זיי ערצעהלט, נאר דאס האב איך פון איהם אליין געהערט, אז איין ווינטער דער פאר האט ער געקריגען אשטעללע צו קנעלען ערגיץ אין א קרעטשמע ביי א ארענדאר, ניט ווייט פון קאוונא, דארט האט ער געלערנט מיט זיינע צוויי קינדער — חומש יונגליך. די קרעטשמע איז געוועזען אויף פארצייטיגען מאניער, אהן א קוימען, אונ אז מען האט געקאכט אויפען פריפעטשאק אדער געהייטצט דעם אויבען, פלעגט דער רויך ארום שפאצירען איבערן שטוב, ביז ער איז ארויס דורך די טהיר אדער ער האט זיך אויפגעהויבען צו דער סטאליע, ווייל עס איז דאמאלס געווען ווינטער, פלעגט גאנץ אפט טרעפען ביי א פראסט, ווען מען האט נישט געקענט האלטען די טהיר אפען, פלעגט זיך דער רויך אזוי צו הוליען, אז עס איז אונמעגליך געוועזען צו זיצען ביים טיש. אונזער עהרליכער ר' אברהם האט זיך מיט די קינדער דאמאלס אראפ־געלאזט אויפען פאל. אונ דארט זיי געהאקט די תורה אין קאפ אריין. איין מאל האט זיך אין דער טהיר באוויזען עפיס א גלח וואס האט געוואהנט אין א דארף ניט ווייט פון דארט, אונ ווי ער האט דערזעהען דעם מלמד מיט די קינדער לערנענדיג אויף דער ערד, האט ער זיך שטארק צו לאכט אונ האט זעהר חוזק געמאכט פון דער סצענע, אונזער ר' אברהם

האט פארשטאנען וואס דער גלח רעדט. ער האט אבער ניט געקענט איהם ענטפערען אויף פויליש, האט ער איהם געענטפערט מיט א פסוק פון תהלים אויף לשון, דער גייסטליכער האט געמאכט גרויסע אויגען, ער האט גאר זיינע אויערן נישט געגלויבט, אונ האט גלייך ארויס גערופען דעם מלמד צו זיך אונ ביי איהם אויסגעפראגט ווער ער איז אונ פון וואנען קען ער לשון אונ ווי אזוי קומט ער אהער, דער סוף איז געוועזען: דער גלח האט זיך צו איהם זעהר צו געבונדען אונ פלעגט איהם אפט אראפ ברענגען צו זיך. אברהם האט פון איהם פיעל גענאסען אין קענטניסס אונ שפראכען, ער האט זיך פיעל בענוטצט מיט די ביכער פון זיין נייעם גוטען פריינד. אמאל האט איהם דער גלח פלוצלינג פארגעשטעללט פאר א גאנצע געזעלשאפט פון פאלנישע עדעללייט וואס זענען ביי איהם געוועזען צו גאסט. אללע האבען דעם מאדנעם „זשידאק" אנגעקוקט מיט גרויס פארוואונדערונג, אונ האבען איהם פארווארפען מיט פראגען וועגען איהם, מיט קשיות אויף דער אמונה, ר' אברהם האט אויף אללעס רוהיג אונ קלוג געענטפערט, נאר אין הארצין האט איהם פארדראסען אויפען גלח פאר וואס ער האט פון איהם געמאכט א ווישטאווע, ווי גלייך ער וואלט זיין עפיס א משונה'דיגע באשעפעניש—אונ פון דאמאלס אן האט אויפגעהערט זייער פריינדשאפט. אברהם האט איהם שוין מעהר נישט בעזוכט אונ אויסגעוויכען איהם גאנץ פון וועג. אלס דער זמן האט זיך געענדיגט איז ער צוריק גיקומען אין קאוונא.

פון דאמאלס אן האט ער זיך שוין נישט געקענט באגיגען מיט די גייסטיגע באשעפטיגונגען פון פריהער, עס האט זיך אין איהם ערוועקט א הונגער צו לעזען ביכער צו ערווערבען קענטניסע. מאנכע ביכער האט ער מיט גיבראכט, מתנות פון זיין בעקאנטען גלח, מאנכע האט ער אפט געקויפט פאר זיינע ארעמע פאר גראשען ביי א אנטיקוואר [א האנדלער פון אלטע ביכער]. ער האט זיך שטארק גענומען צו דייטש—דער צו האט ער זיך בענוטצט מיט בן־זאב אוצר השרשים, וואס ער האט עם ערגיץ ארויסגעקראטצט. לשון קודש האט ער שוין דאמאלס גוט געשריעבען, באלד האט ער אנגעפאנגען פלייסיג צו לערנען פראנצאזיש, דאס איז איהם גאר לייכט געוועזען, ווייל די שפראכע איז יא א טאכטער פון דער לאטיינישען שפראכע. דאן האט ער אנגעהויבען לערנען רוסיש, אויך האט ער זיך ביי דעם אללעס געהיט מען זאל עס נישט באמערקען, דענן צו יענער צייט איז יעדעס בוך אונ אפילו יעדער יודישע ספר וואס איז גאר ניט אין דעם פארמאט פון תלמוד געוועזען גערעכנעט פאר די גרעסטע עבירה אין האנד צו האלטען; די ביכער אונ די ספרים'ליך האט מען אנגערופען מיט דעם שאנדליכען נאמען „טרייף־פסול", אונ ווער עם האט זיך מיט זיי באשעפטיגט האט קיין אנדער נאמען ניט געהאט ווי „בארלינטשיק" אונ אללע האבען געהאלטען פאר א מצוה איהם, דעם אפיקורס, צו רודפען עד חרמה. אונזער אברהם האט זיך דערמיט בעהאלטען ביים פאטער אויפען בוידים אדער אונטערן שטאדט ערגיץ אין א וואלד, אדער אויפען בארג וואו ער האט פריהער זיך באשעפטיגט מיט קבלה—זאכען אונ געפראוועט זיינע סגולות צו זיין א „רואה ואינו נראה", נאר ווי זאגט מען עפים: איין אהל איין זאקק בלייבט נים פארבארגען, דער שפיטץ קומט דאך ארויס היינט אדער מארגען, ווי ביי די קבלה–עקספרימענטין האט איהם נישט געלונגען צו זיין א ניעווידימקא, אזוי אויך ביי זיין השכלה. דאס פנים איז שטאנדיג א מוסר [דאנאסטשיק], אונ געראדע ווי דעם קלויזנער אונ דעם חסיד קען מען ערקענגען אן דעם

אנבליק, אם אויסדרוק פון געזיכט, אזוי איז עס אויך מיט דער בילדונג! דער צו א ריין לשון־קודש־בריפעלע, א פיינערער אויסדרוק אים געשפראך, איין וויטציגעל, א השכלה־ווארטעל איז גענוג דעם סוד ארויס צו געבען, באלד האט מען שוין געוואוסט אז דער געוועזענער עלוי האט זיך עפעס אויסגעוועבט (ווי די קלויזנער פלעגען זאגען), ער איז געכאפט אויף דער מעשה [ווי די חסידים פלעגען זאגען]. פאנאטישע בית המדרש־ניקעס האבען איהם גענומען אויף די ציין, דער פראסטער עולם האט שוין אויף איהם געוויזען מיט די פינגער, נאר די רייכערע פיינערע יונגע לייט האבען אויף איהם געקוקט ווי אויף א נייעם שטערן וואס האט זיך בעוויזען אויפען יודישען הימעל, און האבען פון איהם שוין זעהר הנאה געהאט. אין יענער צייט איז איהם אויפגעגאנגען דער געדאנקען צו פראבירען שרייבען א יודישען ראמאן, פון יודישען לעבען, נאר ווייל ער האט נאך ניט געוואגט צו בעשרייבען כאראקטערע פון דער געגענווארט, האט ער געזוכט זיי אפ צו שפיעגלען אין דעם לעבען פון פארצייטען, אגב טאקי דער ווארעמען די הערצער מיט ליעבע און זעהנזוכט צו זייער שאנע פערגאנגענהייט, צום הייליגען לאנד ארץ ישראל, צו דער הייליגער קעניגס־און־גאטטעס שטאדט ירושלים, מיט איינעם ווארטע: צו איבער געבען זיינע לעזער דאס ווארמע הייליגע געפיהל וואס האט איהם פון דאמאלס אן אויף זיין גאנצעם לעבען בעגייסטערט—אט אזוי איז בעשאפען דאס אונשטערבליכע ווערק „אהבת ציון". אונזער יודיש־דייטשעס פובליקום וועט זיך זעהר אירען, אויב עס מיינט אז דאס איז דער אהבת ציון וואס געפינט זיך יעטצט אין עברי־דייטש איבערזעטצט. אויסער דעם וואס די שאנע אריענטאלישע אויסדריקע און געדאנקען, וואס לאזען זיך נאר שרייבען אין דער הייליגע שפראכע פון אונזערע נביאים, וואס יעדעם ווארט איז א וואהלשמעקענדע רויז, יעדער געדאנקען א גאנצער בוקעט פון די פראכטיגע ארץ־ישראל־בלומען וואס זענין אזוי שאן בעזונגען אין שיר השירים—אויסער דעם וואס דאס איז בכלל גאר אונאיבערזעטצליך פיר אונזער ארעמען זשארגאן, איז די איבערזעטצונג זעהר שלעכט. אפילו די ארטהאגראפיע (דער אויסלעג) איז אויך פאלש און אונפערדייהליך, און ביי אללעם דעם איז דאך דער ראמאן אזוי שאן, אזוי רייצענד, אפילו אין דער שלעכטער איבער זעטצונג—און ווי א דימענט וואס לייכט ארויס אפילו ווען ער וואלגערט זיך אין בלאטע, אזוי לייכטען ארויס די שאנען פראכטיגען צויבערפאללען בילדער פון דעם שאנען פראכטיגען צויבער־פאללען „אהבת ציון". אמת, ער האט אין איהם אצייט געארבייט, 22 יאהר איז איהם געווארען אלס ער האט איהם אנגעפאנגען צו שרייבען (תקצ"ץ 1830) און 45 יאהר איז ער אלט געוועזען אלס ער האט איהם געדרוקט (תרי"ג—1852). אייגענטליך האט ער ביי איהם גאר אזוי פיעל ניט געדויערט, ער איז ביי איהם אצייט געלעגען פערטיג און ער האט אליין נישט געהאט דעם מוטה איהם צו דרוקען, זיין באשיידענע (סקראמנע) נאטור האט איהם אליין צוריק געהאלטען, ער האט אליין פחד געהאט טאמער וועט עס דעם עולם נישט געפאללען—נאר די וועלט זאגט: פאר יעדער טאג וואס דער מחבר האלט זיין ספר פארטיגער הייד ביי זיך אין שרייב־טיש, עקספעסטירט דאס ווערק מיט א יאהר לאנגער אויף דער וועלט (ווייל עס ווערט אליין געבעסערט און געהמט דערנאך אליין מעהר אוים ביים פובליקום). אויפען „אהבת ציון" איז דאס ווערטיל ריכטיג מקוים געווארען, דאס ווערק בלייבט פיר אייביג אונשטערבליך. ער האט אבער אויך אין א שאנעם ארט איהם בעארבייטעט, זיין גרויסער גייסט האט זיך נישט געקענט בעקוועמען אין זיין צימערל, אדער אונטערן דאך ביים פאטער ווי אין די

ערשטע צייטען, בשעת ער האט זיך גענומען צו השכלה—דער גייסט האט איהם געפיהרט אונטערן פרייען הימעל, האט איהם געפיהרט אויף א גאנץ הויכען ארט, וואס האט גראדע פיר איהם געפאסט. איך האב דעם ארט געזעהן, ער האט מיט מיר איינינע מאהל דארט שפאציערט ווען איך בין ביי איהם צוגאסט געוועזען. דער ארט איז ווירקליך איין אנטיק, ער איז פאהיג צו בעגייסטערן אפילו איינפאכע, גאר פראזאישע מענשען, בפרט אזוי א פאעטישע נאטור ווי אונזער מאפו האט געהאט!

געגענאיבער קאוונא, אויף דער אנדערער זייט פון טייך ניעמען, איז דער אליקסא־טער בארג. ער איז זעהר הויך און משופע. דער גאנצער זייט אנטקעגען דעם טייך איז פער־וואקסען מיט קוסטארניקעס און ביימען, צווישען זיי זענען דא איינגעשניטענע טרעפ אין בארג, צו ערלייכטערן דעם גאנג הערויף און הערונטער, דארט גאר אויבען איז געשטא־נען [און אפשר שטעהט נאך היינט אויך] א הילצערנע אלטאנקע [בעסעדקע] מיט א דאכעל. די אלטאנקע איז געבויאט געווארען אים יאהר 1812, אלס נאפאלעאן איז געגאנגען מיט דער גרויסער ארמעע אויף רוסלאנד, דארט איבער קאוונא איז די גאנצע ארמעע איבערגעגאנ־גען דעם ניעמען [אים 23־סטען און 24־סטען יוני], און אויף דעם הויכען בארג אין דער זאל־טאנקע איז געזעסען נאפאלעאן, ער הט געצייכענט זיינע פלאנען און בעוואונדערט מיט זיין גאנצער מוטע די שאנע פאזיציע, די ווייטע אויסזיכט וואס ערעפנעט זיך פון דעם בארג אראפ אויף די פעלדער און וואלדער און דארפער פון ארום קאוונא. עס איז ווירקליך דא וואס צו בעוואונדערען! בעזאנדערס שאן איז צו זעהן די שטאדט מיט די ביידע גרויסע טייכען, דעם ניעמען און די ווילע, וואס נעמען זי ארום פון ביידע זייטען און פעראייניגען זיך צו זאמען, מיט איהרע ביידע פארשטאדטע, פון איין זייט די שטאדטעל אליקסאט, פון דער אנדערער די סלאבאדקע וואס עס איז א גרויסער טהייל פון דער שטאדט זעלבסט, יעדע גאס ליעגט פאר די אויגען, מען קען זעהן און צאהלען די מענשען וואס געהן און טרייבען זיך דארט אום. אויף דעם בארג האט ר' מאפו מיך געפיהרט, צו ווייזען די בעסיעדקע וואס אין איהר האט ער יונגערהייד געשריעבען זיין „אהבת ציון". פון יענער שאנער אויסזיכט האט ער גענומען די שאנע סצענע פון 10־טען קאפיטעל, ווי אמנון מיט תמר'ן שטעהן אויף דעם הר־הזיתים [אהלבערג] און שיל־דערן אזוי רייצענד און פארטרעפליך די הייליגע שטאדט ירושלים, מיט איהרע גאסען און שטראסען און מארקטע און אומגעגענד.—

פאר דעם אונשולדיגען פערגניגען האט ער צוויי מאהל שיעור בעצאהלט מיט זיין לעבען. דאס איז געוועזען אים יאהרע 1831, בשעת עס איז געוועזען דער פוילישער אויפ־שטאנד [מאטעזש] ער איז דאמאלס אלט געוועזען 23 יאהר. איינמאהל איז ער ארויס פון שטאדט ווי געוועהנליך און האט געוואלט איבערגעהן דעם פאנטאנעם בריק און אריבער אויף אליקסאטער זייט. מיט איינמאהל איז געווארען א טרעוואגע אין רוסישען חיל. דאס די פאליאקען געהן אויף קאוונא, איינינע קאזאקען זענען ארויס־געפלויגען צו איבערהאקען די מאבשטשעניע פון בריק, און ווי געוועהנליך האבען זיי דערצו פערנומען וועלכע מענ־שען זיי האבען געקריגען ביי דער האנד, זיי צו העלפען ביי דער ארבייט. אונזער יונגער־מאנטשיק ווי ער איז אזוי געגאנגען פערטראכט איז אויך אריינגעפאלען אין זייערע האנד. מען האט איהם פערהאלטען ער זאל העלפען איבערהאקען די שטריק פון בריק, דערוויל

האבען די פאלליאקען אנגעהויבען צו שיעסען, פון צווישען די קוסטען וואס וואקסען אויף יענעם בארג. דא איז אויף איהם געפאללען אזוי א אימה אז ער האט אוועק געווארפען די האקק אונ ער איז אנטלאפען. געיאגט האט מען איהם נישט. עס איז דערצו קיין צייט נישט געוועזען, נור קוילכליך פון די ביקסען זענען איהם נאך־געפלויגען אונ געפאללען ארום איהם ווי ניסליך, ביז ער איז אריינגעלאפפען אין דער ערשטער גאסס פון שטאדט. —

דאס צווייטע מאהל איז ער ווידער געוועזען אין אזוי א סכנה: דעם 26־סטען יוני האט גענעראל מאלינאווסקי בעזיגט די פאליאקען ביי קאוונא. דער ארט איז שוין ווידער געוועזען גאר רוהיג, פון פוילישען חיל האט מען שוין מעהר דארט נישט געהערט. דאנן איז אונזער מאפו ווידער געגאנגען אויף זיין ליעבלינגס־ארט צו דער אלטאנקע אויף אליקסאטער בארג, האט דארט איניגע שטונדען געשריעבען. ווי זיין שטייגער איז געוועזען, דער נאך האט ער אנגעהויבען אראפ צו געהן אויף דער סטעטשקע מיט די איינגעהאקטע טרעפליך אין דעם משונה הויכען בארג. פלוצלינג הערט ער הינטער זיך א שאסס, ער קוקט זיך אום — ער זעהט: צווישען די קוסטען ניט ווייט פון איהם קוקט ארויס אקאפ מיט א פוילישע קאנפעדעראטקע, אונ אין דער מינוט האט אפליה געטאהן א רויך מיט א קליין פייערל פון זיין פיסטאלעט. עס האט זיך ווידער געהערט א שאסס, אונ א קוילכען איז פערביי־געפלויגען ביי זיין אויער מיט א זשוזשעריי ווי פון מאיאווע זשוקעס! פאר שטעהט זיך אז דאס איז נאך געוועזען א יתר הפלטה פון מאטעוש. ער האט געוויס געמיינט אז דער יודישער יונגערמאנטשיק מיט דער פערטראכטער מיענע טרייבט זיך דא אום זייערע לייט צו שפיאניערען. עס איז לייכט צו פערשטעהן אין וועלכען שרעקקען ער איז דאס מאהל צוריק־געגאנגען ביז ער איז ארוים פון דער סכנה.

אין א קורצע צייט דערויף האט ער בעקומען א לעהרער־שטעללע אין א גבירישע הויז אין יורבארג [12 מייל ווייט פון קאוונא]. דארט האט ער געפונען א שאנע ביבליאטהעק, דארט ערשט האט ער פערפאלקאממט אין קענטניסע, אונ זיין נאמען האט זיך שוין געלאזט הערען ווייט. פון דארט איז ער דערנאך געווארן לעהרער אין ראסיין, דארט הט ער געביל־דעט ארום זיך א קרוזשאק פון משכילים, וואס האבען פון איהם גענאססען זיינע קענטניסע אונ וויססענשאפטען. אונ אז ער איז פון דארט געקומען ווידער נאך קאוונא, האט זיך שוין געפונען א גאנצע פארטהיי פון געבילדעטע קינדער וואס האבען איהם כמעט פארגאטטערט. דער אהבת ציון איז שוין דאמאלס געוועזען געענדיגט. נור — ווי געזאגט — ער האט נאך ניט געהאט דען מוטה איהם צו דרוקקען. ער האט נאך אימער אן איהם געפיילט אונ געבעסערט, צו־געגעבען איינטערעסאנטע סצענען אונ אימער געלויטערט די שפראכע ביז זי איז ארוים ווי גאלד.

ער איז אבער ניט נור געוועזען דער בעסטער העברייאישער שרייבער, ער איז אויך געוועזען א זעלטען גוטער לעהרער, וואס האט אין פריוואט־שטונדען אונטערריכטעט אין לשון הקודש, רוסיש, דייטש, פראנצייזיש אונ לאטיין, אונ דערצו אויך אין אללע קלאס־סישע קענטניסע אונ וויססענשאפטען. אלס אויסגעצייכענטער מחבר אונ לעהרער האט ער אונז איבערגעלאזען צוויי רעגעלן: וועגען העברייאיש ש ר י ב ע ן אונ העברייאיש ל ע ר נ ע ן.

**די ערשטע רעגעל איז :**

עס איז צייט מען זאלל אים גענוואהנליכען העבראישען סטיל בענוטצען ווארטער פון לשון המשנה, כדי די שפראכע דערמיט צו בערייכערן (ניט ווי אנדערע העבראישע שטימפער, וואס בלייבען אין חלשות, ווי זיי דערזעהן א משנה—ווארט אין א לשון־קודש־דיגען מאמר „ניט מיט מליצה פון תהילים און ישעיה קען מען אללעס אויסשרייבען אין געוואהנליכען לעבען—זאגט ער אין דער הקדמה צום שטיקעל „חוזי חזיונות" וואס האט זיך אבגעדרוקט נאך דעם לעטצטען טהייל „עיט צבוע"—נור מיט די ווארטער און רעדענס־ארטען פון אונזערע חכמי התלמוד קען מען אונזער לשון קודש בערייכערן"—.

די צווייטע רעגעל:

מיר זאללען אונזערע קינדער לערנען תנ"ך נור מיט א ריינע איבערזעטצונג אויף יודיש—דייטש, אויף דער מאמעס לשון, „לערנט מיט אייערע קינדער דייטש, פראנצאזיש, ענגליש, הכלל וועלכע שפראכע איהר ווילט—זאגט ער אין דער הקדמה פון זיין ספר „חנוך לנער", נור אויב איהר ווילט אייערע קינדער זאללן קענען לשון־קודש, צווינגט זיי ניט עס צו לערנען אין א איבערזעטצונג פון די שפראכען וואס זענען זיי נאך פרעמד. לאזט זיי גלייבער ערקלאהרן דעם תנ"ך אין אייער פראסט יודיש, וואס איהם וועלן זיי געוויס פערשטעהן, זיי וועלן גאר אין אנדערע פעולה האבען. זעהט אויף אללע אונזערע לשון־קודש שרייבער, אונזערע גרויסע מליצים און פאעטין—זיי האבען דאס לשון־קודש געלערנט פשוט, אין דער איינפאכען פאלקס־שפראכע, דאריבער איז עס זיי מאקי אריין אין קאפ, און זענען ארויסגעקומען אזעלכע שאנע שרייבער. נאך זאגט ער אין יענער הקדמה—

ליעבע לעזער אונד פריינד! איך האב אויך געלערנט דעם תנ"ך נור מיט פראסט יודישער איבערזעטצונג, פון דעסטוועגן האב איך ב"ה פאספייעט פיעלע אנדערע שפראכען אלליין צו ערלערנען און אויך אנדערע אויס־צו־לערנען. איך אלליין האב קיין מאהל תנ"ך מיט דייטשער איבערזעטצונג ניט געלערנט—פון דעסטוועגען האב איך געשריעבען מיין „אהבת ציון" און אללע איבעריגע ווערקע—גאר ניט צו פערזינדיגען"....

דערווייל איז ביי איהם געשטארבען זיין ערשטע פרוי, און ער איז געבליבען איין אלמן מיט 2 קינדערליך, א זאהן (וואס איז יעצט א געאכטעטער דאקטאר אין קאוונא) און א טאכטערל גאר א קליינע. פאלגענדיג דעם ראטה פון גוטע פריינד האט ער איינגערייכט א בימשריפט (פראשעניע) צום פאפעטשיטעל פון ווילנער אקרוג אויף א לעהרער שטעללע אין דער קאזיאנע שולע וואס האט זיך דאמאלס געעפענט אין קאוונא. דאמאלס האט די לעהרער־פאבריק (ראבבינער־שולע) אין ווילנא נאך ניט אויסגעפייעט צו פערפערטיגען קאזיאנע לעהרער פיר אללע ענטשטאנדענע שולען. די שטעללען פלעגען דאהער זיין פארטרעטען דורך אויטא־די־דאקטען (זעלבסט־געבילדעטע) וואס האבען זיך דורך פריוואט־לערנען געמאכט פאהיג צו לעהרערײ. נאר ביז די פאפירען זענען דורכגעגאנגען האט ער באקומען א גוטע לעהרער־שטעללע ביי דעם בעוואוסטען גביר יודעל אפאטאוו אין ווילנא. ער איז צו איהם אריבער־געפאהרען מיט זיין יונגעל (דאס מאדעל האט גענומען די שוויגער מוטטער

צו ערציעהען ביי זיך, אונ איז דארט געשטארבען) אונ האט געלערנט מיטען גבירס בן־יחיד ביז ער איז אומװערדיעט געװארען פון מיניסטער פאר אלעהרער אין דער קאזיאנע שולע אין קאװנא. דער גביר איז אבער געװעזען א דעספאטישער מענש (טיראנן) אונ האט ניט געװאלט מיט גוטען אפלאזען זיין גוטען הויזלעהרער. ביז ער איז פון איהם ארויס מיט א סקאנדאל (װי עס באשריבען איז אין ספר׳ל „חיי אברהם מאפו“ — די זאך איז ריכטיג, איך האב עס אליין פון איהם געהערט) אונ ער איז אנגעקומען אין קאװנא אויף דער שטעללע, אויף װעלכע ער איז פאר בליעבען כל ימי חייו. ער האט דאנן געהייראטהעט צום צװייטען מאל, אונ בעקומען א שאנע אונ זעהר גוטע פרוי װאס איז געװעזען פאססענד פאר איהם. דיעזע פרויא האט זיך פריעדליך געשיידען מיט א מאנן, נאכדעם װי זי האט מיט איהם אבגעלעבט 18 יאהר אונ קיין קינדער געהאט. מען האט צװאר גערעכנעט אז די מניעה איז פון איהר, נאר עס האט זיך ערװיעזען פארקעהרט. איהר ערשטער מאנן האט נאכהער געהייראטהעט א בתולה אונ פארט געבליבען אהן קינדער. זי אבער האט געבארען איהרעם צװייטען מאנן א שאן געראטהענע טאכטערל, אונ מען קען זיך פארשטעללען װי גרויס די שמחה פון דער אלטער־יונגער מוטטער איז געװעזען. דאס קינד איז טאקי ביי זיי געװעזען די אויג אין קאפ.

דאמאלס האט ער געדרוקט דעם אהבת ציון. דער נאמען אברהם מאפו איז געװארען בארירהמט אויף דער װעלט, כבוד האט ער געהאט פיעל, הייליכעס גליק האט איהם אויך ניט געפעהלט; געליעבט פון זיין גוטע פרוי, געליעבט פון אללע זיינע פריינדע אונ בעקאנטע, האט ער פערבראכט א גאנץ גוט לעבען. איין יונגערער ברודער פון איהם, ה׳ מתתיהו מאפו, אויך איין האכסט געבילדעטער מאנן, האט בעקומען א גוטע שטעללע ביי ה׳ גינצבורג אונ פלעגט דעם געליעבטען אלטערן ברודער שטיטצען מיט געלד, אז ער האט ניט בעדארפט זיך גאנץ אבגעבען מיט פריװאט־לעקציאנען אונ עס איז איהם געבליבען צייט צו שרייבען װערקע. ער האט געדרוקט דען ערשטען טהייל „עיט צבוע“ (תרי״ח — 1858) „שלל צבעים“ (תרכ״א — 1861) אין װעלכען ער האט מייסטערהאפט פארגעשטעללט דען שרעקליכען קאמפף (מלחמה) װאס איז אין יענער צייט געװעזען צװישען די פאנאטיקער מיט די משכילים, אונ די העטצעס אונ אינטריגעס װעלכע די צבוע־יאקעס האבען צװישען דעם יונגען מיטען אלטען דור געמאכט, אום דאס פייער נאך מעהר פאראנדער צו שארען. דארט האט ער ארויסגעװיזען װי װייט פעראכטעטע אונ מבוזה עס זענען איהם געװעזען די פוסטע משכילים, די קלאסע מיפקרים (די קינפטיגע אסימיליאטארען) װאס האבען דען נאמען פון השכלה פארפלעקט דורך זייער שלעכטע אויפפיהרונג. די צבוע־יאקעס האט ער געהאסט פיר װאס זיי מאכען די תורה פאר א סחורה אונ די אמונה פאר א מאסקע אויף צו באטריגען די װעלט; די מופקרים אבער האט ער פעראכטעט װי שענדליכע אויס־װירפע װאס פארפלעקען דעם נאמען פון בילדונג, װעלכע בענוטצען איהר נאר זיך צו ענטפרעמדען פון זייער נאציאן אונ זיך צו שעמען מיט דעם נאמען „יוד“. יעדער צופאלל, יעדע נייע פערזאן װאס איז איהם פארגעקומען, פלעגט ער בענוטצען אום עס אין זיינע װערקע צו חאראקטעריזירען. ער האט אבער אויך ניט געהאט די געװאוינהייט איבער־צו־שרייבען װאס ביי איהם איז ארויס פון דער ערשטער פעדער, אונ אז עס איז איהם צו־געקומען א נייעם חאראקטער צו שילדערן, פלעגט ער ארויסקלעבען נייע שטיקליך פאפיער אין זיין װערק אין די ארטער װא עס האט איהם געפאסט, דארט געדיכטער אויפשרייבען

וואס נאטהיג איז, אונ אזוי איז באלד צו־געקומען א נייע פערזאן, א נייע סצענע וואס איז גענומען געווארען פון דעם ווירקליכען לעבען.

אבער ווי שארף אונ שפיטציג זיין סאטירישע פעדער איז געוועזען צו שניידען אונ צו שטעכען די פאנאטיקער אונ די מופקרים צוגלייך, אזוי ווייך איז געוועזען זיין צונג אונ אזוי מילד איז געוועזען זיין כאראקטער אין אומגאנג מיט מענשען. ער האט גאר ניט געקענט הויך רעדין אונ איז ניע געוועזען אין כעס, אים געזיכט אונ אין די אויגען איז געלעגען אזוי א גוטסקייט, אזא אויפריכטיגקייט אונ פריינדליכקייט וואס איז זעלטען צו געפינען; אויף איהם קען מען באמת זאגען אז ער איז געוועזען אהן א גאלל. זיין פרויא איז אויך געוועזען גוט אונ שטילל פון כאראקטער. זי האט פאר איהם דאס לעבען געגעבען, זי האט איהם צוגעזעהן אונ אויפגעהיט ווי א מוטטער איהר קינד, ער האט זי אויך זעהר געליעבט. (זיי האבען זיך זאגאר געהייראטהעט אוים ליעבע), פון דער פרוי האט ער געהאט א מאכמעדיל, זעהר א שאן חנעוודיג גוטהערציגעס קינד. א שאנע קעצעלע מיט דעם קינד האב איך אמאל דארט צו־געזעהן בשעת איך בין געוועזען ביי איהם צו גאסט. עס איז געוועזען א שאנער יולי־טאג; מען האט זי פון פריה זעהר שאן אויסגעפוטצט אונ אוועק־געשיקקט ערגיץ אין א שולע (זי איז דאמאלס אלט געוועזען איאהר 6 אדער 7). עס האט ניט לאנג געדויארט איז זי געקומען צוריק כמעט גאנץ נאקעט, נאר עפים אין א פאאר שמאטעס איינגעוויקעלט. נאטירליך האבען מיר זיך אללע זעהר פערוואונדערט. די מוטטער האט זיך זעהר ערשראקען אונ זי געפרעגט וואס איז מיט איהר געשעהען? דא האט דאס מעדעל ערצעהלט, אז געהענדיג אין גאס האט זי אנגעטראפען איין ארעמע מעדעל, א שפאגעל־נייע יתומה, אין איינע יאהרען מיט איהר—האט זי אויף איהר רחמנות געקריגען אונ איהר אוועקגעגעבען איהר היטעלע מיטען פאראסאליק מיט די הענטשקעליך, הכל באשר לכל, אפילו דאס קליידל וואס זי האט אויף זיך געהאט! דער מוטטער האט עס שטארק פערדראסען אויף איהר לייכטזינן, אונ געזאגט: שטייטס, מיט אזוי א נאטור אז מע זאלל עס לאזען אזוי וואקסען וועט זיך דאך מיט איהר אויסלאזען גאט ווייס וואס פאר איין אונגליק!— זי האט גלייך געבראכט א רוטה אונ איז צוגעשטאנען צום פאטער ער זאל זי בעשטראפען, אז זי זאלל עס האבען צו געדענקען. ה׳ מאפו האט איינגעזעהן אז די מוטטער איז גערעכט, דערצו האט זי איהם אריינגעטריעבען אין א אמביציע, אז ער איז גאר קיין פאטער ניט, א קינד זעהט איהם קיין מאהל ניט סטראגע, דאריבער טוהט זי וואס זי וויל. ער האט זיך געמאכט א הארץ פון א שטרויענעם גזלן אונ האט גענומען דעם רוטה אין זיין האנד. דאס קינד האט ער אוועק געלייגט אויף דעם בענקעל אונ האט זיך צו געגרייט איהר אפ צו געבען דעם סדר... אבער נאך איידער ער האט איהר דעם ערשטען שמיץ געטאהן, האט ער מיט א אונמוטהיגע מינע ארויסגעלאזען דעם רוטה פון האנד, אונ האט דאס קינד געהייסען אויפשטעהן, פערענטפערענדיג זיך פאר אונז מיט די ווארטער: „וואס איז זי נעביך שולדיג אז די וועלט איז אזוי שלעכט?"

נאך א גרעסערע מילדקייט האב איך פון איהם געזעהן ביי איין אנדערע געלעגענהייט; א מין געדולד וואס איז גאר אונגלויבליך א מענש זאלל אזוי קענען זיין. די מעשה איז אזוי געוועזען:

מיר זענען אמאהל אבענדס געקומען פון א ווייטען שפאציערגאנג, קומענדיג צו איהם

אהיים האב איך מיך גלייך שלאפן געלייגט אויף די זאפהא נעבען וועלכער עס איז געשטאנען זיין שרייב־טיש וואס איז געוועזען מיין בעט אין דער צייט וואס איך האב ביי איהם קוואר־טירט. איך בין דאמאלס געוועזען זעהר מידע, ער אבער איז גראדע געוועזען זעהר מונ־טער אונ האט נאך גאר אין זינן ניט געהאט צו־בעט צו געהן. ער האט זיך אנידערגעזעצט נעבען מיר אויף דער זאפהא אונ מיר ערצאהלט זיין גאנצע ביאגראפיע. איך האב זי דרימ־מעלנדיג צו־געהערט אונ אויף א צעהנטען ווארט צו־געמרוקעט, ווייל איך האב זיך געשאמט איהם צו זאגען אז מיך שלאפערט אזוי שטארק, ענדליך בין איך איינגעשלאפען. אין א פאאר שעה ארום האב איך זיך אויף א ווייל ערוואכט. איך זעה: ער זיצט נאך נעבען מיר אונ איז פערטיעפט אין שרייבען. איך פרעג איהם ווארום ער זיצט נאך אזוי שפאט, ענטפערט ער, ער איז די נאכט אויפגעלעגט צו ענדיגן זיין ראמאן „אשמת שמרון“. נאטירליך האב איך איהם ניט געשטארט. איך האב מיר אזוי ווייטער געשלאפען אונ ער האט אזוי ווייטער געשריעבען. ווי לאנגע דאס האט געדויארט ווייס איך ניט, נור אז איך בין אויפגעשטאנען אין דער פריה, האב איך געפונען אויף דעם שרייב־טיש א בויגען פאפיער דיכט פערשריעבען אויף דריי האלבע־בויגענדיגע זייטען מיט א קליין שטיקעל נאך אויף דער פיערטען זייטע, ריין, שאן, אהנ־א אויסשטריך, אהנ־א שום פערעמארקע— דאס איז געוועזען די סצענע פון קרבן־פסח אין ירושלים, וועלכע איז אם ענדע פון צווייטען טהייל „אשמת שומרון“. פון „השמש ירדה בצל מעלות אחז בין הערבים“ [זייטע 221] ביז נאך די רעדען פון מיכה הנביא אונ ישעיה הנביא מיט חזקיה המלך, ווי דאס פאלק ענטפערט אין איין קול: „מגננו ראה אלהים והבט פני משיחך“ [זייטע 231]. איך לעז, איך שלינג די ווערטער, איך לעק די פינגער, איך קוועל גאר אן פון די געטטליכע בילדער וואס זענען דא, אין דער דאזיגער נאכט, פאר מיינע אויגען, ביי דעם גרויסען מייסטער געשאפפען געווארען! דער ווייל איז ער אויך אויפגעשטאנען אונ מיר זענען אריין אין עססצימער טרינקען טהעע. מיר האבען זיך פערשמועסט ווי געוואהנליך ביז ענדליך איז אויסגעקומען צו רייד וועגען דעם אשמת שומרון. איך האב מיך ניט געקענט ענטהאלטען איהם צו דאנקען פיר די בילדער־רייכע דאר שטעללונג פון דעם נאציאנאל־פייערטאג אין ירושלים. דערביי שטעה איך אויף אונ געה אין קאבינעט צו ברייגען דאס געשריעבענע וואס איז דארט ליעגען געבליבען. איך קוק אויף דעם שרייב־טיש, איך זוך אונטער איהם— דאס פאפיער איז ניט דא! איך געה אריין צוריק אונ פרעג איהם. אפשר האט ער עס גענומען? ניין, ער האט עס נאך אפילו ניט אנגעקוקט. דערווייל איז זיין פרויא אריין אין צימער. „איז מארטהא נאך צו הויזע?“ — פרעגט ער ביי איהר. „ניין, זי איז אוועק אין גאס“— ענטפערט די פרוי. „דו מוסט דיך, מיינע ליעבע, בעמיהען אונ זי איינהאלען— זי האט שוין ווידער עטוואס ביי מיר וועקגעשנאפט“. דאנן ערשט האט מיר ה' מאפו ערצאהלט פון מארטהען־זייער יודישעם דיענסטמאדכען וואס פאר א פלאנגע־גייסט זי איז פיר איהם. זי איז געוועזען א האלבע דייטשקע [זי איז צו זיי אנגעקומען פון פרייסישען גרעניץ], טריי אונ בראוו אונ טיכטיג צו דער ארבייט, אללעם אים הויזע האט געשפיעגעלט פון איהרע האנד, נאר איין פעהלער האט זי געהאט וואס איז אונמעגליך געוועזען זי אבצוגעוואהנען דאפאן: זי פלעגט נאמליך צו נעהמען ווא זי האט נאר געפונען א פארשריבען פאפיר, אונ אויסקעהרען מיט דעם מיסט אדער אויסלעגען אין קאשיק ווען זי איז ארויס אין שטאדט נאך פאקופקעס פיר די קיך. וואס מען האט איהר מיט גוטען אונ מיט בייזען געהאקט אין קאפ אריין זי זאל זיך ניט אנרירען אונ קיין פאר־

שריעבענע פאפיער, האט אלץ נישט געהאלפען; איהר מוח האט נישט געקענט בער־גרייפען וואס זענין עס פאר א מין מענשען, אז פארשריעבענע פאפיער, „אבגענוטצטעס“ ווי זי האט עס גערופען) זאל מען זאלעווען? זי האט זיי טאקי נישט געהארט, אונ קוים האט זי געפונען אין קאבינעט פארשריעבענעס פאפיער, האט זי עס גלייך אויפגערוימט, ארויס געקעהרט אדער אין איהר קאש אויסגעלעגט, אויפען ארט האט זי עס בשום ענין וואופן ניט געלאזען ליעגען. — אינדעם איז די מאדאמע געקומען צוריק מיט מארטהען, מיט דעם גזלן; אין קאש איז געלעגען פלייש, אונ אונטער דעם פלייש זענין טאקי געלעגען די ביידע נביאים, מיכה מיט ישעיהו צו זאמען מיטען מלך חזקיהו, דורכאויס אין בלוט בעפלעקט אונ פארשמיערט, אז עס איז מיר געוועזען שמערצליך אונ קאמיש צוגלייך. דיזעלבע מיענע איז אויך געוועזען צו לעזען אויף מאפוי'ס געזיכט, ער האט געקוקט אויף איהר ווי אויף א גזלן, וואס איז אנגעשטאנען אויף זיין לעבען, אונ דער גזל האט זיך ביי איהר צום טויזענדען מאל געבעטען, ער וועט איהר געבען וועליך פאפיער, פאסט־פאפיער, הכלל—דאס פיינסטע פאפיער פון דער וועלט, נאר זיינע פאר־שריעבענע זאל זי ניט משפען. איך האב אויך זיך אריינגעמישט אונ זיך גענומען איהר ערקלערען, אז די פארשריעבענע פאפיער פון איהר העררן טאר זי ניט אנריהרען, זי בעגעהט דער מיט א שרעקליכעס אונרעכט „ניט נאר געגען איהרע הערשאפטען, נאר געגען דער גאנצען וועלט“. זי האט אבער אויף מיר אנגעשטעללט א פאאר אויגען, אין וועלכע עס איז געוועזען צו לעזען: עפיס נאך א משוגענער האט זיך אפגעזוכט אויף מיינע צרות, וואס וויל דער האבען פון מיר?!“ איך האב זיך שטארק צולאכט, אונ דער ביי איז עס געבליעבען, — ניט איין טהייערער קאפיטעל פון מאפוי'ס פערפאססונגען זענין אויס־געקעהרט געווארען מיט דעם מיסט פון הויז אדער אוועגגעוואנדערט ערגיץ צו א קצב אדער צו א פישער—אונ עס האט זיך שוין מעהר ניט אפגעזוכט!

אינדעם זענין אימער נייע ווערקע פון איהם ערשיענען, אין קירצערע אדער לאנגערע פעריאדען [צייט אבשניטע] זענין ארויס די איבריגע טהיילע „עיט צבוע“, ביידע טהיילע „אשמת שמרון“, אויך פעדאגאגישע שריפטען, מעטהאדעם וואס ער האט זיי אליין ערפינדען אלס לעהרער אונ בענוטצט, דער „חנוך לנער“, (פיר אנפאנגער אים העבראישען), אונ דער „הויזפראנצאזע“ (פיר אנפאנגער אים פראנצאזישען). ווען עס האט צוגעפעהלט געלד, האט דער ברודער ה' מתתיהו מאפו געשטיצט, — דאך האט זיין רוהיגעס גליקליכעס לעבען ניט לאנגע געדויערט. זייט דאס קינד איז געבארען געווארן האט אנגע־פאנגען די פרוי צו קרענקלען, אונ מיט דער צייט האט זיך איהר קראנקהייט אימער מעהר געשטארקט אונ זי אימער מעהר אבגעשוואכט. דאס איז געוועזען א פאלגע פון די פיעל רפואות, מיט וועלכע די דאקטורים האבען זי געקארמעט פאר איהר ערשטען מאנן, ווען מען האט געמיינט אז די מניעה וואס זי האט קיין קינדער ניט איז פון איהר. ניט זינדיג איז שוין דער מענש וואס זיין פערדיענסט איז א אויסגערעכנעטער, אז עס שיקט זיך איהם צו איין עסק'ל מיט דאקטורים אונ אפאטהעקען! אונזער האבגעעהרטעס פובליקום האט זיך בער־גאנגען געגען איהם זא דאנקבאר ווי געגען אללע אונזערע גרויסע מענשען. א גאנצער דור האט זיך פון איהם געבילדעט; דאקטארין אונ פיעלע יוריסטען אין פערשיעדענע אוניווערזיטעטען ... מונדירען אונ משיגען האבען איהם געהאט זייער ערשטעס וויסען אונ שטודיום צו פער־

דאנקען, נור קוים האבען זיי זייער קאריערע געמאכט, האבען זיי זייער גוטען לעהרער אזוי גלייך אין זינן געהאט ווי זייער גאנצע אומה ... פיעלע פון זיינע תלמידים זענען געוועזען גבירים, קצינים, באנקיערען, נור דיענענדיג דעם גילדענעם עגל האבען זיי פערגעססען די גוטע לעהרע מיט דעם לעהרער צו זאממען, אללע יונגע העבראישע לעזער און שרייבער האבען דען נאמען "מאפו" פערגאטטערט, דורך זיינע ווערקע האט ער אין זיי אנגעצונדען א הייליג פייער, איינגעפפלאנצט א טרייע ליעבע צו לשון־קודש — אונזערע אלטע מוטטער־שפראכע, און צו ארץ ישראל — אונזער אלטעם פאטערלאנד; מען קען מיט בעשטימטהייט זאגען, אז די אללע היינטיגע העברעער וואס זענען פערברענט פאר זייער נאציאנאליטעט און פאר דאס הייליגע לאנד פון אונזערע עלטערן, מיט איינעם ווארטע: אללע אונזערע היינטיגע אמת'דיגע פאטריאטען האבען זייערע געפיהלע געשאפפט נאך אין דער יוגענד פון "אהבת ציון" פון "אשמת שומרון", פון די שאנע האכסט אינטערעסאנטע בעשרייבונגען דעם הייליגען לאנדעס "עוזיאל'ס בריעפע" אין "עיט צבוע". מיט־געפיהל, ליעבע, פערגאטטערונג האט מאפו געהאט פון אללע זייטען, נור — קיין געלד. ארום צו פאהרען מיט זיינע ווערקע אויף דער וועלט, שנארען ווי אנדערע יודישע מחברים — איז איהם ניט אנגעשטאנען, און אז ער האט צו־געשיקט זיינע ספרים צו וועלכע בעקאנטע און פריינדע, האט ער אויך ניט פון אללע צוריק־בעקומען זיין געלד. פערדיענט האט ער אין דעם געשאפט געוויס ניט, ער האט נור צו־געלייגט זיין מיהע, זיין געזונד, זיין רוהע ביי־טאג, זיין שלאף ביי־דער נאכט, ער איז געווארן צו־פיעל אבהייניג פון זיין ברודערס הילפע — און דאס האט איהם זעהר געקרענקט. דער ברודער, אלס פראקטישער מענש, האט פון איהם געפאדערט ער זאלל אויפהערען צו שרייבען, און ליעבער פערשאנען זיין געזונד, זיין לעבען; אבער איז דען מאגליך א ביען זאלל זיך איינהאלטען, ניט געבען איהר האניג, ווען די נאטור האט זי איינמאהל דערצו בעשאפען זי זאלל נור אומפליהען צווישען בלומען און זאממעלן איהר זיסען האניג פאר לייטען? —

אויסער די מאטריעללע ליידען וואס ער האט לעטצטערע צייט געהאט, איז איהם צו־געקומען א מאראלישעם ליידען, אזא לייד! — וואס האט איהם געקרענקט אין לעבען אריין. ער האט געשריעבען א ווערק "חוזי חזיונות" אין 10 טהייל, דער פלאן איז געוועזען א גראסארטיגער: בעשרייבען די עפאכע פון "גזירת ת"ח", פון די הריגה וואס איז געוועזען אויף אונזערע יודען אין חמעלניצקי'ס צייטען, אין וועלכער צייט עס האט זיך באוויזען אין מזרח־לאנד דער "שבתי צבי", דער פאלשער משיח, וואס האט פיעלע פון אונזערע יודען פארפיהרט און געבראכט אין נאך גרעסערע אונגליקען. אויסער די שרעקליכע סצענעס וואס זענין דאמאלס פארגעפאללען, האט ער געוואלט בעווייזען געשיכטליך ווי עס האט דער נאך, אלס פאלגע פון יענער עפאכע, דער חסידיזמוס ביי אונז ענטוויקקעלט און פערברייטערט ביז אויף היינטיגען טאג. דער פון זענין געוואהר געווארען מענשען וואס זיי האט עס זעהר נוגע געוועזען ... און דורך פערמיטטלונג פון א געוויססען העררן ז...ג וואס איז דאמאלס געוועזען א גאנצער קאכלאפעל אין פעטערסבורג, איז אויסגעווירקט געווארען א פערבאט [איסור] דאס ווערק צו דרוקען. ה' מאפו איז אבער געוועזען זעהר בעליעבט ביים דאמאליגען מיניסטער דער אויפקלארונג, ה' נאראוו (ער האט פערשטאנדען העבראיש און האט ה' מאפו זעהר געשאטצט פיר זיינע ווערקע), האט ער איהם צו־געשיקט

דאס מאנוסקריפט. ער זאל זיך אליין איבערצייגען אויב דאס ווערק פערדיענט מען
זאל עס פערבעסערן. די אינטריגע פון יענעם צד אבער האט אזוי געווירקט אז דאס
מאנוסקריפט אליין איז אויך צו גרונדע געגאנגען. ער האט עס שוין מעהר ניט צוריק
געזעהן. אין די בריף צו זיינע גוטע פריינד האט ער זינט דאמאלס ניט אויפגעהערט אויף
די גרויסע אבידה צו טרויערן. ער איז געווארען ליידענד. די פרוי איז וואס א מאהל
געווארען קראנקער: נור צוויי פאללע האט ער נאך געהאט צו יענער צייט וואס זיי האבען
איהן עטוואס אויפגעמונטערט און זיין גייסט אויפגעהויבען. זיין זאהן האט געענדיגט
דאס דאקטאר-שטודיום און האט גלייך בעקומען א שטעללע צו זיין קרייז ארצט [אויעזדני
וראטש] אין טעלזש [קאוונער גובערניע]. איהם אליין האט דער ברודער אויף איינע צייט
איינגעלאדען נאך פעטערסבורג, ער זאל זיך עטוואס ערהאלען. ער האט זיך ווירקליך
דארט ערהאלט, פון דעם איינדרוק וואס די וועלט-בעריהמטע שטאדט האט אויף איהם
געמאכט האט ער זיך נישט געקענט זאטט אפשרייבען אין די בריעפע צו זיינע פריינדע.
די געזאנגע אים אפערן-הויז האבען איהם ערינערט זיינע יונגע יאהרען, ווען ער האט
אזוי געליעבט צו הערין געזאנג און אלעס מיט זיין שאנער סימפאטהישער שטיממע
נאכצוזינגען. פון מאיר בעערס אפערע „פראפהעט" איז ער געוועזן ווי אויפען זיבעטען
הימעל. איין מאטיוו איז געוועזן זיין ליעבלינגס-געזאנג, וועלכער פלעגט זיך ביי איהם
גאר ניט ווילענדיג ארויסזינגען, וועגן ער האט זיך נאר עפיס פארטראכט. זיינע ערהאלונג
איז אבער געוועזן נאר אויף א צו קורצע צייט. די צרות און יסורים האבען זיך גובר געוועזען
אויף דעם גוטען ליעבהערציגען ה' מאפו. זיינע געליעבטע פרוי איז איהם ענדליך
געשטארבען. ער איז געבליבען עלענד און פערלאססען, אהן א פריינדין, אהן א ווירטהין,
און אהן א מוטטער פיר זיין קליינע יתומה. צו זיינער אללגעמיינען קראנקליכקייט האט זיך
איהם צוגערוקט א נייער מין יסורים, א זעלטענע קראנקהייט וואס טרעפט נאר די מענשען
וואס שטרענגען זיך צו פיעל אן אין שרייבען, מען רופט עס „שרייבער-קראמפף" [א
שטארקער וועהטיג און קארטש אין די מוסקעלן פון די שרייבע-פינגער האלטענדיג די
פעדער אין האנד] דער צו איז נאר איין מיטטעל פארהאנדען: אוועק ווארפען די פעדער
און זיך אבהאלטען פון שרייבען. נאר ביי מאפו'ן אוועק ווארפען די פעדער איז געוועזן
דאס זעלבע ווי אפ זאגען זיך פון א גוטען פריינד, ווי אויפהערען עססען, טרינקען,
אטהמען, לעבען. שרעקליך איז געוועזן צו זעהען זיין כתב אין דער לעטצטער צייט
וואס ער האט געשריעבען אין יסורים און וועהטיג, וועגן איהם האט געקרעמפפט
די האנד, ווען עס האט זיך איהם געקארטשעט יעדער מוסקעל, יעדעס אדעריל
פון די פינגער; נאך שרעקליכער איז געוועזען צו זעהן זיין כתב ווען ער האט זיך נעבעך
געמיטעלט צו שרייבען מיט דער לינקער האנד [אזעלכע בריעף געפינען זיך ביי מיר איינינע
פיר איין היילינעם אנדענקען]; אבער נאך גרעסער זענען געווארן זיינע יסורים אלס ער האט
בעקומען א שטיין-קראנקהייט! זוממער 1867 [תרכ"ז] האט איהם זיין ברודער איינגעלאדען
צו פאהרען צו איהם אין פאריז, צו זעהן די גרויסע וועלט-אויסשטעללונג וואס איז יענעם
יאהר דארט געוועזען. נור אנשטאט דער רייזע נאך פאריז איז ער געפאהרען נאך קאניגס-
בערג זיך דארט צו אפערירען. דארט איז ער וואס אמאהל געווארן קראנקער און קראנקער
אז ער האט שוין נישט געקאנט אבפאהרין. דאך איז ער דארט ניט ליידיג געזעססען— ער
האט דארט אבגעדרוקט זיין צווייטע העברייאישע מעטהאדע „אמון פדגוג", וואס ער האט

איהר פראקטיצירט אים לעבען אלס לעהרער . דאס איז געוועזען זיין לעטצטעס ווערק . זיינע לעטצטע לייסטונג פיר זיין געליעבטעס פאלק. דאנן זענען די יסורים געווארען אזוי גרוים אז ער האט שוין ניט געקענט פון בעט אראפ געהן , אונ יום כפור תרכ"ח , אין דעם ריינען געלייטערטען יודישען טאג , איז איהם די ריינע געלייטערטע יודישע נשמה ארוים ! געדולדיג אין זיינע יסורים איז ער אוועקגעשטארבען גאנץ רוהיג . זיעס איז איהם געוועזען אין זיינע לעטצטע מינוטען צו־הערען די געזאנגע פון דעם בערירהמטען קאניגס־בערגער־חזן, ר' אלטער ווײנטרויב [ז"ל] , וועלבער האט מיט איהם כמעט די גאנצע צייט צו־געבראכט . הערענדיג דעם זיסען יודישען זאנגער , האט איהם נאך אפגעשטראהלט זיינע אונשולדיגע יוגענד . ווענן זיין גרעסטעס פערגניגען איז געוועזען א גוטען חזן צו הערען— אונ ווי א שטילל אונ רוהיג קינד האט עם דאס שטיללען גוטען מענשען איינגעוויגט צום אייביגען שלאף . זיין נאמען אבער בלייבט אונפערגעסליך , דורך זיינע טהייערע ווערקע בלייבט ער אונשטארבליך אונ אונפערגאנגליך לדורי דורות .

---

# אנמערקונג פון N. N.

אין יאהר תרכ"ו [1860] בין איך צו פאלליגער ווייזע געוועזען אין קאוונא , אין דער צייט ווען דארט איז געשטארבען דער גרויסער סופר ומשכיל וירא אלהים באמת ר' יהודה אידל שערשעווסקי , ער איז געשטארבען גראדע אום יום כפור , צו דער לויה איז געקומען אויך דער קראנקליכע ה' מאפו . עטליכע פיינע יונגע לייט וואס דער נפטר איז ביי זיי זייער טייער געוועזען , זענין געגאנגען צו דעם דאמאליגען קאוונער רב אונ האבען איהם געבעטען צו זאגען א הספד לכבוד המת . אהין , אהער , דער רב איז געקומען אונ האט געזאגט—עפים אזוינס , ווי א הספד .

דער נאמען מאפו איז מיר געוועזען גוט בעקאנט , איך בין אליין געוועזען איין עדות , ווי א געוויסער יונגער מאנן וואס איז געוועזען בעקאנט אונטער דעם נאמען נ...קע דער עלוי , איז שיער דורך איהם , מאפו , אונגליקליך געווארען , פארשטעהט איהר , די מעשה איז : מע האט געביך אט דעם זיידינען עלוי געהאפט , רחמנא ליצלן , סאם נא סאם , ווייסט איהר מיט וועם , ניין—מיט וואס ? — מיט דעם ... איך שרעק מיך נאך איצט עם אנצורופען—מיט דעם „אהבת ציון" ! אין שטעדטיל—דארט מאכט מען טליתים—איז געווארען א גערודער , וואס איהר קענט אייך ניט פארשטעללען . תיכף ומיד זענין אוועק 2 לאנגע בריעף : איין בריעף אין דער שטאדט א... צום פאטער פון דעם טה י ע ר ן עלוי, אונ דער 2 טער בריעף צו איהם אליין , פארשטעהט איהר , צום מאלנער צדיק זכרונו לברכה. נאר ניט דאס בין איך אויסען—איך וויל נור זאגען אז דער נאמען מאפו איז מיר אלזא געוועזען גוט בעקאנט , איך האב מיך איהם דא פארגעשטעלט אונ מיר זענין אין איין פאר מינוטען בעקאנט , איך קען אפילו זאגען , בעפריינדעט געווארען .

ווי געפאללט אייך דער ק ל א ג ע ד י ג ע ר הספד ?—האב איך געפרעגט :

איהר האט פאללקאממען רעכט האט ער מיר געענטפערט—עס איז טאקי באמת

אַ קלאָגעדיגער הספד, ער טויג אַזוי אויף קלאָג אַז מען וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט אויף דעם הספד אַלליין זאָגען אַ הספד... ווייסט איהר וואס מיר איז איינגעפאַללען? מיר דאַכט זיך אַז דער רב מוז זיין אַ גלגול פון יחזקאל הנביא... געדענקט איהר דעם פסוק: בן אדם הנני לוקח ממך את מחמד עיניך במגפה, ולא תספוד ולא תבכה, ולא תבוא דמעתך, וד״ה מענשענזאָהן. איך וועל ביי דיר אַוועק געהמען דורך אַ מגפה דאָס טהייערסטע פון דיינע אויגען, און דאָך זאָלסטו ניט מאַכען קיין הספד, ניט וויינען און קיין טרער ניט לאָזען. גאָטט ברוך הוא מיין איך האָט גוט געוואוסט, אַז יחזקאלים הספד וועט זיך ניט אַזוי איינגעבען ווי עס געהערט צו זיין, לכן האָט ער איהם געשאַפט: בעסער שווייג, קלאָג ניט, וויין ניט און מאַך קיין הספד ניט. אונזער רב זאָלל לעבען, האָט געביך ווי מען זעהט, זיך ניט דער מאָנט אין יענעם פסוק און האָט גאָר פאַרגעסען אַז אויף אַזאַ אַ טהייערן מאַנן ווי ר׳ יהודה אידל שערעשעווסקי, איז ער ניט קיין מייסטער אַגוטען הספד צו מאַכען.

מיר איז טהייער דאָס אַנדענקען פון דעם זעליגען ה׳ מאַפו וויא אויך פון ה׳ שערעשעווסקי, איך ערלויב מיר דאַרום צו ביטטען דען געעהרטען מאסף פון „הויזפריינד״, ווען עס וועט איהם ניט זיין צוּווידער, דיעזע קליינע ערינערונג צו פעראָפפענטליכען.

דער ערשטע לעזער פון „הויזפריינד״

*

אַז סע פלעגט צו־טרעטען פאַר־צייטען:
אַ שלעכטער ביטערער טאָג אַ מאָהל—
„אָ פיהר אונז!״ פלעגען שרייען לייטען,
צום נביא, שרייען אָהן אַ צאָהל.

אַך! היינט בעדאַרף מען אויך ניט קוועללען,
הערום איז פינצטערניש און קאַלט—
אומזיסט וועט דאָך אַ נביא וועללען,
עס זאָל איהם נאָכגעהן די וועלט.

ס. אבראמאָוויטש

# מיין צוואה*

כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו
ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳
לעשות צדקה ומשפט.
[בראשית יח יט]

איך מוז פון דער וועלט באלד זיך שיידען,
איך געה אין מיינעם אייביג רוה,
מיט דיר מיין קינד וויל איך וואס ריידען,
טא קום אהער און הער זיך צו.

—

געלערנט האב איך דיר גאנץ גענוג
פיל גוטע לעהרע, פיינע זיטען,
דיין הארץ איז גוט; דיין קאפ איז קלוג,
מיין לעהרע וועסטו בודאי היטען.

—

עס איז נאך וואס ביי מיר געבליבען,
צו זאגען דיר אין דער לעטצטער שעה,
איך האב עס דיר דא אויף געשריבען—
טא זעה־שע וואס איך שרייב דיר דא.

—

א „יוד" ביזטו מיין קינד געבאהרען,
טא בלייב א יוד, נאר גוט און פיין
דער נאמען יוד פון טויזענדע יאהרען
זאל דיר קיין מאהל קין חרפה זיין.

—

חאטש דו וועסט זיין אין גרעסטען שטאנד,
זאל דיך דיין נאמען יוד ניט ארגען,
פיל מענשען מאכען איהם צו שאנד;
גלויב מיר זיי זענען ווילדע נארען.

* געשריעבען פון א פאטער צו זיין זאהן וואס שטודירט אין אוניווערזיטאט.

—

סְ'אִיז טַאקֶע נִיט נָאהֶענְט , סְ'אִיז נָאךְ וַוייט ,
וָואס וֶועט אַ מָאהל גָאר זַיין פֶערקֶעהרְט .
עֶס מוּז אַ מָאהל נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט ,
דָער נָאמֶען יוּד וֶועט זַיין גֶעעֶהרְט .

—

דָער נָאמֶען יוּד אִיז אוּנְזֶער עֶהרֶע ,
דֶער נָאמֶען קָאסְט אוּנְז זַייעֶר טְהַייעֶר ;
עֶר קָאסְט אוּנְז צָרוֹת, גְזֵרוֹת שְׁוֶועֶרֶע ,
אִיבֶּער אִיהם הָאבֶּען מִיר גֶעבְּרֶענְט אִין פַייעֶר .

—

אוּנְזֶערֶע יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה זָאלסְטוּ הַאלְטֶען ,
נָאר קְלָאר אוּנ רֵיין וִוי דוּ פֶערשְׁטֵייכְט .
אִין הַארְצֶען זָאלסְט דוּ זִי בֶּעהַאלְטֶען ,
זִי וֶועט דִיר תָּמִיד זַיין צוּם טְרֵייסְט .

—

דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אִיז קְלָאר אוּנ רֵיין ,
אַזוֹי וִוי דֶער בְּלָאהֶער הִימֶעל רֵיינֶער ;
נָאר עֶס קֶענֶען נִיט אַלֶע זִי פֶערשְׁטֵיין ,
פוּן צֶעהנטוֹיזֶענְד פֶערשְׁטֵייט זִי אֵיינֶער .

—

אָט נָאר דֶער אֵיינֶער וָואס פֶערשְׁטֵייט ,
אַז אוּנְזֶער אֱמוּנָה הָאט אַיין יְסוֹד ,
אוֹיף וָואס אִין גַאנְצֶען זִי בֶּעשְׁטֵייט —
דָאס קֶען נִיט וִויסֶען דֶער פְרָאסְט נַארָאד .

—

דִי רֵיינֶע רֶעלִיגְיָאן אִיז גָאטֶעס רִינְג ,
וָואס אַלֶע אוֹצְרוֹת הָאבֶּען נִיט זַיין וֶוערְטְה .
דָער וָואס פֶערקוֹיפְט אִיהם, שֶׁאצְט אִיהם גְרִינְג ,
דָעם אִיז קַיין רוּהִיג לֶעבֶּען בֶּעשֶׁערְט .

—

זָאלל דִיר זַיין הַיילִיג אוּנְזֶער תּוֹרָה,
אַיין כְּלַל הָאט זִי סְ'אִיז מָלֵא חֵן,
אַ כְּלַל: אוֹיבּ הָאסְט פַאר גָאטט נָאר מוֹרָא,
הָאבּ לִיעבּ אַ מֶענְשֶׁען ווִי זִיךְ אַלֵיין.

—

דוּ זָאלְסְט נָאר הִיטֶען, נִיט אוֹיס-מַיידֶען,
דֶעם כְּלַל וָואס אִיךְ זָאג דִיר מַיין זוּהן:
וָואס דוּ ווִילְסְט נִיט פוּן יֶענֶעם לַיידֶען,
זָאלְסְט דוּ עֶס יֶענֶעם אוֹיךְ נִיט טְהוּן.

—

אוּנְזֶער תּוֹרָה'ס כְּלַל אִיז לַאנְג בֶּעקַאנְט,
פִיעל פֶעלְקֶער ווֶייסֶען לַאנְג אִיהם שׁוֹין.
אָט זֶעה מַיין קִינְד נָאךְ אַיין בְּרִילַאנְט
אִין אוּנְזֶער תּוֹרָה, אוּנְזֶער קְרוֹין!

—

דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט אִיז גָאטטֶעס הוֹיז,
צוּם פְרַייֶען לֶעבֶּען אִיז זִי בֶּעשְׁטֶעלְט;
דִי אַללֶע מֶענְשֶׁען קְלַיין אוּנ גְרוֹיס,
אַיין פְרַאווֶע הָאבֶּען זֵיי אִין דֶער ווֶעלְט.

—

טָא גִיבּ אָפּ כָּבוֹד דֶעם אָרֶעמַאן,
אַזוֹי ווִי עֶר ווָאלְט זַיין גַאנְץ רַייךְ,
פַאל נִיט אַרָאפּ פַאר דֶעם רַייכֶען מַאן,
ווָארֶעם אַלֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען גְלַייךְ.

—

אוֹיךְ דֶעם וָואס טְהוּט דִיר דַיין מְלָאכָה,
עֶר טְרָאגְט דִיר וַואסֶער, עֶר הַאקְט דַיין הָאלְץ.
גִיבּ אָפּ זַיין שָׁלוֹם אוּנ זַיין בְּרָכָה,
פֶערַאכְט אִיהם נִיט, דוּ זַיי נִיט שְׁטָאלְץ.

—

דֶען נַארֶען זָאלסְט דוּ נִיט פֶערַאכְטֶען,
דוּ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם ווִילְדֶען;
ווִי בְּרִידֶער זָאלסְט דוּ זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען:
מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען, מֶען דַארְף זֵיי בִּילְדֶען.

—

טְהוּן טוֹבוֹת מֶענְשֶׁען ווֶעדְלִיג דַיין פֶערְמֶעגֶען,
מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען זָאלסְט דוּ בֶּעגֶעהרֶען,
נָאר טָארְסְט דֶערְבַּיי גָאר קַיין מָאהל פְרֶעגֶען,
צוּ ווֶעלְכֶער אֱמוּנָה זֵיי גֶעהֶערֶען.

—

אֲפִילוּ דֶעם אָרֶעמֶען צִיגַיינֶער,
מוּזְט דוּ אִיהם הֶעלְפֶען אִין זַיין נוֹיט
עֶר אִיז אַמֶענְשׁ, אַבְּרוּדֶער דַיינֶער,
דוּ גִיבּ אִיהם וַואסֶער, גִיבּ אִיהם בְּרוֹיט.

—

כְּ'הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אוּנ זָאג דִיר ווִיעדֶער,
דוּ זַיי אַ יוּד, נָאר ווֵייס פֶערְשְׁטֵיי,
אַז אַלֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען בְּרִידֶער,
אֵיין גָאט אֵיין פָאטֶער הָאבֶּען זֵיי.

—

בֶּעטְרַאכְט מַיין קִינְד אוּנ גוּט בֶּעדֵיינְק,
אַלְצְדִינְג ווָאס אִיךְ זָאג דִיר אִין לִיעד,
אֵיין כְּלַל הָאסְט דוּ דָא נָאר גֶעדֵיינְק:
דוּ זַיי אַ מֶענְשׁ— נָאר זַיי אַ יוּד.

מיכל בראָ"ד גאָרדאָן

—

# מַיין לֶעבֶּענְס צַייט

פֿון מוטֶערְס לַייבּ בִּין אִיךְ אַרוֹיס ׳
מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁרַייא , מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין.
אָבֶּער אִיצְט אִין דֶרְערְד, מַיין אֵייבִּיג הוֹיז ,
וִוילל אִיךְ גַאנְץ שְׁטִילל אוּן רוּהִיג גֵיין.

—

אַזוֹי וִוי דוּרְךְ אַיין אָפֶּען טִיהר,
אַרוֹיס אִין גַאסס פֿוּן אֵיינְגֶען שְׁטוּבּ,
אַזוֹי גַאנְץ רוּהִיג גֵיי אִיךְ מִיר ,
אַרָאפּ פֿוּן בֶּעט אַרַיין אִין גְרוּבּ.

—

אֶט בַּאלְד אִיז מַיין קוּרְץ לֶעבֶּען אַוֶועק ,
אֶט בַּאלְד קוּמְט אָן זַיין לֶעטְצְטֶע שָׁעָה ,
נִיט לַאנְג זַיין אָנְהֵייבּ אוּן שׁוֹין זַיין עֶק ,
אֶט עֶרשְׁט גֶעוֶוען אוּן בַּאלְד נִיט דָא .

—

מִילְיָיאנֶען יָאהְרֶען זֶענֶען פֶערשְׁוואוּמֶען ,
אֵיידֶער אִיךְ בִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעוֶוען,
מִילְיָיאנֶען יָאהְרֶען וֶועלֶען אָנקוּמֶען ,
אוּן אִיךְ וֶועל מֶעהר דִי וֶועלְט נִיט זֶעהְן.

—

עֶס טוּהט אַמָאהל פֿוּן יַם אַ שְׁפְּרִיץ ,
אַ טְרָאפֶּען וַואססֶער פַאר׳ן זוּנֶענְשַׁיין ,
אוּן פַאלְט גֶעשְׁוִוינְד אַזוֹי וִוי אַ בְּלִיץ ,
צוּרִיק אַרָאפּ אִין יַם אַרַיין .

—

אַזוֹי אִיז גְלַייךְ מַיין קוּרְצֶע לֶעבֶּענסצַייט ,
אַזוֹי אִיז גְלַייךְ מַיין גְלֶענְצֶענְד לֶעבֶּענְסְגְלִיק
עֶס גֵייט גָאר פְלוּצְלִינְג אַרוֹיס פֿוּן אֵייבִּיגְקַייט,
אוּן פַאלְט אִין אֵייבִּיגְקַייט גֶעשְׁוִוינְד צוּרִיק.

מיכל גאָרדאָן.

# דאס יודישע קינד.

טיף בעגראבען אין דער פינסטער,
וויט פון לופט און ליכט—
זעהסט דו דארט דעם בלינדען ווארעם,
ווי ער קריכט?

אין דער ערד איז ער געבוירען,
און בעשערט
איז איהם אייביג, אייביג קריכען
אין דער ערד...

ווי א ווארעם אין דער פינסטער,
שוואך און שטום און בלינד—
לעבסט דו אפ די קינדהייט'ס יאהרען,
יודיש קינד!

אויף דיין וויגעל זינגט די מאמע
ניט קיין ליעד
פון א רוהיג-שטיללען לעבען,
פרייהייט, פריעד,

פון די גארטענער, פון די פעלדער,
וואו דאס פרישע קינד
שפיעלט און פרייט זיך פריי און לוסטיג,
ווי דער ווינד.

ניין! א קוואל פון טיפען יאמער
רוישט און קלינגט...
אוי, ווי ביטער איז דאס ליעד'על
וואס זי זינגט!

טיפע זיפצען, הייסע טרערען
מיט א שטארקע מאכט
קלינגען, רוישען אין דער ליעד'ל
טאג און נאכט.

טיפע זיפצען, הייסע טרערען
הונגער, קעלט
שלעפען זיך מיט דיר צו־זאממען
אויף דער וועלט.

און פון וויעג'על ביז צום קבר
אויף דעם לאנגען וועג
וואכסען גאנצע וואלדער צרות
אהן א ברעג...

ש. פרוג

# דער גט.

## א קאמעדיע אין 3 בילדער.

### פון שלום עליכם.

## פערזאנען:

שרה־חנצי — איין אשת־חיל פון א יאהר 40

אובן־הערש — שרה חנציס איהר מאנן אויך אין די יאהרען; א יוד א יודע ספר.

עטעלע — זייער טאכטער. א שאן ווייבעל פון א יאהר 18.

מאטעלע — זייער איידעם. א פיינער יונגערמאנטשיק פון א יאהר 19.

לוי־בנימין — מאטעלעס א חבר. א יונגער מאנן — א משכיל

ר׳ שלום שדכן — א יוד א שדכן.

ר׳ ארקע — דער רב פון דעם שטאדטעל.

פרומע — די רביצין.

ר׳ זכריה — א סופר, א הויכער יוד מיט א גרינע שאל שטענדיג.

יודעל דער שמש — א ריהרעוודיג יודעל, אויף וועלכען עס שטעהט דאס גאנצע שטאדטעל.

צוויי עדות.

א מנין יודען.

---

עס קומט פאהר אין דעם 19-טען יאהר—הונדערט אין א קליין פוילעש שטאדטעל, וועלכס שטעהט ביי דעם ברעג טייך, אויף וועלכען עס געהט ניט קיין אקרענגטען מיט קיין שיפען מיט קיין קליינע שיפעלאך, און א חוץ ראקעס, זשאבעס מיט שקצים ורמשים געפינט זיך דארט ניט קיין שום פיש אויף דער וועלט, ניט קיין כשרה און ניט קיין טרפה; פולל עהרליכע יודען און א סך פרוממע ווייבער זענען זיך טובל ומטהר אין דער דאזיגער בלאטע מיט דעם גאנצען רצון און מיט גרויס כונה, און אללע קונדייסים מיט די ווייסע חברה׳ניקעס ליגען דארט זוממערלעבען טאג־טאגליך און׳ וויללען גאהר ניט ארויס־קריכען פון דעם דאזיגען זעלטענעם באססיין...

# דאס ערשטע בילד.

## שרה־חנצי און ראובן־הערש.

### 1.

אין א געוואהנליך צימער, פשוט געמעבלירט, אויף דעם יודעשען אופ'ן, זיצט ביי א גרויסען פיערעקעכדיגען טיש אויף א הילצער'ן וויים בייגקיל **ראובן־הערש** איבער א ספר פון די היינטיגע ספרים, אין וועלכען ער איז שטארק פערטיעפט, ביי דער הרובע אויף א בייגקיל זיצט **שרה־חנצי** און ארבייט א זאק מיט א שרעקליך מהירות און דאס קנוילעכען בוימוואל קאטשעט זיך ביי איהרע פיס אויף דער ערד; זי איז אויך פערטיעפט אין דער ארבייט און קוקט אויף די דראטלאך וועלכע טאנצען ארום אין איהרע פינגער.

**שרה־חנצי.** [צעהלט די אייגלאך פון דער זאק] איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף ... ראובן־הערש! זעקס, זיבען, אכט, ניין, צעהן ... ראובן הערש!

**ראובן־הערש.** [הייבט אויף די אויגען פון דעם ספר] הא?

**שרה־חנצי.** האק דיר אין קאפ אריין! צעהן מאהל דארף מען דיך רופען, ביז דו וועסט זיך אמאהל אנרופען.

**ראובן־הערש.** וואס־זשע איז דארטען?

**שרה־חנצי.** וואס זאהל זיין? גאהר ניט! ער האט זיך אנגעערדט מיט דעם איידעמ'ל, מע זאלל מיך א לעבעדיגע אריין טרייבען אין דער ערד אריין— און גענוג.

**ראובן־הערש.** שא, א נייעס! וואס נאך וועסט דו זיך אויסטראכטען, שרה־חנצי?

**שרה־חנצי.** אויסטראכטען? איך טראכט זיך אויס? אנא, ראובן־הערש? ווער איז געערכט? דו מיט דעם גיניידעם דיינעם; ווער איז א הולטייקע? איך. ווער ווערדט אויסגעריססען? —אויסגעריססען זאללט איהר ווערען! ווער פרוירט א גאנץ טאג אין קלייט —אויסגעפרוויהרען זאללט איהר ווערען אללע איינציגוויים? —אלץ איך! אלץ איך! און אז סע קומט צו עפעס— בין איך די שלעכטע! גאה, הארעווע, קריך אין דער ערד— א שאנעם כבוד קאנן מען זיך פון אייך דערלעבען, ברענגען זאללט איהר אויפ'ן פייער, ווי מיר ברענט דאס פנים, רבונו של עולם!

**ראובן־הערש.** וואס־זשע ווילסט דו וואס? [קוקט אריין אין ספר]

**שרה חנצי.** וואס וויל איך, פרעגסט דו? וואס וויל איך? וואס זאלל איך וועללען? גאר ניט! איך וויל אויך האבען א שטיקעל דעה בא זיך, אין מיין שטוב, בא מיינע אייגענע קינדער, בא מיין טאכטער, בא מיין איידעם! וואס איז? איך בין דען ניט

אזא געטרייהע שווינער ווי לאה דוואסי ? חאטש לאה דוואסי האט א שאנערין איידעם, ווי איך, אביסעל א לייטעשער יונגערמאנן, ווי דיין גינייעדעם. וואס ווייסט נאר צו זיצען טאג ווי נאכט אין שטוב אונ היינגען איבערין ווייב, ווי א סאוואלע— טפו זאל ער ווערען! אונ אז איך קום פון דעם מארק, קוקט ער אויף מיר, ווי אויף דעם הונט, אונ סודים זיך מיט דעם ווייב אונ שושקעט זיך מיט איהר— שו שו שו שו... וואס שושקעט ער זיך מיט איהר ? הא ? דו מיינסט, איך ווייס ניט, אז ער רעדט פון מיר ? האסט מורא איך הער ניט ? וואס פאר סודות איז דא פאר א שווינער ? איך פרעג דיך, וואס האט זיך איין איידעם בעהאלטען פון א שווינער, ראובן־הערש ? ראובן־הערש ! [מיט א קוועטש] ראובן־ הע־ר־ש !

ראובן־הערש. [האפט זיך אויף] הא ?

שרה־חנצי. האק דיר אין מוח! איך רעד אונ רעד, ווער צו־זעטצט רעדענדיג. אונ ער „האקעט" אונ „האקעט" גלייך ווי א הונד בילט! אין מיר ווערדט מיין גאל צו־זעטצט, מיין בלוט ווערדט איבער־געזאדען, ווי איין אקריפ— אונ „ער" זיטצט זיך מיט א גלאטען לונג אונ לעבער איבער די ספרים׳לאך אונ איך האוועקע אונ טאמער ווייסט דו וואס ? איך ווייס! די ספרים׳לאך זענען ביי דיר טהייערער פון דעם ווייב, אכטצעהן מאהל טהייערער! ספרים׳לאך ? דאס איז אין גאנצען דיין חיות. ראובן־הערש! אזו ווער פאהרט אויף דעם יאריד ?— שרה־חנצי; ווער ווארגט זיך מיט א קארטאפעלע פאר א גאנצין טאג.— דערוואָרגען זאללסט דו ווערען, ליעבער גאט— ? שרה־חנצי; אונ ער זיטצט זיך איבער די ספרים׳לאך, ווי א שרה, האטש בראט איהם, האטש ברען איהם... ראובן־הערש! ראובן־הערש! [בייגט זיך אן צו איהם גלייך אין אויהער אריין :] ראובן הערש! ראובן־הערש! ראובן הערש! ראובן־הערש! ראובן־הערש!

ראובן־הערש. [רייסט זיך אב פון דעם ספר] הא ? הא ? הא ? הא ?

שרה־חנצי. [קוקט אויף דעם מאנן ווי פערוואונדערט; נאכדעם שנייצט זי אויס די נאז אונ הייבט אן צו וויינען.] אוי, אזאך אונ וועה איז מיינע יאהר אונ טאג, וואס איך לעב אויף דער וועלט! בעסער וואללט איך געוועזען אויסריינען ביי מיין מאמען אין בויך, איידער זי האט מיך געהאט אויף צרות מיט שלעק, מיט אומגליק, מיט, מיט...

2.

## די זעלבע מיט עטעלע

עטעלע. [קומט אריין; בלייבט שטעהן; קוקט אויף דעם פאטער אונ אויף דער מוטער פערוואונדערט.] וואס איז, מאמע ?

ראובן־הערש. [ווייזט אן מיט דער האנד דער טאכטער אויף דער מוטער; נעמט דעם ספר אונ געהט אוועק אין דעם צווייטען חדר, קניטשענדיג מיט די פלייצעס.]

3.

## שרה־חנצי אונ עטעלע.

עטעלע. וואס וויינסט דו, מאמע ?

**שרה־חנצי.** [ווישט די אויגען] אוי, פרעג מיך גאר נישט, טאכטער! פרעג מיך נישט. אז דו וועסט זיין א מאמע, טאכטער, וועסט דו וויסען, טאכטער; וועסט וויסען; גאר לאז דיר גאט העלפען, זאלסט זיין גליקליכער פון מיר, טאכטער, מיט מעהר מזל און מיט מעהר כבוד. נאר וואס האב איך מיט דיר צו־רעדען, טאכטער, אז דו האסט נאך נישט געפיהלט דעם טעם פון זיין א מאמע? וועה איז מיר, וואונד איז מיר, וויפיל בלוט איך האב פאר־גאסען אויף מיין קינד, וויפיל נעכט נישט געשלאפען! וועה איז מיר— פאקען, ציינדליך, מאזלען, קאקליוש, קדחת און א הינטישער הוסט... און היינט קוים דער־לעבט, חתונה געמאכט אין א בייזער א פינסטערער שעה, איך וויים? איך האב אויך געוואלט אזא נחת, ווי לאה דוואסי; צום סוף נא דיר; א שאנער נחת! אויף אללע מיינע שונאים, רבונו של עולם! ווער סע איז מיר א שונא מיט אללע שונאי ישראל, זאללען קיין גרעסערען נחת מיט קיין גרעסערען כבוד נישט האבען פון זייערע קינדער, ווי איך האב!

**עטעלע.** ווידער אמאהל דאס נעכטיגע, מאמע?

**שרה־חנצי.** שטילל, דו פיסקאטע! דו רעדסט מיר אקעגען? דאס האט „ער" דיך ארויפגעפיהרט?

**עטעלע.** ווער איז דער „ער", מאמע?

**שרה־חנצי.** קלאמפערשט! קוק זי אן די רבצין— קלאמפערשט ווייסט זי ניט ווער! „ער", דער תכשיט דיינער; מיין געניידעמיל; מיין ציהרונג; מיין לויטערער שטעהרען, אויף וועלכען איך האב זאך אויסגעבראכט ביז דער העמד, און בין נאך גע־פאהרען דרייסיג מייל און קוים מיט צרות געקריגען די מציאה!

**עטעלע.** וואס האסט דו צו איהם, מאמע? וואס האט דיר מאטעלע געטוהן?

**שרה־חנצי.** געטוהן? וואס זאלל ער מיר טהון? אפשר האסט דו געוואלט, ער זאלל מיך שעלטען אין די אויגען, שלאגען די שוויגער? זידלען? גענוג אז ער זידעלט מיך אונטער די אויגען! וואס איז? איך האב דאס דען נישט פערדינט?

**עטעלע.** ווער האט דאס דיר דערצעהלט, מאמע? מאטעלע האט דיך געזידעלט? מאטעלע?...

**שרה־חנצי.** זעה נאר: ווי זי פארציהט איהם אביסעל אויף א שטריקעלע: מ א ט ע ל ע! מא־טע־לע! וואס איז דארט אזעלעכם? דו מיינסט, אז ער געהט מאקע אוים נאך דיר, טאכטער, אזוי ווי דו נאך איהם?

**עטעלע.** א, מאמע, דו האסט אין איהם א גרויסען טעות, מאמע! דו קאנסט איהם ניט! ער איז...

**שרה־חנצי.** אזוי? הייסט דאס, ווייסט דו מעהר פון מיר, טאכטער? א, גוטע יאהרען! גוטע יאהרען; ניטא וואס צו רעדען! מיין טאכטער ווייסט מעהר פון מיר; זי איז די חכמה; זי ווייסט אללעס; נאר איך וויים גאר ניט; איך בין דער נארר; איך בין די בהמה...

**עטעלע.** ווער זאגט דען, מאמע? איך זאג נאר, אז אזא יונגער מאנן, ווי מיין מאטעל...

**שרה־חנצי.** [נעמט די הענד פאדבאקאם] נו?

**עטעלע.** אזא יונגערמאנן, ווי מיין מאטעל, דארף מען אויספאהרען די גאנצע וועלט. וועט מען נישט געפינען...

**שרה־חנצי.** [קאטשעט זאך] חא־חא־חא־חא־חא־חא־חא! אזוי? דאס האט „ער" דיר אזוי איינגערעדט? איא? נו גלייב איהם, גלייב איהם, טאכטער! ער האט דיר אפשר געשוואהרען אויך? חא־חא־חא־חא! א, טאכטער! האסט זאך אין איהם אביסעל צו־פיעל איינגעגלויבט; דאריבער פיהרט ער דיך אזוי בא דער נאז; ווען דו זאללסט זאך צו איהם אזוי צו־קוקען, ווי איך קוק זאך צו, וואללסט דו אפשר אויך געזעהן דאס, וואס איך זעה.

**עטעלע.** וואס זעהסט דו אויף איהם אזעלעכס, מאמע?

**שרה חנצי.** איך זעה?— אללע זעהן!

**עטעלע.** [דערשראקען] אללע זעהן? וואס? ווער זעהט? וואס האט מען געזעהן?

**שרה־חנצי.** מע האט געזעהן דאס, וואס קיינער דארף ניט זעהן.

**עטעלע.** [צוקאכט] מאמעניו! הארצעניו! ליובעניו! איך בעט דיך, זאג מיר, וואס האט מען געזעהן.

**שרה־חנצי.** אזוי? וויללסט דו טאקע, אז איך זאלל דיר זאגען? א שאנער כבוד פאר דער מאמע דיינער, איא? לאזען דיר אנדערע זאגען, טאכטער מיינע!

**עטעלע.** [וויינט] דו מוטשעסט מיך, מאמע! איך בעט דיך, זאג מיר, חאטש איין ווארט, חאטש א האלב ווארט, איך בעט דיך, מאמעניו! הארצעניו! נשמהניו!

**שרה־חנצי.** וואס זאלל איך דיר זאגען, וואס? וואס האסטו דו זאך צו־געטשעפעט צו מיר? געה, לאז „ער" דיר זאגען! לאז דיר דיין מ א ט ע ל ע זאגען: וואהין געהט ער אללע טאג נאכ'ן דאווענען?

**עטעלע.** וואס הייסט וואהין? צו לוי בנימין, צו לאה דוואסים איידעם!

**שרה־חנצי.** צו לאה דוואסים איידעם? חא־חא־חא! אזוי טאקע? ווער האט דיר געזאגט, טאכטער מיינע?

**עטעלע.** צו וועמען דען־זשע געהט ער, אז ניט צו לוי־בנימינ'ען? אדרבה, זאג מאמע!

**שרה־חנצי.** פון וואנען זאלל איך וויסען? איך געה איהם דען נאך, צי וואס? איך האב מעהר נישט, וואס צו טהון, נאר נאכקוקען דעם געניידעם מיינעם, וואהין ער געהט. איך זאג דיר! פראמענע מעג ער געהן ניט נאר צו לאה דוואסים טאכטער, אפילו אין דער ערד אריין, הארט מיך אויך ניט, אבי מיר און מיין קינד זאל ניט שאדען!

**עטעלע.** [מיט טרעהרין] מאמע! לאה דוואסי איז א ספלעטניצע, דו קאנסט זי דען ניט? אז זי קאן אויסטראכטען אויף איהר אייגען קינד, אויף איהר טאכטער אזא זאך האבען מיר איהר ניט וואס צו רעדען.

**שרה־חנצי.** [מיט פייער] שוין לאנג, טאכטער מיינע, שוין לאנג ביסט דו געוואהרען אזא פרעסטארעץ, וואס דו דערצעהלסט מיר מעשות? וואס מאכסט דו מיר אוועק מיט דער האנט: „לאה דוואסי און לאה דוואסי״? וואס מיר לאה דוואסי און ווער מיר לאה דוואסי! איך דארף זאך ביי איהר קיין מעשות ניט אנפרעגען; איך פרעג נישט בא קיינעם, וואהין און צו וועמען— מיין אייגעס געהט; מע קומט צו מיר אין קלייט אריין און מע דערצעהלט מיר, זאלל איך מיר פארשטעללען די אויהרען צי וואס? מאהל דיר אז אך און וועה איז מיר, אז איך זיץ און הער אויס אט די אללע שאנע מעשות; איך בין דאך מעהר נישט ווי א מענטש, נו און אמאמע איז מסתמא נישט איינגענומען, אז מע רעדט אויף איהר קינד; יענעם די מויל פארשטעהלען קאן איך ניט און געהן זאך אפ קריגען מיט יעדען בעזונדער, וועט זיין לייטעשע געלעכטער, ווי זאגט מען: „שנייץ די נאז און שמיר דעם פנים״... סע איז מיר אודאי גוט, זאג איך דיר!

**עטעלע.** [וויינט] עמיצער האט דיר אויסגעקלעהרט, אודאי א שונא מייגער, און דו גלויבסט זאך, מאמע?

**שרה־חנצי.** [הייס] אויסגעקלעהרט? א שונא? עמיצער? א, כשרה בהמהלע! גיי, הער, וואס מע רעדט אויף דער גאס, אין מארק, אין אללע הייזער! די גאנצע שטאדט האט צו טהון מיט מיר— זאגט זי א שונא! מיר ליגען ביי יעדען אין מויל, קינד און קייט ווייסט פונים סוד; יעדער בעזונדער ווייזט אויף מיר אן מיט'ן פינגער, און אין שול הער איך אונטער מיינע פלייצעס, ווי מע שושקעט זאך און מע לאכט— און זי זאגט מיר, אז עמיצער האט אויסגעטראכט!

**עטעלע.** [שלאגט זיך מיט קולאקעס אין הארצען און טופעט מיט די פיס] סאליגען! סאליגען! סאליגען!!!

4.

## די זעלבע און מאטעלע.

**מאטעלע.** [לויפט אריין א דערשראקענער] וואס איז? וואס שרייעסט דו, עטעלע? דו וויינסט? וואס וויינסט דו עטעלע? [נעמט זי אן ביי דער האנד]

**שרה־חנצי.** [שטעהט אויף] קוק איהם אן אביסעל, ווי ער מאכט דעם אנשטעל; א געבעבעל גאט די נשמה שולדיג... געמאכט א תל פון מיין קינד, אוועק־געקוילעט, אראפגענומען דעם קאפ— און האט א „פאטעפאלנעמט״ פרעגען, וואס זי וויינט?! רוצח! קוילער! מלאך־המות איינער! זאג מיר, מיט וואס אטוועטשאיעסט דו מיר פאר מיין קינד, פאר מיין אויג אין קאפ? ווייין, טאכטער, וויין! וועה איז דער מאמע בייגער! [האפט די ארבייס פעהט ארויס און טהוט א קלאפ מיט דער טיר]

5.

## מאטעלע און עטעלע :

**מאטעלע.** [נעמט אן עטעלען ביי ביידע הענד און וויל איהר געבען א קוש ; זי לאזט זאך ניט און הערט ניט אויף צו וויינען] עטעלע ! טהייערע מיינע ! זאג מיר , וואס איז דא אנעלבעם ? וואס וויינסט דו ? איך בעט דיך , נשמה מיינע ! זאג מיר ! נו , זאג חאטש איין ווארט ! חאטש איין ווארט !

**עטעלע.** [צוגעהט זיך פאר געוויין] אוי , לאז מיך ! לאז מיך ! אוי , געה אוועק פון מיר ! אוועק ! אוועק ! אוועק ! [שטופט איהם אפ פון זיך]

**מאטעלע.** [טריט אפ אביסעל , בלייבט שטעהן ; לאזט אראפ די קאפ , לייגט צונויף די הענד און בלייבט אין א טראגישער פאזע] אוי גאט מיין גאט ! פאר וואס קומט מיר אזא שטראף ? מיט וואס האב איך פערזינדיגט ? ביז ווי לאנג נאך וועל איך זאך אזוי מוטשען ? פאר וועמעס זינד קום איך אפ ? [געהט צו נעהענטער צום ווייב] עטעלע ! עטעלע ! דערבארעם זאך אויף מיר... האב רחמנות... עטעלע ! עס ווייזט אויס , אז די שוויגער האט שוין ווידער אנגערעדט אויף מיר... עטעלע ! למאי זאללסט דו פון מיר פארבארגען ? ערשט נעכטען האסט דו מיר געשוואהרען , אז וואס מע וועט דיר זאגען , וועסט דו מיר באלד דערצעהלען... אז דו וועסט שוין מעהר קיין שלעכטס אויף מיר נישט גלויבען... אז צווישען אונז וועט תמיד עקסעסטירען א היילינע ליעבע אויף אייביג... און אצינד , מיינע טהייערע און געליעבטע עטעלע , שטעה איך פאר דיר און בעט רחמים , זאללסט חאטש איין קוק טהון אויף מיר , חאטש איין ווארט מיר זאגען , ווילסט דו נישט , עטעלע ! וואו זענען דיינע שבועות ? וואו זענען דיינע נעכטיגע הבטחות , עטעלע ? [ער חאפט זי ארום און טהוט זי א קוש ; זי רייסט זאך אוים פון זיינע הענד מיט כעס]

**עטעלע.** אוועק ! אוועק צו לאה דוואסים טאכטערל ! אוועק פון מיינע אויגען !

**מאטעלע.** [פערשטוינט] צו לאה דוואסים טאכטעריל ? וואס הייסט דאס און וואס בעדייט עס ? וואס איז דאס פאר א נייעס , הא ?

**עטעלע.** [מיט הארץ] א נייעס , זאגסט דו ? גיי , הער , וואס די שטאדט רעדט !

**מאטעלע.** די שטאדט רעדט ! וואס רעדט די שטאדט ? אדרבה , לאם איך אויך וויסען ?

**עטעלע.** דו פרעגסט נאך ? הא ? וואס געהסט דו אהין אללע טאג ? דו מיינסט , דו נארסט מיך אפ ? מיין נוט , אז איך בין אזא נארר , ווי דו מיינסט ; א , איך וויים שוין ! איך וויים שוין ! צו לוי־בנימינ׳ען געהסט דו ? איא ? צו איהר , צו לאה־דוואסים קראסאוויצע מיט דער רויטער נאז... א א א ! ! ! [זי רייסט אויף זיך די האר אונ איז אויסער־זיך]

**מאטעלע.** [חאפט זי אן בא די האנד , נעמט זי ארום מיט גוואלד און באדעקט איהר געזיכט און איהר קאפ מיט הייסע פלאם־פייערדיגע קוש] עטעלע ! ליובעניו ! וואס רעדסט דו ? איך ? איך ? צו לאה־דוואסים טאכטער ? צו אט דער דאזיגער ? איך וועל דיך פארבייטען אויף לאה־דוואסים טאכטער ? דיך ? מיין קעצעלע ? מיין נשמה ? מיין לעבען ? מיין... ? איך... ? א , איך וויים

שוין פון וועמען דאָס וואַקסט ! איך ווייס שוין ! דאָס האָט זי אויס־געטראַכט ! זי ! די שוויגער ! יאָ, איך ווייס שוין ! איך ווייס שוין ! אָ, זי ווילל אונז צו שיידען ! זי ווילל מיך אין דער ערד אַריין טרייבען אַ לעבעדיגען ! זי האָט זאַך גענומען אויף מיר ! ערשט היינט אין דער־פריה האָט זי מיר דערצעהלט אונ אָנגערעדט אויף דיר כל הצרות ! אַז דו האָסט זאַך איהר גע־קלאָגט אויף מיר ; אַז דו קאָנסט מיך ניט אָנקוקען ; אַז לוי־בנימין האָט אַ שאָן קול אונ קאָן זינגען אונ איך ניט ; אַז לוי־בנימין... נאָר איך גלייב ניט אונ דו גלייבסט ; איך שווער דיך, אונ דו מיך ניט ; איך האָב דיך ליעב אונ בין דיר געטריי ביז לעצט, אונ דו האָסט אפילו קיין קאפ רחמנות ניט אויף מיר !... דו האָסט מיר געגעבען אַ שבועה, אַז דו וועסט מיך אייביג ליעב האָבען, תמיד גלויבען ; צום סוף ווילסט דו אפילו אויף מיר קיין קוק ניט טוהן... אָ ! איך בין דער אומגליקליכסטער מענטש אויף דער וועלט !!! [פאַלט אויף אַ בייַנקעל אונ וויינט]

**עטעלע.** [געהט צו צו איהם אונ ווילל איהם טוהן אַ קוש ; ער לאָזט זאַך ניט] מאָטעלע ! גאָטט איז מיט דיר ! טוה אויף מיר אַ קוק ! דאָס בין איך ! דו ווילסט מיך ניט ? מאָטעלע ! מאָטעלע !

**מאָטעלע.** [פאַלט איהר אויף דעם האַלדז] עטעלע !...

**עטעלע.** [מע קושט זאַך] מאָטעלע !...

**מאָטעלע.** [קושענדיג] קעצעלע !

**עטעלע.** [קושענדיג] קאָטעקעל !

**מאָטעלע.** [קושט זי] נשמה מיינע !

**עטעלע.** [קושט איהם] לעבען מיינס !

**מאָטעלע.** [קושט זי] מיין ענגעל !

**עטעלע.** [קושט איהם] מיין הארץ !

**מאָטעלע.** אונ דו האָסט זאַך אויף מיר אַזעלכעס געגלייבט, הא ?

**עטעלע.** אָ, זיי מיר מוחל, מאָטעלע ! דאָס לעטצטע מאָהל !

**מאָטעלע.** זעה־שע, עטעלע, דאָס לעטצטע מאָהל !

**עטעלע.** דאָס לעטצטע מאָהל !

**מאָטעלע.** שווערט מיר !

**עטעלע.** איך שוועהר דיר !

**מאָטעלע.** עס איז נאָך דאָ אויף דער וועלט אַזאַ טהייערע ווי דו ביסט ? [ויי פאַלען אייגם דעם אַנדערען אויף דעם האַרצען אונ מע קושט זאַך]

ענדע פון דעם ערשטען בילד. (פאָרהאנג פאלט)

# דאס צווייטע בילד.

---

## 1.

## ראובן־הערש און ר׳ שלום שדכן

---

ראובן־הערש זיצט איבער א ספר אין דעם זעלבען צימער און איז צוקאכט;
ר׳ שלום שדכן קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

**ר׳ שלום שדכן.** וואס זענט איהר אזוי צו־טראגען וואס? ר׳ ראובן־הערש! מילא וואס מע מאכט זאך מילא וואס? אייער טאכמער איז ניט די ערשטע איז זי; און וואס? איהר האט מורא האט איהר, זי וועט נישט קריגען־קיין אנדערען וועט זי? בראד איז ניט אויס־געשטארבען בראד!

**ראובן־הערש.** וואס רעדט איהר? איהר ווילט מיר איינרעדען? מאטעלע איז א זעלטענער יונגער־מאנן; א זעלטען קינד, חלעבען, א זעלטען קינד!

**ר׳ שלום שדכן.** נו, ווער זאגט דען ווער? ער איז אוודאי נישט־קשה פון א יונגען־מאנן איז ער; נאר מסתמא איז דאס ניט איהר זיווג מסתמא...

**ראובן־הערש.** נישט איהר זיווג, זאגט איהר? וואס איז? וואס געהט איהם אפ? איך פרעג אייך, ר׳ שלום, מיט־וואס איז דאס נישט גלייך? אדרבה זאגט איהר אליין.

**ר׳ שלום** [רוקט זיך צו צו איהם]

**ר׳ שלום.** [רוקט זאך אפ] וואס קאן איך זאגען וואס? קאן איך זאגען וואס? גאטט איז דער מזווג זיווגים איז ער; וואס קאן וויסען א מענטש, וואס?

**ראובן־הערש.** [כאפט אן ר׳ שלומ׳ן פאר די לאצען און טרייסעלט איהם] גאט איז מזווג זיווגים? ר׳ שלום! איך קאן אייך: איהר זענט א גוטער צבועק! איהר זענט א פאלשער מענש! איהר זענט ערגער פון איין אפיקורוס. אז איהר קאנט מיר אזעלעכם זאגען! איהר ווייסט דעם גאנצען אמת, וואס דא טוהט זאך, און ווילט מיך אפ נארען?!

**ר׳ שלום.** [רייסט זאך אויס פון זיינע הענד א דערשראקענער] אך, ר׳ ראובן הערש! לאזט מיך צו־רוה לאזט מיך! וואס קעהר זאך מיט מיר אן וואס? איך דארף קריכען צו יענעם אין קעשענע דארף איך? איך וויים גאר ניט איך!

**ראובן־הערש.** [געהט ארום הין און צוריק] א, ווייסט איהר ניט! איהר ווייסט גאנץ גוט פון מיין שלאק, פון מיין צרה! איהר מאכט זאך נאר, אז איהר ווייסט ניט.

**ר׳ שלום.** יא, אבער וואס קעהר זאך דאס מיט מיר אן וואס? מע האט מיך געשיקט רופען האט מען מיך— בין איך געקומען בין איך; מע זאגט א גט, לאז זיין א גט לאז זיין...

**ראובן־הערש.** [שטעללט זאך אפ] א גוט זאגט איהר?

**ר' שלום.** [קאלט־בלוטיג] נו פאר־שטעהט זאך א גוט, נו.

**ראובן־הערש.** [אזעץ מיט דעם קולאק אריין אין טיש] איך וויל ניט קיין גוט! איהר הערט, ר' שלום? איך וויל ניט קיין גוט! איך וויל ניט! איהר הערט צו זיין?

**ר' שלום.** איך הער, איך הער; „זיי" וויל אבער „זיי".

**ראובן־הערש.** ווער איז די „זיי"? וואס איז פאר א זי? וואס מיר זי, ווער מיר זי?...

**ר' שלום.** איך מיין שרה־חנצי מיין איך; אייער שרה־חנצי אייערע.

**ראובן־הערש.** שרה־חנצי? נו, אונ וואו בין איך?

**ר' שלום.** [בארבאבענעט מיט די פינגער אין טיש אריין] דאס ווייס איך ניט דאס

**ראובן־הערש.** וואס הייסט איהר ווייסט ניט? איך וועלל דער־לאזען אזעלעכס בא זיך אין שטוב? אזא רציחה איז נאך נישט געהערט געווארען אויף דער האלבער וועלט! מע זאלל נעמען קינדער, אזעלכע צוויי מהיערע קינדער, אונ פליצלים אונ־מי־טענדריגען אפ גטין זיי, צו שיידען זיי, צו־רייסען זייער גליק אויף אייביג! פאר וואס? פאר ווען? פאר וועמעס זינד? [ער טרייסעלט ר' שלומ'ן פאר די לאצען]

**ר' שלום.** [רייסט זיך אויס] וואס בין איך שולדיג וואס?

**ראובן־הערש.** [מיט גרויס פייער] אזא ציאצקע! אזא יונגען־מאנן! נו, אונ איך וועל דאס צו־זעהן אונ אפ־שווייגען? הא? וואס מיינט איהר זיך? איך בין דאך א פאטער!! איך בין דאך דער פאטער! איך האב עפעס אויך א שטיקעל דעה, צו ניין? הא? איך וועל לאזען, מע זאלל מיין קינד פיהרען פאר א קרבן? אונ וואו בין „איך"? איך פרעג אייך ר' שלום, וואו בין „איך"? [ער וויל אנ־כאפען ר' שלומ'ן פאר דער לאץ]

**ר' שלום.** [רוקט זיך אפ] וואס אמת איז אמת, ר' ראובן־הערש; איהר זענט אוודאי גע־רעכט זענט איהר; הייסט גיבען אביסעל בראנפען אונ עפעס פאר־בייסען אויך; איך האב נאך היינטיגען פריה־מארגען אין מיין מויל ניט געהאט האב איך. [מען טראגט אריין א פלעשיל בראנפען מיט פארבייסען]

**ר' שלום.** [גיסט אן] לחיים, ר' ראובן־הערש, לחיים! לאז גאטט געבען בעסערע גע־שעפטען לאז ער... לחיים! לחיים! [ער מאכט א כוסה]

**ראובן־הערש.** [מאכט א כוסה] לחיים ר' שלום, לחיים טובים ולשלום! עך, ברודער א פאהאנע וועלט, פע, חלעבען, א פאהאנע וועלט, פע! [א כוסה]

**ר' שלום.** [א כוסה] פע, ר' ראובן הערש, פע—פע!

**ראובן־הערש.** [א כוסה] אבער גאר אויף איין אנדער אופן „פע", ר' שלום!

**ר' שלום.** [א כוסה] זעהר פע! זעהר פע!

**ראובן־הערש.** [אַ פּוֹסֶה] אָבֶּער טַאקֶע, ר׳ שָׁלוֹם, וָואס פֶּע הַייסְט!

**ר׳ שלום.** [אַ כּוֹסֶה] פֶּע־פֶּע־פֶּע! בִּיזְן עֶק אַרַיין פֶּע!

**ראובן־הערש.** [אַבִּיסֶעל פֶערשְׁמַאכְט] וָואס וַוייסְט אִיהר וָואס, ר׳ שָׁלוֹם? ווִיפִיעל אִיהר וַוייסְט, אִיז אֲפִילוּ קֵיין שְׁמִינִית שֶׁבִּשְׁמִינִית, קֵיין צֶעהנ־טױזֶענְד חֵלֶק אֲפִילוּ!

**ר׳ שלום.** [מַרְאֶה כֹּהֵן; שָׁאקֶעלְט צוּ מִיטְ׳ן קָאפּ אוּנ שְׁמֵייכֶעלְט] אִיךְ וַוייס, ר׳ רְאוּבֵן־הֶערְשׁ; אִיהר דַארְפְט מִיר נִיט דֶער־צֶעהלֶען אִיהר; אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ דִי אֵייגֶענֶע מַכָּה אִיךְ; פּוּנְקְט אַזָא צָרָה פּוּנְקְט.

**ראובן־הערש.** דָאךְ אִיז מִיט אַ גַאנְג; נִיט אַזוֹי זוִי בַּיי מִיר, ר׳ שָׁלוֹם, ר׳ שָׁלוֹם! ר׳ שָׁלוֹם! וָואס וַוייסְט אִיהר ר׳ שָׁלוֹם? קֵיינֶער וַוייסְט נִיט, ר׳ שָׁלוֹם! אָט דָא לִיעגְט דָאס בַּא מִיר, ר׳ שָׁלוֹם [וַוייזְט מִיטְ׳ן פִינְגֶער אוֹיף דֶעם הַארְצֶען], אָט דָא, טִיעף — טִיעף!... אוּנ פַאר וָואס? פַאר וָוען? [בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ אוּנ וַויינְט] שׁוֹין עֶטְלִיכֶע אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, אַז אִיךְ קוּם אָפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט... עֶטְלִיכֶע אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר בִּין אִיךְ אִין גֵיהִנָם... שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנָם... אוֹיף הַייסֶע סְקָאווָרֶעדֶעס בְּרָאטֶען מַיין לַייבּ... קָאלִיסְטְרָאי*), ר׳ שָׁלוֹם, קָאלִיסְטְרָאי טְרַייבְּט זִי מִיךְ דֶּרְבַּיי מָאהל אִין טָאג... אָהן אַ שׁוּם רַחֲמָנוּת... קֵיין גוּט וָוארְט כִּמְעַט פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער שָׁעָה [עֶר וַויינְט אוּנ ר׳ שָׁלוֹם דְרִימֶעלְט] אַ וָוארְטֶעלֶע אוֹיס־צוּ־רֶעדֶען עֶטְלִיכֶע אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר!... אָט וואו מֶע דַארְף אַ גֶט, ר׳ שָׁלוֹם! [עֶר שְׁטֶעהט אוֹיף; ר׳ שָׁלוֹם חַאפְּט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף] אָט וואו מֶע וָואלְט בֶּעדַארְפְט אַרוֹיספִיהרֶען אוֹיף אַ גֶט!...

## 2.

## דִי זֶעלְבֶּע אוּנ שָׂרָה־חַנְצִי:

**שׂרה־חנצי.** [פְלִיהט אַרַיין, זוִי אַ וִוייכֶער אוּנ בְּלַייבְּט שְׁטֶעהן אִין מִיטֶען שְׁטוּבּ; אַ פְּלֶיעסְק מִיט דִי הֶאנְד] רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! וָואס אִיז דָא בַּא דִיר פְּלִיצְלִים פַאר אַ יוֹם טוֹב? גָאטט אִיז מִיט דִיר, רְאוּבֵן־הֶערְשׁ! וֶועסְט צַייט הָאבֶּען נָאךְ דֶעם גֶט פַאר־טְרִינְקֶען... [קוּקְט אִין דֶעם לֵיידִיגֶען פְלֶעשֶׁעל אַרַיין] גֶעמֶעגְט אִיבֶּער לָאזֶען אַבִּיסֶעל אוֹיף שְׁפֶּעטֶער... וֶועסְט נָאךְ הָאבֶּען גֶענוּג צַייט צוּ טְרִינְקֶען, רְאוּבֵן־הֶערְשׁ, אוּנ אִיהר אוֹיךְ, ר׳ שָׁלוֹם! אי״ה צוּם צְווייטֶען קְנַסמָאהל אוּנ צוּ דֶער אַנְדֶערֶער חֲתוּנָה בַּא דַיין טָאכְטֶער... נָאר לָאז שׁוֹין גָאטט גֶעבֶּען מִיט מֶעהר הַצְלָחָה, נִיט אַזָא גֶענֵיידֶעם, וִוי אִיהר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען, ר׳ שָׁלוֹם!...

**ר׳ שלום.** [לֶעפֶּעטְשֶׁעט מִיט דֶעם צִינְג] אִיךְ בֶּעט אַייךְ שָׂרָה־חַנְצִי... אִיהר זֶענְט דָאךְ... אַ... אַ... אִיךְ מַיין טַאקֶע בֶּאֱמֶת מַיין אִיךְ... אַ גוּטֶע... אַ... וִוי זָאגְט עֶר, אַ... אַ... אַ... אִשָּׁה צְנוּעָה, אַ...

**שׂרה־חנצי.** [שְׁטוּפְּט אִיהם צוּ דֶער טִיר אוּנ שְׁטוּפְּט דֶעם מַאנְן אוֹיךְ צוּ דֶער טִיר; זֵיי גֶעהן בֵּיידֶע מִיט אַרָאפּ־גֶעלָאזְטֶע קָאפּ, אוּנ זִי גֶעהט זֵיי נָאךְ] נוּ, גֶעהט שׁוֹין גֶעהט! שׁוֹין אַללֶעם פֶערְטִיג... דֶער רַב הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר דֶעם שַׁמָשׁ... דֶער גֶט אִיז שׁוֹין צוּם־שְׁרַייבֶּען... דָאס פָּאר־פָאלְג וֶועט בַּאלְד אוֹיךְ אוּנְטֶער־קוּמֶען... נוּ, רִיהר זַאךְ שׁוֹין, רְאוּבֵן־הֶערְשׁ, רִיהר זַאךְ! קוּק אִיהם

*) קָאלִיסטרָאי — הייסט Сквозь строй — א שטראָף פון אמאָהליגע יאָהרען.

אן אביסעל, ווי ער פלאנטערט מיט די פיס... גענוג אנגעטרונקען זאך? הא? [שטיללערהייד] פיאווקעס זאללען טרינקען אייער בלוט ביידע... האט נאך צונויפגעסקאמפאניעט מיט דעם דאזיגען זולל וסובאניק אונ מע האט אויסגעראמט. וואו סע דא א שטיקעל לעקאך אין שאפע, עסען זאללען איך ווערעם ביידע אייער לייב, זיסער גאט!...

## 3.

## מאטעלע אונ לוי־בנימין.

פריהער קומט אריין מאטעלע, פאלט אויפ'ן בייענקעל אונ בלייבט זיצען אין א טראגישער פאזע; באלד נאך איהם קומט אריין לוי־בנימין מיט א שמייכעלע.

**מאטעלע.** [וויינט אונ רייסט אויף זיך די האר] פארפינסטערט בין איך געווארען! אזאך אונ וועה איז מיר, אז איך דארף עטעלען געבען א גט!

**לוי־בנימין.** וואס־זשע האסט דו געוואללט? אז עטעלע זאלל דיר געבען א גט?

**מאטעלע.** א, דו לאכסט? דו טרייבסט קאטאוועס? אצינד?

**לוי־בנימין.** וואס דען? משוגענער, וואס וויינסט דו? וואס האסט דו זאך צו־רעווערט, ווי א ברעקעלע קינד? אדרבה זאג!

**מאטעלע.** דו ברעגסט מיך נאך? וואס־זשע דען? טאנצען זאלל איך?

**לוי־בנימין.** אוודאי טאנצען!... דו ווערסט פטור פון אזא שוויגער, ווי שרה־חנצי, מעגסט דו געווים געהן טאנצען... ווער קאן זי ניט? איך בין באוואהרענט, אז דו וועסט דא אפ־זיין נאך א האלב יאהר אין שטוב, וועט דיך דיין שוויגער פאטשען, אזוי ווי זי פאטשט דעם שווער דיינעם, אט דעם עהרליכען טיפוש, וועלכער איז ערגער פון איהר אליין, אז ער לאזט זאך אזוי טרעטען אויפ'ן קאפ.

**מאטעלע.** סע איז דיר גרינג צו־רעדען, יא; זאללסט דו אבער זיין אויף מיין ארט, וואללסט דו...

**לוי־בנימין.** איך זאלל זיין אויף דיין ארט, לעקעש, וואללט איך אויפ'ן דריטטען טאג געגט אונ געפטרט איין עול פונ'ם קאפ! — איין מאהל פאר אללע מאהל! [ער שפאנט ארום איבער'ן שטוב]

**מאטעלע.** [פארטראכט] זאך געגט?... נו, אונ די ליעבע? אונ עטעלע? אך לוי־בנימין!...

**לוי־בנימין.** [שפאנט ארום הין אונ צוריק] קוק איהם אן אביסעל, ווי ער מאכט דאס הויות, די ליעבע! ווער מיר ליעבע! וואס מיר ליעבע? ווען מיר ליעבע? וואס האסט דו זאך איינגעבילדעט, משוגענער? א שאנע ליעבע, אז די מאמע קאן זי ארויספיהרען צעהן מאהל אין טאג אויף גט? אויך מיר א ליעבע! חא־חא־חא!

**מאטעלע.** מעגסט דיר לאכען וויפיעל דו ווילסט, אונ דאס, וואס דאס הארץ פיעלט [ער חאפט זיך באם הארצען]

**לוי־בנימין.** חא־חא־חא! וואס פיהלט דאס הארץ? וואס?... ער האט זאך אנגעלייענט מיט ראמאנען, ווי א פויק, און שרייעט אויף אללע גאסען ליעבע! גלאט, סע ווילט זאך דיר שפיעלען א ראמאן, נעמסט דו אליין אויף זיך צרות מיט שלעק!... נו, ווילסט ניט־קיין גט? ווי דו ווילסט זיך! זיץ דא! אט וועט באלד קומען דער אשמדאי, די שוויגער דיינע, און וועט דיך אריין ליינען נײן איילען אין דער ערד אריין און וועט אנ־שטעללען די מאכטער, אז זי זאלל דיר ווארפען דעם גט פאר די פיס, און נאכדעם וועט איהר זאך איבערבעטען, צו־קושען, וויינען, און שפעטער מיט צוויי טאג וויעדער די זעלבע געשיכטע, ביז פון דיין געליעבטער וועט ווערען א מין שרה־חנצי און פון דיר א מין ראובן־הערש שרה־חנציס... א שאנער סוף!... שאם זאך, חבר מיינער! [לוי־בנימין רוקט אן מאטעלען דאס היטעל ביז איבער די אויהרען] א פיינער יונגער־מאנן! א יונגער־מאנן ביסט דו? א וויבעל ביסט דו? א יודענע! מאטעל די יודענע! „סענדעריל די יודענע״, חא־חא־חא! דו געדיינקסט „סענדעריל די יודענע״ בא אבראמאוויטשען? חא־חא־חא! „שהיה יושב על הספסל״ — אז „סענדעריל די יודענע איז געזעסען אויפ׳ן בייגקעל אונטער געבינדען מיט א טיכעלע די ציין, „וקולף קארטאפלים״ — און האט געשיילט קארטאפלים — חא־חא־חא! חלעבען, מאטעל, אז איך קוק אויף דיר, דערמאן איך זאך אן אבראמאוויטשעס סענדעריל די יודענע!...

**מאטעלע.** יא, גוט איז דיר צו לאכען; דו האסט זאך אריין געחאפט אין א שטוב צוויי שען לייט, ניט צווישען אזעלכע, ווי איך בין אריין...

**לוי־בנימין.** האסט א גרויסען טעות, מאטעל, איך האב שוין דיר טויזענד מאהל גע־זאגט, אז סע ווייזט זאך דיר אויס. גלייב מיר, ברודער, אז איך קום געווגג אפ, ניט אזוי פיעל, וויפיעל דו, פאר־שטעהסט זאך; אבער קיין האניג לעק איך אויך ניט... סע ווילט זאך מיר אזוי זיצען און קוועטשען די באנק, אזוי ווי דיר גלוסט זאך אצינד געהן טאנצען; נאר וואס זאלל מען טוהן? מיר זענען איידעמ׳ס, מאטעל. מיר זענען איידעמים!... מע האט אונז גענומען פאר א צירונג אין שטוב אריין, מע האט אונז געגעבען ווייבער און מע זאגט אונז: געהט קינדערלאך צוויי מאהל אין טאג אין שול אריין; שטיפט אייך, פאר־פיהרט אייך, טוהט אייך דארט וואס איהר ווילט, אבי לאזען לייט זאגען, אז איהר זענט שאנע איידעמלאך, זיידענע יונגע־לייט — און מיר, קעלבלאך, לאזען זאך פיהרען, און אזוי געהט אוועק טאג מיט יאהרען, עס ווערדט א קינד און צוויי... און מיר, קאן זיין, וואללט זאך גאר געגלוסט אצינד זיין ווייט־ווייט פון דאנען, ערגעץ אין א זיטאמיר אדער אין א פעטער־בארג... עך, ברודער, נעם זעה, וואס זאגט א „ליליענבלום״ א „סמאלענסקין״, א „גאטטלויבער״! ...ניטא וואס צו־רעדען, מאטעל, מיר זענען ביידע גוט אין דער נעץ; מיר איז אביסעל בעסער, דיר איז ערגער — געה־זשע, נארעלע, פלאנטע זאך ארום, ביז דו קאנסט נאך, — וויל שפעטער גאטט ווייסט?... קום שוין קום, מאטעל, מאך זאך ניט בארעש!... [ער נעמט אן מאטעלען ביי דער האנד און זיי געהן צו־זאמען אוועק]

ענדע פון דעם צווייטען בילד (פאָרהאנג פאללט).

---

# דָאס דְרִיטֶע בִּילְד.

קומט פאָר בא ארקע דעם רַב אין שטוב , וועלכע איז איבער־געצאָמט מיט א רעדנע אויף צוויי צימערען : א „זאַאַלל" מיט א „קעך" . אין „זאַאַלל" שטעדט אַ שאַפע מיט ספרים, אויף דעם טיש ליעגט אַ „יורה־דעה" מיט איין „אבן־העזר" ; אַ לאַנאַפע בעצויגען מיט קעסטעלדיגען ציטץ ; אַ מזרח אויף דער וואנדט , אַ זייגער מיט א קוקושקע , וועלכע איז אנשוויגען געוואָרען שוין פון אַ יאָהר אכטצעהן , פונקט אום ״תשעה־באב ; א טיזליק מיט א טיליפיל פון פעה מיט ווײדעלאך , אַ גוט שטריימעל ; איין אַטלעסנע קאפאטע מיט געלען אונטער־שלאק ; די רעביצינס ייפיג אויף וואטע ; אַ גרויסע קוואָרט מיט א פיטש־נאסען האנד־טוך מיט א פאמיניצע אונ מיט אַ בעזעם ;— אָט דאס איז דאָס גאנצע מעבעל מיט'ן גארדעראָב מיט אללעמען .

1.

## פְרוּמֶע דִי רֶבֶּצִין און שָׂרָה־חַנְצִי.

**רבצין.** זִיצְט , שָׂרָה־חַנְצִי , זֶעטְצְט זַאךְ צוּ , וָואס שְׁמֶעהט אִיהר ?

**שרה־חנצי.** [מִיטְ'ן בָּארְנֶעס אויף אֵיין אַרְבֶּעל] נִישְׁט קָשֶׁה , אִיךְ קָאן בַּאשְׁטֶעהן . [זִי סְמָארֶעט מִיט דֶער נָאז]

**רבצין.** וָואס אַרְט אַייךְ , שָׂרָה־חַנְצִי ? אָט שְׁטֶעהט אַ בֶּאנְקֶעל , נֶעמְט זֶעטְצְט זַאךְ צוּ ; בִּיז דֶער גֶט וֶועט נָאךְ פַארְטִיג וֶוערֶען , וֶועט אַבִּיסֶעל גֶעדוּיֶערֶען .—

**אַךְ־אַךְ־אָךְ** [זִי לֵייגְט דִי קָאפּ אויף דִי צְווֵיי פִינְגֶער אוּנ שָׁאקֶעלְט זַאךְ]

**שרה־חנצי.** אָךְ־אָךְ־אָךְ ! [זִי מַאכְט פִּיסֶקֶעס אִ'יף צוּ וֵויינֶען אוּנ זֶעטְצְט זַאךְ צוּ מִיט אַ זַייט אויף דֶעם שְׁפִּיץ בֵּיינְקֶעל]

**רבצין.** [מִיט מִיטלֵייד] לְמַאי זָאלְלְט אִיהר זִינְדִיגֶען , שָׂרָה־חַנְצִי ? מִסְתָּמָא אִיז דָאס אַ בַּאשֶׁערְטֶע זַאךְ ? מִסְתָּמָא הֵייסְט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער , הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ,— בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ ! מִסְתָּמָא אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין זִוּוּג...

**שרה־חנצי.** [ווִישְׁט זִיךְ דִי אויגֶען אוּנ שְׁנֵייצְט דִי נָאז] נִישְׁט קֵיין זִוּוּג , זָאגְט אִיהר ? אוֹי פְרוּמֶעניוּ— נְשָׁמָהנִיוּ ! אִיהר קָאנְט מִיךְ דָאךְ נִיט פוּן נֶעכְטֶען אוּנ נִיט פוּן פַאר־אַיְאהְרֶען... אִיךְ קָאן דָאס אַייךְ גָאר אַזוֹי פִיעל נִישְׁט לְמַנַצֵחַ זַיין [זִי סְטַארֶעט זַאךְ פַאר דער רֶבֶּצִין בַּאנוּם־צֶען מִיט דער הֵיילִיגֶער שְׁפּרַאכֶע אוּנ חַאפְּט אריין אֵיינִיגֶע ווערטער פוּן דעם סִידוּר אוּנ פוּן מַעֲמָדוֹת אוּנ סְטִיעֶסְנֵיאָיֶעס זַאךְ נִיט] גְלוֹיבְּט זְשֶׁע־מִיר , אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער ווִי אַיין אֵייגֶענֶע שְׁוֶועסְטֶער , וֶוען אִיהר זָאלְלְט ווִיסֶען , ווִי אַזוֹי עֶר בַּאגֶעהט זַאךְ מִיט מַיין טָאכְטֶער , מִיט מַיין לֵייבּ אוּנ פְלֵייש , וָואלְלְט אִיהר אַלֵיין גֶעזָאגְט , אַז... אַז עֶס אִיז אויף מִיר אַ „מַחֲזִיר נְשָׁמוֹת" , עֶפֶּעס אַ מִין פוּרֶענִיוֹת פוּן זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען , עֶפֶּעס אַיין „עוֹמֵד יִשְׂרָאֵל" אִיז עֶר , נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַ מְשׁוּמָד נִיט דָא גֶעדַאכְט , אִיךְ ווֵייס ? אַיין אוּמ־וָוארְפְלִינְג , אַ „נִשְׁמַת כָּל חַי" , אַ ווִילְדֶע חַיָּה רָעָה , אַ וָואוּוְקֶעלַאקֶע !...

**רבצין.** [שְׁמֵיכֶעלְט מִיט דִי לִיפֶּען אוּנ מַאכְט מִיט דֶעם קָאפּ] מֶע זָאלל גָאר בֶּעהִיט וֶוערֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן דֶער גַאנצֶער וֶועלְט, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ! סֶע אִיז זַאךְ עֶפֶּעס גָאר אַיין אָנ־שִׁיקֶענֶעס אִיז דָאס! אַ מַכָּה בְּכוֹרָה פוּן מִצְרַיִם!

**שרה־חנצי.** [מִיט הִיטְץ] פוּן מִצְרַיִם, זָאגְט אִיהר? פוּן סְדוֹם זָאג אִיךְ אַייךְ! פוּן סְדוֹם! עֶפֶּעס אַ מִין, אַ מִין... וְרַחֲצוּ! אַ פִּיפֶּערְנָאטֶער, וָואס אִיז דוֹרֶם מִיטְ׳ן קוּק אַ לִינְדֶענְוָוארֶעם, וָואס לִיעגְט אִין חֲרֵיין אוּנ מֵיינְט, אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין זִיסֶער נִיטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט! עֶר לִיעגְט אוּנ טָאטְשֶׁעט, וֶועלֶעם זָאלֶען טָאטְשֶׁען זַיין לַייב אִין דֶער פִינְסְטֶער לִיעבֶּער גָאטט!

**רבצין.** בֶּעהִיט מִיךְ גָאט, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ [זִי הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגֶען מִיט דִי הֶאנְדְט צוּ דֶער סְטֶעלְיֶע] אִיךְ וֵויים? אִיהר דַארפְט זַאךְ דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבֶּען דֶער וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, וָואס אִיהר וֶוערְדְט פָּטוּר פוּן אַזַא צָרָה שֶׁלֹּא תָבֹא!

**שרה־חנצי.** אִיךְ וֶוער פָּטוּר? נוּ, אוּנ סֶע קָאסְט מִיךְ קַארְג בְּלוּט? וָואס רֶעדְט אִיהר, פְרוּמֶע־לֶעבֶּען, אַ וָוארְטֶעלֶע, אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּהן, חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אָנגֶע־טוּיטְשֶׁעט זַאךְ אוּנ וָואס, אִיךְ בֶּעט אַייךְ? אוּנ אַצִינְד, גֶעה טוּה נָאךְ אַ מָאהל אַ שִׁידוּךְ. ווִידֶער אַיין אֵיידֶעם, אַ צִירוּנְג אִין שְׁטוּב אַרַיין, אַיין עֲבוֹדָה זָרָה, אַ לַעֲשׂוֹת נְקָמָה'נִיק, אַ בָּאזֶער שְׁטֶעהֶרֶען... שְׁשָׁא, אָן גֶעהט עֶר דֶער תַּכְשִׁיט מַיינֶער, לָאס אִיךְ זַאךְ בַּאהַאלְטֶען, פְרוּמֶע־לֶעבֶּען, בַּא אַייךְ אִין קֶעךְ, מַיינֶע אוֹיגֶען זָאלֶען אִיהם נִיט אָנ־קוּקֶען, מִיט זַיין טְרֵיפֶה'נֶעם פַּרְצוּף, אַ סִבָּה אִיהם אִין פָּנִים אוֹיף דְרַיי יָאהר מִיט אַ הַאלְבֶּען!... [זִי גֶעהט אַוֶועק אִין צְוֵויטֶען צִימֶער]

**רבצין.** אָן גֶעהן זַיי שׁוֹין אַלֶע אַהֶער; גָאטט בָּרוּךְ הוּא, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ זָאלל גֶעבֶּען דֶער גֶט זָאלל חָאטְשׁ נִיט פָּסוּל וֶוערֶען חַס וְשָׁלוֹם. נִיט אִין אַזַא שָׁעָה אוּיס־גֶערֶעדְט זָאלל זַיין. [זִי גֶעהט נָאךְ שָׂרָה־חֲנְצִי׳ן]

2.

ר׳ אָרְקֶע דֶער רָב אוּנ נָאךְ איהם דער איבעריגער עולם.

ר׳ אָרקע דער רָב קומט אריין געשווינד, וואשט די האֶנדט, זאגט „אשר יצר" אויף א קול אונ זעצט זאך אויבעג־אָן אויף דער קאֶסטילדיגער קאנאפע מיט גרויס פאראד; נאָך־איהם געהט אריין ר׳ זכריה סופר אונ שטעללט זאך אָן א זייט; נאָך־דעם סופר געהן נאך צוויי עדות, אונ דער שמש טראָגט אריין דעם גט מיט א גרויסען גלעזערנעם טינטער אין וועלכען סע שטעקט א גאֶנזענע פעדער; נאכהער הויבען־אָן אריין צו־קומען איינציג־ווייס אלערליי יודען: הויכע אונ נידעריגע, אלטע אונ מיטעלע, שווארצע אונ געלע— ביז עס קלייבט זאך צונויף א מנין, אונ לוי־בנימין אונ ר׳ שלום־שדכן, אונ ראובן־הערש אויך צווישען זיי. פרומע די רבצין הויבט אויף דעם פאָרהאנג פון דער קעך־טיר אונ לאזט אריין עטעלען, וועלכע געהט טריט־בא־טריט אנ־געריקט דאָס טיכעל ביז דער נאָז; פון דער טיר קומט אריין מאטעלע בלאס אונ צו־טראָגען; דער שמש ווייזט זיי זייערע אָרטער; ר׳ ארקע דער רב איילט זאך אונ שגייצט אוים די נאָז אונ איז זאך מכין צום סדר הגט.

**דער רב.** [גענומט דעם גט] דו, סופר זכריה בר טוביה. איז דאס דער גט, וואס דו האסט דא געשריעבען, האסט דו געשריבען?

**דער סופר.** [קראצט זאך אין דער געדעכטער בארד] יא.

**דער רב.** קאנסט דו דעם גט אונ האסט דא אסימן מובהק?

**דער סופר.** יא.

**דער רב.** האט דיר דער בעל, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה, געגעבען דאס פארמעט, דעם טינט אונ דאס טינטארעל אונ דאס גאנצע שרייב־געצייג פאר די עדים?

**דער סופר.** יא.

**דער רב.** האט דיר געהייסען דער בעל, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה, אז דו זאללסט דעם גט שרייבען לשמו ולשמה ולשם גירושין?

**דער סופר.** יא.

**דער רב.** האסט דו אזוי גערעדט, א. ז. וו...?

**דער סופר.** יא.

**דער רב.** ווי אזוי האסט דו גערעדט א. ז. וו...?

**דער סופר.** איך האב גערעדט, א. ז. וו...

**דער רב.** [צו די עדות] האט איהר געהערט פונים מגרש, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה אז ער האט מבטל געווען אללע מודעות א. ז. וו...?

**די עדות.** [ביידע צוזאמען, איינער אויף א גראבער אונ דער אנדערער אויף א דינער שטימע] יא.

**דער רב.** האט איהר געזעהן, אז דער מגרש, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה, האט מוסר געווען דעם טינט אונ פען אונ דאס טינטארעל א. ז. וו.

**די עדות.** יא.

[מע דעקט אפ טעמעלען די פאטשיילע]

**דער רב.** דו, חיה־טעמעל־גענענדעל בת ראובן־הערש, ווילסט דו מקבל זיין דעם גט פון דיין מאנן משה־מרדכי בר אפרים־מנשה פון גוטען ווילען אהן אונס אונ אהן תנאי?... זאג יא.

**טעמעלע.** [שווייגט א היבשע ווייל, ביז יודעל דער שמש טוהט זי א טארק באם ארבעל] יא.

**דער רב.** האסט דו געטאהן א נדר, אדער א שבועה, אדער איין איסור א. ז. וו...? זאג ניין!

**טעמעלע.** [שאקעלט מיט'ן קאפ] ניין — ניין!

**דער רב.** האסט דו גערעדט מעולם א דבור, אדער א. ז. וו... סע זאלל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאג ניין.

**עטעלע.** [מיט טרערען] ניין!

[יודעל דער שמש פיהרט צו מאטעלען]

**דער רב.** דו, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה, ווילסט דו געבען דעם גט דיין ווייב חיה־עטעל־גענענדעל בת ראובן־הערש פון דיין גוטען ווילען אהן אונס און אהן תנאי? זאג יא.

**מאטעלע.** [דרעהט אים דעם קאפ צו עטעלען און זיפצט; יודעל דער שמש טוהט איהם א שטורך פון הינטען מיט דעם עלינבויגען; ער שאקעלט מיט דעם קאפ אויף „ניין" און זאגט „יא"] יא!

**דער רב.** האסט דו גערעדט מעולם א דבור, אדער א. ז. וו... סע זאלל דעם גט ניט מזיק זיין?... זאג ניין!

**מאטעלע.** [רוקט זאך צו נעהענטער צו עטעלען; דער שמש נעמט איהם אן פאר די אקסלען און פיהרט איהם אפ אביסעל ווייטער] ניין! איך האב געוואללט זאגען... [ער וויל עפעס זאגען ווייטער, טוהט איהם דער שמש א ציה בא דער האנדט]

**דער רב.** [גיבט איהם איבער דעם גט על פי דין] נא דיר דעם גט, האלט איהם, ביז איך וועל דיר זאגען... [דער רב ווענדט זאך שוין צו עטעלען] גיב איהם אפ די כתובה אדער זיי איהם מוחל א. ז. וו... טוה אויס דאס פינגערעל, סע זאלל ניט זיין קיין שום חציצה, און דער ארבעל זאלל ניט אנ־ריהרען א. ז. וו... די האנט הייב אויף און זאללסט זיי ניט פאר־מאכען, ביז איך וועל דיר זאגען... [צום עולם] ווער סע האט עפעס א פסול אויפ'ן גט, זאגט...

**דער עולם.** [שווייגט מיט שטיל־שווייגענעם] א. ז. וו.

**דער רב.** דו, משה־מרדכי בר אפרים מנשה, הויב אויף די האנדט העכער פון דיין ווייב.

**מאטעלע.** [רוקט זאך צו צו־עטעלען און פארקוקט איהר אונטערען טיכעל; ביידע יונגע מענשען וויינען און שלינגען די טרעהרען]

**דער רב.** דו, משה־מרדכי בר אפרים־מנשה, זאג מיר נאך ווארט אין ווארט, זאג: „הרי זה גיטך...."

**מאטעלע.** [ער ווארגט זאך] הררי זזזה גגגיטך!...

**דער רב.** „והתקבלי גיטך...."

**מאטעלע.** [מיט א קוויטש] והתקבלי גיטטטך!—

**דער רב.** „ובו תהיי מגורשת...."

**מאטעלע.** [ער פאר־חלינעט זאך] ובו תהי מגגגגורשת!

**דער רב.** „ממני מעכשיו..."

**מאטעלע.** [מיט א יאהמערליך געוויין] ממממני מעכשיו!

**דער רב.** „והרי את..."

**מאטעלע.** [חליפעט ווי א קליין קינד] !... !... והרי א ת ! [דער גט פאלט פליצום ארויס פון זיינע הענט און מאטעלע פאלט עטעלען אויפ'ן האלדז— און דאס פארפאלנ ווערט אומגעריכט צונויף־געגאסען אין איין לאנגען, הייסען, פלאם־פייערדיגען קוש...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

**דער עולם.** [בלייבט לכתחילה פאר־שטוינט, אפ־האנדיג, אהן לשון, קוקענדיג איינער אויף דעם אנדערען און אללע צו־זאמען אויף דעם רב.

**דער רב.** [אין איניגע מינוט ארום] נננו! [קנייטשט מיט די פלייצעס] איך בין שוין דא ברוך השם באלד זיבען און צוואנציג יאהר רב און האב שוין אויף מיין לעבען גענוג פארלעך אפ־געגט, האט זאך מיר נאך אזא מעשה ניט פארלאפען!

**שרה־הנצי.** [רייסט זאך ארייך מיט אויס־געשטרעקטע קולעקעס און מיט צונויף־געציפעטע ציין און ווייזט אן מיט זיי אויף דעם איידעם מיט דער טאכטער אהן ווארטער און אנטלויפט אויף דער גאס, טוהענדיג א שטארקען זעץ מיט דער טיר.

**די רביצין.** [קוקט ניט אויף קיינעם] ארקע! דו זינדיגסט! מסתמא איז דאך דאס א זווג פון השם יתברך, ברוך הוא וברוך שמו... יודען, זאגט „מזל־טוב!"

**דער עולם.** [איינער דעם אנדערען] מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!

**דער סופר.** ר' ראובן־הערש! ר' ראובן־הערש! אצינד שיקט נאך משקה, וועלין מיר טרינקען „לחיים".

**דער עולם.** נאך משקה! נאך משקה!

**יודעל דער שמש.** אט געה איך! אט לויף איך! וואס זאל איך ברייננען אויף צו־פאר־בייסען?

**ראובן־הערש.** [צו שלום־שדכן] נו, ר' שלום, וואס האב איך אייך געזאגט? אזא? ווער איז גערעכט, ר' שלום? ר' שלום?

**ר' שלום.** אבער מיין רח"ש מיינער? ר' ראובן־הערש! מיר קומט רח"ש מיר! א שדכן אז ער שטעהט אפילו פון דער זייט א שדכן, קומט איהם שוין אויך שדכנות קומט איהם! וואס זאגט איהר, ר' ארקע, ניט אזוי, וואס? עלעהיי א נייער שידוך עלעהיי!...

**דער עולם.** [אסך קולות] וואו איז אהין געקומען דאס פאר־פאלק? וואו זענען זיי? האסט דו געהערט אין אקציע? טאקע נאר א קאמעדיע, א ריינע קאמעדיע! חא־האא־חא! העע־העע! חי־חי־חי!...

**לוי־בנימין.** [רוקט זאך ארויס פון דער טאלפא און שרייט אויף א קול] שוטים! נארנים! וואס לאכט איהר? מע וועט אייך בעשרייבען אויף גאזעטין, טפשים, וועט איהר ערשט דעמאלט א ברירה האבען צו־לאכען... פון זיך אלליין!...

(פארהאנג פאלט)

# א גביריש גוט הערץ.

אין דער גרויסער שטאדט „חשבון", אין א שיינעם הויז,
ביי א קיילעכדיגען טיש, אין א ווארים צימער,
זיצט פערטראכט, מיט ברילען אויף דער נאז,
דער אלטער גביר, „קמן" דער פרומער.

ער זיצט און קוקט אין א וועקסיל-פאפיער,
ער ציילט און רעכענט אויף זיינע אצבעות,
אה?! דער זמן איז שוין געוועזן א וואך פריהער!
פאר וואס-זשע ברענגט ער ניט דאס מעות?

ער האט גאר ניט באמערקט ווי ביי דער טהיר,
שטעהט איין אלטע פרוי, אין א צעריסענעם שאלל,
קיין איינציג ווארט הערט מען פון איהר,
נאר טרעהרען רינען איהר ווי פון א קוואלל.

ווי פון דעם שלאף האט זיך דער גביר,
ער וואכט, און דער־זעהן: די פרוי שטעהט—
דא האט ער גגעבען א געשריי אויף איהר:
—נישטא קיין קליין געלד, געהט אייך געהט!

ס'איז זיך ניט אב-צו-טרייבען פון די קבצנים,
אומגעהן אללע טאג זענען זיי ניט פויל,
ראש חודש אליין איז אייך ווענינ א פנים!?
אז איהר קומט צעהנדליג-וויים אויף א מאל!?

—„מיין רבי „קמן", בארימהערציגער פריינד!—
האט די אלטע געענטפערט מיט א ביטער געוויין—
„בעטלען איז ביי מיר פון תמיד א שאנד,
ווי ווייט מעגליך ערנעהר איך מיך אלליין.

—„זייט מיין אלטער איז מיר אב־געשטארבען,
„דריקט מיך שטענדיג די ביטערע נויט,
ס'איז פון אללעם געווארען א תל א חורבן—
דאך געה איך קיין מאל ניט בעטלען קיין ברויט.

—„נָאר אַצוּנְד , אָ , לֶעבֶּעדִיגֶער גָאט !
„אִיז גְרוֹיס מַיין אוּנְגְלִיק גָאר אִיבֶּער דֶער מָאאס ,
„מַיין אֵיינִיקֶעל גֶעהט אַוֶועק פַאר אַ סָאלְדַאט ,
„אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם נִיט צוּ גֶעבֶּען אוֹיף הוֹצָאוֹת .

—„אָ , גוּטֶער מֶענְשׁ , קוֹיפְט אַייךְ עוֹלָם הַבָּא
„הַאלְט מִיךְ אוּנְטֶער מִיט דְרַייא רוּבֶּעל גֶעלְד
„קוֹיפְט אַייךְ אַ מִצְוָה אִין דֶער אַלְטֶער בָּאבֶּע
„וָואס פַאר אִיהר אִיז פִינְסְטֶער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט !"

אִיבֶּער דֶעם צִימֶער הָאט דֶער גְבִיר שְׁפַּאצִירְט ,
אַז דִי אַלְטֶע הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיהרֶע רֵייד ,
ווִי עֶס שַׁיינְט הָאבֶּען זַיי אִיהם גֶערִיהרְט ,
אוּנ עֶר וֶועקְט אוֹיף אַ ווַיילֶע אַ פוּנְק מִיטְלֵייד .

—„אִיךְ קָאן אַייעֶר בַּקָשָׁה גְלַייךְ אוֹיס־הֶערְין ,
הָאט עֶר זִיךְ נָאכְדֶעם צוּ אִיהר גֶעוֶוענְדְט ,
דָאךְ ווִילל אִיךְ זַיין זִיכֶער חָאטְשׁ מִיט קֶרֶן ,
סְ'אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ נֶעם נִיט קַיין פְּרָאצֶענְט .

—„אִיהר הָאט רֶעכְט מַיין לִיעבֶּער הַאר ,
„דָאס הָאבּ אִיךְ אַלַיין פְרִיהר גֶעטְרַאכְט ,
„נַאט כּהוּט אַ קוּק , זֶעהט אוֹיף דֶעם שַׁער ,
„דֶעם טַייעֶרְן מַשְׁכּוֹן , וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרַאכְט .

—„דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים , אָךְ אִיז מִיר אוּנ וֵויי ,
„הָאט מַיין אַלְטֶער גֶעלִיבְּט ווִי זַיין לֶעבֶּען ,
„שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב הָאט עֶר גֶעלֶערֶענְט אִין זֵיי ,
„זֶענֶען טַייעֶרֶער פוּן גִינְגָאלְד. אִיהר מֶעגְט מִיר גְלֵייבֶּען .

דֶער אַלְטֶער גְבִיר הָאט דִי סְפָרִים צוּ־בִּינְדֶען ,
גֶעאָפֶּענְט גֶעקוּקְט , גֶעשַׁאצְט זֵייעֶר וֶוערְטְה ,
פְּלִיצוּם אִיז עֶר גֶעוָוארֶען רוֹיט , אָנְגֶעצִינְדֶען
אוּנ הָאט זֵיי גֶעטְהוּן אַ שְׁמִיטְץ אִין דֶער עֶרְד .

—אַרוֹיס דִי חֲצִיפָה ! אַוֶועק פוּן מִיר ,
הָאט עֶר זִיךְ צוּ־שְׁרִיעֶן וָואס אַמָאל בֶּעססֶער ,
„טְרֵפָה־פְּסוּל'ן הָאסְטוּ גֶעבְּרַאכְט מִיט דֶעם „בִּיאוּר"
פוּן דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס , „מ שֶׁ ה אָ דֶ ע סֶ ע ר !" (דעסאָוער)

די אלטע האט זיך געביך אין דרייען־געבויגען,
און דעם גאנצען תנ״ך צו־זאממען־געקליבען;
מיט א ביטער הערץ, מיט טרערין אין די אויגען,
האט זי יעדען ספר א קוש געגעבען.

און ארויס מיט דעם פאקק אין די שוואכע האנט,
דער גביר איז זיך געבליבען צו־פריעדען,
און ווייטער גערעכענט הלואות, פראצענט;
מיט דער מיגע פון א פרומען יודען.

א. מ. ה.

---

# א גוטער דאקטאר!

אויף מיר וועלען זיך מיינע פאציענטען ניט באקלאגען
ניט איינער פון זיי וועט אויף מיר עפעס שלעכטעס זאגען,
— האט זיך בערידהמט א דאקטאר פאר מיר היינט באנאכט —
יא אמת! — האב איך איהם געענטפערט אויפ'ן ארט,
זיי וועלען געוויס ניט זאגען אויף אייך קיין שלעכט ווארט,
דער טויט האט זיי אויף אייביג דאס מויל צו געמאכט...

---

ט. וו. זאמולאווסקי

# אִין אַלְבּוֹם.

דַיין לִיכְטִיג גֶעזִיכְט אַז אִיךְ בֶּעטְרַאכְט,
וֶוען אִיךְ קוּק אִין פָּנִים דִיר—
שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר פַאר מִיר
דֶער פְרִיהלִינְג מִיט גָאר זַיין פְּרַאכְט;

—

אוּנ וֶוען אִיךְ דֶער־צֶעהל דִיר אַ מָאל נַייֶעס.
פוּן דִי קָאלָאנִיֶעס אִין פַּאלֶעסְטִינֶע,
אוּנ דֶער־זֶעה דַיין קַאלְטֶע מִינֶע—
שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיר פָאר— אַ גְלֶענְצִינֶע שְׁטִיק אַייז...

# אַיין אֱמֶת־דִיגֶער חָלוֹם.

פַאר אַ יָאהרֶען ווִינְטֶער סַאמֶע אִין דֶער גְרוֹיסֶער קֶעלְט,
הָאט זִיךְ מִיר אֵיין־מָאל אוֹיס־גֶעמַאכְט,
פָּאהרֶען אִין אַ בַּעל־עֲגָלָה'שֶׁער בּוֹיד בֶּענַאכְט,
אִין אֵיינֶעם מִיט אַ גַבַּאי וָואס ּקלוֹיבְּט אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל גֶעלְט

—

וִיצֶענְדִיג— וָוארוּם לֶעגֶען הָאט מֶען נִיט גֶעקָאנְט,—
בִּין אִיךְ זִיךְ אָבּ־גֶעשְׁלָאפֶען דִי גַאנְצֶע נַאכְט,
אוּנ אִין חָלוֹם הָאט זִיךְ מִיר כְּסֵדֶר אוֹיס־גֶעדַאכְט,
אַז דֶער גַבַּאי נַוארֶעמְט אָן אַרוּם דִי „פִּישְׁקֶע״ דִי הָענְט.

מ. וו. זאטולאָווסקי.

# דער יתום.

## I.

### (נאוועללע)

ר' שמואל־דוד טריינעס איז געוועזען א יוד פון א יאהר 55 , 60 מיט א שיינע ווייסע בארד , ניט דיק , ניט דין , ניט הויך , ניט נידעריג — א גאנץ שיינער געזונדער אלטער . אין דער יוגענד איז ער ערגיץ וואו געוועזען א חזן , און עד היום איז איהם נאך איבער־געבליבען א שטיקעל גארגיל וואס האט זיך געלאזט הערען ביים דאווענען .

זייט איך האב איהם געקענט איז ער שטענדיג געזעסען ביי דעם אייגענעם טישעל ניט ווייט פון דער טהיר , וואו ער האט עטליכע יונגלעך געלערענט יודיש־שרייבען . יעדער מאהל ווען די יונגלעך זענען אוועק געגאנגען פלעגט ער זיך אביסעל אויפ־ראמען זיין „קאנצעלאריע" — ווי ער פלעגט רופען זיין ווינקעל — און דערביי זיך אביסעל צו־געציקעלט , ער פלעגט זיך געלאססען אויפ־קלייבען די אויס־געשריבענע פאפירלעך , צו־רייסען זיי אויף גלייכע פיער־קאנטיגע שטיקלעך און אנשטאפען אין די קעשענעס . דער־נאך פלעגט ער זיך ארויס־נעמען געניזענע פעדערען און פארזיכטיג און לאנגזאם זיי פארשניטצען אויף זאפאס — פיהרענדיג מיט דעם צונג וואו דאס מעסעריל פלעגט זיך פערקעריווען .

זינט ער איז גרוי־ווייס געוואהרען , האט אויס־געוויזען , אז יאהרען מאכען אויף איהם קיין איינדרוק ניט ; דער אייגענער פרעהליכער אלטער , אין דעם אייגענען אלטען חאלאט־שיק , נאר נאך א לאטקע אין עלענבויגען , די אלטע יארמאלקע א ביסעלע געלבער , די זייע האנגט נאך אלץ אויף דער וואנד אויף דעם אייגענעם צוועקיל .

שטענדיג מיט א המצאהלע , קיין מאהל ניט פאר־זארגט , נייגעריג צו נייעס וועגען פאליטיקע און איבער־הויפט וועגען וועלט־חכמות . וועגען וועלכע ער פלעגט ביידען מיט זיינע יונגלעך טאקע אט דא ביי דעם אייגענעם טישעל .

איך בין אזוי געוואהנט געוועזען צו טרעפען איהם שטענדיג אויף זיין ארט , אז איך בין איינ־מאהל אריין געקומען און האב איהם געטראפען ניט ביים טישעל נאר ביי דר שאפע , האט זיך מיר אויס־געדאכט , אז די מעבעל איז עפעס ביי זיי איבער־געשטעלט , איך האב זיך געוואלט דער־מאנען ווי עס איז פריהער געשטאנען ; נאר אין דעם האט די אלטע א געשריי געטוהן : „פלאנטע זיך ניט ארום שטוב ! געה אויף דיין ארט !" דא האב איך פער־שטאנען אין וואס דער שנוי איז .

זיין אלטע טריינע זאל לעבען האט פון איהם פון שטענדיג אן ניט געהאלטען , זי איז געוועזען די אשת־חיל , די בריה , און דארום איז זי געגאנגען אין ספאדיק . זי איז געוועזען א יודענע ווי א שיף.ווי מע זאגט.מיט א פנים ווי א טעלער ! צו־קוקען זיך צו איהר האט אויס־געוויזען , אז זי האט שטענדיג צייט געהאט . אויך שטענדיג פון בריה , צווישען דער לאנגער

ברכה זאגענדיג יעדער ווארט בעזונדער, דייטליך. אפילו ביים אויס־שפייען אין א זייט האט זי צייט געפונען אויס־פרעגען ביי דער אנטקעגענדיגער שכנה, צי איז דא היינט א מארק, פיעל קאסט א קועבעל שטרוי, צי קריגט מען אייער. אונ ווי האלט דער מקח פון פלייש? אין דעם פלעגט זי אנ־טוהן דעם פאריק, אנשפייען אויף די האנד אונ צו־גלעטין די האאר, דער נאך פלעגט זי זיך נעמען די זעקיל צום שטריקען אונ ארויס־גיין אין גאסס...

מיט איין־מאהל איהר „אין גאסס גיין" פלעגט זי זאגען, וועט זי צעהן מאהל פאר־קויפען אונ געלד אפ־געהמען פאר איהר אלטען אין גאנצין! זי איז טאקע געוועזען א יודענע א חכמה! זי האט געוואוסט „וואו איין וואו אויס" אונ האט באמת פער שטאנען וואס הייסט א גראשען!

— עסין איז ניט פרעססין, פלעגט זי זאגען; דער מאגין האט ניט קיין פענסטער, אום־שטעהנם געזאגט! וואס דארף גאר א מענש פאשען דעם זינדיגען גוף? א שפאס!— ווערים זאללען האבען וואס צו־עסין?

אונ אט מיט די אונ נאך אזעלכע קלוגע אונ פראקטישע דבורים פלעגט זי צו־פרא־ווען דאס הארטע אלט־געבאקענע שטיקעל ברויט, וואס זי פלעגט אליין עסען אונ דער לאנ־גען איהר אלטען אויף איבער־בייסען. ער פלעגט גערן זיך וואשען אונ מיט א ברייטקייט זאגען דעם „שאו־ידיכם", מיט דער המוציא פלעגט ער זיך נעבאך די יאסלעם צו־שניידען, אבער אז מען בראקט־אן אלטע ברויט אין געבטיגע קאלטע בארשט, פלעגט ער אליין זאגען, אז עס איז פשוט א מחיה!

אויף דער אלטער האט מען געזאגט אז זי האט „קניפילך", אונ ניט נאר פון פאר־שפארען זענען געוועזען איהרע דאהאדען, זי פלעגט טאקע פערדיענען אויך. ווי צום בייי־שפיעל: אויס־פיהרען א שידוך צווישען א זיבעציג־יאהריגען אלמן מיט א פינף־אונ־צוואנציג־יאהריגער אלמנה, אונ אין צוויי ווארטער אפ־ש עלען א חופה ביים קומען איז קיינער ניט געוועזען אזוי א בריה ווי טריינע, אדער געפינען פאר דער שכנה׳טעס דיענסט־מיידיל איהר אמת׳ן זיווג, דעם בחור, דעם וואסער־טרעגער, א בלינדען אויף איין אויג אונ טאקע דער־פאר געזיכערט פון סאלדאטען— האט אויך קיינער ניט אזוי געטויגט ווי די טריינע. פון די זיווגים׳ס זענען האט טריינע צו־געהאנדעלט מיט גאלדוואריג אויך; א גילדערנע קייטיל פאר דער כלה, א זייגעריל פאר דעם חתן, א פאאר אויר־רינגלעך, א גאלדענע בראשע מיט פינ־גערלעך אלערליי האט מען באלד געקריגען ביי טריינען.

אונ זי פלעגט זיך טאקי אוועק־שטעלען ווי עס פלעגט קומען צו די מתנות ווי א מאמע פאר דער כלה, ווי א אייזערנע וואנד פאר דעם חתן! קינדערליך! פלעגט זי זאגען, איהר זענט נאך יונגע ציעגען, איהר ווייסט ניט וואס א תכלית איז, געלט—געלט איז ניט קיין וועלט! אט טפו א! נאט אייך א דרייער פאר אייערע גאנצע געלט! דער גראשען איז קיילעכדיג, היינט איז ער דא, מארגען פאר־קייקעלט ער זיך צו איין אנדערען— אונ א צירונג, חלעבין, איז פארט א קרן אויף אייביג!

דער־גלייבען אין א גט צווישען די אייגענע זיווגים איז זי אויך געוועזען א מזיק. אין דער גרעסטער קריעג אונ ליארעם צווישען דעם זיווג פלעגט זי צו־יין־פאלען: שא—שא—ש ש א ט!!!

קינדערלעך! איך האב פערקניפט— איך וועל אפ־קניפען. וואס דארפט איהר אומזיסט שעלטען דעם שדכן? מיין באבע— א ליכטיגען גן־עדן זאל זי האבען!— איז געוועזען א חכמה, און איז טאקע געוועזען די גרויסע צדקנית אויך. מיין קאפ זאלל ליגען ווו איהרע פיס ליגען! עפעס א שפאס— יענטע די גבאיטה!!! זי האט דאך געשריבען א „ריינינג־קייט״ (א ספר תורה) און איהר מנדר געוועזען אין קלויז! אמת עס איז איהר געגאנגען, ווי מען זאגט, ווי פון וואסער, זי האט געהאט א שפע— אויף אללע יודישע קינדער געזאגט געוואָרען, רבונו של עולם! זי איז דאך געוועזען די ערשטע מלוה־טע אין שטאדט. מיין אייניקעל זאלל געזונד זיין איז דאך נאך איהר א נאמען, א גוטע בעטערין זאלל זי פאר איהר זיין!— וואס האב איך געוואלט זאגען? יע, פלעגט זי זאגען; קינדערלעך, אז אונזערע חכמים האבען אויס־געקלערט א גט, מן הסתם דארף מען עס, ווי זאגט מען: איידער צוויי אין ליידען, גלייכער פיער אין פריידען. איהר וועט מיר קינדערלעך חלעבען ביידע אמאהל דערמאנען צו־גוטען.

נאר אזוי ווי למשל א דאקטאר קורירט ניט זיך אליין, אזוי האט טריינע אויך ניט געקענט זיך קיין עצה געבען צו איהר טאכטער די עגונה ואזוי האט מען נאך אלם דאמאלם גערופען חיענען, כאטש זי האט שוין פאר א יאהר אכט צוריק פון איהר מאנן א גט בעקוממען.

חיענע טרייגעס איז געוועזען צו יענער צייט א ווייביל פון א יאהר דריי און דרייסיג, שוין אכטצעהן יאהר אהן א מאנן געזעסען ביי דעם טאטען, אדער בעסער געזאגט: ביי דער מאמען אויף דער קארג. די מעשה איז אזוי געוועזען: צו פינפצעהן יאהר האט טריינע חתונה געמאכט איהר טאכטער חיענען, און געקריגען א איידעם א צאצקע, א „זיידענעם יונגען־מאנן״; נאר עפים אין עטליכע וואכען נאך דער חתונה איז ער אוועק מיט דעם טלית און תפילין דאווענען און איז שוין מעהר צוריק ניט געקוממען. אין שטאדטיל האט מען גע־מורמעלט: א טהייל האבען געזאגט, אז ער איז אנטלאפען פון טריינען, און אטהייל— אז טאקע פון חיענען אליין— איבער אורזאכען וואס ווייבער האבען איינע די אנדערע אויף דעם אויער געזאגט... נאר אז זי האט אין אכט חדשים שפעטער א טאכטער געבאהרין מיט מזל, זענען די ווייבער שטילל געווארען— אבער איהר „זיידענער״ מאנן איז ווי אין וואסער אריין. מען האט פון איהם נישט געהערט, נישט געזעהן, מען האט שוין געדרוקט אין די גאזעטען, אבער „אין קול״. ערשט פאר א יאהר אכט האט מען איהם געפונען לערנענדיג ערגיץ אין א קליין־שטאדטלדיגען בית־המדרש אלם פרוש, און פאר עטליכע גראשען ארויס געקריגען א גט און זי איז מיט מזל בעפרייט געווארען.

פון יענער צייט אן האט זי זיך געריכט פון טאג צו־טאג א כלה ווערין, און האט זיך אזוי שוין ברוך השם אכט יאהר פער ווײלט. אונטער דער צייט זענען אויף איהרע אויגען ש נ ע ק ע ם אויס־געוואקסען, חתונה געהאט און מיאוס געווארען— און זי איז נאך אלץ גע־וועזען א כלה, און אפשר דער־פאר טאקע— א מענש איז דאך ניט קיין מלאך— איז זי געבאך אין כעס געוועזען אויף דער גאנצער וועלט. אין שטאדטיל פלעגט מען זאגען: גאט זאלל שומר ומציל זיין פון טרייגעס מויל און חיענעס צינגעל...

איהר ביטער הארץ האט נאר געוואוסט שפרינצע, יעקיל־די־מוידים ווייבים טאכטער, אויך שוין א מיידיל נאך שלושים, ווי מען פלעגט עס ביי אונז זאגען. פון דער פריה

פלעגט זיך שפרינצע אריין־האפען צו חיענען און א פרייליך געהערט זיך ?

דער וואס האט א ידיעה געהאט אין חיענעס מיט שפרינצעס שמועה'ן האט דעם „וואס הערט זיך" געטייטשט : איז עפעס איבער נאכט ניט געשטארבען ערגעץ א קינפעטארען, ניט באשאפען געווארין א נייער פרישער אלמן , א גרוש , אדער אפשר איז ווייטער ערגיץ א שנעק מיט דער מאמעס מילך אויף די ליפען א כלה געווארין ? דארף מען טאקע וויסען ווער און וואס און ווען און ווי אזוי. וויפיעל נדן, וויפיעל קליידער , און ווער איז דער כלה'ס טאטע און דעם חתנ'ס זיידע , און פאר וואס מאכט מען גאר חתונה אזוי א שנעק ? ...

—מען האט אב געלייגט די חתונה נאך אויף דריי חדשים .

—וואס איז דאס מיט זיי אזוי א בייזע איילעניש ? ...

—הייגט זעהסטו שוין שפרינצע לעבען , ווער איז א חכמה ? ... איך האב דיר שטענדיג געזאגט אז די מיידיל געפאללט מיר ניט... עפעס פוטצט זי זיך מיר צו פיעל ... און ער , דער חתן , מן הסתם איז ער ניט בעסער פון איהר אז ער נעהמט איר—שא ! איך האב גאר פארגעסען ...

נאר טריינע פלעגט דאס רוב אריין פאללען אין געשמאקסטען שמועס און ווי א גזלן צו טרייבין די טייבעלאך—מיט גוואלדען : האב דיר אכציג שווארצע יאהר ! פלעגט זי זיך צו־שרייען אויף חיענען—עס ווערט זיי ניט נמאס ומאוס גאוועזענדיג דעם גאנצען העלען טאג, און אין שטוב איז נאך ווי אין א שמאל , אז עס איז א חרפה פאר לייטין ! און אט אין דעם כעס פון טריינען—וואלט איהר עס גלייבען ? —איז אויך אמאל געלעגין א שטיק מצוה : זי פלעגט אויף אזוי איין אופן—אליין ניט פיהלענדיג—אפ ראטעווען די צו שאטענע ביינדעליך פון די דאזיגע חתן־כלה'ס עלטער באבעס , וואס די צוויי חברימעס האבען פון קבר ארויס געריהרט און שוין שיער ניט צו קנאקט אויף זייערע שארפע ציינדלעך .

אזוי האט מען געלעבט און פארבראכט שיינע עטליכע יאהר , און דער ווייל איז שוין חיענעס טאכטעריל, יענטקע, אדער געגריעטטע—ווי זי האט זיך שפעטער געהייסען רופען—אלט געווארען זיבעצין יאהר .

און דא איז שוין ניט געווען גערעדט ווי א מאהל אין די קינדער־יאהרען , אז יענטקען קומט די אייבערשטע פון מילך , די אונטערשטע פון ציטעס און די מיטעלסטע פון פלאדין . און נאך א סך אייבערשטע, אונטערשטע און מיטעלסטע—דא איז געווען די פראגע : וועמען דארף טריינע מאכען א נייע קלייד , חיענען אדער יענטקען ?

אז יענטקע איז געווען א קינד, פלעגין שכנים זאגין : „געדיכט זאל מען זאען אזעלכע קינדער און שיטער זאלען זיי אויף גיין !" צו יענער צייט האט יענטקע הנאה געהאט פון א מין אונשולדיגען פערגניגען, ווי צום ביישפיל : אז עס שפיעלען קינדער, אונטער־גנבנען זיך שטילל, שטילל—און אן־בויכען איינער פון זיי געשמאק אין פלייצע ; אנ־אנדערש מאהל אריין לאזין די ציין אזוי, אז דאס קינד פלעגט זיך פארגעהען און יענטקע פלעגט מיט א גילעכטער אנטלויפין . אין עטליכע מינוט שפעטער פלעגט זיך שוין קריגין די מוטטער פון דעם פארוויינטען אויף בלוי צו ביסענעם קינד מיט טריינען, אז די קולות האבען זיך געהארט אויפן גאנצען גאס .

אין איהרע אונשולדיגע קינדער־יאהרען זענען אללע שכנים געוועזען שלעכטע, שפעטער האבען אללע לעהרער׳ס ניט געטויגט און אלע שול־חברית׳עס זענען געוועזען צו־לאזענע און פערדארבענע קינדער, און דער־פאר טאקע האט זי צ ו י ש ע ן זיי קיין איין חברתה ניט געהאט.

נאר יענטקע איז אלט געווארען זיבעצעהן יאהר! זי האט שוין ניט געהייסען יענטקע. זי האט שוין גאר געהייסען „געניריעטטע” און איז געוועזען א גימנאזיסטקע פון פירטען קלאסס. זי האט דא פלוצלינג אנגעהויבען מיט דער וועלט שלום צו מאכען און האט שוין אפילו אזוי ווייט געהאלטען, אז...— איך שעם זיך אייך צו זאגען — יענטקען האט מען ליעב געקריגען! איהר זאלט חס ושלום ניט מיינען אז אימיצער פון איהרע חברת׳עס, אדער אזוי מענשען וואס האבען מיט איהר אין שכנות געוואוהנט — הייבט זיך גאר ניט אן! איהר האט גאר ליעב געקריגען א מאנסביל!...

חאטש מען פלעגט איהם רופען „דער קאמאר” פאר זיין מאגערקייט און דארקייט, פון דעסט־וועגען האט ער געטראגען א מונדיר און איז געוועזען א גימנאזיסט פון דעם פינפטען קלאסס.

אז עס פלעגט קומען א יום־טוב און יענטקע האט אנגעטאהן איהרע נייע קליידער, פלעגט דער אלטער זאגען טריינען: הערסט דו, טריינע! דו טוהסט א עולה, האט דיר שוין גאטט געהאלפען פאר יענטקען וואלט ער דיר שוין העלפען פאר חיענען אויך עפיס מאכען, זי איז דאך נאך פארט א יונגער און האט נאך כמעט קיין שיין ניט אנגעטאהן, חלעבען אז עס דריקט מיר אין הארצען אויף איהר קוקענדיג.

— שוטה! גולם! — פלעגט טריינע ענטפערן — ווי די מעשה איז, איז זי שוין פארט א מייקעל, ווי זאגט מען: אבי דעם קאפף צו־געדעקט — איז שוין ביי לייטען די מיילער פאר־שטאפט; אבער יענטקע איז דאך שוין א זיבעצעהן יאהריגע מיידעל!! עפעס א קלייניגקייט ביי דיר?!... און וויעדער באשר איהר זענט אללע בלינד, אבער איך האב א קוק!... אוי, אוי! טרייגעס קאפף זאל לעבין; טריינע פאר־שטייט א זאך...

— דו באטראכסט דעם בחור׳ל — האט טריינע שטילל געזאגט צו שמואל־דודן — אט דעם פיאדער, שמאדער, ווי זיי רופען איהם?...

וואס? אט די דראניצע?! — האט אויס־געשריען דער גוטער, ערהליכער אלטער. — אונזער געזונטער יענטקען וועסט דו געבען דעם סוכאטניק, דעם... דעם האב מיר ניט פאר איבעל... פאר א מאנן?! נו — און וואס וועט יענטקע ריידען? ער וועט איהר געפאלען?

אי שוטה! הלואי וואלט נאר ר׳ שבתי׳לע מסכים געוועזען אויף דעם שידוך, ווי מיר אללע און יענטקע בודאי, וואלטען מיר זיך פיר גליקליך געשעצט, עפעס א קלייניגקייט ביי דיר ר׳ ברוך חאצקעלעס איין איינקעל, ר׳ שבתי׳לעס א זוהן?! און וואס פאר א ירושה וואקסט אויף דעם יונגעל! דארע ביינער — שמיינער, א מיאוסער — א שיינער, איין שווארץ יאהר! א מאנן איז א מאנן, און דער־צו אזא יחוס נאך מיט א ירושה וואלגערט זיך חלעבען ניט אין די גאסין! און אזוי האט טריינע, ווי זי פלעגט זאגען, ביי קיינעם קיין שכל ניט געליעהען און האט זיך אלליין פאר־שטאנען איהר וועלטעלע צו־פיהרען —

איהרע „קניפלעך“ האט זי ניט געהאלטען חס ושלום אין זאק, ווי עס פיהרט זיך ביי אונזערע קלוגע ווייבער— זי האט איהרע עטליכע גראשען געהאט ביי קליינע קרעמערס און פלעגט טאקע נעהמען ביי זיי געשמאקע פראצענט. מיטוואך פלעגט זי געהן נאך די וואכערס און פאר איין גאנג פלעגט זי ניט פאר־פעהלען אריינטראגען צו פייגעל די שניט־קרעמערין א רוביל וואכער.

און אזוי זיך, ביסלעך־ווייס, האט זי טאקע אין עטליכע יאהר, בסוד סודות פון איהר אלטען, אויס־געצאהלט סאמעט אויף א מאנטעל און ריפס אויף א קלייד פאר יענטקען.

—ווער ווייסט— פלעגט זי זאגען ווען מארגען עס איז? אט זאלל חאטשע מיין איינינקעל מיר האבען מיט וואס צו דער־מאנען; זאלל זי וויסען, אז די באבע האט איהר פאר־זארגט!

פאר א יאהר דריי ווען יענטקע איז אלט געוועזען פירצעהן יאהר— האט זיך טריינען געמאכט אויס־צו־פיהרען א בעל־הבית׳שען שידוך, און זי האט טאקע באלד מיט גרייטע איין געצאהלט די רעשטע פון סאמעטענעם מאנטעל און האט עס שוין אין א גוטע שעה אריין־געלעגט צו־זיך אין קופערט אונטער די וועש, ארויף געלעגט איהר קרבן־מנחה סידור און נאך א סך זאכען, כדי דער אלטער זאלל ניט מערקען אז אונטען ליעגט סאמעט— „א מאנסביל בלייבט א מאנסביל און טאר ביי דער ווייב ניט פון אלעם וויסען“.

נאר די שכנה׳טעס ארום האבען בסוד סודות געוואוסט, אז ביי טריינען אין קופערט ליעגט שוין פאר איהר איינינקעל סאמעט מיט ריפס.

יעקיל־די־מודים ווייב פלעגט זיך שטענדיג שפארען מיט איהר שכנה׳טע די לעהרערקע אדער די אפיקורסטע, ווי זיי פלעגען איהר רופען.

—אי, וואס זאלל איך מיט אייך טענה׳ן!— פלעגט זאגען יעקיל־די מודים ווייב!— איך זאג אייך אז טריינע איז א חכמה, אזא יאהר אויף מיר! הלואי העלפט מיר גאט פאר מיין טאכטער אפ־לייגען סאמעט אויף א מאנטעל ווי טריינע פאר איהר איינינקעל.

יעקיל־די־מודים ווייב פלעגט שטענדיג האפען, אז היינט־מארגען וועט זיך ביי טריינען מאכען א אלמן, א גרוש וואס וועט פאסטען אקוראט פאר איהר שפרינצען, דער־פאר טאקי האט זי געהאלטען פאר טריינען שטאהל און אייזען.

די אפיקורסטע פלעגט איהר שטענדיג ענטפערין בזה הלשון: איך גלייב ניט אין אייער טריינעס חכמה, אט לויפט זי שוין זינד איך קען איהר שוין באלד דריי יאהר צו אלע גבירתה׳ס פרעגען מיטלען ווי ריפס זאלל זיך אויף הערען צו־האקען און איינגלגענים סאמעט די האאר אויף־שטעלען, וואלט דען ניט גלייכער געוועזען זי זאלל אנ־גרייטען פאר איהר איינינקעל מעהר זאקען, העמדער, איבער־הויפט וואש, וואס ווערט ניט קאליע ליעגענדיג?

—אט וואס זאלל איך מיט אייך שמועס׳ן אז ביי אייך איז אלץ קאפויר? קאפ ארא־פוס ארויף! זאגט מיר נאר אדרבה, זאלט איהר מיר געזונד זיין: וועמעס עסק איז דאס צו־וויסען וואס פאר א וועש זי טראגט אדער צי גייט זי אין גאנצע זאקען? וועט איהר דען ווער

איבער־קוקען ? אָדער אַ סאמעט־מאנטעל , אַז גאט העלפט מע געהט אין שול אַריין איז דאך טאקע אַ ציערונג .

—לאָזט מיר צו־רוהע מיט אייערע סאמעט — פרעגט די אפיקורסטע זאגען — איך האָב נאך נים געזעהן, ביי איין יודישע ווייבעל דאס זאלל זיך מיט איהר סאמעט־מאנטעל קיין סיבה טרעפען — וואָרום ווען געהט זי איהר סאמעט־מאנטעל ? דאך נאר שבת ווען מען טאר קיין שירעם ניט טראָגען — און גראָדע דאמאלס שיקט גאָט אַ רעגען און ער טרעפט איהם אויף דעם האַלבען וועג . זי בעדעקט מיט דער ווייסער טיכעל נאר דעם שפּיץ הוט , איילט גיכער אין שול אַריין , דאָרט קוועטשט מען איהר און מען שטויסט איהר פון אַלע זייטען , די געהמט איהר פאַר דעם אַרבעל און די זעצט זיך אויף איהר פאַללע , היינט זי אַליין דאַרף דאך אויך עפּיס זיטצען — אַזוי אַז נאך דעם ערשטען מזל־דיגען שבת געהט זי שוין ביז דעם טויט אַ צו־פליאַשקעטין סאמעט־מאנטעל , אַז עס איז נאר אַ חרפּה איהם אויף זיך צו־טראָגען . היינט בערעכענט, וואס קאָסט דער סאמעט־מאנטעל? פיעל מאָהל האָט טרייגע אפּ־געשפּאָרט אַן זיך , אַן איהר אַלטען , געקאכט מיטטאג מיט „נישט״ , און פיעל בלוטיגע גראָ־שענס פראָצענט געריסען ? ! און אַלץ אַריין־געבראַכט אין דעם סאמעט־מאנטעל . און נאָך די אַללע זאַכען פרעג איך אייך . איז דען מיין טוכענער מאנטעל ניט שאָנער פאַר אייער סאמעטענעם ? נוטציגער איז ער שוין אַודאי , ער בליאַקירט ניט פון דער זונן , ווערט ניט קאַליע פון רעגין ; איהם שאַט ניט קיין שניי , ער קאָסט אַ דריטעל געלד און פּאַסט מיר שאָנער. איך האָב אַ סך־מאָל געהערט ווי אַ ווייבעל זשאַלעוועט זיך אַז זי האָט ניט אין וואס אין גאס אַרויס צו־געהן , און אין שראַנק האָנגט אַ סאמעט־מאנטעל , נאר ער פּאַסט איהר ניט צו איהרע קליידער , און איין אַנדערע טוהט זיך אַזוי אָן , אַז עס טרעפט איהר אַ קריסט, דער־קענט ער פון הינטען אַז דאָ געהט אַ „בת־ציון״... ער דערקענט איהר נאָך איהרע פערשמוצ־טע שיך , איהרע אָב־געטראָגענע קלייד און נאך איהר סאמעטענעם מאנטעל וואס רייסט די אויגען אויף .

— אַט האָט אייך אַ גוטען טאָג ! — פלעגט פאַר־קאָנצען יעקיל־די־מודים ווייב — איך וועל שוין אייך ניט איבער־שטעלען , איהר וועט זיך בלייבען ביי אייערע משוגעת׳ן — און איך זאָג אייך פאָרט אַז טרייגע איז אַ חכמה , אַזא אַ יאָהר אויף מיר !

## II.

ווער איז אין לעבען ניט אַלט געווען פופצעהן , זעכצעהן , זיבעצעהן יאָהר און האָט ניט גע־גלייבט אין די גבורה פון אַ גימנאַזיסט , אַז ניט היינט מאָרגען , וועט ער די וועלט גליקליך מאַכען , עס וועט ניט זיין מעהר קיין אָרימע און רייכע , קיין הונגעריגע און זאַטע , קיין שטאַר־קע און שוואַכע , קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער ; אַריסטאָקראַטין און פּאָבעל , הערען און דיענער , און נאָך , און נאָך און נאָך — עס וועלען זיין נאר ברידער ! מענשען ! די גאַנצע וועלט ווי איין געזינד , ווי קינדער פון איין מאַמען !

אונזער קרוזשאַק האָט אויך געגלויבט און געטרוימט פון דער גוטער גליקליכער צייט, ווען אַ שעפּעלע מיט אַ וואָלף וועלין זיך אום־אַרמען און געהן האַנד אין האַנד צו דעם טיש וואס איז געגרייט פאַר דער גאַנצער וועלט. און פּיאָדער שעפּסעלעוויטש וועט טרינקען

„לחיים" פאר דער גאנצער מענשהייט !... אין אונזער קרוזשאק, אין דעם קליינעם הייפעלע, האבען מיר מאקע שוין איינגעפיהרט די אידעע אין וועלכע מיר האבען געגלייבט. איבער־טרעטענדיג דעם שוועל אין דעם קליינעם איינגען צימעריל ביי שרה־די־אלמנה'ס טאכטער, איז פאר־געסען געווארען דער חילוק צווישען ארים און רייך, מיין און דיין. א. ז. וו.

פון א סך מעלות האט מען דא ניט געהאלטען און א סך חסרונות זענען דא פאר א זעלכע ניט בעטראכט־געווארען, דא איז געוועזען גאר איין אנדער לופט מיט אנדערע מענ־שען, איך האב מיך אליין אין דעם צימעריל פיעל מאל בעטראכט ווי גאר א נייע.

פון פסח־ר־שבת'ילעם האב איך שטענדיג געלאכט גלייך מיט אלע אנדערע, ווער עס האט דעם „גבור ישראל" געקענט. די גימנאזישע קליידער זענען אויף איהם געהאנגען פונקט ווי אויף דער וואנט. א מזל האט ער געהאט, אז ווי אויס־געצויגען עס איז געוועזען זיין פיגור און ווי לאנג עס זענען געוועזען ביי איהם די הענד, פלעגין זיינע ארבעל שטענדיג זיין נאך אויף א פערטיל ארשין לאנגער; אין דער היטעל האט ער אויס־געזעהן ווי א קאץ אין א פאלוקאשעק; ער וואלט אפשר גאט ווייס ווי טיעף אין איהר אריין, ווען ניט זיינע גרויסע אויערין, אויף וועלכע די היטעל האט זיך פערהאלטען און זיי שטענדיג אראפ געקוועטשט. פון אונטערען קאזערק האבען ארויס־געבלישטשעט א פאאר אויגען, וואס זענען גראדע ניט געוועזען צו דער פאאר; איינע האט געקוקט אין מערב, די אנדערע אין צפון־זייט. און אז דער בחור פלעגט נאך איין פליעסקען אויף דעם קאפף די היטעל און מיאוקען ווי א קאטץ, אום דעם עולם פרעהליך צו מאכען, פלעגען זיך אלע מיידלעך צוקייקלען מאקי פאר געלעכטער.

נאר ביי שרה־דער אלמנה'ס טאכטער אין צימער איז געוועזען א עולה צו האלטען שאנהייט פאר א מעלה און האסליבקייט פאר א חסרון; דא האט פסח געהייסען פיאדער סעבאסטינאוויטש און איז געוועזען דער פיהרער פון רעדעל, ער האט געטראגען א פינ־סנע, האטש ער האט פון איהם קיין נחת נישט געהאט; ער פלעגט זיך מיט איהם שטענדיג אפשר א האלב שעה בארען איידער ער פלעגט איהם מיט גוואלד איינזעטצין אויף זיין דארין נאז, זיין פינ־סנע איז א פנים געוויינט געוועזען צו א פעטערין ארט, ווארום ער פלעגט ניט איינ־זיטצען און מיט עזות אראפ שפרינגען.

אז פיאדאר סעבאסטיאנאוויטש האט זיך געשטעלט רעדען, פלעגט זיך מיר ווי אויף־צו־להכעיס אזוי פארוועלין לאכען. אז איך האב זיך שטארק געמוטשעט, דער־מאנט זיך אן אללע אומעדיגע זאכען, ווי למשל: אז מיין באבע איז געשטארבען, אז איך האב געקריגען א „דוואיקע" אין קלאסס, און דער גלייכען; עס האט אבער ניט געהאלפען, עס האט זיך מיר איין־מאל ארויס־געבראכען א געלעכטער: נאר איך האב זיך אזוי שטארק פאר־שעמט אז איך האב באלד זיך כלומרשט פאר־הוסט.

גאספאדא!— האט איין־מאל פיאדאר אויס־גערופען— איך לעג־פאר דער ווירדיגען גע־זעלשאפט אריין־צו־נעהמען א נייעם טשלען אין אונזער קרוזשאק, פריילין געניעטע הערינג.

אללע האבען זיך איבער־געקוקט, יעדער פון אונז האט געקענט יענטקען מיט איהר־

רע אויס־געצייכענטע מעלות, נאר דא איז אפילו צווישען „גוט“ און „שלעכט“ אויך קיין חילוק ניט געוועזען — דרום האבען אלע מסכים געוועזען און יענטקע האט זיך איינגעקויפט אין חברה.

צו זיבעצעהן יאהר איז יענטקע געוועזען — אויף מיין ווארט אז עס איז מיר שווער צו זאגען שיין אדער מיאוס, אפט בלייבט מען שטעהן בעטראכטינדיג אזוי א געזיכט מיט דער פראגע: מאטע זיסער! וואס פעהלט דא? עס איז דוכט זיך אלץ פערהאנדען: שווארצע אויגען, א ווייסער פנים, רויטע באקען, א גראטהעגער פאר־בארדאק און אזוי אויך גאר נישט קשה פון א פיגור; און דאך שטויסט עס עפים אפ צו־ריק — עס נעהמט עפים נישט, עס פעהלט און מע ווייסט ניט וואס? — עס איז אבער דא אצייט אים לעבען פון אזעלכע פערזאנען וואס אויך זיי ווערען אנציהענד, דאס איז צו זעכצעהן־זיבעצעהן יאהר, ווען אלע גליעדער ערוואכען ערשט ווי די נאטור אין פריהלינג, זי איז פריש און עס שיינט אויף איהר דער טהוי צו־ליעגען — באלד אבער ווערען זיי פער־נאנדער געגאסען און די אונגעוואהנליכע קוי־לעכדיגקייט מאכט די פיגור, די בעוועגונג אומגעלומפערט און פאר־פליסט און פאר־ווישט דאס ביסעל חן וואס האט זיך פריהער געפונען ביי איהר.

## III.

שלמה המלך האט געזאגט, עס איז ניט דא קיין נייעס אונטער דער זאנע. עס קומט אונז פיעל מאל פאר, אז א נייע ערשיינונג דערמאנט אונז אן עטוואס בעקאנטעס, וואס מיר האבען שוין א מאל געזעהן אדער געהערט.

אין דעם דאזיגען אמת איבער־צייגען זיך אם בעסטען מיר יודען, ווען מיר בעטראכ־טען די היסטאריע פון יודישען פאלק פון די אלטעסטע ביז די שפעטעסטע צייטען. אלעס וואס איז א מאל פאר טויזענד יאהרען געשעהן, קומט נאך־אמאל פאר נאך טויזענדער יאה־רען, אזוי אז כמעט אין יעדערע צוויי, דריי דורות, אט דא, אט דארט, קומען פאר אזעלכע זאכען, וואס דער־מאנען דעם יודען אן דעם וואס איז געוועזען אמאהל מיט איינינגע הונדערט יאהר צו־ריק. עס איז א מאהל ניט נייטיג אזעלכע ערינערונג׳ם צו־שטאנדע פאר־צו־שטעל־לען — ווארום איטליכער יוד ווייסט זיי. און אונזערע לעזער געוויס אויך.

ווי פאר־טריקענטע בלוט אויף די קליידער פון איין געהרגעטען מענשען — אזוי דער־מאנען אונז די בלאטער פון אונזער געשיכטע פון יענער צייט אן די שרעקען וואס זענען פאר־געקוממען...

די פינסטערע געדאנקען טראגען אונז אוועק אין יענער צייט; די הרוגים, די קרבנות לעבען־אויף פאר אונז, זיי געהן ארויס פון די בוכשטאבען און נעהמען אן זייער קלאגליכע געשטאלט... פון זייערע שווארצע וואונדען פליעסט בלוט.

איהר בלייבט שטעהן, איהר האלט צו אייער היים־יודעש הארץ, וואס קלאפט און צופט און וויל צו־שפרינגען!

אייך דוכט זיך איהר הארט א געש... און דערקענט אין איהם אייערע ברידערס יאמערליכע שטיממען...

איך דוכט זיך איהר זעהט די פינסטערע, שווארצע, געדיכטע חמארעס, וואס האבן זיך אויף געהויבן פון יעדער ווינקעל וואו יודען האבען זייער פרידליך־נעסט געהאט, און האבען זיך אין דער לופט אללע צו־זאממען־געגאסען אין איין זיפץ, אין איין קרעכץ, און וועלכען איהר שפירט: דעם ריח פון בלוט, דעם רויך, דעם טשאד פון שרפות; איהר הערט דעם רעש, דעם טומיל פון איין־פאלענדע הייזער, דעם ליארעם פון אפ־ריכטען נאך א טויטען, דעם יאמער פון עלטערען, דעם ביטערען געוויין פון קינדער, די צו־בראכענע הארצער פון חתן־כלה׳ס...

עס שטעהן אויף פאר אייך בילדער, וואו איהר זעהט דעם נעכטיגען גביר — היינט א בעטלער, וואס ציטערט פאר קעלט און ווארעמט די האנד ביי די לעטצטע האלעוועשקע פון זיין הויז...

עס שטעלען זיך אייך פאר: הייזער וואו עס האבען געהערשט רוהע און פריעדע שטעהן צו שטארט און צו־בראכען, נאר דער ווינט וועהעט איצט דארט ווי אפ־ריכטענדיג אויף דעם חורבן... מען האט דא ניט געשאנעוועט קיין אלטער, קיין רחמנות געהאט אויף יוגענד, ניט אויס־געמיידעט קיין הייליגטהום...

דא האט א ווילדער שטורים געבראכען, געריסען, פערניכטעט, צו־שטארט, צו־זאעט און צו־שפרייט...

עס ווערט אייך דושנע, איינג, פינסטער אין די אויגען... אייך דאכט זיך איהר זעהט, איהר פיהלט, אז פערציהעט זיך איבער אייך, נעהענטער און נעהענטער די שווארצע דונקעלע חמארע.

איהר רייסט מיט געוואלד אייערע געדאנקען פון די טרויעריגע בילדער, איהר גלעט פערנאנדער אייער שטערען, איהר זוכט איין־צו־אטהעמען פרישע לופט, די געדאנקען אויף פרעהליכע צייטען אפ צו־שטעללען... גליקליך זענט איהר! — ווען אין דער לופט וואס איהר אטהעמט הערט זיך אויך ניט קיין פרישער טשאד... און ווען אין דער איצטיגע צייט געפינען אייערע געדאנקען די געווינטשטע רוהע...

---

נאך דעם 80־טען, 81־טען יאהר האבען מיר געפונען ווי שוואמען נאך א רעגען, נייע ברידער, נייע קינדער, נייע יודען.

דער נעכטיגער פיאדער סעבאסטיאנאוויטש האט זיך געלאזט היינט אפ־דרוקען קארטיטשקעס, און אנשטאט פיאדאר סעבאסטיאנאוויטש האבען מיר אויף זיי געלעזען, „פסח בן שבתי יערוסאלימסקי", און אז מען האט געדארפט אונזער שטאדט אפ־היטען פון א צרה, האט מען אונטער די יונגע לייט פון שטאדט, די נייע געפונענע יודען געקענט זעהן פיאדארין, בעוואפענט ווי זיי מיט א שטעקען, אדער מיט א שיים האלץ, גרייט צו מקבל פנים זיין די ערווארטעטע ניט־געבעטענע געסט...

אללע יונגע לייט פון אונזער שטאדט האבען די נעכט געוואכט און געהיט, צו בעווייזען זיך ניט ערגיץ א רויטער פלאם...

פּיאָדאָר איז ווי טאָג אַזוי נאַכט אַרום געריטען אויף אַ געלבע קלאַטשע · אין יעדער גאַס, אין יעדער ווינקעל. און אויף זיין פּנים איז געוועזען ווי אָנגעשריבען: „זייט רוהיג ברידערליך, איך וואַך פאַר אייך !“

פּיאָדאָר האָט איצט איבער־הויפּט אַ גאַנץ אַנדער פּנים געהאַט: ער איז שוין ניט געוועזען קיין גימנאַזיסט, מען האָט איהם נאָך פאַר אַ יאָהרען אויס־געשלאָסען פון גימנאַזיום, ער האָט זיך דאָ ניט לאַנג געוואָלט שטעללען צום פּריזיוו, נאָר ער האָט ניט נושא חן געוועזען ביי נאַטשאַלסטוואָ און זיי האָבען איהם געהייסען אויף אַ יאָהר זיך פּאָפּראַווען.

איצט איז ער געוועזען אַ יוד, אַ יוד, ווי גאָט האָט געבאָטען! ער האָט גערעדט נאָר יודיש, פּראָסט זשאַרגאָן, מאַמע־לשון. „אַ היים!“ האָט ער געשריען וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען. נעהמט ברידער די שטעקענס אין די האַנד, די פּעקליך אויף די פּלייצעס און לאָזען מיר געהן אַ היים! אַ היים! צו דער מאַמען, צו די ווייַן־גאָרטענער און טייטעל־בוימער, ברייטען אויף קעמלען און מויל־אייזלען״ א. ז. וו. א. ז. וו.

## IV.

ביי טריינען איז היינט אַ תּנאים, טריינע האָט זיך נאָך ניט צו־געזעצט פון פּריה אין, די באַקען פער־פלאַמט, די סטיינגעס פון איהר ציפּאַק פון ביידע זייטען האָבען היינט קיין הקמה געהאַט ווי פאַהנעס אין אַ ווינד, זי האָט געהאַקט, געפּילט, געשטויסען, עקנעטען, געבראָקט, געקאָכט, געפּרעגעלט און געקאָמאַנדעוועט איבער אַ האַלבע טוץ שבנה'טעס וואָס זענען געקומען איהר העלפען.

—גוט מאָרגען, טריינע־לעבען!

—האַ? וואָס זאָגסטע?

—איך זאָג: גוט־מאָרגען!

—גוט־מאָרגען— גוט־יאָהר; יר, חנה־לע, ווילסט מיר עפּים העלפען? אָט נאַ שניידן טאָרט; דער־פאַר ביי דיין טאָכטער אם ירצה השם וועט מען שנייַדען אָרעמע־לייט מיקער ווייס—טאָרט.

—זאָלל זיין מיט מזל, טריינע־לעבען!

—האַ? וואָס זאָגסטע?

—איך זאָג: זאָלל זיין מיט מזל!

—מיט מזל זאָלסטו לעבען שׂהאָפשר ווילסט דו מיר עפּים העלפען? נאַ פּיהל אין די יש, דער־פאַר ביי דיין יעקלין וועל איך דיר אם ירצה השם אויך העלפען, בראָטען און אַבען אָרימע לומדים אויף אַ וועטשערע.

און אַזוי האָט זי זיך איינגעשפּאַנט איהרע שבנה'טעס אין דער אַרבייט, און עס האָט זיך געהאַקט און געקלאַפּט, געשטויסען, געוואַלגערט געסקראַבעט—און מיט די מיילער נמאַהלען...

דֶער אַלְטֶער הָאט הַיינְט אויף זַיין שְׁטֶאנְדִיגֶען אָרְט נִיט גֶעקֶענְט אַיינ־זִיטְצֶען . זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיי־גוּטֶעס גֶעזִיכְט הָאט הַיינְט גֶעלוֹיכְטֶען פוּן דֶער שִׂמְחָה וָואס הָאט זַיין וַוייךְ גוּ־טֶע הַארְץ גֶעוַוארֶעמְט .

עֶר אִיז שׁוֹין הַיינְט גֶעוֶועזֶען אַ מָאל צֶעהְן אִין קִיךְ , אוּנ יֶעדֶער מָאל זִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעֶ־מַאכְט אִיבֶּער דִי וַוייבֶּער , וָועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעקַייקֶעלְט פַאר גֶעלֶעכְטֶער. עֶס הָאט זִיךְ אִיהם גֶעוָואלְט הַיינְט זָאגֶען הַמְצָאֶהלִיךְ ; נָאר טְרַיינֶע הָאט אִיהם יֶעדֶער מָאל אַרוֹיס־גֶעשְׁטוּפְּט פוּן דִי קִיךְ , אַיינ־מַאכֶענְדִיג אִיהם דֶעם נָאז , דָא אִין סַאזְשֶׁע , דָא אִין מֶעהל .

טְרַיינֶע אִיז אויךְ גֶעוֶועזֶען פְרֵיילִיךְ , אוּנ טוּהֶענְדִיג אִיהרֶע אַרְבֵּייט הָאט זִי זִיךְ דֶער־מָאנְט , וִוי זִי אִיז גֶעוֶועזֶען אַ כַּלָה פַאר אִיהר אַלְטֶען אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ פַּרְשׁוֹין „אַז עֶס אִיז אִין זַיין צוּרָה נִיט גֶעוֶועזֶען צוּ־קוּקֶען וִוי אִין דֶער הֶעלֶער שַׁיינֶענְדִיגֶער זוּנְן".

אַלֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען אִיהר גֶעזָאגְט : הַלְוַאי טְרַיינֶע־לֶעבֶּען , אוּנְזֶערֶע מַזְנגֶען זָאלֶען אַזוֹי אוֹיס־זֶעהֶען , וִוי אַייעֶר אַלְטֶער זֶעהט אִיצְט אוֹיס— וָואס פַאר אַ שַׁיינֶער מְחוּתָּן , חָלֶע־בִּין עֶר אִיז .

—זָאלל אִיךְ הָאבֶּען דִי מָאס מַזָל וָואס עֶר אִיז נָאךְ אִיצְט שֶׁאנֶער פַאר דֶעם חָתָן... הָאט אַיינֶע גֶעזָאגְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער .

—הַא ? וָואס זָאגְסְטֶע ?

—אִיךְ זָאג : אַזַא יָאהר זָאלל אִיךְ הָאבֶּען וָואס פַאר אַ שֶׁאנֶער יוּד עֶר אִיז...

חָיֶענֶע הָאט אויף־גֶערָאמְט אִין שְׁטוּבּ אוּנ הָאט דֶער־וַוייל גֶעחַאפְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶען שְׁמוּעֶס מִיט שְׁפְּרִינְצֶע יֶעקְל־דִי־מוֹידְס־וַוייבְּס טָאכְטֶער .

יֶענְטֶקֶע הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט דֶעם שְׁנַיידֶער, פַאר וָואס דִי טַאלְיֶע קוּמְט אוֹיס צוּ גְרָאבּ. דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ גֶעמִטְּאָרֶעט אַ שָׁלוֹם מַאכֶען אוּנ הָאט אוּנְטֶער־גֶעטְרָאגֶען דֶעם שְׁנַיי־דֶער בְּרָאנְפִּין .

—וָואס זָאגְט אִיהר , ר' חַאצְקִיל , אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קַיין טַאלְיֶעס , אוּנ זַיי זֶענֶען אוּנְז אויךְ גֶעפֶעהלִין גֶעוֶועזֶען—אַ ? אַט זָאלל אַייךְ שׁוֹין גָאט גֶעבֶּען , אִיהר זָאלְט זַיין רַייךְ אוּנ גָאר אַוֶועק וַוארְפֶען דִי שְׁנַיידֶערַיי .

—אִיךְ דַאנְק אַייךְ , ר' שְׁמוּאֵל־דָוִד , אַז אִיךְ זָאל פַאר־מָאגִין עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט רוּבִּיל , וֶועל אִיךְ מַיין מְלָאכָה נִיט אַוֶועק־וַוארְפֶען אוּנ וֶועל שׁוֹין אַזוֹי אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר שְׁטַארְבֶּען אַ שְׁנַיידֶער .

טְרַיינֶע הָאט זִיךְ דֶער־וַוייל אָפּ־גֶעפַּארְטִיגְט אִין קִיךְ , זִי אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ , הָאט אָפּ־גֶעשְׁטֶעקְט דִי סְפָּארְנִיצֶעס , אָפּ־גֶעקָאטשֶׁעט דִי אַרְבֶּעל . שַׁא—שְׁשְׁשַׁאט ! ! !— הָאט זִי אוֹיס־גֶעשְׁרִיעֶן— אִיבֶּער אַייךְ הֶערְט מֶען מִיר נִיט , אִיהר ווייסְט , קִינְדֶערְלֶעךְ , וָואס אִיךְ וֶועל אִיךְ זָאגֶען ? עֶס אִיז צַייט זִיךְ אָנ־צוּ־טוּהן . הַא ? וָואס זָאגְט אִיהר ר' חַאצְקֶעל ?

—אִיךְ זָאג : אַ גוּטֶען־טָאג , זָאלל זַיין מִיט מַזָל !

—מיט מזל זאללט איהר לעבען, געהט געזונדער־הייט.

—חיענע! חיענע! פאר־שרפהט זאלסטו ווערין! גענוג שוין דארט גאוויעגדזען! ווי טאג אזוי נאכט ווערט זיי ניט מיאוס צו־סודען זיך— נעהם אראפ מיין ניידענע קלייד און דעם טא־טענס אטלעסענע קאפאטע!

טריינע האט אליין געהאלפען איהר אלטען זיך אנ־טוהן, זי האט איהם א מאל פינף איבער־געבונדען די האלדז־טוך, געקוקט אויף איהם פון דער זייט און פון ווייטען און האט ענדליך געזאגט: הערסטע שמואל־דוד, אזא יאהר זאלל מיר זיין ווי דו פאסט פאר ר' שבתי׳לען א מחותן צו־זיין.

דער אלטער האט געלאכט און איהר געסטראשעט אז יענע מחותנת׳טע איז א יונ־גערע פון איהר.

און באמת טאקע האט דער אלטער מיט זיין שנעע־ווייסען בארד אויף דער שווארצער אטלעסענער קאפאטע מיט דעם הויכען ווייסען שטערין און די „נייע" סאמעטענע יאר־מעלקע אויס־געזעהן זעהר שאן.

***

ער האט זיך איצט מיט דער גרעסטע צארטליכקייט ארום־געדרעהט ארום דער כלה און איהר בעדיענט, אבער ווי ער האט זיך ניט געסטארעט, האט ער אלץ ניט געקענט צו־פריעדען שטעללען— א מאנסביל איז טאקע גאר איין איבעריגע זאך אויף דער וועלט— האט ער געזאגט מיט א ווייכען געלאכטער— אין קיך האב איך זיך היינט דער־וואוסט אז דארט בין איך קיין בריה נישט, און דו קענסט זיך אויך א פנים אהן מיר בעגעהן.

הייסע ליעבע צו־דער טהייערער־קאפריזניצע האט פון זיינע גוטע אויגען ארויס געבליטצט.

א שבנה׳טע איז אריין־געלאפען פאר־סאפעט, אנ־זאגען אז די מחותנים געהען.—

---

עס איז געוועזען מיט מזל א תנאים און אין פיער חדשים שפעטער א חתונה, און יענטקע, אדער געגרייעטטע, מאדאם יערוסאלימסקי, איז געווארען א בעל הבית׳טע פאר־זיך.

די וועלט זאגט: אז א מענשען געהט, געהט איהם פון אללע זייטען, דער גאטט וואס האט טריינען מזכה געוועזען צו־דער לעבען אין קורצען איין אור־אייניקעל, ווי זאגט מען: אלץ ווייניגער גיהנם ליידען— דער אייגענער גוטער גאטט האט צו־זיך גערופען א מאמען פון אכט קינדער און פאר חיענען האט זיך אב־געזוכט איהר אמת׳ער זיווג, עס איז געווע־זען ווי מען זאגט: „אז עס קומט דער בעשערטער, ווערט עס אין צווייי ווארטער", און חיענע האט שוין אויך מיט מזל חתונה געהאט.

טריינע מיט איהר אלטען איז איצט געקומען צום־לעבען; זיי זענען געבליעבען „דיעד דא באבא", און האטש יענטקע מיט חיענען טריינען האבען אויס־געקאלופעט איין אויער און ביי איהר כמעט אללע קניפליך ארויס־געשלעפט— פון דעסטוועגען איז

פאר זיי געוועזען גענוג פיעל זיי האבען ביידע פערדיענט. חיענע האט חתונה געהאט מיט א אלמן פון א קליין שטעדטיל און האט זיי גוטע בריעף געשריעבען, יענטקען איז אויך גאנץ גוט געגאנגען, זי האט געהאט א פרנסה, א שפע קיין עין הרע, כמעט ווי איהר באבע די צדקנית, וואס זי איז נאך איהר א נאמען. זי האט איהר קאפיטאל חס ושלום ניט אוועק געגעבען אין איין האנד, זי פלעגט פאר־ליי׳ען צו־פופציג, צו־הונדערט רובל אויף וואכערס אויף שיינע פראצענטין — זעקס גראשען פון א רובל. דאס איז קינדערלעך א פרנסה וועמען גאטט העלפט טאקע — נאר א ברכה פון גאטט; דאס וואקסט ווי אויף הייבען און מען דארף ניט קיין רעגין. —

— און וואלט איהר זעהן מיין יענטקען! — פלעגט טריינע דערצעהלין — קיין עין הרע קיין בייזע אויג זאלל איהר ניט שאדין, וואס דאס איז פאר א חכמה; ווי זי טוינ צום געשעפט! עס האט איהר אנומאלט חייקע די הערינגגניצע געבראכט פארשימעלטע צעהנערים וואכער, האט זי דאס איהר א ביסעל בעקליידט: איך בין עפיס גלייך מיט אייך? — ווי האט איהר די העזה מיר צו־ברייננען אזעלכע מטבעות וואס פאר־שטינקען די שטוב מיט הערינג?! האט זיך יענטקע אויף איהר צו־שריען.

— און וואס מיינט איהר? איז מיינע ניט געלאפען ווי א פאר־סאמטע מויז איבער די קרעמלעך איבער־ביימען די צעהנערים און האט געבראכט אנדערע געלד?!

— היינט פסח? ווער וואלט דאס זיך אויף איהם ריכטען, האט דוכט זיך א גאר־נישט, איז ער דאס אביסעל אוים־געמישט מיט נאטשאלסטווא? דער פריסטאוו זאגט איהם „דו״! האט איהר געדארפט זעהן וואס פאר א מחבל ער איז! ער איז אריין מיט דעם פריסטאוו צו סנדר אביון אפ־שרייבען די אימושצעסטווא, האט שוין דער פריסטאוו — וואס ער איז אין די זאכען שוין געווים א געניטער — געזאגט, אז דא איז ניט דא פאר קיין דרייסיג רובל חפצים. מיין פסח איז ניט פויל און האט אנ־געהייבען ארוים צו־רוקען פון די קאנטקעס, פון די קאנטקעס, די בעבעכעס, די האניטצעס — און וואס מיינט איהר? פאר אכט־און־אכטציג קערבליך חפצים געפונען אט ביי דעם בעטלער. „מאלאדיעץ״ האט איהם דער פריסטאוו א קלאפ געטאהן אין פלייצע. היינט מאהנט ער אייך איין פערפאלענע וועקסלען וואס ער קויפט זיי אפ פאר א קלייניגקייט! און אין זיינע הענד ווערט אלץ צו געלד!...

דער אלטער איז עפיס ניט געוועזען צו־פריעדען מיט זייער פרנסה.

— הערסט דו, טריינע, הלואי וואלטען די קינדער מיר געפאלגט, וואלט איך זיי געהייסען מאכען עפיס א געשעפט ווי לייטען, און לעבען ווי אנדערע יודען לעבען. איך קען גאר־ניט הארען פון די פראצענטין — אין דער תורה שטעהט אז א יוד טאר קיין פראצענט ניט נעהמען.

— בהמה, פערד, פלאקען! אזא איינעקיל זאלל איך האבען וואס פאר א יוד ר׳ פינחסיל איז — עפיס א שפאס מיט איהם! דער ערשטער חברה־מאנן ביי חברה־קדישא, דער גבאי פון גרויסע שול — און זיין פרנסה איז דאך פון שטענדיג אן נאר דערפון וואס ער פערלייעט אויף משכנות — הלואי זיין נאמען אויף אונזערע קינדער געזאגט געווארען!

# V.

די וועלט זאגט: אז עס קומט צום לעבען דארף מען שטארבען. טריינע האט זיך א מאל געקליבען גיין צו יענטקען, און האט געוואלט נעהמען די זעקיל צום שטריקען. די זאק איז ארויס געפאלען ביי איהר פון האנד; זי האט זיך איינגעבויגען און געוואלט אויפהייבען, נאר עס איז ווידער ארויס געפאלען; זי האט זיך געוואללט א דריטען מאל איינבייגען און פליצום איז זי אנידער געפאלען, האט אנגעהייבען צו שטאמלען, מען האט ניט פערשטאנען וואס זי רעדט!

דער אלטער האט געמאכט א גוואלד. עס זענען אויף געלאפען מענשען, מען האט טריינען אויף געהויבען און אוועק־געטראגען אויף דעם בעט.

פון מויל איז געגאנגען ראפע, זי האט ניט געקענט ריהרען קיין האנד קיין פוס. דער דאקטאר האט א מאך געטאהן מיט דער האנד און פאר שריעבען א רעצעפטיל, דער אלטער איז ווי א צו־טומעלטער געגאנגען פון איין ווינקעל צום אנדערען, אללע שכנה־טעס האבען טריינען ארום גערינגעלט, טריינע האט עפעס געוואללט זאגען, זי האט געוויינט און געשטאמעלט, נאר מען האט איהר ניט פערשטאנען; באלד אבער האט דאס אויך אויפגעהערט, זי האט זיך געמאטערט דעם גאנצען טאג. אויף מארגין איז טריינע שוין געלעגין אויף דער ערד, עס האבען געברענט אסך ליכט, יונגעלעך האבען אויף זייערע ריינע קולליך תהלים געזאגט, אללע שכנה־טעס האבען אפ־געריכט.

יענטקע מיט איהר מאנן האבען געהאלטען די טיכלעך צו די אויגען — דער אלטער איז געזעסען ביי טריינען צו־קאפין, דעם קאפף אראב־געלאזען אויף ביידע הענד, מיט רויטע אויגען נאר אן א טרעהר...

קדיש, קדיש! ר' שמואל דוד, געהט זאגט קדיש!* מען האט דעם אלטען אויפגעהייבען פון ארט און אוועק געשטעלט קדיש זאגען. עס האט אויס־געוויזען אז ער פערשטייט גאר ניט וואס פיהרט מען איהם — נאר ביי די ערשטע ווארטער פון קדיש האט ער ארויס־געבראכען מיט א יאמערליכען געוויין. ער האט זיך זעהר פאר־חליפעט און נאך איהם אללע ווייבער און אללע מאנס־לייט אויף דעם קול... זיין געוויין פון ווייכען גוטען טיעף פערטרויערטין הארצען האט זעהר אויפ־געריסען און צו־בראכען אללע הערצער וואס האבען זיך דא געפונען. דעם אלטען איז אין קדיש ניט־גוט געווארען, און ער האט זיך אראפ געלאזט אויף דער ערד... מען האט געגאסען אויף איהם וואסער און איהם אוועק געזעטצט אויף זיין ארט.

טריינע האט זיך א נ ג ע ג ר י י ט! זי האט געלעבט ווי א חכמה און איז געשטארבען ווי א חכמה: ביי איהר אין קופערט האט מען געפונען א שטיקעל גוטע ליינוואנד און מען האט איהר אויס־געריכט נאך איהר כבוד נאך. עס איז געוועזען א לויה אז אללע האבען

---

* אין פיעלע ארטער, בעזאנדערס אין ליטא, איז דער מנהג, דאס דער אבל זאגט קדיש נאך יעדער „יום תהילים" וואס ווערד געזאגט פון תלמוד־תורה־יונגליך ווי פון אויך פערשיעדענע חברות, בשעת דער בר־מינן ליעגט אויף דער ערד.

געוואגט: שאן געלעבט און שאן געשטארבען, נאר זיינען האבען אללע געמורמעלט: דאס איהר געלד איז געבליעבען ביי לייטען און איהרע וועקסלען און שטרי חובות ביי איהרע איינעקלין — אים הויז אין איהר קופערט האט מען געזוכט און גאר־ניט געפונען, און זאגען עטוואס דער פון האט זי ניט פארכפייעט, ווייל זי איז געשטארבען אהן לשון: — דער אלטער האט אוועק געגעבען אלץ וואס אין שטוב איז געוועזען און מע האט טריינען געגעבען א שאנעם ארט אויף דעם בית־עלמין.

קלענער, מאגערער, פארפינסטערט און איינגעבויגען איז דער אלטער נאך־געגאנגען נאך דעם קאסטען, — ווען מען האט טריינען אין קבר געלעגט, האט ער ניט געוויינט נאר ער האט געשטויסען מיט דעם שטעקין אויף איין ארט אין די פרישע אויפגעגראבענע ערד, אויף זיין שטענדיג ווייסע צארטע הויט זענען ארויס געטרעטען פערגליווערטע אדערין, זיינע אויגען האבען געבלאנזעט דא אויף דעם קבר, דא אויף די מצבות פון ארום, נאר אז מען האט אנגעהייבען צו־שיטען אין קבר רידלען ערד, האט זיך ביי איהם ארויס־געריסען א ביטערער קול און זיינע אויגען האבען געגאסען אין קבר א טייך מיט הייסע טרעהרין...

## VI.

„א יתום, א יתום!“ האט שמואל־דוד ביטער געוויינט ווען ער האט זיך געבארפט זעגענען מיט די ווענד, אין וועלכע ער האט דרייסיג יאהר נאך־אנאנד געוואהנט — דרייסיג יאהר ווי איין טאג, אזוי ווי נעכטען וואלט דאס געוועזען! דרייסיג יאהר האט ער אט דא אין די ווענד ניט געוואוסט פון קיין זארגין, פון קיין טרויער און עלענד...

א יונגער־מאנן איז ער אהער צריין וואוהנען, זיין טריינע איז אויך נאך געוועזען א יונגע ווייבעל — און וואס פאר א גוטען טהייערען לעבען האט ער דא פאר זיין טריינען פאר־לעבט!...

דא איז איהם אפ געשטארבען פריהער זיין מוטער, דער־נאך זיין פאטער — און ער האט זיך פאר קיין יתום דאמאלס ניט געפיהלט און ניט געוואוסט וואס הייסט עלענד?...

עלענד?! פיעל מאהל איז זיין לעבען איז פון זיינע ליפען אראפ דער ווארט „עלענד“ נאר זיין הערץ, זיין גאנצעס וועזען האט ניט געפיהלט דעם טרויעריגען אינהאלט פון דעם ווארט. איצט האט דער אונגליקליכער אלטער געפיהלט דעם עלענד!

איצט צוויי וואכען ווי טריינע איז געשטארבען און שמואל־דוד האט שוין א סך מאהל הונגער און קעלט געליטען... די ערשטע טעג פלעגען די שכנה'טעס זיך נאך אריין האפען, די פלעגט מאכען א גלעזיל ווארימס פון דער פריה; די פלעגט איהם ברייננען א טעללער געקאכטס ביי טאג; די פלעגט איינהייצען אין אויוון, נאר וועלכע יודעשע טאכטער האט דאס ניט איהר פעקיל צרות פאר זיך? הייגט האט די געהאט א פארדרייטען טאג, מארגען יענע, און אין דעם אלטען האבען זיי אבער גאר פארגעסען, אבער צו שפעט יך דער־מאנט, און אז עס פלעגט זיך ביי איינער יא אויף וועקין א רחמנות, דערמאנענדיג־

זיך אז דער אלטער זיצט נעבעך פערשמאכט — פלעגט זי געפינען פיר זיך אליין א תירוץ. אונזואס בין איך דאס גאר מחויב? פלעגט זי זאגען, ער האט א רייכע איניקער פיר וועלכער ער האט שטענדיג זיין לעבין אוועק גיגעבען אונ האט איהר אויס געהאדעוועט. געלאזט בילדען, די הויט פון זיך אראפ גיצויגען אונ איהר חתונה געמאכט אויפען שענסטין אויפען, דער באבעס עטליכע גראשען איז אויך ביי איהר געבליבען ... איז זי איצט ניט חולה איהר אלטען זיידען צו־צו־זעהן.

יענטקע האט קיין צייט געהאט קומען צום זיידען. היינט איז ביי איהר גיזוען א „צאהל־טאג", מארגען א „מאהנ־טאג".

אונ אזוי פלעגט זיך דער אלטער זיצען פאר־שמאכט; בלייך מיט א אויס־געצויגענעם פנים אונ האט געטראכט...

ער האט געהאט וועגין וואס צו טראכטען...

צייטען־ווייס האט זיין געוויסט אויף געלעבט אונ אויף זיינע פאר־שמאכטע ליפען האט זיך בעוויזען א שמייכעל. מען האט געזעהן אז ער לעבט אין די געדאנקען פון זיינע גוטע, פריילעכע גע ווע זע נע צייטען...

א טיעפער זיפץ פלעגט זיך איהם ארויס רייסען ערוואכענדיג פון דעם זיסען חלום אויפען וואהר. א אנדערש מאהל האט איהם דער הונגער, די קעלט, דער ניט־געהייצטער אויוין געבראכט אויף טרויעריגע געדאנקען... ער האט זיך ארום־געקוקט ארום זיך אונ האט דער־זעהען אז ער איז הייל, נאקעט; אין שטוב געפינט זיך מעהר ניט ווי די בעטיל אויף וועלכע ער ליעגט.

וואו זיינען אהינגעקומען די אללע זאכען?

ער האט זיך דער־מאנט אז ער האט גזאגט צו די חברה קדישה: „נעמט בריד־ערלאך אלץ וואס איר וועט דא געפינען אונ גיט איהר א גוטען ארט"

א גוטסקייט, חלעבין, האט ער א טראכט געטאהן, וואס זיי האבען מיר נאך די בעטיל געלאזען.

זיין רייכקייט, זיינע רוהיגקייט, זיינע שבתים, זיינע ימים טובים צו־זאמען מיט טריינען — אויף אייביג פאר איהם פערלארין! ער איז געשטאנען אנ־געשפארט מיט דעם קאפף צו דעם קאסיאק פון פענסטער; הייסע גרויסע טרערין האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע קאלטע באקין, ער האט נאר געחליפעט אונ אפ־געריכט מיט די ווארטער: „א יתום, א יתום, אויף דער עלטער א יתום !!!"

וואס מהוט ער דא? וואס האט ער זיך פער־שפעטיגט אויף דער וועלט?

***

שמואל דוד איז אריין צו סנדר אביון אין א קאמער, יענטקע האט איהם פערשטעהן גענעבען אז זי האט פאר איהם קיין ארט ניט: אין ספאלנע שלאפט זי אליין, אין זאלל קענן זי גוראי גישט, אין עססען־צימער פאסט אויך ניט קיין בעטיל צו שטעלען, אונ אין קיך שלאפט די דינסט — זי וועט איהם גלייכער געבין אויף א צימער.

ער האָט געשריבען צו דער טאָכטער און האָט איהר נאָך שלושים אָנגעזאָגט פון זייער גרויסען צער . ער האָט זיך פיר איהר געזשאַלעוועט אויף זיין עלענד . נאָר דער איידעם האָט איהם געענטפערט , אַז ער האָט חיענען נאָר דעם בריעף ניט געוויזען— ווייל זי איז אין אַזוי אַ צייט... און האָט איהם שטאַרק געבעטען אָנ־זאָגען די אַללע בעלי־עגלות וועלכע פאָהרען צו זיי אין שטעדטיל זיי זאָללען זיך חס ושלום ניט אויס־רעדען .

סנדר אביון האָט געוואוהנט אין איין גרויסען צימער אין וועלכען ער האָט אָב געצוימט די פיער ווינקלען מיט ברעטער און האָט עס אָנ־גערופען קאַמערס . ער האָט אַריין געלאָזען שכנים פאַר אַ פאָר גילדען אַ וואָך , אַליין האָט ער געוואוהנט אין שטוב . וואָס האָט געהאַלטען דריי אַרשין אויף דריי אַרשין— שכנים זענען ווי געוואוהנליך געוועזען פאַר־שיעדענע : אין איין זייט האָט געוואוהנט אַ שוסטער , אין דער אַנדער זייט אַ בלעכער . אין דריטען ווינקיל האָט געקלאַפּט אַ שניידערשע מאַשין און אין פירטען ווינקעל איז אַריין חאוהנען ר' שמואל־דוד .

פערשטעהט זיך אַז דאָ האָט ער מיט זיינע יונגליך ניט געקענט לערנען שרייבען ; ער פלעגט דאַנקען גאָט ווען ער האָט זיך אַליין אַמאָהל אַרויס־געחאַפּט פון דעם גיהנם , פון דער קלאַפּערייַ און טומעל וואָס פלעגט איהם דעם קאָפּ אויף־הייבען .—

פון יענטקעס געלד האָט שמואל־דוד׳ן אפילו אויף קיין ווייס העמד קיינמאָהל ניט געסטייעט .

צו דער דריטער וואָך אַז ר' שמואל־דוד איז אַריין צו יענטקען און האָט זיך געשטעלט ביי דעם אויבען אָנ־וואַרעמען די הענד , איז יענטקע אויף איהם אָנ־געפאַללען וואָס ער האָט פריהר ניט אָפּ־געווישט די שטיוויל און האָט דאָ אַ חזיר־שטעלביל אָנ־געמאַכט .

ר' שמואל־דוד האָט זיך אונרוהיג אַרום געקוקט און באַלד זיך פאַר־ענטפערט , אַז ער איז ניט שולדיג ; ער האָט די שטיוויל לאַנג געווישט , נאָר זיי זענען צו־ריסען ; עס איז איהם אָנ־געגאַנגען וואַסער אינעווייניג . ער האָט די ווערטער קוים אויס־גערעדט , דער הוסט האָט איהם געשטיקט , און אין די אויגען זענען געשטאַנען טרעהרין .

איהר וואָלט איצט שמואל־דוד׳ן ניט דער־קענט ; פאַר־שלומפערט , אָב־געריסען , אָהן אַיין קנעפּיל אין מאַנטיל , מיט אַ הייזען האַלדז , די באַקען איינ־געפאַלען , צו־קנייטשט . די שיינע ווייסע באָרד האָט אויס־געוויזען ווי איינ־געשמוטצט— „אַ יתום ! אַ יתום !“ האָט געשריען זיין גאַנצער אויס־זעהן .

ווער עס האָט דעם אַלטען געזעהן ערשט מיט אַ פּאָאַר חדשים פריהער , האָט פאַר־בראַכען מיט די הענד און געזאָגט : עס איז אַ מוסר זיך אַראָפּ צו־געהמען וואָס פון אַיין מענשען קען ווערין .

אויף יענטקעס געשריי איז אַרויס פסח . ווי ער האָט דערזעהן דעם אַלטען האָט ער אָנגעהייבען איינ־צו־זעטצען דעם פינסגע אויף דער נאָז און האָט איהם ערקלערט אַז אַ מענש דאַרף ניט זיין קיין פּאַראַזיט , אַ ליידיג־געהער , אַ טוניעיאַדעץ , אַז רחמנות איז אַ פּוסטער געפיהל , וואָס מיט דעם פלאַדעט מען נאָר בעטלער אויף דער וועלט , און דאָס דער

צוועק פון דער ציוויליזאציע איז נאר צו הארעווען פאר־זיך און ניט אנלייגען זיך אויף אנ־דערע, ווארום דאס טוהען נאר פער־דארבענע מענשען, פוילע, ליידיג־געהער. א. ז. ח.

אז דער אלטער האט אויפ־געהייבען דעם קאפף, האט ער שוין ניט געפונען אפיל, וועמען א גוטע־נאכט צו זאגען.

ער האט נאך א מאל א גלעט געטאהן דעם ווארעמען אויבען, און איז טאפענדיג מיט דעם שטעקיל ארויס פון פאדער־צימער, אין קיך האט ער א צייט געזוכט די טהיר — א צייט האט מען נאך ביי יענטקען אין שטוב געקענט הערין זיין הוסטען פון דרויסען פון גאס...

**איזאבעללא**

*\
*

זעה, די ווערבעס ווייגען, קלאגען,\
גיעסען טרעהרען אין דעם טייך —\
וואס פערלאנגט איהר, זאלט איהר זאגען,\
זאגט וואס פעהלט איהם לעבען אייך?

אך! אונז ציטערט יעדער אבר,\
אונזערע ווארצלען פריהרען דארט,\
ווי ס'איז קאלט, ווי אין א קבר,\
אין א שטום פאר־וואגעלט ארט!

— אלטער דעמבען־בוים, פונדעססען,\
ביסט דו פראהליך, הויך און שטאלץ —\
ווי די ווארצלען האט פאר־געססען —\
זעהט עס אויס — דיין צווייג און האלץ.

רעד מיר נישט פון טויטען שיממעל —\
זעה, די וועלט איז מלא חן,\
און דער בלויער, הויכער הימעל,\
תמיד יונג און תמיד שיין.

**ט. אבראמאוויטש.**

# בילדער פון דעם לעבען.

1.

אין א שטאט וואס איהר שאנקייט יעדען געפאלט,
וואס האנדעלט, פערשיפט פראדוקטען א סך,
גרויס איז איהר נאמען, קלינגט אויף דער וועלט,
זי האט כבוד, גדולה, דער-צו איז זי רייך;

2.

זי שטעהט אויף א בארג גאנץ אויבען-אן,
צווישען מזרח, דרום, סאמע אין דער-מיט;
זי איז פון לוקסוס די מאמע, פון מאדע די פאהן,
אונ פיהרט זיך זעהר פריי אויף איראפאישען שניט;

3.

אונטען דעם בארג, די פיאטעס, די פיס,
וואשט אויך א ים פון דער נאטור;
„שווארץ" איז זיין נאמען, נור ער איז ניט מיאוס,
זיין וואסער איז לויטער, ראס פנים איז קלאהר;

4.

די הייזער—פאלאסטע, קירכען, שפיטאלען,
די גאססען די ברייטע, וואו מע גיבט זיך א ריהר,
זענען א שאנע קארטינע, נור אפ צו-מאהלען,
מיט גלענצענדע פארבע, מיט אייל אויף פאפיער,

5.

מיט גרינעס באדעקט, נעבען די דירות,
ווי סטרונעס גאנץ פעסט, הויך אויס-געצויגען
שטעהן די בוימער ווי פאלקען אין שורות,
אונ קוקען מיט שטאלץ יעדען אין די אויגען

6.

מענשען אלערליי, פון נאציאנען פערשיעדען
לויפען אונ יאגען קען מען דארט זעהן;
מע קענן זיך אויך טרעפען אין וועג מיט א יודען—
נור וואו איז ער דען ניט? זאגט איהר אללין!

7.

וואו עס האנדלען, וואנדלען, געהן שפאצירען,
דייטשען, פראנצויזען, טערקין, היגעזער,
אט אין דער שטאדט וועלל איך דיך פיהרען;
קום־זשע מיט מיר, מיין ליעבער לעזער!

8.

טאג איז געווארען, ס'איז לויטער דער הימעל,
שאן איז דער מארגען, וואך איז שוין אללעס.
דער עושר גאנץ רוהיג האללט נאך אין דרימעל,
נור אוף איז דער קבצן, איהם טארייט דער דלות!

9.

פיעל פנים'ער בלאססע איילען אונ יאגען
שנעלל אויף דער ארבייט, 6 ווייזט שוין דער ווייזער,
מע הערט שוין דאס רוישען, קלאפען דעם וואגען,
וואס פרישע פראנזעלים פיהרט אין די הייזער;

10.

דארט געהט זיך א פריצעל בלאסס ווי די וואנד,
ער איז ניט דער־שלאפען, פערשפיעלט אין א סטאסיל.
איהם סאמע אנטקעגען, מיט א לאפיטע אין האנד,
לויפט געהויקערט אין דרייען א יוד ר' יאסיל.

11.

די לאפיטע! די לאפיטע! זי איז גאר א װאונדער,
זי דיענט יאסלין געטריי, זיין הילף אין דער נויט;
זי איז מפרנס זיין ווייב, ערציהעט זיינע קינדער,
שוכט זיי, קליידט זיי, שפייזט זיי מיט ברויט!

12.

נור אָט די לַאפּיטַע—צי קענט איהר זיך מַאהלען ?—
איז נאָך ניט זיין אייגענס, הערט נור אַ בְּשׂוֹרָה!
ער האָט זי אויף וואַכערס גענומען אום־צאַהלען,
דער־צו איז יענקיל דער חַיִט געוועזען אַ זְשִׁירַא!

13.

נור שְׁלִימַזְל וואָס גֶעהסט דו? צום קַבְּצָן נור תָּמִיד!
עס ריימט זיך נור שְׁטֶענדיג, דאָרט וואו ס'איז דינג,
דער חַזָן ווערט הייזעריק גראָדע ביים עַמוּד,
אונ אַ פְלִיג פערטשעפּעט זיך נור אין דער שְׁפִּין—

14.

פערטראַכט מיט דער לַאפּיטַע, גאָר אומגערן,
טרעפט יאָסיל דעם אָדוֹן, לַייכט אין דער זייט,
אונ חאַפּט תֵּיכֶף אַ תְּשׁוּבָה, אַ קולאַק אַ שווערין—
אונ שטויסט זיך אויפן ווינק וואס דאס באַטייט.

15.

מאַשעניק, פּאַדלִיעץ, עקספּלאַטאַטאָר, וואַריוגא!
צי זענען די אויגען דיר אַרויס־געקראָכען?!
(האָט דער אָדוֹן געשריעגען) וואַרט־זשע זשידיוגא!
אונ אויף 3־ען מיט כּעם די לַאפּיטַע צו־בראָכען—

16.

באַקומען האָט יאָסיל אַ שלעכטען פּריפּאַדאָק,
גערעוועט, געריטשעט, ווי משוגע אונ דילל.
נור דער גאָראָדאָוואָי האָט תֵּיכֶף געמאַכט אַ פּאַריאַדאָק,
אין טשאַסט איהם געפיהרט, אונ ווידער איז שטיל—

17.

אומגליקליכער יאָסיל, שלעכט איז זיין לאַגע!
וואס קענן ער איצט נעביך האָפען צו־טוהן?
נור ריהר ניט דו לעזער איצט אויף די פראַגע,
אונ קוק נור וואס טוהט זיך אַריבער אַ היין—

18.

צְווייַ ווייבֶער גֶעהן דָארְט , לָאמִיר נוּר הֶערֶען ,
ווָאס טַעֲנֶה'ן , ווָאס שְׁמוּעֶסֶען זֵיי בֵּיידֶע אַזוֹי ?
פוּן דִי אוֹיגֶען בַּיי אֵיינֶע גִיסֶען דִי טְרֶערֶען ,
דִי אַנְדֶערֶע זִיפְצְט , קְרֶעכְצְט נוּר אוֹי... אוֹי !

19.

זֶעה נוּר דָאס פְלֵייש , דִי סְטֶערְווִי , דִי שְׁטֵיינֶער ,
ווָאס גֶענֶעבֶּען הָאט מִיר מַיין הֶעקִיר ר׳ שְׁמֶערִיל ;
פִיער לוּיט אִיז לוּנְג , צְווֶעלְף אִיז בֵּיינֶער ,
ווָאס טְהֵיילְט מֶען דִי קִינְדֶער ? זָאג שׁוֹין דוּ פֶערִיל !

20.

נָא , אוּנ מַיינְס אִיז דֶען בֶּעסֶער ? טוּה נָאר אַ טַאפּ ,
אָט לִיגְט עֶס אִין ווִינֶקעל , קוּק נוּר אִין קָאשִׁיק ,
סְ׳אִיז אִין גַאנְצֶען גִילְיַאשְׁקֶע , צוּ־לָאג אוּנ קָאפּ ,
שְׁוואַרְץ ווִי דִי עֶרְד , פוּן אַ גֶעפֵּגֶרְטֶען לָאשִׁיק !

21.

מֶע לִיעגְט אִין דֶער קֶעלְט . אִין אַ גְרוּב , אִין אַ לָאךְ ,
דֶער גְרָאשֶׁען קוּמְט אָן מִיט דֶעם בִּיטֶערְן טוּיט .
קַיין לֶעפִּיל גֶעקָאכְטְס זֶעהט מֶען דִי וואָךְ ,
מֶע לֶעבְּט נוּר מִיט הָארִינְג , צִיבֶּעלִי אוּנ בְּרוּיט !

22.

אוּנ אַז דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת קוּמְט שׁוֹין צוּ־גֶעהן ,
מֶע בָּארְגְט שׁוֹין אוֹיף פְלֵייש עֶרְגִיץ דָאס גֶעלְט ,
דַארְף מֶען עֶרְשְׁט גְרִיזֶען אַ שְׁטֵיין מִיט אַ בֵּיין ,
אוֹי ווִי לֶעבְּט מֶען זָאג לִי בֶּ ע אַזוֹי אוֹיף דֶער ווֶעלְט ?!

23.

ווָאס שְׁווַייגֶען דִי נְגִידִים , צִי קֶענְסְט דוּ מִיר זָאגֶען ,
דֶעם בַּעַל־טַאקְסֶע , דֶעם קוֹלֶער , דֶעם מֶארְדֶער , דֶעם שִׁינְדֶער !
אוֹי נִיט מֶעהר אוֹיף זַיין לֶעבֶּען זָאלל עֶר פֶערְמָאגִין ,
ווָאס עֶר רַייסְט פוּן דֶעם מוֹיל בַּא אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער !

24.

נארישע פעריל , דאס דארפסט דו שוין וויסען ,
שלעכט איז דער נגיד , פאלש איז דער עשר.
דעם שענסטען נעהמט ער צו, דעם בעסטען ביסען .
דערפאר שווייגט ער און שטומט און האט ניט קיין יושר !

25.

עס זיפצען די ווייבער גאנץ טיעף פון דעם הערצען ,
אין דער היים וויינען די קינדער. ס'איז גאר א שרעק !
נור איך זעה שוין דו לעזער האסט דערפון שמערצען ,
קום־זשע פון דאנען מיט מיר ווייטער אוועק—

26.

צוויי שטאדט - בעלי־בתים , דו קוק זיי נור אן
געקליידעט זעהר שאן געהן לאנגזאם צו־פוס ,
דאס זענען פאר־שטעהר. פון דער יודישער פאהן ,
זיי ריידען . זיי טענה'ן , זיי פיהרען א שמועס :

27.

ה' בראנפמאן , איך זאג אייך ס'איז ביטער די צייט ,
עס פאללען פאר הונגער מענשען ווי פליגען .
מע מוז גרינדען א קיך פאר די ארעמע לייט ,
נור געלט , נור געלט דארף מעו זעהן קריעגען !

28.

די אידעע , ה' זינגער , איז ווירקליך א פראכט
נאך דאס פאריגע יאהר , קאמענד פון וויען ,
האב איך שוין וועגען דעם גאנץ ערנסט געטראכט ,
איך בין פערטיג מיט איהנן וואס מעגליך צו־טוהן !

**29.**

פער־צארינט , פערביטערט , פשוט האלב טויט
געהט־צו א יוד גלייך צו די צוויי.
ער קוקט זיך ארום , דאס פנים ווערט רויט ,
שטרעקט אויס די האנד , זאגט פאוואלי צו זיי :

30.

—שענקט א נדבה, האט יודען רחמנות!
איך געה ניכטער ארום, באלד שוין צוויי טעג!
—ארבייטען געה! מיט כעם סכנות
ענפערט ה' בראנפמאן אונ געהט ווייטער זיין וועג.

31.

—אונערטרעגליך, זאגט זינגער, זענען די קבצנים!
גאטט זאלל מיך ניט שטראפען נור פאר די רייד,
זיי קריכען ווי חזירים יעדען אין פנים
טארין די פאלים, רייסען ביים קלייד!

32.

זיי געהן ווייטער אונ טענהן אזוי די עשירים
ווי קיכען צו גרינדען, צו טהון נאך פיעל מעהר;
אונ דארט שטעהט נאך דער יוד גאר אן דבורים,
אונ פון די אויגען פון זיינע קאפעט א טרעהר!

33.

לאזען קאפען, לאזען רינען די יודישע טרערען,
טאמיר וועלען זיי געבען חאטש עמיצען א ריר!
נור איך זעה שוין דו לעזער ווילסט מעהר ניט הערען,
שייד איך זיך איצטער אויף קורצען מיט דיר.

פלטיאל זאמאשטשין

# טאקי שוין !!!

ויפי קלו מני רץ [איוב ט כה]

---

## איין לעבענס-בעשרייבונג פון א פוילישען יונגען-מאנן.

### I.

דאס גאנצע שטאדטיל האט זיך גערוהערט, איינער דעם אנדערען האט געפרעגט „נו, וואס הערט מען?“ די פערד זענען שוין געוועזען איין-געשפאנט צו פאהרען ברענגען דעם דאקטאר, דעם גרויסען אקושער, צווישען ארעמע לייט האט מען געטהיילט צדקה, פדיונות האט מען געשיקט צו נאהענטע גוטע-יודען, צו די ווייטערע האט מען געשיקט טעלעגראפען, אז גענענדיל בת קיילא איז שוין דען דריטטען טאג א מקשה לילד, אונ זי ברויך רחמים, אונ אין אללע בתי מדרשים האט מען געזאגט תהלים אונ צו-געזעטצט א נאמען „ת. י. ה“. אינדעם האט זיך די טהיר פון בית-המדרש א פראלל אויף-געטאהן, אונ דער לאנגער ברוך איז אריין-געקומען פאר-סאפעט אונ גיבט א פרעהליכען געשריי:

—מזל-טוב, מזל-טוב! שוין געהאלפען! א יונגעל צו מזל!

—טאקי שוין?— הערט מען א געשריי פון אללע זייטען.

—טאקי שוין!— ענטפערט ר׳ ברוך פרעהליך— געלויבט השם יתברך!—

### II.

עס איז אוועק געגאנגען דריי יאהר, אונ דער קליינער יענקעלע האט שוין געקענט גיין אונ אביסעל רעדען.

—וואו איז יענקעלע?— פרעגט זאנוויל זיין ווייב אלס ער איז געקומען פון דאווענען.

—דו ווייסט גאר-ניט טרעפען וואו ער איז— ענטפערט גענענדיל.

—האסט איהם געוויס געשיקט צו דער באבען אדער צו דער מומען?

—ניין!

—וואו דען?

—ער איז שוין למזל געגאנגען אין חדר אריין, ער איז דאך שוין ברוך השם אלט געווארען דריי יאהר, ביז הונדערט יאהר.

—שוין אין חדר אריין? וואס איז דאס געאייל? ער קען דאך נאך נישט רעכט רעדען.

—טאקי שוין! מעהר געווארט, מעהר גענארט.

## III.

—נאך וואס קויפסט דו אזוי פיעל ניסס און עפפעל, צי מאכסט דו אשלום זכר?— ארענט זאנוויל זיין ווייב.

—ווייסט נישט וואס מארגען וועט זיין?— ענטפערט געגענדיל — יענקלי הייבט דאך אן מארגען אם ירצה השם חומש צו מזל.

—ער קען דאך נישט קיין עברי זאגען, צי ביסט דו משוגע, שוין חומש?

—טאקי שוין! איך קען דאך דיך, האסט נאר ליעב אללעם אב־צו־לייגען אויף שפעטער.

## IV.

—וואס טוהט זיך מיט אייך, מיט אזוי א פיצעלע קינד לערענט איהר רש״י, ער קען דאך נאך נישט קיין ווארט חומש, ער קען דאך נאך נישט דאוונען! דער־מאנט אייך נאר די ארבייט אייער איהר לערענט איהם אויס די עברי אין רש״י, וועלכעס איז נישט געפינטעלט, און דער נאך דען טייטש פון יעדען ווארט, און דער נאך דאס קינד זאלל פארשטיין דען פשט ווי רש״י לערענט דען פסוק. דאס איז דאך א ריין משוגעת.— אזוי האט זאנוויל געזאגט שבת נאך דעם שלאף צו ר׳ שמעלקי מלמד, ווען ער איז געקומען פאר־הערען יענקלין.

—נישט קשה— ענטפערט ר׳ שמעלקי — ער וועט זיך געוואהנען דאצו.

—ווי הייסט „נישט קשה׳? איהר רעדט אייך ארויס די געדערם, און דעם קינד ברענגט איהר נישט קיין נוטצען, דען איהר פערדרייעט איהם דאס שוואכע מוהלע, און איהר פערדערבט איהם נאך דער־מיט.

—נו, וואס זאל איך טהון? אייער ווייב זאל לעבען האט פערלאנגט ער זאל שוין אנהייבען רש״י צו לערנען.

—וואס טוהט זיך דאס מיט דיר חיה געגענדיל, מיט אזוי א קינד הייסטו שוין לערנען רש״י?

—טאקי שוין ואיך קען דאך דיך, קריכער! דו האסט נאר ליעב אללעם אב־־לייגען אויף שפעטער.—

## V.

—וואס טוהט זיך מיט אייך, מיט אזוי א קינד לערענט איהר שוין גמרא?— האט זאנוויל געזאגט שבת נאך דעם שלאף צו ר׳ מאשקע מלמד, ווען ער איז געקומען פער־הערען יענקליין.—

—וואס איז נאך דער מעהר? א סך קינדער אין זיינע יאהרען, לערנען שוין אפילו א תוספות׳ל און א שטיקעלע מהרש״א אויך.— ענטפערט ר׳ מאשקע.

—ווי הייסט, „וואס איז נאך דערמעזרי? מילא, ווער שמועסט רש״י, וועט איהר דאך אליין מודה זיין, אז ער קען נאך אפילו נישט קיין עברי, אפילו חומש ווייס ער אויך אזוי פיעל, וואס מיינע שונאים זאללען דאס האבען פאר זייער כח, נאר אפילו דאוועגין דאוועגט ער ווי א גר, נו ווי קומט מיט איהם שוין גמרא צו לערנען?

—אפשר זענט איהר גערעכט, נאר וואס זאל איך טוהען, אז אייער ווייב זאלל לעבען, האט פערלאנגט דורכאוים, ער זאל לערנען גלייך מיט וואוועריקעלס איניקעל? טראכט איך מיר, מעכיטייסי, פאר וואס נישט, א יודענע, זי וויל נחת האבען פון איהר קינד נו, פאר וואס דען נישט?

—געגענדיל, וואס טוהט זיך דאס מיט דיר, מיט אזוי א קינד, הייסט דו שוין לערנען גמרא, צו ביסט דו משוגע? שוין גמרא?

—טאקי שוין! איך קען דאך דיך, קריבער! דו האסט נאר ליעב אפ־צו־לייגען אללעס אויף שפעטער.

## VI.

ניין יאהר איז יענקלי אלט געוועזען, האט ער שוין געלערענט תוספות, אביסעלע שפעטער א שטיקעלע מהרש״א. צו צעהן יאהר האט ער שוין געלערענט ש״ך. צו עלף יאהר האט ער שוין נאכגעזאגט גאנצע פשעטליך, צי יא פערשטאנען, צי נישט פערשטאנען, אבער געזאגט האט ער. „אונ מיט דעם חומש, ווי איז עם איהם דערגאנגען?“ — פרעגט מיך שוין גאר נישט!. „אונ מיט דעם דאוועגין וואו האט ער געהאלטען?“ — זאגט נישט אוים! — צו דרייצעהן יאהר האט ער אנגעהויבען תפלין צו לייגען, אונ צו פערצעהן יאהר, האט מען איהם שוין גערעדט שדוכים.

## VII.

—ווער זענט איהר מיין ליעבער יוד? — פרעגט זאנוויל.

—איך בין יענקיל שדכן.

—נו, וואס פערלאנגט איהר?

—וואס איך פערלאנג? סטייטש, איהר האט א גוט יונגעל, אין איין עושר זענט איהר אויך אהן עין הרע, אונ איך בין א שדכן, קענט איהר דאך שוין פארשטעהן וואס איך פערלאנג.

—איך האב אבער נאך גאר א יונג יונגעל, ער איז ערשט אלט פערצעהן יאהר, וואס האב איך מיך צו אײלען? נאך צייט! נאך צייט!

—פארשטייט איהר מיך, אזוי ווי יענער האט אמאהל געזאגט: „איהר האט טאקי נאך א יונג יונגעל. איך האב אבער שוין איין אלטע מויד“.

—פארדרייט נישט דעם קאפ, איך וויל נאך נישט רעדען פון קיין שידוך.

—פערשטייט איהר מיך, אייער ווייב זאלל לעבען, האט מיך געהייסען קומען, ווערט א יאהר ניט רעדען, ווערט זי מיט מיר רעדען. מעכיטייסי, א יודענע, זי וויל האבען א פער־גניגען, צו גיין מיט א שנור אין שול אריין, אז מען לעבט, וויל מען דאך טאקי נחת האבען, צו שפילען איין אייניקעל, איך מיין טאקי, מען לעבט דאך נישט אייביג.

—געגענדיל, דו האסט געהייסען קומען דען שדכן? וואס טוהט זיך מיט דיר? אזוי א קינד ווילסט דו שוין דען קאפ פערדרייען מיט א כלה? צו ביסט דו משוגע? שוין א שידוך?

—טאקי שוין! וואס דען, קריבער! איך קען דאך דיך, דו ליינגסט נאר אללעס אפ אויף שפעטער! —

VIII.

צו פופצעהן יאהר איז יענקלי א חתן געווארען, צו זעכצעהן יאהר האט ער חתונה געהאט, צו זיבענצעהן יאהר האט ער א ברית געמאכט.

IX.

—איך האב שוין די גאנצע טויזענד רובעל איינקאסירט — זאגט יענקלי אין דעם טאג ווי ער איז אלט געווארען אכטצעהן יאהר — איך מוז ווערין סוחר, איך וועל מיר מאכען א בשמים־האנדעל.

—און וואו זענען די אנדערע טויזענד רובעל? דו האסט דאך געהאט צוויי טויזענד! — פרעגט איהם דער פעטער ביינוש.

—סטייטש, מען האט דאך מיר אנגעזעצט טויזענד רובעל!

—נאך וואס ווילסט דו שוין ווערען סוחר, זאלסט די רעשט אויך פרליכען. דו קענסט דען שרייבען, רעכנען, ביסט דען א מבין אויף סחורה?

—נו, נו, נישט קשה — זאגט געגענדיל — דאס וועט ער זיך שוין אויס־לערנען;

—און א שקארמוין קענסט דו מאכען? און ווענען און פאקען קענסט דו?

—נו, נו, נישט קשה, דאס וועט ער זיך שוין אויס־לערנען.

—איך פרעג אויך די קשיא — רופט זיך אן זאנוויל — לאז ער זיך פריהער אויס־לערנען האנדלען, ווי קען ער, אזוי א יונגער שנעק שוין ווערין סוחר.

—טאקי שוין! — זאגט געגענדיל — איך קען דאך דיך, קריבער! דו ליינגסט אללעס נאר אפ אויף שפעטער.

X.

—איך קען נישט אויס־האלטען פון דער ארורה — זאגט יענקלי פאר זיינע עלטערן — זי פערביטערט מיר דאס לעבען.

—נו, וָואס טויג זי דיר דָאס פְּלָאג?— עֶנְטְפֶערְט גְנֶענֶדיל — שְׁלָאג זי די כַּפָּרָה. וֶועסְט גָאר נִישְׁט קְרִיגֶען די מְצִיאָה?

—בּיי דיר איז אַלֶעס נָאר שְׁטוּרְמִיג — זָאגְט זַאנְחִיל — בּאלְד אַ גֶט? לָאז עֶר זִי גוּט בֶּעהַאנְדְלֶען, לָאז עֶר אִיהר נִישְׁט אָנְטוּהֶען קֵיין צָרוֹת, וֶועט זִי צוּ אִיהם אויך גוּט זַיין.

—וָואס הָארְכְסְט דוּ אִיהם? אַז דוּ וֶועסְט אִיהם הָארְכֶען, וֶועסְט דוּ גוּט לַייט זַיין, גֵיי בּאלְד מָארְגֶען צוּם רָב, אוּנ מַאךְ מִיט אִיהר אַיין עֶק. אֵיידֶער צְווֵיי אִין לַיידֶען, אִיז גְלַייכֶער פִיער אִין פְרֵיידֶען.

—וָואס רֶעדְסְטוּ גְנֶענֶדִיל? וָואס וֶועט די וֶועלְט זָאגֶען? אִין גַאנְצֶען אַ פָּאר יָאהר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה. שׁוֹין גֶענֶגְט!

—טַאקִי שׁוֹין! וָואס דֶען, רָאשְׁטְשִׁינֶע! אֶפְשַׁר אָפּ־לֵייגֶען אויף שְׁפֶּעטֶער? הָא?

XI·

—עֶס אִיז בִּיטֶער ווִי גַאלל, מַאמֶאנְיוּ!— קְלָאגְט זִיךְ יֶענְקְלִי — מֶען לַייזְט נִישְׁט קֵיין פְּרוּטָה, די חוֹבוֹת וַואקְסֶען ווִי שְׁוָואמֶען נָאךְ אַ רֶעגֶען, די וֶועקְסֶעלִיךְ פְלִיהֶען ווִי פַייל פוּן בּויגֶען, די בַּעֲלֵי חוֹבוֹת רַייסֶען אוּנ פְלִיקֶען, די בַּאנְק דוּשֶׁעט, די פְּרָאצֶענְטְנִיקֶעס שִׁינְדֶען די הויט, וָואס טוּהט מֶען, מַאמֶענְיוּ, וָואס טוּהט מֶען?

—זַיי דִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר, מַיין קִינְד — זָאגְט די מוּטֶער — טוּה וָואס אַלֶע סוֹחֲרִים טוּהֶען. וָואס דַארְפְסְט דוּ דִיר דָא דָאס לֶעבֶּען צוּ נֶעמֶען?

—וָואס טוּהֶען אַלֶע סוֹחֲרִים?

—סְטַייטְשׁ? וַויי! יֶעדֶעם אַ גְרוֹיסֶע פֵייג, אוּנ־פְּטוּר.

—וָואס רֶעדְסְטוּ, גְנֶענֶדִיל? נָאךְ קֵיין יָאהר נִישְׁט ווִי עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ סוֹחֵר. הֵייסְט דוּ אִיהם שׁוֹין מַאכֶען פְּלֵיטָה. אויף דֶען עֶרְנְסְטֶען פַאלל קֶען עֶר רֶעגוּלִירֶען, אוּנ בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהְן אויף די פִּיס, אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט גֶעווִיס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפֶען. עֶר אִיז שׁוֹין יֶעצְט מֶעהר בֶּעקַאנְט אִין הַאנְדֶעל, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיס־דְרַייעֶן, אִיךְ קֶען פִיעלֶע אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אִין דֶער אֲדָמָה, אוּנ זֶענֶען דָאךְ מִיט זַייעֶר עֶהרְלִיכְקַייט גֶעבְּלִיבֶּען אויף דֶעם פְּלַאטְץ, אוּנ יֶעצְט אִיז זַיי גָאר נִישְׁט קָשֶׁה. ווִיא וֶועט דָאס הֵייסֶען, אַ הַאלְבּ יָאהר קְרֶעמֶער — שׁוֹין בַּאנְקְרָאט?

—טַאקִי שׁוֹין! וָואס ווִילְסְט דוּ, קְרִיבֶער! אָפּ־לֵייגֶען אויף שְׁפֶּעטֶער? הָא?

צוּ אַכְטְצֶעהְן יָאהר הָאט יֶענְקְלִי אַ הַאנְדֶעל גֶעעֶפֶענְט, צוּ נַיינְצֶעהְן יָאהר הָאט עֶר דָאס ווַייבּ גֶענֶגְט, צוּ צְוַואנְצִיג יָאהר הָאט עֶר אַ צְווִילִינְג גֶעהַאט מִיט דֶער צְווֵייטֶער פְּרוֹי, צוּ אֵיין־אוּנ־צְוַואנְצִיג יָאהר הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ פְּלֵיטָה.

יֶענְקְלִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען קֵיין לֵיידִיג־גֵייעֶר, עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעטְהוּן אויף דֶער וֶועלְט.

## XIII.

—נו וואס מאכט אייער זוהן ?— האב איך געפרעגט געגענדלען , ווי איך האב געהערט אז יענקלי איז קראנק געווארען פאר צרות • דען ער איז געוועזען איין עדלער קאראקטער , אונ האט נישט געקענט איבער־טראגען די חרפה • אונ זיין געוויססען האט איהם געפייניגט , ווייל ער האט מענשען אונרעכט געטוהען , אונ אזוי פיעל געלד בעהאלטען •

—וואס זאלל ער מאכען ?— ענטפערט זי — אללע אונזערע שונאים אונ יעדער וואס יודען בייז ווינשט , זאל דאס מאכען , וואס מיין יענקלי נעבעך מאכט •

—האט איהר נישט געהערט וואס מאכט יענקלי ?— האב איך געפרעגט צו מארגענס גאנץ פריה , ווי איך האב נאר די אויגען געעפענט —

—אָ הא ! ער איז שוין נעבעך נישט דא • פאר א האלבע שעה האט ער געענדיגט — ענטפערט מיר גאדיל וואסערטרעגער •

— ברוך דיין אמת ! — האב איך געזאגט , אונ האב באלד אב־געדאווינט , עפעס איבער־געביסען , אונ בין ארויס געגאנגען גיין צו דער לויה •

—ווען וועט זיין די לויה ?— פרעג איך ר׳ יוחנן דעם גבאי •

—שוין נ א ך די לויה — ענטפערט ער מיר •

—ווי הייסט ש ו י ן ? עס איז דאך ערשט צעהן דער זייגער • נישט מעגליך !

—ט א ק י ש ו י ן !— ענטפערט ר׳ יוחנן —• איך האפ מיר א וועגעלע אונ פאהר אויף דעם היילינגען ארט , קומט מיר אנטקעגען ר׳ משה , דער שמש פון דער חברה קדושה •

—איהר גייט שוין צוריק ?— פרעג איך איהם •

—שוין נאך דער קבורה !— זאגט ער •

—ווי הייסט שוין ?— פרעג איך פערוואונדערט •

—ט א ק י ש ו י ן !— ענטפערט ר׳ משה •— הייסט נאר געבין א טרונק בראנפין א גוטען •

—איך וועל אייך שוין געבען איין אנדערטמאהל.

—טא ק י ש ו י ן ! דען דאס הערץ טוהט מיר וועה — ענטפערט ר׳ משה , אונ געהט גלייך צו א י צ י ק ש ע נ ק ע ר •—

## XIV·

אזוי וויא עס האט זיך געפיהרט מיט יענקלי , אזוי האט זיך אויך געפיהרט מיט ישראלטשע זיין זוהן • יענקלי איז שוין לאנג טויט , אונ ישראלטשע איז שוין יעצט אלט א יאהר צוואנציג . ער האט א שטארקען האנדעל , פיעל סחורה , א גרויסע ווירטשאפט , פיעל משרתים , נאר בעוונותינו הרבים האבען איהם מענשען גענומען אויף די ציין , מען מומעלט

אויף איהם זעהר שטארק, און אזוי ווי איך האב געהערט ערשט פאר א שעה. זאגען אויף איהם מאנכע מענשען:

טאקי שוין!

## XV.

ווי פיל פון בויגען, ווי א שטורםווינד,
לויפט דעם יוד'ס לעבען, זעהר געשווינד,
זייט ער ווערט געבוירען,
ביז ער ווערט פערלוירען,
זעהט מען איהם נאר יאגע
גאנצע טעג זיך פלאגען,
אללעס אויף דעם געשווינדסטען אופען,
איילען, פארען, שפרינגען, לויפען,
זאגט מיר מענשען וואס איז דאס,
וואס מען איילט זיך אזוי אהן א מאס?
דאס גאנצע לעבען האט דער יוד קיין רוה,
און קוים מאכט ער נאר די אויגען צו,
גיבט מען איהם א חאפ ארויס פון שטוב,
געשווינד אהין דארט — אין פינסטערע גרוב
ווייל די וועלט איז נאר איין פאדער־הויז
גליקליך איז דער, וואס חאפט זיך דאפון ארויס,
ווארים ווער זוימט זיך דאס לאנג
אין א פאדער־הויז, אין א דורכגאנג?
דאריבער זייט דער יוד ווערט געבוירען
ביז ער ווערט גאר פערלוירען,
זעהט מען איהם נאר טשאקען, לויפען,
אללעס אויף דעם געשווינדסטען אופען.
נאר דאס איינע בלייבט עם, וואס אין מיטטען
חאפט ער דער־ווייל — א טרונק בראנפין א גוטען. —

הנ"ץ

# דער פארטרעט.

I.

איהם האט מען גערופען בעריל, זי בערילעבע, צו דער חתונה איז ער אלט געוועזען צוואנציג און זי אכטצעהן יאהר, זיי האבען זיך אמת ליעב געהאט.

זיי פלעגען ביידע פלייסיג ארבייטען פון זונטאג גאנץ פריה ביז פרייטאג פאר לעכט-בענטשען. ער איז געוועזען א שניידער, זי א פאריק-מאכערין. בענאכט ווען זיי פלעגען אהיים קומען פון דער ארבייט, פלעגט „בעריל" ארום-נעמען „בערילעבען" און איהר יעדער אבער אויס-קושען, זי איהם אויך דאס זעלבע; קורץ זיי האבען זיך געלעבט ווי די טייבעליך.

אין א יאהר ארום, האט זיי גאט געבענטשט מיט א קינד.

א אומבעשרייבענדע פריידע האט דאס קינד מיט-געבראכט זייגע יונגע עלטערן. בערילעבע האט בעהויפטעט, אז דאס קינד איז פאהאזשע אויף איהר טאטען, און בעריל האט דערויף פראטעסטירט: אין דער ערש ער צייט איז געוואהנליך א קינד פאהאזשע אויף אללע, אויף וועמען מע שטעלט זיך פאר אין די געדאנקען. שפעטער ערשט ווען עס ווערט עלטער דאמאלס דער-זעהט מען אויף וועמען עס איז פאהאזשע. פון דעסט-וועגן האט זיך איהם אויס-געוויזען, אז דאס קינד איז גיכער פאהאזשע אויף דער מוטער.

פון דעם פלעגט אפט ארויס-קומען ספארקעס, נאר אזוינע, וועלכע עס איז געוועזען מחיה צו-הערען, פונקט ווי אין א שיינער פאגאדע איז אנ-גענעהם צו-הערען דעם שעללעסט פון די גרינע שמעקענדע בוימער. דאס קינד איז זיך געוואקסען צווישען די עלטערענס פרייד. איך ווייס ניט צי עס איז געוועזען פאהאזשע אויף איהר, צי אויף איהם, נאר אז עס איז ווירקליך שיין געוועהען -- דאס איז א פאקט. בערילעבע פלעגט זיך מיט איהם איבער-נעמען, און שטארק שטאלצירען דאמיט. ווען זי פלעגט אפריילעכען געשריי טהון: „זאהן מיינער", פלעגט זי גראבער ווי לענגער ווערען. בעריל האט די גרעסטע פערגעניגען געהאט ווען ער האט גיזעהן „מאזעלען" ארומקריכענדיג אויף דעם פאל.

איינמאל האבען די פריליכע עלטערן גערעשיט נעהמען דעם קליינעם גאספאדין צום פאטאגראפטשיק, אראב נעמען פון איהם א פארטרעט. זיי האבען דאס אויסגעציערט אין בגדי מלכות, האבען דעם אריין געלייגט אין די האנטעליך א קעצילע און האבען דאס פאטאגראפירט. דער פארטרעט איז ווירקליך ארויס מערקווירדיג שיין, מאזעלע האט געשיינט פון דער בילד ארויס, אזוי ווי די שיינע זאנגע פונ'ם לעכטיגען בלאהען הימעל.

מע האט דעם פארטרעט אריינגעשטעלט אין א שיין ראמעל, אויף געהאנגען אויף דער וואנד, און ווער נאר עס איז אריין געקומען, האט זיך ניט געקענט זאטט אנ-קוקען אויף דעם שיינעם בילד. פון וועלכע די עלטערן האבען שטארק אנגעקוואללען

## II.

איינמאהל אויף דער נאכט, ווען בערילעכע האט איהם געלייגט שלאפען, האט מאזעלע א הוסט געטהון... אויף מארגען האט ער טאקי אנגעהויבען גוט הוסטען. בערילעכע האט בעמערקט, אז דאס קינד איז בלאס. בעריל איז געלאפען צום דאקטאר בערילעכע—צום טאטער, און עס העלפט אלץ ניט. דער דאקטאר קאן גאר ניט מאכען... דער קרופ האט זיך אריינגעכאפט אין דעם קליינעם האלדזילע, און אין אזוי ארום איז דאס קינד געשטארבען, נאכדעם אז עס האט זיך שרעקליך אנגעמוטשעט, ווי געוואוהנליך קליינע קינדער מוטשען זיך און ראנגלען זיך מיטען טויט, עפעס ווילט זיך זיי ניט, אזוי גיך אוועק־געהן פון דער פאלשער וועלט, די וועלט טהוט זיי באנק אזוי ווי עפעס רעכטס..

די גאנצע נאכט זענען די אונגליקליכע עלטערען געלעגען איבערן טרופ און האבען הארציג געוויינט, טרערען האבען זיך ביי זיי ביידע געגאסען ווי פון אקוואל. גאנץ פריה זענען געקומען די „שמשים", האבען דאס אריינגענומען אין בוזעם אריין, אוועק געטראגען אויף דעם בית עלמין און האבען דאס בעווארענט אויף עוויג... בעריל מיט בערילעכען וועלכע זענען געבליבען אליין אין צימער, האבען איינער אויף דעם צווייטען אבליק געטהון און האבען זיך בעגאסען מיט טרערען, דאס מויל אפענען עפעס רעדען צווישען זיך, האבען זיי ביידע ניט געקאנט. זיי האבען פשוט קיין קראפט ניט געהאט.

פון דיזען טאג איז פער־שוואונדען געווארען זייער גאנצער גליק. צוזאמען מיטן קינד איז אוועק אויף דער אמתר וועלט זייער פריידע, זייער גאנצעס לעבען. אטויט שטיל־קייט האט זיך בעזעצט אין שטוב, עס איז קיין סלייעד אפילו ניט געבליעבען פאן זייער פאריגער פרייד, ביינאכט ווען זיי פלעגען אהיים קומען פון דער ארבייט האבען זיי זיך שוין ניט געקושט און ניט געהאלדזט...

חוץ דעם, האט בעריל אנגעהייבען קומען אפט זעהר שפעט אין דער נאכט, וועלכעס האט זעהר בעאונרוהיגט בערילעכען. אפט פלעגט ער קומען בערוישט, ער האט אנגעהיי־בען בעזוכען יעדער טאג די שענקען. שלעכט— האט זיך בערילעכע געטראכט— וואס טוהט מען יעצט!

ער איז ווירקליך גאר ניט דער בעריל געווארען, ער איז געווארען א פיאניצא אשר לא פיאניצו אבותינו; ווען ער פלעגט קומען א היים פלעגט ער זי זידלען און מאכען צו דער בלאטע גלייך; ער האט נאר אנגעהייבען זוכען אויף איהר חסרונות: דאס רעדט זי ניט גלייך, דאס שטעהט זי ניט שיין, דאס קאכט זי ניט גוט, מיט איין ווארט: ער איז געווארן א מיאוסער בחור.

איין אויף־דער־נאכט, ווען ער איז גראדע אהיים געקומען שטארק שכור, און זי האט איהם דער־פאר אנגעהייבען אביסעל זאגען מוסר, איז ער גיט פויל אויף דער פען גע־ווען און איז צו־געלאפען צו איהר מיט א קולאק נאר אויף דורם זיין זי. זי איז בלאס ווי קרייד געווארען, נאר זי האט איהר שטאלץ ניט פער־לארען און זאגט צו איהם:

—האר נאר אויס בעריל! אזא לעבען קאן איך שוין ניט דער־טראגען, איך בין ניט מעהר ווי א שוואכע פרויענצימער, און דו האסט ערגיץ וואו, אין גאנצען דעם סאוויעסט פער־

לוירען, זעה איך ארויס אז קיין לעבען צווישען אונז וועט שוין ניט זיין—טא לאמיר זיך בעסער גטין!

—גטין, איז גטין, דו ווייסט אליין, אז איך בין ניט קיין שלעכטער מענטש, דו ביסט דווקא אויך א גוטע פרוי, נאר מיר ביידע קאנען מעהר ניט לעבען צו־זאממען.. נעהם דיר צו וואס דו ווילסט און געה דיר; נאר שוין...

III.

נאכדעם האבען זיי אנגעהייבען ריידען פריינדליך. פונקט ווי דאס וואס זיי האבען אב־געענדיגט זיך צו־שיידען, האט זיי ביידע בערוהיגט.

בעריל האט זיך אנידער־געזעצט אין א ווינקעלע, קוקענד מיט די אויגען אויף דער פרוי, וועלכע האט זיך ארום־געדרעהט, הין און צו־ריק איבערן שטוב. זי האט אויפגע־עפענט א גרויסען קאסטען און האט אנגעהייבען ווארפען אהין: קליידער, וועש, טשעפ־טשיקעס א. ז. וו., מעהר האבען זיי קיין ווארט ניט גערעדט, אפילו קיין ווינק ניט געטוהן.

פלוצים האט בעריל דער־זעהן ווי זי (די פרוי) איז צו־געגאנגען צו דער וואנד ארא־בגעהמען מאזעלעס פארטרעט.

—שטעה!— האט ער א געשריי געטוהן— שטעה, דעם פארטרעט נעהם ניט, ער איז מיינער, איך מוז איהם דאך האבען, איך בעט דיך לאז איהם מיר.

—וואס?! דעם פארטרעט וועל איך דיר לאזען? אה ניין!—זי איז געווארען ווייס ווי קרייד, נאך בלאסער ווי דאמאלס ווען ער האט זיך מיט דעם קולאק צו איהר געלאזט צו שלאגען; זי האט זיך פלוצים שרעקליך צו־וויינט, און האט איהם מיט אריהרענדע שטימע אנגעהייבען בעטען:

—איך בעט דיך בעריל, געב מיר דעם פארטרעט, לאז ער זיין ביי מיר, בעריל... אויב איך האב עפיס געהאט גוטץ אויף מיין לעבען, איז נאר דאס טייערע קינד... איך בין זיין מוטער... איך האב דאס געטראגען... געהאט... געזויגען... איך האב דאס געקושט... טייער מאזעלע... איך האב איהם אזוי ליעב געהאט... ער איז געוועהן אזוי שיין... ווער איז מיר... פאר וואס בין איך אנשטאטט איהם ניט געשטארבען?... בעריל! א יא דו וועסט מיר געבען דעם פארטרעט?! איך בעט דיך, געב איהם מיר!

בעריל האט זיך צו וויינט... ער האט צו געלייגט די קאפ צום פארטרעט און האט שטארק געקוקט אויף איהם. זיין קאפ מיט איהר קאפ (דער פרוים) זייגען זיך כמעט אין איינעם צו נויפגעקומען... זי האט איהם נאך א מאהל געוואלט אנהויבען בעטען ער זאל איהר אוועק געבען דעם פארטרעט, האט ער איהר פארשטעלט דאס מויל מיט דער האנד.

—און אז איך וועל דיר ניט געבען דעם פארטרעט, וואס וועסטו טהון?

—וועל איך ניט אוועק־געהן...

—נו, וועל איך איהם טאקי לאזען ביי זיך.

זי האט אויף איהם א קוק געטהון פערוואונדערט. ער האט זי פלוצים ארומגע־
מען, ווי אין פאריגע צייטען, און זי קושענד האט ער איהר געזאגט:

— בלייב טאקי דא, זיי מיר מוחל... פאר געס... איך... מיר וועלען איהם
ביידע היטען...

***

עס איז שוין פיער יאהר זייט די געשיכטע האט זיך פערלאפען. יעצט הײנגט שוין
אויף דער וואנט צוויי פארטרעטען, און זיי לעבען זיך ווי די טייבעלאך.

חמ״ץ פון טאראשטשא

# א אסיענדיגער מאטיוו.

(סאננעט)

---

איבער דעם פרייען פעלד שפאצירט דער אסיען ווינד,
און שעלעסטשעט מיט די פערוויאלעטע בלעטער,
אט קרעכצט ער, אט וויינט ער ווי א קליין קינד,
און פיעלט־אן דעם ואזדוך מיט נאססען וועטער,

ער חאפט פון די קוימענס דעם שווארצען רויך
און פערשפרעהט איהם אויף דער בלאטיגע גאס,
ער בויגט די שפיץ צווייגען פון גאנץ הויך
צו דער קאלטער ערד, מיט א כעס...

אויך אין מיין פענסטער טוהט ער ברוממען,
עס ווערד מיר פערקיהלט דאס בלוט אין יעדער אבר,
ער קלאפט מיט די לאדען, און זאגט מיט א געשריי:

אוים קוויטען, אוים בלוממען, אוים לידער פינ׳ם סאלאווי,
דיין גרינער סאד איז יעצט א קאלטער קבר...
פערגעס דעם זוממער — אסיען איז געקומען...

---

# בַּיים רָב אִין שְׁטוּב.

אַ קליין צימער. אויף א טישעל ליעגען עטליכע ספרים. דער רב ר׳ יחזקאל׳ע זיטצט אונ קוקט אריין אין א ספר, ר׳ שמריה דער דיין זיטצט פאר־טראכט נעבען איהם.

**ר׳ שמריה.** אִיךְ הָאבּ דָאס הַיינְט גֶעהַאפְּט פוּן מַיין וַויבּ אַ גוּטֶע פָּארְצִיֶע, זִי הַאלְט אִין אֵיין שְׁרַייֶען: „גֶעלְד!״ קְלָאגְט אוּנ וַויינְט. אִיךְ גֶעפִין מִיר קֵיין אָרְט נִיט. בַּאלְד וֶועט קוּמֶען יוֹם־טוֹב— שְׁרַייעט זִי— אוּנ אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס מִינְדֶעסְטֶע נִיטָא. קֵיין שְׁמַאלְץ, קֵיין אֵייֶער, קֵיין קַארְטָאפְלֶעס, קֵיין צִיבֶּעלֶע, קֵיין גֶעזוּנְד, קֵיין לַייבּ, קֵיין לֶעבֶּען. הָלֶעבִּין אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַהֵיים צוּ־גֶעהְן, אִיךְ זָאל ווִיעדֶער נִיט חַאפֶּען אַ פְּסָק.

**רב.** מִסְתָּמָא וֶועט גָאט נִיט פֶערְלָאזֶען.

**שמריה.** דָאס וַוייס אִיךְ אוֹיךְ, אַז גָאט וֶועט נִיט פֶערלָאזֶען. נָאר דָאס וַויבּ בֶּעט עֶסֶען, אוּנ ווִילל דֶעם פַייֶער פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אָבּ־לֶעשֶׁען, אוּנ אִין שְׁטוּבּ אִיז נִיט דָא אַ גְרָאשֶׁען.

**רב.** וָואס קָאנְן אִיךְ הֶעלְפֶען? מִסְתָּמָא וֶועט גָאט נִיט פֶער־לָאזֶען.

**שמריה.** מִיט דֶעם „מִסְתָּמָא״ וֶועלֶען מַיינֶע קִינְדֶער נִיט זַאטט וֶוערְן, פָאלְגְט מִיךְ בֶּעט אַייעֶרֶע שְׂכִירוֹת אוּנ גִיבְּט מִיר אוֹיךְ.

**רב:** בֶּעטֶען שְׂכִירוֹת— אַ גוּטֶע עֵצָה, נוּ גֶעהְט אִיהר אוּנ בֶּעט, אֶפְשַׁר וֶועלֶען זֵיי פַאר אַייךְ דֶרֶךְ־אֶרֶץ הָאבֶּען. אִיהר וַוייסְט דֶען נִיט, אַז זֵיי זֶענֶען טוֹיְטֶע מֶענְשֶׁען, נָאר דִי וֶועְרִים עֶסֶען זֵיי נִיט, גִיבְּט זַיי, אוֹיבּ אִיהר הָאט.

**שמריה.** דָאס אִיז אָבֶּער קֵיין תֵּירוּץ נִיט פַאר אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער. זָאגְט וָואס טוּהט מֶען?

**רב.** וָואס טוּהט מֶען? בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר פוּן הוּנְגֶער נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, וֶועלֶען מִיר מִיט גָאטְטֶס הִילְף וַוייטֶער פוּן הוּנְגֶער נִיט שְׁטַארְבֶּען, נִישְׁט־קָשֶׁה. מִסְתָּמָא וֶועט גָאטט נִיט פֶער־לָאזֶען.

**שמריה.** אִיךְ זָאג אַייךְ נָאךְ אַמָאל, דָאס אָהן גֶעלְד הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַהֵיים צוּ־גֶעהְן.

**רב.** עֶס הָארְט זִיךְ גֶעהֶנְדִיג, אֵיינֶער קוּמְט, מִסְתָּמָא וֶועט גָאט נִיט פֶער־לָאזֶע.

(עס קומט אריין א יוד)

**דער יוד.** רֶבִּי! זָאלְט אִיהר מִיר גֶעזוּנְד זַיין, מַיין פְּלוֹנִית׳טֶע הָאט גֶעפוּנֶען אַ הָאבֶּער אוֹיף דֶעם פִּיפֶּעק פוּן דִי פֶּסַח׳דִיגֶע גַאנְז. [ער ציינט איהם דעם האבער]

**רב.** דִי גַאנְז אִיז חָמֵץ׳דִיג. [דער יוד אב]

(עס קומט אריין א משרת)

**משרת:** רבי! די רעכטע פיסעל פון דער הוהן איז צו־בראכען

**רב.** דער האן איז ניט כשר.

**משרת.** דאס איז ניט א האן, ליעבער רבי, נאר א הוהן, זי האט נאך היינט געלייגט איין איי.

**רב.** אזוי, דאס איז גאר א הוהן, ניט א האן? נו זי איז ניט כשר.

**משרת.** אונ דאס איי איז כשר, מען קאן איהר עססען?

**רב:** יא, דאס איי איז כשר אונ די הוהן ניט.

**משרת:** דאס הוהן איז כשר אונ די איי ניט. [ער באלעקט זיך קוקענדיג אויף דער פעטער הוה אונ וויל שוין אוועק־גייהן].

**רב.** [מיט כעס] ווארט נאר אוים דו גראבער יונגאטש, דאס איי איז כשר אונ די הוהן ניט! וועסט דו שוין געדיינקען?

**משרת:** געדיינקען, געדיינקען [צו זיך מיט א קנייטש] א שאנע מעשה. וויל איך אייך זאגען, א ביטערע מעשה חלעבען... [אב]

**שמריה:** איך געה אין בית המדרש, דארט מוז אודאי איצט זיין ר׳ ברוכעל שמואל פייגעס, וועט ער מיר בארגען ווי אללע מאהל עפעס געלד, א גוטען טאג.

**רב:** א גוט יאהר. [שמריה אב].

(דער קאזאנער רב ה׳ ראבינערמאן קומט אריין)

**ראבינערמאנן.** גוטען טאג!

**רב.** ברוך הבא! א גוט יאהר אויף אייך, זיטצט!

**ראבינערמאנן.** איך דאנקע. [ער זעטצט זיך]

(א יודענע קומט א ריין)

**די יודענע.** גוטער רבי! אין א פליישיגען טאפ, האב איך אויף־געקאכט מילכדיגע קארטאפלעס פיר די זעקס קליינע קינדערליך מיט מיין אלטע קראנקע מוטטער. א ווייטאג איז מיר! זיי זענען אזוי הונגעריג, אז זיי וואלטען דאס איינשלינגען מיט די אויגען. מיין מאנן דער שלים־מזל האט שוין אפשר פון א גאנצען האלבען חודש קיין גראשען פערדיענט. דאס ביסעל קארטאפלעס האב איך געליהען ביי מיינע א שכנה, זי איז א גרויסער נאר. ניט פאר אייך געדאכט, זי ווייסט אז איך גיב איהר קיין־מאל ניט אפ צו־ריק וואס איך לייהע, אונ זי האט מיר היינט ווידער געליהען א ביסעל קארטאפלעס פון גרוים שמחה האב איך געהאפט דעם פליישיגען טאפף, אונ אין איהם אויפגעקאכט די ביסעל קארטאפלעס, מיט אקאפ מילך. רבי? קאן איך עס געבען מיין קראנקע מוטטער, זי האט אפילו א בויכווייטאג, ניט פאר אייך געדאכט, אונ דער רופא זאגט דאס זי טאר ניט עססען קארטאפלעס, איך האב אבער קיין אנדער זאך איהר צו געבען, נו וואס זאגט איהר, רבי? איז דאס עססען כשר?

**רב.** נײן, ניט כשר.

**די יודענע:** א צרה, א שלאק, אחורבן, אגזרה, א אונגליק, וואס װעלען זײ נעבעך עססען! [אבֿ].

(א צװײטע יודענע קומט אריין)

**די יודענע.** ליעבער רב.! מײן מאן דער אונגליקליכער האט הײנט געבראכט א הוהן מיט קלײנע הינדעלעך, ער האט עס געקויפט בײ א פּריצתה, ער װאלט געװיס פאר־קויפט אונ פערדינט אויף שבת צו מאכען. האט זיך איהם פארװאלט אײנע אײנהאפּען האט ער איהר אזוי לאנג געיאגט ביז זי איז אריין געפאלען אין טאפּ קרופּניק. האָרט איהר רבי; איך האב איהם געװאלט אבריהען מיט די הײסע קרופּניק; זײן גליק װאס ער איז אנטלאפען פון שטוב, װען ניט װאלט איך מיר מיט איהם אב־גערעכענט, ער װאלט מיר געדײנקט א לאנגע צײט. זעהט איהר רבי: אײן קינד האב איך גילאזט זיצען אין װיג. דאס צװײטע אויף דעם טיש, דאס דריטע אין בעט, דאס פירטע אויף דעם אויװען, װאו עס שלאפט בײ נאכט, דאס פינפטע אויף דער ערד. דאס זעקסטע האלט מײן עלטערע טאכטער; זײ װארטען אללע אויף דעם קרופּניק, זאגט רבי איז כשר דאס עססען?

**רב.** אי װײ געשריען גרױסער גאטט, דײנע יודען זענען דיר געטרײ, ניטא אזא פאלק װי יודען זענען, געהט אהײם, יודענע, דאס עססען אײערע קאנט איהר געבען דעם שבת־גוי, עס איז ניט כשר.

**די יודענע.** ארונער האט מיר דער־שלאגען, װאס זאל איך איצט טוהען? שלעכט ביטער װי דער טויט. [אבֿ]

**ראבינערמאנן.** נײע מאדע שאלות פרעגט מען בײ אײך, זאגט מיר איך בעט אײך: עס האט אמאהל געטראפען, דאס אײנער זאלל קוממען בײ אײך פרעגען אשאלה אויף ארובעל אויב ער איז כשר? אונ דאס איז טאקע מערקװירדיג, פאר װאס קומט קײן מענש ניט פרעגען א שאלה אויף געלד זאבען! מען מעג מאבען גאר דעם טרפהנעם עסק, דעם שענדליכסטען מסחר קומט מען ניט פרעגען, װען מען זאלל אבער יא קוממען פרעגען אזעלכע שאלות, װאלט דאך א רב אונ א ראבינער אויך פיל װײניג געהאט.

**רב.** איך װעל אײך דעם אמת זאגען; אז הײנטיגע װעלט איז טאקע גאר ניט צו פאר־שטײן, זי פיהרט זיך גאר אנדערש װי א מאהל, איהר דארפט עס אויך געדײנקען װי א מאהל זײנען געקוממען צו מיר סוחרים, מיט גרויסע געשעפטען, האב איך אויך פיעל װײניג פארדינט, אבער הײנט איז גאנץ אנדערע צײטען, נאר מסתמא װעט גאטט ניט פאר־לאזען, עס מאכט זיך אמאהל אתנאים, אמאהל א חתונה, אמאהל א ברית, אמאהל א פדיון הבן, אמאהל גלאט אזוי, אט א רגל געלד, א גט, א בר מצוה, א לולב מיט א אתרוג, מצה שמורה, אשיר המעלות פיר אקימפּעטארען אב־שפרעכען א עין הרע, ניש קשה, מסתמא װעט גאטט ניט פאר־לאזען, זארגען דארפען געװיס ניט, אונזערע יודען זײנען רחמנים בני רחמנים, זײ לאזען אמענשען ניט שטארבען פון הונגער.

**ראבינערמאנן.** יא, זײ לאזען ניט שטארבען פון הונגער אויף אײן מאהל, נאר ביסלעכ־װײס, אנ־ארעמאן געבען זײ א נדבה, ער זאל קאנען זײן נשמה אײנהאלטען.

זיי וואלטען אויף איין מאהל איהם געבען געלד . ער זאל קענען מאכען אשטיקעלע געשעפט , וואלט ער געפינען זיין שטיקעל ברויט , אונ ער וואלט נאך אנאנדערען גיקאנט העלפען · מיר זעהען , עס געהן ארום געזונדע מענשען בעטען נדבות , זיי קאנען נאך גאנץ גוט ארבייטען , זיי האבען אבער ניט מיט וואס . מען גיט זיי אשטיקעל ברויט , עססען זיי דאס אויף אונ מוזען ווייטער געהן בעטלען . איך געדיינק גאנץ גוט ווי איך האב אמאהל געוויזט אין אויס-לאנד , דארטען האב איך קאנען גילערנט אונזערע יודעלעך , חאטש זיי זיינען ניט אזעלכע הייסע יודען אין רעליגיאן - זאכען , זיי זיינען אבער מענשען - פריינדע , ביי זיי איז ניטא שלעפערס ווי ביי אונז , זיי היטען די תורה וואס דארטען איז געשריבען מען זאל דעם צווייטען ניט לאזען פאלען . . . ניט ביי אונז , אחרפה , אשאנדע , אזוי פיעל ארעמע לייט , אשרעק , נו מען דארף עצות זוכען וואס צו טהון .

רב . געננג אייך ריידען , איהר וואלט קאנען שבת-הגדול זאגען אדרשה אין שול בעססער ווי איך , מיך שטיקט ניט פאר אייך געדאכט דער הוסט , איך קאנן אווארט ניט ריידען . [ער הוסט]

ראבינערמאנן . איהר האט אייך געוויס געמוזט צו-קיהלען , נאר דאס וואס איהר רעדט פון זאגען א דרשה , ווען איך זאלל ראבינער זיין אין א גרויסע שטאדט , וואלט איך מוזען מעהר זאגען ווי איהר דא אין קליינע שטאדטעל . וויעדער דארפט איהר ניט פארגעססען , אז דא איז ניט דא פאר וועמען צו-זאגען , אללע יודען זאללען זיין ראבינער אין א גרויסע שטאדט . דארט ווייסט דער ראבינער , דאס ער איז אראבינער , אונ די גאנצע שטאדט ווייסט דאס אויך , אפילו דער דוחאוונער רב ווייסט אויך צו שעטצען די געוועזענע צעהן קלאססען ראבינער-שול , אונ ער ווייסט זעהר גוט דאס ער האט אראבינער איבער זיך , דא אין קליין שטאדטעל האט א ראבינער גאר-נישט , קיין כבוד , קיין געלד , א חרפה צו-זאגען , איך פאר-דיען ניט אויף לעבענס-מיטטעל , ווען איך וואלט געוועזען אין א גרויסע שטאדט א ראבינער , וואלט איך שוין לאנג אפשר בעקומען א מעדאיל , א בלאגאדארנאסט אונ אפשר א מטשין אויך , אונ דא אויף שונאי-ציון געזאגט קוים א שטיקעל ברויט , אונ דאס קומט אויך אן מיט שוויים .

רב . אונ אז איהר וואלט שוין געהאט א מעדאיל , וואלט איהר שוין געהאט וואס צו-עססען , איך האב געזעהן מענשען מיט מעדאליען גיהן הערום אין די הייזער בעטען א שטיקעל ברויט . . . אויך א רב וועלכער האט זיך דער-דיענט אמעדאיל , אונ האט געגעבען קיין ברויט ניט געהאט אין שטוב , איהר מיינט אפשר אזוי א גלאטער רב ? ניין : א רב וואס וואר בעקאנט אויף דער גאנצער וועלט , אונ האט געהאט פיעל קינדער . אונ ער מיט דעם מעדאיל צו-זאממען איז געוועזען א גרויסער קבצן אונ א עני ואביון מגוזלו . . .

ראבינערמאנן . יא , דאס האבען זי רעכט , איין פאטער קאן ערנעהרען צעהן קינדער . אונ צעהן קינדער איין פאטער ניט . הייטע וואר א געשפרעך ביי מיר צו הויזע , ענדליך זאגט מיינע מוטטער זאלל לעבען צו מיינעם זאהן , צוואר דו בינסט קלוגער , אבער איך בין עלטער ווי דו , „יין ליעבע גראסס מוטטער" האט מיין זוהן געענטווערט , דו ביסט ניט קליגער אלס איך , נאר דו ביסט עלטער . . . נו וואס זאגט איר צו אזא אנטווארט ?

מירקליך היינטיגע קינדער זיינען אנדערש ווי אמאהל ; אמאהל האט א קינד געוואוסט צו האבען דרך ארץ , אונ היינט קוקט ער אויף די גרויסע , די גרויסע זענען אנדערש—די קליינע ענען אנדערש .

**רב .** אה ; היינט איז אשלעכטע וועלט געוואָרען , אויף מיין הן צדק .

**ראבינערמאנן ;** אמת ווי איך בין א יוד , היינטיגע וועלט איז גאר אנאנדער וועלט געוואָרען . די מענשען פון גרויס ביז קליין זענען איבער-געביטען געוואָרען אין אללע בעציהונג , ניט ווי א מאהל . אגעבילדעטער מאן , דער וואס האט געזוכט צו ערפאהרן די ריינע וואהרהייט , האט אמאהל געהייסען אפיקורס ; דער וואהרער נאטור-פארשער האט געהייסען משוגענער , היינט הייסט „פאנאטיק" דער וואס לערענט מיטאלאגיע , דער הויבער קוימען מיט א ציגאר שבת אין מויל הייסט אוואלער יונג : דער מוסר— הייסט אחוואט ; דער רכילות-טרייבער הייסט א וועלט מענש , דער ליגנער— א בעריימטער מאנן ; דער משיג גבול בעהו הייסט ; ער פאר-שטעהט קונקורענציע , שעמען דארפען מיר זיך דאס אלעם צו-זעהן—

**רב .** אוי וועה , ווי אונזערע יודען פארגעסען זיך וואו זיי זענען אויף דער וועלט קוים הייבט אן די ליכטיגע זאננע אויף זיי עטוואס צו-שיינען , אזוי געפינט זיך פאן זיי אזעלכע וואס פארגעסען זיך אז זיי זענען יודען , אונ זיי שעמען זיך גאר מיט דעם נאמען יוד , אונ בודאי איז ער א יחסן אז מען זאגט אויף איהם אז ער זעהט אויס ניט ווי א יוד , וואס א מאל איז דאס געוועזען די בעסטע אונ שאנסטע מעלה . נאר גאט שיקט צו דער מכה א רפואה , אט א גזרת ת"ח , א קרייץ-צוג , א אינקוויזיציע , נאר דאס איז גע-וועזען פיר די אמאליגע איידעלע אפיקורסים , אבער פיר די היינטיגע אפיקורסים וואס איהר האט מיר דא אויס-גערעכענט , שיקט זיי גאט צו אפראסטען קלאפ , אז ווען זיי חאפען די קולאקעס ווערען זיי גאר אנדערע מענשען , אנדערע יודען מיט אנדערע אידעען , אונ לויפען זיך בעהאלטען אונטער דעם פארטוך פון דער אלטע מוטטער , דאס הייסט די תורה . נאר לאמיר לאזען דעם געשפרעך אויף א אנדערס-מאל , אונ מיר וועלען בעסער ריידען אונזערע געשעפטען .

**ראבינערמאנן** וואס פאר געשעפטען ? אויך מיר געשעפטען , ניטא פון וואנען צו-לעבען .

**רב .** מסתמא וועט גאטט ניט פער-לאזען—...

יהושע הלוי מזח.

---

# ווער איז גערעכט?

דער שכל מיט דעם געפיהל קריגען זיך שטארק,
און טאקע נאר איבער מיר אליין,
יעדער שלעפט מיך צו זיך — ווי די סעדעכעס אין מארק,
ווען א קונה טוהט פערביי־געהן.

דער געפיהל לעגט מיר פאר זיינע גליקען,
פאעזיע, הומאנגאסט, ליעבע, אידעיעס,
„דאס איז סחורה נאר פון די אנטיקען"
שווערט ער ביי זיין בארד און פאות.

„וואס הערסטו צו אט דעם שארלאטאן?!"
שרייעט מיר דער שכל פון ווייטען,
מיט זיינע גליקען וועסטו פייגר'ן איין ארימאנן,
אויב דו גלויבסט מיר ניט, טא פרעג בא לייטען.

פון זיינע אנטיקען נא דיר א „חשבון" אויפ'ן בלאט,
בארעכען אויב דיין מוח איז א געזונטער:
הונגעריגער הייד, וועסטו פון „פאעזיע" ניט ווערען זאטט,
און מיט „ליבע" קענסטו ניט הייצין ווינטער.

פון „הומאנגאסט" קענסטו קיין שטיוועל ניט מאכען,
און אידעיעס טויג ניט אויף א קאפאטע.
פאלג מיך, ווארף א וועק אט די פוסטע זאכען,
ווי איך בין א יוד אז עס איז בלאטע!

איך האב פאר דיר א סחורה זי הייסט „אינטערעס"
ווען דו וועסט זי אפ־היטען, וועט דיר זיין ניט שלעכט,
און אויף דעם געפיהלס אנטיקען פארגעס" —
איז קלעהר: ווער איז גערעכט? ...

ס. ו. זאטולאווסקי

# עס געהט ניט חאטש צו רייס זיך!

פעליעטאן

## בריעף געשריבען ביטליך פון פינע טינטלער און געדרוקט פינקט-ליך דורך מ. ספעקטאר.

---

יום ג' פרשה לך לך פה זלידניוויקע לפ"ק.

צו די עהרע פון דעם „הויז פריינד", מיין געליעבטען און טייערען, דעם קלוגען און דעם גאנצען; א אויס-געצייכענטער פון צעהן-טויזענטער וואס בעלייכט די ערד און איהרע איינוואהנער, ווי די זונן זאל געוועלטיגען זיין נאמען וואס איז בעוואוסט אין די טויערען צו א נאמען און צו לויב, די עהרע פון זיין נאמען, זיין שאנקייט מוהדר .... וכו'

אט דאס זענט איהר טאקע דער אייגענער!... דער אייגענער וואס מיינע געבעטען און געוויינען האבען געטהון גרייכען אין אייערע אויערען, ליעבסטער און טייערסטער „הויז פריינד"! א דאנק אייער „טרייטלין" וואס איהר האט געטהון מאכען דרוקען, איז מיין נאמען בעקאנט געווארען פון איין עק וועלט ביז אין דער אנדער עק וועלט.

ווער? ווער? פרעג איך אייך, קען דען איצט ניט פינע טינטלער פון דער שטאדט זלידניוויקע, וואו די באד האט זיך געבויעט גאנצע 3 יאהר און שטעהט נאך עד היום אהן א דאך. 3 יאהר איז מיין הארץ צופלאצט און צוריסען געווארען, גאנצע דריי יאהר האב איך זיך די פינגער אבגעשריבען פון די חם־ונות אין אונזער שטאדטיל און אויך דער פאר וואס אין נייצעהנטען יאהר־הונדערט וואו די אראפעעישע ציוויליזאציע שיינט אריין אין אללע שפאלטען, איז ביי אונז אין אונזער פאנאטיש שטאדטיל נאך ניט דא קיין פאזשארנע קאמאנדע מיט אמאשינע דער צו, און ווען ניט בערעל פלאסטער, וואלט שוין דאס גאנצע שטאדטיל לאנג פאר-ברענט געווארען. 3 יאהר האב איך ניט אויפ־געהערט צו שרייבען, פאר וואס האלט נאר חייקעל „די קישקע" צום לעשין און ניט א נאנדערער. גאנצע 3 יאהר האב איך ניט אויף־געהערט וועגין די אללע זאכען שרייבען צו די יודעשע צייטונגען, געפילדערט, געליארעמט, געבעטען, געוויינט מיט טרעהרען פאר זיי — און עס האט ניט געהאלפען, ווי אטויטען שטעלין באנקעס! — קיינער האט ניט געוואלט דרוקען מיינע קארעספאדענציעס מיט מאמרים, חאטש צו רייס זיך מיינע שונאים אויף דריען — קיינער, אבער טאקי ניט איינער זאג איך אייך, האט זיך געוואלט דער בארעמען אויף מיר און אויף מיינע מאמרים־ליך, נאר איהר, איהר, ליעבסטער און טייערסטער, מיט אייער גוט ווייך הארץ האט מיינע טרעהרען און געוויינען ניט געקענט צו זעהן און האט זיך מרחם געוועזן אויף

מיר און אויף מיינע מאמרים־ליך , גאטט זאל אייך נאר צאהלען א מאס אנטקעגין א מאס פאר אייער גוט דערבארעמט הארץ וואס איהר האט מיך און מיין שטאדטיל פשוט מחיה געוועזען .

נאר פלוצים... פלוצים , ניט היינט געדאכט און ניט איצט געדאכט , עס זאל זיך שוין גאר אזויגע ציטען ניט אומקערען ; פלוצים ... זענט איהר פאר־פאלען געווארען ... און איך קען אייך גאר ניט פארשטעלען ווי איך האב גע־בענקט נאך אייך . איך האב נאך אזא בייגענעש קיין מאל ניט געהאט , נאר איין גאטט וואלט מיר געמעגט העלפען . נאר אזוי ווי אויף א מענשען קומט פלוצים איין אומגליק , אזוי קומט אויף איהם אויך דאס גליק פלוצים ; האט געזאגט א וועלט בעריהמטער שרייבער אין זיינעם א בוך אין 3 טהייל געדרוקט אין ווארשא אויף גאנץ נישט־קשה'דיג פאפיר , אזוי זאג איך אייך , האט מיך פלוצים דער פרייט די מודעה פון דעם „הויז פריינד” .

— קוים דער־לעבט ! — האב איך בעת מעשה פון גרויס שמחה געגעבען א געשריי געלויבט איז גאט מיט זיין ליעבען נאמען , מיין שרייבעריי מיט מיינע מאמרים־ליך וועלען שוין איצט ווייטער זיין געדרוקט ! נאר איידער איך וועל אייך שרייבען מיינע מאמרים־ליך וועלכע איך רופ אן „בריעף” , וועל איך אייך פריהער בעשרייבען פון זיך אליין . איך קען אייך גאר ניט איבער־געבען וויפיעל עס האט זיך מיר אנגעקליבען אין מיין הארצין . א ! איך זאל עס קענען מיט איין מאל אייך ארויס געבען ! ... דרום בעט איך אייך מיך פינקטליך דרוקען , און דער־נאך מיין שטאדטיל ווי איך וועל אייך דייטליך שרייבען .

נאר פון וואס הויבט מען אן פריהער ! ... איך האב אזוי פיעל ... אזוי פיעל ... יא גוט וואס איך האב זיך דער־מאנט ! שיער , שיער האב איך ניט פאר־געסען אייך צו־שרייבען , א שאנע מעשה חלעבען ! איך האב דאך שוין צו מזל חתונה געהאט . א חתונה זאג איך אייך ווי ביים גרעסטען גביר , אגרויס־ארטיגע וועטשערע , די כלי זמר האבען געשפיעלט ביז צוויי שעה פאר טאג (איך האב זיך גערעכט איהר זאלט קומען אויף דער חתונה , איך האב דאך אייך גע־שיקט א געדרוקטען בילעט) , יא ביז צוויי שעה פאר־טאג האט דער עולם געהולעט מיט די כלי זמר , נאר וואס קומט מיר ארויס אז איך האב דא אויך קיין מזל ניט ? עס געהט ניט חאטש צו רייס זיך , מיינע שונאים ! די שוויגער וויל מיך שוין אב־געמין . פון זינט איך בין געבוירען האב איך שוין אזא פינסטער מזל־אומשטיינם געזאגט , אללעס ווייזט זיך מיר אוים אז איך קען דוכט זיך אזוי גוט , אז עס קומט צו עפים לאזט זיך אוים א בוידעם ! ... איהר געדענקט געווים וואס פאר א פינסטער מזל איך האב געהאט מיט מיינע קארעספאנדענציעס און מאמרים , ווי קיין יודישער רעדאקטאר האט זיך ניט געוואלט מרחם זיין אויף מיר און אויף זיי (מיינע מאמרים מיין איך) און וואס דאכט זיך בין איך ערגער ווי אללע אנדערע וואס מע דרוקט זיי ? שרייב איך דען ערגער פון זיי ? נאר שרייב היינט , שרייב מארגען , אז עס איז ניט דא קיין מזל העלפט ניט , חאטשי צו רייס זיך מיינע שונאים אויף שטיק שטיקלעך , געהט ניט , און ניט לאנג האב איך

אויך געהאט אזא פינסטער מזל מיט מיין זינגען. פון וועלכע איך וויל אייך איצט שרייבען און איך זאג אייך אז איהר מעגט עס הערען:

פון תמיד אן, ווייסט גאנץ זלידנאווקע, אפילו א קינד אין וויעג, אז איך קען שאן זינגען. איך געדיינק נאך ווי היינט, שבת ביים טיש צו „שלש־סעודות" אין דער פינסטער, ווען קיין פרעמדע מענשען זענען ניט געווען, ביי א שטיקעל קוילעטש מיט א שטיקעל עק פון א פיש, פלעג איך זיך אזוי צו זינגען, אויס־ציהען אזא קעלעכעל, אז איך האב געפיהלט ווי עס גיסט זיך מיר אין גאנצען הארצען, איבער אללע אברים, אזוי זיס, אזוי גוט און אזוי צוקערדיג, אז עס איז א פערגעניגען — פשוט א מחיהגעש!... נאר אז עס איז ניט דא קיין מזל איז ווען עס קומט צו עפיס טפרראאא... שטיי! בזיונות און בזיונות!... די מעשה איז דער פון אזוי: היינטיגס יאהר איז צו אונז קיין זלידניוועקע פארפאהרען אויף איין שבת א חזן מיט א סך זינגערליך — אויף טיש און באנק איז מען געשטאנען און מע האט אנגעקוואללען פון זיין שאן זינגען, ער האט ביי אונז אין שטאדט געדאוונט אין גאנצען צוויי שבתים און איך האב איהם נאך געזונגען אללע זיינע שטיקלעך מיט אללע פישטשיוועקעס אפשר 50 שבתים נאך אנאנד, אז אללע אונזערע היימעשע האבען געזאגט אז איך זינג פיעל שאנער פון דעם נייעם חזן. באמת האב איך דאס אליין אויך געפיהלט מיט מיינע אללע גלידער ווי מיין זינגען איז צוקער־זיס און ווען איך האב אויס־געצויגען מיין קול, האב איך בעשיינפערליך געזעהן ווי די וואנד פון אונזער שטוב האבען געציטערט, און שיטטענדיג „טרעללען" האב איך געהערט ווי די טאפלעס פון די פענסטער האבען געקלונגען אזוי שטיל, טרויעריג, העכער און נידעריגער אז מיין הארץ האט אנגעקוואללען פשוט אין יעדען אבר א דערקוויקעניש!... א מחיה'ניש!...

ווען מיר האט נאר עפעס וויי געטהון, איז מיין בעסטע רפואה געווען זינגען און זינגען־איז זיך באלד דער ווייטאג צוגאנגען ווי א געשווילעכטס.

אללע זלידניוועקער פון קליין ביז גרויס, ארעם און רייך, און אפילו מיין שוויגער וועלכע האט מיך פריהר געוואלט אפ גמן, האבען געזאגט אז איך וועל זיין א חזן. און איהר מייערכטער ליעבסטער זאלט ניט מיינען עפעס גלאט אזוי א חזן, ניין! נאר פון די גרעסטע חזנים מיט 50 משוררים, האבען זיי געזאגט. אי פאר וואס—וועט איהר פרעגען — נעמט מען מיך ניט צו פאר א חזן טאקע אין אונזער זלידניוועקע, דארט?... עס איז א קשיא — א יא? נאר וואס קען איך טהון? גייט מעגעט מיט זיי, אז די קליין שטאדטילדיגע לייט, איך בעט אייער אייער כבוד, זענען גאר קיין מבינים ניט. ביי זיי איז רעכט חצקל גארגעל אויך, און דארפען גאר קיין בעסערען ניט. שטעלט זיך פאר אין צו וועט איהר עס גאר גלויבען, אז פון אזא גארגעל קוועלען זיי, אומשטיינסגעזאגט, אויך אן, און ווידער בעטראכט איך זיך אליין אמאהל: וואס טויג עס מיר? עס איז גאר ניט כדי אומשטיינס־געזאגט צו זיין א חזן אין זלידניוועקע, אדרבה ווי זאגט איהר? הא. הא! אין זלידניוועקע אויך מיר א חזן, אומשטיינס־געזאגט, עס איז מיר פראסט א בזיון פאר מיין

איינען ווייב און פאר די פיער ווענד. און וואס וועט דערויף די וועלט זאגען, דאס איז ביי מיר גאר ניט געוואטשעט? ! נאר לאם איך אייך בעסער דערצעהלען ווייטער: איך זאג אייך, אז איהר מעגט אוועק לעגען טיש און לעפעל און מיך אויס־הערען ביז אין סוף אריין, וועט איהר אליין זעהן ליעבכמטער און טייערסטער הערר „הויז פריינד“, אז מע האט קיין מזל ניט מעג מען זיך מיינע שונאים צו רייסען אויף שטיק שטיקליך, ליגט מען נאך אליין טיף אין דער ערד.

בקיצור — מיין זינגען האט זיך וואס ווייטער און ווייטער מעהר געלאזט הערען איבער גאנץ זלידניוועקע, און אללע האבען ניט איין מאל געזאגט: וואס זיצט דו לעמעשקע אין זלידניוועקע מיט אזא טאלאנט? צו וואס ווערסט דו אומזיסט פארפאלען? אויף דער וועלט וואלט מען דאך דיך געטראגען אויף די הענט און אבגעלעקט די פינגער פון מתיקות. זיי האבען געזאגט און איך האב געשוויגען. זיי האבען געשאקעלט מיט די קעפ און איך האב זיך אפילו ניט אומגעקוקט, נאר סוף כל סוף האבען זיי מיך גובר געוועזען און מיך איבער־געריעדט און איך האב זיך אנגעהויבען קלויבען אין דער גרויסער וועלט אריין. כמעט א גאנץ געהענדיג יאהר האט געדויערט איידער איך האב זיך ארויס געקליבען, „ניט אזוי גיך קען זיך א יוד ארויס־רייסען פון א קליין שטעדטיל“, האט געזאגט א בעריהמטער וועלט־פערפאסער אין זיינעם א בוך פון 3 טהייל געדרוקט אין ווארשא אויף טייער און גוט פאפיר. נאר געלויבט זיין ליבער נאמען איך האב זיך קוים ארויס־געריסען פון זלידניוועקע. כמעט גאנץ זלידניוועקע האט מיך באגלייט. מיין ווייב האט דאס גאנצע שטעדטיל ווייבער מקנא געוועזען.

פאהר געזונד! האט־מען מיר נאך געשריגען פון גאנץ זלידניוועקע.

פאהר געזונד! ווי מיינסט דו פינע, האט זיך אנגערופען מיינער א גוטער־פריינד, דיר וועט נאך אנשטעהן מיט אונז רעדען אזוי ארט, און טאקע אמאל אונז שרייבען א בריוועלע וועגען דיין געזונד? דו ווערסט דאך שוין גאר פון די גרויסע לייט. ווי לאנג איז יענקעל פון טראסטמאנעץ געוועזען א נאש־בראט, און היינט? היינט ווייטער וואס מע דערצעהלט פון איהם? היינט דערצעהלט מען און מע זאגט, אז עס איז אפילו געוועזען א בריוועל פון איהם, אז ער זינגט אין ניעמעטשענע פאר אלע גרעסטע לייט, וואס — ווילסט ניט גלויבען? חלעבען מע קען גאר ניט וויסען, ראטהשילד איז דען ניט א נאש־בראט? עט ברודער! אלץ קען זיך פארלויפען אויף דער וועלט! נאר פינע, אן אונז פארגעס ניט פינע! געדיינק פינע אך פינע! פינע!...

א גליקליכער און שטאלץ ביי זיך בין איך ארויס געפאהרען פון מיין שטעדטיל, די לופט פון די גרינע פעלדער און וועלדער האט מיר געשמעקט אין ביידע נאזלעכער, די קאנארעקלעך פון פעלד האבען מיר געזונגען אין ביידע אויערען. אלץ איז ארום מיר געוועזען שאן אין אויס־געלייטערט. מיט ביידע אויגען האב איך א קוק געטהון אויף דעם קלארען הימעל. מיין

הארץ האט זיך מיר ברייט צושפּרייט פון גרויס פערגעניגען און... און איך האב פון גרויס פרייד א געשריי געטהון: „אך זלידניוועקע! זלידניוועקע!“ ...

אין דער ערשטער שטאדט וואס איך בין געקומען האב איך געקויפט פאר 20 גראשען א שעהריל, א שעהריל זאג איך אייך! אוי א שעהרעל! אבער טאקע פון שעהריל־לאנד! א גוט שעהרעל, א וואול שעהריל, א שארף שעהריל האטש האק דער־מיט א האר!

נאר בקיצור האט מיט דעם דאזיגען שעהרעל, וואס איך דער צעהל אייך, האב איך באלד אראפּ־געווארפען די פאות, פאר גלייכט מיין בערדיל און טאקע מיט דער אייגענער שעהר פון וועלכע איך האב אייך דער צעהלט, האב איך אונטער־געהאקט אללע מיינע קליידער, און אז איך האב א קוק־געטהון אין שפּיגעל האב איך זיך אליין ניט דערקאנט גאר איין אנדער מענש — פּשוט א פערגעניגען צו קוקען אויף מיר.

א! איהר קליינשטעדטעלדיגע יודען! האב איך בשעת מעשה אויס־געשריגען, ביז ווי לאנג נאך וועט איהר זיך פאר־מאכען אין דער פינסטערניש! ביז ווי לאנג נאך וועט איהר ניט אריין לאזען די שטראהלען פון דער איראפּעאישער ציוויליזאציע, און זיך קליידען מיט אייערע אומגעלומפּערט לאנגע קאפּאטעס! ביז ווי לאנג נאך וועט איהר טראגען לאנגע פאות, יעדער זאל פון אייך לאכען און חוזק מאכען! אט קוקט אן ווי איך פיינע טינמלער בין גאר איין אנדער מענטש געווארען איבער גאר א קלייניגקייט, ווי אביסעלע אונטער־געהאקט די פאות מיט די קליידער, בין איך יונגער געווארען אויף 20 יאהר. ביז ווי לאנג נאך וועט איהר זיך מאכען אליין אלט פאר דער צייט, ביז ווי לאנג נאך. און טאקע באמת ביז ווי לאנג נאך! האב איך ניט אויפגעהערט צו שרייען אדרבה, זאגט אליין, ליעבסטע און טייערסטע הערר, צי בין איך ניט גערעכט וואס איך שריי „ביז ווי לאנג נאך!“

איך בין ווייטער געפאהרען. מיין שטאדטיל זלידניוועקע מיט אללע זלידניוועקער האבען ביי מיר איצט אויס־געזעהן אזוי קליין, אזא גאר־נישט, אז איך האב שטארק אויפגעהויבען דעם קאפּ אונגעקוקט אויף זיי אראפּ... זיי האבען ביי מיר איצט אויס־געזעהן אזוינע פּיצינקעלעך און ברעקלעך אז עס האט זיך מיר אויס־געוויזען, אז פון איין שאאר מיט מיין פוס ווערען זיי צופלויגען אויף שטיק שטיקלעך, נאר...

איך בין ווייטער געפאהרען מיט מיינע אלטע, גאר איבער־געפרישטע, געדאנקען: נאך איין טאג וועל איך שוין זיין ביי דעם גרויסען ירוחם׳מען! ביז איצט האב איך זיך נאר פארגעשטעלט ווי ער פראוועט מיט די משוררים, פריהר האב איך געהערט זיינע שטיק דורך אנדערע, אבער איצטער וועל איך איהם טאקע אליין הערען. א! ווי וועט ער פארוואונדערט ווערען ווען ער וועט זעהן אז אזא כלי ווי איך האב זיך געוואלגערט אין א קליין שטאדטיל! ווען מיינע גוטע פריינד דען ניט גערעכט וואס זיי רופען מיך „לעמעשקי“

לעמעשקע! האב איך זיך געטראכט: טאקע באמת צו וואס לעמעשקע האב איך באדארפט מיט אזא קול וואלגערן אין א קליינשטאדטיל? אומשטיינס־געזאגט, וואס פאר מבינים זענען דארט דא? קען זיין עפעס גוטס, אז הערען זינגען חצקל גארגעל איז ביי זיי אויך גוט, פון אזא „טראללעללעללקע״ לעקען זיי אויך די פינגער.

אין א טאג ארום בין איך שוין געוועזען אין דער שטאדט .N, וואו דער גרויסער ירוחים געפינט זיך, און אין צווי טאג ארום בין איך מיט מיינע פריהעריגע געדאנקען געגאנגען צום גרויסען ירוחם׳ען.

— וועמען דארפט איהר? האט מיך איינער געפרעגט ווי איך האב געעפענט די טהיר צום גרויסען ירוחם׳ען.

יענער האט מיר מיט א שמייכעל געענטפערט, איך זאל אביסעל צו־ווארטען און איז אוועקגעגאנגען אין צווייטען צימער. מיך האט זיין שמייכעל באלד שטארק פארדראסען, און האב ביי זיך געטראכט: ווארט נאר, ווארט אויס אביסעלע, וועסט דו זעהען ווער פון וועמען וועט לאכען.

אין עטליכע מינוט ארום איז אריינגעקומען א יוד פון א יאהר 50, קליין געוואקסען, און האט זיך אנגערופען אז ער איז „ירוחם״.

אט דאס קליין יודעלע איז דער גרויסער ירוחם! האב איך באלד א טראכט געטהון ביי זיך.

— וואס וועט איהר זאגען? האט ער ביי מיר געפרעגט.

— איך וויל, איהר זאלט פרובען מיין קול.

עטליכע מינוט איז ער געשטאנען ווי פערוואונדערט, מיך אנגעקוקט פון קאפ ביז די פיס, און איך האב געפיהלט ווי איך פאל אראפ ביי זיך, נאר פון דעסטוועגען האב איך ביי זיך געטראכט: ווארט נאר, ווארט נאר אויס אביסעל.

— צו וואס דארפט איהר פרובען אייער קול? האט ער מיר ווייטער געפרעגט.

— וואס הייסט צו וואס? אללע זאגען אז פון מיר קען ארויס קומען ניט קיין קליינשטאדטילדיגער חזן.

— און איהר זעלבסט וואס זאגט?

— איך... איך פיהל ווי איך זינג מיט מיינע אללע גלידער.

— נו, איך קען אייך אויסהערען, האט ער געזאגט, מיך צוגעפיהרט צום טיש אלליין זיך געהייסען „זאגען״.

נאר איך בין געשטאנען.

— „זאגען״ זיי עפעס, וועל איך הערען — האט ער מיר נאך־אמאהל געזאגט.

— זינגען עפעס? האב איך איבער־געפרעגט און זיך ארום געקוקט וואס טהוט זיך אין שטוב, און האב באלד דערזעהן דעם יונגען מאן, אויף וועלכען עס האט מיך פארדראסען פאר וואס ער האט געשמייכעלט.

ווען איך האב איהם געפרעגט אויף דעם גרויסען ירוחם׳מען.

— יא, זינגען - האט דער גרויסער ירוחם געענטווערט אויף מיין פראגע, נאר אין האלדז איז מיר פאר־טרוקענט געווארען, איך האב אווארט נים געקענט אויס־רעדען, נים נאר זינגען, עפעס אין גארגעל איז מיר ווי א ביין געלעגען.

— אפשר שעמט איהר זיך פאר פרעמדע מענשען ? האט ער מיך געפרעגט.

— א, איהר זענט א גרויסער חזן, גרויסער ר׳ ירוחם! — האב איך אויס־געשריגען מיט פרייד, זיך אנגעכאפט אן זיינע לעצטע ווערטער ווי א דער טרונקענער אן א ברעט, איין גאטט ווייסט וואס עס וואלט זיך געקענט מיט מיר ענדיגען ביים גרויסען ירוחם׳ען אין שטוב, ווען ער זאל ח״ו נים געוועזען טרעפען אז איך שעם־זיך פאר פרעמדע מענשען, און מיט דעם א ביסעל גרינגער געמאכט מיין שלעכטע לאגע.

— נים אומזיסט זאגט מען אויף אייך, אז איהר זענט דער גרויסער ירוחם! — האב איך ווייטער אויס־געשריגען מיט א פייער, פון פרייד - איהר ווייסט, איהר טרעפט וואס עס טהוט זיך ביי יעדען וואס האט א קול א גארגעל, אין הארצען. איך האב זיך פאר אייך נים געקענט אויס־בעהאלטען און איהר האט אליין געטראפען, אז איך קען זינגען ווען קיינער איז נים דא, א! איהר גרויסער ר׳ ירוחם, זאלט געוועזען טהאן הערען מיך זינגען שבת ביים טיש צו שלש־סעודות אין דער פינסטער, ווען קיין פרעמדע מענשען זענען נים געוועזען, ביי א שטיקעל קולעטש מיט א שטיקעל עק פון א הערינג!...

— ווען איהר קענט זינגען נאר ווען קיין פרעמדע מענשען זענען נים דא; האט זיך ירוחם אנגערופען, זינגט אייך געזונטערהייט, איך וועל אייך נים שטערען.

און דער גרויסער חזן איז אוועק־געגאנגען אין א צווייטען צימער, נאך איהם דער יונגער־מאנן וואס האט געשטייכעלט, און פאר־מאכט הינטער זיך די טהיר.

איך בין געבליבען אליין אין צימער און האב ביי־שיינפעליך געזעהן, אז ביים גרויסען ירוחם׳ען דארף מען זיך נים שעמען, קיין סך האב איך נים געטראכט, איך האב זיך אנגענומען מיט שטארקייט און האב אנגעהויבען זינגען. איך האב געזונגען א גאנץ פערטיל שעה און בין אבגעגאנגען מיט דעם שוויים זינגענדיג - קיינער קומט נים. איך זינג א האלבע שעה, איך פיהל ווי אין גארגעל ווערט מיר טרוקען, קיינער שטערט מיר נים. אין א שעה ארום איז מיר שוין אויס־געגאנגען די כוחות. איך בין געווארען נאס פון שוויים און האב קוים געזיפצעט, האב איך געהערט פון יענער זייט טהיר פונקט ווי מיז־שקראבען און קוויטשען און אפשר טאקע מענשען ווער ווייסט?

אז איך בין אנטשוויגען געווארען האב איך געהערט פון יענער זייט טהיר האט איינער אנגעהויבען ציהען „טאנען” דא ! רע !! מי !!! פא !!! איך האב געגלויבט אז געוויס מיינט ער דאס מיך, האב איך נאכגעצויגען, ניט קוקענדיג דערויף וואס איך האב קוים געזיפצט, נאר גאט מייגער ! ער ציהעט אזוי לאנג, אזוי הויך, אז איך פיהל ווי איך רייס זיך איבער אונ פאלל אראפ. אוי ! . . . ער הויבט אן נאך אמאהל: דא ! רע !! מי !!! פא !!!! סאל !!!!! לא !!!!!! סי !!!!!!! דא !!!!!!!!! . . .

אהן מאכט אונ אהן א קול בין איך אומגעפאלען אויף א שטוהל. איך האב געפיהלט ווי דער האלדז איז מיר פארשטיקט אונ קען קיין ווארט ניט אויס־רעדען. אונטער דער טהיר האב איך שוין ניט גיהערט קיין „טאנען”, נאר א סך האבען שטיל געקוויטשעט, עס האט דאכט זיך אויס־געוויזען ווי שדים האבען געלאכט.

פלוצים איז פון איין אנדער טהיר אריין־געקומען א יודענע מיט איין נאסען באזעם אין האנד, די אנדערע מיט א פאר־קאטשעטען ארבעל, איין זייט גאז א ביסל אויס־געשמירט אין שווארצע סאזשע, ווי זי האט מיך דער זעהן האט זי זיך פארוואונדערט, אנידער־געשטעלט אונ דער נאך האט זי זיך אומגעקערט צו מיר.

— איך האב געמיינט עס זינגט איינער פון אונזערע שקצים... אויף וועמען ווארט איהר דא? — האט זי מיך געפרעגט.

— אויף ר' ירוחם'ען.

— שוין א שעה אז ער איז אוועק־געגאנגען.

— איז ער איצט גאר ניט דא צו הויז? — האב איך פערוואונדערט געפרעגט: צו וואס זשע האב איך געזונגען, אב־געגאנגען מיט דעם שווייס אונ אהן כחות געבליבען? האב איך איהר צוריק געפרעגט מיט גרויס־פארדראס.

— וואס פאר א שווארץ יאהר האט אייך א הער געבראכט אונ ווער האט אייך דא גאר אין גאנצען געבעטען שרייען אויף די ציין א גאנצע שעה אין א פרעמדע הויז? איך האב געמיינט איין אמת, עס איז אונזערער א משורר.

— שרייען זאגט איהר? שרייען רופט איהר עס צו? ! — האב איך אויך מיט כעס־געשריגען פון גרויס פארדראס — איהר ווייסט ווער איך בין אונ צו וואס איך בין געפאהרען 100 ווערסט אהער? אט וועל איך אייך דערצעהלען אז איהר ווייסט ניט...

— דער צעהלט מיר ניט, דער צעהלט מיר ניט. דער קאפ איז מיר שוין געגנוג דול פון אייער שרייען.

— ווייטער זאגט איהר „שרייען”? ! בין איך געווארען נאך מעהר אין כעס.

— קוקט נאר אן דעם מיוחס, ליטעשערע משוררים פון אייך טראגען ביי מיר דעם צובער, איהר מעגט זיך נאך לערנען ביי זיי הייצען אין הרובע.

— זינגען זיך לערנען, אבער ניט שרייען.

— לאז זיין זינגען, אבער וואס־פאר א שווארץ יאהר האט אייך געבעטען ־יסען זיך אויף די ציין אין א פרעמד הויז?

וואס הייסט „לאז זיין זינגען" ? וואס איז ביי אייך די טייטש , רייסען זיך אויף די ציין" פרעג איך אייך ? ! — איך בין זעהר באז געווארען און האב איהר מיט אותות ומופתים געוואלט דער־ווייזען אז איך האב ניט „געשריגען" און ניט ווי זי זאגט „לאז זיין זינגען" אדער „רייסען זיך אויף די ציין" ; נאר איך האב טאקע געזונגען וואס זינגען הייסט . נאר איידער איך האב זיך געריהרט , האט זי געחאפט איהר נאסען באזעם מיט זי האט געוועלט געוואלט אויס־קעהרען די שטוב , און מיך אזוי לאנג באלייט , ביז איך האב זיך געפונען פון יענער זייט , וויל דער יונגער־מאנן וואס האט פריהר געשמייכעלט האט מיט א שמייכעל מיך צו־געשטופט פון הינטען מיט זיין קניע , אז מיט צוויי שפרינגען האב איך זיך שוין געפונען אויף דער גאס .

— וואס עס האט זיך מיר געחלומט יענע נאכט און היינטיגע נאכט זאל זיך אויס־לזען צו זיין קאפ , צו זיינע האנד און פיס , וואס זאגסט דו אויף אזא משוגענעם ! — האב איך געהערט נאך שרייען פון דער יודענעם קול . זיין פינסטער גליק וואס די בעל־בית'טע איז אויך אוועק געגאנגען מיט דעם בעל־בית .

מיט גרויס פארדראס בין איך געגאנגען צו מיין אכסניה און געהענדיג אזוי האב איך זיך געטראכט : „וואס זאל איך איצט טהון ?" געטראכט און געטראכט און סוף כל סוף זיך פעסט געראשעט , צו־נויפנעמען א גאנצע קאמפאניע משוררים מיט משורר'סמליך און ארויס־פאהרען איבער דער וועלט , און לאז דער גרויסער ירוחם וויסען מיט וועמען ער האט געהאט צו טהון ! דער נאך אז איך וועל אויסרייזען די גאנצע וועלט און מיין נאמען וועט קלינגען פון איין עק וועלט אין דער אנדערע , וועל איך אויך אויף א שבת פאר־פאהרען קיין זלידניוועקעדאונען , און לאזען די זלידניוועקער צו זאמען מיט זייער חצקל גארגעל וויסען ווער פינע טינטלער איז .

טראכטענדיג אזוי דער פון בין איך מיט גרויס שמחה געקומען אויף מיין אכסניה . נאר ווי פארוואונדערט בין איך געווארען , אז איך האב דארט געטראפען מיין שוויגער מיט מיין ווייב ! די שוויגער האט זיך באלד ארויפגעווארפען אויף מיר , אנחאפענדיג מיך ביי די פאללעס און אנגעהויבען שרייען .

ביזט נאך א יוד , פינע ? מוטשע אונז ניט ? פינע ? די אקטיארקע איז נאך דא , פינע ! דו קומסט נאר וואס פון דער קלאבטע , פינע ! געלויבט איז גאטט וואס מיר האבען דיך האטש דא געפונען , פינע ! מיין טאכטער זאל ניט זיין קיין עגונה ! א דונער א שלאק האט מיך דער שלאגען . וואס איך האב עס גאר דער לעבט צו זעהען מיט מיינע אויגען , הערען מיט מיינע אויערען , רעדען מיט מיינע לעפצען ! ... האט זיך מיין שוויגער צו וויינט און נאך איהר מיין ווייב .

פון גרויס שרעק האב איך א ווארט ניט געקענט רעדען , אז מיין שוויגער האט דער זעהן ווי איך ענטוועער איהר גאר ניט , האט זי און דער נאך מיין ווייב אנגעהויבען שרייען :

— גוואלד! די מינוט פינע זאלסטו איהר געבען גט, פינע! מיר וועלען פון דאנען ניט אבטרעטען, מיר וועלען דיך ניט אבלאזען, דו הערסט, פינע! די מינוט, פינע! ווען ניט זאלסט דו פאהרען מיט אונז אהיים, די מינוט!

— אבער פאר וואס? וואס איז דא? האב איך קוים אויס־גערעדט די עטליכע ווערטער.

— קוק איהם נאר אן, כלומר׳שט מאכט ער זיך ניט וויסענדיג, גאר חזיר פיסעל כשר... מיין גאר ניט אז דו וועסט זיך ביי אונז אויס־דרעהען, וויל מיר זיינען ווייבער, האב קיין מורא ניט, מיר זיינען ניט אליין, טרייטעל איז אויך מיט אונז;

— טרייטיל? צו וואס איז טרייטיל?

— מיט וועמען דען זאלען מיר פאהרען? מיט קארעטען אפשר, ווי דו מיט דער אקטיארקע? דו מיינסט ביזט שוין א פריין געווארען?

— א א! האט זיך געהערט טרייטעלס גראב קול, און איז אריין־געקומען מיט דער ביטש אין דער האנד, אויף מיר א קוק געטהון מיט איין אויג און מיט דעם אנדערען האלב פאר מאכט.

— א א! דער פויגעל איז דא!... האט ער געזאגט מיט א געלעכטערל און אנידער־געלעגט זיין גראבע מיט סמאלע אויס־געשמירטע האנד אויף מיין אקסעל.

איך האב זיין האנד מיט בעם אראפ־געווארפען פון מיין אקסעל, דען ווי איך בין אגוטער און זיך געלאזט שטענדיג קריכען אויף דעם קאפ, האט פארט טרייטיל בעל־עגלה פאר מיר שטענדיג דרך־ארץ געהאט, זיך קיין מאהל ניט ערלויבט זיין מיט מיר א „באניע בראטיע“ ער האט אנגעטרעטען צוריק אויף עטליכע שפאן.

— ניש־טקשה, דער פויגעל שטויסט מיך אוועק פון זיך, איך ווער ניט מבויש; איך קען אזוינע אדלערס, פיינע־בריות פון לאנג. א! וואו זיינט איהר אלע געוועזען ווען איך האב אזוינע פריצים אין די שטיוועל פארשטעקט און מיט דער מאניצע צו געקלאפט... ניש־טקשה, פון מיינע האנד פליען ניט ארויס אזוינע פייגעלעך, ניט אומזיסט נעהם איך ביי אייער שווער 5 רובעל פאר אהין און צוריק — נו מיר פאהרען? האט ער זיך געווענדעט אין דער זייט וואו מיין שוויגער מיט מיין ווייב זיינען געשטאנען, ביי מיר איז שוין אנגעשפאנט און מע קען זיך צו לייגען אין מיין בויד ביז קיין זלידניוקע ווי ביים טאטען אין וויין־הויז.

— פארשטעהט זיך; מיר פאהרען? וואס איז? איך בין געקומען אהער זיצען? א גאנצע שטוב איבער געלאזט אויף הפקר, אומשטיינס געזאגט, אויף איהם קען מען זיך עפעס פארלאזען?

איך וויים אליין ניט ווי איך האב זיך געפונען אין טרייטעלס עגלה, זיצענדיג! איך האב דאס באמערקט ערשט אין וועג צווישען דער שטילער נאטור, פון אלעס וואס עס איז מיט מיר פאר־געקומען האב איך מעהר ניט געדיינקט

ווי אזוי מענשען האבען זיך געווערעהט ארום מיר, דער האט געאכקעט און די האט געוויי'קעט און די האבען געשריגען „עגונה" „מע האט איהם געכאפט" א. ז. וו. ...

דעם גאנצען וועג האבען מיר אללע קיין ווארט ניט גערעדט, נאר טרייטיל, וואס האט ניט אויסגעשלאפען אין קרעטשמע, האט ניט אויפגעהערט צו זיפצען און קרעכצען.

— אך! היינטיגע פרייע פייגעלעך!... די וואולע יונגען, די וואולע זינגערס, דאכט זיך פליהענדיגע, שפרינגענדיגע, רעדענדיגע, לעבענדיגע, און אז עס קומט צו עפיס מבררא!... שטעה מיט דעם דישעל! אודאי אודאי! וואלט איך טרייטיל געקומען קיין זלידניווקע צוריק מיט דעם ביטשיל, ווען איך זאל וועלען אוועק וואַרפען מיין טרייגען און אנטלויפען מיט אין אקטיארטשיכע, אקטיארטשע, ווייסט זיי דער גוטער יאהר ווי מע רופט זיי, חא, חא! וואו וואלט שוין איצט טרייטיל אנגעשפארט? א טרייטיל! טרייטיל! איך זאג דיר שוין שוין לאנג אז אומזיסט ביזט דו א בעל־עגלה און ווערסט אומזיסט־און אומנישט פארפאלען מיט דיינע צוויי שקאפעס און מיט די זלידניווקער פארשוינען! ווי זאגט איהר? איהר קענט טרייטלען אין די אמאהליגע יאהרען? האט ער זיך אומגעקעהרט מיט דעם פנים צו אונז.

— נאר איך זאג אייך, אז איידער זיין פון די היינטיגע וואולע יונגען, פרייע פויגלען, איז שוין גלייכער צו זיין „טרייטיל" און מאכען וויא...! קינדער! נו, ריהרט זיך! שטארקער, לעבעדיגער! מיינע טייערע צוויי לומדים! איהר ווילט זיך אודאי ניט פארשפעטיגען אויף שבת! און איך זאל אפילו ווייסען אז דער רוח זאל מיך נעהמען מוז איך נאך אין דער קרעטשמע נעהמען א ביסל בראנפען.

און טרייטעלס צוויי שקאפעס האבען ווירקליך אנגעהויבען שטעלען פיס.

*   *

*

אין זלידניווקע האט מען מיך באגעגענט מיט גרויס פאראד, דען חוץ א גאנצע משאטע יונגלעך ווייסע חברה, איז מיר אויך אקעגענגעקומען גאנץ זלידניווקע.

— שלום עליכם; מיט דעם ביטשעל צוריק? — האב איך געהערט נאך שרייען פון אללע דייטשען.

דא האב איך באמערקט אויף מיר אנווייזענדיג מיט א דריי־גארענדיגער פייג, און דער מיט א פייג אונטער א דעכעלע.

— גאט מיינער! וואס פאר א שלעכטס האב איך געטהון די מענשען וואס זיי טייטלען אזוי אויף מיר מיט די פינגער? וואו זענען מיינע פריהערדיגע פריינד? מילא די שוויגער אדער די ווייב, אפשר זענען זיי טאקע גערעכט, אבער זיי, וואס האב איך זיי פאר א שלעכטס געטהון?

— ווארט נאר אויס, ממזרים, וועט איהר זעהן ווי איך וועל אייך בעשרייבען —

דורך־רייבען די בינדעלעך אביסעלע אין די נאזעטען האב איך פון גרויס כעס זיי געזאגט:

— „פיגע טינטלער" !!! — האבען זיי אנגעהויבען שרעקליך שרייען און ניט אויפגעהערט כל זמן איך בין ניט אריין אין מיין „שוויגערס שטוב". —

ביי אונז איז געוועזען זעהר א פריילעכער שבת, אונזער יודעליך, רחמנים בני רחמנים, לעבען און געזונד זאלען זיי זיין, האבען זיך אריין־געמישט, און „זלמן קאפ" דער רודף שלומ'ניק אויך צווישען זיי, און מע האט מיין שוויגער גאנץ גוט איינגעטענעט „מאלע וואס מע זאגט, מאלע וואס עס טרעפט זיך אויף דער־וועלט! מיר זענען אויך אמאהל געוועזען יונגע צאפעס, און וואס איז דאס גאנצע לעבען אז ניט, אקויל שטרוי? ערשט היינטיגען זונטאג קויפט מען איהם אויף דעם מארק פאר דריי גראשען און מארגען רוקט מען איהם אריין אין אויבען און געהט אוועק פי פא פא טפא, מיט דעם רויך, אט אזוי, אומשטיינס געזאגט, איז די גאנצע וועלט! אט נאט אייך גאר א צובראכענע דענעשקע פאר איהר אין גאנצען, חלעבען ניט כדי איבער אזוינע נארישקייטען"!

מיט נאך און מיט נאך אזוינע רייד האט „זלמן קאפ" נאך אמאהל גוט איינגעטענעט מיט מיין שוויגער און מע האט געלויבט גאטט מיך ניט אפ־גיגעט.

אודאי אודאי וואלט מיר. צו מיין איצט טייער מזל מעהר ניט אפ־געגאנגע מע זאל מיר נאך געוועזען ניט היינט געדאכט אפ־געמין, חלעבען געלויבט איז גאטט דער פאר אויך! און ער וואלט מיר שוין ווי אזוי עס איז געגאנגען נישט־קשה. נאר איין זאך... איך טאר ביי איהר אין הויז מעהר ניט זינגען, דאס איז געוועזען דער עדשטער פונקט, וואס די שוויגער האט געשטעלט: „פון זיין זינגען האט זיך גענומען אללע צרות, ער זאל ניט געוועזען זינגען, וואלט עס דער צו פארשפארט קומען" האט מיין שוויגער געטענעט און אללע בעלי שלומ'ניקעס האבען געפונען אז זי איז פאלקאמען גערעכט, און איך טאר מעהר קיין פיפס ניט טהון, קיין „טרעלכעל" ניט מאכען, קיין טאנען ניט ארויף ציהען, מיט איין ווארט: גאר ניט!

נאר איך, פיגע טינטלער, וואס מיין הארץ איז מיין פעך און שוועבעל פון די אללע זאכען וואס איך זעה ארום מיר, צינד איך מיר ניט איין מאל אן ווי א שוועבעלע און זאג צו זיך אליין. „מיר געהט ניט חאטש צו רייס זיך", איז דען ניט דא אויף דער וועלט קיין מענשען וואס קענען ווינציגער זינגען פון מיר? — און גאר ניט! זיי זענען פארט חזנים, דער הערט זיך אין זיין שטעדטיל, דער אויף א גובערניע, דער אויף אמדינה, און דער אויף דער גאנצער וועלט! עס טרעפט זיך מיט זיי גאר ניט, און קלאגען זיך ניט אויף זייער לאגע, נאר איך, שלים מזל, פון זינט איך בין געבוירען האב שוין אזא פינסטער מזל, אומשטיינס געזאגט, אללעס דאכט זיך קען איך אזוי גוט, אזוי גוט. איך הארעווע, הארעווע, איך גרייט זיך צו — און ווען עס קומט צו עפיס טפררא!... שמיי... בזיונות און בזיונות!...

# דאס נייע מחזור׳ל.

## לימים נוראים

פון יצחק יואל ליניעצקי

**מסוד חכמים ונבונים**

פון ליטווישע רבנים און גאונים.
פון פוילישע גוטע יודען און חסידים,
פון דייטשעשע פרעדיגער און מגידים,
פון גבירים, אדירים און יחסנים,
פון סוחרים, מעקלער און שדכנים,
פון רעדאקטער, מחברים און דקטורים,
פון רעפארטערען, מוסרים און פאקטורים,
פון גבורים, פאעטען און אדוואקאטען,
פון פראגרעסיסטען און קאנסערוואטען,
פון פהילאזאפען און פובליציסטען,
פון רעפובליקאנער און מאנארחיסטען,
פון נאציאנאלען און אססימילאנטען,
פון אלערליי פארטייען עמיגראנטען,
פון באנקיען, בעלי-בתים, עבדים ושפחות,
חזנים, סופרים, מלמדים און בעל-מלאכות.
אכלל פון אללע ארט רײדעוודיגע בריות,
וואס רויכען אום שבת אדער קויפען עליות,
איז פון כולם פה אחד מנויה וגמורה:
אז דער יסוד הבריאה ותכלית היצירה,
דער איינציגער יושר על כל הישרנות,
דער אמת׳ר אמת איבער אללע נאמנות,
די תורה נאך אללע פרושים און מסורות,
מיום הוסדה ארץ עד סוף כל הדורות—
איז נאר דער איינער פרינציפ און געדאנק:
אקערבעל! א דאלאר! א גולדען! א פראנק...

# יראתי בפצותי.

יראתי בפצותי: איך ציטער צו זאגען,
איך קאנן עס אבער דאך אין זיך ניט טראגען!
איך קאנן דאך ניט צוזעהן דאס ווילדע עזות,
פון די בערטעס, זמאליעס, פאווליגעס און ראזעס,
וואס שרייען „סאציאליזמוס!", „פרייע געוויסען!"
און זעגען פנים יודענטהום גאנין אבגעריסען,
אין מוסר און דרך־ארץ פאללקאמען רוי,
דאס גאנצע שטרעבען איז צו געפעלען דעם גוי...
און מיינען דער־מיט נאר זיך שמעלען צופריעדען,
מיט רעדען נאר רוסיש און פיינד האבען א יודען!...

---

יראתי בפצותי: אז פראסטאקעס, קבצנים,
שטופען זייערע קינדער אין גימנאזיע אויף להכעיס,
עס שטעהט זיי ניט אן, אז זייערע בנים
זאלען זיין חלילה ארנטליכע בעל־מלאכות!..
עס הארט גאר ניט דעם פאנאטיק, דעם עם־הארץ,
וואס זיין קינד איז מחלל שבת און ווערט א גוי,
דערפאר אבער וועט דאך זיין פיטעל זיין א פריץ..
א דאקטאר, א אינזשעניר צי א דאס גלאט אזוי...

---

יראתי בפצותי: אז איך מוז דאס צוזעהן,
וויא אביונים שטיפען זיך אין סאמעט און זייד,
אום שמעכען דיא אויגען ביים שפאציערען־געהען,
און ערוועקען קנאה־שנאה, אייפער און נייד —
אין שטוב איז נישטא נאך וואס צו בענשען..
און אין גאסס — א!... נאך דער לעצטער מאדע!
דאס קריינקט יעדען ארענטליכען מענשען,
אפילו דעם יודען — דעם קריסט... אוודאי!...
געשמעהר וואס געהט אן דוואסין פרעמדע קנאה־שנאות,
אבי זיא האט א וויא־הייסט־מען־עם אויף פרוזשינעם?..

---

# אתיתי לחנך

„אתיתי לחנך רבונו של עולם" —
בעטעט א בעל שם מיט'ן מליצות פארשטעלט —
„איך זאל נאך קאנען מאכען א גולם,
ווען איך דאך שוין זיין איין בעל־מופת אין דער וועלט!
דו ווייסט, אז איך שפיעל מיין ראללע גאנץ קלוג,
נאר וואס קען מען מאכען מיט'ן פראסטען עולם? —
אז רמאי אונ שווינדלער איז איהם ניט גענוג,
צו די אללע מעלות וויל ער נאך: א גולם"! ...

---

„אתיתי לחנך דוא גרויסע באשעפער —
בעטעט א רייכער לאקיי, א אססימיליאנט —
איך זאל געווינען דעם גרויסען טרעפער,
וועט דאס יודענטהום שיינען וויא א בריליאנט!
איך וועל מאכען שטענדיג יאלקעס, קארנאוואלען,
איך וועל שיינקען אויף קירכען אונ מאנומענטען,
דיא טעכטער וועל'ך אויסגיבען פאר גענעראלען,
וועלען דאך שוין יודען ממילא געהאלפען ווערען"!

---

„אתיתי לחנך אוי, ערבארימיגער גאטט" —
בעטעט א דיענסט־מויד, א קבצנטע אויף דריקקעס —
איך זאל חלילה ניט זיין צו שאנד אונ שפאט,
מיט מיין נייעם קלייד אויף הייגטיגען סוכות!
דיא מאדאם זאל פיקקען קוקענדיג אויף מיר,
וויא מייגער איז העכער פון איהרען טורניר"!

---

„אתיתי לחנך אז הייגטיגען הושענה רבה —
בעטעט א חייט פונ'ם שניידערשען שוהלעכען —
זאלל מע מיך, איציקעל, אויס־קלויבען פאר גבאי
אדא וואלט עס געוועהן א שיין שפיעלעכען! ..
איך וואלט געשכור'ט וויא לוט אין גן־עדן.

און דייקא נאר ספירט פון 80 דיא פראכע.
און דעמעלט לאז נאר מייגע פריוועז רעדען —
פעטש!... און ווייסס שפלה תרבות פאר'ן גבע!...

---

# וכבן לך הכל יכתירו.

יעדער מיינט דיר, גאט, אנטיהן א קריינדעל,
מיט א מנהג'ל, א תנועה'לע אויסגעטראכט פון זיך אליין,
און ער פסק'ט זיך שוין צו פאר דעם מין חן'דעל,
גנבה'נען און ראבעווען און וויל נאך א תשואת חן!...

---

ר' גרונם דער שוהל-גבאי און פרנס-חודש
קעהרט אוים אללע פרייטאג מיט דער בארד דעם ארון-קודש
אט פאר דעם קריינדעל, פאר דער קעהר-שפיעל,
קעהרט ער שוין גוט אוים דאם שטאדטעל מיט דער שוהל..

---

ר' אשר איין שיינער יוד, איין איש בטוח,
קוקט א שעה אין טאג אין פענסטער ארוים אויף משיח—
פאר דעם קריינדעל איז ער מקיים „עד שתכלה פרוטה"
און לעהרענט מיט דיא בעל-חובות דעם דין פון שמטה..

---

ר' מאניש דער דין קאנן וועניג וואס דעם יורה־דעה,
דערפאר ווייסט ער אבער ניט קיין צורת־מטבע,
נו, פאר דעם קריינדעל קוממט דאך אהן א שיעור,
נו, נו!... נעמט ער טאקע שוחד נאר מיט פאפיר!...

---

ר' אהרן מאכט זיך קראנק אללע ראש חודש ניסן,
און בעט אויף זיך דעם טויט, אז אללע זאללען וויססען־
פאר דעם קריינדיל מהיילט שוין מעות חטים נאר ר'אהרן,
און מאכט תמיד א פסח — אויף מיר געזאגט געווארען!...

---

אין קלייזעל ביים דאווענען טונקט ר׳ לייב דער מ״ץ,
אין בלעכעל דיא שפיטץ־פינגער אויף יעדען קראץ־
פאר אזא קריינדעל קומט איהם אללע חתונות און ברית׳ן,
מיט א שיינע נדבה און א גוטען, פעטטען ביססען!...

---

דער הקדש־גבאי, ר׳ חייקעל פיילענבויגען,
איז ניט טועם ביז 10 קיין שום מינדעסט פערדייעכטס,
ווייל דיא אללע חולים וואס האבען קאלי אויגען,
ווישט ער זיי אויס מיט זיין ניכטערען שפייכטס —
פאר אזא קריינדעל מעגען שוין דיא חולים עסקען קדחת,
און מוזען געבעך זאט זיין נאר מיט זיינע ברכות

---

# מלך עליון.

״מלך עליון״ זינגט זיך צו א גביר, ר׳ נח —
„צום קייזער איז וויט, צו גאטט איז הויך!
לאזען זיי מיך לאדין, לאזען זיי שרייען חי וקים!
די שטאדט איז ביי מיר ארענדירט פונ׳ם גראף;
נעם איך טאקע דיא סמעטענע און זיי דיא שירים,
און לאזען זיי טאקע בעטטען דעם מאריך־אף!״

---

„מלך עליון״ ציקעלט זיך ר׳ אלקנה בן טובי׳ן —
„גאטט זיטצט זיך דארט ערגעץ, עט עט אויבען!
און איך בין דא דער מחלק פון אללע צדקות,
און מאך מיט דיא קבצנים גאר ווייניג מחזקות...
איך זעה פערזארגען מיך פריער פאר אללעם,
און לאזען זיי מיך קלאגען צום עוזר־דלים?

---

„מלך עליון״ ברוממט א פאנעבריה ר׳ זימעל —
גאטט זיטצט זיך דארט אזש אין ד׳טען הימעל,
און איך האלט דא דיא טאקסע מיט דיא לעבט —

ווערט שוין מיט גאטט'ס הילף מסתמא זיין רעכט...
בייגער מיט קנויטען וועלען זיי שוין האבען אויגען פיד...
און לאזען זיי אנמאכען אויפ'ן הימעל א יאריד!"...

---

„מלך עליון" קנאקט אנבאי דחברה קדישא —
תחית־המתים איז ערשט נאכ'ן אלף הששי —
דער ווייל בין איך דא בעל־הבית אויף די מתים;
מעגען זיי טאקע מחילה שטינקען — מיר קוממט מיין לוין!..
און לאזען זיי זיך דארט קאטשען אין די טליתים,
און שרייען אויף א מת־קול צום מלך עליון!"...

---

# האוחז ביד־וכל מאמינים.

האוחז ביד, מע טאפפט שוין פשוט אן מיט די האנד,
די ערמה, דעם תרמית, דעם שקר און רמאות,

וכל מאמינים, און אללע גלויבען נאך פארט אזוי פארברענט...
און שטופפען זיך טאקע אלץ אינ'ם וויסטען טעות!...

---

האוחז ביד, מע טאפפט שוין אן דאס פאלשע מעבאגים,
פון די היינטיגע דאקטורים מיט דער מעדיצין —
מיט זייער עקספעדירען חולים, וואס דארפען שוין פיזם...
קיין אישל, קארלסבאד, פעליין און ברינן.
מיט זייער איבער־געקייטער עצה דעם חולה מסוכן,
וואס האט שוין לאנג ניט קיין מאגען, קיין לינג:
„טרינקען זיי מילך! און עססען זיי ביפשטיקס!
„אונד ערגערען זיי זיך ניכט אין קיינען בעדיענג!"...
און אט מיט דעם עצה'ן און שיקען אין די בעדער.
מאכען זיי זעהער א גאנץ גוטען חלוף כפרה
זיך אין טאש אריין דאס גאנצע ביססעל געלד,
און די בידנע פאציענטען גלייך אויף יענער וועלט!...

---

וכל מאמינים, און קוריערען זיך ביי זיי יאהרען,
און עס ווערט זיי כלל גאר ניט נמאס ומאום —
זיי קריינקען און משאכנען און שטארבען — און... פאהרען...
און שטיפפען זיך טאקע אלץ אין דעם וויסטען טעות!...

---

האוחז-ביד, מע מאפפט דאך שוין טאקע אן בחוש,
די שאדליכע פאלגען פון דער וויקטער מאדע.
אז זיא רויבט אוועק אפילו ביים נגיד א שליש,
פון זיין לעבען — און ביים ארימאנן... אודאי!
אז זיא ברענגט צו אללערליי שאנדליכע מהאטען,
און צו מסוכנ׳ער קנאה־שנאה פון אללע זייטען —

וכל מאמינים, אז אהן אט א דיעזער. מין חצופה,
איז מען קיין מענש ניט, פונקט וויא דער אהן א נאאז...
און מע זוכט גאר ניט צו דעם חלאת קיין תרופה,
און מע שטיפפט זיך טאקע אלץ אין דעם וויסטען טעות!..

---

האוחז-ביד, מע טאפפט שוין גוט אן דעם שווינדעל,
פון אללע היינטיגע, סוחרים און מסחרים —
מע ווייסט שוין, אז דאס גאנצע קאממערץ־געזינדעל,
מענ שוין געהמען די טארבע אונטערען ארעם...
מע זעהט שוין וויא געשעפטען עפפענען זיך לכתחלה,
אויף אנצוזעטצען טאקע נאך דאס ערשטע יאהר,
און נאכ׳ן אנזעטין שוין בלייבט זיי ניט אפילו,
אבאזעם חאטש אויף אויסקעהרען דעם קאנטאר...

וכל מאמינים, אז א „סוחר" איז לייטעש אין אללע פאכען —
איהם ניט מען אפ די טאכטער מיטן ביסעל טעות...
און א „בעל מלאכה" — „פע! ס׳איז נאר צום לאכען!..."
און אזוי שטופפט מען זיך אלץ אינ׳ם וויסטען טעות!...

---

# ניט קיין־פערגניגען!

מע האט מיר היינט דערצעהלט אין מארק:
ווען פייפערמאנן רופט מיך צו זיך אין סאד אריין,
טרינקען טייהע, אדער א מאהל א גלעזעל וויין,
זענען מיר מיינע חברים מקנא דער־אויף שטארק,
די אונ־פערגניגער ווייסען א פנים ניט,
ווי טייער איך בצאחל פאר יעדער וויזיט,
עס קאסט מיך בלוט — מעג איך שווערען,
די „מאדאם" לעזט פאר אונז א ראמאן,
אונ זייער „מאדמאזעל" בארבאנעט אופן פארטעפיאן,
אונ איך מוז נעבעך — זיצען אונ הערען...

מ. וו. זאטולאיווסקי

# פישקע דער קרומער

אדער א מעשה פון יודישע ארמעלייט.

אונטער דעם דאזיגען נאמען האב איך שוין אפילו גאנץ לאנג, א ניינצען יאהר צוריק [1869], ארויסגעגעבען א ספריל, נאר יענץ ספריל איז געוועזען זעהר א קליינס, אגרערטהאלבען בויגען לערך. דער היינטיגער ספר איז אין גאנצען נייא אונ האלט צעהן געדרוקטע בויגען, פון מיין פישקע דעם קרומען גיב איך אייך דא א פראבע

מענדעלע מוכר ספרים

# דאס ערשטע קאפיטעל.

קוים גיט א שיין דיא ליבטיגע זון אונ זומער לעב אין דעם לאנד, מענשען ווערען וויא נייא געבוירען אונ דאס הארץ פרעהט זיך זייא קוקענדיג אויף גאטס וועלט דער שיינער, דענסטמאל הויבט בייא יודען זיך אן דיא רעכטע אומטיגע צייט צוקלאגען אונ פארגיסען טרעהרען, עס געהט דאס גאנצע צעטיל טרויער, תעניתים, פייניגען־זיך, יאמער אונ געוויין פון ספירה ביז העט אין דיא גרויסע בלאטעס אונ נאסע אסענדיגע קעלט. דענסטמאל שטעלט זיך פאר מיר, מענדיל מוכר ספרים, דער גרויסער יריד. איך ארבייט, פאהר בעשטענדיג ארום צופארזארגען יודישע קינדער אין אלע שטעדטליך מיט דיא אלע נייטיגע מאטעריאלען צום וויינען: מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערשע תחינות, מענה־לשונים

שופרות אונ מחזורים, הכלל, יודען קלאגען, פארוויינען דעם זומער אונ איך מאך מיר דערוויילע געשעפטען. — נישט דאס בין איך אויסען.

אונטער וועגענס איינמאל, שבעה עשר בתמוז גאנץ פריה, זיטץ איך מיר אויף דער קאלגנע פון מיין ביידיל, אין טלית אונ תפילין, מיט דער בייטש אין דער האנד, גאנץ יודעשליך. דיא אויגען זענין מיר צוגעמאכט, בכדי נישט אנצוקוקען ביים דאווענען דיא לעכטיגע וועלט. מעשה שטן אבער איז זיא, דיא נאטור, וויא הייסט מען עס, געוועזן וואונדער־שיין, נאר א בילד אונ עס האט מיך געצויגען, עפיס וויא א כישוף, א קוק צוטאן. איך האב א היבשע צייט מיך געראנגעלט מיט מיר אליין. דער יצר טוב זאגט: „פע!... מען טאהר נישט!“ דער יצר הרע אקעגען טארעט: „נישקשה! האב הנאה נארעלע!“ אונ עפענט מיר דערביא טאקי אויף איין אויג, עס טהוט מיר א שיין, נאר וויא אויף צו־להכעיס עפיס, א בילד־שיינע פאנאראמע: פעלדער געשפרייגקעלט מיט בליהענדע רעטשקי, ווייס וויא שנייא, לעבין געלב־גילדענע ראצעמארענע פאסען פון ווייץ אונ מאט־גרינליכע, הויך געוואקסענע קוקורוזעס, א שיינער גרינער טהאל, בעדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדליך ניס־ביימער, אונטען פלייצט א טייכיל, ריין קלאהר וויא קריסטאל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראהלען פון דער זון אונ בעליגען עס מיט פונקעלנדיגע גילדענע פלימערליך. דיא שאף אונ דיא קיה אויף דער פאשע דארט זעהען פון דערווייטענס אוים וויא טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פינטעליך. — „פע, פע! מוסרט מיך דער יצר טוב מיט יענע ווערטער פונם פרק: א יוד אונטער וועגענס אז ער איז מפסיק דאס לעהרנען אונ זאגט: וויא שיין דער בוים איז, וויא שיין דאס פעלד, איז גלייך וויא ער טהוט זיך אליין א מעשה און.“ — דער יצר הרע אבער פארטראגט מיר אונטער דער נאז זיסע מהידורגע ריחות פון סטערטעם הייא, געווירץ אונ קרייטעכצער, וואס צוגעהען זיך אין אלע אברים, ער צוגיסט זיך אין קונציגע נגונים פון אלערלייא שפילפייגעליך, וואס קיצלען ביא דער נשמה. ער לאזט מיך פיהלען אויף מיין פנים א ווארם ווינטעלע, וואס גרייזעלט מיר דיא פאות, שושקעט מיר אין דיא אויערן: קוק, האב הנאה אונ זייא א מענש, דוא נארעשער יוד איינער! — איך בעבע, מריקע מיר, מישטעהנס געזאגט, אליין נישט רעכט צוהערען וואס איך בעבע. עפיס מראגט מיר דער מוח. עס פיקט מיר אין קאפ אונ עס טראכט זיך ווידערייען: געפגרטע נפשות!... אהן לייב, אהן לעבען... נשמות פארריקטע אין טשאלענט!... אהן ריח, אהן טעם... דראפאטשעס צושאטענע!... אפגעשלאגענע הושענות!... איך צושאקעל מיך מיט געמאכטער כונה, בכדי עס זאל זיך נישט טראכטען אונ דערהער גראד וויא דאס מויל לאזט פון זיך אליין אוים יענץ שטיקעל דאווענען מיט דיא ווערטער: „המחזיר נשמות לפגרים מתים.“ דאס הייסט אויף קרבן־מנחה טייטש: דער דא קערט אום דיא נשמות צו דיא טויטע פגרים.

הא, וואס!... אקגען וועמען?... טהוא איך מיך א חאפ, פארשעהמט פון מיינע איינענע מיאוסע געדאנקען, אונ בכדי צופאזגלעטען מיין פעהלער אקעגען דעם רבונו־של־עולם מאך איך קלאמפערשט א מינע, וויא נישט זייא מיין איך, דאס פערדיל מיין מיך... דערלאנג דעם שלימזלניק מייגעם א שמיטצעל מיט דער בייטש, מאכענדיג דערביא: א־א־א, פגירה איינע!

א שיינער איינפאל אפילו! נאר היינטיגס מאל האט עס ווייניג געווירקט, עס האט מיך שטארק געקרענקט, פאר וואס גראד היינט זאל מיר נאר איינפאלען אזעלכע געדאנקען, היינט ווען וויינען און קלאגען בעדארף מען אויף דעם גרויסען חורבן, אויף די גרויסע צרות, וואס די קינדער ישראל האט געטראפען — די קאמאנדע פון נבוכדנאצר מלך בבל איז אריין אין ירושלים און פון איהר א תל געמאכט .... איך מאך א רחמנות־פנים און זאג די סליחות צום היינטיגען שווערען טאג אויף א וויינענדיג קול, וואס איז געגאנגען אלץ העכער און טרויעריגער אין דעם פזמון דארט, ביי יענע ביטערע ווערטער:

„והשפיפון מצפון און דער פיפערנאטער, דער טאטער פון צפון זייט, כשבולת שמפני האט ווי א שטראם וואסער מיך פארטראגען ווייט. והציד און דער יעגער, טויט־שלעגער, שלח יד, טהוט א לאפ, א האפ, והצפיר והשעיר, אויף די ציג, אויך דער צאפ."

א יוד אבי ער שרייעט זיך אביסיל אויס מיט א פזמון, רעדט זיך אן ווי א פויק און זאגט אפ א סליחה דאכט זיך איהם. ער האט שוין אלעדינג אפגעטאן און איז ווי איין אפגעשמיסען קינד נאכן אויסוויינען זיך, ווייטער זיך גאנץ צופרידען. איך זיץ מיר אנגעלעהנט אויף דער קעלניע, גלעט מיר דאס בערדיל, שוין מיט א גרינגער געמיטה גלייך ווי איינער רעדט: מיינס האב איך געטאן, געגוג יוצא געווען, אצינד געמעניו איז נאר געווענדט אין דיר. ווייז זיך טאטע, פאטער, רחום־צדיק! — „געה שוין, געה, ווייא מוחל!" מאך איך צום פערדיל מיט גוטען, איבערבעטענדיג עס אין הארצען פאר דעם צונעמעניש „פגירה" פריהער. מיין שלימזלניק טהוט זיך א קניא אויף די פעדערסטע פיס, א בוק מיטן קאפ צו דער ערד און קרעכצט עפיס אזוי, ווי געריעדט: „גדי פריץ! און וואס איז עפיס מכח עסען?" — קלוג הלעבין ווי דער טאג! זאג איך, געבענדיג איהם בשעת מעשה א ציכען, אז ער מעג אויפשטעהען, זיך שטעלען אויף די פיס, נישט אומזיסט שטעהט אין די קינות: „ציון, בך כל בהמות ועוף חכמו" דאס הייסט: ביי דיר, כנסת ישראל, זענען אלע בהמות קלוג!... נישט דאס בין איך אויסען. פון דער דאזיגער ממרא בין איך טראכטענדיג ווייטער ארויף אויף די כנסת ישראל, זיך פארטיפט אין די געדאנקען מכח זייער חכמה, זייער פיהרונג, זייערע פיינע־בריות און מכח זייער לאגע נעביך. דער קאפ טאלאבענדעט זיך מיר אהין, אהער, עס דאכט זיך מיר עפיס דער פיפערנאטער, נבוכדנאצר מיט דער קאמאנדע, א שרעקליכע מלחמה, א קלאפעריא, א געשלעגעריי, די קאמאנדע ברעכט ווענט, זעטצט אוים טיהרען, שויבען, יודען, א מהייל אין מליתים, א מהייל מיט פעקליך סחורה און אלטע חפצים טהוען זיך אן א כח, שרייען געוואלד — און אנטלויפען. איך האפ א שטעקען. קאז מיך — און בוך אויף דער ערד, אויסציהענדיג זיך ווי גרויס איך בין.

א פנים, אין דעם דאווענען האב איך, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, געהאפט א דרעמיל. מיין בוידיל, מהדא איך א בליק, איז אריין אין א קאליושע, וואס אויף דעם בעל־העגלה'שן לשון הייסט עס א „מינטעריל", אין דעם הינטערשטען רעדיל איז פארמישפעט איין אקס פון עפיס איין אנדער בוידיל, דאס פערדיל מיינס שטעהט אין געהאקטע וואגען מיט איין פוס איבער דער האלאבליע, פארדרעהט אין די לייצען און קאפעט ווי א גאנץ.

פון יענער זייט ביידיל שיטען זיך טויטע קללות, אויף יודיש, מיט א קייכען און הוסטען אין איינעם. — אי, א יוד! טראכט איך מיר, איז אהן סכנות... און טהוא מיך א לאז אין איין כעס אויף יענער זייט וואגען. דארט אונטערן וואגען ליגט פארפלאנטעט אין טלית און תפילין א יוד, דיא ביימש פארדרעהט מיט דיא רצועות, צאפעלט און ארבייט מיט אלע כחות זיך אויסצודרעהען. איך שטייטש! ער—סטייטש, סטייטש! איך בטל צו איהם אוים חלומות און ער צו מיר, נישט אנצוקוקען איינער דעם אנדערענס פנים. איך פילדער: וויא שלאפט עס אין דאווענען א יוד! ער צוריק: וויא פאפט עס א יוד! איך איהם אין מאטען, ער מיר מיט א צונאב: אין דער מאמען אריין! איך שמיים זיין פערדיל, ער'ז אויספלאנטענדיג זיך, לויפט און שמייסט מיין פערדיל. ביידע פערדליך שטעלען זיך דיבאם און מיר, שטארק אנגעצינדען, לאזען זיך איינער צום אנדערען צו הענדו־פענדום: וויא דיא העהנער, מיט דער דעה אנצונעהמען זיך פאר די פאות, אקעגען א רגע שטעהען מיר שטיל, שארף אנקוקענדיג איינער דעם אנדערען. עס האט געמוזט זיך אויסנעהמען משונה ווילד, האבען דעם זיבעטען חן: צוויא יודישע גבורים, אין טלית און תפילין, שטעהען, אנגעדרודעלט, גרייט צוצובעווייזען זייער גבורה און זיך פאטשען אויפן פרייעם פעלד, וויא אין א בית־המדרש, להבדיל! ...אזעלכם האט מען באמת געמעגט אויף חידושים געהען זעהען. מיר שטעהען, קוקען און אט בעדארף שוין פליהען הייסע פעטש. פלוצלים שפרינגען מיר איינער פונם אנדערען אויף עטליכע טריט אפ און לאזען ביידע, שטארק פארוואונדערט, אין איין קול ארוים: אוי, ר' אלטיר!... אוי, אוי, ר' מענדעלי!...

אלטיר יקנה"ז איז א יאדערדיג יודיל, א געשפיקעוויטער מיט א דיק בייכעל. זיין פנים איז געדיכט בעוואקסען מיט שמוטציג־געלע האר, פון וועלכע ס'איז דא גענוג אויף פאות, אויף א בארד און אויף וואנטשען אי פאר זיך, אי אויף נאך עטליכע יודען צו־בעטהיילען. אין דעם דאזיגען ים־האר ליגט א וויספע—א ברייטע, פליישיגע נאז, וואס איז דאס רוב יאהר פארלייגט, אהן א שום התמנות. גאר ווען עס מאכט זיך אין איהר א מאל עפים א פאראענדערונג, אונטער א פאר פסח א שטייגער, ווען עס לאזט אומוטום, עס געהט דיא קרעע און דער בעל־הבית איהרער געהמט זיא אין דער ארבייט מיט אלע פינף פינגער—דענסטמאל בלאזט זיא הילכענדיגע תקיעות, וויא א שופר; דענסטמאל קלינגט מיט איהר גאנץ טונעיאדעווקע, און איינעם מיט דיא אינדיקעס דארט גיט זיא דענסטמאל קאנצערט. אלע אין שטעדטיל בלייבען פארגאפט און עס שיטען זיך איהר שמעק טאבאקע פון אלע זייטען מיט ווינטשעוואניעס יקנהז'ן אהן א צאהל: אסים, אסים! איבערהויפט אין דיא יודישע שטעדטליך צושפילען זיך די געז אין יענער צייט. מסתמא שמעקט דאך עס מיט עפים און עס האט א טעם... דאס איז שוין דארט אזוי געשטעלט, וויא פרשה יתרו ציגלען זיך דיא ציגען. נישט דאס בין אויסען. אלטיר יקנה"ז איז א טונעיאדעווקער מוכר ספרים, מיינער א בעקאנטער פון אלטע יאהרען, ער איז א מענטשיל פאר זיך, נישט שטארק איבערגעשפיצט, נישט קיין גרויסער בעל־דברן, שטענדיג אנגעבלאזען, וויא ברוגז אויף דער וועלט, הגם ער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענטש.

נאך דעם ברייטען שלום־עליכם פון ביידע צדדים, נעהמען מיר זיך איינער דעם אנדערען אויסצופארשען, דאס הייסט ביא אונז יודען געוועהנטליך: א טאפ טאן אין זיאגען, אדער א שמעק טאן, וואס הערט זיך.

—וואהין פאהרט עס א יוד ? גיב איך אלטירן א טאפ.

—וואהין עס פאהרט א יוד ? עט ! ... ענטפערט אלטיר צוריק מיט א פרעג. וויא דער שטייגער איז פון יודען, נישט צוענטפערען גלייך, אפצופטרען יענעם מיט „עט" און אנצושטויסען זיך אויפן ווינק—דיא אלע חכמות, וואס אין דער מלאכה אנשמעקען. א טאפטאן, שמעקען ... א יוד פאהרט! אין דער ערד מיט'ן קאפ פאהרט ער ... און מעלתו פאהרט עס וואהין? טהוט מיך אלטיר צוריק א טאפ.

—אהין ! ... וואהין געוועהנטליך איך פאהר אין דער צייט:

—איך שטויס מיך שוין אן וואהין. צהין קיין גלופסק, וואהין איך פאהר אויך אצינד. מאכט אלטיר מיט אזא מינע עפיס, וויא עס ארט איהם, צום פדיון זאל עס איהם חלילה נישט שאדען. — נאר פאר וואס, ר' מענדעלי, איז ביא אייך היינט עפיס מן הצד, מיט א הינטער ווינעלע און פאהרט נישט מיטן גלייכען וועג?

—היינטיגס מאל איז מיר גראד אזוי אויסגעקומען. ס'איז רעכט! שוין א לאנגע צייט מאק בין איך אויף דעם וועג נישט געוועזען. און ביא אייך, ר' אלטיר, פאר וואס איז עס עפיס הינטען־ארום? טהוא איך א שמעק. פון וואנען קומט עס א יוד?

—פון וואנען א יוד קומט? פון אלדע שווארצע יאהר! ... פון דעם שיינעם יריד ... נאט אייך א יארמעליניץ! איינגעזונקען זאל זיא ווערען!

און דערוויל וויא אלטיר מיינער שעלט, פלוכט יארמעליניץ מיט דעם יריד דארט, פאהרען אן אקעגען גויעשע פוהרליך מיט א געשרייא, פאר וואס דער וועג איז פארשטעלט, דערנאך וויא זייא האבען דערזעהן צוקומענדיג מיך און אלטירן, ביידע אין דיא טליתים גאנץ פיין, מיט גרויסע של־ראשן אויפן קאפ און לאנגע ברייטע רצועות, צושרייען זייא זיך שוין גראבליך מיט געשפעט:

—באטשיטי יאקיי. פאני־בעריי, צאטצי, ע־ע! טראסצא וואשי מאטערי, דאיטי דאראגי! הייא, חודקא ושידקי, לאבסארדאקי!

איך מיט אלטירן טהוען מיר געשווינד זיך א נעהם צו דיא ביידליך מיט אימפעט. א פאר פון דיא פויערען, חאטשע נישט פון יודישע קינדער, נאר דעם אמת מוז מען זאגען, האבען געהאט אזוי פיל יושר צוהעלפען אונז אין דער נויט, און בזכות זייער שטופ טאקי איז מיין ביידעל באלד פונם טינטעריל ארויס. זיסט, וואלטען מיר זיך אוועקגעקאברעט. גאט ווייסט וויפיל, און נאך געקענט מיאוס צערייסען אונזערע טליתים. מיט די עשו'ם אין איינעם איז אויסגעקומען שוין גאר עפיס אנדעריש. זייא האבען געשטופט אויפן רעכטען אמת טאקי. והידים ידי עשו, באלד צודערקענען געווען עשו'ם הענט, און ביא אונז להבדיל, איז נאר געווען הקול קול יעקב, דאס הייסט מיר האבען זיך נאר געקוועטשט, זיך געמאכט וויא מיר שטופען קראמפערשט... נישט דאס בין איך אויסען. וויא באלד נאר דער וועג איז געווארען פרייא, זענען דיא גראבע חאמולעס זיך געפאהרען זייער וועגס, אויסדרעהענדיג דיא פארצעס צו אונז, אלץ געלאכט, געשפעט.

וואס מיר געהען ווי א גלחים להבדיל אנגעטאן לעבין די פערד אין וועג און דינען דעם בורא מיר דער בייטש אין דער האנד ... א טהייל האבען טייטענדיג אויף אונז מיט איין עק פאלע ווי א „חזיר־אויעריל" געשריגען: וזשיד האלאמייא! אלטירן מייגעם האט עס נישט אזוי געארט. אויך מיר לייט! מאכט ער מיט א קנייטשיל, פאר וועמען, מישטעהנס געזאגט, מען האט זיך דא צושעהמען! ... מיך אבער האט דאס שפעטען זייערס יא געארט. געוואלד, רבוני־של־עולם, פאר וואס? פאר וואס? פאר וואס?

אלמאכטיגער גאט! זאג איך מיט א געבעט אויף תחינה־לשון; עפען דיינע אויגען און טהוא לוגען פון דיין הארבעריג, דאס איז דער הימעל, ווי דיינע פארכצומע יודעליך זענין צו שפאט און צו שאנד געווארט וועגען דעם כבוד פון דיין ליבען נאמענס וועגען, ווייל זיי פארכטען דיין פארכט, זיי אכפערין דיינע געבאט האפערדיג מיט וואהרהאפטיגקייט. דרום וועקגער אויף אונז דיין בארמהארציגקייט און לאמיר טאן געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון אלע מענשען. באשירעם דיינע האפערדיגע געליבטע שאף. דיין רחמנות זאל טאן ברומען אויף דיינע פארשטענדיגע פארכטער. טהוא אויך באגיטיגען מיין מזל פאר מיין לויבונג און בעשיינונג. היינט דיין נאמען בעשיינפערליך מיט אכפערקייט. טהוא צושיקען מיר, דיין קנעכט, מענדיל, דער זוהן פון דיין דינסט גנענדיל און כל־ישראל עפים פרנסה, א גוט געשעפטיל מיט נחת רוח, אמן!...

# תולדות ר' שלום יעקב אבראמאוויטש.

ה' שלום יעקב אבראמאוויטש, פון וועלכען מיר געבען דאס בילד אין „הויז פריינד", איז גענוג בעקאנט דורך זיינע העבראישע ספרים און דורך זיינע פיעלע ארטיקלען כמעט אין אללע העבראישע צייטונגען און זשורנאלען. נאר נאך מעהר בעוואוסט איז ער געווארען און זיך געמאכט אגרויסען נאמען ביים פאלק דורך זיינע ספרים וואס ער האט געשריבען אין דער יודישער פאלקס־שפראכע; וועמען איז ניט בעקאנט „די קליאטשע" ווער האט ניט געלעזען „דאס קליינע מענשעלע", „מסעות בנימין השלישי" און נאך אנדערע?

אין דעם ארטיקעל וועללען מיר ניט רעדען וואס פאר א ווירקונג זיינע ספרים האבען געהאט און הערען ניט אויף צו האבען אויף דעם פאלק, מיט וואס פאר א גרויסען טאלאנט זיי זענען געשריבען, מיט וואס פאר א בעזונדערע ריינע, אמתע, יודישע פאלקס־שפראכע ער שרייבט, — מיר וויללען נאר זאגען, אז זיינע זשארגאנישע ספרים האבען איהם אזא גרויסען נאמען געמאכט צווישען יודען, אז יעדען פון אונז אינ־טערעסירט זיין פערזאן זעלבסט, זיין לעבען און וואס מיט איהם האט זיך פאססירט, ווי זיין טאלענט האט אנגעהויבען שפראצען און וואקסען ביז עס איז צייטיג געווארען די שאנע פרוכט, וועלכע אללע האבען פון איהר אזא הנאה.

צו דעם צוועק האבען מיר זיך בענוצט מיט דעם אויסגעצייכענטען ארטיקעל פון ה' ס. בינשטאק, וואס איז געדרוקט צו ה' אבראמאוויטש'ס יובילעום אין זשורנאל „וואסחאד" 1884.

ה' שלום יעקב אבראמאוויטש איז געבוירען אין יאהר ה"א תקצ"ה (1835) אין דער ליטא, אין א קליין שטאדטיל קאפיל, זיין פאטער איז געוועזען א יוד א תלמיד חכם און דער פאר האבען אללע אין שטאדטיל איהם אפגעגעבען כבוד, און ווי דער שטייגער איז האט מען זיך פון שטאדטיל צו איהם געווענדעט מיט עצות, דער צו איז ער געוועזען אפארמעגליכער בעל הבית, אזוי איז זיין פאטערס הויז געוועזען „א שטוב פון מענשען", און אונזער צוקינפטיגער פאלקס־שרייבער האט געהאט אויף וואס זיך צו־קוקען און וואס צו באמערקען. פון דער נאטור איז דער יונגער שלום יעקב געוועזען אציקאווע קינד, אללעס וואס ער האט געהערט און געזעהן האט איהם פאר־אינטערעסירט, ער האט ליעב געהאט אויס־צוהערען וואס מע האט גערעדט, צו־קוקען זיך וואס יעדער טהוט, און צו־קוועטשען ביי זיך יעדעס ווארט, אזוי איז מיט זיין לערנען אויך געוועזען.

דער פאטער האט געוואלט דאס זיין זוהן, וועלכער האט געהאט זעהר אגוטען קאפ, זאל לערנען מעהר ווי אללע אנדערע קינדער, און דרום האט ער איהם אוועק־געגעבען צו די בעסטע מלמדים.

צו 11 יאהר האט ער גוט געקענט תנ"ך און אפילו גמרא, אללע האבען זיך געוואונדערט אויף די פעהיגקייטען פון דעם יונגעל. און יעדער וואס עס האט זיך נאר באקאנט מיט איהם האט נביאות געזאגט, אז פון דעם יונגער וועט אמאל ארויס וואקסען א תכשיט צווישען יודען, אדער א גרויסער רב אין א גרויסער יודישער שטאדט.

(הויז-פריינד)

אונ טאָקע צו 11 יאָהר האט איהם שוין זיין פאָטער אָבגענומען פון דעם מלמד אונ מיט איהם אַליין געלערנט אַללעס וואס א רב דארף נייטיג וויסען, אונ נאָך מעהר טאָקע ווייטער גמרא מיט אַללע פּרושים אונ כּל־מלך. דאס לערנען ביי זיין פאָטער איז געוועזען אָהן אַ שום סיסטעמע אונ אין קיין בעשטימטע צייט: אַמאָל איז אַוועק געגאַנגען דריי מאָל אַז מע האט קיין ספר ניט אַנגעקוקט אונ דער תּלמיד האט זיך ארומגעפּלאָנטעט פון איין ווינקעל צום אַנדערען, אונ מיט איין מאָהל פלעגט איהם זיין פאָטער אויפוועקען 4 שעה פאר טאָג אונ געלערנט אַלאַנגע צייט נאָך־אַנאַנד, זיך ניט אָבגערוהט אויף קיין מינוט, אָדער גלייכער געזאָגט: מע האט געלערנט אַזוי לאַנג ביז מע איז געבליבען אָהן כּוחות. אָפט האט זיין פאָטער דער רבי ליעב געהאט זיך אַריין לאָזען מיט זיין תּלמיד אין טיעפע ענינים, אונ אויך דערצעהלען לעגענדען (אַגדות) פון דער גמרא אונ שיינע מעשׂות פון דעם יודישען לעבען. וואס ווייטער א יאָהר איז ער מעהר קלאָר געוואָרען אין תנ"ך אונ אין תּלמוד, צו 14 יאָהר האט ער זיך שוין גערעכענט פאר א „חריף" אונ האט שוין קיין מורא ניט געהאט זיך מפלפל צו זיין מיט די גרעסטע קאַפּילער לומדים. אין דער צייט האָטש שלום־יעקב האט נאָך ניט געקענט קיין אייראָפּעאישע שפּראַכע, פון דעסטוועגען האט עס איהם געצויגען שרייבען עטוואס גוטעס, אונ האט אָנגעהויבען שרייבען א דראַמע אויף ריין לשון קודש. פאַרשטעהט זיך אַז די דאָזיגע מין דראַמע, ווי דער לעזער וועט זעהן ווייטער, האט קיין שום ליטעראַטורישע ווערטה ניט געהאט, נאָר פון דער יונגעלשער דראַמע זעהט מען אַז זיין טאַלענט האט זיך אין איהם דערוועקט. זעהר פריה האָבען זיך ביי איהם געענדיגט זיינע קינדער־יאָהרען, האַטש אומשטיינס געזאָגט, וואס פאר א קינדער־יאָהרען האט געקענט האָבען א קאַפּילער קינד. אַז מעהר ווי דעם חדר אונ די היים האט ער ניט געזעהן: גאָר ווי שיין, ווי ליעב האָבען איהם אויסגעזעהן זיינע פערגאַנגענע קינדער־יאָהרען, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אַז ער האט ניט קיין היים אונ ניט קיין חדר, ניט קיין פאָטער אונ ניט קיין רבין — דען דאס אַללעס האט ער אין דעם יאָהר פאַרלוירען! זיין פאָטער איז געשטאָרבען צו 44 יאָהר אונ זיין ליעב קינד איבער געלאָזט א יתום צו 14—15 יאָהר.

דער נייער יתום האט באַלד זיך דערוואוסט די בעדייטונג פון „נויט". זיין פאָטער האט איבער־געלאָזט איין אַלמנה מיט עטליכע קליינע יתומים, זי האט ניט געקענט פיהרען איהר מאַנס געשעפטען, אונ ווי דער שטייגער איז, ווען דער קאָפּ געהט אַוועק, האט פון אַללעס אָנגעהויבען ביסלעכווייס צו ווערען אַש. נאָר די נאָהנטע קרובים האָבען גערעשעט, אַז פריהער פאר אַללעס זאָל מען דעם עלטערען זוהן אַוועק שיקען אין א ישיבה ערשטענס ער זאָל זיך ניט אַרום דרעהען פּוסט־אונ־פּאַס, אונ צווייטענס זאָל ער ניט ליגען בייא דער אַלמנה אויף דעם האַלז.

נאָך זיין אַריינטרעטען אין דער ישיבה האָבען די זעלבע קרובים חתונה געמאַכט זיין מוטער פאר א ארענדאַר, וואס האט ארענדירט א מיהל אונ א חוטאָר ניט ווייט פון קאַפּיל. אין קאַפּיל איז נאָר געבליבען זיינע אויסגעגעבענע שוועסטער אונ א מוהמע פון דער מוטערס צד. מיט דער דאָזיגער מוהמע זענען געקניפּט אונ געבונדען די ערשטע קאַפּיטלען פון אונזער פאָלקס־שרייבערס לעבען. איהר מאַן האט זיך אין

שטאדטי פארשולדיגט אויף עטליכע הונדערט רובל. די צייט איז איהם געגאנגען שלעכט און ער האט געמוזט באלד אוועק פון דער היים, — אזוי איז די מוהמע געבליבען אלעבעדיגע אלמנה.

אין צווי יאהר ארום אז ער איז פון דער ישיבה געקומען אין זיין געבורטס־שטאדט, האט איהם זיין שטיף־טאטע פארבעטען צו זיך אין חוטאר.

נאך צווי יאהר לערנען אין ישיבה, נאך צווי יאהר הונגעריג און בארוועס ארומגעהן, נאך צווי יאהר פון איינגע פארסמטע לופט, נאך טונקעלע, שווארצע, פינסטערע ביטערע און זויערע צווי יאהר, האט ער אויף דעם חוטאר דער־שמעקט פרישע פרייע לופט, די ברייטע פעלדער, די געדיכטע וועלדער, דאס שטילע רוישען פון דעם לויפענ־דיגען וואסער. מיט איין ווארט: דאס דארפישע שטילע ריינע לעבען, די הערליכע נאטור האבען אויפגעוועקט אין אונזער פאלקס־פאעט זיין גרויסען טאלענט — און דא צו 17 יאהר הויבט ער אן אין ערשטענמאל צו לויבען די נאטור אויף דער הייליגע שפראכע וואס אונזערע נביאים האבען געשריבען. די שירים טראגען נאך אויף א יונגעלשען כאראקטער, נאר אין זיי זעהט מען שוין זיין טאלענט פיעל דייטליכער ווי אין זיינע אקאליגע דראממע.

דאס דארפישע לעבען מיט זיין גאנצער פאעזיע האט איהם אבער ניט לאנג געשמעקט. די דארפס־לייט מיט זייער מעלאנכאלישעם לעבען, זיין שטיף־פאטער מיט זיינע גראשענע־חשבונות און די מיהל מיט די מיהלנער—צו אזא לעבען האט ניט געקענט געוואהנט ווערען אונזער יונגער פאעט. זיצען אין בית המדרש און זיך מפלפל זיין מיט די לומדים איז איהם בעסער געפאלען ווי דאס גראבע דארפישע לעבען וואס ער האט צוגעזעהן ביי זיין שטיף־פאטער אין הויז, און דעריבער איז ער צוריקגעקומען קיין קאפיל — און ווייטער זיך געזעצט לערנען.

אין דער צייט איז אין קאפיל געקומען צו פאהרען א דארטיגער איינוואהנער, וואס האט זיך שוין לאנג געפונען אין וועג. גערופען האט מען איהם אברהמיל חראמאי. דאס גאנצע שטאדטיל האט זיך דערוואוסט פון זיין קומען. אללע האבען איהם ארומגערינגעלט יעדער האט איהם געפרעגט, יעדער האט געוואלט וויסען, וואס פאר א נייס וועט אברהמיל דערצעהלען פון די ווייטע לאנדער און ווי בכלל לעבט זיך דארטען אונזערע יודעלעך. און־אברהמיל איז געוועזען א בעל פה און דער צו ליעב געהאט אפשר צו רעדען, האט ער מיט פערגעניגען דערצעהלט פון די וואהלינער יודען.

—יעדער דארטיגער יוד, האט אברהמיל דערצעהלט, האט זיינע אייגענע בהמות און ציגען יעדער שטיבעל איז פולל מיט אללעם גוטעם; געפלאכטענע קול משעם (ווייס ברויט) עסט מען דארטען אפילו אין דער וואכען, ניט ווי בא אונז אין דער ליטא, וואס מען קוקט עס אן נאר שבת, און דאס נאר אויף „המוציא" מאכען—ביי זיי עסט מען עס אגאנץ יאהר. אפילו ארימע לייט מהיילט מען אויך אין דער וואכען ווייסע חלות: די דארטיגע ארעמע לייט לעבען שאנער ווי אונזערע ליטווישע גבירים.

— איך אלליין, האט אברהמיל מיט נאך מעהר פייער דערצעהלט, ווען ער האט געזעהן אללע שטעלען־אויף מויל און אויערען און באלעקען זיך פון די קוילעטשעס—

איך אליין האב באגעגענט אין וועג ארעמע לייט מיט זעק אויף די פלייצעס פולל אנגעפאקט מיט געפלאכטענע קולישטש אונ שטיקער „קאדע"... גאר ווייסט איהר שלימזל־ניקעס וואס איז אזוינס די דאזיגע קאדע? — דאס איז אזא מין פעטע שכאליך, וואס ווערט געמאכט פון די עקען פון די דארטיגע באראנעס. אונ איהר זאלט ניט מיינען — האט אברהמיל ניט אויפגעהערט דער צעהלען, ווען ער האט געזעהן אז די סליוגע געדהט זיי אריבער פון דער פעטער „קאדע" — אז די דארטיגע באראנעס זענען אזוי ווי אונזערע! דארטען טראגען זיי אזוינע עקען וואס יעדער עק וועגט א האלבען פוד אונ נאך מעהר... דארטען. ברידער. איז א געבענשט לאנד — האט ער געענדיגט ווי זיין שטייגער איז מיט א זיפץ — דארטען קען מען לעבען ווי גאט אין אדעס!...

פארשטעהט זיך, די קאפילאווער האבען שטארק מקנא געוועזען אברהמלען, וואס ער איז געוועזען אין דעם געבענטשטען וואהלין, ובפרט נאך אין דעם יאהר איז אין דער לטא געוועזען א גרויסער יקרות אונ די צייט איז געוועזען זעהר שלעכט, האבען פיעל אנגעהויבען וואנדערעווען אהין, חאטש אברהמל נעבעך האט גאר דאס ניט געמיינט מיט זיין דערצעהלען די שאנע מעשות.

אברהמל האט אנגעהויבען איינרעדען שלום יעקבים מומען אז עס איז ניט קיין פלאן צו זיצען אין ענוגה, אונ זי דארף פריוען זוכען איהר מאנן, ובפרט נאך, ווי ער האט געהערט, געפינט ער זיך אין דער שטאדט א... אין איין וועגס אוך מיט־נעהמען איהר יונגען פלעמיאניק, וואס קען זיך אין וואהלין לעבען גאר אויף דעם שאנסטען אופן, ווייל די וואהלינער יודען קענען נאך רעכט ניט דאווענען, אונ אז עס קומט צו זיי אזא ליטוואקעל, חאפט מען איהם ווי הייסע לאקשען, ער ווערט מלמד'ער אדער נאמן אין א געשעפט, אונ וואס פאר א תכלית איז שטענדיג קוועטשען די באנק אין קלויז?

מיט נאך אונ מיט נאך אזוינע שמועות'ן האט ער אנגעהויבען איינרעדען דער מומען מיט דעם פלימיאניק, אונ חאטש דער פלימיאניק האט א ביסיל פארשטאנען אז אברהמיל איז ניט אזא צדיק אונ מיינט גאר ניט אזוי זעהר טובה, דאך האט ער אליין שוין אויך געוואלט זיך ארויס־רייסען פון דעם איינגען שטאדטעל אונ אנקוקען א ביסעל די וועלט. דער יונגער שלום־יעקב האט שוין דערנסמאל פארשטאנען, אז ניט נאר מיט גמרא קען מען אבלעבען די וועלט, אז חוץ זיין געבורסטשטאדט קאפיל, דארף מען עפים אויך אנדערעס זעהן, קענען אונ וויסען: זיין הארץ האט איהם געצויגען אין דער וועלט אריין, ערגעץ ווייט, גאנץ ווייט, וואו עס דארף זיין שאן אונ גוט, וואו מענשען לעבען ווי די מלאכים אין גן־עדן — אונ דעריבער האט ער אליין מיט־געהאלפען אברהמלען אונ איינגעטענה'ט מיט דער מומען אז אברהמ'ל איז גערעכט.

אברהמיל האט בעסער פון אללע געוואוסט דעם וועג אין דער־וועלט אריין, אונ דערצו האט ער נאך געהאט איין אייגען פערד־אונ־וועגעל, קען זיין עפים בעסערס ווי צו פאהרען אין דער־וועלט אריין מיט אברהמל'ן?

אונזערע צווי פערשוינען האבען זיך לאנג אין וועג ניט בעדארפט קלויבען, באלד נאך פסח האט מען זיך גערירט אין וועג אריין, זיין עלטערע שוועסטער וועלכע

האט ערוואַרטעט אַז פון איהר ליבען ברודער זאל אַמאָל אַרויסוואַקסען אַ רב, האט איהם באַלייט מיט טרערען און מיטגעגעבען איהם אין וועג חוץ אַסך הייסע קושען, אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט עטליכע גראָשען מינץ.

מיט דעם זאַפּאַס, אָהן שום געזאַק אָהן רעקאָמענדאַציעס און אָהן אַיין בעקאַנטען אויף דער וועלט, איז אונזער עמיגראַנט אַרויס געפאָהרען אין דעם לאַנד, וואו עס גיסט זיך מילך מיט האָניג, מיט דער האָפפנונג, אַז עטליכע טראָגען וועלען איהם אויך אין כּוֹיל אַריין פאַלען.

נאָר מיט דער ערשטען טאָג־רייזע האָט דער יונגער עמיגראַנט דערפיהלט, אין וועלכע האַנד ער איז אַריין געפאַללען.

אויף דעם וועגעלע איז געזעסען די מומע מיט אַ קליין קינד און אברהמל מיט איהר פּלימעניק זענען נאָכגעגאַנגען צו פוס. למשל עס איז אַפילו ניט קיין גרויסער פערגעניגען אַזאַ רייזע, נאָר דער אומגליק וואָלט נאָך אַזוי גרויס ניט געוועזען, ווען עס זאָל ניט געוועזען זיין אין אַנהויב פריהלינג (וועסנאַ), וואו אין פיעל ערטער איז געוועזען די בלאָטע ביז איבערן גאַרטעל, און ניט איינמאל האָט דער יונגער רייזענדער צוזאַמען מיט אברהמלין געמוזט אַרויס־שלעפען די קלאַטשע מיט דער מומען מיט איהר קינד. „מיין ניט־האָט געשריגען אברהמל צו זיין יונגען פאַרשוין, ווען מע פלעגט פאַרסטראָגעט ווערען אין בלאָטע — אַז איך האָב דיך מיט גענומען אין וועג, זאָלסט מיר דאָ זיין אַ פאַניטש. ניין ברודער, דו העלפסט! ווען ניט, שווער איך דיר בּאַ באָרד און פּאות, איך וועל דיר אַריינוואַרפען אין דעם ערשטען וואַלד, אָדער אין אַ בלאָטע: ניאַנטשען זיך מיט דיר וויל איך ניט!

נאָך אַזוינע דרשות איז דאָס בעסטע געוועזען צו־פאָלגען אברהמל'ן און וואַרטען, ביז גאָט וועט איהם בעפרייען פון זיינע האַנד.

דער צוועק פון זייער רייזע, ווי מיר וויסען פון פריהער, איז געוועזען די שטאָדט אַ... וואו מע האָט בעדאַרפט געפינען דער עגונה'ס מאַנן, נאָר אברהמיל האָט זיך גאָר אַהין ניט געאיילט: ער האָט ניט אויסגעפּעהלט איין שטאָדט, איין שטעדטיל, ער זאָל זיך ניט אָבשטעלען, און אַליין איז ער באַלד אַוועק צום רב און מיט זיין פה־קדוש אָנגעהויבען דערצעהלען פון דער אומגליקליכער עגונה, ווי ער פאָהרט מיט איהר זוכען איהר מאַנן, אַללעס צו לייגט אויף צעהן טעלער, ביז ער האָט בעקומען עטליכע גראָשען און בריף צו אונזערע יודעליך, „רחמנים בני רחמנים“, זיי זאָלען איהם העלפען באַטען ווען אידישע טאָכטער פון אַזוינע אומגליקען. אָבגעאַרבעט די קאָמעדיע אין איין שטאָדט, האָט ער די אייגענע קאָמעדיע געמאַכט אין דער צווייטער שטאָדט א. ז. וו. א. ז. וו...

פאַר זיינע פאַרשוינען זענען, פאַרשטעהט זיך, אברהמלס קאָמעדיעס געוועזען בסוד: ער פלעגט זיי נאָר זאָגען, אַז די בריעף וואָס ער נעמט ביי די רבנים, דאַרף מען האָבען צום עסק, ד״ה: מיט זיי וועט ער גיכער געפינען איהר מאַנן. צו זיינע פאַרשוינען האָבען וואָס צו עסען און צו זיי לעבען, האָט זיך אברהמיל וויניג געזאָרגט. ווען ער פלעגט קומען אין אַ שטאָדט, איז זיין שטייגער געוועזען אַזוי: דעם יונגען פאַרשוין האָט ער באַלד אַוועק געשיקט אין בית המדרש, וואו ער האָט זיך גערעכנט אָנ־

עסען מיט גמרא וויפיעל זיין הארץ האט נאר געגלוסט, און פאר דער מומען האט ער מיט א שטיקיל לייננווינד געמאכט פון דעם וועגעל א בעטעל, דארטען האט זי געוואהנט מיט דעם קינד, און אליין איז ער ארום געשלאפען פון שטוב צו שטוב און אליץ געוואָרגט פאר דער אומגליקליכער עגונה ; בײנאכט האט ער גענעכטיגט אויף א באנק אין בית המדרש צווישען אללע אנדערע עלעפערס ; וועלכע מע קען נאך עד היום געפינען יעדע נאכט אין אונזערע בתי מדרשים.

אין ערך פון אנדערט־האלבען חדשים האט זיך אברהמל געשלעפט מיט זיינע פערשוינען ביז זיי זענען געקומען אין דער שטאדט ל... וואהלינער גוב., דא האבען זיי בארארפט שטעהן עטליכע טאג, ווייל עס איז געוועזען ערב שבועות, דא האט ער פארטראכט זיין יונגען פארשוין פטרן און דער ביי פארדינגען שאנע עטליכע רובעל, ד״ה: ווערען א שדכן און אוועקגעבען איהם פאר איין איידעם צו א גביר, ווייל דאס גאנצע בית המדרש אין ל... וואס אברהמיל האט איהם אנגעגעבען סטאנציע, האבען זיך די שענסטע בעל־בתים און יונגע לייט ניט געקענט גענוג אנקוועלען פון דעם בחור׳ל וואס האט אזוי גוט געקענט לערנען.

ווען אברהמיל איז געקומען אין בית המדרש, זענען איהם אללע ארומגעפאללען: פון וואנען איז דער יונגער למדן? וויפיעל איז ער אלט? מיט וואס פערנעהמט ער זיך? ווער זענען זיינע עלטערען? א. ז. וו. און פארשטעהט זיך; אז אברהמיל אלס שדכן האט איהם אבגעלויבט ביז אין הימעל אריין.

אללע טאג איז אברהמל אריינגעלאפען אויף עטליכע מינוט אין בית המדרש, מיט זיין פארשוין איבער שמועסען מכח די גליקען וואס איהם ערווארטען דא, ווען ער וועט איהם (אברהמלין) נאר פאלגען אין גאנצען, ד״ה וואס אברהמל וועט טהון זאל זיין געטהון. זיין פארשוין האט אללעס אויסגעהערט ווי מע זאגט: „אויף איין אויער".

דער ווייל איז ביי איהם די צייט צווישען די קלויזנער בעל־בתישע יונגע לייט זעהר פרעהליך אוועקגעגאנגען. אין דער צייט האבען די יונגע לייט געוואלט מאכען א חברה צו העלפען ארימע לייט, און האבען זיך בענוצט מיט דער צייט וואס דער יונגער־למדן האט זיך געפונען צווישען זיי, און האבען איהם איבערגעגעבען מאכען דעם אוסטאוו פאר דער חברה. ער האט אויף זיך די ארבעט גענומען און אנגעשריבען דעם אוסטאוו מיט א ריינע לשון קודש און מיט זעהר א שאן כתב. אללע האבען זיך געוואונדערט אויף דער שאנער ארבייט.

אויף דעם דריטען אדער אויף דעם פירטען טאג נאך יום טוב איז אברהמיל ווי א ווינד אריינגעפלויגען אין בית־המדרש, און האט געזאגט זיין פארשוין אויף דעם אויער אז ער, שלום יעקב, איז שוין א חתן געווארען פאר א היגען גבירס א טאכטער, זעהר א שאנע און מיט אללע מעלות, און מע ווארט נאר ער, שלום יעקב, דער חתן, זאל ווי צום גיכסטען קוממען א היין, דער צו האט אברהמל, פארשטעהט זיך, ניט געזשאלעוועט 9 מאס רייד, אבצולויבען דעם מחותן מיט דער כלה, ווי זי איז שאן ווי א פרינצעסין, און איהר פאטערס הויז איז א שמאלץ גרוב. „דו וועסט דארט האבען פון פויגעל־מילך: וועסט דארטען ארום שווימען ווי קרעפליך אין פוטער", האט

אברהמל געענדיגט זיין לאנגע דרשה, אנטמעטנדיג איהם ביי דער האנד און כמעט מיט גוואלד איהם געוואלט אוועקשלעפען צו דער כלה. —

זיין ניט־גלויבען צו אברהמלין און אויך דעריבער וואס ער האט זיך דערמאנט, אז ניט דערויף האט ער אוועק־געווארפען זיין היים, און אז ניט אום חתונה צו האבען איז געוועזען זיין צוועק פון זיין אוועק לאזען זיך אין דער וועלט אריין, האט ער זיך פעסט געדרעשעט איהם זאגען: אז ער דענקט גאר ניט חתונה צו האבען און צברהמלס קלא־פאטען וועגען דעם זענען אומזיסט. אברהמלען האט זעהר באנק געטהון צרויס־צוי־לאזען אזא פעטען ביסען פון מויל, און האט ווייטער זיך געפרוווט דרשענען וועגען דעם, אויך אנגעהייבען סטראשען אז ער וועט איהם אוועק־ווארפען, אז אייביג וועט ער זיך מיט איהם ניט גיאנטשען א. ז. וו. נאר עס האט ניט געהאלפען, זיין פארשוין איז פעסט געבליבען ביי זיין רעשעניע, ווען ער האט געזעהן אז זיינע רייד העלפען ניט, האט ער זיך געשטארקט דאס הארץ און איינגעשפאנט זיין פערד און וועגעל, זיך ווייטער שלעפען איבער דער וועלט צווישען אונזערע יודען, „רחמנים בני רחמנים“, ער זאל האטש קענען עפים גוטס טהון פאר דער יודישער מאכמער פון די עגונה...

לאנג, לאנג האט זיך אברהמל מיט זיינע צווי פארשוינען געשלעפט איבער וואהלין, אוקריינע און פאדאליע. עטליכע מאל האט ער זיך נאך אין וועג געפרווט פטרן זיין כחובה, נאר ענדליך אין די ערשטע טעג פון חודש אלול זענען זיי געקומען אין דער שטאדט ק... פ־סקער גוב.

שפעט באנאכט האט זיך אברהמל מיט זיינע פערשוינען פארשלעפט אין א פוסטע קרעטשמע, וואס האט זיך געפונען ווייט פון דער שטאדט, אין א עק, וואו קיין לעבעדיגען מענשען האט מען ניט געזעהן, די קרעטשמע איז געוועזען אהן פענסטער, אהן טהירען, נאר עפים איין אלטע חורבה, וואו קיין מענשען האבען שוין קיין הונדערט יאהר דארט ניט געוואהנט.

די אומגליקליכע פאסאזשירען וואס זענען געוועזען זעהר פאר מוטשעט און שוין געוואהנט צו צרות, האבען זיך אין אזא ווסטער קרעטשמע אויך געפונען וואו דעם קאפ אנצושפארען. אברהמל איז אויך געשטאנען פארטאג און אוועק געגאנגען וועגען זיינע געשעפטען אין שטאדט אריין.

פליצים האט אנגעהויבען שטארק דונערען און בליטצען, דער הימעל האט זיך געעפענט און עס האט געחליאפעט דער רעגען ווי פון א צובער, די גאנצע קרעטשמע האט געשוואומען אין וואסער—אט, אט, האט אויס געוויזען, ווערען די פאסאזשירען גאר דער טרונקען, און אט פון איין ווינטעל פאלט גאר איין די גאנצע קרעטשמע, וועלכע שטעהט אזוי אויך אויף הינערשע פיסלעך.

ווען אין דער מינוט זאל אברהמל קומען צו דעם נאסען פארפרירענעם יונגען למדן און איהם רעדען א שידוך און מיט זיין פה קדוש אויסמאלען דעם שמאלץ־גרוב מיט דער שאנער כלה מיט אסך מעשות — ! וואלט ער אפשר אויפגעיעט: נאר דאס מזל האט אנדערש געדעיעט: אברהמל איז צוריק־געקומען פול מיט כעס, ווייל די ק... ער רבנים האבען איהם ניט געוואלט געבען ניט קיין געלד און ניט קיין

בריעף צו דיא „רחמנים בני רחמנים" , אויף־צו־העלפען דיא יודישע טאכטער , די עלענדע עגונה .

מיט א צארענדיג הארץ האט ער פאר נאכט מודיע געוועזען זיינע פארשוינען, אז מארגען וועט עס וועט נאר אנהויבען ברעכען אויף טאג, וועלען זיי אוועק פאהרען פון דער שטאדט ק... וועלכע איז געגליכען צו דער שטאדט סדום, און מע וועט פאהרען גלייך קיין ח...

—נאר דאס וועט זיין די לעצטע שטאדט וואו־הין איך וועל דיך פארפירען , האט ער זיך געווענדעט צו זיין יונגען פארשוין , וועסט דו דארט חתונה האבען כדת משה וישראל איז מה טוב , און וועט ניט—חאטש היינג זיך , מהו וואס דו ווילסט ! איך וועל דיר דיין פאספארט ניט אבגעבען , כל זמן דו וועסט מיר ניט באצאהלען „פודר געלד" , און ווייטער ווי די ווילסט זיך. נאר איך האפף אז דו וועסט סוף כל סוף קומען צום שכל און פארשטעהן דיין תכלית . דו וועסט אליין מודה זיין אז איך ווינש דיר ניט קיין שלעכטס , עס איז שוין לאנג צייט דו זאלסט ווערען א מענטש . פאר געם ניט אז געלויבט גאטט ביזט שוין ניט קיין קינד . נאך א יאהר און נאך א יאהר ביזט דו דאך שוין איין אלטער בחור ; אויף וועלכען קיינער וויל זיך ניט אומקוקען .

וואס פאר א נאכט דער יונגער פרשוין האט איבער־געלעבט אין קרעטשמע , איז גרינג זיך פאר־צו־שטעלען . לאנג האט ער געטראכט פון זיין ביטערע לאגע , פליצים האט ער זיך דער מאנט , אז צוריק מיט עטליכע יאהר איז פון זיין געבורטס־שטאדט קאפיל אוועק־געפאהרען זיינער א חבר פון דער ישיבה ! און ווי ער האט נאך געהערט אין דער היים , איז ער א משורר ביים ק... ער חזן פון דער גרויסער שול .

ווי איינער וואס טרינקט זיך חאפט זיך אן אין וואס עס איז , אבי זיך ארויס צו ראטעווען , אזוי האט ער זיך אנגעהאפט אן דעם געדאנק , און ווי עס האט נאר אנגעהויבען צו טאגען איז ער אוועק געגאנגען אין שטאדט , זוכען זיין חבר .

מיט ציטערדיגע הענד האט ער געעפענט די טהיר פון הויז וואס ער האט אזוי לאנג געזוכט , אין דעם הויז וואו עס האט זיך געפונען זיינע לעצטע האפפענונג. איהם האט באגעגענט א יודענע און געענפערט, אז אזא משורר (זיין חבר) איז ווירקליך ביים חזן , נאר זיי געפינען זיך איצט אלע אין וועג און וועלען ערשט קומען אויף יום טוב צוריק .

די לעצטע האפפנונג האט געפלאצט . מיט א פארביטערט הארץ ; מיט דעם קאפ אראפ און מיט א פוסטען מאגען האט ער זיך צוריק־געקערט אין קרעטשמע צו אברהמל חראמאי .

אברהמל האט איהם באגעגענט מיט פיל טענות פאר זיין אוועק געהען , דער יוהן ווייסט וואו־הין , און האט מודיע געוועזען אז באלד פאהרען זיי ארויס פון דער פארשאלטענער שטאדט ק...

עס איז געגאנגען א דראבנער רעגען, נאר א געדיכטער און א קאלטער , בשעת זיי זענען ארויס־געפאהרען פון קרעטשמע . די גאנצע נאטור האט אויס געוויזען פארגיסט קרעהרען צו זאממען מיט צוויי אומגליקליכע קרבנות, וואס האבען זיך אליין איבער־געגעבען אין דער גזלנישע־האנד פון א מענשען . טרויעריג איז געוועזען אונזער יונגען

אבראמאוויטשעס אויף דעם הארצען נאך דעם ווי ער האט פארלוירען די שטאדט כ.. זיינע לעצטע האפפענונג, וואס עס קען זיין ער וועט שוין קיין מאהל די שטאדט ניט זעהן.

געהענדיג אזוי צו פוס אין דער בלאטע אהן א שום צוועק, האט ער זיך פארטראכט: וואס ערווארטעט איהם און אויף וואס קען ער איצט האפפען.

דער רעגען האט ניט אויפגעהערט צו נעצען ביז אין די ביינער. דאס ארימע פערדיל האט זיינע לעצטע כוחות אוועקגעלעגט צו שלעפפען דעם וואגען מיט דער פארוואגעלטער יודענע און איהר פארפרוירען קינד. אברהמלען איז אויך ניט־געוועזען גוט אויף דעם הארצען און האט די גאנצע צייט געשוויגען, מיט זיין יונגען פארשוין א האלב ווארט ניט גערעדט, איהם געבען צו פיהלען אז זיין געדולד האט שוין געפלאצט און זיין גרימצארען איז זעהר גרויס. זיי האבען זיך אזוי געשלעפט און געגאנגען ביז זיי זענען געקומען צו איין ארט וואו דער וועג קיין ח... האט זיך גענומען רעכטס: די שטאדט ק... האבען זיי שוין לאנג ניט געזעהן. און שלום יעקב־ען האט זיך אויס־געוויזען, אז ער וועט זיך קיין מאהל שוין ניט ארויס רייסען פון זיין שלעכטע לאגע אין וועלכער ער איז אליין אריין געפאלען. איהם האט זיך אויס־געוויזען, אז אט באלד פאלט ער אריין אין א מין תהום, פון וועלכער ער וועט שוין ניט ארויס קריכען — דעם דאזיגען תהום האט ער גערעכענט די שטאדט ח... אין וועלכער אברהמל פיהרט איהם איצט. דארט האט ער ניט קיין קרוב, קיין גואל. דארט וועט זיך געוויס קיינער ניט געפינען, פאר וועלכען ער זאל זיך האטש קענען אויסרעדען זיין פאר־ביטערט הארץ, זיך אויס־וויינען. דארט וועט איהם דער צארענדיגער אברהמל איבער־לאזען אויף הפקר אהן א־באשעקע געלד אין קעשענע. ער האט איצט דערקלעהרט איבער־געלעבט די שרעקליכסטע מינוטען, ער איז שטארק ביי זיך אראב געפאלען, זיין שטארקער חאב מוטער האט זיך צו־בראכען. זיין ענערגיע האט פון איהם אפגעטראטען און ער האט געשאלטען די שעה אין וועלכער ער האט פארלאזען זיין געבורטס־שטאדט קאפיל. נאר אין דעם אויגענבליק, ווען איהם האט זיך אויסגעוויזען אז ער געהט צו גרונד, איז אנגעקומען די גוטע מינוט וועלכע האט געבראכט א גאנץ איבער־קעהרעניש אין זיין לעבען. און וואונדערליך! די אורזאכע וואס דאס רעדעל פון אבראמאוויטשעס לעבען האט זיך אנגעהויבען דרעהען צום גוטען, איז געוועזען א פערדישע פאדקאווע.

—זון, נאר די פאדקאווע וואס דאס פערדיל יעט דא ערגעץ פארלארען! האט געקאמאנדעוועט אברהמל מיט א מינע פון א נאטשאלניק, און אפגעשטעלט זיין קליאטשע.

דער פארשוין האט זיך געלאזט לויפען, מקיים זיין דעם בריקאז פון אברהמלין, טאמער וועט ער דער מיט שטילען דעם כעס פון זיין נאטשאלניק. ער איז אבגעלאפפען א שטיק וועג, געזוכט און געזוכט, עס האט געדויערט א האלבע שעה און צו זיין גרויסע צרה גאר ניט געפונען. מיט לידיגע האנד און מיט א צובראכען הארץ איז ער געגאנגען צוריק. פלוצים דערזעהט ער ווי אקעגען איהם פארט א פוילישע בריטשקע מיט פיער פערד! מיט קנאה און מיט צובאוועקייט האט ער געקוקט אויף די גליקליכע, וועלכע האבען זיך געפונען אין בריטשקע, אגעמעטלעדיג זיך אויף

אמינוט האט ער געהערט ווי איינער רופט איהם אן מיט זיין נאמען : שלום יעקב פון קאפיל ה׳ ט זיינע אויערען ניט געגלויבט : קען דאס זיין ! האט ער זיך געטראכט אז אויף די פאדאליער סטעפעס זאל זיך געפינען תאטש איין לעבעדיגער מענטש וואס זאל איהם קענען ? איהם , וועלכער איז פאר ווארפען פון זיין אייגענער געסט און בלאנזשעט אהן א צוועק וואו־היין דער שלים־מזל טראגט , ווי איין אסענער בלעטעל אבגעריסען פון זיין בוים און טראגט זיך איבער גריבער און בלאטעס וואו דער ווינט וויל נאר ! די בריטשקע האט זיך דער וויל אבגעשטעלט און פון איהר איז ארויס־געשפרונגען א יונגער מאנן און איז אהן ווערטער געפאלען דעם אומגליקליכען שלום יעקב־ען אויף דעם האלדז .

דער יונגער מאנן פון דער בריטשקע איז געוועזען קיין אנדערער נאר דער משורר וואס אבראמאוויטש האט איהם געזוכט , ער האט זיך איצטער צו זאמען מיט דעם חזן און מיט אללע משוררים אומגעקעהרט צוריק קיין ק … דער משורר האט ניט אבגעטראטען פון זיין חבר און בן־עיר , ער זאל מיט איהם פאהרען צוריק קיין ק …

דער ליבער משורר האט געבעטען און געפועלט ביים חזן אז ער האט באצאלט אברהמ'כלען פוהר־געלד" ; אבגענומען דעם באספארט און אברהמלס פארשוין פארנומען אין בריטשקע און געפאהרען קיין ק … אין דער שטאדט מיט וועלכער ער האט זיך מיט צוויי שעה צוריק אויף אייביג געזעגענט —

מיט זיין קומען קיין ק … הויבט זיך אן א נייער טהייל פון אבראמאוויטשעס לעבען :

דער חזן וואס האט איהם מיט־גענומען קיין ק … איז געוועזען א יוד מיט א ווארעם הארץ , ער האט ניט דער לאזט אז אבראמאוויטש זאל ווייטער ליידען פון נויט . פריהער פאר אלעמען האט ער איהם איינגעפיהרט אין בית־המדרש , וואו־סע געפינען זיך די מעהרסטע ספרים צום לערנען , אין דעם בית־המדרש האבען געדאוונט די גאנצע ק … ר אריסטאקראטיע , עס האבען דארט געלערנט די פיינסטע יונגע לייט פון שטאדט . זיי האבען באלד אין אבראמאוויטשען דערקענט אז ער איז א בריה אין גמרא מיט אללע פרושים , און אללע האבען געזוכט מיט איהם בעקאנט צו ווערין , די בית־המדרשניקעס האבען איהם זעהר ליעב באקומען פאר זיין בנימוסדיג אויפפיהרען זיך , און די יונגע לייט פלעגען זיך ווענדען צו איהם מיט שווערע שטיקלעך גמרא , ער זאל זיי ערקלארען , וואס ווייטער ער איז געוועזען אין בית־המדרש , האט ער זיך מעהר געקויפט גוטע פריינד , אזוי אז עטליכע גבירים האבען איהם געטרויעט זייערע דער־וואקסענע קינדער צום לערנען און האבען איהם דער פאר גוט באצאהלט , דענסמאל האט אבראמאוויטש אנגעהויבען טראכטען וועגען בילדונג , נאך וועלכער ער האט אזוי לאנג געדארשט . נאר ווי אזוי הויבט מען אהן זיך בילדען ? וואו נעהמט מען דעם ערשטען לעהרער , די נאטהיגע ביכער , און ווי אזוי ברענגט מען זיי אין בית־המדרש ? אט איבער די־פראגען האט ער זיך געבראכען דעם קאפ . נאר א צופאלל האט איהם אנגעוויזען דעם אמת'ן וועג . אין בית־המדרש האט געלערנט איין אלטער יוד , וועלכען אללע האבען אבגעגעבען כבוד פאר זיין פרומקייט און עהרליכקייט . דעם אלטען מאנן איז זעהר געפאלען דער

יונגער ליטוואק מיט וועלכע ער פלעגט זיך אפט פאר־שמועסען וועגען הויכע ענינים, ווען זיי האבען זיך בעקאנט נאהנטער און ער האט זיך דער־וואוסט אז דער יונגער ליטוואק קען חוץ גמרא אויך גוט לשון קודש, האט ער איהם בסודי סודות געראטהען, זיך צו בעקענען מיט אונזער בעוואוסטען פאעט, א. ב. גאטטלאבער, וועלכער איז אין יענער צייט געוועזען אלעהרער אין דער ק־ער קאזיאנער יודישע־שולע.

—דו געה אריין צו איהם ווען עס איז פאר נאכט; אז קיינער זאל דיך ניט באמערקען, האט איהם דער אלטער געזאגט, און ווער מיט איהם בעקאנט, האטש ער איז א געגאלטער שאלטאק, ביי אונז האט ער ניט קיין כבוד און מיר היטען אב אונזערע יונגע לייט פון זיין בעקאנטשאפט, נאר דו ווייסט דאך וואס צו ענטפערען איין אפיקורס, האסט דו ניט וואס מורא צו האבען. דו קענסט זיך סמיאלע מיט איהם בעקאנען, און ווייל ער איז א גרויסער מדקדק קען ער דיר נוטצען בריינגען, געדיינק די ווערטער פון דעם תנא ר׳ מאיר: „רמון מצאת, תוכו אכול וקליפתו זרוק" — „די גוטע פרוכט עסט אויף און די שלעכטע שאלעכטס וארף אוועק", איך וועל זאגען דעם שמש, וועט ער דיר ווייזען וואו דער דאזיגער שאלטאק וואהנט, גאטטלאבערס נאמען איז אבראמאוויטשען שוין לאנג געוועזען בעקאנט, און מע קען זיך פארשטעלען ווי ער האט זיך געוואונדערט אויף דעם פרומען אלטענס עצה און ווי ער האט זיך פנים אל פנים געוואלט באקענען מיט דעם בעוואוסטען פאעט.

אויף מארגען אבענד איז ער שוין געוועזען בא גאטטלאבערין אין הויז. ער האט איהם געוויזען זיין דראממא וואס ער האט אמאהל געשריבען. נאר ווי אבראמאוויטש דער צעהלט זעלבסט, האט גאטטלאבער זעהר געלאכט פון איהר, ווייל זי איז געוועזען געשריבען מיט קינדערשע פאנטאזיעס. פון דעסט־וועגען האט ער איהם געלויבט און געזאגט, אז מיט דער צייט וועט פון איהם ארויס וואקסען א פיינער ליטעראט; גאטטלאבער האט אין דער ערשטער מינוט דער־זעהען, אז אין דעם יונגען ליטוואקעל בעהאלט זיך א גרויסער טאלאנט, דרום האט ער גאר ניט געווארט ביז מע וועט איהם בעטען, און האט אליין פארזיכערט אבראמאוויטשען, אז ער איז גרייט איהם צו העלפען מיט וואס ער קען, און האט איהם גלייך ערלויבט זיך צו בענוטצען מיט די ביכער פון זיין ביבליאטעקע.

אין גאטטלאבערס הויז האט מען איהם שטענדיג אויף־גענומען מיט פערגעניגען און ער איז דארט געווארען א היימעשער מענש.

ביז זיין בעקאנטשאפט אין דעם הויז האט ער ניט געקאנט קיין שום אזבוקי פון אנדערע שפראכען, אונטער דער השגחה פון גאטטלאבערס טאכטער האט ער אנגעהויבען לערנען רוסישען און דייטשען אזבוקע און אריפמעטיקע. דא האט זיך אויך געעפענט פאר איהם א נייער קוואל פון יודישע ספרים, פון וועלכע ער האט ביז איצט ניט געוואוסט. ניט קוקענדיג דערויף וואס ער האט קיין שום לעהרער ניט געהאט און ניט געוואוסט פון קיין שום סיסטעמע אין לערנען דען דאס וואס מע האט איהם

ביי גאטטלאבערען אמאהל געוויזען ווי צו לערנען קען מען נאך ניט אנרופען פאר קיין לעהרע״, פון דעסטוועגען איז ער געגאנגען מיט א גלייכען וועג ביים לערנען פערשידענע פרעדמעטען. אין בית־המדרש האט ער פון דעסט־וועגען ניט אויף געהערט צו לערנען ווי פריהער.

פיעל רייכע בעל־בתים וועלכע האבען געדאוונט אין יענעם בית המדרש וואו אבראמאוויטש האט געלערענט, האבען אנגעהויבען קוקען אויף איהם ווי אויף א גוטען חתן. שדכנים האבען איהם פארגעלעגט שידוכים פון אללע זייטען, און חאטש אבראמאוויטש מיט זיין פעסטען חאראקטער האט זיך ניט געלאזט איבער ריידען, נאר סוף כל סוף האט ער ניט געקענט ביישטעהן קעגען דעם רייכען און גרינגען לעבען וואו מע קען אויספיהרען לערנען, און לערנען מיט א לויטערען מוח. אבראמאוויטש האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א דארטיגען גביר, זעהר א געאכטעטער און געבילדעטער מאנן. נאר די חתונה איז ניט געוועזען פון די גליקליכע, חאטש אבראמאוויטש האט ליעב געהאט זיין שווער׳ס הויז און אללע פון שטוב האבען איהם געאכטעט, נאר זיין פרוי איז געוועזען זעהר א פראסטע און האט ניט געקענט זיין אנגלייכע פאר אבראמאוויטשען, ער האט גלייך דאס ערקלערט זיין שוועהר ווי איין אייגענעם פאטער, און דער שוועהר האט אליין פארשטאנען אז זיין טאכטער קומט ניט צו אבראמאוויטשען האט ער באלד מסכים געווען אויף א גט און ער איז זיך מיט זיין פרוי און מיט איהר גאנצע פאמיליע צו גאנגען ווי מיט די בעסטע גוטע פריינד.

ביים שוועהר אין שטוב האט ער דער ווייל אזוי וויט אוספעעט אין בילדונג, אז ער האט שוין געהאלטען עקזאמען אויף לעהרער, און טאקע באלד אזא שטעלע פארנומען אין דער ק... קאזאנע יודישע שוהלע.

ווען ער האט אנגעהויבען צו לערנען זעלבסט־שטענדיג, האט ער זיך נאך מעהר גענומען צום לערנען פערשידענע שפראכען, פיעל וויסענשאפטליכע פרעדמעטען און אויך גמרא ניט אוועק געווארפען, און וואס ווייטער האט ער געמאכט גרעסערע אוםגעבע. ער האט זיך ניט ערלויבט דאס־קלענסטע ראסקאש, און ניט געשאלעוועט קיין שום געלד צו־קויפען נוצליכע ביכער.

אין דער צייט איז ארוים געגאנגען די ערשטע העבראישע צייטונג „המגיד״; די באוואוסטע יודישע שרייבער האבען אנגעהויבען שרייבען אין דער צייטונג, אבראמאוויטש האט אויך געפרובט צום ערשטען מאהל אוועק שיקען צום דרוקען זיינע א סטאטיא מיט דעם נאמען „החינוך״ וועגען קינדער־ערציהען. דער רעדאקטאר האט פארשטעהט־זיך מיט פערגעניגען אבגעדרוקט. די סטאטיא האט געהאט א גרויסען אויספעך צווישען דיא יודישע לעזער, די סטאטיא האט אויך באמערקט דער געוויסער יודישער געלעהרנטער, ה׳ ל. מאנדעלשטאם, וואס האט דענסמאל געדיענט אין דער מיניסטערסטווא נאראדנאהא פראסוועשטשעניא; און ווען ער איז מיט דעם מיניסטער געפאהרען אין דעם געגענד האט ער זיך בעקאנט מיט אבראמאוויטשען פערזאנליך, ער האט זיך זעהר געוואונדערט וואס ער האט אין אבראמאוויטשען געפונען נאך גאר א יונגען מאנן. „איך בין געוועזען זיכער — האט מאנדעלשטאם געזאגט — אז די סטאטיא האט געשריבען א פופציג־יאהריגער געלעהרנטער. ווען מאנדעלשטאם האט זיך

נאהנטער בעקאנט מיט אבראמאוויטשען האט ער איהם געראטהען פאהרען אין דער ראבינער־שולע (וואס געפינט זיך אין פאדוא אין איטאליע), אונד צוגעזאגט אויס־קלאפאטשען פאר איהם א קאזאנע סטיפענדיע. אבראמאוויטש איז פארשטעהט־זיך דערויף בעשטאנען. נאר איבער פערשידענע שלעכטע אומשטאנדע איז דער־פלאן צו ניכשט געווארען.

צי וואלט זיין פאהרען קיין אויסלאנד געבראכט נוטצען — איז שווער צו טרעפען, נאר דאס קען מען זיכער זאגען, אז מיר רוסישע יודען — וואלטען אין זיין אבריזען פארלוירען א פאלקס־שרייבער, וועלכער האט זיין גאנץ לעבען צוזאמען מיט דעם פאלק איבער־געליטען אללע זיינע צרות, זיינע אלטע וואונדען, און מיט זיין גרויסען טאלאנט אין שטאנד געוועזען איבער־צוגעבין און אב־צומאלען דאס יודישע לעבען אזוי לעבעדיג, אזוי ריכטיג, ווי דער גרעסטער קינסטלער.

איבער פערשידענע אומשטאנדע איז ער דער נאך פון ק... איבער געפאהרען קיין ק... דארט האט ער זיך צו געשריבען צו ב...ער קהל, און איז פון אלטוואק געווארען א פוילישער. דארט האט ער געפונען זיין באשערטע נאך זיין ווילען, ער איז געווארען אב...ער בעל־בית, און זיין גאנץ לעבען געדינט זיינע ברידער מיט זיינע נוטצליכע און טאלאנטפאלע ספרים.

דאס ערשטע ערענסטע ווערק האט ער אנגעשריבען אין יאהר תרי"ט (1859) אונטער דעם נאמען „משפט שלום". דאס ספר האט אין יענער צייט אנגעמאכט א גרויסען־רעש צווישען די העבראישע לעזער.

דער נאך האט ער אין עטליכע יאהר אב־געדרוקט זיין בעריהמט וויסענ־שאפטליך „ספר תולדות הטבע" אין דריי טהייל.

פון זיינע ווערקע אין לשון־קודש איז אונז נאך בעקאנט דער ראמאן „האבות והבנים" וואס איז איבערזעצט אין רוסישען דורך ה' בינשטאק. און אויך זעהר פיעל ארטיקלען און אויס־געצייכנעטע סאטירישע פעליעטאנען כמעט אין אללע העבראישע צייטונגען.

אבראמאוויטש וועלכער האט זיך אין דער העבראישער ליטעראטור מיט זיינע ספרים געוויזען פאר איינעם פון די ערשטע און בעסטע שרייבער, האט זיך פון דעסטוועגען ניט בעגניגט מיט העבראישע אליין, און עס איז גאנץ־נאטירליך, ער האט ניט געקענט שטעהן בלייבען ביי דער העבראישער ליטעראטור; — ווארום אבראמאוויטש איז געבוירען מיט א טאלאנט נאר פאר א פאלקס־שרייבער. ער האט אזוי פיעל אליין ניט געוויסט, און האט געשריבען העבראיש נאר דער פאר, ווייל ער האט זעהר גוט געקענט די שפראכע און עס האט זיך איהם געשריבען גרינג, זיין אמת'ר ווענ איז ניט געוועזען העבראיש, ווארום ווי איינער זאל גוט און גרינג שרייבען העבראיש, קען מען איהם נאך ניט אנרופען קיין „יודישער פאלקס־שרייבער", ווייל דאס איז א שפראכע וואס דאס פאלק לייענט ניט און פארשטעהט ניט. אין העבראישען איז אבראמאוויטש נאר א געלעהרנטער יוד, א געבילדעטער מאן, און ווי איהר ווילט רופט עס אן נאר ניט קיין „פאלקס־שרייבער". די נאטור טהוט אבער דאס איהריגע. זיין נאטירליכער טאלענט האט זיך פון

העבראישען ארויס־געריסען ווי א גרוים וואסער דורך א פארשטעלטער בריקי־אונ אנגעהויבען גיסען זיך אויף איהר אמת'ן וועג ? — שוין מיט זיין ערשטע ווערק „דאס קליינע מענשעלע״, וואס ער האט געשריבען אויף דער פאלקס־שפראכע האט זיך ווי א שטארק וואסער אריין־געגאסען אין דעם ארט וואו מע בעדארף עס, אונ דאס פראסטע פאלק האט זיך דער־פרישט ווי א פארטריקענט פעלד ווען גאט שיקט צו א גוטען רעגען.

די איבעריגע אבראמאוויטשעס געשריבענע ספרים זענען :— „פישקע דער קרומער״ ; „די טאקסע״, „די־קליאטשע (איז איצט איבער זעצט אויך אין פאלנישען), „פרק שירה״; „יודעל״ ; „בנימין השלישי״ (אויך איבער זעצט אין פאלנישען) אונ נאך אנדערע.

וואס פאר א ווירקונג די דאזיגע ספרים האבען געהאט ? אונ הערען ניט אויף צו האבען אויף דעם־פאלק, וואס פאר א ווערטה זיי האבען פאר דער זשארגאנישער ליטעראטור, האפען מיר איין אנדערעס־מאל אויס־פיהרליך רעדען מיט א באזונדער ארטיקעל.

פון יאהר 1877 האבען ביי אבראמאוויטשען די אומשטאנדע אנגעהויבען זיך איבער בייטען, אז ער האט פערלארען די גאנצע לוסט צו שרייבען ; וועגען דעם האט ער זיך ניט איין מאהל געקלאגט פאר זיין פריינד ה' ל. בינשטאק : „אויפהערען דענקען — האט ער איהם געזאגט — הייסט אויפהערען לעבען, אונ דענקען, דאכט זיך מיר אויס, איז־מיר שוין ניט מעגליך. מיין מוח איז פאר גאסען מיט בליי אונ דאס הארץ פארשטיינט״ אבראמאוויטש האט זיך קיין מאהל ניט געקלאגט אויף זיין מזל, נאר מע זאל קענען אויס־האלטען זיינע קלעפ דארף מען האבען שטארקע נערווען אונ איין אייזערנעם עהרליכען האראקטער ווי אבראמאוויטש פאר־מאגט, אונ דעריבער טאקע האט ער ביי־געקומען די אללע קלעפ פון דעם שלים מזל.

איצט וואהנט ער אין אדעססע אונ פארנעהמט א פיינע שטעללע אין דער דארטיגער שולע, די בעוואוסטע אדעססער „יודישע תלמוד תורה.

אין 1884 האבין זיינע פעטערבורגער גוטע פריינד אויך זיינע פיעלע פאקלאניקעס אונ ליעב־האבער פון דער פאלקס־שפראכע געמאכט א „יום טוב״ צו זיין 25 יאהריגען יובילעום, ד״ה דעם טאג וואס איז איבער געגאנגען ריכטיג 25 יאהר זינט ער האט געדרוקט זיין ערשט ספר „משפט שלום״ (1859), צו דעם טאג האבען זיינע גוטע פריינד אויף זייער חשבון אבגעדרוקט זיינע אנייע דראממא „דער פריזיוו״ (צום בעדויערען אין גאנצען נאר 500 עקז. אזוי אז ניט יעדער האט געהאט דאס פערגעניגען די דראמא צו לעזען). די אדעסער יודען האבען איהם אויך דעם טאג פיעל כבוד אב־געגעבען וועלכען ער האט באמת כשר עהרליך פארדיענט, לכבוד דעם טאג האבען אויך איינגע רוסישע צייטונגען איבער־זעצט גאנצע שטיקער פון דעם געריהמטען ווערק : „די קליאטשע״, אללע העבראישע צייטונגען האבען אבראמאוויטשעס ליטעראטורנע יובילעי אויספיהרליך בעשריבען, אונ אללע האבען מודה געוועזען, אז ער האט אזא כבוד פארדיענט ביי יודען,

אין זאך בעדויערען מיר : וואס ה' אבראמאוויטש האט אויפגעהערט שרייבען,

און אפילו זיינע געדרוקטע ספרים איז אויך אטהייל ניט לייכט צו געפינען. נאר ניט לאנג האבען מיר זיך דערוואוסט אז אין אדעססא הויבען זיך אן צו דרוקען אללע זיינע יודיש־דייטשע ווערק, צווישען זיי וועט אויך אריין קומען דאס ווערק, וואס א פראבע דערפון געפינט זיך דא אין „הויז פריינד" („פישקע דער קרומער"). אין אגוטער שעה! עס איז שוין לאנג צייט! גיב גאטט אז ה' אבראמאוויטש זאל נאך אסך ביימער שענקען אונזער פאלק פון זיין טאלאנטפאללער פעדער. —

מ. ס.

---

# נייע ביכער

## רעצענזיעס

דער יודישער וועקקער. רעדאקטירט פון מ. ל. ליליענבלום; הערויס־געגעבען פון ו. ח. ראבניצקי און צ. ז. פראנקפעלד. אדעססא 1887.

דאס נייע ווערק, אין וועלכען עס־געפינט זיך ארטיקלען פון אונזערע אלטע גוטע דייטש־יודישע שרייבער, פערדיענט אז מיר זאלען אויספיהרליך דערפון רעדען, נאר אזוי ווי אין דעם קריטישען ארטיקעל „דער יודישער זשארגאן, זיינע געגנער און זיינע שרייבער" פון ה' יעקב דינעזאהן, וואס איז אופגענומען אין „הויז פריינד", ווערט שוין גערעדט פון די דאזיגע אללע שרייבער און פון זייערע ספרים, דרום געפינען מיר פאר איבעריג, אומזיסט מיעד־צו־מאכען די לעזער און נאך — אמאהל מאריך זיין וועגען זיי, און וועלען נאר אין קורצען איבער־שמועסען וועגען די נייע גוטע זאכען, פון די ביכער וואס זענען ארויס היינטיגס יאהר.

אין דעם „וועקקער", חוץ אללע אנדערע גוטע ארטיקלען פון אונזערע אלטע גוטע בעקאנטע־שרייבער. האבען מיר אויך געפונען אקליינע, גאר א שאנע ערצעהלונג „אהיים!" פון א נייער שרייבערין מאריע לערנער. דער איינהאלט איז: א יוד ר' מנשה, א האלבער דייטש ווייל ער האט געהאט־געלד. א האלבער חסיד; ווייל ער האט רעסחסידיש פיהרען בעדארפט האבען צום עסק. געוואהנט האט ער אין א רוסישע שטאדט, זיין הויז איז געווען אפען פאר יעדען, ד. ה. פאר־גוטע יודען מיט אריסטאקראטען; דאס גאנצע לעבען פון ר' מנשה און זיין פרוי אייגענעווען זיין „מוזינקעל" חנה (די העלדין פון דער ערצאהלונג). נאך זיין פרויס טויט איז ר' מנשה מיט זיין חנהלע ארויס־געפאהרען אין דער גובערנסקי שטאדט, וואו ער האט געהאט געשעפטען און וואו עס האט געוואהנט חנהלעס אמוטע, די מומע האט געהאט א יונגעל, משהול. אז חנהלע איז אריין אין גימנאזיע, האט זי שוין געהאט קען „אנגא" משהול האט זיך אין איהר פאר־ליעבט, און איהר האט זיך אויך אויס־געוויזען, אז זי איז פאר־ליעבט, צו 15 אדער צו 16 יאהר ווערט זיך אגנא ארום, אז זי האט אמעות ד. ה. זי־האט משהולען גאר־ניט־ליעב, זי־וואראפט א וועק דעם אומגליקליכען משהולען

און הויבט אן א צווייטען ראמאן, זי פארליעבט זיך אין א קריקט, א סטודענט פון 3-טען קורס, ער הייסט „סערגיי", אבער-שוין ניט אויף קאטאוועסען נאר טאקע אויף דעם רעכטען אמת, אזוי שטארק פארליעבט אז זי פאהרט מיט סערגייען קיין פעטערסבורג, דארט לערנען, דער-פאטער, „די-טאנטע" לאזען זי ניט פאהרען, נאר זי בלייבט אבער ביי איהרם — אזוי שטארק איז איהר ליעבע צו סערגייען.

פון פעטערסבורג בעקומט ר' מנשה א ידיעה, אז זיין חנה'לע וויל זיך טויפען און חתונה האבען מיט סערגייען! ווי א פייל אויס דעם בויגען פליהעט ער קיין פעטערסבורג, דארט האלט ער מיט איהר זעהר א רידהענדיגען קלוגען שמועס, זיינע ווארטער ווירקען שטארק אויף איהר, עס וויל זי-שוין אוועק ווארפען סערגייען מיט זיינע גאנצע אידעאלען און פאהרען מיט דעם פאטער, נאר איין ווארט סערגייעס צינדט אין איהר אן א העליש פייער — און דער אונגליקליכער פאטער פאהרט צוריק, אהין דער טאטער. —

אז דער טאטע האט שוין מעהר קיין געלד ניט געשיקט, האט זיך אנגעהויבען זעהר שווער, „נאר זי האט געלעבט מיט דער צוקונפט. סערגיי וועט ענדיגען און זיי פאהרען אוועק. זי וועט מאכען איין ארימע שולע פאר קינדער, זיי וועלען ביידע ארבייטען—און ווי זיס וועט נאך דעם זיין די רוהע" —

סערגיי האט בעקומען א בריף פון א פעטער אין דער פראווינציע, אז באלד ווי ער וועט ענדיגען וועט ער דארט בעקומען א שטעללע אין אקרושנאי סוד.

ער ענדיגט און פאהרט מיט אנגען צום פעטער, אויף דעם וועג באמערקט אננא אז סערגיי הויבט אן ווערען קעלטער צו איהר.

— דו דארפסט אויף מיר ניט בייזע זיין, זאגט ער צו איהר, ווער ווייסט וואס מיך ערווארטעט אין דער פראווינץ, וואס פאר א געזעלשאפט... צי וועל איך קענען אויס-קוממען".

זיין פעטער בעשטעהט אפילו זיי זאלען חתונה האבען, נאר וואס וועט „סערגייס מאמע זאגען? ווייטער א חמאכע אויף אנגעס זונן, נאר דער פעטער האט נישט געלאזט אומעדיג זיין.

— מיר וועלען היינט האבען א אומזיסטיגען ספעקטאקעל.

— וואס פאר א ספעקטאקעל?

— אזא שאן ספעקטאקעל „מיט מוזיק און קאסטיומען", „מע וועט קלאפין די זשידעס".

אנגען איז שלעכט געווארען, זי האט דער הערט דאס סוויסטשען פון דער באסע-קאמאנדע און זיך געלאזט לויפין.

— וואהין? האט זי אב-געשמועלט סערגיי.

— אהין, קום גיכער! סערגיי, מע דארף עס ניט דער לאזען, דומהייטען! ... הא, הא, הא! האט זיך ווייטער צו לאכט דער „דיאדושקא"— און וואס קעהרט איהר זיך אן מיט זיי? איהר וועט דאך נישט זיין קיין יודען.

— אבער דאך, סערגיי, האט אננא זיך געווענדעט צו איהם, מע טהוט א אונרעכט און דו שטעהסט רוהיג?

סערגיי געפינט אז עס איז גאר־ניט אזא אונרעכט. ער זאגט אויך אז יודען זענען בלוטצאפערס, עקספלאטא טארס א. ז. וו.

דא האט שוין אננא פארלוירען איהר גאנצען מוטה, זי הויבט אן שרייען: „אהיים! אהיים!"

סערגיי ווי איין ערעלמאנן בעגלייט זי ביז אין באהן.

איהר פאטער, וועלכער איז אהן איהר געבליבען זעהר עלענד איז זעהר געוועזען אין כעס אויף זיין ליעבסטע טאכטער, וואס זי האט איהם אוועק געלאזט אויף דער עלטער און אוועק־געגאנגען פון יודען אין דער צייט ווען מע שלאגט זיי פון אללע זייטען. זיין איינציגער טרייסט איז וואס ער העלפט יודען מיט געלד, און פאר די עמיגראנטען וואס זענען געפארען קיין פאלעסטינע האט ער געשאטען מיט געלד, פאלעסטינע איז איהם געווארען ליעבער פון אלעס אין דער וועלט.

פון די לעצטע צרות וואס ער האט איבער־געטראגען ווערט ער קראנק און קען ניט מוחל זיין חנה׳לען, נאר אז חנה קומט אהיים, איז ער איהר מוחל; ער פרייעט זיך זעהר וואס ער האט איצט אין איהר געפונען א הייסע יודישע טאכטער, און די געצעהלטע טאג וואס איהם איז נאך געבליבען צו־לעבען, בענוצט ער אללע זיינע כוחות איינ־צו־פליסען אנגען אללע זיינע איבערציינוגגען, ד. ה. מיט א בעזאנדער פייער האט ער מיט איהר גערעדט פון „פאלעסטינע".

— איך זאג דיר: דארט (אין פאלעסטינע) איז אונזער פלאץ, ווען איך זאל זיין יונג, וואלט איך אהין צו־פוס געגאנגען, די ערד געקושט. זיינע לעצטע ווערטער פאר דעם טויט איז: „חנה׳לע, ארץ־ישראל".

און טאקי באלד נאך פסח פאהרט זי פון אדעס אויף דער שיף אוועק נאך פאלעסטינא, איהרע ליפפען האבען בעת מעשה שטילל ארויס־גערעדט די ווארטער „אהיים! אהיים!".

דער־מיט ענדיגט זיך די ערצאהלונג. אללע בילדער אין דער ערצאהלונג זענען פארגעשטעלט ריכטיג און אזוי מיט פערשטאנד און טאלאנט געשריבען, אז יעדער קען בעמערקען, דאס די שרייבערין ווייסט ווי אזוי אויפ־צו־בויען איינע ערצאהלונג, אז עס זאל צופען און רייסען יעדען ביים הארצען. איין גרויסען פעהלער האט די שרייבערין געמאכט, וואס זי האט ניט אויס־געקליבען עפּיס אליטערערען טיפּ פאר אזא גרויסע און הייליגע אידעע ווי צו־וועקקען דעם עולם „קיין פאלעסטינע", ניט אזא פוסטע פריילין, אזא פוסטע אידעאליסטקע קען אויפ־וועקקען ערענסטע מענשען און אויב זי (די־פריילין) איז אפילו איך־שטאנד צו־וועקקען, קען זי נאר אויפוועקקען אזוינע לייכטזיניגע גימנאזיסטקעס און גימנאזיסטליך ווי זי זעלבסט איז; אזא וועקקערין קען מיט איהר וועקקען ניט נאר קיין טובה טהון דער אידעע פון פאלעסטינע, נאר פאר־קעהרט — די גרעסטע־רעה ברייגגען. — ניט קיין לייכטזיניגע גימנאזיסטלעך דארפען מיר קיין פאלעסטינע, נאר מענשען, ערנסטע מענשען דארפען מיר האבען! דרום וואלט די טאלאנטפאללע שרייבערין צו דעם צוועק געקענט אנשטאט די פוסטע פריילין פארשטעלען א מענשען מיט א פעסטען כאראקטער, וואס זאל קענען וועקקען און ווירקען מיט זיין ליעבע צו ארץ־ישראל, אויך אויף

די ערענסטע לעזער, אויף מענשען, ניט נאר אויף אינגלעך מיט מיידליך. —

אונז גלויבט זיך גאר ניט אויף די דאזיגע לייכטזיניגע פוסטע אידעאליסטקע אננא, האטש זי איז שוין געזעסען אויף דער שיף וואס געהט קיין פאלעסטינע, אז זי איז גאר בשלום געקומען גלייך קיין פאלעסטינע. קען אונז געהן עמיצער שווערען, אפילו די שרייבערען אליין קען אונז דען ערוב זיין אז זיצענדיג אין דער שיף האט זיך אונזערע העלדין ניט בעקאנט מיט אנייעם סטודענט, וועלכער הט איהר ניט אנגעגעבען אנייעם גאר אפרישען אידעאל, און זי האט זיך אויף דער מינוט איהם ניט איבער־געגעבען און פון קאנסטאנטינאפעל (אידער זי איז געקומען קיין פאלעסטינע) זיך ניט גענומען מיט דעם סטודענט אין אאנדער זייט... ד. ה. קיין ענגליע, פראנציע און אפשר חו״ש טאקי קיין אמעריקא?... צום ווענינגסטען אז די שרייבערין האט פון אזא אננא געמאכט די גלאזינע העלדין אין איהר־וועקקען „אהיים" האט זי ניט געטארט אזא לייכטזיניג קינד אליין איבער לאזען אויף דער שיף און האט זי אין איהר ערצעהלונג בעדארפט פאר־פיהרען גלייך קיין פאלעסטינע זי דארט אנידערזעצען אויף אוועלבלוד אדער אויף איין מויל־אייזעל פולל אנגעפאקט מיט באקסערען און מילגראמען, און אטערק זאל דאס דאזיגע מויל־אייזעל פיהרען טריט בא טריט, וואלטען האטש מיר, די־לעזער, געוואוסט פאר־זיכערט אז אננא איז בשלום אנגעקומען קיין פאלעסטינע. אבער אזוי וואס האט זי דא אויס־געפיהרט מיט אננען? פון אזא סאלאנט־פאללע־שרייבערין, האבען מיר דאס־רעכט פאדערען ערענסטע טיפען פעסטערע כאראקטערען פאר אונזער היילינע אידעע פון ישוב־ארץ־ישראל!

* * *

אנייעם טאלאנט, אנייעם פאעט האבען מיר געפונען אין דעם וועקער וואו ער ווייזט זיך דאס ערשטע מאל אויף דער זשארגאנישער וועלט מיט זיין אויס־געצייכענ־טען הומאריסטישען פעליטאן „שמע־ישראל" (אין שירים). דער דאזיגער נייער פאעט הויבט אן דערצעהלען אין זיין פעליטאן, אז ער האט זיך פארדונגען ביים „וועקער" ער זאל ארום געהען וועקען

קלאפען אין די פענסטער, שלאגען אין די טהירען,
סע זאל יעדען אויפכאפען, יעדען אויפרידהרען,
מאכען א רעש, א לארים, א גערידער
און שרייען אויף א קול: קיין ארץ ישראל ברידער!

פריהער פאר אללעמען קלאפט ער אן צו יודלען אליין. נאר אוי יעדען הויך קול, אויף יעדען שטארקען קלאפ איז געוועזען א תשובה: א חראפ און א חראפ! ער הערט אבער ניט אויף מיט זיין שטעקען צו קלאפען אין דער טהיר.

און גיט מיט איין קול א געשריי:
ראטעווע זיך יודעל, גיכער אויפשטעה!
בלאס ווי די וואנד, דער־ציטערט, דערשראקען,
נאקעט אין איין העמד, בארוועס אהן זאקען
שפרינגט ר׳ יודעל אראב צו דער טהיר

און שרייט כהאי לישנא מיט כעס צו מיר:

יודעל איז שטארק אין כעס וואס ער וועקט איהם פון־שלאף. דער פעלעטאניסט ערקלערט איהם זיין שלעכטע לאגע, נאר יודעל אן שטאט זיך ראטעווען, צו לאכט ער זיך:

חא, חא, חא! א וועקקער, א פעלעטאניסט!
איך ווייס, דו שוטה, איך ווייס ווער דו ביזט —
אזוינע ווי דו, מיט דער גלעמליכער אידעע,
זענען שוין געוועזען ביי־מיר איבער א מאה,
און אפשר נאך מעהרער — אפשר מאכע ק"ן —
יעדער מיט איין עצה, יעדער מיט א פלאן...
דער מיט א פושקע און דער מיט א שיפעל,
דער האט געבראכט פון ארץ־ישראל דעם שליסעל...
יעדער האט יודלען בכדי דעם רוגיל אויס־נארען ביי איהם אויף פאלעסטינע, פאר דרעהט איהם דעם קאפ, אז היינט מארגען איז ער שוין אין ירושלים.

יעדער באזונדער האט געגעבען צו פאר־שטעהען,
אז נאר מיין טובה, נאר דאס איז זיין מיין,
זיי האבען מיך געשלעפט, געטארעט ביי די פאלעס,
און אלע מאל גרעסער געמאכט מיר דעם דלות!...
יודעל קלאגט זיך נעבעך ווייטער אז ערשט ניט לאנג האבען צוויי „פון די ראזיגע ליט" מיט א זיסען שמועס ווייטער אויס־גענארט ביי איהם געלד.

ארעמער יודעל! ער הערט ניט אויף צו קרעכצען און זיפצען פון די יודישע בלוט־צאפערס, פאראזיטען, וואס הערען ניט אויף ארויס צו שלעפען ביי־איהם די קישקעליך און וואס סמאטשקען דעם־לעצטען מארך פון זיינע דארע אויס־געטריקענטע ביינער. דעם אומגליקליכען יודעל צבער איז שוין דאס לעבען נמאס אט פון די יודישע פאראזיטען, וואס האבען נאך אפארוואשען פנים זיך אנרופען יודישע בעל־טובניקעס, און איבער זיי גלויבט ער שוין אויך ניט זיין עהרליכען טריען „וועקקער", און טרייבט איהם פון זיך:

אויב דו ביזט אזא בעל־טובהדיק גלייך מיט זיי
נעם זשע דעם־וועג און זאג שוין — אדיע!

און אז יודעל זאל מעהר פון זיך ניט טרייבען זיין געטריען עהרליכען וועקקער איז דא איין רפואה, ער זאל גלייך מיט זיין שטעקען טראגען מיט זיך א לאנגעטע מיט א בעזים אויס־צו־ראמען און אויס־ריינגען די יודישע בלוט־צאפערס, ווארום כל זמן יודעל וועט האבען אויף זיך די פאראזיטען איז אוממעגליך געבען דעם וועקקערים וועקקען אונ־קלאפען, ליארעם און געוודער. —

ווען יודעל טרייבט איהם אוועק, געהט ער וועקקען אויך אין אנדערע ארטער, נאר דארט איז ער שוין ניט קיין פראסטער פעלעטאניסט נאר א פאעט מיט א גרויסען טאלאנט, וואס מאלט ריכטיגע־בילדער ווי איין אמת'ר קינסטלער.

ניט שלעכט איז די סצענע, אויף דעם פעלד וואו ער וועקט די־מתים זיי זאללען ראטעווען יודלען און מיר זענען זיכער אז מיר מאכען ניט שווער די לעזער איבער־געגעבענדיג זיי דאס דאזיגע

עס שפאלט זיך א־קבר ......................
און אללע מאל גרעסער עפענט ער דאס מויל.
פולסירט האט מיר מין הארץ, געציטערט יעדעס אבר
און איבער דעם־לייב איז געגאנגען א גרויל...
א מת פון דעם קבר אונגעהייער גרויס –
ער האט זיך ביז אין הימעל אויס־געצויגען...
איבער געקערט זענען געוועזען ביי איהם די־אויגען
צו שויבערט צו בארשטען זענען געוועזען די האר...
שרעקליך, שרעקליך האט געקוקט די פיגור!
נאך איהם זענען געקראכען נאך אסך מתים,
א טהייל אין תכריכים, א טהייל אין טליתים.
גאללע ביינער, סקעלעטען, מאגערע דארע,
אומגעלומפערטע, הויכע ביז אין דער חמארע.
אללע פערזאגט, פערצארנט, זעהר בעז,
דאס האב איך דער־קענט אין זייערע נאז –
איך האב מיך דער־שראקען ניט אויף קאטאוועס:
איך האב געמיינט, איך זעה שוין דעם מלאך המות. –
— „שמע־ישראל!", האב איך געטהון א געשריי,
ראטעוועט יודלען, ער איז פארלוירען, אוי וויי!"

דער מת פרעגט ווער איז ער, און דער וועקער דער־צעהלט איהם זיין באגער:

... אללע אין־איינעם – מיט הארץ מיט געפוהל –
פאלט אויף די קניהעם, פאר דעם רב"ש'ם שטוהל!
בעט איהר רחמנות, טהוט פאר איהם תפלה –
לאז ער שיקען א רפואה, געפינען א סגולה
אויף־וועקען יודלען פון דעם שרעקליכען שלאף,
לאז שוין זיין גענוג, האדי די שטראף!
לאז ער איהם מוחל זיין די פעהלער, די זינד,
לאז ער האבען רחמנות – ער איז דאך זיין קינד!.
— זאג נאר דו מענש — דו נארישער חוטא: —
האט א מת געענטווערט מיט כעס סכנות
ווי איז מען אזא משוגע, אזא גרויסער שוטה
צו בעטען ביי־מתים, הילף און רחמנות?
ס'איז דאך נאר א געלעכטער, א בזיון א דראסארע,
ווען איהר לעבעדיגע־שוטים האט זיך געמאכט אמארע,
פון אונזער רוהיגען שלאף אונז תמיד צו־שטערען,

אונ בענעצען די קברים מיט טייכען פון טרעהרען...
אט דא ערשט ניט לאנג, זענען אויך מיט אמאה'ל
צו אונז געקומען צו לויפען אמונה, גאנץ קהל,
אגאנץ גרויסער עולם ווייבער, קינד אונ קייט,
האבען געמאכטען דאס פעלד, די לענג, די ברייט..
די זכרים האבען געהאקט סליחות מיט קינות —
די ווייבער האבען טאראלעלקעט אצרות ותחנות —
אללע האבען געשריגען, גערעוועט איין ליעדעל!
ראטעוועט! געוואלד! פארלוירען איז יודעל!
נא זאג דו אליין, זאך בעט דיך מחילה:
איז דאס ניט אליצנות, א חוכא וטלולא —
זיך ווענדען צו מתים? צו לאנג-טויטע ביינער?
בעטען מצבות, זיך בוקען צו שטיינער?
נין! אומזיסט איז דאס שרייען, אומזיסט די טרעהרען:
ניט פון קיין מתים קען יודעל געהאלפען ווערען. א. ז. וו.

* * *

פון אונזער געריהמטען פאלקס „פאעט" א. גאלדפאדען געפינט זיך אין וועקקער צוויי שירים „א שטיין פון דעם הארצען (Размышленіе послѣ погрома). דער שיר קען ריהרען ניט נאר א הארץ נאר אפילו אשטיין, אין דעם שיר ווערד גערעדט מיט זיין גרויסען טאלאנט וועגען די שטיינער וואס מע האט אונז געווארפען אין דער צייט פון די פראגראמען אונ ווי זיי האבען נאר געטראפען דעם ארעמאנן; דער צווייטער שיר „יודעל-סעמיט" ווי ער שרייבט אבריף צו דער טאכטער זי זאל איהם שרייבען וואס הערט זיך עפיס „אין דער היים".

יא שרייב מיר ווי זעהט אוים דארט, וואס געטאנצט
האב איך דארט אין יונגעלשע יאהרען:
צי בליהען נאך די רויזען, וואס איך האב געפלאנצט
אליין אין דעם עמק השרון?...
שמעקט נאך דער כרמל פון בשמים אלערליי;
דער אלטער לבנון וואס טהוט ער?
אונ די שאפעלעך מיינע, אוי בענג איך נאך זיי!!...
איך בין דאך געוועזען זעהר היטער!
צו קומסטו, אפשט אויף די קברים צו געהען,
פון די אבות אונ העלדען פון פריהער?
אונ אופין בארג ציון יעדען איינציגען שטיין.
גריעס, מאמאניא, פריינדליך פון מיר, א. ז. וו.

אויב דער וועקקער איז באשאפען נאר צו-ליעב די צוויי שירים איז אויך כדאי.

* * *

פון דעם בעוואוסטען פאעט ה' א. צונזער האבען מיר מיט פערגעניגען איבער געלעזען דעם שיר „אדעשקע“ ד. ה. די יודישע נאציאן. אט ווי ער כאראקטע רעזירט די יודישקע:

א מאדנעם כאראקטער בעזיצט אט דאס מיידעל,
וועלכע איז פון יוגענד ערצאגען זא צארט און איידעל.
אז א בוואהל פאר א גוט ווארט, פאר א חנופה, פאר אגלעס,
שענקט זי שוין אוועק איהר נאציאנאליטעט,
איהר יחוס, איהר ירושה, איהר ליטעראטור, איהר שפראך;
און קוקט אויף דעם אללעמען ווי אויף איין איבריגע זאך.—
קוים אבער וויל מען זי דער־צו דריקען מיט געוואלד,
דאס אללעס צו פאר־ניכטען און פאר־ווארפען באלד.
ווערד אויף דעם מיידעל פלוצים איין אנדער געשטאלט;
ווערד א אכזר אויף זיך ווי א חיה אין וואלד;
און דעמעלט ווען זי ווערט אזוי איבערגעביטען, קוקט איך צו אויף דאס מיידעלס פיזיאנאמיע:

ווי איהרע באקען ווערען רויט ווי צונטער,
דער מוטה איז פריי און מונטער,
די אויגען שיינען, קוקען ארויף אויבען,
און בלייבט זיך ביי איהר גלויבען!
שווערדען ווערען צו שלאגען,
קארטעטשען ווערען צו־פליגען,
הארמאטען ווערען צו־קראכען,
קינזשאלען ווערען צו־בראכען,
איהרע מלאכי חבלה, איהרע מזיקים ווערען שוין מיעד
פון צו־שניידען, פון צו־רייסען איהר, גליעד פאר גליעד;
זי שטעהט זיך רוהיג און זינגט איהר ליעד:
„שמע־ישראל! איך בלייב א יוד!“

מיר ווינשען אפט לייענען אזוינע אויסגעצייכענטע פאטריאטישע שירים ווי ה' צונזער שרייבט.

די פאר־רעדע צום וועקער האט געשריבען אונזער ליעבער שרייבער ה' מ. ל. לילענבלום, מיט זעהר א רייגע יודישע פאלקס־שפראכע, דארט ערקלערט ער אין קורצען, נאר דייטליך, די אידעע פון פאלעסטינע, זעהר ערענסט און מיט הארץ געשריבען ווי דער שטייגער איז פון דעם אריגינאלנעם יודישען דענקער, ווי ה' לילענבלום איז.

אין דעם וועקער געפינט זיך אויך די דאזיגע ארטיקלען: „וואס טהוט מען?“ פון ה' מ. אייזמאן, די „מאמע מיט די קינדער“ — ה' א. ב. גאטלאבער, „דאס פינטעלע יודי“ — ה' מ. ח. ראבניצקי, אין דער דאזיגער נאכט פון פסח“ —

ה' שלום עליכם, וועגען דער אידעע ישוב ארץ ישראל" — ה' א. י. בובבינדער, „דער שמש (שיר)" — י. זילבערשטיין. „בריעף פון פאלעסטינא" — עפשטיין און חישין „יאי עניותא לישראל" (שיר) — ה' י. ת. ראבניצקי, „דער האן און די בני אדם — ה' איש נעמי.

יעדער ארטיקעל האט אין זיך גוטע געדאנקען און יעדער ארטיקעל בעזונדער האט אינטערעס צום לעזען.

נאר אללע צוזאמען פארפעהלען דעם ערווארטעטען איינדרוק — . דער גאנצער „וועקקער" איז פון גאללע צוקער, היינט פרעג איך, ווי קען איך געפעלען אז ווען איהר זענט הונגעריג זאל מען איך געבען א מיטאג פון 15 פארציעס צוקער! חאטש קיינער לייקענט ניט אז צוקער איז זיס, אבער א זיסע פארציע איז נאר גוט איינע אדער אין העכסטען צוויי, ווי זאגט מען: „קרעפליך ווערט אויך גמאס צו עסען".

אין Сборникъ разныхъ Статей ווי דער „וועקקער" רופט זיך אן דארף ניט רעדען נאר פון איין זאך, חאטש די זאך „ישוב ארץ ישראל" איז גוט און נאטהיג, און איז דאס וויכטיגסטע פון אונזערע נאציאנאל־פראגען. — אין א מוזיקאלישען חאר איז גוט, אז עס הערען זיך פערשיעדענע שטיממען: אין אוניסאן (איין שטיממע פיר אללע) זינגען נאר חסידים, און ווען דער ניגון זאל נאך אזוי גוט זיין, פעהלט איהם דאך די־רעכטע מוזיקאלישע הארמאניע.

פון דעסטוועגען האט דער „וועקקער" די זשארגאנישע ליטעראטור בערייכט, און ווינשען פון דעם גאנצען הארצען ער זאל ארויס־געהען אפטער און אפטער.

צו דעם וועקקער איז צוגעגעבען א בעזונדער ביכעל „זרובבלי" אדער „שיבת־ציון" א דראמא אין פינף אקטען, פערפאסט פון ה' מ. ל. ליליענבלום. די שפראכע און די געדאנקען זענען נאטירליך זעהר גוט, די היסטארישע פאקטען אויך ריכטיג און פאסען פאר ה' ליליענבלומס פעדער, נאר דאס וואהרע דראמאטישע אין דער דאזיגער דראמא האבען מיר געזוכט מיט ליכט, און צו אונזער בעדויערען ניט געפונען, די שירים זענען שוואך און די זאוויאזקע פון דער דראמא נאך שוואכער.

* * *

צעהן יודישע פאלקס ליעדער, פערפאסט מיט די הארמאניע פון מוזיק בעגלייטונג, מעקסט מיט געזאנג פון ה' אליקום צונזער. ווילנא 1887.

פון דעם איינענעם ה' צונזער האבען מיר נאר וואס געהערט, און פון די צעהן ליעדער בלייבט אונז נאר צוזאגען אז זיי זענען זעהר שאן און מיט טאלאנט געשריבען. נאר נאך מעהר פיהלט מען זייער טעם ווען מע הערט זיי זינגען מיט די מעלאדיען וואס דער זעלבער פערפאסער האט פערפאסט, יעדער וועט דאס אונז מודה זיין, ווארום ווער האט ניט געהערט צונזערס ליעדער זינגען און ווער האט פון זיי קיין פערגעניגען ניט געהאט? די דאזיגע „צעהן ליעדער" ווי אויך אללע זיינע ליעדער זינגט מען אין גאנץ ליטא, דיא צעהן ליעדער צו זאממען מיט די נאטען געפינט

זיך צו פארקויפען ביי ה׳ צונזערען אין מינסק. איינע פון די „צעהן ליעדער” „די סאכע” איז ניט לאנג איבער־געזעצט געווארען אין רוסישען („וואסהאדי”) וועלכע קלינגט זעהר שאן אין דער שפראכע.

* * *

די הויזליכע מעדיצין. אנשטעקענדע קראנקהייטען, ערשטער גאנג: פערפאסט פון דאקטאר מ. זוסמאנאוויטש.

איך בין ניט קיין דאקטאר, דרום קען איך ניט שרייבען קיין אויספיהרליכע רעצענזיע וועגען דעם ווערק, איך וויל נאר זאגען אז איך האב איבער געלייענט דאס ביכעל האב איך געפונען אז עס איז געשריעבען אין א גאנץ איינפאכער יודישער שפראכע, אונ יעדער וואס לייענט עס קען פארשטעהן ווי זיך אבהיטען פון קראנק צו ווערען, ד. ה. זיין שטענדיג געזונד, אונ דו״ו אז מע ווערט קראנק זאל יעדער מענש וויסען ווי אויף־צו־פיהרען זיך כדי ניט אריין צו־לאזען די קריינק אין דער לאנגער באנק אריין, אז דענסמאל קען שוין ח״ו קיין דאקטאר אויך ניט העלפען, ווי זאגט מען: „וואו ריינהייט, דארט איז געזונדהייט, וואו געזונד־הייט דארט איז גליקי”.

דאס ביכעל טהיילט זיך אין 5 קאפיטליך: 1) וואס הייסט אנשטעקענדע קראנקהייטען אונ פון וואנען נעמען זיי זיך. 2) ווי אזוי זיך פון זיי אב־צו־היטען 3.) דער דיפטעריט. 4.) דער האלז־קרופ (אונ דער פאלשער קרופ) 5) דער קייך־הוסט (קאקליוש).

דער צוועק פון דעם בוך, זאגט דער פערפאסער אין דער „הקדמה” איז נוטצליך צו זיין פאר אחינו בני ישראל, אונ דער הויפט יעדען פון זיי, וואס זענען גע־דריינגט דורך ארעמקייט אדער דורך דעם וואס זיי וואהנען ווייט פון שטאדט, זיך צוגעבען די ערשטע הילף אהן א דאקטאר. יעדער מענש האט ליעב צו־פערשטעהן די גרונד־זאך פון דעם וואס ער טהוט, דרום שפרעך איך פון אנ־פאנג וועגען די אורזאכען פון אנשטעקענדע (איינקלעפיגע, זאראזליווע) קראנקהייטען. דאמיט דער פראסטער מענש זאל וויסען פאר וואס מוז ער אייגענטליך רייניגען די לופט אזוי ווי עס בעפעהלט די לעהרע פון דער נייעסטען מעדיצין, אויב אללע וואלטען געוואשען די הענד פאר־דעם־עסען, ניט נאר יוצא צו זיין אבי אבגעגאסען דריי מאל די האנד אונ א ברכה געמאכט, אבער גוט אפ וואשען מיט אש־וואסער (לויג) אדער מיט זייף, אזוי וואהל וואלט זיי געוועזען! אויב עס איז אונז גרינג אויף פסח אלס כשר צו־מאכען מיט גליהענדען אייזען אונ געזאדענע וואסער, דארף אונז אויך ניט שווער זיין אללע חודש צו רייניגען אללעס וואס געפינט זיך אין אונזערע הייזער, האלטען שטענדיג א לעם ריין אונ דער הויפט אונזער אייגענעם קערפער א. ז. וו.

דער פערפאסער ווענדעט זיך צו אחינו בני ישראל מיט די דאזיגע עטליכע ווערטער וועלכע זענען ארוים געזאגט פון דעם ריינעם הארצען:

האלט אללע טאג ריין אין שטוב ווי שבת! אללע ראש חודש רייניגט אללע (הויז־פריינד)

ווי אויף פסח ! אללע טאג בעניייעט די לופט אין שטוב ווי אויף שבועות ! אייער גוף זאל שטענדיג זיין ריין ווי אויף יום כפור ! געהט אין ריינע געוועש ווי צו־דער חופה ! האָרעוועט אויף ריינקייט ווי אויף אייער ברויט !

דאַנן : וועט איהר האבען אגעזונטע אונ פרישע עלטער , צווישען אייך וועט זיין וועניגער אלמנות אונ יתומים , אויף דעם בית עולם וועט ליגען מעהר אלטע ביינער ווי יונגע ,

די „הויזליכע מעדיצין" איז זעהר נוטציג אין יעדען יודישען הויז . דער פרייז איז 35 קאפ. מיט פארטא אונ געפינט זיך צו פערקויפען אויף די אדרעסע .

**Доктору М. И. Зусмановичу, г. Пинскъ**

***

ה' נ. ג. זקס אין ווארשא האט הערויס־געגעבען איין „רוסיש־יודישעס ווערטער־בוך" פון ו. דרייזין , אזא גרויסער ווערטער בוך איז נאך אין זשארגאן ניט געוועזען , ער האלט 832 זייטען גרויסער פארמאט ד. ה. 52 דרוק־בויגען אין דעם ווערטער־בוך געפינט זיך ביז 7000 ווערטער. ה' דרייזין האט קיין מיה ניט געשאלעוועט אונ פיעל ווערטער ערקלעהרט אין דער יודישער שפראכע ווי מען רעדט אין ליטא , וואהלין אונ אין פוילין ; דאס איז אגרויסער נוטצען פאר דער זשארגאן שפראכע , ערשטענס קען מאכע יעדער פאר־שטעהן די טייטש פון דעם רוסישען וואָרט אונ צווייטען זעהט מען ווי דער זשארגאן איז גאר ניט אזוי ארום , ער פארמאגט כמעט אזוי פיעל פרעמדע אונ אייגענע זעלבסט אויס־געארבייטע פאלקס־ווערטער ווי אללע אנדערע שפראכען , נאטירליך נאר דענסמאל ווען ליטווישער , וואהלינער אונ פוילישער דיאלעקטע זאלען ווערען יעדען בעקאנט. דער דאזיגער ווערטער בוך , מיינען מיר , קען דער צו פיעל נוטצען ברייגען. מיר ברענגען פרימערין : 1) Вымучивать אויסמוטשען , אויסמאנטשען : 2) гремить הילכען , רוישען , זשומען : 3) Колыхатa-хнуть וואַרפען , שליידערען ; 4) Рвать — רייסען , ציפען , פליקין , ארויף שלאגען , ניידען , ברעכען מייקען ; 5) Явственно דייטליך , קלאר , אפען ,

שוין פון עטליכע יאהר אז ה' זקש איז געווארען איין הערויס־געבער פון נוטצליכע ביכער העבראישע , רוסישע אונ זשארגאנישע .

***

צווישען די נוטצליכע ביכער קען מען אויך צו־רעכענען „די פראקטישע אריפמעטיקא" הערויס־געגעבען פאן י. מ. בירנבוים אויף זשארגאן , נאר מיר ווייסען ניט פאר וואס דער הערויס־געבער רופט אן זיין זשארגאנישע אריפמעטיקא פאר העבראער , חאטש באמת געזאגט איז די זשארגאנישע אריפמעטיקא פיר העבראער געשריבען אויף האלב דייטש מיט יודישע אותיות .

די אריפמעטיקא איז זעהר גוט, אונ מיט פערשטאנד בעארבייטעט; אויסער אללע פראווילעס פון אריפמעטיקא מיט ערקלערונגען געפונט זיך אויך 700 פראגען אונ אנטווארטען (זאדאטשעס), אונ ווען די אריפמעטיקא זאל זיין א דייטליכערע ושאר־גאן־שפראכע וואלט דאס בוך געקענט באמת פיעל נוטצען ברייננגען פאר די וועלכע קענען ניט, חוץ זשארגאן, קיין אנדערע שפראכען.

בכלל היינטיגעס יאהר האט דער זשארגאן געהאט אגליקליך יאהר — עס איז זעהר ווינציג שמאטעס געדרוקט געווארען, (חוץ אייניגע געצעהלטע). יעדען איז בעקאנט, אז פריהער פלעגען אזוינע שמאטעס געדרוקט ווערען הונדערטער א יאהר, אונ היינט שטעהן די שמאטעס אין א זעהר שלעכטען קורס אויף די יודישע לעזער־בירזשע.. אונז פרייט עס זעהר, ווייל דאס איז דער בעסטער סימן, אז אונזערע יודישע לעזער האבען אנגעהויבען ענדליך א ריכטיגען געשמאק צו פיהלען אין לעזען אונ אונטער־שיידען פון גוטס ביז שלעכטס, פון ווייס ביז שווארץ. גיב גאטט אויף ווייטער זאלען אונזערע לעזער נאך בעסערע מבינים ווערען אויף ביכער, וועלען די שמאטעס ממילא זיך ניט ווייזען אויף גאטס ווייסער וועלט.

---

**Евреи и Христіане. Сочиненіе Натальи Петровны Уваровой урожд. княжны Горчаковой. Переводъ съ французскаго С. Л. Деманта. Москва 1888.** די טאג האבען מיר בעקומען א ניי ווערק:

שוין לאנג אז מיר האבען ניט געלעזען אזוינע גיטע ווארטער פאר יודען ווי אין דעם בוך וואס איז געשריבען פון א רוסישער קניאזשנא.

אין איהר ווערק מאכט זי פארווירפע די קריסטען פאר וואס זיי האבען אונז יודען פיינד. זי לויבט זעהר דאס יודישע הויזליכע אונ פאמיליענלעבען. דער קניאזשנא געפעלט זעהר ווי מיר יודען ערציהען אונזערע קינדער צו גאטט אונ צו לייט א. ד. ג. דאס טייערע ספר האט דיא קניאזשנא געשריבען אין פראנצעזיש, באלד איז דאס ביך איבערגעזעצט געווארען אין פיעל שפראכען אונ אויך ניט לאנג אין רוסישען פון ס. ל. דעמאנט. די גרעסטע אייראפעעשע ציימונגען לויבען דאס ווערק ביז אין הימעל אריין. פיעל קריסטען פון די גרעסטע לייט האבען דאס בוך געלעזען. אויך א גרויסען אינטערעס האט דאס בוך פאר יודישע לעזער.

אמת

# דאס יודישע טהעאטער.

ווער פון אונזערע לעזער האבען ניט געהערט פון דעם „יודישען טהעאטער“, וואס האט עקסעסטירט אין פיעל שטאדט, ווי צב"ש אין פעטערבורג, מאסקווא, ווארשא, אדעססע, ווילנא, מינסק, גראדנא, דינאבורג, קישינאוו, פלאצק, לאדז, א. ז. וו.? אין יעדער שטאדט זענען אונזערע יודעלעך געלאפען זעהן דעם „יודישען טהעאטער“. אקליינינקייט! „אגובערנאטאר“ קומט הערויף אויף דער ביהנע (סצענע) אונ רעדט קוגעל־לשון! „אבהורי“ פערליבט זיך אין א מיידעל אונ ער ערקלעהרט איהר ליבע מיט א שפראכע ווי זיין באבע האט גערעדט מיט דעם זיידען! די יעניגע קריטיקער וועלכע האבען געשריגען: געוואלד יודען! וואס טויג אייך אונ וואס נוצט אייך דאס „זשארגאן“? — יענע שרייערס זענען געקוממען אין „יודישען טהעאטער“, זיי האבען געקלאפט אונ געפאטש אונ געשריען: „בראווא! ביסס!“ אונ האבען זיך פארטהיידיגט פאר וואס זיי האבען פריער אפען באליידיגט אזא שפראכע, וואס מען קאן מיט איהר אויף דער ביהנע אויפטרעטען, אונ זיך מיהע געגעבען אב־צורופען זייערע אלטע אידעען.

אין יעדער שטאדט, וואו מען האט געשפילט „יודישען טהעאטער“, וואר כמעט יעדען אבינד דאס טהעאטער פול מיט אונזערע יודעלעך. אלערליי קלאססען מענשען: שוסטערלעך א. ז. וו. האבען זייערע ארבייט פערלאססען, אונ זענען געגאנגען, אדער בעסער געזאגט: „געלאפען“ אין „יודישען טהעאטער“, אונ האבען ווירקליך זיך געפרייט ווען זיי האבען דעם בילעט בעקוממען, אונ ווען זיי וואלטען ניט געדורפט נאכהער געהן צוריק, אהיים... וואלטען זייא זיך נאך מעהר געפרייט אונ גליקליכער געפיהלט...

אין דער לעצטער צייט זענען פיעל יודישע אקטיארען פערטרייבט נאך אמעריקא ענגלאנד, גאליציען, רומעניען. דער יודישער פאלקס־דיכטער אונ גרינדער פון דעם יודישען טהעאטער, ה' אברהם גאלדפאדען, האט אויך פערטרייבט נאך אמעריקא, דארטען צו גרינדען אנייעם „יודישען טהעאטער“— אונ ביי אונז אין רוססלאנד איז דאס יודישע טהעאטער פארקיהלט געווארען...

ה' גאלדפאדען האט פערטרייבט, פערלאססען רוססלאנד, זיין גייסט אבער איז געבליבען ביי אונז טיף אין הערצען. מיר קאננען איהם ניט פארגעססען, וויל ער האט זיין אידעע וועגען יודישען טהעאטער זעהר פערברייטעט. פיעל שרייבער האבען זיך מיט זיין פלאן בענוצט אונ פיעל פיעסען געשריבען אונ געדרוקט, כמעט אין אללע יודישע הייזער ביים רייכען, ביים ארעמאן, זינגט מען די ליעדער פון יודישען טהעאטער. מיט איין ווארט אללע האבען אנערקאנט אז דאס יודישע טהעאטער קען פיעל נוצען ברייגען.

דאס ערשטע מאהל האב איך די זכיה געהאט צו זעהן די פיעסע „שמענדריק“ אין

אין מאסקווער טהעאטער. דאן האט דער הי גאלפאדען געשפילט די ראללע אלס יודישער טהעאטער־דירעקטאר. פיעל רוססען וועלכע וואָרען נייגעריג צו זעהן דאס „יודישע טהעאטער", האבען דארט דערזעהן דעם וועלט בערי־המטען חכם „שמענדעריק", אתכשיט, אצאצקע, וואס שרייט: „מאמע! איך וויל צוויי כלות"! אונ ווי ער איז געקומען מיט זיין געטרייע מוטער זעהן א כלה וועלכע וואר חויך, רויט, דיק, האט ער געפרעגט מיט אזיסען געלעכטעריל: „מאמע! די גאנצע כ"כ־כלה וועסטו מיר געבען, אדער אהאלבע?" זיין זיסער געלעכטערל האט געקלונגען אין די אויערען פון דעם פובליקום — אונ אללע קריסטען וועלכע וואָרען דארט, האבען אנגעקוואלען צו זעהן א יודישען חתן מיט פיל שאנע מעלות, וועלכע מאכען דעם יודען גרויס עהרע, די קריסטען האבען געמיינט, דאס אללע יודען זענען ווי שמענדריקעס מחותנים. אונ אללע יודישע חתנים זענען שמענדריקעס.. אונ נאכהער אגאנץ לאנגע צייט ווען אגאסענ־יונג האט באגעגענט א יודען, האט ער איהם בעגריסט — אנשטאט דעם בעוואוסטען טיטול „זשיד סיחרעגאם!— מיט דעם נאמען סמענ'דרעק"...

מיין ביטער הערץ האב איך דענסטמאל אויס־געגאסען אויף גאלדפאדענס קאפף. איך האב איהם מכבד געוועזן מיט אגוטען חלק. אזא פארציע וואס ער האט אויף זיין גאנצען לעבען ניט געהאט. דער ה' גאלדפאדען אבער, צו זיינע אללע מעלות אונ פאהיגקייטען האט ער אבעזונדערע מעלה, גאר אנ־אויס־נאהמע, נעהמליך: ער איז מודה על האמת. אונ דאס איז ווירקליך אגרויסע מעלה, זעלטען וואו מען געפינט זי. מיר זענען איבער־צייגט, דאס דער גראסטע טהייל מענטשען ווען זיי מאכען אפעהלער, אדער זיי פארגעססען אזאך וואס זיי ווערין דאריבער אפענטליך געפרעגט, אנשטאט צו אנטווארטען איין ווארט: „חטאתי" וואלט דאך זיין אענדע, פלוידערען זייא אן צעהן נארעשקייטען אום איין נארעשקייט צו פערטהיידיגען. זייריידען אזוי פיעל, אהן א עין הרע, אז קיינער ווייסט ניט פון זיין געזונד אונ פון יענעמס לייב אונ לעבען, אללע שרייען, שימפפען, פלוכען, בייזערען זיך שטארק — אונ ווען מען זאלל פרובירען איינעם פאן דיא שרייערס אפרעג טהון: ווארום שרייסטו אויף יענעם? ווארום שימפפסטו איהם? ער זאגט דאך דאס זעלבע וואס דוא! וועט ער ער ניט וויסען וואס צו ענטפערען, אונ וועט אנפאנגען פון דאס ניי צו שרייען. עס ווערט אצומטעל, אצומישונג, איינער ווייסט ניט פאן דעם אנדערען, ווי עס וואר אמאהל אין דור הפלגה, אונ ווי עס וועט זיין אמאל אז משיח וועט אי"ה קוממען *).

---

*) א מגיד ענדיגט זיין דרשה מיט די ווערטער: בזכות זה ובא לציון גואל. איז דאך די פראגע: ווארום גראדע מיט דיא ווערטער ענדיגט ער זיין דרשה, אונ ניט מיט אנדערע גוטע נחמות פון אנאנדער פסוק, ווי למשל: בלע המות לנצח". אונ דעס־גלייכען? די אנטווארט דארויף איז: דאס דער מגיד האט אגרויסע כונה אין די ווערטער. ווייל אין משיחס צייטען וועט זיין „ערבוביא" אויף דער וועלט. דאס הייסט א צומישונג, איינער וועט ניט וויסען פון דעם אנדערען, אט דאס זאגט דער מגיד: בזכות זה ווי איך ווייס ניט פון דער דרשה, אונ די דרשה ווייס ניט פון

ניט אזוי אונזער פאעט, ה' גאלדפאדען. עס מעג זיין אביסעל פאר פיעל מענשען. ער האט מיר גאנץ קאלט־בלוטהיג געגעבען אקורצע אונ אגוטע תשובה מיט די ווערטער: ליבער פריינד! אקריטיקער וואס וויל געפינען אפעהלער אין אגעגענשטאנד, מוז זעהן די זאכע ווי זי איז באלאנגען געוואָרען. פונקט ווי אדאקטער וואס קומט צו היילען אקראנקען מוז וויסען פון וואס די קראנקהייט האט זיך ביי איהם גענומען. דארום וועל איך אייך איין ווארט ערצעהלען פון דעם "יודישען טהעאטער", וועט איהר נאך אמאל אזא קשיה ניט פרעגען. איהר דארפט וויסען, אז דעם ערשטען מאל ווי איך האב געגרינדעט דעם יודישען טהעאטער, האב איך קיינע אקטיארען געהאט. איך האב גענומען ארעמע קינדער וואס פלעגען ארום פאפיראסען צו פערקויפען אויף די גאסען, אונ זיי האב איך אויף דער ביהנע הערויס־געשטעלט, איך האב געמוזט שרייבען פיעסען ווי פאר זיי. אונ יעצט אז איך האב נאך עד היום קיין גוטע אקטיארען. דאך האב איך אויפגעשריבען איינינע גוטע פיעסען, אזעלכע וואס וועלען אלעמען געפאלען זיין, אבער ווער זאל עס שפילען? אדרבה, גיט מיר מענשען וואס איך זאל מיר קאנען שאפען מיט זיי, וועל איך אייך דאנקען אונ בעסערע פיעסען שטעלען אויף דער ביהנע. נאך אזא תשובה האב איך דענסטמאל מעהר ניט געהאט וואס צו פרעגען.

שאנע עטליכע מאל האט זיך דער זומער מיט דעם ווינטער געביטען. מעהר ווי צעהן יאהר איז פערגאנגען פון יענער צייט ביז יעצט, מיר האבען היינטע גוטע אקטיארען, זינגער, פיינע קאמיקער, מוזיקער, פארטרעפליכע דראמאטיקער ווי למשל: ה' גראדנער נעבעכט פרוי, גאלדשמיט, מאגנצמאן עט פרוי, פישקינד, קויפמאן, וויגאוויטין, ספיוואקאווסקי, שור, ווינשטאק, ווינשטיין, ג. אזמאן, בראלמאן, שליפערשטיין, מאגילעווסקי, צוקערמאן, אדלער, האמווויטין, אונ נאך פיל אנדערע. איבער הויפט אין אמעריקא האבען זיך אונזערע ברידער אויס־געבילדעט גרויסארטיג אין דעם פאך. — ווי מיר האבען געהערט, בעזיטצען זיי דארטען איינענע הייזער, איינענע טהעאטערע, אונ גרויסע קאפיטאלען בארעס געלד, זיי שטעלען פאר די שענסטע אפערעטען, קאמעדיען, טראגעדיען, אונ מאכען דער מיט גרויס פורור. אט האבען אונזערע מחברים זיך גענומען שרייבען פיעסען פאר די ביהנע. מאנכען אונ מאנכע איז געלונגען, אונ מאנכע זענען ניט אזוי קאם־איל־פא... אונ דאס פאלק וואלט זיך געקאנט באגעהן אהן די שלעכטע פיעסען, ווי צום בייספיל: דעם ה' גאלדפאדען האט געלונגען די פיעסען "שולמית," *) "בר כוכבא" ד"ר אלמאסאדי, די איבעריגע זיינע פיעסען וואלטען מיר גאנצליך מוחל געווען. דעם ה' שאיקעוויטץ האט געלונגען די פיעסען: "בוז" "בעל תשובה" קאטארזניק". ווען ער וואלט דעם "לעבעדיגען טוידטען" ניט ארויף־געפיהרט אויף דער ביהנע, וואלטען מיר נאך איהם קיין בית־דין שמש ניט געשיקט רופען. דער "פראצענטניק" האט אויך געקאנט בלייבען זיטצען צו הויזע. צוואר די

מיר, אט אזוי וועט זיין ובא לציון גואל, אז משיח וועט אם ירצה השם קומען וועט אויך איינער פון דעם אנדערען ניט וויסען.

*) די פיעסע "שולמית" האט אונזערער פוארשעוועער, ה' י. בארנאם איבערזעטצט אין די פאלנישע שפראכע. אונ עס האורע געשפילט אין טהעאטער "אלהאמבראַ"

קריטיקע דער פון איז זעהר וויכטיג, נוטצליך פיר דאס לעזע־פובליקום, אבער ניט פאר די ביהנע. אזא פראצענטניק מאכט אונז הרפות בזיונות פאר אלע קריסטען, און אויב יעמאנד וועט מיר פרעגען: וואריום ביי אללע פעלקער ווערען קריטיקירט פערשידענע געגענשטאנדע אין טהעאטער, נייע פעהלערען זא ווי אלטע פעהלערען, מען שעמט זיך פאר קיינעם ניט, מען זאגט אללעמען דעם אמת נאר א יוד האט מורא פאר אקראמטץ... פאר אקיטצעל... פאר אשנעל אין דער גאז, אפילו אשלעכט ווארט קאן ער ניט אראפ שלינגען און פארדייען, פאר וואס זאלל מען דעם אמת ניט זאגען? בעססער אשלעכטען ווארט נאר אמת, ווי אגוט ווארט—אליגען...

„אמת"— וועל איך יענעם אנטווארטען — דער בעסטער ליגען איז דער אמת...

מען דארף קיין ליגענד זאגען. נאר דעם אמת זאגען איז מען אויך ניט אלע מאל מחויב. און דעם בעוויז פון אללע פעלקער קאנען מיר אויך ניט אננעהמען פאר בארע מזומנים. אט צום בייספיל אין פראנקרייך ווערען די רעגירונגס־בעאמטע קריטיקירט אין טהעאטער, אויך אין רוססלאנד ווערען אין טהעאטער די פאבריקאנטען און קופלייטע קריטיקירט. דאס פובליקום זעהט נור, אויב דער אקטאר האט גוט געשפילט זיין ראללע, גיט מען איהם אגרויסען דאנק, און אויב די זאכע איז ריכטיג אדער פאלש דאס איז גיט קיינעמס עסק, ניט אזוי איז ביי יודען אין „יודישען טהעאטער", דער אקטאר קאן שפילען שלעכט וואס קאן ערגער ניט זיין. קוים האט ער געציינט א יודישען פעהלער, שרייט דאס פובליקום: ביס!... דער פעהלער מעג אלט זיין משותלחים יאהרען, טהוט מען איהם אן אנייעם ראק מיט אנייעם הוט און מען פאטאגראפירט עס, און מען העננט הערויס דאס בילד אויף אללע אפפענע פלאטצער און אין אללע גאססען, אויך אין פיעל הייזער... אלזא מוזען מיר זיין בעהיט פון זיך אליין חוזק צו מאכען. אט פיעסען ווי „אוריאל אקאסטא", „זשידאווקא" נעהמען מיר אן זעהר גערנע און מיר דאנקען די פערפאססער און איבערזעצטער פון אונזער טיפען הארצין, אבער ניט אזעלכע וואס מיר האבען דא ערקלארט אז זיי טויגען פאר אונז ניט.

איך וויים גאנץ גוט דאס די לעזער ליעבען צו הארען ווען אקריטיקער זאגט „שלעכט" פאר וואס עס איז שלעכט. זיי גלויבען איהם ניט אויף זיין ווארט, דארום האב איך אייגענטליך געברויכט ערצאהלען די סיוזשעטען (אינהאלט) פון די שלעכטע פיעסען, און ציינען שווארץ אויף ווייס זייערע פעהלערען. נאר איבער פערשידענע אורזאכען קאן איך יעטצט ניט איבער־געבען אללעם וואס איך האב געזעהן, געהארט און פארצייכענט אין מיין טאגע־בוך, פיליכט וועט עס מיר געלינגען אין אנאנדער צייט, די סצענען וועלען קיין מאהל ניט אלט און עובר זמן ווערען, נאר נאך איינינע

---

היר אין ווארשא, אויך אין לאדז פלאצק. די פאליאקען זענען געווען זעהר צופרידען, יעדען אבענד וואר דאס טהעאטער "אלהאמבראֿ" פול מיט מענשען. וואו עס ווייזט אויס וועט דער ה' בארנאם איבער־זעטצען די איבעריגע פיעסען אויך. און ווי מיר האבען גיהארט זעטצט איבער דער געלעהרטער ה' ליכטענשטיין די אללע וויכטיגע פיעסען אין דער רוססישער שפראכע

(הויז-פריינד)

ווארטען פון ,יודישען טהעאטער" וועל איך יעטצט ערצאהלען, נעהמליך:

אים יאהרע 1884 האבען יודישע אקטיארען, ה"ה גינזבורג, ווינשטיין א. ז. וו. געעפענט א יודישען טהעאטער היער אין ווארשא, בשותפות מיט ארוסישע קאמפאניע דאס הייסט: די יודען האבען געשפילט אונ שטארק געארבייט. יעדען אבענד וואר דאס טהעאטער פאל מיט געסט. די איינאהמע וואר פיעל אונ די רוססען האבען געצאהלט די יודען גאזש. צוויי יידען זענען אבער געוועזען די רעזשיסארען. דאס הייסט: אמאל דער, אונ אמאל יענער, ביידע צוזאממען – חלילה... אונ אזוי ווי ביי אללע וויכטיגע זאכען איז קיין אחדות ניטא. אזוי איז געוועזען דער פאל ביי דעם יודישען טהעאטער, אט האט איין יוד בעזיגט, אונ האט דעם צווייטען יודען פאר־טריבען פאן טהעאטער... אט האבען זיי זיך איבער־געבעטען, אונ באלד פאר קעהרט, אונ באלר ווידער פארקעהרט, אונ באלד נאך אמאהל פארקעהרט, אונ באלד גאר פארקעהרט, אונ ביידע זיך פערנאייניגען האבען זיי ניט געקאנט, אזוי איז געוועזען אין אדעססא, ביז מען האט דארט דעם יודישען טהעאטער פארמאכט, אונ אזוי איז געוועזען אויך היר אין ווארשא.

* *

*

מיר ווילען יעטצט ניט קריטיקירען פעהלערען... נאר איין פעהלער וואס אללע יודען כמעט אהנע אונטערשייד בעזיטצען איהם, וועגען דעם פעהלער ווילען מיר איצט ניט רעדען, דער פעהלער דער־שטיקקט ביי אונז פיעל גוטע מעשים, דורך דעם פעהלער זענען מיר צוויי מאל פון אונזער היילגע לאנד פארטריבען געווארען, דער פעהלער בייגט איין אונזער קאפף ביז דער ערד. אונ דער פעהלער עקסעסטירט נאך ביי אונז עד היום, זיין כשרער נאממען איז „מחלוקת", אונז אללע יודען בכלל אונ בפרט, פעהלט „אחדות"; זאגט איינער דאס, אנטווארט דער צווייטער יענס... וויל איינער עססען, לייגט זיך דער צווייטער שלאפען... האט איינער קיין כח צו ריידען, זינגט דער צווייטער צו־הויך... אונ דאס אלס שטאממט אב פון די שלעכטע ערציהונג, אללע שלעכטע זיטען אונ אויך „מחלוקת" שטאממען פון די שלעכטע ערציהונג. דאס קינד הארט „מחלוקת" ביי זיך צו הויזע... אין חדר הארט ער ווי דער רבי קריעגט זיך מיט דער רביצין, ער הארט מחלוקת אין בית־המדרש, אין גאסס, די מחלוקת ווערט ביי איהם איינגעווארצעלט טיף אין הארצען, אונ די אונארדנונג בלייבט בייא איהם א געוואהנהייט אויף אייביג, ווען ער קומט נאכהער אין אגעזעלשאפט, אין טהעאטער, מיינט ער דאס ער איז צו הויזע אדער אין חדר אדער אין בית־המדרש... דאס יודישע טהעאטער וואלט פיעל נוטצען געבראכט דעם יודישען פאלק: עס האט ערשט אנגעפאנגען צו בליהען עס וואלט מיט דער צייט געקוממען צו דער מדרגה ווי אללע אייראפייעשע טהעאטערם. נו איז ניט אחרפה אונ אשאנדע צו ערצעהלען דאס יודען האבען מיט זייערע אייגענע הענד צערשטערט זייער גרויסען בנין וואס פיעל פאמיליען האבען פון דעם געלעבט. עס קריינקט מיר גענוג

צו שרייבען אזא וואהרהייט.

נאר שלמה המלך ע"ה האט געזאגט „טובה תוכחת מגלה מאהבה מסתרת. נאר גענוג, עד כאן; עס איז צייט איך זאלל אויפהערן. איך זאלל אויף איין מאהל ניט אויסגיעסען מיין ביטער הארץ. איך וועל ענדיגען מיט א ברכה: געבע גאטט דאס יודישע טהעאטער וואס איז געגרינדעט פון גאלדפאדען זאל נאך אמאל יודען נוטצען ברענגען.

יחיים מזה.

# ר' אברהם גאלדפאדען

## (איינע קורצע ביאגראפיע)

ר' חיים ליפא גאלדענפאדעם א בכבודיער יוד, איין אוהר־מאכער, קינסטלער אין זיין פאך, וואס וואהנט אין קאנסטאנטין ישן (וואהלינער גובערניע) יעצט א יוד פון א יאהר עטליכע אונד זיבעציג, ארבייט נאך די מלאכה אונ פערדיענט ערליך זיין שטיקל ברויט. ער איז דער איינציגער בעל מלאכה אין שטאדטיל, וואס האט תמיד הנאה געהאט אריין־צו־קוקען אין א יודיש ספר, אונ דרום האט ער ניט געשפארט זיין לעצטען מיט שוויים פאר הארעוועטען גראשען, צו לערנען זיין עלטערען זוהן אברהם (אונזער בעריהמטער פאלקס־פאעט) לשון קודש, אז אברהם איז א היים געקוממען פון דעם גמרא מלמד, האט ער שוין געטראפען א לעהרער וואס האט איהם געלערענט דייטש, רוססיש אונ תנ"ך מיט דייטשער איבער־זעטצונג, זיין פאטערס וואונש איז ערפיללט געווארען, די זאמען וואס ער האט געזייעט אויף דעם יונגען קינדערשען הארץ האבען שנעלל פרוכטע געטראגען; דענן נאך אללם קינד אונגעפעהר פון צעהן אדער עלף יאהר האט ער אויסער וואס פיעלע קאפיטלעך פון תנ"ך אויס־ווענינ געזאגט, אויך דעם ערשטען שיר געשריבען אין העבראישע שפראכע מיט דעם נאמען „פדיון הבכור".

אין דער צייט איז ארויס דער אוקאז צו גרונדען אין יודישע שטאדט „יודישע קאזאנע שוהלען", אונ יעדעס קינד וואס וועט בעזוכען די שולע וועט בעפרייט ווערען פון רעקרוטען. דא האט זיך אנגעהויבען א גוואלד צווישען די פאנאטיקער „מע וויל זייערע קינדער אין די שולען אויסשמאדען"! יעדע קלאססע האט זיך צוריק־געצויגען, די גבירים קינדער זענען געווען באווארענט

מיט געלד, די מוהטים האבען געמוזט זייער שוטץ ביי „גוטע יודען“ ; דער איינציגער גורל איז געפאללען, נעבעך, אויף דעם ארימען בעל מלאכהים קינד, פאר איהם זענען געבליבען די צוויי וועגען: ענטוועדער „סאלדאט“ אדער „אין דער שוהלע“. אברהם'ס פאטער אבער האט זיך מיט פריידע געוואהלט דעם צווייטען וועג, אין וועלכען זיין קינד קען בעפרייט פון רעקרוטמען דורך בילדונג. אונ אזוי איז אברהם געווען פון די ערשטע קינדער וואס האבען בעזוכט די שוהלע, אין א פערלויף פון דריי יאהר האט ער געענדיגט די שוהלע מיט איינער אויסצייכנונג (פערוואיא נאגראדא) אונ זיין פאטער האט איהם באלד אוועקגעשיקט נאך זיטאמיר (אים יאהר 1857), אום אין דער דארטיגער ראבינער־שולע זיין שטודיום פארט־צוזעצען.

א פרעהליך שטיקיל צייט איז דאמאלס געווען פאר זיינע חברים (מיט־שיהלער): די זאאלען פון אללע קלאססען האבען געהילכט יעדען טאג פון די טאגע, וואס זיינע חברים פלעגען זינגען זיינע לידער אין דער העברעאישער שפראכע, ווי אויך אין זשארגאן.

אין יאהר 1865 איז ארויס זיין ספר „ציצים ופרחים“ (זאמלונג פון העבראישע שירים) אין יאהר 1866 — „דאס יודעלע“ (זאמלונג פון יודישע פאלקס־לידער) אין דעם זעלבען יאהר האט ער געענדיגט די ראבינער־שוהלע מיט איין אטעסטאט, אונ די רעגירונג האט איהם בעשטימט פאר־א קאזאנעם־לעהרער אין דער סימפעראפעלער שולע, דער נאך אויך אזא שטעללע אין אדעססא.

68 רובל מיט קאפיקעס פיר א חודש האט דעמאלס בעקוממען א לעהרער געהאלט. ער האט זיך דאהער אב־געזאגט פון דער לעהרער־שטעללע אונ איז אוועק־געפאהרען נאך לעמבערג, דארט האט ער ארויס־געגעבען א זשארגאן־בלאטט פאר רוססישע יודען מיט דעם נאמען „ישראליק“. מיר רוססישע יודען געדענקען נאך גוט מיט וואס פאר א פערגעניגען מיר האבען געלייענט דאס בלאטט. נאר צום בעדויערען האט דער „ישראליק“ איבער פערשידענע אורזאכען געהאט א בעגעשניטענע יאהרען, באלד איז ה' גאלדפאדען אוועק־געפאהרען נאך טשערנאוויץ אונ דארטען הערויס־געגעבען דאס בוקאווינער איז־ראעליטישע פאלקס־בלאטט“ אין יאהר 1876

אין דער צייט האט ה' גאלדפאדען בעקוממען א בריעף פון זיינע אבאנענטען אויס יאססי (רומעניען) וואס דארין האט מען איהם פאר־געלייגט די רעדאקציאן פון דעם בלאטט נאך יאססי איבער־צו־טראגען, ווייל יאססי רעכענט זיך פאר איינע פון די גרויסע יודישע שטאדט אין רומעניען.

צו דעם צוועק איז ער נאך יאססי געקוממען, אונ דא האט זיך ערעיגנעט דער פאלל וואס האט געהאט אזא גרויסע בעדייטונג אויף זיין גאנץ צוקינפטיגען לעבען — מיר מיינען דעם יודישען טהעאטער“ וואס ה' גאלדפאדען האט געגרינדעט.

אין יאססי האט ה' גאלדפאדען געהארט זינגען צווישען נאך אנדערע לידער אויך זיינע. אונ זיצענדיג איין מאהל אין אזא הויז איז איהם דאס ערשטע מאל געקומען אויף דער מחשבה, די אייגענע לידער אין פערבונדונג מיט פראזא אונ מיט א קליינעם אינהאלט אלס טהעאטערשטיק פאר דעם פובליקום פאר־צו־שטעללען. דער פלאן איז געוועזען פארטיג, אונ חוה"מ סוכות 1876 האט ער געלייגט דעם ערשטען גרונדשטיין צום פונדאמענט פון דעם "יודישען טהעאטער".

אזוי ווי דאס יודישע טהעאטער איז נאך דענסמאל זעהר יונג געוועזען אונ די טאלענטע, פון די עטליכע פלומערשטידיגע אקטיארען זענען נאך אויך ניט געוועזען ענטוויקעלט, איז ער געצוואונגען געוועזען אנפאנגס קליינע, לייכטע "וואדיווילס" דריי אקטיגע שטיקע פאר דער יונגער יודישער ביהנע צו שרייבען. פון יאססי איז ער דאנן געקומען נאך "באטושאן", "גאלאטץ" אונ ענדליך נאך "בוקארעשט". אין דער צייט האט ער פאלגענדע שטיקע געשריבען: 1) "די רעקרוטען" 2) "די באבע מיט דעם איינקל" 3) "די אינטריגע אדער דוואסע די פליאטקעמאכערין" 4) "שמענדריק" 5) "די קאפריזנע טאכטער" אדער "קבצנזאהן עט הונגערמאנן" 6) "די שטומע כלה" 7) "איקם מיקם דריקם" 8) "די שוועבעלעך" 9) "דער קאטאר" 10) "פיער פאר פארצעליינע טעללער" 11) "ברייינדעלע קאזאק" 12) "די כשופמאכערין" 13) "ני בע, ני מע, ני קוקוריקו" 14) "דער פאדראטשיק" אדער "רוססישע־טירקישער־קריעג".

אז דער רוססיש־טירקישע קריעג האט זיך געענדיגט, איז ער מיט דעם טהעאטער נאך אדעססא געקומען, אונ פון דארט מיט זיינער טרופפע רייזען געמאכט אין גאנץ רוסלאנד, איבער־הויפט אין די רוססישע גרויסע שטאדט: חארקאוו, מאסקווא, פעטערסבורג. אין דער צייט האט ער די פאלגענדע שטיק געשריבען: 15) "דער פאנאטיק" אדער "די ביידע קוני־לעמעל". 16) ד"ר אלמאסאדא" 17) "שולמית" 18) "בר כוכבא".

אזוי האט ער געשפיעלט אין רוסלאנד אונ איבעראלל דעם בעסטע ביי־פאל געהאט, ביז מע האט דעם יודישען טהעאטער פארבאטען 14) טען סעפטעמבער 1883).

ווי א פערצווייפעלטער פאטער איז ה' גאלדפאדען נאך פעטערסבורג געאיילט, דאס לעבען פון זיין קינד צו ראטעווען. נאר עס האט גאר ניט געהאלפען.

די אקטערען פון גאלדפאדענס טרופפע, זענען נאך אויסלאנד געפאהרען, אונ שפיעלען זיינע פיעסען אין רומעניען, גאליציען, לאנדאן אונ אין אמעריקא.

אין 1886 האט ה' גאלדפאדען א קורצע צייט געפיהרט דעם יודישען טהעאטער אין ווארשא.

אין 1887 איז ה' גאלדפאדען פון ווארשא קיין אמעריקא געפאהרען, פיל מענשען האבען מיט טרעהרען אין די אויגען בעלייט אונזער אלטען ליעבען פאלקס־פאעט אונ איהם פיעל גוטס געוואונטשען אויף דער נייער וועלט.

ה' גאלדפאדען וואהנט איצט אין ניו־יארק אונ גיט הערויס די ניו־יארקער "יודישע אילוסטרירטע צייטונג".

# צו א. גאלדפאדען.

(געשיקט צו זיין געבורטסטאג).

---

דו זינגסט ווי א פייגעלע א ליעדעל
זינגען איז דיין נאטור, ווערסט ניט מיעד,
וייל דיין הערץ איז א געבוירענער פידעל
וואס דו זעהסט איז בא דיר א ליעד!

(מ. גארדין)

.1

דער גרויסער פאעט, די נאטור דער וועלט,
דער גרעסטער קינסטלער, מוזיקאנט,
האט זיך דיר אין טרוים פארגעשטעלט,
אונ האט דיר געגעבען א פידעל אין דער האנד,

.2

ער האט דיר ענטדעקט: ווי מיט א סטרינגע
זאללסט די קענען ריידען מיט איין הערץ,
דעם צו מאכען א פריילינע מינע,
אונ דעם אנדערן א ביסעל שמערץ,

.3

דער פידעל איז דיין הערץ וואס איז היטציק,
אונ די געפיהלע, די נאטען ביינע,
די פעדער דיענט דיר פאר א שמיציק.
אונ די ארייע איז אידעשן פיינע!

.4

ווען די פעדער גיט זיך אין הערץ א ריהר,
פליהט א ליעד, א ארייע ארויס,
מע דארף קיין שוועץ, מע דארף קיין שמיר,

דיין טאַלענט איז אַלליין זעהר גרויס,

.5

דיין קראַפט צום שרייבען איז זעהר גרויס,
אונ דאַס הערץ עדעל אונ פיין,
אונ ווייל דיין וואָרט געהט פון דעם הערץ אַרויס,
פליהט עס גלייך אין הערץ אַריין!

.6

אידעאַלען־דיכטער זענען דאַ אַ ים,
דער שרייבט פון דער זאַנן, דער פון דער לבנה,
דיכטען הייסט ביי זיי אַ גראַמם,
אָבער גאָר ניט דאַס איז דיין כוונה!

.7

ביי דיר איז דאַס לעבען דער פונדאַמענט,
אונ דער נוטצען נור דער קאָפּ,
יעדער סטראָף האַט גלייך פיער ווענד,
אונ דער ריים איז אויך גלאָפּ,

.8

אין יעדער שורה איז דאַ אידעאַ,
דיין יעדעס וואָרט איז פאַלל הומאָר,
ווען מע זינגט עס מיט דער מעלאָדיע,
דאַרף מען שוין קיין בעסער קאָהר,

.9

דאַס ווייסט יעדער מן הסתם פאַראויס,
ווייל דאַס איז שוין איין אַלטער כלל,
ווי באַלד דיא ביהן גיט דעם האָניג אַרויס,
גיט זי אויך דער ביי דיא גאַלל,

.10

דיינע געדיכטע זענען אויך ניט גלייך,

אט מאכסט דוא דעם לעזער דאס הערץ שווער,
אט מוז ער מהון דא א לאך,
און לאזען באלד דארט א טרעהר,

.11

דוא שרייבסט דיין ליעד חאטש ווילסט עס ניט,
נור מוזט עס שרייבען פאר דער צייט פריהר,
ווייל דער גייסט צוקאכט דאס בלוט,
און דאס הערץ ציהט צום פאפיר!

.12

שרייב מיין פריינד, שרייב דיינע ליעדער,
דרוק זיי, שיק זיי אויף דער וועלט,
גלייב, עס וועלען זיך געפינען גוטע ברידער,
וואס וועלען דיר דערפאר באלאהנען געלד!

.13

און ווען קיין געלד איז דיר אפילו באשעהרט,
מעגסט דו דערמיט אליין זיין צופרידען,
וואס האסט זיך געקויפט א גרויסע ווערט,
צווישען אללע רוססישע יודען!

.I4

ביזט איינגעבאקען אין יעדער הערצען,
דיין נאמען ווערט דערמאנט אין יעדער שמיעס,
ווייל דיין ערנסט אויך דיין שערצען,
איז דאך נור ווי צוקער זיס!

.15

אויך איך דיין פריינד ווינש דיר גליק א סך,
די פארטונע זאל דיר דיענען וויא איך ווילל,
און ווען מיין פעדער איז דיך צו לויבען שוואך,
דערפאר איז דאס הערץ פילל און פילל!...

פ. זאמאָיטשין.

# בעריהמטע יודישע פרויען.

## לינא מארגענשטערן.

מיין הויפטצוועק מיט דעם ארטיקעל, ליעבע לעזער, איז איך פיעל פערגעניגען פערשאפען, ווען איהר וועט לעזען די ביאגראפיע פון דער מערקווירדיגער פרוי, לינא מארגענשטערן, א אייראפעאישע זעלטענהייט, אז פון יודישע טאכטער קען ארויס קומען אזא שאטין, און נאך מעהר: שפילען אזא גרויסע ראלע אין דער הויכגעבילדעטער וועלט! איהר ביאגראפיע איז שוין בעשריבען אין אללע אייראפעאישע שפראכען.

לינא מארגענשטערן איז א הויכע, געזונטע פרוי מיט זעהר אליכטיגען שאנען געזיכט, קלוגע הלויהע אויגען מיט א מילדע, זאנפטע מינע, געקליידעט זעהער איינפאך, נור זא עדעל און פיין, וואס גיט איהר צו מעהר חן. יעדעס ווארט איז איינגעזאפט מיט אמתע הערצליכקייט, וואס ציהט באלד צו יענעם הארץ צו זיך. א פרוי פון עטליכע און פופציג יאהר. אויסרעכענען אין גאנצען איהר טהאטיגקייט זיינט זי לעבט איז ניט אין פלאן פון דעם ארטיקעל — מיר וועלען דא נאר ערצאהלען דעם עיקר,

פרוי מארגענשטערן איז געבוירען אין ברעסלוי ביי רייכע עלטערן, וועלכע האבען איהר געגעבען אגוטע ערציהונג און א הויכע בילדונג. פון קינדהייט אן האט זי זיך אפט פערטראכט וועגען דער לאגע פון אונגליקליכע מענשען, און געזוכט מיטטעל זיי צו העלפען. מיט דעם טייערען געפיהל איז דורכגענומען איהר גאנצער לעבען, ווען זי איז קוים 18 יאהר אלט געווארען, האט זי שוין געגרינדעט אין איהר געבורטס־שטאדט א דאמען־געזעללשאפט, אויס־צו־האלטען ארמע שול־קינדער. מיט דעם האט זי פיעל הונדערטער קינדער אויסגעהאלפען פון דער שווערער נויטה. באלד נאך דער חתונה איז זי מיט דעם מאן איבער־געפאהרען נאך בערלין, אז זי האט אנגעהויבען זיך צו ריכטען זיין א מוטטער פון קינדער, האט זי געוואלט וויסען ווי א מוטטער צו זיין. און האט אנגעהויבען זיך צו בעקאנען מיט די אללע רעגעלן פון גוטער קינדער־ערציהונג. באלד דארויף האט זי ארויס געגעבען א טייער ווערק: „קינדער גן עדן" ד. ה. ווי מוטטער זאלען זייערע קינדער גוט ערציהען. אויך פערשידענע ביכלעך פאר קינדער, האט וועגען דעם פיעל מאל פארגעלעזען אין גרויסע געזעללשאפטען. דער־נאך האט זי די ערשטע איינגעפיהרט קינדער־גארטנער. פיעל שלעפעריגע מוטטערס האט זי ערוועקט פונם שלאף צו טהאטיגקייט און האט דאמיט פיעל דאנק פון אללע, רייכע גרויסארטיגע דאמען פערדינט.

אין דעם פרייסיש־אויסטרייכישע קריעג אין יאהר 1866 ווען איבער דער מלחמה זענען געווען געשטערט אללע געשעפטען און מענשען טויזענדער זענען כמעט געפאלען אין די גאססען, איז פ. מארגענשטערען די ערשטע ארויס־געטרעטען מיט הייסע פלאמענדע רייד, מיט פייערדיגע לעקציעס און האט ערוועקט דאס פאלק מע זאל עפענען פאלקס־קיכען פאר דאס ארימע פאלק.

אירע הייסע רייד האבען אזוי געווירקט, אז אין צוואנציג טעג ארום איז שוין געווען געארדנעט א קאמיטעט, וועלכער האט באלד געעפענט די ערשטע וואלוועלע קיך אין בערלין, און גאר־גיך איז שוין געווען 16 קיכען פאר געמיינע מענשען.

די קעניגען אויגוסטא זעלבסט האט זיך אויך אין דעם זעהר באשעפטיגט און איז אליין געקומען צו זיין ביים עפענען פון יעדער נייע קיך, איז געבליבען העכסט צופרידען מיט פ. מארגענשטערען, האט מיט איהר זעהר־פריינדליך גערעדט און געדאנקט.

באלד האט זי בעקומען א בראנזאווע מעדאליע און א עהרען־דיפלאם. אויף בערלין קוקענדיג האבען זעלבע פאלקס־קיכען זיך געעפענט אין ברעסלוי, וויען לעמבערג, ווארשא, האנאווער און נאך אין פיעל גרויסע שטאדט, מע האט אנגעהויבען רעדען וועגען דעם אין פעטערסבורג דאס ערשטע מאל. מע האט איבערזעצט אויף רוססיש פרוי מארגענשטערנס בראשורע וועגען דער „פאלק־קיך". זי האט די קיכען געשטעלט אזוי פעסט אז מע האט צו זיי גאר ניט דערלעגט און מע פלעגט ארויס געבען א יאהר מעהר אלס 2,000,000 (צוויי מיליאן) פארציעס פרישע, זאטיגע און געזונדע שפייז פאר א קליינינקייט אדער אומזיסט. פון דעם איז ארויס געקומען זעהר־פיעל: פ. מארגענשטערען איז געקומען אין בעריהרונג מיט דער וועלט. מיט אללערליי קלאססען מענשען, וועלכע זי האט זיי געלערענט און געוואוסט ווי זייערע הערצער צו געווינען פיר די גוטע מעשים און צדקה פיר ארימע לייט. באלד האט זיא ארויס געגעבען א ווערק: „פונ'ם פאלקס־לעבען" און נאך איניגע ביכליך אין וועלכע זי דערוועקט די רייכע קלאססע זיך ארום קוקען אויף זייערע ארעמע ברידער.

נור אזא נאטור וואו זי קען ניט בלייבען ביי איין זאך. די איבער־געפיללטע מענשען־ליעבע אין איהר הארץ לאזט זי ניט רוהען און טאקע באלד זעהן מיר זי ווי זי גרינדעט א נייעם וואהלטעהטיגען דאמען־קאמיטעט: אויס־העלפען ברוסט־קינדער פון ארעמע אונגליקליכע עלטערען וואס די מוטטער איז געשטארבען אדער קראנק און ארעם. דארט האלט מען אויס דאס קינד ביז דריי יאהר.

דער־צו האט זי באלד געבילדעט נאך א קאמיטעט וועלכע האלטען אויס אונגליקליכע פערשולדיגע מיידעלעך נאך דער שטראף, וואס גרעסטענס טהייל ווערען אזוינע מיידליך גאר פערפאלען, ווייל קיינער קוקט אויף זיי ניט, קריכען זיי ווייטער אין זינדיגען לעבען אזוי ווייט, אז מע קען זיי שוין ניט רעטען. איהר אבער צו פארדענקען רעטעט מען אפ טויזענדער נפשות, מע־

מאכט זיי ניצליך פאר זיך אונ פאר דער וועלט. דארטען לערענט מען זיי א ארבייט, מיט וואס זיי קאנען שוין זיך אליין שפייזען. דאס אללעס טהוט זי פאר אללע גלייך — סאי יודען סאי קריסטען, אונ סאי מאהאמעדאנער פון (טערקישע אמונה). זי ווייזט אז א יודעש הארץ קען ליעב האבען יעדען מענשען אונ פאר יעדען זארגען, ניט ווי אנטיסעמיטען זאגען, אז די יודען האבען פיינד אללע פעלקער אונ ווילען זיי נאר אויסזאפען.

פרוי מארגענשטערען האט זיך גענומען אויס־בעסערען די לאגע פון פרויענצימער מע זאל זיי געבען פראוועס מע זאל זיי צו לאזען צו אללערליי באשעפטיגונגען גלייך ווי די מאננער. דאריבער האט זי געוואלט אויפהייבען דעם שטאנד פון זייער בילדונג. זי וויל ווייזען אז פרויען קאנען אויך בילדען פיינע קאמיטעטען גרינדען הייזער פון צדקה וגמילות חסדים, אונ אנטהייל־נעמען אין אללע גוטע מעשים. אט מיט א וואס פאר א גאנג זי האט זיך גענומען צו רעשען דען פרויען־וואפראס. זי גיט מיט זיך א פרימיער ווי מע בארף רעשען אויך דען יודישען וואפראס — אויך מיט אזא גאנג. דען מיר זעהן ווירקליך אז זי האט פיעל אויסגעיעט. זי האט פערברייטעט די בילדונג צווישען פרויענצימער, זיי געלערענט וואס זיי האבען צו טהון, ארויס געגעבען א ווערק: „די בעשטימונג פון די פרויען“ — דארט ערקלארט זי, אז א פרוי דארף פריהער פון אללעס זיין א טריי ווייב, א ליבע קלוגע מוטטער, א קינדער־ערציהערין אונ א ווירטהין. זי בעווייזט אז א פרוי קאן זיך אזוי הויך בילדען וי א מאנספערזאהן, ווען סע איז נאר מעגליך. זי האט מאקע אליין געעפענט א אקאדעמיע פיר־פרויענצימער פון הויכע בילדונג, דאס האט זיך שטארק ענטוויקעלט דער־נאך, האט געהאלטען 14 גרויסע לעהרערינס אונ זי זעלבסט זאט דארט אללע טאג 5 שטונדען פאר מיטאג פארבראכט, האט געלעזען ארט לעקציעס וועגען קינדער־ערציהען.

אין דעם פרייסיש־פראנצייזישער קריעג אינ'ם 1870 יאהר זעהן מיר ווייטער ונזער שוועסטער מארגענשטערען ווי זי פיהלט הייסע ליעבע צום פאטער־לאנד. י א העלד האט זי ארויס־געטרעטען צום פערזארגען מיט געזונדע פרישע שפייז ללע סאלדאטען, וועלכע געהן איבער בייდע בײַליניער וואגזאלען, פ. מ. זארגט יר די געראניעטע, בעווייזט אומעדום געניטשאפט, מוטה אונ ליעבע, ערוועקט ען מיט איהרע הייסע רייד, גיט מוטה די אונגליקליכע. איהר זעלבסט־פפערונג אונ פערדיענסט פאר דער ארמעע איז געוועזען אזוי גרויס געשעצט, ז באלד נאך דער קריעג האט דער קייזער ווילהעלם, אונ אללע דייטשע זאניגע אונ פירשטען האבען זי אפגעשיט מיט מעדאליען אונ דאנק־צייכען.

די קאיסערין אויגוסטא האט איהר געשענקט א גאלדענע בראשע מיט דאנק־בריעף אין גאנצען מיט אייגענע האנד־שריפט געשריבען. פון דאמאלס ן איז פרוי מארגענשטערין מיט איהר גאנצע פאמיליע זעהר גרויס געווארען יי דער קאיסערין, וועלכע האט איהר תמיד פיעל גנאדע בעוויזען. איהר רייב־טאלאנט איז צום בעוואונדערען: אין איין צייט ווען זי איז זא איבער־

הויפט מיט ארבייט ווי מיר האבען געזעהן, לאזט זי ארויס פיעל וויכטיגע ביכער פון פערשידענעם אינהאלט, נור איבער־הויפט לעהר ביכער פיר יעדע מוטטער ווי קינדער ערציהען און א הויז־ווירטין זיין.

זי לעזט פיעל לעקציעס, וועלכע ווערען נאכהער אבגעדרוקט און צוהויפט פון די גרעסטע געלעהרטע.

שוין צייט א יאהר אז זי האט זיך פערטראכט צו געפונען א מיטטעל, אז די מארק־שפייזע זאל ניט זיין אזוי אונטער־ווארפען און אין גאנצען אין די הענד פון די טארגאווקעס. וואס נעהמען די גרעסטע פרייזען, ווי פיעל זיי ווילען. דערצו האט זי געארדנעט א דאמען קאמיטעט מע זאל ניט דערלאזען אומזיסט הייבען די פרייזען. פ. מארגענשטערן איז שוין זייט עטליכע יאהר א רעדאקטארשע פון א זשורנאל, וועלכער איז ספעציעל פיר פרויען בעשטימט. דער־זשורנאל געהט אין אללע גרעסטע הייזער, דארטען קומען פאר פון אללערליי ווירטהשאפט, וועגען קינדער־ערציהונג, שיינע קינדער־ערציילונגען, ביאגראפיעס פון אללע גרעסטע פרויען, זייער פערדינסטען און מעשים טובים. ניט לאנג האט זי געגרינדעט א קיך־שולע, וואו מע לערענט קאכען נאכן דיעט, די שולע בעזוכען גרויסע דאמען. יעצט האט זי ארויס געלאזט א קאך־בוך, וואו עס ווירד געלערנט 2300 פערשידענע געריכטען פאר געזונדע און אויך פיר קראנקע, ווען זיי הייבען אן צו־זיך צו קוממען, זי איז א מיט־גליד און די ערשטע פערזאן אין אללע וויכטיגע געזעלשאפטען. אזא פרוי איז ווירקליך א זעלטענהייט פון דער נאטור, דען זיין א יודישע טאכטער, און קענען אויספעיען אזוי פיעל! מע דארף ניט פערגעסען אז אויפפיהרען נייעס איז שווער יעדען, אפילו דעם גרעסטען, דען ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי ס'רעדט זיך.

מיט פ. מארגענשטערן האט זיך איבער־געשריבען א רוססישער געוויסער פעדאגאג, באראן קארף פון פעטערסבורג (יעצט טויד) וועלכער שרייבט אויף איהר: איך האב גענוממען די פעדער אום בעקאנט צו מאכען דאס רוססישע פובליקום מיט דער דייטשען זעלטענהייט, ווייזען וואס פאר א מוטטער, א ווירטהין, א ליעב ווייב עס קען זיין. זי דארף זיין א ביישפיעל פיר רוססישע פרויען, אזא פאללקאממענע נאטור.

„דאס איז א פילאסאפין, א פעדאגאגין, א עקאנאמיסטין, פילאנטראפין, א שריפט־שטעללערין און א אלגעמיינע גוטעס־טהוערין!"— אזוי שרייבט אויף איהר א רוססישער גרויסער מאן. מיין צוועק איז יעצט אויך צו ווייזען אונזערע יודישע שוועסטער, ווי פון אונז קאן זיין אזעלכע אנטיקען און וואס פאר א נאמען מען קען זיך פערדיגען דורך גוטע מעשים. דען דאס גאנצע פערדינסט פון דער זעלטענער פרוי, איז נור דורך איהר וואהרע מוטטערליכע־ליעבע צו יעדען מענשען. איטליכער איז איבער־צייגט, אז זי חנפט ניט קיינעם, נור זי רעדט פונ'ם טיפין הארצען און האט גרויס פערגעניגען ווען זי טהוט א מענצען גוטעס, און גוטעס טהוט זי זעהר פיעל, אויף יעדער טריט, פערדאנקענד איהרע גרויסע עשירות און בעקאנטשאפטען. יעצט איז זי שוין א פרוי פון 57 יאהר, נור

זי איז נאך מונטער, געזונד און פריילִיך ווי א יוגענד. זי האט אויסגעיעט ביז א העכער אנצושרייבען 398 לייט־ארטיקעל אין איהר זשורנאל. צו־דעם בלייבט איהר נאך צייט צו־זיין א מוטטער פון קינדער, זיי גוט צו ערציהען און השגחה געבען אויף דער גאנצען ווירטהשאפט. איהרע אלטע בעקאנטע זאגען, אז פרוי מארגענשטערין ווערט גאר ניט אלט. זי האט נאך דאס וועיכקייט און זאנפט־קייט פון דער יוגענד. יעדעס ווארט איז אנגעזאפטעט מיט מענשענליעבע און קלוגהייט.

ווי שאן איז דאס אז צו דעם איז זי א הייסע יודישע טאכטער! אזא מענש ווייסט די אויגען און די הויכע גייסטליכע אין בערלין מיט דעם געוויסען ײ טעקער דעם הויף־פרעדיגער האבען געגראבען און די וועלט געקעהרט זי זאל זיך טויפען, נור זי האט דאס גאר ניט געוואלט הערען, און איז ביז יעצט מיט איהר גאנצע פאמיליע יודען. אז דער שונא ישראל שטעקער האט געזעהן אז ער פיהרט מיט איהר גיט אויס, איז ער בייז געווארען און האט אנגעשטעלט א געבילדעטע דאמע זי זאל זי בעשרייבען — און זי האט ארויס געלאזט א בראשורע: „די זשידאווקא מארגענשטערין“. די נידעריגע פרוי, וואס האט זיא בעלידיגט האט דאך פון איהר גרויס גנאדע און שמיצע בעקומען. דער צו ווי גליקליך איז זי אין איהר פאמיליע! ביי איהר אין שטוב איז גאר א גן עדן. דער מאן מיט די קינדער פערגאטטערען זי און אללע די גאנצע פאמיליע איז ווי צו־נויפגעגאסען מיט הייסע ליעבע און טרייהייט. זי איז אמת גליקליך. ביי אונז ווען דאס קינד קאן עטליכע ווארטער פראנצויזיש, זא שעמט עס שוין פון דער מוטטער און פערשאפט איהר שמערצען, פאלגט ניט. איהרע קינדער זענען הויך־געבילדעטע און שעצען זי דאך אזוי, דען זייא זעהען וויפיעל די קלוגע מוטטער האט פאר זיי געטהון, און ווי געשעטצט און באליבט זי איז אין דער וועלט. דאס דאקאזעוועט אז א געלערנטע פרוי קאן זיין א גוטע מוטטער, א טרייע ווייב און א אויס־געצייכענטע ווירטהין. יעדעס קינד אין דער פאמיליע סטארעט זיך עטוואס נוצליכעס צו־טהון, פערגעניגען פערשאפען די איבעריגע. צווישען איהרע קינדער צייכענט זיך אויס א פריילין אלגא, וועלכע איז א זעלטענע שאנהייט, הויך־געבילדעט און טאלאנטפאלל. זי איז מיט־העלפערין אין איהר מוטטערס־זשורנאל און ניט קורסען פון שפראכען. באלד וועט ארויס איהר ווערק וועגען דער קונסט צו דעקלאמירען (פאר־לעזען). אט זעגען מיר, ליעבע לעזער, ביים ענדע פון פ. מארגענשטערנס ביאגראפיע. איך דענק אז איהר וועט לעזען מיט אזא הייסגיער ווי איך האב דאס געשלונגען ווען איך האב וועגען דעם געלעזען און געהערט, וועט אויפהייבען דעם קאפ פונים בוך און זאגען: אט א פרוי! און א יודין דער־צו! ... יא מיר מעגען זיך מיט איהר רידמען און גרויס־מאכען. רעכענט איבער וואס די פערזאן האט איבער געטהון אין איהר לעבען! איך בין געזאנגען מיט גאטטעס הילפע צו איבער־זעצען איהרעס א בוך וועגען פעדאגאגיום און קינדער־ערציהונג פיר אונזערע רוססישע יודישע שוועסטער.

ישראל גאמבערג.

# דער רעגען אונ די וואהרהייט.

פיעל בעטען גאטט דאס ער זאלל רעגען שיקקען,
מיט דעם צייטיגען רעגען די באגליקקען,
ווירקליך בריינגט דער רעגען נוטצען אויף דער וועלט.
פרישע נוטע לופט, אויך פרידען אין געצעלט.

וואו דער רעגען פאנגט אבער נאר אן צו געהן,
וויל קיינער בשום אופן ניט אונטער איהם שטעהן.
ניט איינער פון די בעטטער האבען איהם ליב,
יעדערער לויפט בעהאלטען זיך אין שטיב,

***

זא אויך די וואהרהייט, „וואו איזט זיא״? פראגען פילל,
עס שיינט זיא צו געפינען איזט זייער ציל.
דאך קוים ערשיינט זיא פאר זייערע אויגען,
אנטפליהען זיא ב א ש וואו א פייל פאן בויגען.

שר של ים

# משיח'ס ציטען (1

## פאן נ"ד האפפמאנן.

קיין שרעקליכערע אונד געפעהרליכערע ציטען האט אונזערע יודישע נאציאן ניט איבער געלעבט וויא אין דער צייט פון מיטעלאלטער (ימי הבינים). יעדער יוד וואס דערמאנט זיך אן דיעזע פינסטערע צייטען, ווערט אויסער זיך פון גרויס צער אונד טרויער. שרעקליך איז צו לייענען דיא בלוטיגע בלעטער פון דער וועלט־געשיכטע, וויא יודען װארען באמאלס פערפאלגט אונד אונטערדריקט. וויא אללע פאלקער פון נידריגסטען פאבעל ביז קעניגע אונד פירסטען האבען געזוכט דעם יודען צו פעריאגען אונד זיין בלוט וויא וואסער פערגיסען. קיין שרייבער איז ניט אין שטאנד ריכטיג אונד פינקטליך צו אבשילדערן אונד אויסדערציילען אללע אונזערע צרות אונד ליידען וואס מיר האבען דאמאלס אויסגעשטאנען. עס איז דריבער קיין וואונדער ניט, אז אין יענע טרויעריגע צייטען האבען זיך צווישען אונז יודען געיאוועט אזעלכע מענשען, וואס האבען זיך דיא גרעסטע מיה געגעבען צו טרעפין ווען דער קץ הפלאות וועט זיין, ווען משיח וועט קוממען אונד ווען אונזערע עלענדע ברידער וועלין פון זייערע גרויסע צרות אויסגעלייזט ווערין. אין יענע טרויעריגע צייט האבען פיעלע פון אונזערע ברידער אנגעפאנגען צוא צווייפלען אויב עס וועט גאר אמאהל א גאולה זיין, זייא האבען אין גאנצען זייער האפענונג פערלוירען, אז גאט וועט זיי נאך אמאהל אויסלייזין פון זייערע צרות. דערום האבען זיך דאן די גרעסטע חכמי ישראל פארגענוממען צו ערפרישען דיא האפפנונג אן דער גאולה, אונד צוריק איינצופלאנצין דיא אמונה אז משיח צדקנו וועט נאך אמאהל קוממען. צו יענער צייט האבען געלעבט אין איטאליען אונד טערקיי דיא גרעסטע חכמי ישראל וואס זיינען פארטריבען געווארן פון שפאניען, אונד פיעלע פון זייא האבען זיך דאן גענוממען צו חכמת הקבלה. דורך דיזע פערבארגענע חכמה האבען זיי געזוכט צו ענטדעקען, וואס עס וועט זיין באחרית הימים.

דער ערשטער אין יענע ביטערע צייט וועלכער האט אונזערע אומגליקליכע ברידער געטרייסט מיט ישועות ונחמות אונד האט זיי מיט אותות ומופתים אויפגעוויזען אונד ערקלערט אז משיח מוז דיזע צייטען קוממען, וואר דער וועלטבעריהמטער יודישער פאטריאט דון יצחק אברבנאל. דיעזער גרויסער מיניסטער וועלכער האט מיט זיינע אויגען צוגעזעהן דיא געוואלטיגע אכזריות פון די בלוטדארשטיגע שפאניער געגען דיא יהודים, אונד האט מיט זיי געטהיילט זייערע גרויסע צרות, האט בעמערקט אז זיינע יודישע ברידער האבען פון גרויס לייד אנגעפאנגען צוא צווייפלען אין דער גאולה. דאס האט דעם גרויסען פאטריאט זייער געקרענקט, אונד האט זיך ענטשלאסען זיינע אומגליקליכע ברידער פון דיזען צווייפעל אונד

---

1) פרייא בעארבייטעט נאך ר"ק שולמאן אונד דעסויער.

יאוש צוא רעטטען. צו דיעזען צוועק האט ער מערפאסט דרייא ספרים[2] מיט גרויס חכמה אונד יראה, אונד האט אין זייא איבערצייגט דורך פסוקים פון אונזערע היילינע נביאים, דאס גאט פערגעסט זיין פאלק ניט, אונד האמשי די מאס פון דיא צרות איז שוין לאנג פולל געווארען, דאך דארף מען די האפפנונג ניט מערליהרען. מיט גרויס חכמה אונד מיט ריכטיגע חשבונות אונד סברות האט ער געזוכט די אמונת המשיח צו בעפעסטיגען, אונד האט אויסגעזאגען כל תמהו אויף די יעניגע וועלכע האבען זייא געוואלט פון דיעזע אמונה אבווענדען. לויט זיינע חשבונות האט דער קץ הפלאות געדארפט זיין אים יאהר חמשת אלפים רס״ג, אונד דאן האט געדארפט משיח אלהי יעקב קוממען אויסצולייזען דיא יהודים פון זייערע צרות אונד צוא פיהרען זיי נאך ארץ ישראל. אבער לייבער האט זיך דיעזער קץ ניט בעוויזען. אונד משיח איז ניט געקוממען. אבער באלד נאך ר׳ יצחק אברבנאל האבען זיך צנדערע חכמים געצייגט מיט זייערע חשבונות, וועלכע האבען ווידער געוואלט דעם קץ ערקלעהרען אונד זיינען אויך נכשל געווארען אין דעם אמת ניט געטראפען. מיר וועללען דא אין אונזער ארטיקעל זיך בעמיהען צו שרייבען פון דריי אזעלכי חכמי הרזים, וועלכי האבען דורכאויס געוואלט מרעפען ווען משיח וועט קוממען. דער ערשטער וואר ר׳ אשר לעמליין (אדער לעמלין). דער צווייטער — דוד הראובני. אונד דער דריטער ר׳ שלמה מולכו. דיעזע דריי חכמים האבען זיך איינגעבילדעט דאס פיר זיי איז דער קץ נתגלה געווארען, אונד האבען גיגלויבט באמונה שלמה, דאס אין זייער צייט מוז געווים משיח קוממען.

ר׳ אשר לעמליין וואס וואר געבארען אין דייטשלאנד, אונ האט געלעבט פיעל יאהר אין איסטריען ניט ווייט פון ווענעדיג (איטאליען), האט זיך אנגעפאנגען צו בעריהמען דאס דער רוח הקודש רוהט אויף איהם, אונד האט נבואות געזאגט אין אללע יודישע קהלות וואו ער איז נאר געקוממען, דאס אים יאהר חמשת אלפים רס״ב (1502) וועט משיח קוממען. ער איז געגאנגען פון שטאדט צו שטאדט אונד האט אין איין קול געשריען צו זיינע ברידער: „קעהרט זיך ליעבע יודען צו אונזער גאט, טוהט תשובה, גיט צדקה, פאסט אונד וויינט אונד זייט זיך מקדש ומטהר, דען אין פערלויף פון נאך איינינע חדשים וועט משיח געווים קוממען אונז אויסצולייזען פון אונזערע צרות, אונד וועט אונז נאך אונזער היילינע לאנד פיהרען, ער וועט דארט דעם בית המקדש צוריק אויפבויען, מיט איין עמוד ענן וועט ער אונז ביים טאג פיהרען אונד מיט איין עמוד אש ביים נאכט, אזוי וויא מיר זיינען פון מצרים ארויס". אזוי האט ער געשריען וואו ער איז געשטאנען אונד געגאנגען, וואו ער האט זיך געקעהרט אונ געווענדעט, אונד אונזערע אונגליקליכע אונטערדריקטע ברידער האבען אין זיינע נביאות געגלויבט באמונה שלמה, אונד האבען איהם געפאלגט. זיי האבען תשובה געטאן, האבען געפאסט אונד זיך געפייניגט, האבען מיט דיא לעצטע קרעפטען צו גאט געשריען אונד טאג אונד נאכט מתפלל געוועזען, האבען פיעלע צדקות, מצות אונד מעשים טובים געטאן, אונד מיט אזעלכע האפנונג אויף דער גאולה געהאפט. אויך פיעלע תלמידים האבען זיך צו ר׳ אשר לעמליין בעהעפט, זיי האבען איהם בעגלייטעט וואו ער איז נאר געגאנגען, אונד ער האט אויף זיי זיינע נביאות משפיע געוועזען, דאס זיי האבען אויך אנגעפאנגען צו זאגען

---

2) זיין ספר „מעיני ישועה" (א פירוש אויף דניאל) איז דאס ערשטע מאל געדרוקט געווארען אין פיראֶרא אין יאהר 1551. ספר „ישועות משיחו" (א ביאור אויף מאמרי חז״ל וועגען משיח׳ן), איז געדרוקט דאס ערשטע מאל אין קארלסרוהע אים יאהר 1828, אונד ספר „משמיע ישועה" (וועגען אמונת המשיח עפ״י דברי הנביאים בספר תהלים) איז דאס ערשטע מאל געדרוקט געווארען אין סאלוניקא (טירקייא) אים יאהר 1526. —

בשורות טובות ישועות ונחמות, פיעלע פון זיי האבען נאך אנדערע לענדער געבייזט, אונד דארט אויך דיא זעלבע נביאות בעקאנט געמאכט. פיעלע קהלות אין איטאַריען אונ דייטשלאנד האבען צו דיא נביאות פון אזעלכע תלמידים צוגעהערט אונ געגלויבט דאס דיא גאולה איז נאהנט אונ משיח וועט געוויס דיעזעס יאהר קומען. וועלכע האבען אזעלכע נביאות ניט געגלויבט, האבען עס נאר ביי זיך אין הארצין געטראכט, אבער אפען האבען זיי ניט געוואגט דאס אפצולייקענען, ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר דעם נאראד, וועלכער וואר זייער צוקאכט אין דעם, אונד האט מיט לייב אונד לעבען געגלויבט אז די ישועה איז נאהנט, אונ וואלטען געוויס זיך נוקם געוועזין אין די וועלכע גלויבען נישט אן יענע נביאות וויא זייא.

ווער ווייס ווי ווייט די פעולות פון אזעלכע נביאות וואלטען געגרייכט, ווען ר' אשר לעמליין וואלט פלעצליך ניט געשטארבען. דען גלייך נאך זיין טויט, איז די אמונה אין זיינע נביאות פיעל קיהלער געווארען אונד זיינע תלמידים האבען אויפגעהערט צו פארפיהרען די וועלט. באלד איז דער פון שטיל געווארען אונד דיא נביאות פון ר' אשר לעמליין האט זיך אזוי אויסגעלאזען וויא דיא נביאות פון דון יצחק אברבנאל.

נאך אלעם דעם האבען אונזערע ברידער ניט אויפגעהערט צו גלויבען דאס בזקא אין זייער צייט וועט משיח קומען אונד פיר זייערע אויגען בזקא וועט די גאולה שלמה זיין. זייא האבען זיך מיט אלע זייערע קרעפטען אין דיעזע אמונה געשטארקט, דען וועי ניט דיעזע אמונה אונד דיעזע זיסע האפנונג אין זייערע שלעכטע צייטען, ווער ווייס אויב עס וואלט זיי געבליבען קרעפטין זייערע צרות צו פערטראגין.

קוים איז ר' אשר לעמליין געשטארבען, קוים האבען זיך זיינע תלמידים צושפרייט, אונד קוים איז דיא אמונה אין זיינע נביאות עטוואס קיהלער געווארען, איז א נייער נביא פלעצליך אויפגעשטאנען, וועלכער האט ווידער די שווארצע פינסטערע צרות מיט זיינע זיסע נביאות פארגרינגערט אונד די הערצער פון אונזערע לידענדע ברידער ערקוויקט אונד געשטארקט אין זייער אמונה אונ בטחון. זיין נאמען וואר דוד הראובני, ער איז געקומען פון מזרח לאנד, קיינער האט ניט געוואוסט ווער ער איז אונ וואס ער איז אונ פון וואנען ער איז. אויך ווייסען מיר ביז היינט ניט בעשטימט אויב דיעזער מאן וואר פערפיהרט אונ גענארט אין זיינע געדאנקען, אדער ער האט אנדערע געוואלט פערפיהרען, אדער אפשר וואר ער אין דעם גאנץ אונשולדיג אונד האט אלעס מיט איין ערענסטע מיינונג אונד כונה געטאן. ער האט זיך צוא ערקענען געגעבען דאס ער איז איינער פון דעם שבט ראובן וועלכע זיטצען אין אראביען זייער תקיף אונד צופריעדען, אונד וועלכע האבען א איינענע מלוכה מיט איין אייגענעם מלך, אונד ער איז דאס דער ברודער פון יענעם יודישען מלך. באמת האט ער אראנגע צייט אין אראביען געלעבט, אין דער מדינה חייבאר, וואס אין דער צייט פון מחמד אויך אלאנגע צייט נאך זיין טויט זענען דארט איינינע יודישע שבטים געזעסין אונד האבען א יודישען מלך געהאט. עס קען זייער זיין דאס אויך אין 16-טען יאהרהונדערט זיינען דארט פיעלע יודען געקומען, וועלכע וואַרען גרויסע העלדען אונד מלומדי מלחמה, וועלכע האבען דארט דיא אראבישע שבטים בעזיגט אונ האבען זייער לאנד איינגענומען, אונד האבען דארט באן איין פרייען ברידערליכען לעבען פערברבאכט. אויך ר' יצחק עקריש אין זיין ספר קול מבשר אונד ר' אברהם מינ"ש אין זיין ספר כבוד אלקים ערצעהלען, דאס אין דיעזען יאהרהונדערט זיינען דארט פיעל יודען געזעסין אונד האבען אבאזונדערע מלוכה געהאט. אבער אויב דיעזע יודען זענען בזקא פון שבט ראובן אונד פון שבט גד געוועזין אונד אויב זייער מלך האט פון בית דוד געשטאמט אונד אויב ער האט שלמה געהייסען — דאס ווייסען מיר ניט, אונד לויט וויא עס שיינט האט עס דוד הראובני פון קאפף אויסגעטראכט. דיעזער וואונדערליכער מאן

האט אים חודש טבת 1522 דאס לאנד חיבר פערלאזען אונד איינגע מאנאטען אין דאס לאנד נוביען ארום געוואנדערט. ער איז אומגעגאנגען פערקליידעט וויא איין ישמעאל, כדי דיא ווילדע אראבער זאלען איהם ניט דערקענען אז ער איז א יהודי, אונד זאלען איהם ניט הרגענען. נאך זיינע רייזע האט ער אויך אין דיזע מדינה אן אזייט מיך נילוס פיעלע יהודים פון דיא עשרת השבטים געפונען. פון נוביען איז ער געקוממען אין דאס לאנד מצרים אונ דארט האט ער דאס ערשטע מאל ערצאהלט זיינע וואונדערליכע ספורים וועגען דיא עשרת השבטים אונד וועגן זייער גרויסע אונד מאכטיגע רעגירונג אין לאנד חיבאר. אבער וויא עס שיינט האבען דיא דארטיגע יודען ניט געוואלט גלויבען אין זיינע ספורים נפלאים, נאר וועניגע פון זיי האבען יא אין זיינע רייד מאמין געוועזין. פון מצרים האט ער גערייזט נאך ארץ ישראל אונד האט זיך דארט אלאנגע צייט אויפגעהאלטען (פון חודש מארץ ביז יוני 1533). די דארטיגע יהודים האבען אנגעשטעלט נאז אונ אויערען צו זיינע וואונדערליכע ספורים, זייא זענען אויף איהם אונ אויף זיינע נביאות דאס עס איז משיחים צייטען שטארק אויפמערקזאם געווארען, אונ האבען אנגעפאנגען אין איהם צו גלויבען באמונה שלמה. פון דארט איז ער געפאהרען דורך אלכסנדריא של מצרים נאך ווענעדיג, אונד אים מאנאט פעברואר 1524 איז ער אין דיזע מערקווירדיגע איטאליענישע אינזעלשטאדט אנגעקוממען. דיזע שטאדט וואר צו יענער צייט איינע פון די וועלט־בעריהמטעסטע האנדעלסשטאדט׳ וועלכע האט דורך איהר גרויסען מסחר אייראפא מיט אזיען פעראייניגט. אין דיזע קהלה האט זיך שוין פון פריהער דער נאמען פון דוד הראובני געוואוסט הערין, אונד זיינע ספורי נפלאות האבען אויף די גרויסע יודישע געמיינדע אגרויסען איינדרוק געמאכט. אזוא ווי ער איז דארט אנגעקוממען האט מען איהם בכבוד גדול עמפפאנגען, אונד אלע האבען זיך צוא איהם צוגעשלאגען, זיינע מערקווירדיגע ספורים פון דיא עשרת השבטים צו הערין, אונ מען האט אנגעפאנגען מאמין צו זיין אין איהם אז ער איז א שליח פון יענע ווייטע ברידער צוא אלע יודען וועלכע זענען צו זייעט אונ צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט, אונ דאס ער איז א איש המופת וועלכער קען באווייזען די גרעסטע וואונדער. עס האט ניט לאנג געדויערט אונ דער נאמען פון דוד הראובני האט זיך אזוי ברייט אונ גרוים פערשפרייט, אז כמעט אלע יודען פון גאנץ איטאליען האבען אנגעפאנגען אין איהם צו גלויבען וויא אין משיח'ן, יעדער איינציגער האט באמונה שלמה געגלויבט, דאס ער איז א שליח פון זיין ברודער, וועלכער איז א מלך אויף דרייא־הונדערט־טויזענד גבורי חיל מלומדי מלחמה, אונ פון דיא 70 זקנים פון די עשרת השבטים וועלכע זיטצען אין לאנד חיבאר צוא דיא גרעסטע מלכים פון אייראפא אונ איבערהויפט צום פאפסט אין רומא, צו געטטען פון זיי פערשיידענע כלי זין, אום צופיהרען אהייסען שטרייט מיט דיא ארומיגע מחמדאנישע פעלקער וועלכע בעאונרוהיגען די עשרת השבטים אונד שטערין זייא צו לעבען אין אחדות אונד פריעדען, אויך צוא פערטרייבען דיא טערקען פון ארץ ישראל אונד דארט יודישע שבטים זו בעזעטצין. —

די געשטאלט פון דוד הראובני, זיין וואונדערליכע אויפפיהרונג אונד לעבענס־ארט, האט אויך זייער פיעל געהאלפען צו גלויבען אין זיינע מערקווירדיגע ספורים אונ אין זיינע נביאות. זיין פנים וואר זעהר דונקעל, דער געוואקס ניעדעריג, דער קערפער מאגער, דיא הויט ווי צוגעבאקען צו די ביינער, אונ האט בכלל אויסגעזעהן וויא א גל של עצמות, דאס האט ער זיך ערווארבען פון פיעל פאסטען אונד פון צופיעל פייניגען דעם גוף. דאך האט ער געהאט א שטארקע נאטור, איין פעסט הערץ, אונד פון אלע זיינע תנועות האט מען גרינג געקענט אויף איהם בעמערקען, אז ער איז אגעוואלטיגער העלד. ער אליין האט פאר אלעמען געזאגט דאס אין זיין גאנצען לעבען האט ער נאך קיין יודישען ספר געזעהן אונד וויים ניט

פון תלמוד בבלי אונד פון תלמוד ירושלמי אונד פון די איבריגע ספרים הקדושים, ווייל פון זיין יוגענד אן וואר ער בלויס איין גרויסער שטרייטער אונד האט זיין גאנצעס לעבען נאר אין מלחמות פערברראכט, אונ דערום האט ער קיין צייט געהאט צו לערנען. אבער נאכהער האט מען זיך דערוואוסט דאס די זאכע איז גראדע אומגעקעהרט, אונ באמת האט ער יא א גרויסע ידיעה געהאט אין תלמוד אונד איבערהויפט אין ספרי הקבלה אונ אין דיא אללע יודישע ספרים, נאר איבער איין געוויסע כונה האט ער עס אללעס געוואלט פערלייקענען, וואס דאס האט איהם פיעל נוטצען געבראכט צו זיין וואונדערליכע אונטער נעהמונג.

קוממענדיג אין ווענעדיג האט ער זיך גלייך געגעבען צו אללע יהודים צוא ערקענען, אבער ער איז צו קיינעם אין הויז ניט געגאנגען. ער איז נאר ביי דעם שיפסקאפיטיין געזעסין, מיט וועלכען ער איז געקוממען נאך ווענעדיג. אבער אלס די יודען פון וועגעדיג האבען זיך ערוואוסט דעם סוד פון דעם וואונדערליכען שליח, זיינען זיי צו איהם געקוממען מקבל פנים זיין אונד האבען איהם גרויס כבוד אבגעגעבען. פאר צוויי גרויסע נגידים פון דיעזער קהלה האט ער זיינע אללע סודות אנטפלעקט, ער האט זיי ערצעהלט פון אללע זיינע וואונדערליכע געשיכטען אונד האט זיי אויך ערקלעהרט זיין גאנצען רייזע־פלאן, זיינע שליחות אונ זיינע געדאנקען דאס ער דארף זיך זעהען מיט דעם פאפסט פון רומא, ווייל ער האט מיט איהם זייער וויכטיגע אינטערעסין צו בעשפרעכען וואס איז נוגע אן כלל ישראל. אונ צו דיעזען צוועק האט ער פערלאנגט פון דיעזע צוויי עשירים זיי זאלען איהם איין שיף דינגען בכדי ער זאל וואס צום גיכסטען נאך רומא רייזען. זיי האבען זיין בקשה מיט די גרעסטע צופרידענהייט ערפילט, אונ ער האט גלייך נאך רומא אבגערייזט. קוממענדיג אין רומא האט ער דורך דיא גאססען אויף איין ווייסען פערד גערייטען מיט דיא בעגלייטונג פון זיין משרת אונד טאלמאטש (מליץ), וועלכע האבען אויך אויף ווייסע פערד גערייטען, אונ אזוי זענין זיי צום פאלאסט פון פאפסט צוגערייטען. ער האט זיך פאר דעם קארדינאל דזשוליא פארגעשטעלט אונד האט איהם אין קורצע ווארטען זיין שליחות אונד פון זיין רייזע־צוועק ערקלערט, אונד איהם געבעטין ער זאל איהם פארשטעלין פאר דעם פאפסט. דער קארדינאל האט מיט גרויס רעשפעקט זיינע ביטטע אויסגעהערט אונ האט איהם בכבוד גדול געפיהרט צום פאפסט קלעמענס דעם זיבענטען. דער פאפסט האט בעפאהלען מען זאל איהם אריינפיהרען אין זיין אודיענץ־זאאל, אונ האט מיט איהם מונדליך געשפראכען אלאנגע צייט. זיינע פלאנען האבען ביים פאפסט זייער נושא חן געוועזען, ער האט אללעס געגלויבט וואס ער האט איהם נאר ערצעהלט אונ צוא אללע זיינע פלאנען האט ער מסכים געוועזין אונ האט איהם פאפירען ארויס געגעבען, אין וועלכע ער האט בעצייגט זיין הסכמה דאס מען קען זיך אויף איהם פערלאזען.

אגאנץ יאהר האט דוד הראובני אין רומא פערבראכט. אונד דער פאפסט מיט זיינע קארדינאלען האבען איהם גרויס כבוד אפ געגעבין. נאכהער האט איהם דער קאניג פון פארטוגאל צוא זיך איינגעלאדען, מיט איהם זיך צוא בעשפרעכען וועגין וויכטיגע פאליטישע אינטערעסין אונד זיך צוא בעראטהען וועגין פיעלע נעטהיגע געהיימניסע. נון האט דוד הראובני גלייך רומא פערלאזען, ער האט זיך אין זיינע א אייגענע שיף געזעצט, וואס אויף איהר האט זיך ערהויבען דער דגל יהודה, אונד האט נאך פארטוגאל גערייזט. אים נאוועמבער 1525 (רפ"ד) איז ער אין דער שטאדט אלמיירין געקוממען, וואס דארט האט דאן געוואהנט דער קעניג פון פארטוגאל יואן דער דריטער. דער קעניג מיט זיינע שרים האבען איהם אויך זייער העפליך אונד פריינדליך עמפפאנגען. אונד אלס דער קעניג האט אויסגעהערט זיינע פלאנען אונ דעם צוועק פון זיינע שליחות, האט ער זיך מיט זיינע חכמים אונד יועצים בעראטהען אויף וואס פיר איין ארט אונד וייזע זאל ער געוועהר אונד פערשידענע

כדי זיין שיקען צו דיא יודישע רעגיערונג אין אראביען אונד נוביען, לויט דעם פערלאנג אונד ביטטע פון זייער מלך וואס ער האט געלאזט בעטין דורך דוד הראובני. איינינע וואהרע היסטאריקער ערצעהלען, דאס דורך דוד הראובני איז פיר דיא יודישע אנוסים[3] אין פארטוגאל אגרויסע ישועה געקוממען. דען בעפאר ער איז נאך פארטוגאל געקוממען וואר דער פארטוגעזישער קעניג העכסט ענטשלאססען דיא פערפלוכטע אינקוויזיציאן אין זיין לאנד אויך צו גרינדען אזויא וויא אין שפאניען, אבער אלס דוד הראובני איז צוא איהם געקוממען מיט דיא שליחות פון יודישען מלך אז ער וויל מיט איהם כורת ברית זיין, האט ער זיינע געדאנקען מבטל געוועזען, דיא אומגליקליכע יהודים וועלכע האבען פיר דיא אינקוויזיציאן געציטטערט, אונ זיך שוין אויף נייע אומגליקען אונד צרות גערעכנעט, אלס זייא האבען דער זעהן דאס דיא גרויסע געפאהרען אונד טויט־שרעקעניס זיינען פאריבער געגאנגען דורך איין יהודי וואס איז אזוי תקיף ביים מלך מיט זיינע עשירים, ווארען זייא אויסער זיך פון פריידע אונ האבען אנגעפאנגען צו גלויבען אז ער איז אמלאך מושיע פון גאטט געשיקט צו ערלעזען דעם וועג פיר דעם מלך המשיח, וועלכער וועט באלד מיט זיין גאנצען פראכט אונד גלאנץ ערשיינען אונ אללע יודען פון זייערע צרות אויס לייזען אונ נאך ארץ ישראל פיהרען. —

שנעלל וויא איין בליטץ האט זיך דיא מערקווירדיגע נייעס פון דעם וואונדערליכען דוד הראובני אין דער גאנצען אומגעגענד פערברייטעט, ביז עס האט ענדליך אויך אין שפאניען גערייכט. אללע האבען זיך געוואונדערט אויף אזעלכע מערקווירדיגע נייעס, אונד דיא אומגליקליכע אנוסים אין שפאניען, וועלכע האבען פערבראכט זייער לעבען אין אנגסט אונד טויט־שרעקעניש פאר דער בארבארישע אינקוויזיציאן, היבען זיך שטארק ערוועקט ביי דער גוטער בשורה אונד ווארען אויסער זיך פון שמחה. נון האבען פיעלע זייערע הייזער אונ זייער האב אונד גוטס פערלאזען, אונד פון דיא בלוטדארשטיגע לאנד שפאניען נאך פארטוגאל געלאפען, אום זיך מיט דוד הראובני צוא בעקענען, אונ איהם צו פאלגען וואס ער וועט זייא נור בעפעהלען, דען זייא האבען פעסט געגלויבט, דאס דורך איהם וועט גאט דיא גאולה ברינגען.

בשעת דוד הראובני איז געוועסין אין פארטוגאל, האט זיך צוא איהם מתחבר געוועזין א יונגער בחור פון דיא בני האנוסים. ער וואר זייער שיין, איידעל אונד קלוג, זיין נאמען איז געוועזין דיעגא פירים, ער איז געבאהרען געווארען אים יאהר 1501. זיינע עלטערין האבען זיך פיר דיא וועלט אויסגעגעבין פיר עכטע קריסטען, אבער אין געהיים ווארען זייא עכטע יהודים. זייער זאהן האבען זייא אויך אזוי ערצויגען. דיעזער דיעגא וואר בעשענקט פון דער נאטור מיט זייער גוטע פאהיגקייטען, ער האט בעוועסין איין מערקווירדיגען כח הזכרון אונד איין מעכטיגע תשוקה צום לערנען. אין אקורצע צייט האט ער אללע חכמות אויס שטודירט, גרינדליך איינינע שפראכען ערלערנט אונד טיפזיניגע שירים אין לאטיינישע שפראך פערפאסט, וועלכע האבען ענטהאלטען אין זיך איין שטארקען פאעטישען גייסט אונ ווארען געלויבט פון דיא דאמאליגע גרעסטע משוררים (פאעטען). ער האט באמת א גאונישע קאפף געהאט אונד דיא וועלט איז מיט איהם אויף געווען. אונ אלס דער קעניג האט זיך פון דעם מערקווירדיגען יונגען מאן ערוואוסט, האט ער איהם ביי זיך אין האף צוגענוממען אלס סעקרעטאר אונד דיפלאמאט. דיעזער דיעגא האט גוט געוואוסט אז ער שטאמט פון

3) דאס זענין די יודען וואס ווארען געצוואנגען זיך צו טויפען, אונ וויל זיי זענען אין הארצען דאך טריי געבליבען צו דער יודישע אמונה האט מען זיי זייער גערודפט אונ פיעל ענוים קשים אונגעטהאן.

יודען, אָבער דאָך האָט ער שוין מעהר ניט געדיינקט אין יהודי צוא ווערין, ווייל דיא זאַכע וואר מיט דיא גרעסטע געפעהרליכקייט פערבונדען, אונד וואר אַלזאָ פון דיעזען געדאַנקען זייער ווייט. אָבער אַלס דוד הראובני איז אין פּאָרטוגאַל אָנגעקומען, אונ אַלע האָבען זיך פון זיין שליחות ערוואוסט, האָט זיך דיעזער דיעגע אויפגעוועקט. דער וואונדערליכער ראובני האָט אַ גרויסען איינדרוק אויף איהם געמאַכט. ער האָט אָנגעפאַנגען צו גלויבען באמונה שלמה דאָס דיעזער דוד הראובני איז גאָר קיין געוועהנליכער מענש אונ האָט אויך אָנגעפאַנגען צו חלומען אַזעלכע מערקווירדיגע חלומות דאָס דער קץ הפלאות איז נאָהנט, אונ דאָס די גאולה שלמה וועט אונגעזאַמט קומען. נון האָט ער בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט דוד הראובני, כדי פון איהם צוא ערפאַהרען אויב זיינע חלומות שטימען זיך מיט זיינע. דוד הראובני אָבער וואָס באמת וואר ער ניט פעראירט אין חלומות אונ אין פוסטע איינבילדונגען, האָט דיעזען דיעגע זעהר קאַלט בעהאַנדעלט. דיעגע האָט אָבער אויף דעם גאָר ניט געאַכטעט, אונ יע מעהר ער האָט איהם פון זיך אָבגעשטויסען, דעסטאָ מעהר איז ער געוואָרען צו איהם צוגעבונדען, אונד זיין אמונה דאָס דוד הראובני איז באמת אַ געזאַנדטער פון משיח הצדק, האָט זיך אין איהם געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, ער האָט געגלויבט באמונה שלמה אַז דיעזער דוד הראובני איז ווירקליך איין איש אלקים. איין מלאך מושיע, וועלכער איז געשיקט דיא יודען אָן צוזאָגען בשורות טובות ישועות ונחמות, אונד דיא אורזאַכע וואָס ער קערט זיך פון איהם אַוועק, איז בלאָס דערום ווייל ער איז איין ערל בשר, אונד איין ערל דאַרף ניט קומען בקהל ה׳, אַלזאָ האָט ער זיך אַליין אין געהיים בעשניטען אונ האָט זיך אַנאָמען געגעבען שלמה מולכו. ער האָט גלייך דאַפאָן דוד הראובני געמעלדעט, אונד דוד הראובני האָט זיך שטאַרק ערשראָקען אַלס ער האָט עס פון איהם ערהערט, ווייל ער האָט פחד געהאַט דער קעניג זאָל זיך דערפון ניט דערוויסען, אונד זאָל איהם ניט חושד זיין דאָס דורך זיין באַטה איז איינער פון דיא אנוסים אַ יהודי געוואָרען.

קוים איז שלמה מולכו בבריתו של אברהם אבינו געקומען, קוים איז ער אַ יהודי נאמן געוואָרען, האָט זיך אָנגעפאַנגען צוא איהם אין שטאַרקען פון טאָג צו טאָג זיין כח הדמיון, ער האָט אויפען וואַהר געטרוימט מערקווירדיגע חלומות, פון עקבא דמשיחא, פון דער גאולה. דער המון עם האָט אָנגעפאַנגען אויף איהם אויך אויפמערקזאַם צו ווערען, אונד פיעלע פון זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען אין איהם מאַמין צו זיין וויא אין דוד הראובני אַז ער איז אויך איין איש אלקים וואָס גאָטט האָט איהם בעגאַבט מיט אַ כח הנבואה. ער האָט זיינע גוטע פריינד ענטדעקט, דאָס אַ מלאך האָט זיך צוא איהם בעוויזען ביי נאַכט אונ איהם בעפאָהלען ער זאָל וואָס צום גיכסטען פּאָרטוגאַל פערלאַזען אונ נאָך טירקייא געהן, דען דאָרט וועט ער קענען אויספיהרען זיין הויכען היילינען וואונש, זיינע מאמינים האָבען אין דעם אויך געגלויבט אונ האָבען אַלע זיינע חלומות אונד רייד פיר העכסט הייליג געהאַלטען.

נון האָט ר׳ שלמה מולכו נאָך טירקיי אַבגערייזט, קומענדיג אין דיעזע לאַנד, האָט ער זיך באַלד מיט דיא גרעסטע חכמים אונד לומדים בעקאַנט געמאַכט, אונד אַלע חכמי היהודים וואָס האָבען איהם נאָר קענען געלערענט, האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף זיין גרויסען טאַלענט, אויף זיינע מערקווירדיגע פאַהיגקייטען. איבער הויפּט האָבען זייא זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, דאָס אַזאַ יונגער בחור זאָל בעזיטצען אַזאַ גרויסע ידיעה אין אַלע יודישע ספרים אונד אין אַלע ספרי המקובלים. וויא איין גלענצענדער שטערין אין לויטען הימעל האָט פּלוצליך דיעזער וואונדערליכער מולכו ערשיענען אין טירקייא,

אונד האט בעשיינט די יודען מיט זיין תורה וחכמה, אללע האבען איהם זעהר בעוואונדערט אונד איהם אלס איינען היילינען מענשען בעטראכט. אללע האבען אין זיינע רייד אונד נביאות געגלויבט באמונה שלמה. ער האט אללעמען ערצעהלט אז ער איז אין טירקייא געקוממען מיט דיא שליחות פון דוד הראובני, וואס זיין נאמען האט שוין פאן לאנג גענוג געקלונגען אין דער גאנצער וועלט אונד וואס אללע האבען פון דיעזען וואונדער־מאן ניסים ונפלאות ערצייהלט.

אלס דיעזער ר' שלמה איז נאך סאלוניקא געקוממען, האבען איהם דיא גרעסטע לייט פון שטאדט, דיא חכמים ולומדי תורה, מיט גרויס כבוד עמפפאנגען. דיא חכמי סאלוניקא אונד איבערהויפט הגאון המקובל האמתי ר' יוסף טיטצאק זצ"ל האבען זיך מיט איהם מתוקף געוועזען אין תורה אונד קבלה, אונד האבען זיך שטארק פערוואונדערט אויף זיין חכמה, אויף זיינע סודות ורמזים אין חכמת הקבלה אונד אויף די וויכטיגע ערשיינונגען וואס ער האט געזעהן בחלום ובהקיץ. פון סאלוניקא האט ער נאך אנדריאנאפאל געבייזט, דארט האט ער זיך בעקאנט געמאכט מיט דעם גרויסען גאון ר' יוסף קארו ז"ל (בעל הב"י), דיעזער גאון האט איהם זייער מקרב געוועזען, ער האט איהם ווירקליך פיר א גרויסען מקובל ערקענט אונד אויך געגלויבט אז ער איז א איש מופת וקדוש עליון. ער איז צו איהם זעהר צו געבונדען געווארען אונד האט איהם זייער פיעל אין זיינע אינטערעסען געהאלפען.

פון טירקייא האט ר' שלמה מולכו נאך ארץ ישראל געבייזט, אונד האט זיך אין דער שטאדט צפת בעזעצט. דיעזע היילינע שטאדט וואר דאן איין עיר מלאה חכמים וסופרים, גאונים אונ דיא גרעסטע מקובלים, מען האט איהם דארט אויך בכבוד גדול עמפפאנגען, אונד דיא גרעסטע לייט פון שטאדט האבען איהם וויא איין מלאך ה' צבאות בעטראכט. ער האט אין אללע שולען דרשות געהאלטען. דיא פיעלע צוהערער האבען זיך שטארק פערוואונדערט אויף זיינע גרויסע חכמות אונד ידיעות אין תורה, קבלה וחכמה. דיא חכמי העיר האבען איהם געבעטין ער זאל זיינע דרשות אויפשרייבען, כדי די גאנצע וועלט זאללין עס לעזין אונ פערשטעהן, אונ ער האט זיך געלאזט איינבעטין. ער האט אללע זיינע דרשות פערשריבען, האט זייא צונאמען געגעבין „ספר המפואר", וועלכער איזט געדרוקט געווארן אין סאלוניקא אים יאהר 1529. דער צוועק פון דיעזען ספר המפואר, איז אויפצוא־ווייזען מיט אותות ומופתים אז עס איז געקוממען דיא צייט פון דער גאולה, אונד דאס אים יאהר 300 לאלף הששי וועט געווים משיח צדקנו קוממען. אללע יהודים וואס האבען נאר דיעזען וואונדערליכען ספר געלעזין, האבען געגלויבט באמונה שלמה דאס דיעזעס יאהר וועט געווים זיין א שנת גאולה וישועה לויט וויא ר"ש מולכו האט בעוויזען, אונד האבען געגלויבט דאס אללע זיינע נביאות זיינען אמת ויציב.

גראדע צו יענער צייט האט זיך פאסירט אין רומא גרויסע נייעס. אם 5-טען מאיי 1527 האבען די דייטשען דיעזע געוואלטיגע אורא'טע שטאדט בעלאגערט אונ מיט דער הילפע פון קייזער קארל דעם פינפטען האבען זיי זי איינגענוממען. נון איז געקוממען אויף דיעזע געוואלטיגע אוראלטע רעזידענץ דיא מפלה. דיעזע שטאדט וואס פון איר איז אמאל ארויס טיטוס הרשע, וועלכער האט חרוב געמאכט אונזער היילינעם ירושלים אונד פערברענט דעם בית המקדש, אונד פון דעם פאלק ישראל אתל עולם געמאכט, דיעזע שטאדט איז בעצאהלט געווארען מדה כנגד מדה, איהרע פראכטיגע מויערין, איהרע גלענצענדע קירכען, איהרע געוואלטיגע פאלאצען אונד מאנומענטין, זענין גאנץ אונד גאר חרוב געווארען. דער פאפסט קלעמענס דער זיעבענטע, די קארדינאללין, אונד דאס גאנצע

הייליגטהום פון וואטיקאן איזט מחולל געווארען, איהם האבען דיא שונאים אין איין תפיסה פערשפערט אונד זיינע אללע אנהענגער פעריאגט אונד פערטריבין. בקיצור עס איז פון גאנץ רומא איינע שרעקליכע רואינע (חורבה) געווארען. דיעזע געוואלטיגע מפלה האט אויף אחינו בני ישראל אשרעקליכען איינדרוק געמאכט, זיי האבען עס פיר איין מופת חותך געהאלטען אז דיא גאולה איז ווירקליך זייער נאהנט, וייל דערויף האבין שאן אונזערע חכמים ז"ל מרמז געוועזין, אויף דעם פסוק „אמלאה החרבה". אונד האבין פאר געוויס געהאלטין דאס משיח צדקנו איז שאן ווירקליך אונטער דער וועגינם אונד וועט באלד קוממען. בקיצור דיא אמונה אין אבאלדיגע גאולה האט דאן זיך אזוי געשטארקט צווישען דיא יודען דאס עס וואר ביא קיינעם קיין צווייפעל ניט דאס אונגעזאמט וועט דער גואל צדק קוממען אונד אללע יודען נאך ארץ ישראל פיהרען. דיעזע אמונה האט זיך פערברייטעט איבער גאנץ אזיען, פון טירקייא ביז אונגארען פאלען אונ גאנץ דייטשלאנד, אונ ר' שלמה מולכו'ן האט מען בעטראכט אלס איין שליח מיוחד פון מלך המשיח, וואס איז געשיקט געווארען מבשר צוא זיין די גאולה שלמה אונד דעם קץ הפלאות.

שטארקער אונד מעכטיגער האט דיעזע אמונה דאן געווירקט אויף די אונטערדריקטע שפאנישע יודען. יע מעהר מען האט זיי געברענט אונד געבראטען, געיאגט אונד געפלאגט, דעסטא מעהר האבען זיי געגלויבט באמונה שלמה דאס דיא גאולה וועט ווירקליך באלד זיין, נאר דיא שפאנישע יודען האבען ניט געגלויבט אין ר"ש מולכו, זאנדערן אין דוד הראובני, דאס בלאס ער איז געשיקט פון מלך המשיח מבשר צו זיין אז דער קץ הפלאות איז נאהנט. דיעזע אמונה האט זיך אויף זיי אזוי געשטארקט, דאס פיעלע אנוסים וועלכע האבען געשמאכטעט אין די אסטראגען, אונד וועלכע וואהרען פערמשפט פון דער אינקוויזיציאן לעבענדיגערהייד פערברענט צו ווערין, האבען זיך פון זייער געפאנגענשאפט ארויס געריסען אונד דורך איין גליקליכען צופאלל האבען זייא פון שפאניען פליטה געמאכט אינד זיינען נאך פארטוגאל געקוממען. דארט האבען זיך פיעלע יונגע לייט פון דיא אנוסים צו זייא מתחבר געוועזין, זייא האבען זיך מיט געוועהר בעוואפענט אונד האבען זיך צוריק אין דער שפאנישע שטאדט באדאיאץ אומגעקערט וואס פון דארט זיינען זייא אנטלאפען געווארען, אונ מיט דער גרעסטען וואוגה אונד גלוטה האבען זייא דיא טהירען פון דיא אסטראגען אויפגעבראבין אונד פיעלע פרויען פון דיא אנוסים בעפרייעט אונד פון טויט מציל געוועזין. דיעזע מרידה האט דיא שפאניער אונד פארטוגעזען העכסט ערצירענט, אונד זייער כעס האט זיך אויף דיא יודען געשטארקט עד להשחית. דער אינקוויזיטאר סילווא פון באדאיאץ האט זיך פיר יואן דעם דריטען, דעם קעניג פון פארטוגאל שטארק בעקלאגט אויף די מעשה וואס דיא אנוסים האבען געטאן, אונד האט אויסגעגאסען כל חמתו אויף אללע יודען בכלל. איבער הויפט האט ער דוד הראובני בעשולדיגט אונ פערקלאגט אז בלאס ער האט דיעזע מרידה ערוועקט. אלזא האט דיעזער בארבארישער אינקוויזיטאר געבאטהען דעם קעניג ער זאל דיא אללע אנטלאפענע אנוסים לאזען פאנגען אונד מען זאל זיי לעבענדיג אויפען פייער ברייגען. אויך דיא קעניגען פון שפאניען האט שטארק געשריען אויף דיעזע מעשה, אונד האט אויך געבעטין דעם קעניג פון פארטוגאל ער זאל דיא אללע מורדים האפען אונד פערברענען, אונד אויב ער וועט איהר בקשה ניט ערפיללען, וועט זיא געוויס ניט שווייגען אונ וועט זיך זוכען מיט איהם אפצורעכנען. נון איז דער קעניג פון פארטוגאל אויף דיא אנוסים זייער צארניג געווארען, אונד האט גלייך ארויס געגעבין איין שטרענגען בעפעהל דאס מען זאל אין זיין גאנצע מדינה אינקוויזיציאנס־געריכטע גריגדען, אונד אללע אנוסים אויסראטטען. נון האט דוד הראובני וואס צום ניכטען פליטה געמאכט פון פארטוגאל,

דען ער האט גלייך איינגעזעהן אז ער בעפינדעט זיך אין גרויס געפאהר, אונד באמת ניט צו צוזעהן דעם שרעקליכען שיקזאל פון דיא אונגליקליכע אנוסים, האט ער זיך געזעצט אין א שיף אונד האט נאך קארטעגענא געבייזט. אבער לײדער איז ער פון פייער געלאפען אונד דאך אין פייער אריין געפאלין: דען קוים איז ער פון שיף אראפ, קוים האט ער דעם באדען פון קארטעגענא בעטרעטין, האט איהם גלייך דער אינקוויזיטאר פון כורציא געפאקט, מען האט איהם אין שווערע קייטען געשמידט אונד אין איין שטריינגען ארעסט געשלײדערט. עס האט ניט לאנג געדויערט אונד אונזער דוד הראובני איז פון דיזען ארעסט דורך אמערקווירדיגען צופאלל לאז געקומען, ער איז וואס צום גיכסטען אנטלאפען פון דארט, אונד איז בשלום אין איטאליען געקומען.

נור דאמאלס יוחנן דער דריטע, דער קעניג פון פארטוגאל, האט זיך ענטשלאסען אינקוויזיציאנס־געריכטע אין פארטוגאל צוא גרינדען, דאך האט א זויא א זאך אהן ערלויבעניס פון פאפסט קלעמענס דעם זיבענטען ניט געקאנט אויסגעפיהרט ווערין, דער פאפסט אבער האט דאצו בשום אופן ניט איינגעשטימט, דען ר׳ שלמה מולכו האט זיך דאן פאר דעם פאפסט געשטעלט אונד האט פון איהם תחנונים געבעטין ער זאל זיך אויף זיינע אונגליקליכע ברידער ערבארעמען. ער האט ביים פאפסט נושא חן געוועזין אונד ער האט איהם זייער ליעב בעקוממען, דערום האט ער ר׳ שלמה׳ס בקשה ערפילט אונד האט דעם קעניג פון פארטוגאל קיין ערלויבעניס געגעבין אינקוויזיציאנס־געריכטע אין זיין לאנד צוא גרינדען. — אים יאהר 1529 איז ר׳ שלמה מולכו מיט זיינע בעגלייטער געקוממען אין דער שטאדט אנקאנא, אונד האט געמיינט דארט זיך אויפצוהאלטען א בעשטימטע צייט. אבער קוים האט ער זיך פון זיין לאנגע נסיעה אפגערוהט, האבען זיך די יודען פון דיזער שטאדט געגין איהם געשטעלט, ווייל זיי האבען מורא געהאט דאס זיין קוממען זאל ניט שאדען דיא פיעלע שפאנישע אונד פארטוגעזישע אנוסים וואס האבען זיך דאן דארט אויפגעהאלטין, אונד האבען אויף איהם מלשין געוועזין ביים בישאף וואס האט דארט געוואהנט. דער בישאף האט באלד בעפאהלין ר׳ שלמה מולכו זאל צוא איהם קוממען, אונד אלס ר׳ שלמה האט זיך פאר איהם געשטעלט, האט ער איהם מיט גרויס צארן געפרעגט, אויב עס איז אמת דאס ער וואר איין קריסט אונד דאס ער האט זיך מגייר געווען לויט וויא יודען האבען אויף איהם מלשין געוועזין. אויף דיזער פראגע האט איהם ר׳ שלמה מיט גרויס מוטה אונד אונערשראקענהייט געענטפערט: „יא עס איז ריכטיג, מיינע עלטערין וואהרען יודען, זייא האבען נור צום שיין אנגענוממען אייער אמונה, אויך איך בין צוואר אין אייער אמונה ערצויגען געווארען, אבער קוים האב איך מיך ערוואקסט פון וואגען איך שפעט ארויס, האב איך מיר גלייך געלאזט בעשניידען, אונד בין א יהודי געווארען”. דיזע אנטווארט האט דעם בישאף זייער געקרענקט, אונד ער וואר פעסט ענטשלאססען איהם לעבענדיג צו פערברענען, אבער ער האט דיזען וואונש ניט געקאנט ערפילין אהן ערלויבניס פון פאפסט. אונ דער פאפסט האט דאן ארויס געגעבין איין שטרענגען בעפעהל, דאס קיינער זאל ניט אונטערשטעהען דיא יודישע אנוסים צוא משפטן פאר וואס זייא האבען זיך צוריק צוא זייער אמונה געקעהרט, דענן ער האט ניט געוואלט האבען מען זאל צווינגען מיט געוואלט אין קריסטענטהום צוא גלויבען. נון וואר דער בישאף גענייטיגט ר״ש מולכו פריי צוא שפרעכען אונד האט איהם גאר ניכטס געקאנט טאן. לאנגע האט ער זיך אין דיזע קהלה ניט אויף געהאלטין, ער האט באלד נאך רומא געבייזט. נאך איינע שווערע דורכהאפטע רייזע איז ער דארט אנגעקוממען. ער איז אין איין קריסטליכע גאסט־הויז איינגעפאהרען, אונד האט דעם בעל הבית געזאגט אז ער איז אקריסט אונד זוכט היער זיינע אנגעליבטע, וועלכע איהרע עלטערין האבען איהר פון איהם פערבארגען, אונ ער

קען צו איהר ניט צוקומען סידעו. ער זאל זיך פערשטעללען פיר א בעטלער. אלזא האט ער דעם ווירטה געבעטין ער זאל אים טהון דיא טובה אונ איהם בעטלער־קליידער שאפען. דער ווירטה האט געגלויבט אין זיינע רייד אונד האט איהם געשאפט זיין פערלאנגען. דאן האט זיך ר׳ שלמה מולכו אויסגעטאהן זיינע קעסטליכע קליידער אונ זיך אנגעטאהן אין לומפען, דיא פיס האט ער מיט שמאטעס איינגעוויקעלט, זיין שאהנעס ליכטיגעס געזיכט האט ער מיט שמוציגע בעשמירט, אונד האט זיך אזוי דורך די גאסען פון רומא ארום געשלעפט ביז ער איז ענדליך געקוממען צו דעם בריק וואס איז געבויעט אויף דעם טייך טיבער, ניט ווייט פאן פאפסט פאלאסט. וואס דארט זיטצען אללע בעטלערס אונד בעטין נדבות, אונד צווישען זיי האט ער זיך אויך אוועק געזעצט. ער האט געגלויבט אין דיא אלטע זאגע, אז דער מלך המשיח וועט זיטצען אין רומא צווישען דיא בעטלערס אונד ליידענדע, אונד גלייך מיט זיי וועט ער זיך קוועלען אונד ליידען פיעל שמערצין אונד צרות, כדי דערמיט מכפר צו זיין אויף די זינד פון כל ישראל, ביז עס וועט קוממען דיא בעשטימטע גליקליכע צייט וואס דיא יודען זאללען אויסגעלאזט ווערין. אלזא בלאס צו דיעזען צוועק האט זיך ר׳ שלמה דארט אויפען בריק געזעצט צווישען דיא בעטלערס. ער האט זיך געפייניגט דעם גוף אונד האט ניט געגעסין אונד ניט געטרונקען, אונד האט געהאפט יעדער אויגענבליק דאס דער מלך המשיח וועט זיך צוא איהם דארט בעוויזען. אזוי איז ער דארט דרייסיג טעג געזעסין אונד האט טאג אונד נאכט ניט אבגעטרעטין פון זיין ארט. ער האט געפאסט אונד זיך געפייניגט אונד געווארט אויף דעם קץ הפלאות.

זיין שטארקע פאנטאזיע אונד מאכטיגע איינבילדונגס־קראפט האט איהם אזוי ווייט געבראכט דאס צוא ענדע פון דרייסיגסטען טאג איז פלעצליך אויף איהם א שטארקער שלוממער ארויף געפאללען, אונד איין מערקווירדיגע ערשיינונג האט זיך איהם אין חלום פארגעשטעלט. מערקווירדיג דאס א גרויסער חלק פון דיעזען ערשיינונג איז פינקטליך מקוים געווארען, וויא מיר וועלין דא ערצאהלען, קוים איז ער איינגעשלאפען האט זיך פלעצליך פאר זיינע אויגען איין וואונדערליכער אלטער גרייז פאר געשטעלט אונ האט צו איהם אזויא געזאגט: „מיין זאהן! איך בין געקוממען דיר אנצוזאגען א וויכטיגע זאך וואס איז זעהר טהייער פיר אללע פעלקער וואס דוא מיט דיינע ברידער זיטצען צווישען זיי. קומם מיט מיר אין דיא חרבות ירושלים וואו דוא ביסט פאר׳הער געוועזען”. אונד דאס ליידענדיג האט ער איהם גענוממען אונד געבראכט צווישען צוויי בערג אין ארץ ישראל, צווישען בארג ציון וירושלים אונד צווישען צפת אונד דמשק. דארט האט ער דערזעהען צוויי מענשען וועלכע װארען געקליידעט דורכאוים אין ווייסען, איינער האט געהאלטען א מגלה אין האנט אונ האט געלייענט דיא אללע צרות ורעות וואס וועט אויף רומא קוממען, אבער דיעזער מאן האט איהם שטרענג פערבאטען ער זאל ניט מגלה זיין פיר קיין ילוד אשה אללעס וואס ער האט דארט געזעהן אונ געהערט. נאכהער האט איהם דער אלטער גרייז וויעדער נאך רומא געטראגען אונד האט איהם אוועק געשטעלט אויף דען זעלביגען טיבער־בריק וואו ער איז פאר׳הער געזעסין, אונ דארט האט ער צוויי גרויסע פויגלען ערבליקט, וועלכע װארען פערשיעדען איינער פון צווייטען. איינער װאר אונגעהייער גרויס אונד פול מיט אויגען, וואס איז געקוממען צוא פליהען פון ים המלח, אונד דער צווייטער פויגעל װאר פיעל קלענער אונד װאר בעוואקסען מיט זעהר שיינע גלאנצענדע פעדערין, וועלכער איז פון ים הגדול געקוממען, אונ האט זיך איבער דעם ערשטען פויגעל געשטעלט. ר׳ שלמה האט זיך שטארק פערוואונדערט אויף דיעזע מערקווירדיגע ערשיינונג, אונד האט דעם אלטען מאן געבעטין ער זאל איהם ערקלערין וואס דיא צוויי פויגלען בעדייטען.

דער גרייז האט איהם געענטפערט: דער גרויסער פויגעל איז מרמז אז עס וועט קוממען א גרויסער מבול אויף רומא אונד אויף איהר גאנצע געגענד, דאמאלס וועט אין פארטוגאל זיין א שרעקליכע ערדציטערנעש וואס וועט זעהר פיעל שאדען אונד אומגליקק בריינגען. אונד דער קלענערער פויגעל איז מרמז אז דער מבול וועט ניט זיין אויף דער גאנצער וועלט, נאר בלאס אויף רומא אונד אויף דיא נאהענטסטע מדינות. נאך דיעזען מבול וועלין זיך אויפן הימעל בעווייזען צוויי קאמעטען אונד וועלין אויף רומא אלאנגע צייט שיינען. דער ערשטער קאמעט צייגט אז גאט וועט רומא זעהר שטארק שטראפען איבער דיא זינד וואס דיא רומער האבען דיא יודען פערפאלגט, אונד דער צווייטער קאמעט וועט מרמז זיין, דאס גאט וועט יודען ערלאזען פון אללע זייערע צרות און פיין, וועט זיי מיט איין מאל ערפרייען. דער אלטער גרייז אלס ער האט עס ר"ש מולכו ערקלערט, האט ער איהם זעהר שטריינג פערבאטען ער זאל ניט אונטערשטייען רומא צוא פערלאזען בעפאר דער מבול וועט קוממען. אויך האט ער איהם מודיע געוועזין דאס מיעלע פון זיינע אייגענע ברידער וועלין איהם זעהר שטארק רודפין, זיי וועלין אויף איהם אללע מסירות אנווענדען, אבער צום סוף וועלין זייא ניט אויספיהרען אונד וועלין חרטה האבען. אויך האט איהם דער אלטער מבשר געוועזין, דאס אין פערלויף פון נאך זיעבען חדשים ווען ער וועט דרייסיג יאהר אלט ווערין, דאן וועט ער ערבייכען צו זיין האכסטען גליק, דאן וועט זיין וואונש ערפיעלט ווערין, און אלעס וועט פינקטליך מקוים ווערין. דיעזעס אללעס האט ר' שלמה אין חלום געזעהן, אונד האט זיך באלד פון זיין טיעפען שלוממער אויפגעהאפט.

ערמיעדעט אונד אפגעשוואכט פון פיעל תעניתים אונד סגופים, ערשראקען און ערציטערט פון דעם מערקווירדיגען חלום האט ר' שלמה מולכו דעם טיבער־בריק פערלאזען אונד זיך גלייך דעם מארגענס צוריק אין זיין קוואטיר בעגעבין. ער האט גלייך פון זיך די בעטלער־קליידער אראפ געווארפען אונד זיך צוריק אין זיינע קעסטליכע קליידער אנגעטאהן אונד אויפען גאס ארויף. פיליכט וועט זיך איהם טרעפען א יהודי וואס ער זאל זיך קענען ביי איהם ערקוויקען מיט פרישע פליישמאכלים, נאך זיין לאנגען תענית. ער האט זיך ענדליך נאכגעפרעגט וואו הרב ר' יהודה ב"ר שבתי וואהנט אונד איז גלייך צו איהם געגאנגען. ער האט זיך פיר איהם ניט בעקאנט געמאכט און ניט ארויסגעגעבען דאס ער איז ר' שלמה מולכו, ווייל ער האט פחד געהאט פיר זיינע שונאים און מתנגדים, זיי זאלען איהם ניט פערפאלגען, און דערום האט ער דעם רב געזאגט אז ער איז בלאס א שליח פון ר' שלמה מולכו, וואס איז געבליבען זיטצען אין דער שטאדט פיזארא. עס האט אבער ניט לאנג געדויערט און די יודען פון רומא האבען זיך ערוואוסט אז ער איז ר' שלמה מולכו אליין. שלעכטע מענשען האבען אין געהיים אונטער געזאגט דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער אז ר"ש מולכו איז אין רומא אונד העצט אויף דעם פובליקום געגען קריסטענטהום. דאס אינקוויזיציאנס־געריכט האט גלייך זיינע משרתים געשיקט ר"ש מולכו אויפצוזוכען, אבער מען האט איהם ניט געפונען, דען ער האט זיך באלד דערוואוסט אז מען זוכט איהם, און האט וואס צום גיכסטען פערלאזען רומא. ער איז צום פאפסט געלאפען וואס האט זיך דאן אויפגעהאלטען אין זיין לאנדהויז ניט ווייט פון רומא, ער האט אים פון אלעס ערצאהלט וויא עס האט זיך מיט איהם פאסירט און האט איהם געבעטין ער זאל איהם בעהילפיג זיין. דער פאפסט וואס האט איהם זייער געליבט האט זיין בקשה צוגעהערט און האט איהם איין פאפיר ארויס געגעבין דאס קיינער זאל ניט אונטערשטעהן איהם אנצורירען אונד שלעכטעס צוא טאן. נון האבענדיג אזא פאפיר אין האנט האט שוין ר' שלמה ווירקליך פיר קיינעם ניט געדארפט מורא האבען

אונד האט זיך אלזא צוריק נאך רומא בעגעבען. שבת אין דער פריה איז ער אין שול געגאנגען, אונד האט געווארט ביז מען וועט דיא ספר תורה פון ארון קודש ארויס נעמען: קוים איז געקומען די צייט פון קריאת התורה, איז ר׳ שלמה פלעצליך אויפען בימה ארויף אונד האט אנגעפאנגען איין פייערדיגע דרשה צו זאגען. דער עולם האט זיך שטארק פערוואונדערט אויף דיזען וואונדערליכען דרשן, אונד אללע וואהרען אויסער זיך העהרענדיג זיינע קלוגע רייד, זיינע טיפע תורה אונ זיין גרויסע חכמה. דער דרוש איז בעשטאנען אויף דעם פסוק ברוך הגבר אשר יבטח בה׳, אונ פון דאמאלס אן האט ר׳ שלמה יעדען שבת געדרשעט אין אללע בתי כנסיות אונד בתי מדרשות פון רומא, ביי יעדער דרשה האט ער אלץ מעהר בייפאל געהאט אונד עס איז קיינער ניט אויסען געבליבען וואס זאל איהם ניט קוממען הערען. דער צוועק פון אללע זיינע דרשות וואר דיא גאולה, עקבא דמשיחא, אונד דער קץ הפלאות. מיט אותות ומופתים, מיט ראיות וסברות פון תורה שבכתב אונד תורה שבעל פה, פון נגלה ונסתר, פון קבלה סודות ורמזים, האט ער אויפגעוויזען אז דיא גאולה מוז זיין, אז משיח מוז קוממען אונד דיא יודען מוזען אללע נאך ארץ ישראל גיין. אללע יודען פון רומא וואס האבען זיינע בשורות טובות ישועות ונחמות געהערט, האבען אין איהם אנגעפאנגען צוא גלויבען וויא אין תורת משה, אונד עס וואר בייא קיינעם קיין צווייפעל מעהר אז ר׳ שלמה מולכו איז א שליח פון מלך המשיח מבשר צו זיין דיא עקבא דמשיחא, אונד מגלה צוא זיין דעם קץ הפלאות.

צו יענער צייט האט ר׳ שלמה מולכו איין שליח מיוחד געשיקט צו דעם קעניג פאן פארטוגאל. דער שליח וואר דער פירסט בראס נעטא וואס איז דאן אין רומא געוועסין אונד וואס וואר מיט ר׳ שלמה מולכו זייער בעפריינדעט. דורך דיזען שליח האט ר׳ שלמה ענטדעקט דעם קעניג פון פארטוגאל בסודי סודות, דאס קירצליך וועט אין זיין הויפט־שטאדט ליסאבאן איין שרעקליכע ערדציטערניש זיין, אין וועלכען עס וועלען טויזענטער מענשין לעבענדיג בעגראבין ווערדין, אלזא ראטה ער איהם ער זאל זיך פון ליסאבאן אפ־טראגען, כדי דאס ערדבעבען זאל איהם אויך ניט לעבענדיג פערשיטען. אויף רומא האט ער דאן נביאות געזאגט, דאס איין מעכטיגער מבול וועט איר דאן פערפלייצען אונד אללע איינוואהנער פארטרינקען, דען אזוי האט מען איהם מגלה געוועזין פון הימעל אונ געווים וועט עס מקוים ווערין. ער אליין האט דאן אויך רומא פערלאזען. ער האט זיך פון דארט נאך וועענדיג בעגעבין, דארט האט ער זיך געזעהען מיט איין מדפיס אונ איהם אנגעבאטען ער זאל זיינעם א ספר דרוקען וואס ענטהאלט זייער שרעקליכע אונד וויכטיגע ענינים פון קץ הפלאות, פון עקבא דמשיחא, אונד פון דיא גאולה האמתית. —

אונטערדעסין איז דוד הראובני אויך אין איטאליען געקוממען, אונד ר׳ שלמה האט זיך ווידער צו איהם מתחבר געוועזין, אונד זיי ביידע האבען געשווארען איינער דעם אנדערין ניט צוא פערלאזען אונ איינער דעם אנדערן צו העלפין ביז זיי וועלין זייער הויבען אונ הייליגען וואונש אויספיהרען. עס האבען זיך צוואר דאן געפאוועט פיעל חכמים אונד לומדים מופלגי תורה וואס האבען אין זייא ביידען ניט געוואלט גלויבען, אונד האבען שטארק מורא געהאט, דאס דורך דיזע צוויי מענשין זאל ענדליך דער גאנצער כלל ישראל חלילה ניט ליידען. דיזע אונגלויביגע האבען אלזא אללע מיטלען אנגעווענדעט אראפ צו זעטצין דוד הראובני אונד ר״ש מולכו פון דער סצענע. זיי האבען זיי רודף געוועזין עד חרמה, אונד האבען זיך דיא מיה געגעבין איבער צוציינען או זיי זענין בעטריגער וואס וועלין די יודען נאר פערפיהרען אונ נאך גרעסערע לייד

אויף זיי ברענגען. אין ווענעדיג האט זיך דאן אפענטליך געשטעלט אויפען פלאץ, החכם הרופא ר' יעקב מאנטין געגען ר"ש מולכו, אונ האט איהם רודף געוועזין מיט וואס ער האט נאר געקאנט. ער האט אויף איהם מלשין געוועזין ביא דיא שרי המלוכה אז ער איז איין פערפיהרער, איין פאליטישער פארברעכער, אונ וויל געגין דער רעגירונג איינע רעוואלוציאן מאכען. איניגע פון ר' יעקב מאנטינ'ס חברים וואס האבען אויך געהאלפען ר"ש מולכו צו פערפאלגען, אלס זיי האבען איינגעזעהען אז זיי קענען איהם אויף קיין ארט אונ וויזע ניט בייקומען, זענען זיי אויף אשענדליכע המצאה געפאלין. זיי האבען געפרובירט איהם צוא פערגיפטען. ר"ש האט דיא גיפט אויסגעטרונקען, אונ דורך איין זעלטזאמען צופאלל איז ער פון טויט נצול געווארען. דיא גיפט האט ווענינ אויף איהם געווירקט אונ ער איז געזונד אונד פריש געבליבען.

אינטערעסאנט איז ר"ש מולכו'ס נביאות אויף רומא אז דיא שטאדט אונד די גאנצע אומגעגינד וועט ליידען פון אשרעקליכען מבול, פינקטליך מקוים געווארען. עס איז ווירקליך אויף רומא אגרויסער מבול געקוממען, דער פלוס טיבער האט שטארק אויסגעפלייצט אונד האט פיעלע גאססען פערגאסען, אם אנדערן טאג האט זיך דאס וואסער מעהר געשטארקט אונ האט זייער פיעל שאדען אנגעמאכט. פון טאג צו טאג האט זיך דער מעכטיגער מבול געשטארקט, דער געוואלטיגער רעגען אונד וואלקענבריך האט אויף איין אויגענבליק ניט אויפגעהערט, דער טיבער־שטראם האט זיך אלץ וויטער אונד וייטער איבער דער שטאדט ערגאסען ביז ענדליך איז כמעט די גאנצע שטאדט אין וואסער געשטאנען. דיא היסטאריקער וואס האבען צו יענער צייט אין רומא געלעבט (1530) האבען זייער שרעקליכע קארטינעס פון דיזען מבול פארגעשטעלט. דער אומגליק וואר ניט צוא בעשרייבען, הונדערטער הייזער זענין איינגעפאללען אונ אין שטראם וואסער געזונקען, טויזענדער מענשען זיינען דערטרונקען געווארען, אונ גאנץ רומא האט זיך דאן אין איינע העכסט טרויעריגע קלאגליכע לאגע בעפונדען.

דיא צווייטע נביאות וואס ר' שלמה האט פראפעצייעט אויף פארטוגאל דאס דארט וועט ערדציטערניש זיין, איז אויך ריכטיג מקוים געווארען. דריי מאל האט אין גאנץ פארטוגאל דיא ערד געציטערט אונ מען האט געמיינט אז דיא גאנצע וועלט האלט ביים אונטערגאנג. די ערגסטע פארציע האט די הויפטשטאדט ליסאבאן בעקומען, דארט וואר די ערדציטערניש פיעל שטארקער אונד געפאהרליכער וויא אנדערסוואו, דיא גרעסטע טהורעמס, דיא שטארקסטע בנינים זענען איינגעפאללען אונ אתל עולם געווארען. טויזענדער מענשען זענין אונטער דיזע חרבות לעבענדיגערהייד בעגראבען געווארען. נון האט דאן די גאנצע וועלט איינגעזעהען ווי ריכטיג אונד אמת עס וואר׳ען דיא נביאות פון ר"ש מולכו, אלע האבען איהם אנגעפאנגען צוא פארגאטערן, אונד כמעט קיינער האט שוין מעהר ניט געצווייפעלט אז ער איז ווירקליך פיעל מעהר אלס איין געוואהנליכער מענש, אונ איז באמת א איש אלקים וואס איז געשיקט פון מלך המשיח מבשר צו זיין דעם קץ הפלאות.

באלד נאך דעם מבול האט זיך ר' שלמה מולכו צוריק נאך רומא בעגעבין. ווי ער איז דארט געקומען, האט מען איהם מקבל געוועזין בכבוד גדול, אונד מען האט אויפגענומען ווי איין היילינען נביא וועלכער איז פון גאט געשיקט. אויך דער פאפסט אונד זיינע קארדינאלען האבען זיך אויף איהם שטארק פערוואונדערט אלס זייא האבען זיך איבערצייגט דאס אלעס וואס ער האט זיי פאר׳הער פערטרויט איז פינקטליך מקוים

געווארען , אלזא איז ער ביי זיי א גרויסער תקיף געווארען , דער פאפסט אליין האט איהם דען גרעסטען כבוד אבגעגעבין . נון האט באן ר' שלמה דיא בעסטע געלעגענהייט געהאט פיר זיינע ברידער א מליץ טוב צו זיין , ער האט ביים פאפסט געפועלט ער זאל דעם קעניג פון פארטוגאל קיין ערלויבעניס ניט ארויס געבין צו גרינדען אין זיין מדינה דיא אינקוויזיציאנס־געריכטע . אונד אלס יואן דער דריטע , קעניג פון פארטוגאל , האט איינגעזעהן דאס דער פאפסט גיט איהם ניט קיין ערלויבעניס , אונד אהן דעם קען ער גאר ניט אויספיהרען , האט ער זיך דערפון אין גאנצען מיאש געוועזין , אונד די אומגליקליכע אנוסים האבען אויגענבליקליך געקאנט דאנקען ר' שלמה'ן וואס דורך זיין זכות זיינען זייא פון דעם אינקוויזיציאנס־געריכט נצול געווארען .

אבער די פערפאלגער פון ר' שלמה האבען אונטערדעסין געטאהן דאס זייעריגע . זיי האבען גאר ניט געקוקט וואס דער פאפסט און זיינע קארדינאלען האלטען פיר איהם אונד היטען איהם וויא דיא אויג פון קאפ עס זאל איהם קיין אונגליק טרעפין . דיא הויפט־פערפאלגער וואהרען פון אונזערע איינענע ברידער , וועלכע וואהרען פעסט ענטשלאססען איהם אומצוברייגגען . דער הויפט־אנפיהרער פון זייא וואר , וויא מיר האבען שוין פריהער ערצאהלט , ר' יעקב מאנטין . דיעזער ר' יעקב האט געשוואהרען אז ער וועט ניט רוהען ביז ער וועט אראפרייסען דיא פאלשע מאסקע פון מולכו'ס געזיכט , ביז ער וועט פיר דיא גאנצע וועלט איבערציינגען אז מולכו איז איין בעטריגער א נביא השקר . צוא דיעזען צוועק האט ר' יעקב נאך רומא געבייזט , ער האט זיך גלייך געלאזט מעלדין צו דעם פירסטען בראס ניטא , וואס איז דאן אין רומא געוועסין אלס געזאנדעטער פון קעניג פון פארטוגאל , אונד האט איהם גרויסע פארווירפע געמאכט , ווארום ער איז זיך ניט משתדל מען זאל ר"ש מולכו משפטן , ער האט איהם ענטדעקט דאס ר"ש מולכו וואר פאהער איין קריסט און האט זיך מגייר געוועזין מיט דער כוונה דאס קריסטענטהום צו שענדין און דיא יודען צו פערפיהרען . דיעזע מלשינות וואהרען גאנץ אומזאנסט , דער פירסט האט ר' יעקב'ן גאר ניט צו געהערט . נון איז ער געגאנגען צו דעם אינקוויזיציאנס־געריכט און האט דארט אויך דאס זעלבע ענטדעקט , אז ר"ש מולכו איז א קריסט אונד האט זיך מגייר געוועזין , ער האט געבראכט דערצו איניגע קריסטליכע עדות פון פארטוגאל וואס האבען עדות געזאגט אז זיי קענען דיעזען ר"ש מולכו וועהרענד ער האט געלעבט אין פארטוגאל אלס קריסט , אונד דערום איז ער חייב מיתה , דעם אויבער־אינקוויזיטאר אונד זיינע לייט האט דאס זייער פערדראסין , זיי זיינען אויף מולכו'ן שטארק אויפגעבראכט געווארען , אונד האבען איהם אויפגעפאדערט צום משפט . מיט דעם גרעסטען שטאלץ אונד מוטה האט זיך ר"ש מולכו פיר דעם אינקוויזיציאנס־געריכט געשטעלט , אונד אלס זיי האבען פון איהם געפאדערט דין וחשבון פיר זיין גרויסען פערברעכין וואס ער האט בעגאנגען געגען קריסטענטהום , האט ער ארוים גענומען פון טאש איין פאפיר וואס ער האט געהאט פון פאפסט , אז ער אליין האט איהם ערלויבט יודע צו זיין אונד פארצוטראגין זיינע דרשות צווישען יודען וועגין מלך המשיח און וועגין זייער גאולה . דיא ריכטער האבען געהאפט דיעזען פאפיר אונד זיינען מיט איהם צום פאפסט געלאפען . זיי האבען מיט דעם פאפסט גערעט דברים קשים און האבען איהם פארווירפע געמאכט ווי אזוי ער האט זיך ערלויבט אזא פערברעכער געגען קריסטענטהום אזא פאפיר ארויסצוגעבין . דער פאפסט אבער וואס וואר א גרויסער חכם , האט זיי מיט קלוגע אונד גלאטע רייד בערוהיגט . ער האט זיי פערטרויט דאס ער אליין האלט אויך מולכו'ן פיר איין פערברעכער געגען זייער אמונה אונד דאצו אויך פיר איין בעטריגער , אבער אויגענבליקליך דארף ער איהם

האבען צו איין געוויסע וויכטיגע געהיימען אינטערעס , אונד ביז ער וועט אויס פיהרען זיין וואונש מוז ער איהם בעשיטצען . עס זאל איהם קיין באזעס ניט טרעפין . דיא שופטים האבען אלזא דעם פאפסט צוגעהערט אונד האבען ר"ש מולכו'ן אבגעלאזען . ר' יעקב מאנטין אבער האט ניט אויפגעהערט רודף צו זיין ר' שלמה'ן עד חרמה, אונד זיין צארן האט אין איהם בשום אופן ניט געשטילט . עס האט איהם זייער פארדראסען וואס דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער האבען מולכו'ן פריי געלאזען , ער האט נון אללע מאגליכקייט אנגעווענדעט איהם ביצוקוממען , אונד איז ענדליך אויף א תחבולה געפאללען . ער האט דורך פיעל מיה בעקוממען דעם בריעף וואס ר' שלמה האט אמאל געשיקט צו ר' יוסף טיטצאק , וואס אין דיעזעם בריעף האט איהם ר' שלמה דערצאהלט זיין גאנצע לעבענס־געשיכטע , ווי ער האט זיך ערצויגען אלס קריסט און וויא ער איז צוריק איין יוד געווארען , אויך פיעלע נביאות וואס ער האט געזאגט אויף דיא אומות העולם וואס פיר א סוף זיי וועלין האבען באחרית הימים . דיעזען בריעף האט ער איבערזעצט אויף לייטיין אונד האט עס איבערגעגעבין דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער אונד די אויבער־קארדינאלין אום זיי צו איבערצייגען וויא זיי האבען פארזעהן געגין ר' שלמה מולכו, און וויא ווייט זיי האבען פערבראכען געגין זייער אמונה, אז זיי האבען אזא רעליגיאנס־פערברעכער פריי געלאזען . דאס האט דיא קארדינאלין אונד דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער זייער געקרייננקט , זייער צארען האט זיך אין זיי אנגעצונדען וויא איין העלישער פייער . מיט גרויס האסט אונד כעס האבען זייא איינגעבראכין ביים פאפסט און האבען זיך מיט איהם זייער געקריגט וואס ער האט עובר געווען אויף זייער דת אונד איז מגין אויף אזא מענשין וואס איז א כופר אין זייער אמונה און וואס ווילל מיט זיינע שאנדליכע בעטריגעריי דיא גאנצע וועלט פערפיהרען . אלזא האבען זיי דעם פאפסט געבעטין , ער זאלל אונטערשרייבען א דעקרעט אויף ר"ש מולכו , מען זאלל אים לעבענדיג פערברענען . דאן האט שוין דער פאפסט קיין אנדערע ברירה ניט געהאט, אונד האט געמוזט בעל כרחו איינשטיממען . ער וואר אלזא געצוואונגען ר"ש מולכו איבער צו געבין אין דיא הענט פון זיינע שונאים , זיי זאללען מיט איהם טאן וואס זיי ווילען . מען האט גלייך נאך דעם פון דער אינקוויזיציאן אין אללע גאססען פון רומא בעקאנט געמאכט, דאס איין קעטצער (כופר בדת) , איין שענדליכער פערפיהרער וועט אין מיטען גאס לעבענדיג פערברענט ווערין . דיא משרתים פון דער אינקוויזיציאן האבען אין מיטען גאס אגרויסען קאסטער האלץ אנגעלייגט , אונד טויזענדער מענשען האבען זיך צוזאממען געזאממעלט, אנטהייל צו נעמען אין דיעזע היילינע פארשטעללונג , און צו זעהן וויא דער כופר בדת וועט לעבענדיג אויפען העללישען בראנד פייער געבראטען ווערדען . מיט גרויס רעש אונד געפילדער איז דער אומגליקליכער קרבן אויפין פלאטץ געבראכט געווארען . מען האט איהם הענט אונד פיס געבונדען , און גלייך אין פייער־בראנד געווארפען , אונד כהרף עין איז ער פארברענט געווארען אויף אש . אחינו בני ישראל האבען שטארק געטרויערט נאך דעם היילינען ר"ש מולכו , מען האט איהם בעוויינט אונד בעקלאגט זייט וויא ער האט פעדיענט . אייניגער פון דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער איז גלייך נאכדעם צום פאפסט געגאנגען און האט אים מודיע געווען אז דער כופר בדת, שלמה מולכו, איז שוין פערברענט געווארען . קוים האט ער אבער דיעזע ווארטען פון מויל ארויס געלאזען , איז ער פלעצליך ערציטטערט געווארען און שיער פון זינגען אראפ , דען ער האט פלעצליך דער זעהן דעם פערברענטען ר"ש מולכו ביים פאפסט אין ציממער ארום געהענדיג הין אונד הער , אנגעצויגען אין זיינע קעסטליכע קליידער אונד זיין פראהליכעם געזיכט האט געשיינט וויא געוועהנליך . דער פאפסט אליין האט זיך אויך שטארק דערשראקען אלס ער האט דערהערט דיא רייד פון שופט , אונד האט צוא איהם

געשריען: א, וואס האט איהר געטאן! שלמה מולכו איז דאך גאר ניט פערברענט, ער לעבט און גייט דא ארום אין מיין צימער, אונד אויף זיין שטעלע האט איר דאך איין גאנץ אונשולדיגען מענשען פערברענט. א, דאס פערדריסט מיר זעהר, און איך בין אויף דיר און אויף די איבריגע אינקוויזיציאנס־ריכטער זייער אויפגעבראכט. פאר וואס איר זייט געוועזן אזוי איבער אייליג. אונד האט גאר ניט בעטראכט וועמען איהר האט אין פייער געווארפען, אלזא איז מיין עצה טובה דיא גאנצע זאכע זאל אין געהיים בלייבען אונד קיינער פון שטאדט דארף דערפון ניט וויסען, כדי עס זאלען זיך קיין נייע בהלות צווישען דיא יודען אונד קריסטען ניט ערוועקען.

דיא אורזאכע פון דיעזען מערקווירדיגען צופאלל ערצאהלט ר"ש מולכו אליין אין זיינעם אבריעף וואס ער האט געשיקט צו דיא חכמי ישראל פון ארץ הקדושה. „איבער מיינע פיעל שונאים אונד פערפאלגער, וואר דער פאפסט געצוואונגען צו געבען רשות צו דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער זיי זאלען מיך משפט'ן, אונד מיר אליין האט ער געראטהען, איך זאלל אין געהיים בייא איהם אין פאלאסט בלייבען, כדי מיינע פערפאלגער זאלען מיר ניט געפינען, ווייל ער האט מיר זייער ליב געהאט אונד האט מיר געוואלט פון טויט מציל זיין, אונד אלס דיא משרתים פון דער אינקוויזיציע האבען זיך צערשפרייט אין דער גאנצער שטאדט מיר צוא זוכען, האבען זיא געטראפען אזא אמענשען וואס האט געהאט פיעל אהנליכקייט צוא מיר, זיי האבען איהם אלזויא געכאפט אונד איהם לעבענדיג פערברענט".

אבוואהל דער פאפסט האט שטרייננ פערבאטען דיא אינקוויזיציאנס־ריכטער, זייא זאללען קיינעם ניט מגלה זיין אז זייא האבען איין אנדער מענשען אויף ר"ש מולכו'ס שטעללע פערברענט אונד אז ר"ש מולכו לעבט, דענאך האט ניט לאנג געדויערט אונד דיא יודען פון רומא האבען זיך דערוואוסט פון דער גאנצער מעשה. זיי האבען זיך זייער געפרייט און געדאנקט אונד געלויבט גאטט, וואס ער האט דעם הייליגען מולכו מיט אזא וואונדערליכען נס פון טויט מציל געוועזן. זייא האבען די גאנצע מעשה פיר א נס מן השמים בעטראכט, אונד דאדורך האבען זייא מולכו'ן אנגעפאנגען נאך הייליגער אונד גאטליכער צוא בעטראכטען. — נאך דיעזע מעשה האט ר' שלמה לאנגער ניט געוואלט בלייבען אין רומא, דען ער האט זיך דארט בעפונדען אין גרויס געפאהר, דען ניט אללע טאג טרעפען זיך ניסים. ער האט אלזא אבשייד גענוממען פון פאפסט, און אין איינע פינסטערע טרויעריגע נאכט האט ער רומא פערלאזען, און האט זיך נאך בולאניע בעגעבען. דארט האט ער זיך מיט דוד הראובני געטראפען. אין יענער צייט האבען ווידער גרויסע צרות אונד פיין אונזערע ברידער אין יענע לענדער בעגעגענט, מען האט זיי פערפאלגט אונד פערגאסען זייער בלוט ווייא וואסער. דאס האט ר' שלמה'ן און דוד הראובני זייער געקרענקט, זיי האבען אנגעווענדעט אללע מעגליכקייט דיא קלאגליכע לאגע פון זייערע ברידער צוא פערבעססערן. צו דיעזען צוועק האבען זיי א רייזע נאך רעגענשבורג געמאכט, דארט האט צוא יענער צייט דער קייזער קארל דער פינפטע געלעבט. זיי האבען זיך מיט איהם געזעהן אונד האבען מיט איהם וועגען דעם טרויעריגען צושטאנד פון זייערע ברידער געשפראכען. וואס זיי האבען מיט דעם קייזער אונטער געהאנדעלט, אונד וואס זייער בקשה איז פון איהם געוועזן, ווייסען מיר ניט, בלאס ווייסען מיר דאס דער קייזער איז אויף זיי האבסט אין כעס געווארען, און האט בעפאהלען מען זאל זיי גלייך אין קייטען שמידען. אונד אלס ער האט זיך בעגעבען פון רעגענשבורג נאך מאנטואה (אים מאנאט יוני 1532) האט ער דיא ביידע געפאנגענע מיט זיך אויך מיטגענוממען. קוממענדיג אין מאנטואה האט ער אללע אינקוויזיציאנס־ריכטער אונד קארדינאלען פערזאממעלט אונד האט זיך מיט

זיי בעראטהען וואס ער זאל מיט דיא צוויי געפאנגענע יודען טאן • עס איז ארויס זייער דעקרעט, דאס ר"ש מולכו זאל מען לעבענדיג פערברענען , אונ דוד הראובני זאל מען איבערגעבין אין דיא הענט פון דיא קאנדס־ריכטער, זייא זאללין מיט איהם טאן כטוב בעיניהם. נון האט מען ר' שלמה'ן הענט אונד פיס געבונדען אונ מען האט איהם דורך אללע גאססען געפיהרט צום פייערבראנד. מען האט איהם דאס מויל פעסט פערבונדען, כדי ער זאל ניט קענען רייד ען געגין דיא רעגירונג, אונ קוים האט מען איהם שוין אין ברענדפייער געוואלט ווארפען, איז געקוממען צוא לויפען איין געזאנדטער פון קייזער אונ האט געשריען צו דיא משרתים: „האלט! האלט!" ער האט איהם געהייסען דאס מויל אפבינדען אונד האט צו איהם געזאגט דיזע ווארטע: „דער קייזער האט מיר צו דיר געשיקט, איך זאל דיר זאגען אין זיין נאמען, אז ווען דוא ווילסט זיך צוריק קעהרן צו אונזער אמונה , בלייבסט דוא לעבען". ר' שלמה האט איהם גלייך געענטפערט: „גייא זאג דיין קייזער אז איך דאנק איהם פיר זיין חסד. איך בין געוועזין איין יהודי אונד וויל געהן שטארבען אלס יהודי!" אויף דיזע אנטווארט איז דער געזאנדטער פון קייזער זייער צארניג געווארען, אונד האט באלד בעפאהלין מען זאל ר' שלמה'ן אין פייער ווארפען. מען האט זיין בעפעהל ערפילט אונ ר' שלמה איז פערברענט געווארען על קדוש השם. בכל תפוצות ישראל איז איין אבל כבד געוועזין אויף דעם טרויעריגין סוף פון ר"ש מולכו, אונד אללע יודען האבען איהם שטארק בעקלאגט אונד בעוויינט. — דער סוף פון דוד הראובני וואר איין אנדערער. דען קארל דער פינפטע האט איהם נאך שפאניען געבראכט, דארט האט ער איהם איבער געגעבין אין די הענט פון דיא אינקוויזיציע, זיי האבען איהם דריי יאהר געלאזט שמאכטען אין איין טיפען קערקער (אסטראג), אונד יעדען טאג האט מען איהם געפאלטערט אונד אנגעטאן כל עינויים קשים, אונד אלס ער האט שוין קיין כח ניט געהאט אונד האט שוין אויף זיך קיין מענשליך געשטאלט ניט געהאט, האבען זיי איהם פרייא געלאזען, אונ קיינער האט ניט געוואוסט וואו ער איז אהין געקוממען ביז היינטיגען טאג.

דאס איז דער סוף פון אונזערע נביאים וואס האבען געוואלט דוחק את הקץ זיין: דאפאן קען מען זעהן וויא היילג אונד אמת דיא רייד פון גאטט ב"ה איז, וואס ער האט געזאגט ברוח קדשו: „אני ה' בעתה אחישנה"! וואס דארויף זאגען די חכמינו ז"ל: „זכו אחישנה, ווען די יודען ווערט זיין ווערט זיין וועל איך די גאולה בעאיילען, זיא זאל פריה קוממען, לא זכו — בעתה, וועלין זיי אבער ניט ווערטה זיין, וועט זיא קוממען ערשט דאן — ווען די צייט וועט קוממען.

# דאס פלעשעלע מן.

ויאמר משה אל אהרן קח צנצנת אחת ותן שמה מלא העומר מן והנח אתו לפני ד׳ למשמרת לדורותיכם.

(שמות טז, לג)

אין מתתיהו'ס צייטען איז געווען א נס: א קליין פלעשעל בוימאהל האט געברענט 8 טאג, פייערען מיר דערפאר 8 טעג חנוכה, וויפיעל ששע ימים טובים דארפען מיר פייערען דערפאר, וואס דאס פלעשעלע מן וואס אהרן האט אנידערגעשטעלט פאר גאט, שפייזט אונז שוין אכטצעהן־הונדערט יאהר? . . . אויסער די אלע שרעקליכע, אונמענשליכע, טיראנישע מיטטעל וואס אונזערע שונאים האבען אין די אמאהליגע צייטען בענוצט כדי אונז צו פארטיליגען, אויסער דעם וואס מען האט הונדערט־טויזענדער פון אונז אויסגעקוילעט, פופציג־טויזענדער פערברענט, צוואנציג־טויזענדער געבראכט דערצו דאס זיי זאלען זיך אליין איינס דאס אנדערע אויסקוילען, צעהנער־טויזענדער אומגעבראכט דורך שרעקליכע מערדערישע מיטטעל, זיי צו מארטערן, ברענגען, בראטען, רייסען שטיקער פלייש לעבענדיגערהייד, שלאגען צוועקעס אין לעבעדיגע קערפער — אויסער דעם אלעמען האבען בלוימרשט די פיינערע פון אונזערע שונאים געפונען גאר איין אנדער מיטטעל, זיי האבען פארשטעלט פאר אונזערע יודען אלע וועגען פון פרנסה, כדי זיי זאלען ניט האבען וואס צו עססען, זיי זאלען ניט האבען פון וואנען צו לעבען, און זיי זאלען מוזען נאכגעבען; נאר די נארישע שונאים האבען גאר ניט פארשטאנען אז דער גאט וואס האט אונז געשפייזט 40 יאהר אין דעם מדבר, אין דער גרויסען וויסטעניש וואו קיין איינציג גרעזעלע האט קיין מאל ניט געשפראצט, וואו א פוס פון קיין שום לעבענדיג באשעפעניש האט דארט נאך קיין מאל ניט געטרעטין, וואו דער שרעקליכער טיעפער זאמד הייבט זיך גאנץ אפט דורך די ווינד אזו הויך אויף, אז אלעם וואס עס געפינט זיך דארטען, ווערד פון דעם זאמד בעדעקט און אונטער איהם באגראבען וויא אין א טיעפען קבר, — אז דער גרויסער גאט האט אונז דארט געשפייזט, וועט ער אונז צווישען מענשען, חאטש צווישען שלעכטע מענשען, בודאי שפייזען. מיט אייזערנע מהויערען האט מען אונז אבגעזאנדערט פון אלע מענשען. ווי הערינג אין א פעסעל האט מען אונז צוזאמען־געקוועטשט אין א שטיקעל איינג פערדומפען פלאטץ, און ארויס צו געהן פון דארט איז פאר א יודען געווען א חטא און א סכנה. בעזאנדער'ס — אין א זונטאג אדער פייערטאג, דעמאלט איז דער יוד פשוט מיט דעם לעבען ניט זיכער געוועזען! איין פוסטער בלבול, איין קליינע מסירה'לע, איז גענוג געווען אנצוצינדען א העלעש פייער, און עס זאל ווערען א שחיטה. מען האט אויף אונז קלעק געשפיגען, א קאדע טויגע־ניכטס האט אונז פערפאלגט; דא האבען מיר עמיצען אויף דעם פוס ארויף געטרעטען, דארט האבען מיר א אנדערן ענג געמאכט, דא האבען מיר איינעם א עגמת נפש געמאכט

מיט דעם וואס מיר האבען אויך געוואלט א שטיקעל ברויט , אונ דארט האט יענעם געער־קרענקט צו זעהן, אז מיר האבען אויך אפנים ווי מענשען ניט ערגער ווי ער . מיר זענען אומעדום איבעריג געוועזען , יעדער האט געוואלט אז מיר זאלען זיין דארט וואו ער איז ניט דא . מען האט פאר אונז פארשטעלט אללע קוואלען פון פרנסה, מען האט אונז נאר איבער־געלאזט עטליכע נידעריגע מסחרים , אבער מס האבען מיר געמוזט צאהלען צוויי מאל אזוי פיעל ווי אנדערע . אפילו קליידער האבען מיר אויך ניט געטארט טראגען אזעלכע ווי אללע מענשען , אונזערע קליידער האבען געמוזט זיין מיט רויטהע אונ גרינע לאטקעליך — פאר אסימן אז מיר זענען יודען ׳

קיין פעדער איז ניט אין שטאנד צו בעשרייבען , דיא מענשליכע ליפפען פערמאגען ניט אויס־צורעדין , דער קאפף צו בעטראכטען , אונ דער צונג אויס־צודערצעהלען דיא צרות וואס מיר האבען איבער געליטען . ווען מען זאל די צרות צוזאמען לעגען אין איין הויפען , וואלט פון זיי געווארען א בארג צו ערגרייכען ביז אין הימעל . באכט זיך אז ווען אונזערע קערפער זאלען זיין פון אייזען , אונזערע העלזער פון משיגון , אונזערע הענד פון קופפער , וואלטען זיי שוין אויך געדארפט כלה ווערען . ווען יעדער פון אונז זאל נאר געוועזען דארפען אויפעסען צוויי לויט ברויט אטאג , וואלטען מיר דאכט זיך שוין אויך געדארפט פון הונגער אויסגעהן . אונ צום סוף זענען מיר ניט נאר בלויס געבליבען לעבען , נאר יעדעס מאל ווען עס האט נאך די שרעקליכע צרות געגעבען אויף אונז אבגלאז אביסעל א גוט ווינדעל , זענען מיר תיכף אויפגעקוכמען אין עושר אונ אין כבוד .

נו , האט אונז גאט דען ניט מיט מן געשפייזט ? ! האט דען גאט אונז ניט מיט מן געשפייזט אין רומא נאך אין דער צייט פון דעם בלוטיגען קיסר טראיאנוס (אים ענדע פון 1-טען יאהרהונדערט) , וואס ער האט דאן די יודען אזוי פערפאלגט אז זיי האבען געמוזט אלעס איבער־טראגען אויך אין דער צייט פון קאנסטאנטין דעם גרויסען (אים אנפאנג פון 4-טען יאהרהונדערט , ווי אויך פון קאנסטאנטין דעם צווייטען , (אין דער צווייטען העלפט פון 4-טען יאהרהונדערט) , אויך פון יוסטיניאן (אין דער צווייטער העלפט פון 6-טען יאהרהונדערט) , וואס ער האט געגען דיא יודען ארויס געגעבען אללע טאג איין אנדערע גזרה . ער האט געהייסען אז יודען זאללען פייערען זייער פסח אין דער אייגענער צייט וואס קריסטען מאכען זייער פסחא . ער האט פארווערט יודען זאללען זיין עדות געגען קריסטען , א. ד. ג. — יא , האט אונז דען גאט ניט אויסגעשפייזט מיט מן אין דער צווייטען העלפט פון דעם 10-טען יאהרהונדערט , ווען די יודען זענען געוועזען אונטער־געווארפען אונטער צוויא בעלי בתים , אונטער דעם קעניג פון דייטשלאנד וואס האט דעמאלט רעגירט אין רוים אונ אונטער דעם פאפסט , אונ ביידע האבען פון זיי געצויגען דאס בלוט פון דיא אדערין אונ דעם מארך פון די ביינער , — אונד אין די 315 יאהר (פון 1555 ביז 1870) , וואס דיא יודען זענען געוועזען פערשלאסען אין דעם ווי[illegible]טען גהעטא (יודישען קוואַרטאל) וואו זיי זענען מיט אייזערנע טהירען געווען אפגעזונדערט פון אללע מענשען . א. א , א שרעקליכער פינסטערער וואלקען האט הונדערטער יאהרען פאר זיי פארשטעלט דאס שאהנע ליכט פון דעם הימעל , וואו זייא זענען געזונקען שרעקליך גייסטיג אונ קערפערליך , מאראליש אונ מאטעריעליש , וואו עס איז געוועזען פאר זיי פאר־צוימט אללע וועגען פון פרנסה , וואו פאר א קליין , ענג , פינצטערע שטיבעלע — אדער ריכטיגער געזאגט : גרובעלע , — האט א יוד געמוזט אזוי פיעל צאהלען וויפיעל עס האט דעמאלט געצאהלט אגרויף פאר א פראכטפאללען פאלאץ אין די שאהנסטע גאסען פון רוים , אונ מען האט נאך געגעבען פאר אגליק ווען מען האט נאך דאס גרובעל בעקומען , אונ

דאס גרויסע פלעגט איבערגעהן בחזקה פון דור צו דור! . .

דער פלאטץ וואס איז פאר אונז אפגעזונדערט — שרייבען די רוימישע יודען אין זייער בריעף צו דעם פאפסט *) — איז זעהר ענג. מיר זענען צונויפגעקוועטשט ווי די הערינג אין א פעסעל, די אונארדענונגען אין די אלע שלעכטע פאלגען וואס עס קומט דערפון ארויס, איז ביי אונז זעהר גרויס. בעזאנדערינם אונז די גאססען אצומעלא, קאסטעלאנא אונ פולמארא, וואו עס וואהנען אם מעהרסטען די ארימע לייט, איז אזוי ענג אז זעלטען שיינט צו זיי אריין א זונענשטראהל. אונ די איינוואהנער פון דארט מוזען נאך זיטצען אין די קעללערס אונ אין קליינע ענגע שטובליך. די איינוואהנער פון דער גאס פולמארא ליידען נאך זעהר פיעל דערפון וואס די גאסס געפינט זיך אין א מהאל וואס דער טייך טיבער פארפלייצט זיי שטענדיג, אונ דערפון קוממען ארויס שרעקליכע קראנקהייטען וואס נעהמען צו זעהר פיעל נפשות.

„מיר ליידען אויך זעהר פיעל דערפון וואס עס איז פארווערט צו האלטען קלייטען אויסער דעם גהעטא, אונ וואס עס איז פאר אונז פארשטעלט דער וועג פון יעדעם מסחר, אויסער דעם מסחר פון אלטע קליידער אונ נאך אזעלכע מינים האנדעל. מיר זעהען ווי אין לאנד בליהט אויף דער מסחר אונ די פאבריקאציע, נאר אונזער לאגע איז אזוי שלעכט אז עס בלייבט אונז ניט אפילו קיין שטראהל פון האפנונג. די וועבערישע פאבריקאציע האט אמאל געהערט נאר צו אונז. מיט דעם גאנצען מסחר פלעגען זיך נאר די יודען אבגעבין, סיי אין הורט אונ סיי אין לאהדים, יעצט האבען זיך געפונען בייבע קריסטען וואס קאנקורירען זעהר מיט אונז, די קריסטען האלטען זייערע בייבע קלייטען אין די שאהנסטע גאסען, אונ די יודען מוזען האלטען זייערע קלייטלעך אין די ענגע שמוציגע גאסליך, וואהין די קונים קענין גאר ניט קוממען, דרום זענען די יודען זעהר פעראָרימט געוואָרען. די בייבערע פון זיי, ווען זיי האבען געזעהן ווי זיי ווערין געדריקט, אונ נאך דעם וואס זיי האבען אסך פערלוירין פון זייער פערמעגין, האבען אבגעבייזט אין אנדערע האנדעל, אונ אסך מענשען וואס האבען פריהער געבעט זיי געלעבט, זענען געבליבען אהן ברויט, אויך האבען מיר אן זיי פערלוירען אונזער איינציגען שוטץ אין א נויטה, אין דער צייט וואס אונזער לאגע ווערד פון טאג צו טאג ערגער.

„אונד דערום קענען אויך יעצט ביי אונז ניט עקסעסטירען קיין וואהלטהעטיגע אנשטאלטען (צדקה, בקור חולים וגמילות חסדים, א. ז. וו.), ווייל, אזוי ווי מיר האבען שוין געזאגט, אז די רייכע האבען אבגעבייזט אונ מיר האבען אין זיי פערלוירען די רייכע נדבות, אונ די עטליכע ארימע אונבעשטיממטע נדבות וואס מיר זאממלען קוים צונויף פון אזעלכע וואס דארפען אליין נעמען נדבות, זענען גאנץ ווייניג געגין דעם בעדארף פון אזעלכע אנשטאלטען. אונ וואס מעהר מיר פערמעהרען זיך, ווערט אלץ גרעסער אונזער נויטה. אונד דערום געפינען זיך ביי אונז גרויסע אונארדענונגען, ווייל די שלעכטע לאגע ברענגט דערצו.

*) דעם בריעף האבען די רוימישע יודען געזאלט שיקען צום פאפסט פיאוס דעם 9-טען אין יאהר 1870. זיי האבען איהם אבער ניט אוספייעט צוזענדיגען אונ צודצולעגען צו איהם די פאפירען וואס האבען באוויזען אז אללעס וואס זיי שרייבען איז אמת, דענן דערווייל האט דער קעניג עמנואל אבגענומען די שטאדט רוים אונ עס איז געוואָרען א ענדע פון דער גרויסער מאכט פון דעם פאפסט אונ פון דעם יודישען גהעטהא.

„אונזער געמיינדע (קהלה) האט געגרינדעט א שולע פאר קליינע קינדער, נאר די ארימע קינדער פערלאזען די שולע ווען זיי זענען נאך זעהר יונג, ווייל זיי מוזען זיך אליין זוכען א שטיקעל ברויט. זיי דארפען ניט אויפהאלטען פאר הונגער, ווייל זייערע עלטערן וואס זענען וואסערטרעגער אדער וואס טראגען ארום טירקיך (וואפאקעס) צו פערקויפען, אדער וואס האנדלען מיט אלטע שמאטעס, מיט אלטע שיך א. ד. ג. זענען ניט אין שטאנד זיי צו שפייזען. — די אונגליקליכע עלטערן זענען פון די שלעכטע אומשטאנדען אזוי ערנידערט געווארען אז זייא פיהלען גאר ניט זייער פפליכט (שולדיגקייט) צו זייער פאמיליע, זיי פיהלען ניט די פפליכטען פון א מענשען, זיי פיהלען גאר אז זיי זענען געדריקט, ערנידערט; זיי פיהלען אז מע האט ביי זיי אוועק גערויבט אלעס וואס א מענש באדארף האבען. נאר זיי האבען זיך שוין מיט דער שלעכטע לאגע אזוי אנגעלעבט, אז זיי האפען שוין גאר ניט אויף קיין בעסערס, און זוכען שוין אפילו ניט קיין מיטטעל צו פארבעסערן זייער לאגע. די פאמיליען־לעבען האט ביי זיי פערלוירען דעם ווערטה. אין א ווינקעל פון א גאס, אין א ענגע פינצטערע צימערל, וואו עס איז די גרעסטע געפאהר א נאכט איבער צו נעכטיגען, ליגען אויף דער נאקעטער ערד א פאטער מיט א מוטער מיט אלע קינדער, יונגליך און מיידלעך צו זאמען, און מען ווייסט גאר ניט פון קיין בושה און מען איז גאר ניט אויפמערקזאם אויף די שלעכטע פאלגען וואס עס קומט דער פון ארויס פאר דעם גוף און פאר דער נשמה צוגלייך.

„די אויסגעוואהלטע פון דעם פאלק (וואס געבען זיך אב מיט דען פאלקס־אינטערעסען) זעהען גאנץ גוט די שלעכטע פאלגען וואס קומען דער פון, זיי זעהען גאנץ גוט ווי מיר ווערען פיזיש און מאראליש פארדארבען, זיי זעהען גאנץ גוט די שרעקליכע קרענק וואס קומט דער פון ארויס — נאר וואס קענען זיי מאכען ביי אזא גרויסע צאהל פון ארימע לייט און אביונים אין דער קהלה!

„די מיטעלע בעלי בתים ליידען אויך זעהר פיעל פון די צרות און מניעות וואס זיי באגעגענען אויף יעדען טריט. אויך קענען זיי שוין גאר ניט איבערטראגען דעם שרעקליכען מס וואס זיי דארפען צאהלען, וואס אויסער דעם מס וואס אלע בירגער צאהלען, דארפען זיי צאהלען נאך א מס וואס עס איז בעשטימט נאר אויף זיי אליין, און אויסער דעם דארפען זיי צאהלען נאך א באזונדער מס אויף די צוויי קירכען וואס עקזיסטירען אום צו מאכען פון יודען קריסטען, אונד אויסער דעם נאך אנדערע מסים, און דערצו מאכט מען נאך גרויסע פארמעהרונגען ווען מיר דארפען נאך אלע צוויי יאהר בעצאהלען דעם מס, ווייל אין דעם פערלויף פון די צוויי יאהר האבען אסך פארלוירען זייער פערמעגען און זענען ניט אין שטאנד צו צאהלען, דארפען די איבעריגע צו צאהלען פאר זייא. —

„די דאזיגע שלעכטע לאגע וואס איז גאר געגען די נאטור, איז אויך זעהר געפעהרליך פאר דעם בירגערליכען צושטאנד פון דיא יודען. זי איז די אורזאכע דערפון וואס מען געפינט אויף די יודען אלע מאל נייע בלבולים און פריטענזיעס און וואס די יודען געפינען זיך עפעס שטענדיג אין חשד. דער פאפסט פיוס דער 4־טע האט זיך שוין לאנג געקלאגט אויף די שרעקליכע אונגערעכטליכקייט, ער האט געזאגט אז דאס האט זיך גענומען פון די צפאקטאנישע בריעף פון פאאול דעם 4־טען *), און דרום פאר האפען

*) פאאול דער 4־טער איז געוועזן דער ערשטער וואס ער האט אין דעם יאהר 1555 פערשלאסען

מיר, הייליגער פאטער! — ענדיגען דיא רומישע יודען זייער בריעף — אז דיא אלע צרות וואס מיר האבען פאר דיר דא אויסגערעכענט, די שרעקליכע אריימקייט וואס ווערט ביי אונז פון טאג צו טאג גרעסער, די ווינציגע וואהלטעטיגע אנשטאלטען וואס געפינען זיך נאך ביי אונז צו רעטטען די אומגליקליכע מענשען, דיא גרויסע מסים וואס דיא יודען דארפען צאהלען, דער מס וואס די יודען דארפען צאהלען פאר די צוויי קירכען, דער שרעק פון די מענשען וואס זענען נאך ניט אין גאנצען פארארימט געווארען, פאר דעם שרעקליכען געלד־אפפער וואס זיי דארפען ברענגען ווען די מסים און ווען נאך אנדערע אינטערעסען פון זייערע גלויבענסברידער, און די געלד־אפפער וואס זיי דארפען ברענגען פאר זייערע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, דאס וואס מיר זענען ניט אומשטאנד צו אויסבעסערן די ערציהונג פון די ארימע קינדער וואס ווערין פון טאג צו טאג מעהר אין דער צאהל — דאס אללעס שטעהט זעהר שרעקליך פאר דיינע אויגען, און דוא וועסט געוויס ניט פערזוימען און זיך אייל
ען וויא צום גיכסטען אונז צו העלפען, וויל אונזער לאגע איז זעהר שרעקליך. — דיא בעטען דיינע קנעכט וואס שרייבען זיך אונטער אין דעם נאמען פון דיינע 4800 אונטער־טהאנען וואס פאלען דיר צו די פים.

„פאר נעם אונזער געבעט הייליגער פאטער! הער צו אונזער געשרייא, בעוויז דיין גוטסקייט פאר דעם פאלק ישראל, כדי זיי זאללען קענען זיין גוט הארץ און זאללען דיך אייביג ריהמען."

אט אזוי האבען די רומישע יודען געליטען אין דער וויסטער געטא. אט אזוי האט מען זיי פארפאלגט. מען האט ביי זיי אללעס צו גענומען: זייער פארמעגען האט מען ביי זיי אוועקגערויבט, דיא בירגערליכע רעכטע האט מען ביי זיי צו גענומען, דעם וועג פון פרנסה האט מען פאר זיי פערצוימט, זיי האבען אפילו נישט געהאט קיין ביסעל פרייע לופט צו אטעמען. — נוא האט זיי דען גאמט ניט געשפייזט מיט מן אז זיי זאלען געבליבען לעבען? האט דען גאט נישט געשפייזט אונזערע יודען מיט מן אין שפאניען אין די צייטען פון דעם קאניג ריקארד (ביי ענדע דעם 6־טען יאהרהונדערט) ווען די גלחים האבען זיי געטריבען ביז צום גרונד, זיי פלעגען אויף זייערע סאבראניעס אללע מאל

---

די יודען אין דער וויסטער געטא. ער האט נאך ארויסגעגעבען א גזירה אויף די יודען זיי זאלען ניט האלטען קיין קריסטליכע דינער, זיי זאלען ניט האבען מעהר ווי איין שול אין א שטאדט, זיי זאלען ניט ארויסגעהן אין גאס אהן א געלען צייכען אויף די קליידער. די יודען האבען איהם גערופען המן, און ווען ער איז געשטארבען האבען זיי צום אנדענק פארשריבען פאלגענדעס:

„צום אנדענק פאר די שפעטערע דורות פארשרייבען מיר אז אין דער פריה 20 טאג אין חודש אויגוסט האבען מיר באקומען די נאכריכט אז דער פאפסט פאאול איז געשטארבען. דער פאפסט וואס האט פול געמאכט די ערד מיט זיין שלעכטיגקייט, פעלקער און קעניגרייכען האבען פאר איהם געציטערט, ער האט שטענדיג אונטערגעהעצט צו מלחמות, און ער האט געבראכט פיעל בייז אויף איטאליען, באזונדערס אויף אונז יודען. דורך זיין באפעהל האבען מיר געמוזט טראגען דיא געלע היטלען. ער האט אונז פארצוימט דעם וועג פון מסחר, ער האט אונז אנגעטהון אזעלכע צרות און ליידען וואס מיר האבען ניט געהאט פון דער צייט פון דעם חרבן בית שני. אונזער גאט האט ער ביי אונז אוועק גערויבט און אונז אליין האט ער פערשלאסען ווי אין א תפיסה. גאט זאלל אונז געבען א נייעם פאפסט וואס ער זאל זיך שוין אויף אונז מרחם זיין, און זאל אויסהיילען די אללע וואונדען וואס דער פערשטארבענער פאפסט האט אונז אנגעמאכט".

אויסטראכטען נייע גזירות כדי צו ערנידערען די יודען און אוועק צו רויבען ביי זיי זייער פערמעגין אונד זייער עהרע , און אויך ביים ענדע פון דעם 7-טען יאהרהונדערט ווען דער קאניג פון דארט האט מיט דער הסכמה פון די גייסטליכע אוועקגערויבט ביי אללע יודען אפילו בייא דיא וואס האבען אנגענומען דאס קריסטענטהום , זייער גאנץ פערמעגען אונד זיי אליין פערקויפט פאר קנעכט און זייערע 7-יאהריגע קינדער האט מען צוגענומען און אבגעטויפט ! — אויך האט דען גאט פערלאזט די יודען אין דער צייט פון פערדינאנד (ביי ענדע דעם 15-טען יאהרהונדערט) וואס 600-טויזענד יודען האבען מיט איינמאל געמוזט ארויס פון דעם לאנד נאקעט און בלויז האבען זיי זיך ארום געשלעפט אויף דער גאנצער וועלט , צו זוכען נייע ארטער זיך צו באזעצען ? צי האט דען גאט ניט געשפייזט מיט מן די יודען אין פראנקרייך אין דער צייט פון דעם קאניג הילדעבערט (ביי ענדע דער 1-טען העלפט פון דעם 6-טען יאהרהונדערט) וואס ער האט ארויס געגעבען געגען די יודען פיעל שלעכטע גזרות , ער האט זיי אויך פארווערט זיך צו ווייזען אין די גאסען פון פאריז אין די קריסטליכע פייערטאג . אויך אין דער צייט פון דאגאבערט (ביי אנפאנג פון דעם 7-טען יאהרהונדערט) , אויך אין דער צייט פון אויגוסט (ביי ענדע דעם 12-יאהרהונדערט) וואס ער האט פריהער ארויסגעגעבען א באפעהל אז קיינער זאל ניט בעצאהלען די יודען זייערע חובות , און דערנאך האט ער אליין אוועקגערויבט ביי זיי זייער פארמעגען און זיי ארויסגעטריבען פון לאנד . אויך אין דער צייט פון פיליפ דעם דריטטען (ביי ענדע דעם 13-טען יאהרהונדערט) . אויך פון פיליפ דעם פערטען (אין אנפאנג פון דעם 14-טען יאהרהונדערט) וואס ער האט אויך אבגערויבט די יודען און זיי פערטריבען פון דעם לאנד . אויך אין דער צייט פון לודוויג דעם פינפטען (אין אנפאנג פון דעם 13-יאהרהונדערט) וואס ער האט אנגעווארפען אויף די יודען צמיליאן לירעס מס . צי האט דען גאט ניט אויסגעשפייזט די יודען מיט מן אין דער גאנצער צייט פון דעם מיטטעלאלטער , און אין אנפאנג פון די נייעסטע צייט , ווען אללע וועגען פון פרנסה זענען פון זיי פערשלאסען געווען , ווען מען האט זיי אומעדום געיאגט און געטריבען . אויך ווען מען האט זיי אין די צייטען פון די קרייצציגע געקוילעט גאנצע מאססען , וואס דערפון איז געשטערט געווארען אללע וועגין פון מסחר , און די יודען האבען זיך געמוזט בעהאלטען אין די קעלערס און אין די הייהלען , דורך דעם קנאת הדת פון דעם אויפגערייצטען נאראד . אויך צי האט זיי דען גאט פערלאזט אין די אללע ביטערע צייטען ווען מען האט די קריסטען פערווערט זיי זאלען ניט קויפען ביי יודען קיין שום עססענווארג , קיין שום געטראנקען ? אויך האט זיי דען גאט פערלאזט ווען מען האט זיי ניט געלאזען זיך פערנעמען מיט קיין שום מלאכה אדער ערד ארבייט, אויך ניט מיט קיין רעכטען האנדעל נאר מיט אלטע שמאטעס און פראצענטען געהמען — נוא, זענען זיי דען דעמאלט געשטארבען פאר הונגער ? האט דען זיי גאט ניט אויסגעשפייזט מיט מן אויך אין די שפעטערדיגע צייטען פון חמעלניצקי , גאנטע און נאך אזעלכע הידאמאקעס וואס האבען געקוילעט די יודען אויף אללע וועגע און שטעגען און דערום זענען ממילא צושטערט געווארען אללע פרנסות פיר די יודין וואס זענען ווי עס איז לעבען געבליבען פון זייערע הענד ? אויך האט זיי דען גאט פערלאזט אין די צייטען פון דעם פאלשען משיח שבתי צבי ימ"ש , און פון יעקב פראנק, און פון נאך אזעלכע שווינדלערס , וואס צו ליעב זיי זענען די יודען ארייגעבראכט געווארען אין די גרעסטע סכנות און געבליבען אהן ברויט ?

יא , יא , מיר לעבען , מיר לעבען . אך , אך האבען מיר איבער געלעבט , אך אך איבערגעגאנגען . שטעהענדיג אויף די הויכע בערג האבען מיר געזעהען דעם

ברענענדיגען רוים פאר דעם משוגענעם געוועלטיגער נעראן , מיר האבען געזעהן ווי עס איז געבוירען אונד פערלוירען געווארין אסך קעניגרייכען און פעלקער , מיר האבען געזעהען דאס מיטעלאלטער מיט איהרע אללע שרעקליכע מערדערייען , מיט איהרע בלוטיגע אינקוויזיציע , מיט דעם טיראנישען טארקימאדע , מען האט אונז אין ערגעץ גאר ניט געקענט פארשטעהן . מען האט זיך אומעדום אויף אונז געוואונדערט וואס אזא שלאף פאלק ווי מיר , וואס זענען צו זייעט און צו שפרייעט אויף דער גאנצער וועלט — זאל איבער לעבען גרויסע און שטארקע קאניגרייכען . דער גרויסער פילוסוף דארווין האט געזאגט אז אין דער נאטור עקסעסטירט א געזעטץ, אז דער שטארקער שלינגט איין דעם שלאפען , נאר מיר יודען זענען אוואונדערליך פאלק: מיר זענין דאס שלאפסטע פאלק און מיר לעבען איבער די שטארקסטע , גלייך ווי מיר וואלטען געהאט פון גאט א באזונדערע פריווילעגיע . יא פאר אונז יודען האט אמאהל עקסיסטירט און וועט שטענדיג און איביג עקסיסטירען „דאס פעשעלע מן״ ! . . .

יצחק כהן

# בעשרייבונגען .

## אריינע אין מארגעלאנד .

אין בעריהמטער רייזענדער וואס האט דא ניט לאנג בעזוכט גאנץ אזיען , ערצייקט זעהר מערקווירדיגע געשיכטען פון מארגענלאנד . אללעס וואס ער האט געזעהן און געהארט אין זיין גאנצער נסיעה , האט ער פערשריבען אין זיין רייזע־בוך , וואס איז איצונד ארויס פון דרוק . און ווייל פיעלע זאכען פון זיין נסיעה אין מארגענלאנד זענין זייער אינטערעסאנט און נייטהיג פיר אונזערע לעזער , האבען מיר פיר נייטהיג געפונען איבער צו זעצין איניגע וויכטיגע זאכען פיר אונזער פובליקום אין יודיש־דייטש , און מיר גלויבען דאס די לעזער , וועלין פון דיזען ארטיקעל פערגניגען האבען .

פאר איניגע טעג צוריק , האב איך געווייזט נאך דמשק — ערצייהלט דיזער רייזענדער — איך האב דורך־געבייזט דעם וועג וואס ציהט זיך דורך דעם טהאל פון לבנון , וואס פארצייטען איז דארט געשטאנען די וועלט־בעריהמטע שטאדט „באאלבעק״ (בעלת). דער טייך באראדא פליסט דורך דיזען פרוכטבארען וואונדער־שיינעם טאהל , אונד דערום ווערט ער אויך גערופען „באראדא־טאהל״ . די חוואליעס פון דיזען טייך ברישטשען ווי זילבער , און ביידע ברעגעס זענען בעדעקט מיט פערשיידענע בלומען און וואהלשמעקענדע געוואקסע . אין דיזעם וואונדערליכען טאהל איז פאראן די געגענד „צידון״, אונד דארט איז געבויעט אשטאדט וואס הייסט אויך מיט דעם זעלבען נאמען . ארום דיזע שטאדט זיינען געפלאנצט זעהר שיינע וויינגערטנער וועלכע טראגען זייער שיינע פרוכטען און פערשיידענע וואהלשמעקענדע בלומען און געוואקסע .

פיר ווארף ביזאן האב איך אויף אבדייטע וועג דורך דעם באבדא־טאהל געבייזט , דער גאנצער וועג איז בעדעקט מיט גרינע גראז , מיט וואהלריכענדע בלומען און

פערשיידענע פלאנצונגען. ענדליך האב איך געגרייכט איין זיין שרעקליכען מדבר וואס פון ביידע זייטען וועג ערהויבען זיך נאקעטע שפיטציגע פעלזען בעוואקסען מיט אלטען מאך, קיין לעבענדיגע בעשעפענעס איז דארט ניט צו זעהן, בלאס א טויטע שטילקייט און א טרויעריגע אנזיכט. דורכגייענדיג דיעזען וויסטען שרעקליכען ארט, איז אויף מיר אטויטשרעקענס אנגעפאללען, איך האב מיין מוטה פערלארען און בין אויסער זיך געווארען פון גרויס פחד. פארצייטען פלעגין אללע איינוואהנער פון דיעזע געגענד אין דעם וויסטען טאהל זייערע מתים מקבר צו זיין, צום צייכען איז נאך עד היום געבליבען דארט איבער־רעסטין פון אלטע זארגע (ארונות) און מצבות אויך אנדערע סימנים פון איין אלטען בית־עלמין. ווי עס שיינט האבען דארט אויך די איינוואהנער פון דער שטאט אביאלא זייערע מתים בערדיגט. די שטאט אביאלא וואר פארצייטען די הויפטשטאט פון דיעזער געגענד. היינט איז פון איהר קיין זכר ניט געבליבען, בלאס קליינע בערגליך וואו עס זעהן הייזער געשטאנען, רואינען, חורבות פון געוואלטיגע פאלאצען און וואונדער־בנינים. דיעזע אללע סימנים צייגען אז פארצייטען האט זיך דארט אגעוואלטיגע שטאדט ערהויבען.

קוים האב איך דיעזע שרעקליכע וויסטע פערלאזען, האט זיך ווידער דער וואונדער־טאהל בארדא מיט זיינע מערקווירדיגע נאטור־ערשיינונגען פאר מיינע אויגען פאר־געשטעלט. איך האב פארבייא־גערייזט זעהר שאהנע דערפער און דאמשעס וועלכע זענען בעוואקסען מיט די שענסטע לוסטגערטנער, מיט די פראכטיגסטע פרוכט־בוימען און וואהלשמעקענדסטע געוואקסע. אין איין דארף אויף א הויכען בערגיל איז פאראן איין זעהר אלטער קבר, לויט איין אלטע מסורה (א ערצעהלונג וואס געהט מונדליך איבער פון איין דור צום אנדערען) איז דיעזער קבר פון הבל, אדם הראשון'ס זאהן, און אללע גלויבען אז דארט האט קין זיין געהרגעטען ברודער הבל בעגראבען.

פון דארט האב איך ווייטער גערייזט ביז איך בין געקומען אין דעם שאהנעם דארף „פידיעא", וואס ליגט צווישען זעהר הויכע משפע־דיגע בערג, וואס זענען ביז 400 ארשין הויך. פון איין גרויסען זעהר הויכען פעלזען פליסט דארט א שטארקער קוואל מיט גרויס ליארעם אונד רעש אונד פאלט אריין אין טייך בארדא. נעבען דיעזען קוואל האב איך געפונען די איבער־רעסטען פון זעהר אלטע בנינים, חורבות פון פאלאצען אונד וואונדער־בנינים. — געהענדיג פון דארט א האלבע שעה צו מזרח זייט האב איך געגרייכט צו איין לאנגע ברייטע וואסער־לייטונג (וואדא־פראוואד) וואס ציהט זיך ביז אין דער שטאדט פאלמירא, לויט איין זאגע (מסורה) זאל שלמה המלך האבען דיעזע שטאדט געבויט אונד צוגלייך דיעזע וואסער־לייטונג אויך. יעטצט איז דאס וואסער פון דארט גאנץ אויס־געטריקענט, אבער פארצייטען האט דיעזע וואסער־לייטונג באגאסען די גאנצע אומגעגענד און האט דאס לאנד פרוכטבאר געמאכט. — נעבען דארף דומאר וואס ליגט צוויי מייל איצט פון דמשק, פעראייניגען זיך אללע קוועללען אונד טייכען מיט דעם גרויסען פלוס בארדא, וועלכער געהט לאנגזאם צווישען זיינע וואנדערשאהנע פרוכטבארע ברעגען. דארט טהיילט זיך דיעזער טייך אין צווייען, אונד פליסט צווישען הויכע בערג און שטיילע פעלזען אונד טיעפע טאהלין. פון דארף דומאר און ווייטער ציהט זיך ווידער איין וואונדער־טאהל וואס א מענשליכע פעדער איז צו שוואך ריכטיג אבצושילדערין דיא מערקווירדיגע וואונדערבארע ערשיינונגען און קארטינעס וואס די קונסטרייכע נאטור האט דארט אויס געציערט. אללע רייזענדע ווערין אויסער זיך פון גרויס וואונדער וואס זיי זעהען דארט, און קיין מענשליך אויג קען ניט זאטט ווערין קוקענדיג אויף דיעזען וואונדערליכען צויבער־ארט. דער גאנצער טאהל זעהט אויס ווי א וואהרער פאראדיז (גן

עדן), וואו אדם און חוה האבען אמאל ארום געשפאצירט. פון דארט האב איך גערייזט אויף דעם וועג וואס ציהט זיך פון באאלבעק און ביירוט. פון ביידע זייטען וועג זייגען געפלאנצט זייער שאנע בוימער וואס זייערע געדיכטע לאנגע צווייגען באדעקען פון אויבען דעם גאנצען וועג און בעשיטצען מיט זייער שאטין די רייזענדע פאר די שטראהלען פון דער גליהענדע זוהן. פון צווישען די צווייגען הערט זיך דער געזאנג פון טויזענדער פויגלען, וואס מיט זייערע ליבליך־קלינגענדע מעלאדיען פערטרייבען זיי די אויערן פון די רייזענדע. קלארע זילבער־קוועלען גיסען דארט זייערע גלאנצענדע געוואסער אהין און צוריק, און דיא גאנצע נאטור הערשט דארט זעהר לעבהאפטיג. גרויסע שאנע דערפער רינגלען ארום דעם פלוס באראדא פון ביידע זייטען. דיא איינוואהנער פון דיעזע דערפער זיינען מייגסט פישער, וואס בעשעפטיגען זיך בלאס מיט פישעריי אונד מאכען זעהר גוטע געשעפטען, וייל דיזער טייך האט זעהר פיעל מינים פיש. דארט האב איך געזעהן אויך די פליהענדע פיש, וואס שפרינגען ארויס פון וואסער און ערהויבען זיך אין דער לופטען ביז זייערע פלוספעדערן ווערען אבגעטרוקענט און דאן פאלען זיי צוריק אין וואסער אריין. דיזע מערקווירדיגע ערשיינונג האב איך אייניגע מאל בייגעוואהנט און גרויספערגניגען געהאט צו־צוזעהן די פליהענדע פיש ווי זיי הויבען זיך אויף אין דער הויך און זייערע פלוספעדערן גלאנצען געגען דער זוהן ווי גאלד. דארט האב איך אויך פיעלע מינים וואסער־פויגלען געזעהן. איבער הויבט בין איך אויפמערקזאם געווארען אויף א מין פויגעל „בליילינג" וואס די אראבער רופען איהם „אבו־צוריק"; זיינע פרעכטיגע פעדערן זיינען העלל־בלויא מיט גרינע גלענצענדע שטערין.

דער פלוס באראדא פון דער צווייטער זייט דמשק, ציהט זיך איין מהלך פון צוויי שטונד צווישען פראכטיגע לוסטגערטנער אונד הערליכע באטשעס. פון דארט ציהט ער זיך ווייטער דורך איין גרויסען וואונדערשאנעם טאהל וואס איז בעדעקט מיט פערשיידענע מינים בלומענגעוואקסע אונד בוימער. דיזער מערקווירדיגער טאהל הייסט אין אראביש „באהר על מארדי" דאס הייסט „וויזען־זעע". די ערד פון דיעזען טאהל איז זייער פעט און פרוכטבאר אונד גיבט ארויס פערשיידענע מינים תבואות אונד פירות, אבער די דארטיגע איינוואהנער וועלכע זענען זעהר פויל די ערד צו ארבייטען, בעקימערן זיך ניט דיעזען געבענשטען ארט צו בעארבייטען, צו אקערין, צו זייען און צו פלאנצען, נאר לאזען בלאס זייערע בהמות זיך דארט פיטערין. אין דיעזען וואונדער־טאהל קלייבען זיך צוזאמען די שטארכען (בוטשאנעס) בשעת זיי דארפען אוועק פליהען פון מצרים און קוממען נאך אייראפא. דאס איז א מערקווירדיגע קארטינע, דער גערויש און די קלאפעריי מיט די לאנגע שנאבלען פון די הונדערט־טויזענדער פויגעל בשעת זיי מאכען זיך גרייט צו דער נסיעה אין אונזערע לענדער, איז ניט צו בעשרייבען. עס פאר טויבט די אויערין, און וואו מען קעהרט זיך, איז בלאס גרויסע סטייעס שטארכען צו זעהן. דארט איז אויך צו זעהן די מינים פויגלען: פעליקאן, בייהער, קוקוק (קוקאווקעס), אונד נאך פיעל אנדערע זעלטענע מינים. פון שרצים און רמשים זענען דא; שנעקען, שילדקרעטין, עקדעשין אונד פערשיידענע גיפטיגע שלאנגען און דערגלייכען מעהרערע מינים.

צווישען די פעלד־געבירגע וואס רינגלען ארום דיעזען בערימטען דמשק־טאהל פון דריי זייטען, קען מען בעגעגענען גאנצע סטייעס פון גאצעלען (שטיינבעק), קליינע פיקס, הירשען און אנדערע מינים ווילדע חיות. ווער עס רייזט דארט ביי נאכט, האט זייער פיעל טויט־שרעקעניש פון דעם ברילען, ברומען און געשרייען וואס ער הערט פון

וויטען פון דיעזע אללע ווילדע חיות, אונ עס פאלט דאן אויף איהם אשרעקליכער פחד.
אז עס ציטטערין איהם אללע גלידער.

ניט ווייט פון דמשק ערהויבט זיך מיט דעם שענסטען פראכט דער בעריהמטער
„הר חרמון" וואס איז איינער פון די הויפטבערג פון „הרי לבנון". דיעזער בארג האט זיך
אין דער וועלט־געשיכטע איין אונשטערבליכען נאמען ערווארבען, זיין שפיטץ (גיפפעל)
איז מיט אייביגען שניי בעדעקט. אז מען שטעהט אויפען שפיטץ פון דיעזען בארג, קען
מען דאן זייער גוט בעטראכטען דעם וואונדערטאהל פון דמשק, א פרעכטיגע קארטינע
שפיעגעלט זיך פאר די אויגען, דער מענש ווערט דאן העכסט בעגייסטערט פון די פרעכטיגע
נאטור־ערשיינונגען וואס איז אין דיעזען וואונדערטאהל צו זעהען. קיין מענשליכע פעדער
איז ניט אים שטאנד דיעזע הערליכע פאנאראמע אפצושילדערין, עס איז איינע וואהרע
צויבער־ערשיינונג! איך וואר אויך זייער ענטציקט, אז איך האב דעם „הר חרמון" בעשטיגען
אונד האב פון דארט אראפ־געקוקט אויף דעם געוואלטיגען דמשק־טאהל. זא לאנג מיינע
אויגען ווערין אפען זיין, וועל איך דיעזע פרעכטיגע צויבער־ערשיינונג ניט פערגעססען.
איך וואר ווי אויסער זיך פון גרויס התפעלות אונ פערוואונדערונג, אונ האב מיר דאן
בעפונדען עפעס העכער ווי אויף דער ערד, עפעס העכער ווי געוואהנליך, מיין גאנצער
געדאנקען, מיינע אללע געפיהלען וואַרען דאן בעשעפטיגט בלאס מיט דיעזער צויבער־
קארטינע. עס האט זיך מיר געדאכט אז איך בעפינדע מיך ניט אויף דער ערד, אז איך
זעה דאס אללעס ניט אויפען וואהר, אז איין זיסער חלום פערבלענדעט מיר די אויגען,
אונ מיט אהייליגען געפיהל האב איך אויסגעשריען פון טיעפען הערצין: א, גרויסער גאטט,
ווי וואונדערליך זיינען דיינע מעשים! —

איינע פון די מערקווירדיגסטע אונ אינטערעסאנטסטע ערשיינונגען אין יענע געגענד,
איז די בעוואוסטע אור־אלטע שטאדט דמשק. תאטשי דיעזע שטאדט איז שוין גענוג אלט,
דאס נאך אין די צייטען פון אברהם אבינו וואר זיא לאנג בעקאנט, דאך האט זי עד היום
איהר ווערטה נאך ניט פערלאהרען, אונ אויך ביז היינטיגען טאג איז זיא בעריהמט אין דער
גאנצער וועלט, אונ רעכינט זיך פיר איינע פון די גרעסטע שטאדט אין מארגען־לאנד.
דמשק איז ניט קליין אונד האלט יעצט איין קוואדראט־מייל, איהרע איינוואהנער ציילען
זיך ביז צוויי הונדערט־טויזענד, אונ ענטהאלט אין זיך זייער פיעל אור־אלטע וואונדער־
געביידען, מאנומענטין, מצבות אונ דענקמאלער. די טויזענדע יאהרען וואס זענען איבער
דיעזע שטאדט אריבער געשטראמט, זענען ניט געווען ביכולת איהר צו פערניכטען אונד חרוב
צוא מאכען ווי די אורראלטע שטעדט נוא־אמון, נינוה, בבל אונד קארטאגא אונד נאך
פיעל אנדערע געוואלטיגע שטאדט וואס זענען אבגעמעקט געווארען פון אונטער דעם
הימעל אונ עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען, דיזע אורראלטע שטאדט דמשק אבער
איז ביז היינטע אויף איהר שטעללע געבליבען. זי וואר פיר די צייט אין האַרטער
נום וואס מען האט מיט קיינע שארפע ציינע איהר ניט געקאנט צו קנאקען, אונ שטעהט
אונד גלענצט מיט איהר שענסטען פראכט עד היום הזה. פיעלע בעריהמטע אלטע
געשיכטס־שרייבער ווילען בעהויפטען אז עוץ בן ארם בן שם (בראשית י׳ יג) האט דיעזע
שטאדט צום ערשטען געגרינדעט, אונ דערצו איז אויך מסכים דער גרויסער יודישער אלטער
געשיכטס־שרייבער יוסף פלאוויוס. עוץ האט איהר צוגערשט נאך זיין פאטער ארם גערופען,
אונ אין פיעל יאהרען ארום האט זיך אין איהר אליעזר עבד אברהם בעזעצט אונ האט איר
בעדייטענד פארגרעסערט, ער האט אין איהר זעהר פיעל הייזער געבויט, וויין־גערטנער
געפלאנצט, אונ האט נור געזארגט איהר וואס גרעסער אונד שענער צו מאכען. פון דאמאלס

אין האבען די אראמעער אנגעפאנגען דיעזע שטאדט „דרמשק" צו רופען *). נאר די אראבער האבען איהר גערופען „במשק" אזוי ווי מיר רופען זי. דוד מלך ישראל האט אויף במשק מלחמה געהאלטען, ער האט איהר מיט זיין מעכטיגען חיל בעלאגערט, ער האט איהר איינגענומען און זי האט אנגעפאנגען צו זיין רעגירונג צו געהערין (שמואל ב ח' ו'). אבער אין דער צייט פון זיין זוהן שלמה, וואס ער איז ניט געוועזען אזוי מעכטיג ווי זיין פאטער, האט דער פירסט בן אלידע דיעזע שטאדט פון איהם צוגענומען אונד האט איהר בעהערשט (מלכים א י"א כ"ד). נאך שלמה המלך'ס טויד האט דמשק אנגעפאנגען צו גרעגצען און איז געווארען אבעזונדערע קעניגרייך. עס האט ניט לאנג געדויערט און דמשק איז געווארען זעהר שטארק אונד מעכטיג און איהרע מושלים ומלכים האבען אנגעפאנגען מיט די בני ישראל מלחמות צו פיהרען ביז ירבעם בן יואש האט זיך אויף דעם טראהן געזעצט, זיין ערשטע ארבייט איז געוועזען פייעריגע מלחמה געגען דמשק אנצופיהרען, ער האט איר גלייך איינגענומען, און צוגערעכנט צו דאס לאנד פון ישראל. (מלכים ב י"ז כ"ח). אין פערלויף פון א קורצע צייט האבען די אראמעער דמשק צוריק פון די יודען צו גענומען און זי איז געווארען די הויפט שטאדט פון ארם ווי פאראהער, ביז תגלת פלאסר, דער קעניג פון אשור וואס וואר אין די צייט פון אחז בן יותם. ער האט זי מיט זיין חיל בעלאגערט און איהר איינגענומען, איהר מלך רצין האט ער געהרגעט און די אראמעער האט ער פון דארט פערטריבען ביז דעם פלוס קירוס וואס איז אין צפון זייט פאן קאספישען ים. נון האט א לאנגע צייט דמשק געהארט צו די מלכי אשור, ביז נבוכדנאצר האט דעם טהראן אין בבל בעשטיגען, דאן האט דיעזער געוואלטיגער העלד דמשק בעלאגערט און האט איהר גלייך איינגענומען, ער האט איהרע פעסטע מויערן צערשמעטערט, די פרעכטיגסטע טהירמער צוברא‌בען, די גרעסטע וואונדער געביידען חרוב געמאכט, אלעם פערברענט און צורואינירט, דאס פון די גלענצענדע שטאדט דמשק איז א תל עולם געווארען, אזוי גלייך ווי אונזער ירושלים וואס איז דורך איהם חרוב געווארען. א לאנגע צייט האט געדויערט ביז דיעזע שטאדט דמשק איז צוריק אויפגעבויעט געווארען, פיעלע יאהרען זיינען פערפלאסען ביז זי האט בעקומען איהר פריהערינע פראכט. אבער אויך דאן האט ניט לאנג געדויערט אונד דמשק איז וויעדער פאראונגליקט געווארען, דען די מלכי סוריא האבען זי בעלאגערט און האבען איהר ווידער חרוב געמאכט. א לאנגע צייט וואר די שיינע דמשק וויסט אונד לעער, ביז דער געוואלטיגער קעניג אלכסנדר מוקדון האט זיך אויף איהר ערבארעמט, צוערסט האט ער דיעזע שטאדט איינגענומען, זי וואר שוין דאן צוריק געבויעט אונד פערפעסטיגט ווי פריהער. און דיעזער געוואלטיגער קריעגער האט איהר ווידער צערשמעטערט אונד צערבראכען. נאר לויט ווי דער אלטער געשיכטשרייבער הירא‌נימוס ערצייהלט, האבען די מאצעדאניער (מוקדונים) דיעזע שטאדט צוריק אויפגעשטעלט און האבען איהר בעזייעט ווי פאראהער, נאר זיי האבען איהר ווייטער פון דעם פריהערדיגען ארט געגרינדעט, און אנשטאדט וואס פאראהער וואר זי געבויעט צווישען הויכע געבירגע אונד שטייליגע מעכטיגע פעלזען, האבען זיי איהר יעצט געגרינדעט אין איין ברייטען טאהל וואס דערביי פליסט דער גרויסער טייך בארדא, און ביז היינטיגען טאג שטעהט אויף דיעזער שטעלע דיעזע וואונדערשטאדט. די מלכים פון דעם הויז תלמי האבען פון צייט צו צייט דיעזע שטאדט פערגרעסערט, פערפעסטיגט

---

*) דברי הימים א' י"ח, ה'—ו', אין תרגום יונתן בן עוזיאל ווערט דיעזע שטאדט „דרמשק" גערופען (בראשית י"ד ט"ו).

און אויסגעציערט מיט פרעכטיגע בנינים, מיט טורמע און פערשידענע וואונדער־געבייען, ביז זי איז ענדליך זעהר רייך אונד וואונדער־שעהן געווארען. אויך דיעזעס מאל האט די הצלחה פון דמשק ניט לאנג געדויערט, דען קוים האבען זיך די מלכי בית תלמי פון איהר אבגעקעהרט, האבען זיך אויף איהר אנדערע בעלי בתים געפונען, וועלכע איינער האט איהר געריסען פון צווייטען, און אללע האבען איר קיין גוטעס ניט צוגעגעבן. פיעלע יאהרען האט זיך דיעזע שטאדט אזוי אומגעוועלגערט פון איין האנד אין די צווייטע, פון איין רעגיערונג אין די אנדערע, ביז זי האט איהר גאנצען ווערטה אונד גלאנץ פערלוירען. דער ראמישער העלד פאמפעיוס האט מיט. זיינע מיליטאר דיעזע שטאדט בעלאגערט און איינגענומען. נאכדעם אים יאהר 633 האט איהר דער כליף אמאר בעצוואונגען, ער האט איהר פערפעסטיגט אונד צוריק אויסגעציהרט ווי פארצייטען. אים יאהר 1148 האבען בעפאלען דיעזע שטאדט די קרייץ־ציגע (נושאי הצלב) און האבען איהר געוואלט איינגעמען, אבער איהרע איינוואהנער האבען זיך ארויס געשטעלט אנטקעגען דעם פיינד, זיי האבען ווי טאפפערע העלדען געשטריטען, און האבען די שונאים פון זייער שטאדט צוריק ארויס־געיאגט, די קרייץ־ציגער וואַרען געניטיגט זיך אבצוציהען און האבען אגרויסע מפלה געהאט. אים 1306 האט איהר דער גרויסער העלד טאמערלאן בעלאגערט. מיט דער גרעסטען געוואלט האט ער איהרע מויערען צובראכען, ער האט זיך מיט זיינע סאלדאטען אין דער שטאדט אריין געחאפט און האט זי תחת חרב געמאכט, אין פערלויף פון איינינע שטונדען האט זיך גאנץ דמשק געפונען אין איין העליגען בראנד־פייער, און איהרע אללע פאלאטצען טהירמער אונד וואונדער־געביידען זענען אין אש. אונד קוילען פערוואנדעלט געווארען. נון האט שוין דאן די גאנצע וועלט געדענקט דאס יעצט וועט שוין דמשק מעהר ניט געבויעט ווערין און וועט שוין איין עוויגע רואינע (חורבה) בלייבען, אבער עס וואר גראדע אומגעקעהרט, און גלייך נאך דיעזע מפלה איז דמשק צוריק אויפגעבויעט געווארען. אים יאהר 1517 האט איהר דער טערקישער סולטאן סעלים בעצוואונגען, און פון דאמאלס אן ביז דעם יאהר 1832 האט געהערט דמשק אונטער דער רעגירונג פון טערקיי. פון יאהר 1832 ביז היינטיגען טאג האט זיך נאך פיעלע ערייגניסע מיט דיזע שטאדט פאסירט, דען אונטערדעסען האט איר עראבערט דער עגיפטישער פאשא איברהים, און ענדליך האבען איהר די טערקין צוריק צו גענומען, און עד היום הזה איז דמשק געבליבען אונטער די טערקישע רעגירונג.

דאס איז די געשיכטע פון דמשק. יעצט וועלין מיר זיך אומקעהרין צו אונזער רייזע־בעשרייבונג. מיר וועללין בעמיהען די געעהרטע לעזער אביסעל מיט אונז מיטגיין אין דמשק אריין, און מיר וועלין אויף אללעס וואס מיר וועלין דארט זעהן אונזערע אויפמערקזאמקייט מאכען.

אזוי ווי דמשק זעהט אויס פון ווייטען שיין אונד רייצענד, אזוי איז זי ניט שיין און ניט רייצענד אז דער רייזענדער טרעט דאס ערשטע מאל אריין אין איהרע גאסען, ער וועט זיך שטארק פערוואונדערין און וועט פרעגין: צי איז דאס די זעלביגע גלאנצענדע מילדע דמשק וואס איך האב פון ווייטען דער זעהן? דען אללע שאהנע קארטינעס, אללע מערקווירדיגע בילדער וועלין בלאטצליך פון זיינע אויגען פערשווינדען ווערין אונד וועט בלאס א אלטע שמוציגע שטאדט ערבליקען. איך אליין — ערצאהלט דער רייזענדער — וואר אויך זעהר פערוואונדערט אלס איך האב זיך צום ערשטען מאל אין די וועלט־בעריהמטע וואונדער־שטאדט דמשק בעפונדען, און האב אויך ניט געוואלט גלויבען צי איז דאס ווירקליך דמשק? איהרע גאססען זיינען איינג, שמאהל, ניט געברוקירט אונד פול מיט בלאטע

אונד ליים, בדאס איינינע גאססען וואס דארט וואהנען די עדעל לייט, די רייכע פירסטען אונד קויפלייטע, זענען ברייט, שאהן אונ מיט שטיינער געפלאסטערט. אז עס גייט ארעגין, ווערין גלייך די אייננע גאסלאך פול מיט ליים אונד טיעפע זומפען, די פיס פון די דורכגייענדע ווערין ביז די קניע פערזונקען אין בלאטע, אונ מאנכעס מאל קען מען דארט די שטיוועל לאזען. דאס רוב הייזער זענען געבויעט פון האלץ אדער פון ציגעל אונ זעהן זעהר ניט שיין אויס, זיי זענין פון דרויסען אומגעפארבט אונ אומגעצירט, אונ האבען דאך קיין אנצידונגס־קראפט. אבער אזוי ווי ניט שיין אונ ניט רייצענד די הייזער זעהען אויס פון דרויסען, אזוי שיין אונד רייצענד זענין זיי פון אינווענדיג, דען קוים עפענען מיר די טהיר, אונ קוים גייען מיר אריין, שטעלט זיך אונז שוין פאר א נייע קארטינע, א ביולד וואס ברייננט אונז צום גרעסטין ערשטוינען, אונ מיר קענען זיך בשום אופן ניט אפוואונדערן. געגין אונזערע אויגען שטעלט זיך פלעצליך פאר די גרעסטע פראכט, דער הערליכסטער גלאנץ פון דמשק. ביי יעדעס הויז איז איין גרויסעס ברייטעס געהעפט (הויף) אויסגעפלאסטערט מיט שאהנע גלאטע קאלירטע שטיינער, אין מיטען איין שפרינג־ברונען (פאנטאן) מיט פרישע קלארע וואסער, אונ פון אללע זייטען זענין געפלאנצט ציטראנען־ביימער, ארראנגען, מילגרוימען, פייגען אונד נאך אנדערע מינים פרוכטביימער. צווישען דיעזע ביימער וואקסען אין געפלאנצטע בייטען פערשיידענע בלומען, וואהלשמעקענדע ראזען אונ נאך פיעלע מינים געוואקסע. פון דער רעכטער אונ לינקער זייט פאנטאן, זענען געבויעט זעהר פרעכטיגע בנינים נאך דעם אריענטאלישען סטיל (דעם גוסט פון די וואס וואהנען אין מזרח), אונ זענען אויסגעצירט פון אינווענדיג מיט די שענסטע ציערונג אונד פראכט. די צימער אונ זאלאנען זיינען הערליך, אונד די ווענט געפארבט מיט די שענסטע מאלעריען, אונ בעהאנגען מיט די וואונדערליכסטע בילדער. די אללע מעבעל אונד כלים זענען בעגולדעט אונד בעזילבערט מיט גאלד אונד זילבערפארב, אונד ווי דאס אויג גיט זיך נאר א קעהר זעהט מען אלץ פראכט אונ הערליכקייט, גלאנץ אונ קאסטליכקייט, גאלדענע אונד זילבערנע כלים געזעטצט מיט דימאנטען אונ די טייערסטע עדעלשטיינער, הערליכע פארטיערען, גארדינען, דיוואנעס, בעטגעוואנד געשטיקט אונ געשטריקט, געצאקט אונד געוועבט פון די טייערסטע מערקישע מאטעריען אונד געשפינסטען. בקיצור עס איז שווער אויסצושרייבען די אללע מערקווירדיגע קארטינעס אונ ערשיינונגען וואס דער איראפייער זעהט אין דיזע וואהנונגען פון דמשק. ער בעפינדעט זיך באן ווי בעצויבערט אונ וויל ניט גלויבען אויב ער זעהט דאס אללעס אויפען וואהר.

די איינוואהנער פון דמשק זענין בכלל גרויסע פאנאטיקער (אדוק אין זייער אמונה), אונ פערהאססען אונ פערפאלגען די איבריגע איינוואהנער פון פרעמדע אמונות. איבערהויפט ווערין פערפאלגט פון זיי די קאטהאליקען אונד יודען. דער יודע בפרט, איז אין דמשק גרייט צו אללע צרות, דורך דעם קלענסטין בלבול קענען זיי אין גרויס געפאהר אריין פאללען, ווי עס האט שוין פיעלע מאל פאסירט, אז טויזענדער יודען זענען ליידער פעראונגליקט געווארען אונ עס האט זיי פיעל געלט אונד בלוט געקאסט. צו איין בייא שפיעל קען אונז ניטצען דאס יאהר 1840, וואס איז מיט בלוט אין אונזער געשיכטע פערצייכענט, וואס דאן האבען דארט אונזערע ברידער פון א שענדליכע עלילת־דם זעהר פיעל געליטען, ווי עס איז יעדען איינציגען דערפון גאנץ גענוי בעוואוסט, אונ מיר געפינען פיר גאנץ איבריג איצונד דערפון צו שרייבען.

נ. ד. האפפמאנן.

# דאס לעבען פון דיא בינען.

דאס לעבען פון די בינען איז אזוי מערקווירדיג און וואונדערליך, אז עס איז קיין גרויס חידוש ניט וואס פון זיי עקספערטירען פיעל איבערגעטריבענע פאלשע מעשיות פון זייער אויפפיהרונג און פון זייער לעבענסארט, נאר מיר דיינקען ניט איבערצוטרייבען, מיר ווילען נאר דערצאהלען דעם אמת ווי ער איז, גלייך ווי די אמתע נאטור־פארשער האבען די בינען נאכגעקוקט און ריכטיג צוגעזעהן זייער לעבען און אויפפיהרונג אין אללע פרטים. דען אפילו די וואהרע געשיכטע פון די נאטור־פארשער ווייזט אויך אוים איבערגעטריבען און צופיעל וואונדערליך. עס ווייזט אוים נאך דער ערצאהלונג פון זיי, אז די בינען האבען אשכל יושר אזוי ווי א מענש, און זענען ניט אונטערגעווארפען אונטער דעם אינסטינקט (איינגעבוירענע נאטור־פאהיגקייט) אזוי ווי אנדערע שרצים ורמשים. דער אמת איז אבער, אז די בינען האבען אויך דעם איינענעם אינסטינקט וואס אנדערע שרצים, האטשע זיי בעווייזען אין זייערע מנהגים אזוי פיעל שכל און בריה־שאפט.

די צאהל פון די בינען וואס וואהנען אין איין בינשטאק איז זייער גרויס, פון דרייסיגטויזענד האבען זיי נאר איין קאניגין (מאטושקע). אין איין בינשטאק געפינט זיך פון זעקס ביז אכט הונדערט זכרים און פון 10 ביז 30 טויזענד טומטום"ס (ניט קיין זכרים און ניט קיין נקבות). ווען עס טרעפט זיך צוויי קאניגענס (מאטושקעס) אין איין בינשטאק, ברעכט צווישען זיי ביידע אוים א שטארקע מלחמה ביז איינע פון זיי ווערט נהרג אדער זי מוז פערלאזען דעם בינשטאק.

יעצט וועלין מיר בעטראכטען זייער לעבען, זייער ווירקען פון דער צייט אן ווען עס ווערט געמאכט דער בינשטאק ביז עס ווערט געבוירען איין נייער דור.

די קאניגין וואס ווערט געניטה דורך דער מלחמה צו פערלאזען דעם ערשטען בינשטאק, פליהט אוועק ערגיץ אנדערש, זיך צו זוכען איין אנדער קאניגרייך און מיט איהר צוזאמען פליהען מיט אללע די בינען וועלכע עס האבען פאר איהר אזוי מוטהיג געשטריטען און מלחמה געהאלטען. אויף דעם וועג זעטצען זיי זיך אללע אוים אויף א צווייג פון א בוים, עטוואס אויס צורוהען פון זייער מיהע; די קאניגין זעטצט זיך אין דער מיטטען און די איבריגע רינגלען זי ארום פון אללע זייטען. נאך אקליינע רוהעצייט שיקט מען ארוים עטליכע פון די טומטום"ס זיי זאלען בעזעהן די געגענד און אויסקלויבען איין נייעם ארט, און דרום מאכט זיך אמאל ווממער־צייט זעהען מיר איינציגע בינען ארום פליהען אין וואלד, דאס זענען די ארויסגעשיקטע שפיאנען. ווען עס געראטהט זיי אויף־צו־זוכען איין זיכער ארט, קוממען זיי באלד מיט דער גוטער בשורה צו דער קאניגין, און באלד הויבט זיך די גאנצע מחנה אויף. די קאניגין פליהט אויף פריהר צו דעם ארט וואו זי וועט דארטען גרינדען איהר נייע קאניגרייך.

די ליעבע פון די בינען צו זייער קאניגין איז אזוי גרויס , אז ווען זי זאל מיט זיי ניט זיין , וואלטען זיי קיין שום ארבייט ניט געטאהן און וואלטען זיך צופליגען אין אללע זייטען אריין אזוי ווי פערבלאנזעטע שאפעליך אהן זייער פאסטוך .

---

## די בינען־וואהנונגען .

אין די ערטער וואו דער מענש זעלבסט לעבט נאך האלב ווילד און פערשטעהט נאך ניט דען גרויסען ווערטה מיט דעם נוטצען וועלכע די בינען ברייינגען איהם , מוזען די בינען זיך זעלבסט זוכען איין וואהנונג ; אבער אין אונזערע געבילדעטע לאנדער גרייטען שוין די מענשען פון זייערט־וועגען אן בעקוועמע וואהנונגען . יעדער בויער ווי ער דערזעהט נאר אשווארם מיט בינען וואס בלאנזשען ארום אהן איין ארט , גרייט ער באלד פון זייערט־וועגען אן איין אוליע (улей) און נעמט זיי אהין אריין , ער לאזט זיי נאר איבער אקליין לעכיל אויף אריין־און ארויס־פליהען .

מען קען זיך לייכט איבער־ציינגען , צי די קיניגען איז אויך מיט זיי געפאנגען געווארען צי ניין ? . . ווייל די בינען אז זיי קומען אריין אין זייער נייע וואהנונג , הייבען זיי זיך אן באלד ארום קוקען צי־איז זייער קאניגין אויך מיט זיי דא , און אז זיי דער זעהן זי , נעמען זיי זיך באלד צו אויספוטצען און אויסראמען די נייע וואהנונג , און יעדע בין האט זיך איהר ארבייט , און ארבייטעט פלייסיג און מיט גרויס חשק . נאר ווי באלד זיי בעמערקען אז די קיניגין איז מיט זיי ניט פערהאנען , הייבען זיי זיך אן גיך ארויס צו שטופען דורך דעם לאכיל אום אוועקצופליהען , זיי זענען דענסמאל אזוי בייז , אז עס איז געפעהרליך נעבען דעם בינענשטאק צו שטעהן און זיי ניט דערלאזען ארויס פון דארט , זיי שטעכין מיט זייערע גיפטיגע שטאכלען אזוי ווי די קאזאקען מיט זייערע שארפע פיקעס און קענען באניגען ביז אין בלוט . דער בויער מוז דענסמאהל איין מאסקע אויף זיין פנים טראגין און די האנד מיט שמאטעס פערוויקלען . —

די בינען וועלכע האבען שוין איינמאל פערלאזען זייער בינענשטאק , ווייל די קאניגין זייערע איז ערגיץ וואו פערפאלען געווארען , וועלין זיך שוין קיינמאהל ניט בשום אופן אומקעהרען אהין , אפילו ווען זיי האבען קיין מקום מנוחה ערגיץ ניט געפינען . איינגע נאטור־פארשער פערזיכערען , אז די בינען דערקענען שטענדיג זייער פערלאזטעס ארט אפילו אין פיעל צייט ארום און וועלין עס שטענדיג ווייכען . צי דאס איז איין אמת אדער א גוזמא , ווייסען נאר די וואס האבען נאכגעקלעהרט נאך דעם , און עס גרונדליך ערפארשט . —

ווען די בינען געפינען זיך אבער מיט זייער קעניגין צוזאממען , דענסמאל הויבט זיך אן ביי זיי איין פלייסיגע ארבייט , די קאניגין זעלבסט זיצט זיך רוהיג אויף איין ארט און טוהט גאר ניט , די זכרים רינגלען זי באלד ארום , זי צו דערוואריעמען , ווייל זי איז ביי זיך אגרויסע מיוחסת און די קאלט שאדעט איהר זעהר , די קאלט קען איהר מעשאיען צו לייגען אייעליך פון וועלכע עס קוממען ארויס די בינען . די לעדיגע בינען (אזוי וועלין מיר רופען די טומטום"ס , וועלכע זיינען ניט קיין זכרים און ניט קיין נקבות) הויבען אן צו־נויפזאממלען שטאף אויפצובויען דעם סטעלניק און אנגרייטען שפייז .

די בינען האט זעהר דינגע האאר אויף איהר לייב , און ווי באלד זי פליהט צו צי

א בוים, קריכט זי אריין אין זיין טשאטשקעלע וואס דארטען איז צונויפגעזאממעלט דער בלומענשטויב (פארעך) אונ בעדעקט דער מיט דעם גאנצען קערפער, דער נאך קאטשעט זי דעם שטויב צונויף ווי אבאנקעלע אונ נעמט עס אריין צווישען די אונטערשטע פיסלעך אונ מיט דער משא קעהרט זי זיך אום אין דעם בינשטאק אריין.

איינינע נאטור־פארשער האבען זיך בעמיהט אריינצוקוקען אין דעם בינשטאק, בעת זיי טהוען זייער ארבייט, אום צו זעהן ווי אזוי עס געהט ביי זיי צו; אונ דערום האבען זיי פערביטען די האלצערנע אויבע אויף אין גלאזערנע, אונ אללע מאהל אונטערגעהויבען דאס דעקעל, אום צו זעהען וואס עס קומט דארט פאר. זיי האבען בעמערקט אז פארהער פאר אלעמען בעמיהען זיך די בינען שארן אויס־צופוצען זייער וואהנונג, אונ פערשטאפפען אונ פערשמירען וואו עס געפינט זיך ערגיץ א קליין לעכיל אדער א שפאלטעל. ווען זייער וואהנונג איז שוין פערטיג, דענסטמאל צו טהיילען זיי זיך אויף עטליכע כתות; איינינע פליהען ארויס זוכען פעלד צונויף צוקלויבען דעם נאהטיגען שטאפף (מאטעריאל) פון די בלומען אונ צווייגען, אונ איינינע בלייבען אין בינענשטאק אום צו בעארבייטען דעם געבראכטען שטאפף. אמהייל בלייבען ביי דער קאנינין איבער, זי צו בעדיענען — אונ קלויבען פון איהרעטוועגען צו דעם בעסטען ביסען. ווען די ארבייטס־בינען קעהרען זיך פון דעם פעלד אום מיט זייער משא, געפינען זיי שוין גרייטע משרתים וואס נעמען דעם שטאפף ביי זיי צו אונ בעהאלטען עס אין די צו־געגרייטע ערטער. וועלכעס עס טויג צום עסען, לעגען זיי אריין אין די שפייז־קאמערען, אונ דער מאטעריאל וואס טויג צום בויען די וואהנונגען, האט זיך אויך זיין בעזונדער ארט.

די בינען ארבייטען אזוי קינסטליך דעם בינשטאק אויס, אז עס איז כמעט אונמעגליך צו גלויבען אז אזא מין ארבייט זאל קענען געמאכט ווערין אן אשום ווערקצייג. פון יעדע ביענע וועגען ווערט געמאכט איין בעזונדער צימערעל. דער מאטעריאל צום בויען, דיענט דער וואקס, וועלכען מיר בענוטצען צו מאכען ליכט אונ צו אנדערע נאטהיגע מלאכות. די בעמיקער, וועלכע בעמיהען זיך יעדע זאך וואס געפינט זיך אין דער נאטור, קינסטליך נאכצומאכען, האבען שוין זייערע קאפף פערדרייט אונ האבען נאך עד עתה ניט דערקלעהרט ווי אזוי דעם וואקס נאכצומאכען. ווי עס זעהט אויס האט די נאטור איהר סוד נאר די בינען פערטרויעט אונ מעהר קיינעם ניט. — דער קלוגסטער מענש קען זיך ניט בארימען אז ער ווייסט מעהר פון דעם קליינעם שרץ. דער האניג פון וועלכען מיר מאכען אלערליי פיינע מאכלים, ברענגען מיט זיך מיט די בינען אין זייערע קליינע מייגער פון די בלומען וואס זויגען זיי אויס אונ לעגען אויס די זאפט אין דעם בינענשטאק אריין, אויך דעם האניג האט מען שוין געפראבירט נאכצומאכען פון דיא איינענע בלומען פון וועלכע די בינען בעקומען איהם, אונ עס איז פארט ניט געראטען איהם נאך צו מאכען, ווייל דער האניג ארבייט זיך אויס ביי די בינען אין בויך, אונ דערום איז דאס פערהוילען פון דען מענשליכען פערשטאנד אונ פון זיין שארף אויג.

די קונסט פון זייערע געבויעטע צימערליך איז אזוי גרויס, אז דעם מענשען וועלכער האט עס אליין מיט זיינע אויגען ניט געזעהן, איז אונמעגליך עס צו שילדערן. ווען מען וויל זיי גוט בעטראכטען, מוז מען נעמען א שטיק סטעלניק אונ אין וואריעם וואסער אריינלעגען, דענסטמאל טיילט זיך אפ דער האניג פון דעם וואקס, אונ די וואונדערליכע חדרים'ליך ערשיינען פאר אונזערע אויגען. יעדעס צימערעל האט זעקס ווענטליך געשליפענע מיט זייטליך, ניט פיער־עקיג, אונ זענען איינס צום אנדערן גלייך, אונ איינס פון אנדערן

ניט גרעסער אפילו אויף איין האאר, די ווענטליך צווישען די חדרים'ליך זענען גאנץ דינן און גלאטט. קיין שום מענש אן דער היקף פון חכמת המדידה, איז ניט אין שטאנד אזא מין ארבייט צו מאכען. דא קענען מיר זיך איבערצייגען אז די נאטור בעשענקט איינינע גאנץ פראסטע בעשעפענישען מיט אזא פעהיגקייט וועלכע א מענש קען זי ערשט אויספילען דורך פיעל חכמה און וויסענשאפטען מיט קינסטליכע אינסטרומענטען.

עס איז זעלטזאם וואונדערליך! ווי אזוי די בינען ארבייטען אללע מיט איינמאל אין אללע עקקען פון דען בינשטאק, אללע מאכען אזוי קינסטליך אז זיי פערפוטען זיך ניט אין דער ארבייט און קומען זיך אללע צונויף אקוראט אין איין פונקט אריין און האבען דעם מינדעסטען טעות ניט אין זייער ארכיטעקטור־קונסט, דער בעסטער ארכיטעקטאר מיט די בעסטע אינסטרומענטען און מיט זיין גאנצער מאטעהמאטיק, וואלט ניט זיין אין שטאנד אזוי איין ארבייט אויסצופיהרען.

ווען די בינען ענדיגען איין שטיק סטעלניק, הייבען זיי באלד אן צו ארבייטען די אנדערע, די דריטע, א. ז. וו. און יעדעס שטיק שפארען זיי אונטער מיט זאיילען פון וואקס, אז זי זאל ניט אומפאלען און ניט ליגען איינס אויף דעם אנדערען. צווישען איין שטיק צו דעם אנדערען לאזען זיי איבער איין ארט אז צוויי בינען זאללען קענען דארטען שפאצירען.

ווען עס איז ווארעם און גוטער וועטטער, ענדיגען די בינען זייער ארבייט אין א קורצע צייט. די צימער ווערען גיך פערטיג, אבער האניג איילען זיי זיך נאך לעת עתה ניט צונויף צו זאמלען, ווייל די חדרים זענען דער וויל בעשטימט געווארען ניט פון דעם האניג וועגען, נאר כדי צו בעהאלטען דארט די אייעליך, וואס פון זיי זאל דער בייער דור געבוירען ווערין און זיך אויס נאניטשען און ווערען ביטען גלייך.

ניט די קאניגין און ניט די זכרים נעמען אנטייהל אין דער ארבייט. די דאזיגע עדעלייט עסען דאס בעסטע און דאס פיינסטע וואס די ארבייטס־בינען גרייטען זיי צו מיט זייער שווייס. פון זייערט־וועגען הארעווען זיי און פראציווען יומם ולילה, כדי זיי צו־צושטעלען אללע זייערע בעדירפעניססע. פון זייערט־וועגען בויעט מען אויך אויס ברייטערע און שאנערע און בעקוועמערע חדרים ווי פיר דעם פראסטען עולם וועגען, די וואנט זענען שטארקער, פעסטיגער און שאהנער. און מיט דעם ערשטען בליק קען מען דער־קענען וואו דער קאניגינס־פאלאץ געפינט זיך. ווען די ארבייטס־בינען ענדיגען זייער ארבייט, ערלאזט אויך די קאניגין איהר שטוהל און הויבט זיך אויף אין דער לופט מיט איהר גאנצער סוויטע אביסעל צו שפאצירען אונטער דעם בלויען הימעל. זי פליעהט ארויף אזוי הויך אז דאס מענשליכע אויג קען זי ניט גרייכען. נאך דעם אומקעהר פון שפאציער הייבט די קאניגין באלד אן איהרע אייעליך צו לעגען. זי פליהט ארום איבער דעם גאנצען בינשטאק, און אין יעדען צימער לאזט זי איבער איין אייעלע.

---

## די בינען אייעליך און זייערע ענטוויקלונג.

דעם ערשטען זוממער לעגט די קאניגין ניט פיעל אייעליך, אויך דעם גאנצען ווינטער סיעשאייעט איהר די קאלט צו לעגען אסך אייעליך; נאר ווי באלד דער פריהלינג (וועסנא)

קומט אן , ווערט זי אזוי פרוכטבאר אז זי לעגט איין עך פון דריי־טויזענט אייעליך אלע חודש .

ווען די ארבייטס־בינען איבערציגען זיך אז זייער קאניגין לעגט אייעליך און זי וועט שוין מעהר קיין עקרה ניט בלייבען , דענסטמאל רעכענען זיי זיך ערשט אפ מיט די זכרים , וועלכע טהוגען גאר ניט לעבען ווי די פריצים און עסען אויף דעם חשבון פון די ארבייטס־בינען — און מאכען פון זיי איין עק , גלייך ווי זיי וואלטען זאגען צו די זכרים : „אייער חלק האט איהר שוין ממלא געוועזין , יעצט באטהיגען מיר זיך שוין ניט מעהר אום אייך , און מיר האבען מעהר קיין לוסט ניט אייך צו האדעווען אומזונסט" . — וואס מעהר די ארבייטס־בינען זעהען אז זייער קאניגין לעגט אייעליך , מעהר פערניכטען זיי און מאכען אתל פון די זכרים און הרגנען זיי אויס . אין חודש יוני , יולי און אויגוסט , קענען מיר זעהען גאנצע הויפענס פון טויטע בינען זיך וואלגערען אויף די פעלדער ; און ביז צום ווינטער לאזט מען פון זיי ניט איבער קיין איינציגע . די ארבייטס־בינען זענען ניט אזעלכע אכזרים ווי מיר מיינען ווייל זיי פאסטופייען אזוי שלעכט אנטקעגען די זכרים , דען דאס איז גאר ווייל די נויט ברענגט זיי דערצו , דען זיי ווייסען גאנץ גוט אז די שפייז וואס זיי האבען צו געגרייט אויף דעם ווינטער וועט ניט גענוג זיין פיר אלע וועגען און דערום איז גאר קיין יושר ניט אז די לעדיג־געהענדע בינען וואס ברייגען קיין שום נוצען ניט , זאלען אויפעסען דעם טהייל וואס נעמט זיך אן אויף די ארבייטס־בינען , וועלכע זענען די נוציכסטע אין דעם בינען־קאניגרייך .

די אייעליך לעגט די קאניגין יעדעס אין אבעזונדער צימער . אין פיער טעג ארום שפאלטען זיך פון זיי אויס קליינע שרצים'ליך , וועלכע הייבען אן באלד צופרעסען אהן אשיעור , ווי דער גראסטער זולל וסובא . די אלטע בינען קייען זיי זייער שפייז און לעגען עס זיי אריין אין מויל אריין ווי א מוטער האדוועט איהר קינד . פינף טעג נאך זייער געבוירען , הייבען אן די נייע געבוירענע צו שפינען גאנץ דינע פעדעמליך , אזוי ווי דינע פיינע זייד , און וויקלען זיך זעלבסט אין דעם איין ווי אין אזיידען מלבוש'על . די ארבייט געדויערט ביי זיי אויך דריי טאג . נאך דעם פערשליסען זיי די ארבייטס־בינען אין זייערע צימערליך וואו זיי זענען געבוירען געווארען און פערקלעפען דאס צימערעל מיט וואקס , און אין דעם צושטאנד בלייבען זיי גאנצע זיבען טאג ; נאך די זיבען טאג געהען פון דארטען ארויס אויסגעפארמעוועטע בינען מיט אלע פאהיגקייט צו דער ארבייט , און זיי דארפען אפילו גאר אין קיין חדר ניט געהען זיך אויסצולערנען די גרויסע חכמה , מיט וועלכע דער באשעפער האט זיי באשענקט . אין א קליינע צייט הייבען זיי זיך אן צו בעשעפטיגען מיט זייערע שווערע ארבייט , ווען זיי זענען ארבייטס־בינען — אדער זיי זיטצען צו הויז פערלעגט די האנד און שטעלען זיך צו אלערליי פערגניגען , ווען זיי האבען געהאט דאס גליק געבוירען צו ווערען אלס זכרים .

פריהער פאר אלע געהן פון די אייעליך ארויס די ארבייטס־בינען , זיי פרוכטבארען זיך מענגעס־ווייז , נאך זיי קריכען ארויס פון זייער תפיסה די זכרים און ווייסען באלד די מינוט אז זייער בעשטימונג איז גאר איין אנדערע , און דאס זיי דארפען קיין האנד אין קאלט וואסער ניט אריין טהון , און עסען דאס בעסט און טרינקען דאס זיססעסטע פון דעם וואס די ארבייטס־בינען גרייטען פון זייערט וועגען צו , דערום האבען מיר פון זיי גאר קיין גרויסע חידושים ניט צו ערצאהלען , דען וואס פיר אחידושים קענען ארויס־ברייגען אזעלכע פריצים וואס זייער גאנץ לעבען געהט אוועק אין ליידיג־גאנג און אין

גאָלדנע תענוגים ? נאָר קוים יאָוועט זיך אַרוים אין ביענענשטאַק איין נייע נקבה ווערט די מינוט אַ רעוואָלוציע (מרידה) צווישען די ביענען, אונ ניט זעלטען ברעכט אוים צווישען זיי אַ בלוטיגע מלחמה אויף לעבען אונד טויט. די אַלטע קאָניגין ווערט באַלד אייפער־זיכטיג, ווייל זי ווייסט אַז די נייע נקבה וועט אַמאָהל ביי איהר די מלוכה רויבען, אונ איבער דעם קען זי ניט בלייבען רוהיג אונ זוכט מיטטלען זי עוקר מן השורש צו זיין, נאָר פאַר דער יונגער נקבה נעמען זיך אָן די אַרבייטס־ביענען, אויך אַטהייל פון די עדעללייט — די זכרים — אונ עס ווערט צווישען דער אַלטע קאָניגין אונ די יונגע פּרינצעסין אַשרעקליכע פיינדשאַפט אונ מען הייבט זיך אָן צו גרייטען צו אַ מלחמה. די ביענען צו טהיילען זיך אויף צוויי מחנות, די אַלטע אַרבייטס־ביענען אונ די יונגע זכרים״ליך שטייען־צו צו דער קאָניגין, אונ די יונגע אַרבייטס־ביענען שטעהען־צו צו זייער פּרינצעסין אונ פערשליסען זי אין איהר חדר אונ ווי איין געטרייע וואַכע בעשיטצען זיי דעם אַריינגאַנג צו איהר אונ לאָזען אַהין־צו ניט אַריין די אַלטע קאָניגין, ווען עס פערגלוסט זיך איהר אַהין־זיך אַריין צו־רייסען, כדי זי צו־הרגענען פאַר קנאה.

פון דער רעוואָלוציע מאַכט זיך דאָס רוב אַז די פּרינצעסין איז מנצח די אַלטע מוטער אונ קאָניגט אויף איהר אָרט, די אַלטע מוז נעביך מיט אַצובראָכען הארץ אָפּ־טרעטען אונ אַוועקפליהען. מיט איהר צוזאַממען פליהען אויך מיט די אַלע ביענען וואָס זענען איהר טריי געבליבען אין דער מלחמה צייט. מיט גרוים רעש פערלאָזען זיי דעם אַלטען בינשטאַק אונ עמיגרירען אין דער ווייטער וועלט אַריין זיך צו זוכען איין נייעם אָרט, אום דאָרטען צו גרינדען אַנייעם קאָניגרייך.

## די יונגע קאָניגין.

נאָך דעם אַז די אַלטע קאָניגין איז פערטריבען געוואָרען פון איהר מלוכה אונ האָט מיט איהר טרייע צוזאַממען פערלאָזט דעם בינשטאַק, איילען באַלד די אַנהאָנגער פון דער יונגער פּרינצעסין צו איהר אונ בעפרייען זי פון איהר תפיסה. ווי באַלד זי ווערט בעפרייעט, הייבען זיי אָן צו פערדערבען די אַלע אייעליך וואָס געפינען זיך אין דעם ביענשטאַק, מחמת מורא דאָס פון זיי זאָל ניט געבוירען ווערען איין נייע נקבה אונ זאָל איהר ניט בעצאָהלען מדה כנגד מדה, דאָס הייסט אַז די נייע שוועסטער איהרע זאָל זי אויך ניט פערטרייבען פון איהר שטוהל אַזוי ווי זי האָט איהר מוטער געטוהן. אין דעם פערדערבען פון די אייעליך הייגט איהר גליק אונ איהר רוהע, ביז אין דער צייט וואָס זי זעלבסט הייבט אָן צו לעגען אייעליך, אונ פון זיי קומט אַרוים איין טאָכטער וועלכע מאַכט איין נייע רעוואָלוציע אונ פערטרייבט איהר מוטער אונ בלייבט קאָניגין אויף איהר אָרט. נאָר ווען עס טרעפט זיך אָבער אַז איידער די נייע קאָניגין אומפייעט צו פערדערבען אַלע אייעליך, ווערט פלוצים געבוירען איין נייע נקבה, איהרע אַ שוועסטער, ברעכט צווישען זיי ביידע אוים אַ נייע מלחמה, ווייל די קאָניגין ווייסט שוין גוט אַז עס קען איהר טרעפען דער אייגענער סוף וואָס איהר מוטער. די ביענען צו שיידען זיך ווייטער אויף צוויי פּאַרטייען אונ דאָס געשלעגע הייבט זיך אָן, אונ ענדיגט זיך ערשט דענסמאָל ווען איינע פון די שוועסטערן פאַלט געהרגעט, אָדער די עלטערע מוז אָפּ־טרעטען איהר פּלאַטץ אונ מיט איהר פּאַרטייע צו זאַממען אַוועק פליהען ערגיץ זיך צו זוכען איין נייע ממלכה. די יונגערע איז אויך ניט בעסער פון דער עלטערע אונ זוכט אויך

צו פערטיידיגען די אייעליך , אונ ווען עס געראהט איהר ניט זיי אין גאנצען צו פערניכטען, קומט איהר אויס דער אייגענער סוף וואס איהר אלטערע שוועסטער.

ניט זעלטען טרעפט זיך אויך אז ביידע פאלגען אין דער שווערער מלחמה, אונ ווען קיין נייע נקבה איז נאך ניט געבוירען געווארען , אדער עס איז ניט געבליעבען קיין אייעליך פון וועלכע מען זאל קענען האפפען אז עס וועט געבוירען ווערין איין נייע קאניגין , דענסמאל געהט אונטער אין גאנצען זייער קאניגרייך , אונ דער גאנצער נאראד צו פליהט זיך אין אללע זייטען וואהין די אויגען טראגען זיי.

די וואס פארען זיך ארום די בינשטאקען , דערקענען באלד אז די בינען האבען שוין מעהר קיין קאניגין ניט, אזוי בעמיהען זיי זיך אוועלכע צו בעקוממען אונ זיי צו־צו־שטעללין אין זייערע בינשטאקען אריין , אונ אויב ניט צו פליהען זיך די יונגע , אונ די אלטע שטארבען אויס פון הונגער אפילו ווען זיי האבען איין גענוגען נאפאס, עס ווערט זיי דאס לעבען נמאס אונ ווילען קיין ביסען אין מויל ניט נעהמען ביז די נשמה געהט זיי אויס . ווען אבער עס געראהט דעם בעל הבית פון דען בינשטאק צו בעקוממען איין נייע קאניגין , ווערין זיי אללע באנייעס אויפגעלעבט , אונ יעדע קעהרט זיך אום צו איהר פריהעריגער ארבייט.

אמאהל בעמערקט מען ביי די בינען א שרעקליך־וואונדערליכען איינפאלל ; פון די אייעליך וואס ליגען אין די שטאלע הדרים'ליך קענען נאר ארויס קוממען די ארבייטס־בינען אבער ניט קיין נקבות. פון די אבער וואס ליגען אין ברייטע וואילגע צימערליך קענען געבוירען ווערען נקבות אויך , וואס'זשע טוהען די בינען אז זיי זעהען אז זיי האבען שוין קיין קאניגין ניט ? זיי האפען ארויס איין אייעלע פון די שטאלע אונ איינגע צימער־ליך אונ טראגען עס איבער אין די ברייטע חדרים, דארטען וואו זייער מלכה האט געוואהנט, כדי עס זאל זיך קיגען דארטען ענטוויקלען , אונ ווי באלד זיי בעמערקין אז דאס אייעלע הייבט זיך אן דארט צו ענטוויקלען , הייבען זיי עס אן צו היטען ווי דאס שווארצאפעל פון אויג , זיי טראגען דעם די בעסטע שפייז צו אונ לאזען עס קיין שום ארבייט טוהן אונ פערצארטלען עס ווי איין אמתע בת־מלכה, ביז דער באשעפער העלפט זיי אז די נייע בת־מלכה וואקסט אונטער אונ הייבט אן אויף זיך זעלבסט צו קיקען גלייך ווי זי איז געבוירען געווארען פון קאניגליכעס בלוט , אונ זי הייבט זיך אויך אן צו פיהרען מיט זייערע אלע מנהגים , זי פערגעסט גאר אין גאנצען איהר נידעריגען שטאנד, אונ הערשט אהן אנרעגיין אונ פיהרט איהר ממשלה ניט ערגער פון די פריהריגע אמתע קאניגינם.

נאך אללע וואונדערליכע ערצאהלונגען פון די בינען , דארפען מיר פון דעסטוועגען ניט גלויבען אז זיי טוהען די אללע זאכען דורך זייער אייגענעם פערשטאנד אונ נאך זייער אייגענעם ווילען, נייו, זיי זענען ניט מעהר ווי אשפיעל אין די האנד פון דער גרויסער אונערפארשליכער נאטורס־נאטור , אונ אסימן האבען מיר , אז אללע בינען וואס געפינען זיך אויף דער גאנצער וועלט פיהרען זיך אללע אויף איין דרך, ניט געקוקט אויף אזאאר איינם פונים אנדערען . עס איז שוין אצייט פון טויזענדער יאהרען וואס מען פארשט נאך זייער לעבען אונ וויסען, אונ מען האט נאך עד עתה ניט ענטדעקט אז זיי זאלען מאכען איין קליינעם פארטשריטט אין זייערע מנהגים, אונ וועלען אן ספק אזוי זיך פיהרען ביז עק וועלט. נאר ווייל אין מענשען איז אויך איינגעפלאנצט געווארען איינע נאטור־פעהיגקייט נאך וועלכע ער פיהרט זיך, אונ מיר בעמערקין ניט זעלטען די אייגענע פעהיגקייט ביי אנדערע היות שרצים ורמשים. גלויבען מיר אז זיי זענען אויך דאס זעלבע וואס מיר,

מיט פרייען ווילען און מיט שכל פערזעהען. דער אמת איז אבער אז נאר אונז מענשען האט גאט מיט איין אייגענער בחירה מיט איין פרייען ווילען באשענקט, צו טוהן דאס וואס עס פערגלוסט זיך אונז, און האט אונז אויך שכל געגעבען צו פערשטעהען וואס מיר טוהן. —

ווי וואונדערליך שאהן ערהויבען זייגען דיינע אונערפארשליכע ווערק, גרויסער וועלט־באשאפפער! —

יונה טרובניק.

# וויסענשאפטליכעס.

## א וועלט מיט קויהלין.

יעדער לעזער ווייסט ווי וויכטיג די קויהלען זענען אין אונזער היינטיגען לעבען. אללע ווייסען אז אין די גרויסע שטאדט אונד אויך אין די קליינע שטעדליך וואו עס איז דא וויניג האלץ צו הייצען די אייוועגס, ניצט מען קויהלען אנשטאט האלץ. אין יענע ארטער קען מען ניט קאכען, ניט באקען אהן קויהלען. יעדער בעל הבית וואס האט ליעב צו טרינקען טהעע פון דעם קאכענדיגען סאמאוואר ווייסט גוט אז אהן קויהלען וואלט ער דעם פערגניגען פאן דעם הייסען סאמאוואר ניט געהאט. אבער עס קען זיין אז פיעל לעזער ווייסען ניט אז ניט נאר אין דער קיך אדער אין דעם הייצ־אויווען ברויכט מען קויהלען, אבער אויך די גאנצע וועלט אין וועלכע מיר לעבען וואלט ניכט געקאנט עקסיסטירען, ווען עס וואלט זיך אין איהר קיין קויהלען געפינען. דאס גרעסטע טהייל נאטור־ערשיינונגען אונד בעוועגונגען וואס זענען אויף דער וועלט וואלטען ניכט געקאנט ערשיינען, ווען עס וואלט קיין קויהלען ניכט געוועזען. כמעט אללע קערפער וואס קענען זיך בעוועגען און וואקסען, וואלטען ניכט געקענט עקסיסטירען אויף דער וועלט ווען עס זאל זיך אין זיי ניט געפינען די נשמה וועלכע מיר רופען אן מיט דעם נאמען קויהלען. מיט איינעם ווארט: אהנע קויהלען וואלטען מיר ניט געלעבט, ניט געשטארבען. אהנע קויהלען וואלט קיין געוואקס געוועזין אויף דער ערד — אלעס וואלט געוועזין טויט און שטיל, וויסט און לעער (תהו ובהו). נאך מעהר וועט איהר אייך וואונדערן, אז איך וועל אייך זאגען, אז די קויהלען זענען אקוראט ווי א נשמה וואס קען מגולגל ווערין פון איין קערפער אין אנדערען, און ניט ווי א כשרה נשמה וואס גייט גלייך אין איהר רוהע, נאר ווי א זינדיגע נשמה וואס מוז געבענך פיל מאהל מגולגל ווערין אין פערשידענע קערפער כדי מתקן צו זיין וואס זי האט געזינדיגט. נאך מעהר: די קויהלען בשעת זיי ווערין מגולגל פון איין קערפער אין אנדערין, זענען גלייך ווי א פאקוסניק וואס מאכט פערשידענע קונצען: דא ווייזען זיי זיך שווארץ אונד מיאוס אז יעדער מענש וואס וויל האבען ווייסע הענד האט זיך מורא אן זיי אנצורירהען, און דארט זענען זיי אזוי ריין און שאהן אז מען שפיגעלט זיך אין זיי, מען פאסט זיי איין אין גאלד אונד מען צאהלט פאר איין קליין שטיקעלע טויזענדער רובעל. דא שמירט מען מיט זיי איין דאס גלאז אז עס זאל ווערען אונדורכזיכטיג, און דארט זענען די קויהלען זעלבסט זא קלאהר און ריין אז מען קען דורך זיי דורכזעהען ווי דורך דער

העלער אונ קלאהרער לופט אין מיטין טאג. דא ליגען די קויהלען ווי שטיינער אויף איין ארט, אונ ווען מען זאל זיי ניכט רירהרען, וואלטען זיי אייביג אויף איין ארט געלעגען, אונ דארט פליהען זיי ארום אין דער גאנצען הויכער לופט אזוי ווי די פייגעל אונ מאכען ווייטע רייזען אין איין מינוט. אז עס איז אונמעגליך מיט דעם אויג צו דערזעהען ווי גיך זיי פליהען. דא זעהען מיר אז די קויהל שטארבט אונ ווערט צו נישט, אונ דארט זעהען מיר די זעלבע קויהל לעבענדיג אקוראט ווי פריהער אונ עס פעהלט איהר גאר ניט.

אום צו ערקלעהרען גענוי אונ דייטליך די אללע פאקטען פון די קויהלען, מוזט איהר ליבע לעזער איין קליינע ווייל אפלאזען די קויהלען אונ איבערגעהן מיט מיר צו איין אנדערע שטעללע אונ איבערשמועסען פון דריי ווערט-זאכען: [1]) די לופט וואס איז ארום אונז ענטהאלט פון צוויי קערפער, דאס הייסט אזוי ווי צום ביישפיעל דאס גלעזעל וואס איהר טרינקט דאכט זיך איז איין קערפער — טהעע; אבער אין אמת ווייסט איהר דאך אז עס איז אויסגעמישט פון וואסער מיט עסענץ פון טהעע, אזוי אויך די לופט, די קלאהרע אונ דורכזיכטיגע לופט וואס רינגעלט אונז ארום פון אללע זייטען איז אויסגעמישט פון צוויי שטאפען (גופים, מאטעריען), איינס הייסט „זויער-שטאף" אונ דאס צווייטע הייסט „שטיק-שטאף", די ביידע גופים זענען דורכזיכטיג, דאס הייסט: זיי האבען קיין פארב ניט, אויך האבען זיי קיין טעם ניט (ניט זויער, ניט ביטער, ניט זיס), אונ דער רויש הריח פון אונזער נאז קען זיי ניט פיהלען, ווייל זיי שמעקען ניט. דאך איזט עס א גוף ווייל מיט דעם ווארט גוף רופט מען יעדע זאך וואס פערנעמט איין ארט אונד וואס קיין אנדערע זאך קען זיך ניט געפינען אין דער זעלבער צייט אויף דעם זעלבען ארט. [2]) האלץ, קויהלען, ליכט, נאפט (קעראסין), אונ אללעס וואס ברענט אין פייער, ווען עס צינדעט זיך אן, שעפט עס פון דער לופט דען „זויער-שטאף" אונ פערבינדעט זיך מיט איהם. אט די פערבינדונג הייסט אויף פראסט לשון „ברענען", אונ די געלעהרטע, די חעמיקער, רופען דאס מיט זייער נאמען: „חעמישע פעראייניגונג". דאריבער קען מען פערשטיין פאר וואס קען ניט ברענען קיין ליכט אין איין פערמאכטער כלי, וואו קיין לופט קען ניט צו-קוממען, דען ווען עס איז ניטא דער „זויער-שטאף" ארום דעם ליכט, האט עס ניט מיט וואס זיך צו פעראייניגען אונ עס ברענט ניט. [3]) דאס אטהעמען וואס יעדע לעבענדיגע בעשעפעניש ציהט אין זיך איין פון דער לופט, איז אויך אזוי ווי דאס „ברענען", דאס הייסט: איינע „חעמישע פעראייניגונג" פון דעם „זויער-שטאף" מיט דעם בלוט וואס אין דער לונגען; אונד דעריבער קען מען ניט לעבען אין איין פערמאכט ארט, וואו עס קען קיין לופט ניט צו-קוממען.

איצט קענען מיר שוין צוריק געהען צו אונזערעם פריהעריגען שמועס, צו די קויהלען.

די קויהלען זענען אונז בעקאנט אונטער פערשידענע נאהמען: האלץ-קויהלען, שטיין-קויהלען, צוקער-קויהלען, ביינער-קויהלען, רוס (סאזשע) פון קוימען אדער פון הייטץ-אויוען, קאקס, גראפיט אונ דימענט.

פיעל לעזער קענען זיין וועלען זיך וואונדערען אונד פרעגען: „סטייטש, איז דאס מעגליך אז גראפיט, אויס וועלכען מען מאכט בלייששטיפט, רוס פון קוימען אדער גאר דימענט, דער טייערער שטיין אויס וועלכען מען מאכט די שאהנסטע ציערונג, אונ מיט וועלכעם די גלעזער שניידען דאס גלאז — דאס אללעס זאל זיין קויהלען, אקוראט ווי האלץ-קויהלען אדער שטיין-קויהלען"?! אבער עס איז פארט אזוי. מען קען זיך דערויף גאנץ לייכט איבערציינגען: די אללע מינים קויהלען וואס איך האב דא אויסגערעכנט, האבען די

אייגענשאפט, אז ווען מען פערברענט זיי אין פייער, אדער אזוי ווי די געלעהרטע רופען דאס אן: „חעמישע פעראייניגונג", דאס זיי פעראייניגען זיך מיט דעם זויער־שטאף, זא ווערט פון זיי בעשאפען איין קערפער (גוף) פון אזא מין לופט וואס מען רופט איהם „קויהלען־זייערע". דער קערפער איז יעדעם פון אייך גוט בעקאנט, האטש עס קען זיין אז איהר רופט איהם מיט איין אנדערן נאמען, אונ דריבער ווייסט איהר אפשר ניט אז דאס איז ער; דער קארפער איז: די לופט וואס גייט ארויס פון דעם זאדע־וואסער אדער פון ביער בשעת עס מאסטיערט, ווי אויך פון שאמפאניער ווין. געוואהנליך רופט מען דאס „גאז". אבער דאס איז די „קויהלענ־זייערע"; דאס איז איין פערבונדענער צוזאמען־געמישטער קארפער פון „זויער־שטאף" אונ „קויהלען־שטאף". יעצט קענט איהר דאך כמילא פערשטעהען אז ווען עס זאל זיך אין די קארפער וואס איך האב אויבען אויסגערעכנט ניט געפינען קיין קויהלען־שטאף דאס הייסט: ווען דא זאל ניט זיין קיין קויהלען, וואלט דאך ניט געקענט געבוירען ווערין די „קויהלען־זייערע".

די קויהלען־זייערע ווערט בעשאפען ניט נור דורך דעם ברענען, אבער אויך דורך דעם אטהעמען אונ דורך דעם פוילען, דאס הייסט: יעדער קארפער וואס ווערט פערפוילט איז אקורא אזוי ווי ער ווערט פערברענט. די געלעהרטע רופען אויך דאס פוילען מיט דעם נאמען „לאנגזאמעס ברענען", דען ביי דעם פוילען מאכט זיך אויך דאס־זעלבע וואס ביי דעם ברענען, דאס הייסט: די זעלבע חעמישע פעראייניגונג פון דעם „זויער־שטאף" מיט דעם „קויהלען־שטאף".

די לופט וואס ארום אונז האט אין זיך די קויהלענ־זייערע ניט מעהר פיל נאר איין ערך פון 4/25 פראצענט, דאס הייסט: איינס פון צעהנטויזענט, אדער מיט אנדערע ווערטער: אין צעהנטויזענט טאפף לופט געפינט זיך 4 טאפף קויהלענזייערע. אויסער דעם געפינט זיך די קויהלענזייערע אויף מאנכע ערטער מעהר פיעל אין די לופט, אזוי טויג די לופט ניט צו אטהעמען אונ מען קען אין איהר ניט לעבען. אויך געפינט זיך די קויהלענ־זייערע אין מאנכע מינעראל־וואסער. צום ב"ש: אין קארלסבאדער וואסער, אין שטשאווניצער וואסער אונ נאך אנדערע, אונ דאריבער ווערד דאס וואסער בענוצט אלס הייל־מיטעל (רפואות) צו קראנקהייטען וואס קומען דאפאן וואס דעם מענש פעהלט די קויהלענזייערע אין דעם בלוט ווי עס ברויך צו זיין. די קויהלענזייערע געפינט זיך אויך אין מאנכע קערפער וואס ווערען געגראבין פון דער ערד, צום ב"ש: אין קרייד, קאלך אונ נאך אנדערע. ווען מען גיסט ארויף אויף די קערנער עסיג, זעהט מען ווי עס געהט פון זיי ארויס בלעזליך מיט גאז, אט דער גאז איז עס עבען די קויהלענזייערע.

איצט ווען איהר ווייסט שוין אז דאס ברענען, דאס פוילען אונד דאס אטהעמען איז אלעס איינע חעמישע פעראייניגונג פון „זויער־שטאף" מיט „קויהלענשטאף", וועט איהר אייך גאר ניט וואונדערין אז איך וועל אייך זאגען, אז כמעט אללע קארפער אויף דער וועלט, אללע לעבענדיגע בריאים אונ אללע געוואקסע האבען אין זיך קויהלען, אדער גאר נאך בעססער געזאגט: אללעס איז בעשאפען געווארען פון קויהלען אונ אללעס וועט צוריק ווערען קויהלען. אהן קויהלען וואלטען זיי ניט געקענט בעשאפען ווערען אונ אהן קויהלען וואלטען זיי ניט געקענט פערניכטעט ווערען, דאס הייסט וויר וואלטען ניט געלעבט אונ ניט געשטארבען. אז אין אללע קארפער זענען דא קויהלען פערשטעהט מען דערפון, אז ווען מען פערברענט זיי בלייבט פון זיי קויהלען. אז אהן קויהלען וואלטען מיר ניט געלעבט, פערשטעהט מען דערפון, ווייל דאס גאנצע לעבען מוזען מיר אטהמען אונ פעראייניגען די לופט מיט דעם

בלוט וואס איז אין די לונגען, דאס הייסט: מיר מאכען דאכמיט אז עס זאל אין אונז תמיד ברענען, אדער ווי די געלעהרטע רופען דאס: דער זויערשטאף פון דער לופט פעראייניגט זיך מיט דעם קוילענשטאף וואס איז דא אין בלוט, און דאס גיבט אונז די ווארעמקייט וואס היצט תמיד אונזער קערפער אינוויינינג; אהן דעם וואלטען מיר ניט געקענט לעבען. אין אלע לעבעדיגע קערפער ווי אויך אין אלע געוואקסע איז דא אויך וואסערשטאף (דאס איז אזא מין גאז), און ער פעראייניגט זיך אויך א ביסעל מיט דעם זויערשטאף פון דער לופט, דאריבער בשעת מיר אטהמען אויס, געהט פון אונזער מויל אדער פון דער נאז ארויס א פארע, אין וועלכער עס איז דא קוילענזייערע מיט וואסער (דאס וואסער בכלל קומט ארויס פון צוויי קערפער, אקוראט ווי די לופט וואס ארום אונז ענטשטעהט פון זויערשטאף און אזאט־שטיקשטאף, אזוי אויך דאס וואסער ענטשטעהט פון זויערשטאף און וואסערשטאף — צוויי גאזען וואס ווערען פעראייניגט העמיש און בעשאפען איין פליסיגען קערפער וועלכען מיר רופען מיט דעם נאמען „וואסער“). —

פון דעם וואס איך האב ביז אהער געשריבען ווייסט איהר שוין אז די קוילענזייערע ווערד בעשאפען פון פערשידענע זאכען. יעצט וועלען מיר צוריק געהן צום ערשטען, צו ערקלעהרען ווי אזוי די קוילען מאכען פערשידענע פאקוסען (קונצען) אויף דער וועלט און ווי אזוי די וועלט איז מיט זיי פול, און איבערהויפט ווי אזוי די קוילען ווערען מגולגל פון איין קערפער אין אנדערען אזוי ווי די זינדיגע נשמה. — כמעט אלע קערפער וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, פערפוילען מיט דער צייט און ווערען בטל. עס גיבט קיין געוואקסע און קיין לעבעדיגע זאך וואס זאל אייביג לעבען. דער סוף וואס עס קומט אויף די אלע קערפער איז פערשידען, אבער דאס הויפט־ענדע פון אלעם איז איינס פון די דריי זאכען: פערפוילט ווערען, פערברענט ווערען אדער שטארבען. דער געשטארבענער ווערט אויך נאך דעם טויט פערפוילט. דאס פוילען און דאס ברענען האב איך שוין אויבען ערקלעהרט דאס עס איז גאר איינע העמישע פעראייניגונג פון דעם זויערשטאף. דערפון פערשטעהט זיך אז דאס ענדע פון די קערפער איז באמת גאר ניט קיין סוף, נור איינע אנדערונג, דאס הייסט: דער קערפער וואס אונז דאכט זיך אז ער איז צו גרונדע געגאנגען און עקזיסטירט שוין ניט מעהר אויף דער וועלט, איז אין אמת ניט פערלארען געווארען, ער האט זיך נאר פעראנדערט און פערמוישט. אין איין אנדערען קערפער, פריער איז ער געוועזען צום ביי שפיל — האלץ, און נאך דעם ווי ער איז פערברענט אדער פערפוילט געווארען הייסט ער שוין גאר קוילענזייערע. די קוילענזייערע ווערד אלזא פול די גאנצע וועלט, דען פון אלעם ווערד דאך קוילענזייערע, און עס קען דאך לויט דעם זיין, אז די גאנצע לופט וואס ארום אונז וועט ווערען בלויז קוילענזייערע און מיר אלע וועלען מוזען אין איין מינוט שטארבען אין דער שטיקענדער לופט. אבער עס איז דאך ניט אזוי, דען מיר לעבען שוין אויף דער וועלט פיל טויזענדער יאהרען און די לופט איז דאך אימער ריין און גוט צו אטהמען (אויסער אין חדר אין א קליין שטעדטעל וואו דער רבי האלט תמיד פערמאכט די פענסטער מיט די טהירען און די רביצין קאכט אין דעם אויוען וואס רייכערט זיך). וואו־זשע קוממען אהין די מענגעס קוילענזייערע וואס ווערד בעשאפען אזוי פיעל אויף יעדען טריט און שריט אין יעדער רגע? אמת מאקי אז אגרויסער טהייל (דער טהייל וואס ווערד בעשאפען פון די פערפוילטע קערפער) געהט ארויף אין דער לופט צוזאמען מיט דער פארע וואס געהט אימער אויף פון דער ערד, און פון דארט פאלט ער אראפ מיט דעם רעגען און ווערד איינגעזאפט אין דער ערד, און נאכהער געפינען מיר איהם אין די מינעראל־וואסער אדער אין אנדערע קערפער וואס ווערען געגראבען פון דער ערד, אבער דעסטוועגען בלייבט דאס גרעסטע טהייל פון

דער קויהלענזייערע צערשפרייט אין דער לופט, און וואו־זשע קומט עס וואס די לופט איז דאך אימער ריין? מען קען דאך ניט זאגען אז די קויהלענזייערע געהט ארויף גאנץ הויך, העכער ווי די אטהמאספערא *), דאס הייסט זי ווערד צושפרייט איבער דער לופט, דען די ערד וואס ציהט צו זיך צו אללע קערפער וואס ארום זיך, ציהט אויך די לופט און די קויהלענזייערע, אזוי אז עס איז אונמעגליך די קויהלענזייערע זאל העכער זיין ווי די אטהמאספערא. אזוי ווי עס איז אונמעגליך אז דאס האלץ זאל שווימען איבער פון דעם וואסער און עס זאל גאר ניט אנריהרען דאס וואסער. וואו־זשע דען קומט אהין די קויהלענזייערע פון דער לופט? —

אט הערט, וועל איך אייך ערקלעהרען ווי אזוי די געלעהרטע גיבען אונז די זאך צו פערשטעהן: דען אקוראט אזוי ווי די אללע אנדערע קערפער האבען זיך פערביטען אויף קויהלענזייערע, אזוי אויך די קויהלענזייערע אליין פערטוישט זיך צוריק אויף איין אנדערן קערפער, אדער גאר דייטליכער געזאגט: עס ווערד פון איהר צוריק דאס וואס איז פריהער געוועזען: עס ווערד פון איהר צוריק — קויהלען. — די אללע קויהלען וואס געפינען זיך אין די געוואקסע, ווערען געבאהרען פון די קויהלענזייערע וועלכע איז צערשפרייט אין דער לופט. די געוואקסע שאפפען צוריק ארויס פון דער לופט די קויהלענזייערע אקוראט ווי די לעבענדיגע קערפער אטהמען אין זיך אריין די לופט. נאר דאס איז דער אונטערשייד צווישען זיי ביידע, צווישען די לעבענדיגע קערפער און די געוואקסע: די לעבענדיגע ברויכען צום ניטצען דען זויערשטאף, און די געוואקסע ברויכען פון דער קויהלענזייערע די בלויסע קויהלען אדער דען קויהלענשטאף, און דען זויערשטאף לאזען זיי צוריק פריי אין דער לופט, אקוראט אזוי ווי די לעבענדיגע קערפער לאזען צוריק אין דער לופט די קויהלענזייערע מיט דער פארע. די געוואקסע שלינגען איין פון דער לופט די קויהלען און מאכען פון זיי פערשיידענע מאטעריאל: דער בוים נעמט דאס האלץ פון די קויהלען, די תבואות נעמען פון זיי דאס מעהל, די פירות פון די בוימער נעמען פון זיי דען צוקער, און אזוי אללע געוואקסע נעהמען פון דעם קויהלענשטאף דאס מאטעריאל וועלכעס ווערד געמאכט פון קויהלען אדער דאס וואס איז קויהלען.

אויף דעם אופן קומט אויס אז די גאנצע מענגע קויהלענזייערע וואס ווערד צערשפרייט אין דער לופט, ווערד גלייך פערשלונגען דורך די געוואקסע און דארט בלייבען די קויהלען, און דער זויערשטאף געהט צוריק ארויס אין דער לופט און זי ווערד צוריק ריין און גוט צום אטהמען. די געוואקסע קענען אלזא הייסען „רעזינפעקציאנס־מאשינע", דאס הייסט: איינע מאשינע וועלכע רייניגט די לופט און מאכט זי גוט און געזונד. די געוואקסע שלינגען די קויהלענזייערע נאר ביי טאג ווען די זון שיינט. —

יעצט נאך די אללע ערקלעהרונגען, נעהמען מיר איין שטיקעל קויהל און לאמיר נור זעהען וואס עס האט זיך געקענט באמיט טהוען צייט עס איז בעשאפען געווארען ביז היינט. פאר טויזענדער יאהרען קען זיין אז איין גאנצער וואלד מיט גרויסע בוימער איז איינגעזונקען אין דער ערד (דורך ערד־ציטערניש) און פערדעקט געווארען מיט אסך ערד, און דורך דער גרויסער משא פון ערד זענען די ביימער היים געווארען, און דורך דעם

---

*) אטהמאספערא הייסט: די לופט וועלכע מיר אטהעמען. זי געפינט זיך ארום דער גאנצער ערד ביז אגעוויסע מאסס אין דער הייך פון איהר, וואס דארט ווערד די לופט אימער דינער און פיינער, אז די אללע בעשעפענישן פון אונזער וועלט קענען דארט ניט לעבען.

ביסעלע פייכטיגקייט וואס אין זיי איז געוועזען, דאס הייסט: דורך דעם ביסעלע זויערשטאף וואס האט זיך געפונען אין דעם וואסער פון די נאסע ביימער*), האבען די ביימער לאנגזאם געברענט, אדער אזוי ווי די געלעהרטע רופען דאס: זיי האבען זיך כעמיש פעראייניגט און עס איז געווארען פון זיי קוילען. איטצט געהמען מיר איין שטיקעל קויהל פון די וואס זענען בעשאפען געווארען אין אזא לאנגע צייט אין דער ערד, און מיר לייגען דאס אויף דעם קוימען אדער אין דעם אויווען. דאס שטיקעל קויהל ווערד פערברענט און עס צערשפרייט זיך אין דער לופט מיט דעם רויך. די געוואקסע געהמען עס צו זיך און מאכען דערפון וואס זיי ברויכען. די געוואקסע האבען א סוף איינם פון די ביידע: אדער זיי ווערען פערפוילט אדער זיי ווערען אויף געגעסען דורך לעבענדיגע קערפער. אויף דעם לעצטען פאל ווערד פון דער קויהל אין לעבענדיגער קארפער, דען די שפייזע ווען זי קומט אין דעם לעבענדיגען קארפער, בלייבט זי ניט אזוי ווי פריהער, נאר עס ווערט פון איהר מאטעריאל פון דעם לעבענדיגען קארפער זעלבסט, אלזא פערשטעהט זיך אז די קוילען ווערען אויך געברויכט צום קוילען מאטעריאל וואס געפינט זיך אין דעם לעבענדיגען גוף. דער לעבענדיגער קארפער שטארבט און ווערד פערפוילט און עס ווערד פון די קויהל צוריק קוילענזייערע צערשפרייט אין דער לופט. און אפילו בשעת דער קארפער לעבט נאך, מאכט זיך אין איהם פון די קוילען פיעל קוילענזייערע דורך דעם אטהמען. נאכהער ווערד צוריק די קוילענזייערע פערשלונגען דורך די געוואקסע און עס ווערד פון איהר צוריק געוואקסע, עס קען זא גאר צוריק ווערין איין בוים און ער ווערד ווידער איינגעזונקען אין דער ערד און אין הונדערטער יאהר שפעטער געפינען מיר ווייטער שטיינקויהלען אין דער ערד. און אויף דעם אופן קומט אונז דייטליך ארוים אז די קוילען ווערען מגולגל פון איין קארפער אין אנדערן. פון דעם בוים אין איין שטיין (שטיין־קויהלען), פון דעם שטיין אין דער לופט, פון דער לופט אין ווייץ, פון ווייץ אין איין לעבענדיגען קארפער, און אזוי ווייטער. אויף דעם זעלבען אופן קען מען אויך פערשטעהן די פאקוסען וואס די קויהלען מאכען אויף דער וועלט: דא ליגען זיי טיעף בעגראבען אין דער ערד און קענען זיך ניט ריהרען און דארט פליהען זיי ארוים מיט דעם רויך פון קוימען און הייבען זיך אויף ביז אין די וואלקענס און מאכען שנעללע רייזען איבער דער גאנצער וועלט. דא מיאוסט מען זיך מיט זיי און מען ווילל זיך צו זיי ניט צורירהערען כדי מען זאל זיך ניט איין שמירען, און דארט זוכט מען איין קליין שטיקעלע און מען צאהלט דאפיר טויזענדער און מען מאכט דערפון די שאנסטע צירונג. דא זיצט איינע יונגע דאמע און שמעקט א שיינעם בוקעט וואס מען האט זי מכבד געוועזן אין איהר נאמענסטאג, און ווייסט ניט אז די בלומען זענען געבוירען געווארען פון דעם פערפוילטען מאטעריאל מיט וועלכען זי מיאוסט זיך שטארק און קען דארויף ניט קוקען. דא קושט איין פאטער זיין זאהן און ווייסט ניט אז עס קען זיין אז ער קושט גאר זיין שונא'ס פלייש, פון וועלכען עס איז געווארען מאטעריאל פיר זיין זאהנס קארפער. דאס איזט עסט דער הערר דעם געשמאקען ביפשטיקס, וועלכער איז געווארען געמאכט פון זיינע עלטערענס פערפוילטע פלייש. מיט איין ווארט געזאגט: גאטטעס וואונדער זענען פערבארגען און קיינער ווייסט זיי ניט. דא ווערד פון דעם מערדערס קארפער די קוילענזייערע וועלכע קומט אין מיגעבאל־וואסער צו הייגען

*) איך האב שוין אויבען ערקלעהרט, אז דאס וואסער ענטשטעהט פון זויערשטאף און וואסערשטאף. —

פיעל קראנקע, אונ דארט ווערד פון דעם וואהלטהאטיגענס קארפער מאטעריאל אויף שטריק מיט וועלכע מע בינדעט אדער הענגט אויף דעם גנב, אדער מיט וועלכע די גזלנים בינדען איין אונשולדיגען מענשען אום איהם צו בערויבען אדער גאר דער הרגענען? ווער ווייסט אויב עס איז ניט געווארען פון דעם גרויסען חכם „קופערניק" עפעס אשוטה וואס רעדט זיך אונ אויך אנדערע איין, אז די חכמה ניצט גאר ניט אויף דער וועלט. אדער ווער ווייסט אויב דער זעלבער פרעה פון אברהם'ס צייטען איז טאקי ניט געוועזן דער זעלבער וואס אין משה'ס צייטען, אונ אפשר גאר הער זעלבער איז געווארען דער נאך המן הרשע אונ צום סוף גאר שטאקקער אונד דער גלייכן. —

שלום פון אללעם איז, אז די זעלבע קויהלען וואס גאט האט בעשאפען אין דער אייגענער צייט מיט דער וועלט, די זעלבע קויהלען געפינען זיך ביז היינט אויף דער וועלט, עס איז צו זיי ניט צו־געקומען אונ אויך ניט וועניגער געווארען. אללעם וועקסעלט זיך בלאס, אבער עס ווערד נישט פערלארען. די לעבעדיגע שטארבען, די טויטע ווערען לעבענדיג. (החיים למות והמתים לחיות), אונ די וועלט בלייבט אימער די זעלבע (והארץ לעולם עומדת).

מיכל וועבער.

# די הויזליכע מעדיצין.

פערפאסט פאן

דאקטאר מ. זוסמאנאוויטש.

## 1) מאזלען.

### פון וואננען נעהמט זיך דיעזע קראנקהייט.

עס איז נאך אין אונזער צייט ניט פעסט געשטעלט, וואס פאר גיפט־אייעלעך רופען ארויס דיעזע קראנקהייט, נאר אז מיר האבען צו טהון מיט זיי, דאס הייסט אז נאר זיי זיינען אין דעם די הויפט־אורזאכע איז קיין צווייפעל. פערשטעהען וועלען מיר דאס פאן פאלגענדעם: ערשטענס, אויב אקינד האט זיך אנגענעהמען (אנגעשטעקט) פון דעם מאזעל־קראנקען, ווערד עס ניכט באלד קראנק, נאר אין 8 אדער אין 10 טאג ארום, ד. ה. די גיפט־אייעלעך קענען אין קלייגער מאס ניט באלד אנהייבען צו ווירקען, זיי דארפען זיך פערמעהרען אזוי פיעל אז זיי זאללען שוין שאדלעך ווערען פאר דעם גוף. צווייטענס, אגעזונדטער מענש קען איבערטראגען דען גיפט אויף זיינע קליידער איבער אמייל (אבער ניט געגען דעם ווינד) פון אקראנקען צו איינעם געזונדטען, אונ אליין בלייבט ער געזונד. געוויסס אויב ער האט שוין קינדהייז געקרענקט אויף מאזלען: אלזא זעהען מיר אז דער ווינד קען דען גיפט ארויסטרייבען פון די קליידער, ד. ה. דער גיפט האט שוין אין זיך איין איינגעשאפט איבערגעטראגען צו ווערין, ווענן ניכט זא, וואלט געוועזין אלץ־איינס. ד. ה. אפילו געגען דען ווינד וואלט מען אויך געקענט איבערטראגען דען

גיפט אויף איין ווייטען ארט. דריטענס אויב איין געזונד קינד שפּילט זיך אין־איינעם מיט א מאזעלדיגען, אזוי ווערט ער אויך אויף דעם 10 טען אדער 14 טען טאג קראנק אויף מאזלען, אבער ניט אויף איין אנדערע קראנקהייט (פאקען אדער טיפוס).

„די אנפאלל־צייט געדויערט 10—14 טעג". דאצו האבען מיר געוויססע ביישפּיעלע, וועגען וועלכע עס שרייבען גרויסע פּראפעססארען; אזעלכע ביישפּיעלע קען אויך אויפקלייבען יעדער מענש אויב ער וועט וועלען גוט ערפארשען ווי־ארום איז זיין קינד קראנק געווארען אויף מאזלען.

1) אויף איין אינזעל, אויף וועלכע מען האט שוין 65 יאהר פון מאזלען ניט געהערט, איז געקוממען א קראנקער מיט מאזלען, אין 14 טאג ארום זיינען עטליכע אין זיין איינענעם הויז קראנק געווארען (אויף מאזלען). פאן די עטליכע האבען זיך אן געשטעקט אויך אנדערע, אונ אזוי זייט 7 חדשים זענען פון 7780 איינוואהנער קראנק געווארען 6 טויזענד מאן. צווישען זיי—ווי עס פערשטעהט זיך—זיינען געוועזען קינדער פון עטליכע חדשים ביז זעהער אלטע לייט.

אויב ביי אונז האלט מען דאס בלאס פאר א קינדער־קראנקהייט, איז עס נאר דארום, ווייל די ערוואקסענע מענשען האבען זיי שוין איבערגעטראגען קינדווייז, אונ אויב ניט, זענען זיי ניט זיכער אויך קראנק צו ווערען אויף מאזלען *). עס טרעפט זיך אז זעהער שוואכע קינדער שטעקען זיך אין מאזלען ניט אן, ווייל די קראפט פון די גיפט־אייעלעך איז שוין אליין ניט זעהר גרויס, אונ ווען זיי געפינען נאך ניט דערביי קראפטיגע נאפטען ביי דעם קינד, האבען זיי קיין קראפט (כח) ניט זיך צו פערמעהרען אונ דאס שוואכע קינד קראנק צו מאכען אויף מאזלען. דאס זעלבע איז אז דאס קינד איז קראנק אויף איין אנדערע קראנקהייט, דאן ווארט דער מאזעל־גיפט איבער ביז דער קראנקער ערהאלט זיך אונ ווערד קראפטיגער, אונ ערשט נאכדעם ווערט דאס קינד קראנק אויף מאזלען.

2) דער פּראפעססאר זשיבארד אויס מארסעל (אין פראנקרייך) ערצאהלט פאלגענדעס: איינער פון זיינע בעקאנטע איז געוועזען אין לאנדאן, וואו ער האט געהאט איין פריינדס א קינד אין איינע שולע, אויף זונטאג האט ער גענוממען דאס יונגעל צו זיך אויף מאהלצייט אונ האט בעמערקט אז דאס יונגעל הוסט א ביסעל צו. נאר ער האט זיך געפיהלט פאלקאממען געזונד — אונ איז פערנאכט צוריק אוועקגעגאנגען אין זיין שולע. אין 13 טאג ארום איז יענער בעקאנטער אוועקגעפאהרען אין פאריז אונ האט זיך אפגעשטעלט אויף מיטטאג ביי זיין שוועסטערקינד. ער האט אליין אויך אנגעהויבען צו הוסטען אונ האט גערעכענט אז ער האט זיך פארקיהלט אויף דעם וועג. דאך איז ער דעם זעלביגען טאג אוועק נאך מארסעל. אז זיין מוטער האט איהם אויף דעם אנדערן טאג בעגעגנט אויף דעם אייזענבאהן, האט זי באלד בעמערקט א רויטקייט אויף זיין פנים אונ האט איהם באלד געבראכט צום פּראפעססאר זשיבארד וועלכער האט פעסטגעשטעלט אז דאס איז מאזלען. אין 14 טאג ארום זיינען זיינע ביידע שוועסטערן אויך קראנק־געווארען אויף מאזלען. דורך בריעף האט מען זיך ערוואוסט אז יענער שילער אין לאנדאן האט אויף מארגען נאך דעם בעקאנטענס אוועקפאהר בעקוממען מאזלען, דאס הייסט אין 14 טאג ארום נאך דעם מאהלצייט, אונ אין פאריז איז זיין

*) אין דער עפידעמיע פאן הייזטינגס יאהר אין פינסק איז צווישען מיינע מאזעל־קראנקע געוועזען איינע 34 יאהר אלט.

שוועבטשערקינד ביי וועלכען דער מארסעלער גאסט האט זיך אפגעשטעלט אויף עטליכע שעה, אויך אין 14 טאג ארום נאך זייער בעגעגעניש קראנק געווארען אויף מאזלען.

## די ערשטע סימנים.

אין דער אנפאלל־צייט קען מען נאך גאר ניט דערקענען אויב דאס קינד איז קראנק געווארען אויף מאזלען. אמת אז צו די לעצטע צייט פון די 10 טאג בעקומט שוין דאס קינד עטוואס קאטאר און איז שוין ניט מיט אלעמען (האט אביסעל היטץ), אבער ווי עס געהט פארביי די אנפאלצייט, אזוי ווערד דעם קינד אלעמס ערגער, דער קאטאר אין דעם נאז ווערד שטארקער, דאס קינד הייבט אן מעהר און מעהר ברענען (עס קען איהם פריהער אויך טרייסלען די קעלט אדער ניט), דער קאטאר געהט איבער אויף די אויגען (זיי טרערין און הייבען אן מורא האבען פאר דעם שיין) און ער לאזט זיך אראפ אין האלז און טיפער אין די לונגען (הוסט־צו), עס שפארט איהם אויף ברעכען. דיעזע סימנים קענען אפילו זיין ווען דאס קינד האט זיך גאר גלאט פערקיהלט און ניט גאר ביי דעם אנהייב פון מאזלען אליין — דאך דארף מען זיך שוין א ביסעל אן־שטויסען מיט וואס מיר וועלען האבען צו טהון, אויב עס הערט זיך שוין מאזלען אין שטאדט: „שוין אין דיעזער צייט אז דאס קינד שפיעלט זיך נאך אפילו צווישען זיינע חברים, איז א סכנה זיך אנצושטעקען (אנגעהמען פון איהם)". צייט אין 3 טאג, וועלכע מען רופט „די בעוויז־צייט", ווערד דאס וואס מיר האבען יעצט בעשריבען אלץ שטארקער און שטארקער. דערביי זעהען מיר פאלגענדעס: די אויגען זיינען רויט, זיי האבען זעהר מורא פאר דעם מינדעסטען שיין, טרערען פליעסען פון זיי אן איין אויפהער און עס פיהלט זיך אין די אויגען א גרויסע ברענעניש. דער נאז איז פערשטאפט און עס רינט פון איהם שטענדיג א סך העללער געזאלצענער שלים. אין דעם שטערין שפירט דער וועהטאג. דאס קינד ניעסט אהן איין אויפהער ביז עס הייבט א מאהל אן גיין בלוט פון דער נאז. טיעף אין מויל קען מען שוין יעצט בעמערקען רויטע פינטעלעך, צו וועלכע מען דארף זיך גוט צוקוקען. אזוי ווי עס איז שווער אין דער נאז, אזוי איז אויך שווער אין האלז. די שטימע (קול) ווערד זעהר הייזעריג און גראב. דער הוסט ווערד פאלקאממען ענליך צו קרופ־הוסט, וועלכער ערשרעקט פיעל די אומרוהיגע עלטערן, ווען עס הייבט נאך אן פרוצלונג ביי נאכט צו שטיקען דאס קינד. דיעזען הוסט מוזען מיר בעטראכטען ווי דען פאלשען קרופ, ווייל זעהר זעלטען טרעפט עס, אז עס זאל דערביי זיין דער אמתער האלז־קרופ.

דיעזע בעוויז־צייט קען געדויערען אויך מעהר ווי 3 טעג, אפילו איין וואך און מאנכעס־מאל אויך מעהר *), דערביי שטייגט די היטץ זעהר הויך נאך דעם ערשטען טאג, דערנאך פאללט זי א ביסעל, און אין אנדערע פאללען טרעט זי גאר אפ, ביז עס הייבען זיך שוין אן אויסצושיטען רויטע פינטעליך אויף דעם געזיכט (פנים). ביים אויס־שיטען ווערד ווידער די היטץ העכער גרויס און נאך גרעסער ווי אין ערשטען טאג.

## די צייט פאר אויסשיטען די מאזלען.

אזוי ווי מיר האבען שוין געזאגט אז אין דעם לעצטען טאג פון דער בעוויז־צייט (פו

*) די סימנים זענען אמאהל אזוי גרינג אונד די היטץ אזוי קליין, אז מען דארף זיין פיעל געניעט זיי צו ערקענען.

די ערשטע סימנים) שטייגט די היטץ זעהר הויך, שוואכע קינדער פון נערוועז־שוואכע עלטערן, קענען פון דער היטץ דערביי בעקומען די „קינדערשע זאך“ (קאנוואלסיע) — און עס ווערד בעשאטען דאס פנים (געזיכט) און אויך דער גאנצער קאפּ אונטער די האאר מיט מאזלען, דאס הייסט: מיט קלענערע אדער גרעסערע פלעקלען. יעדער פלעק איז אײדעל־רויט. קוים העכער פון דער געזונטער הויט. איינגע פלעקלען זיינען קיילעכדיג, אנדערע זיינען לאנגלעכיג, די גרייס פון זיי איז פון איין ארבעס באבעל (בּיהנען), זייער באנד איז ניט גלייך און געהט אביסעל געפרענזעלט. אין דעם מיטען פון יעדען פלעק זעהט זיך איין טונקעל־רויטעס פינטעלע ווי א קליין שפּיטץ־קעפּעל די גרייס. אויף דעם פנים גיסען זיך די מאזעל־פלעקלען מעהרטהיילס צונויף, דאך ניט אזוי שטארק אז מען זאל ניט קענען בעמערקען זייערע גרענעצין: די רויטקייט איז אמאהל גוט טונקעל און צומאהל העללער ווי עס טרעפט זיך. אויב עס טרעפט זיך אז די ערשטע פלעקלען זאלען זיך בעווייזען אויף דעם האלז אדער אויף דער ברוסט — איז דאס גרייליך זעלטען. מען קען זאגען אז שטאנדיג בעווייזען זיך צום ערשטען די מאזלען אויף דעם קאפּ (געזיכט און אונטער די האאר), און פון דאנען געהען זיי ביסלעכווייס אראפּ אויף דעם גוף (קערפּער) און אויף די ארעמס און ווייטער אויף די פיס: דא זיינען זיי שוין זעהר שיטער און קוים צו בעמערקען. עס מאכט זיך אמאהל אז אויף דעם גאנצען גוף זיינען די פלעקלען אזוי ווייניג און אזוי בלייך אז מען קען זיי גאר פערזעהען און מיינען אז זיי זיינען גאר ניט געוועזען, און ווידער פערקעהרט, זיי קענען זיין אזוי געדיכט אנגעשאטען און אזוי דונקעל (בלוילך) אז מען קען ניט־וויסענדיג זיי אננעהמען גאר פאר שארלאך־פלעקען (שקארלאטינע).

דאס אויסשיטען קען געדויערן אז די היטץ איז זעהר שטארק, ניט מעהר ווי 12 שטונדען. מעהרטהיילס אבער געהט דאס אויס־שיטען לאנגער אדער קערצער זייט 2-3 טאג. אלזא קומט עס אויס אז אויף דעם פינפטען טאג (3 טעג בעוויז־צייט און 2 טעג פון דעם אויס־שיטען). ווען דער גאנצער גוף איז שוין בעפלעקט, איז צייט נאך 24-שטונדען פאללט די היטץ אפּ, און אין גיכיגע פאללען מיידעט די היטץ גאר אוועק אפילו אז עס בעווייזען זיך נאך די לעצטע פלעקלען, און דאס קינד הייבט שוין אן ניט זעלטען צו שטיפען און ערפרייעט די עלטערן, ווי אפּאללקאמען געזונד קינד. דאך איז דער הוסט און דאס ניעסען און די אנדערע סימנים פון קאטאר נאך פארהאנען. אמת עס ווערד אללעס פיעל גרינגער, דער הוסט ווערד ווייכער (נאסער), דער קול (שטימע) ריינער און אײדעלער, די נאז ווערד פרייער פון שליים און דאס קינד ניעסט ניט אזוי אפט. נאך איינע צוויי טאג, דאס הייסט: אויף דעם דריטטען אונד פירטען טאג, פון יענעם טאג ווי עס האבען זיך בעוויזען די ערשטע פלעקלען, ווערין שוין אויך די לעצטע פלעקלען בלאס אדער פערפאללען אין גאנצען, און אויף דעם גאנצען קערפּער בלייבען זעהער אײדעלע צייכענס פון די געוועזענע פּאקען, דאס רופט מען: „די מאזלען האבען שוין אפּגעבליהט“. אין גוטע פאללען קען עס אויסקומען אויף דעם 8-טען אדער 9-טען טאג פון אנהייב קרענק.

אויף די ארטער וואו עס זענען געזעסען די פלעקלען געפינט מען שוין אײדעלע אפּגעשאהלטע הויט ווי קלייען. מיט איין ווארט: עס קומט „די שאהלונגס־צייט“. בעמערקען קען מען עס מעהר אויף דעם פנים און איבערהויפּט אויף טרוקענער הויט. אויב דער קראנקער האט אונטער־געשוויצט, איז עס ניט זעהר צו בעמערקען, אזוי געדויערט אללעס נאך עטליכע טאג, און זייט 2 וואכען פון דעם אנהייב דיעזער קראנקהייט, קען

מען רעכענען דעם קראנקען פאללקאממען געזונד.

## איינגע שלעכטע סימנים אונד שווערע פאללען פאן מאזלען.

אויב עס וואלט אין לעבען אללעס אזוי גוט צו־געגאנגען ווי גלאטט עס שרייבט זיך אין בוך, וואלטען אללע מאזלען־קראנקע, גיך און גרינג געזונד געווארען, אמת אין אללגעמיינעם איז דיזע קראנקהייט מעהר־מהיילם גרינגער ווי אנדערע, אז די עפידעמיע (מגפה) פון מאזלען געהט גרינג, שטארבען פאן הונדערט קראנקע פון 3 ביז 5, אונד דערהויפט זעהער קליינע און שוואכע קינדער וואס זיינען יונגער פון 3—4 יאהר. עס קען אבער זיך מאכען אז פון הונדערט זאללען אוועק שטארבען 30. אין דעם איז שולדיג ניט דער מאזעל־גיפט אליין ווי יענע קראנקהייטען וואס שלעפפען זיך־צו צום מאזעל־קראנקהייט גראד ווען עס הייבען אן אויס צו שיטען די פלעקקען, אויך אין דער צייט ווען די פלעקקען בליהען, אונד אויך שפעטער, אז דאס קינד הייבט שוין אן גענעזען צו ווערדען.

ווענען דעם הוסט ביי מאזלען האבען מיר געזאגט אז מען דארף איהם בעטראכטען ווי איינעם פאלשען קרופ. דאך מאכען זיך איינגע שלעכטע עפידעמיעס פון מאזלען, ביי וועלכען עס האפט אן דער אמת׳ער האלז־קרופ — עס פערשטעהט זיך ווי שלעכט עס איז. אויסער דעם אין דעם אויס־שיטען אליין פון די מאזלען, איז די קראפט פון דער היטץ ניט אין אללע עפידעמיעס און ניט ביי אללע קינדער גלייך. די היטץ קען אמאהל שטייגען אזוי הויך און האלטען די גאנצע צייט פון אויסשיטען אזוי לאנג, אז דאס הארץ קען עס ניט אויסהאלטען, עס ווערד מיד פון גרויסער ארבייט און ענדליך זאגט עס זיך אפ צו דינען און שטעלט זיך אפ אויף אייביג. אויך קעננען די פלעקקען זיין אנגעפיללט מיט צופיעל בלוט וועלכע קען קאליע ווערדען, און די פלעקקען ווערען שווארץ, נאר אויב דאס קינד פיהלט זיך גוט איז דאס אויך ניט אזוי שרעקליך (זעה קאפ׳ 2 שווארצע פאקקען).

דער כלל איז: „אויב אויף דעם פינפטען טאג (צום ענדע פון דעם אויסשיטען) פאללט די היטץ ניט אפ, איז עס א וואהרער צייכען אז עס הויבט זיך אן א געפעהרליכע אינוועניגסטע קראנקהייט" זעהר שלעכט איז אז די בלוט ווערד אזוי פיעל איבער געאנדערט אז דאס קינד ווערד זעהר אפגעשוואכט, עס קען ניט רירען מיט קיין איינציג גליד. זיינע געדאנקען זיינען פערטומעלט, און פון נאז אוך פון האלז און פון די געדארעם הייבט זיך אן צו גיסען בלוט, אזוי ווי אויך אין דעם אורין, אויב ניט דיזע פעהלערען קעננען אויך ענציגדעט ווערען די אויגען און דורכפיהלען, און דער קראנקער קען פערלירען איין אדער ביידע אויגען. די אייגענע ענטציגדונג קען איבער־געהען אין דיא אויערען, אונד ער קען טויב ווערען אויף א צייט אדער אויף שטענדיג. מען קען אויך אין גאנצען פערליערען דעם קול (שטיממע).

פאר זעהר יונגע קינדער איז זעהר שווער איבער צוטראגען, ווען דער מאזעל־קאטאר געהט איבער אין די לונגען וועלכע ווערען פיעל מאהל ענטצונדען דורך און דורך. קיין טהייל פון דעם גוף (מאגען, לונגען ניערען, הארץ, לעבער, מילץ, דער מאגען אונד געדערעם) איז ניט בעווארענט ניט ענטצונדען צו ווערען. אז עס טרעפט ח״ו א שטרענגע עפידעמיע פון מאזלען. געוועהנליך מאכען די עלטערן שולדיג אדער דעם דאקטער אדער מעהרטהיילם זיך אליין; זיי מיינען אז זיי האבען מן הסתם פערקיעלט די מאזלען, ווען אפילו אין דער וואהרע האבען זיי געשטיקקט דאס קינד אין א ווארעמען צימער

און אפילו ניט צו גלאזט פרישע לופט, וואס דאס אליין איז שוין זעהר שעדליך פאר דעם קראנקען. דער עולם מיינט אז ווען די מאזלען באהאלטען זיך פלוצלונג, איז דאס א סימן אז מען האט זיי פערקיעלט — ניין! דאס איז ניט אמת, די מאזלען־פלעקען זיינען דאך ארום זיכטיג רויט, וואס צו זיי פליעסט־צו פיעל בלוט פון אינווענדיג, אלזא ווען עס הייבט זיך אן טיעף אין גוף איין ענטצינדונג, געוויס נעהמען די ענטצונדענע־ערטער צו די בלוט פון דער הויט צו זיך, ווייל יעדעס ענטצינדונג בעשטעהט אין דעם וואס דאס בלוט פליעסט אהין צו אין גרויסער מאס, און דערביי ווערען די פלעקען ווייניג זיכטיג, ד. ה. זיי פערשווינדען, אלזא אלע דיעזע שווערע פאללען זיינען ניט געווענדעט אן אונז. אויב די עפידעמיע איז זעהר שטרענג, שאהנט זי ניט אפילו דיעזע קינדער וואס זיינען אין דער רייכסטער און ריינסטער פפלעגע, זאל אפילו זיין אין א קעניגליכעם הויז.

אונד אז דאס קינד געהט שוין ארויס פון די מאזלען, איז אויך פיעל געווענדעט אן דעם, צי עס איז נאך עטוואס איבערגעבליבען קראנקליכעס אין זיין קערפער, וואס קען זיך אזוי שטילערהייד ציעהען און ציעהען און ענדליך פריהער אדער שפעטער איהם אוועקנעהמען פון דער וועלט. עס מוז אנגעווענדעט ווערען אויף דיעזע נאכפאלגענדע חראנישע (לאנג־דויערנדע) קראנקהייטען.

1) דער הוסט פערבלייבט, ווערט אמאהל גרינגער און צייטענווייס שטארקער, און אזוי ווערט איין לאנג־צייטיגער ברוסט־קאטאר וועלכער פערקירצט די יאהרען.

2) אויב עס איז געוועזען איין לונגען־ענטצינדונג און איז ניט אין גאנצען אויסגעהיילט געווארען, געהט עס איבער ביסלעכווייס אין שווינדזוכט (משאחאטקא). ביי שוואכע קינדער קוממט עס פאר ניט זעלטען.

3) עס קענגען פערבלייבען אללערהאנד אויגען־קראנקהייטען, עס רינט שטענדיג פון די אויגען, עס ווערט איין האסליכער שטינקענדער נאז־קאטאר, עס קען פערבלייבען איין געדארעם־קאטאר. דער שקראפיל וואס איז פאר דעם מאזלען ניט קענטיג געוועזען, בעווייזט זיך נאך די מאזלען זעהר שטרענג (זאלאטוכע אדער גאלד־קרענק, שקראפיל).

4) איינינע ביינער קענען אנהייבען ביסליך־ווייס פוילען,

5) עס קענגען צו־פאללען זעהר שווערע נערווען־קראנקהייטען (די פאללזוכט, הולה־נופלים).

6) עס קען אויס־פוילען א וואנגע (באק) פאן נאססען בראנד.

ענדליך איז וויכטיג צו וויססען אז דער חבר פון מאזלען איז דער קייך־הוסט (קאקליוש), ווען עס געהט ארום איבער דער שטאדט מאזלען, געהט ניט זעלטען מיט אויך דער קאקליוש און קענגען מעהר־טהיילס איינס נאך דעם אנדערן אנפאללען אויף איינעם אונד דעם זעלבען קראנקען, אזוי ווי דער דיפטעריט געהט אין איינעם מיט שקארלאטינע.

„די פפלעגע״. דאס וואס מיר האבען גערעדט וועגען פריהערדיגע אנשטעקענדע קראנקהייטען, געהערט אויך צו מאזלען, נאר אזוי ווי געוועהנליך איז דיעזע קראנקהייט גרינגער ווי יענע, האט זיך דער עולם געמאכט א מנהג אומיסטען פיהרען די געזונדע קינדער צו די קראנקע, אז זיי זאללען גיכער אנשטעקקען, אום זיי זאללען גיכער פטור ווערען פון מאזלען; דאס מוזען מיר בעטראכטען, אזוי ווי מיר האבען געזאגט, קענגען די

עפידעמיעס פון מאזלען דורכגעהן זעהר לייכט , אבער ניט זעלטען מיט אלערליי שווערע מיט־קראנקהייטען , צום ביישפיעל : מיט טיעפע ברוסט־קאטארען, מיט שטרענגע לונגען ענטצינדונג, מיט מאגען־ענטצינדונג, מיט שווערע אויגען־ענטצינדונג אונד זא ווייטער. אלזא אויב מען הערט אז די עפידעמיע איז איינע גרינגע , איז נאך דיעזער מנהג צו דערליידען , אפילו קריגען אין פייער אריין אהן א נויט — ווייסען מיר ניט דעם געשמאק. אבער אז די עפידעמיע איז א שטרענגע , דארף מען טוהן דאס זעלבע וואס מיר האבען געראטהען ביי דער פפלעגע פון דיפטעריט. מיט איינעם ווארטע : אפהיטען ווי עס איז נאר מעגליך. אונ ווי ביים קינד בעוויזען זיך נאר די ערשטע אפילו צווייפעל־האפטע סימנים , זאל מען איהם באלד אפטהיילען פון די געזונדע.

געהען נאר די מאזלען רעגעל מעסיג, דארף מען זיך איבעריגענס ניט אריינמישען, נאר עס איבערלאזען צו דער נאטור . אבער איך מיין ניט אז מען זאל זיך גאר אפזאגען פון דער היטה, דען ביי דיעזע קראנקהייט טרעפען זיך אזוי פיעל פאקטען, וועלכע קענען געפעהרליך זיין אויף ווייטער , אז גאר ניט טוען איז דא עבען אזוי נאריש ווי צו־פיעל צו טוהן . אלזא די וואס געהען ארום דעם קראנקען דארפען געדענקען פאלגענדעס : אז שטיקקע דאס קראנקע קינד אין צימער די גאנצע צייט אונ ניט בעניען די לופט „טאר מען ניט!" דורך דעם וועט די קראנקהייט פיעל גרינגער זיין אויסצוהאלטען. אין גוטען וועטער דארף מען דריי מאהל אין טאג אויפעפענען די פארטקע אויף איינע האלבע אדער גאנצע שטונדע , דער ביי אדער מען טראגט איבער דאס קינד אין אן אנדערן צימער אדער מען פערשיצט דאס בעטעל מיט איין פארהאנג אדער מיט א שירמע (אין פאלניש הייסט עס פאראוואן) אונ דעם קראנקען אליין גוט איבער דעקקען. די ווארעמקייט פון דער צימער־לופט דארף זיין ניט נידריגער פון 13-גראד אונ ניט העכער פון 15-גראד*). אונ ניט אפשוואכען דעם קראנקען מיט איבעריגע ווארעמקייט, ווי דער עולם טוהט געוועהנליך אונ דער הויפט ביי מאזלען.

צייט צוויי וואכען האט מען מורא אפילו איבערצובייטען דעם קינד דאס העמדיל. דאס איז אויך א גרויסער פעהלער , ווייל אונרייניגקייט איז איבעראל ניט געזונד, אונ ביים קראנקען איז עס נאך געפעהרליך.

דארום פערזיכער איך אז מען זאל זיך גאר ניט שרעקען. אויב די מאזלען ווערדען פערשוואונדען פון דער הויט איז אין דעם דאס פערקיהלען גאר ניט שולדיג : דאס קען ווערין אפילו אין דער גרעסטער שמוץ , אונ פערקעהרט , זיי קענען בלייבען אפילו ווען מען וואשט אפ דאס קינד אללע טאג מיט לוי־ווארעמען (לעבליכען) וואסער. געוויס איידער מען בייט איבער דאס העמדיל דארף עס זיין אביסעל אנגעווארעמט , אונ דאס אנטהון אליין דארף געמאכט ווערין געשווינד , אז דאס קינד זאל ניט בלייבען לאנג הויל אונ נאקעט. דאס אפוואשען מיט ווארעמליכע וואסער (דאס בעסטע איז מיט א ווייכען גריכישען שוואם). דארף אויך פערנעהמען ווי ווייניגער צייט.

אויב דאס קינד האט מורא פאר דעם שיין, דארף מען האלטען די פענסטער פער־

---

*) איין היטץ־מעסטער קען קויפען אפילו דער געמיינסטער בעל הבית , אונ ווי אזוי אויף דעם צו ציילען די גראדען וועט שוין בעקאנט מאכען דער וואס פערקויפט זיי , מען זאלל בעטען „רעאָמורס־טערמאָמעטער", ווייל עס איז נאך דא אנדערע חוץ רעאָמורס.

באנגען מיט ארינקע זאך (אגריפע טוך).

וואס מען זאל איהם געבין צו עססען. ווען די היטץ איז ביים קינד זעהר גרויס, האט עס שוין אליין ווייניג לוסט צום עססען, דארום דארף מען איהם געבין וואס גרינגערס, עס איז פאר איהם גענוג א ביסעל שיטערער בולען (א יוך) פון א הוהן אדער פון אטויב, מילך אויף דער העלפט צומישט מיט וואסער, מיט א שטיקעל גוט־אויסגעבאקענע חלה אדער זעממעל. אויב עס פערשפארט איהם א ביסעל דעם מאגען, איז גוט צו געבין קאכפאט פון געקאכטע פרוכטען, פלוימען, עפפעל, בירען. אבער אז די היטץ איז ניט שטארק און דאס קינד פיהלט זיך ניט שלעכט, מעג מען איהם געבין ביינע־געבריה, (קאשע פון גוט אויסגעקאכטע רייז), אגוטע פליישזופע מיט צוויבאקען (סוכארען), ריינע מילך, פליישיגע אדער מילכיגע האבער־גריץ (קרופניק) אונד דעסט גלייכען. אויב דער מאגען איז גוט און דאס קינד וויל טרינקען, זאל מען גאר אן שרעקען איהם געבין ריינע וואסער ניט קאלטע, נאר וואס שטעהט אנאכט אין שטוב, זאלכע פרישע וואססער לעשט איהם דעם דארשט. עס איז מארדעריש אן צוגיססען דעם קינד'ס בויך מיט ווארעמע וואססער אדער זיסע טהעע, דען פון דעם דארשט עס איהם נאך מעהר און עס דריקט איהם אויף ברעכען און שוואכט איהם נאך מעהר אפ. אז די היטץ מיידעט אפ אין גאנצען, מעג מען ביסלעכווייס אנהייבען געבין דעם קינד עססען ווי געוועהנליך. וועגען דעם קורירען די מאזלען פערשטעהט זיך קען דא קיין רעדע זיין. איך מוז דא אבער רעדען וועגען זאלכע זאכען צו וועלכע דער עולם מוז געוואהנט ווערדען, ווייל זיי האבען ליעב שטענדיג אז דער דאקטאר זאל געהן נאך דעם עולם'ס בעגעהר אפילו אין היילונג פון קראנקהייטען. שטענדיג האבען עלטערן מורא אז מען זאל ניט פערקיהלען מיט דעם היילען זייערע קינדערליך, דארף איך דא זאגען אז אין אונזערע צייטען דורך נייע מעטאדעס צו היילען, ווערען געזונד פיעל מעהר קראנקע ווי פריהער. אלזא אויב דער דאקטאר וועט געפינען אז מען דארף דעם קראנקען ביי זעהר גרויסע היטץ (און אפילו אויך ביי קלענער) מאכען בעדלעך (וואנעס), זאל מען זיך קיינמאהל ניט שרעקען. די ווארעמקייט פון דער וואסער און די צייט ווי פיעל דאס קינד זאל ליגען אין באדעל דארף זיין אין דעם דאקטאר'ס האנד. מיט באדלעך (פון 22 גראד ביז 27) האט מען אין אונזערע צייט געוויסס געראטעוועט א שיינע העלפט פון זאלכע היטץ־קראנקע וועלכע ווארטען מיט 30, 40 יאהר צוריק, אהן דעם באד, אוועק געקומען פון דער וועלט (ביי שווערע מאזלען, שווארצע פאקען, שקארלאטינע, טיפוס א. ז. וו.). ווען מען מאכט דעם קראנקען דאס באדעל דארף דער דאקטאר זיין דערביי.

ווייטער אויב דעם קינד גרייפט־אן דער שלעכטער הוסט, דארף מען באלד לעגען ארום דעם האלז קאלטע נאסע טיכער (קאמפרעססען) ווי מיר האבען בעשריבען ביי האלז־קרופ, און שפעטער ווארמע טיכלעך בעדעקט מיט געוואנד אויף 6 שעה, און דער נאך זיי איבער־בייטען.

אויב עס הייבט א קורצער אטהעם און דאס קינד הייבט אן צו פרייבען מיט די זייטלעך (לונגען–ענטצינדונג), זאל מען אנהויבען לעגען אייז־קאלטע טיכער אויף דער גאנצער ברוסט, ביז מען וועט קענען בעקומען דעם דאקטאר. די טיכער דארף מען בייטען אללע 5 מינוט. איך זאג אייך נאך איין מאהל: שרעקט אייך ניט עס צו טוהן, איהר וועט דאמיט נאר רעטטען אייער ליבעס קינד און איהר וועט אליין בעמערקען אז אונטער די קאמפרעססען וועט דאס קינד אין עטליכע שטונדען ארום שוין אזוי זיך ניט שטיקען

און דער אטהעם וועט ווערען פרייער. און אויב די מאזלען האבען זיך בעהאלטען, וועלען זיי זיך ווידער בעווייזען. אויב די היטץ איז זעהר גרוים און דער קראנקער ווערד אלץ שוואכער, גיבט מען וויין (וועה דיפטעריט) און אויף דעם קאפף לעגט מען קאלטע קאמפרעסען.

„ווען ארויס־לאזען דעם קראנקען פון שטוב"? — אז עס איז זאממער און שיינעס־וועטער אויף דער גאס, מעג מען דעם קראנקען ארויס לאזען שפאציערען, ווען ביים קינד האט די היטץ פאלקאממען אפגעטראטען. אבער ווען עס איז נאססע און קאלטע וועטערן, זאל מען זיך שטרענג היטען ביז עס איז שוין אין גאנצען פערביי געגאנגען די שאהלונגס־צייט, און ביז דער מינדעסטער קאטאר איז פאלקאממען פערשוואונדען, און נאך דעם וואס מיר האבען געזאגט ווענען די נאך־קראנקהייטען פון מאזלען (זייטע 49) גידענקט, אז איהר זאלט זיך ניט פערלאזען אויף אייערע אייגענע מיינונגען. ווי אפטער דארף מען לאזען דעם קינד אונטערזוכען אין גאנצען דען קערפער און דערהויפט זיינע לונגען, פון א געניטען דאקטאר, מען זאל אין דערצייט ניט דערלאזען צום ווייטליכען אומגליק.

## די ראטהעלן (פאלשע מאזלען *).

עס קומט פאר איינע זאלכע אנשטעקענדע קראנקהייט וואס איז פאלקאממען אהנליך צו מאזלען, אבער זי געדויערט קירצער און איז אזוי גרינג, אז זעהר זעלטען דארף דאס ערקראנקטע קינד דורך איהר ליעגען צו בעט. איך גיב דא צו וויסען וועגען איהר, אז מען זאל זי ניט צונויף־מישען מיט מאזלען, ווייל מען קען ניט־וויסענדיג מיינען אז דאס קינד האט שוין איבערגעטראגען מאזלען, און דארום עס ניט אפהיטען אויף ווייטער. אלזא מוז מען וויסען אז דאס איז אין גרונד גאר איינע אנדערע קראנקהייט, און זי בארואנטירט ניט געגען מאזלען, אזוי ווי די קינדער וואס האבען שוין געמאזעלט, קענענען דערנאך קראנק ווערען אויף ראטהעלן. דער אונטערשייד צווישען ראטהעלן און מאזלען איז דיעזעס:

1) די היטץ איז קוים צו בעמערקען.

2) דער הוסט (קאטאר אין האלז) איז קיין מאהל ניטא, אבער ביי מאזלען איז ער שטענדיג דא.

3) אז עס דארפען זיך אויס שיטען אויף דעם לייב די פינטעלעך און פלעקקען בייסט עס זעהר.

4) דאס אפשיילען פון דער הויט אז די קרעצלען געהען פארביי, קאממט ניט פאר, אדער עס איז קוים צו בעמערקען.

5) צום אויסשיטען איז ניטא קיין היטץ.

6) א זעלכע מיט־קראנקהייטען ווי ביי מאזלען, דארף מען ביי ראטהעלן קיין מאהל ניט ערווארטען.

---

*) אפילו דער נאמען „פאלשע מאזלען" איז ניט זעהר ריכטיג, דאך ערהאלט איך דיעזען נאמען פאר די רעטהלען, אז דער פראסטער מענש זאל עס קענען בעססער פערשטעהן. די רעטהעלען ענטקעגען מאזלען זיינען ווי ווינד־פאקקען געגען נאטירליכע פאקקען וואס פון זיי וועט זיין די רעדע ווייטער.

„די הילף". אויב מ'ם בייסט וועהר דאס לייב, איז גענוג אַלע טאג אָפּ צו־וואַשען דאס קינד מיט שטובּוואַססער אָדער מיט שוואַכע עססיג־וואַסער (איינע האַלבע גלאָז עססיג אויף 2 גלאָז וואַססער.

## 2) נאַטירליכע פּאָקען.

אין אונזער צייט, אַז עס איז זעלטען צו געפינען אַ מענשען וועלכען מען האָט ניט געשטעלט פּאָקען נאָך קינדווייז, טרעפען זיך זעלטען עפּידעמיעס פון דיזער קראַנקהייט. אָבער אין פריהערדיגע צייטען פלעגען פון פּאָקען אויסשטאַרבען אין מאַנכע אָרטען איינע רעכטע העלפט. אויף דער אינזעל האַיטע זיינען אויסגעשטאַרבען אין איהר אין אַ קורצע צייט אַלע איינוואוינער. אין איין אַנדער אָרט (גרענלאַנד) זיינען פון 2 טויזענד פּאָקען־קראַנקע געבליבען לעבען נאָר 7 מאַנן. אין דער שטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּעל (אין אינדיען) זיינען פון יאָהר 1832 ביז 1850 ד. ה. אין 18 יאָהר אויסגעשטאָרבען פון פּאָקען אַליין 14 טויזענד מאַנן. אַז די הישפּאַניער האָבען איינגענומען די רעגירונג מעקסיקא (אין אַמעריקא), האָבען זיי מיט זיך אַהין געבראַכט דעם פּאָקען־גיפט, און אין אַקורצער צייט זיינען פון די מעקסיקאַנער אַוועקגעשטאָרבען (דערביי אויך דעם קייזערס זאָהן און אויך זיין ברודער). שוין 3-טויזענד יאָהר צוריק האָט מען אין אינדיען און אין כינאַ (היגעזענ־לאַנד) זיך געשראָקען פאַר דיזער קראַנקהייט. און אַז משה רבינו האָט אין מצורע געמיינט אויך פּאָקען, דאַרף נאָר קיין ספק ניט זיין.

איידער מענשען האָבען זיך דערוואוסט אויף דעם ווערמענס גליק אויס צו־לערנען זיך פּאָקען צו שטעלען (עס איז אין דעם נאָך קיין הונדערט יאָהר ניטאָ), פלעגען אין אַלגעמיינעם אַ צעהנט־חלק מענשען אין יעדער מדינה אויסשטאַרבען פון פּאָקען. אָבער אין אונזערע צייטען איז דיזע קראַנקהייט גאָר ניט אַזוי שטאַרק ווי זיא איז געוועזען דערנאַכט־מאָהל. וועניגער מענשען ווערען אויף איהר קראַנק און מען שטאַרבט פון איהר פון 10 ביז 50 מאָהל וועניגער ווי פריהער.

אַז מיר וועלען רעדען פון געשטעלטע פּאָקען וועלען מיר עס גענויער פערגלייכען.

### פון וואַנען געהמט זיך דיזע קראַנקהייט.

פון דעם וואָס דיזע קראַנקהייט ווערט איבער־געגעבען אַפילו אויף ווייטען אָרט פון דעם קראַנקען מיט זיינע קליידער, געוועש, באַוט־טיכלעך, דורך פּאַפּיער־געלד, אָדער מיט מינץ וואָס איז געוועזען אין קראַנקענס הענד, דאַרפען מיר פערשטעהן אַז דאָס ווירקען געוויסע אויך איין בעזונדער סאָרט „גיפט־אייעליך" וואָס האָבען אין זיך קלענערע אָדער גרעסערע מאַכט די פּאָקען הערויס צו רופען, אַז זיי קומען אַריין אין מענשענס בלוט עס איז אַלץ איינס צי עס איז דורך די לונגען אָדער דורך איינע פרישע וואונד אויף אונזערער הויט. פערגלייכט וואָס מיר האָבען געהערט אין ערשטען קאַפּיטעל (זייט א") וועט אונז קלאָהר ווערען אַלערהאַנד פאַלען פון דער אַנשטעקיגקייט פון פּאָקען־גיפט. ער קען אַריינגעבראַכט ווערען אין שמוץ אַריין דורך איין אָפענעם פענסטער, אויב צונעקסטען אין אַנדערן הויז ליגט איין פּאָקען־קראַנקער. — אין 1864 יאָהר האָט זיך געטראָפען אַזאַ געשיכטע אין דייטשלאַנד (שטאָדט מערזעבורג): אין איינע פאַבריק האָט מען

געבראכט פיעל שמאטעס (לומפען) וואס ווערען אויף געקליבען פון אלערלייא ארטער אין וועלכע עס זיינען געוועזין בעשמוצטע מיט פערטריקענטע אייטער; די מענשען וואס האבען געבארפט איבער־קלויבען אונ ריינינען דיעזע שמאטעס, זיינען אין אגיבער צייט (פון 10 ביז 14 טאג ארום) אלע קראנק געווארען אויף פאקקען, אונ פון דיזער פאבריק האט זיך די עפידעמיע פערברייטעט אויף דעם גאנצען שטאדטעל.

דער גיפט געפינט זיך אין בלוט פון דעם קראנקען, אויך אין זיין שווייס, אונ אין זיין אטהעם אונ אין די בלאטערן וואס בעדעקען זיינע גאנצע הויט, אונ זעהר שטארק איז ער דענסטמאהל, אז די בלאטערן זיינען נאך ניט אין־גאנצען פארטיג (ד. ה. אז זיי הייבען נאך ניט אן צו טריקענען), אפילו איין קינד אין בויך ווערט קראנק אויף פאקקען אויב די מוטער פאקט.

דער געוויסער פראפעסאר „לעבערט" האט געזעהען איין 4 מאנאטליכעס מפיל־קינד, וואס איז שוין אין גאנצען געוועזין בעדעקט מיט פאקקען־בלאטערן. איין אנדער פראפעסאר האט געזעהן ווי א פאקקען־קראנקע האט געבוירען מיט א מאהל דריי קינדער וועלכע זענען אללע געוועזין בעדעקט מיט פאקקען.

היינטיגע צייטען קומט מעהר פאהר גרינגע פאקקען ווי שווערע. גרינגע זיינען ביי יענע מענשען ביי וועלכע די געשטעללטע פאקקען האבען נאך זייער קראפט ניט אנגעווארען, ד. ה. ביי קינדער אונ ביי יונגע לייט: שווערע זיינען ביי עלטערע מענשען. דער וואס האט שוין איינמאהל איבערגעטראגען נאטירליכע פאקקען אפילו די גרינגסטע (אויסער ווינד־פאקקען), איז פערזיכערט אויף ווייטער. נאר אזוי ווי אין פריערדיגע צייטען זיינען געוועזין אזעלכע גליקליכע נאטורען, וואס האבען קיין מאהל ניט געקרענקט אויף פאקקען, אזוי קען זיך טרעפפען פערקעהרט, אונ דאס איז מערקווירדיג זעלטען, אז איינער קען אזוי אומגליקליך זיין אונ דעם צווייטען מאהל קרענקען אויף דער זעלבער קראנקהייט, אונ דאן, ווי מען האט בעמערקט, איז דאס צווייטע פאקקען זעהר שטרענג אונ געפאהרליך.

די אנפאללצייט געדויערט פון 10 טאג ביז צוויי וואכען, זעלטען וועניגער אדער מעהר.

## די ערשטע סימנים.

שוין אין דיעזע ערשטע טעג קען מען זיך אנשטעקקען פון דעם קראנקען!

די בעוויז־צייט האט שוין אליין זאלכע אייגענשאפטען דורך וועלכע עס איז ניט שוועהר צו פערשטעהן פאראויס, וואס פאר א קראנקהייט מען דארף ערווארטען: עס געהט איבער א שויער־פראסט איבער דעם לייב (עס טרייסעלט), אונ מען בעקומט באלד א גרויסע היטץ, די היטץ האלט אזוי פון 2 ביז 5 טאג אונ אין איין מעת לעת דער נאך פאלט זיא אביסעל אפ. דערביי פיהלט זיך דער קראנקער ווי צערשלאגען אונ אפהענגיג. עס ברעכט די ביינער, עססען ווילט זיך גאר ניט, ער פיהלט א ניט־גוטקייט אונ עס קעהרט אויף ברעכען, עס געהט אפטער בלוט פון דער נאז. נאר וויכטיגער פון אללעמען זיינען פאלגענדע סימנים: 1) עס טוהט זעהר וועה דער קאפ (אונ מען רעדט פון דעם זינען). 2) דער קאפ דרעהט זיך אזוי אז דער קראנקער געהט ווי א שכור אונ קען זיך קוים האלטען אויף די פיס. 3) עס טוהט־וועה אין רוקקען (אין קרייץ *) פיעל מאהל קלאגט

---

*) דיעזע לעצטע צוויי סימנים זיינען אזוי וויכטיג אין דער בעוויז־צייט פאן פאקקען, ווי ביי

זיך דער קראנקער אין דיעזער צייט אז עס טוהט איהם וועה דער מאגען („אינטערן לעפפעלע").
די לעצטע צוויי טאג קאן מען שוין בעמערקען טיעף אין מויל (אויף די פארהאנגלעך) קליינע רויטע פינטעלעך, און נאך אטאג דריי הייבען זיך שוין אן צו בעווייזען אויף דעם לייב די פאקקען. עס מאכען זיך איינעגע שווערע פאקקען־עפידעמיעס אין וועלכע אין דיעזער בעווייז־צייט ווערען אויף דעם גאנצען לייב רויטע גרויסע פלעקקען, וועלכע ווערען אין עטליכע שעה אדער אין 24 שטונדען פערשוואונדען, און ערשט נאך דעם הייבען זיך אן בעווייזען נייע רויטע פינטעלעך פון פאקקען.

## די צייט פון אויסשיטטען די פאקקען.

צו דיעזער צייט איז דער פנים געוועהנליך רויט און אנגעדראללען, עס פיהלט זיך אין דער הויט א ברענעניש, און עס בעווייזען זיך אויף איהם קליינע הארטליכע רויטע פינטעלעך ווי פיי מאזלען, נאר זיי שטעהען האכער ארוים פון דער הויט. די פינטעלעך ווערען ביסלעכווייז האכער און ברייטער ווי האלבע ארבעס, און אין 2—3 טאג ארום ווערט יעדעס קרעמטעלע פלאכער (פלאטשיגער) און עס ווערט א ווייס־געלבליכער בלאטער מיט א טונקעלע גריבעלע אין מיטטען. אזוי בעשיטטען די פאקקען ביסלעכווייס דעם גאנצען גוף און צום סוף בעווייזען זיי זיך אויף די פוס־טריט (פאדעשוועס). אזעלכע בלאטטערן ווערען אויך אין מויל און אין גוממען, נאר זיי זיצען ניכט געדיכט און זיינען איינצעלער, דרום רייבט זיך גיך פון זיי אפ דאס אויבערשטע הייטעל און עס ווערט אויף דעם ארט איין וואונדעל, וואס טוהט זעהר וועה און מאכט שווער דאס עססען. דורך גרויסע צערייצונג ריננט שטאנדיג פון מויל שפייעכטס. אז די בלאטטערן זעטצען זיך אויף די ברעהמען, ווערען דיעזע ארטער אנגעדראללען און פערשליסען די אויגען. אז די בלאטטערן ווערען אין האלז ווערט דער קראנקער הייזעריג און הוסט מיט א גראבע שטיממע. נאך שפעטער אז זיי ווערען אויף דעם געשלעכטס־ארגאן, ווערט שווער צו לאזען די אורין (השתנה). עס קען זיך טרעפפען אז די פינטעלעך זאלען זיך בעווייזען פון אנהייב ניט אויף דעם פנים נאר אויף דעם בויך (רויטע פלעקקען) און אויף די פיס (ווי אביס־צייכען פון אפלוי) און ערשט דער נאך ווערין אויף דיעזע ארטער בלאטטערן.

דאס אויסשיטטען געדויערט געוועהנליך אטאג דריי־פיער, און אין שווערע פאללען פון 6 ביז 10 טעג.

די בלאטטערן קען זיך בעווייזען אין א קליינע מאס, ד. ה. זיי זיינען שיטער. זיי קענען אויך זיצען זעהר געדיכט איינע נעבען די אנדערע, און קענגען אמאהל אזוי שפארען איינער אויף דעם אנדערן אז איין בלאטטער גיסט זיך צונויף מיט דעם אנדערן אונד פון עטליכע בלאטטערן ווערט איינער און א גרויסער (צונויף־גיגאסענע פאקקען).

שווארצע פאקקען ווערען דענטסמאל, אז אין די בלאטטערן גיסט זיך אריין ניט די געלבליכע אונד וואססערדיגע בלוט־זאפט, נאר די בלוט אליין. די בלוט אין די בלאטטערן ווערט ביסלעכווייס פערדארבען און צום סוף ווערט זי שווארץ.

---

מאזלען איז דער הויפט און דאס מורא האבען פאר דער שיין, ביי קינדער וואס פערשטעהען נאך ניט ווי צוא ערקלעהרען זייערע ליידען, בעמערקט מען פאלגענדעס: זיי זייגען טיעף פערטראגען, בעקוממען ניט זעלטען קאנוואולסיען, רעדען פאן דעם שלאף און קריצען מיט די צייגדלעך.

שווארצע פאקקען בעווייזען ניט אז דער פאקקען־גיפט אליין איז דא שטארקער, ניין, עס בעווייזט נאר אז דער קראנקער אליין איז שוין פריהער געוועזען א שוואכער מענש מיט זעהר שוואכע בלוט־אדערן *), און יעצט אז ביי א פאקקען שפארט די בלוט צו דער הויט, זא האלטען די קליינע הויט־אדערן דאס ניט אויס, אלזא פלאצען זיי און א ביסעל בלוט גיסט זיך אריין אונטער דעם הייטעל פון בלאטער. אלזא ניט דארום זיינען די שווארצע פאקקען געפאהרליך ווייל זיי זענען שווארצע, זאנדערן דארום וואס זיי בעווייזען אז דער קראנקער איז שוין פריהער געוועזען ניט פון די גבורים **), און עס וועט איהם געוויס זיין שווערער איבער־צוהאלטען דעם פאקקען־גיפט ווי איינעם אנדערן קראנקען.

ניט געפאהרליך זיינען די שווארצע פאקקען אז זיי געפינען זיך נאר עטליכע שטיקק צווישען אלע ווייסע בלאטטערן, אדער ווי עס טרעפט זיך ניט זעלטען, אז זיי ווערען ביי פרויען (אדער מאדכען) גראדע ווען זיי האבען זייער צייט (די רעגעלען).

* * *

באלד ווי עס שיטטען אויס די ערשטע פאקקען, ווערט אללעס וואס מיר האבען בעשריבען אין די „ערשטע סימנים" גרינגער און די היטץ לאזט אפ — אין 24 שטונדען, און אמאהל נאך אין ווייניגער צייט. פאללט אבער די היטץ ניט אפ, בעווייזט עס אז עס איז זעהר שווערע פאקקען. אויב די היטץ פאללט אפ באלד ווי עס האבען זיך בעוויזען די ערשטע הארטליכע פעקקען, און מעהר ערשטארקט זי זיך ניט ווייטער, בעווייזט עס, אז די פאקקען זיינען זעהר גרינגע.

עס איז געוועהנליך (אין מיטטעלערע פאללען) אז די היטץ פאללט ניט אין גאנצען, זי לאזט נאר ביסלעכווייס אפ, זי ווערט אללע טאג קלענער און לייכטער, נאר אללע טאג צו־נאכט־צו הייבט זי זיך אביסעל אויף. און אזוי ערשט אין עטליכע טאג מיידעט זי אין גאנצען אפ. ביי קליינע קינדער געהט עס אימער אזוי, און ביי זיי פאלט קיין מאהל ניט די היטץ אפ מיט א מאהל.

אלזא נאך דעם ווי די פאקקען האבען שוין אין גאנצען אויס־געשאטטען, הייבען זיי אן פארטיג צו ווערען ד. ה. עס ווערט אין זיי אייטער, דאס אללעס געדויערט 6 טעג, און ביי „זעהר לייכטע" פאקקען — 4 טעג. אלזא אויף דעם 9־טען אדער 10־טען טאג (3 טאג די ערשטע סימנים און 6 טאג די אויסשיטטונגס־צייט) — זעהט דער קראנקער אויס אזוי: דער פנים איז גאר־ניט צו דערקענען, ווייל עס איז זעהר אן־געשוואללען און בעדעקט מיט פיעל בלאטטערן, און שפעטער איז אויך דאס גאנצע לייב אומגעהייער רויט. און אויף דעם רויטען גלאנצענדען פעלד זיינען אנגעשאטטען שמוציג־געלבליכע בלאטטערן. די בלאטטערן זיינען אפילו אויף דעם קאפף אונטער די האאר און אויף דעם האלז־נאקקען. דעם קראנקען איז שווער איבער צוטראגען דעם ווייטאג וואס עס שפארט אין דער גאנצער הויט ***). עס

*) אזעלכע קראנקע לײדען פאן „סקארבוט", ביי זיי אפילו אין געזונדען צושטאנד רינט אפט בלוט פאן דער נאז אדער פון די צאהנער. דורך אקליינעם שניט אויף דער הויט, פון וועלכען אגעזונטער מענש לאבט זיך אויס, קען ביי זיי אפרינען אסך בלוט.

**) דאס זעלבע געהערט אויך צו די זעלטענע שווארצע „מאזלען".

***) דער וועהטאג איז אזוי ווי מיט אקלאפונג, מען קען איהם פערגלייכען מיט דעם וועהטאג וואס

איז איהם זעהר שלעכט צו ליגען אויף די בלאטטערן וועלכע וועלין דורך די בעטגעוואנד
נאך מעהר צורייצט. די נאז איז פערליגט, פון דעם מויל רינט שטענדיג די שפייעכטס.
שלינגען איז איהם שווער, דער הוסט איז אגראבער אונד אהן א אויפהער, אין די אנ־
געשוואלענע אויגען ברענט אונ זיי זייגען פערגאסטען מיט אייטער, — אין דיעזער צייט,
ד. ה. אז די בלאטטערן ווערען פארטיג (עס ווערט אין זיי אייטער), ווערט די היטץ ווידער
גרויס, אמת ניט אזוי ווי די ערשטע (פאר דעם אויפשיטטען). אויב עס האט זיך נאר ניט
צוגעשלעפט צום פאקקעןקראנקען נאך א בעזונדערע מיטקראנקהייט. אין דיעזער צייט
איז דער גיפט פון דעם אייטער זעהר שטארק, אונ דאן איז עס זעהר לייכט זיך
אנצושטעקקען.

אזוי ווי די גאנצע צייט איז די הויט בעדעקקט מיט בלאטטערן אין וועלכע עס
אייטערט, פערשטעהט זיך אז דער קראנקער געפינט זיך אין דער זעלבער לאגע ווי איינער
מיט אגרויסע אייטעריגע וואונד, ד. ה. ער האט גרויסע היטץ; ווי טיעפער עס אייטערט
אונטער די פאקקען איז אלץ די היטץ גרעסער. אבער ביי "גרינגע פאקקען" ד. ה. אז
דאס אייטערן געהט ניט טיעף, איז די היטץ גאר קיין אדער זי פעהלט אין גאנצען.
יעצט הייבען שוין אן די בלאטטערן צו טריקענען; דער אייטער אין די בלאטטערן ווערד
געלב ווי האניג אונ ווערד געדיכטער, דאס איבערשטע הייטעל טריקענט־צו אלץ מעהר
אונד מעהר אונ ווערד טונקעלברוין. אזוי ווי אויף דעם פנים האט זיך בעוויזען די
ערשטע בלאטטערן, אזוי טריקענען זיי די ערשטע אפ, דערביי ווערד אין גאנצען דאס
געזיכט בעדעקקט מיט אטרוקענער טונקעלער שאלעכטס ווי מיט אמאסקע, אזוי אויך די
איבעריגע הויט, נאר אויף דער הויט פלאטצען פיעלע בלאטטערן, דער אייטער רינט פון
זיי אויס, אונ איבער דער גאנצער שטוב ווערד זעהר א שלעכטער ריח (גערוך), וועלכען
מען קען שוין דערקענען פון דער־ווייטען, ווייל נאר פון פאקקען פיהלט מען א זאלכען גערוך.
דער קראנקער פיהלט זיך שוין בעסער, אויך אללע שווערע ווערהטאגען וועלכע מיר האבען
שוין פריהער בעשריבען, ווערען גרינגער, די הויט ארום יעדער בלאטטער ווערד בלייבער
(בלאססער), דאס געזיכט שעהלט זיך ביסלעכווייז אפ, נאר אנשטאט פריהעריגע וועהען,
הייבט אן דאס לייב זעהר צו בייסען, אונ דער קראנקער ווערד פון דעם אויסער־זיך אונ
קען זיך ניט איינהאלטען ניט צו קראטצען די אפגעטרוקענטע קרעטץ. עס איז לייכט צו
פערשטעהן אז מיט דעם איבעריגען קראטצען צערייצט מען נאך מעהר, אונ אז מען רייסט
אפ דאס דעקעל פון בלאטטער איידער עס פאלט אליין אראפ, ווערט דאס אייטערן נאך
טיעפער אונ אויף דעם ארט בלייבט נאך א טיעפער גרובעל ווי עס וואלט געוועזען נאטירליך
נאך די פאקקען.

וועגען די שטופפעלן וואס עס ווערען אויף די ערטער פון די בלאטטערן דאס ווייסט
שוין יעדער, נאר עס איז ניט איבריג צו וויסען, אז ווי לאנגער עס געדויערט דאס אפ־
טריקקענען ביז דאס דעקקעל פאללט אין־גאנצען אראפ, דעסט גרייכען טיעפער איז דאס
גריבעלע. אלזא פון זעהר גרינגע פאקקען בלייבען קוים בעמערקטע שטופפעלען. — די היטץ
ווערד אלץ קלענער אונ קלענער, ווי מעהר־מייהל בלאטטערן פערטריקענען. — דער קראנקער
שוויטצט, אונ דער שוויים האט שוין ניט אזוי א גערוך (עפוש) ווי פריהער, אונ דער קראנקער
געהט ארויס פון דער סכנה, נאר ער איז אבער זעהר שוואך אונ אין שווערע פאללען מוז

---

מען פיהלט אז מען בריהט שטארק אפ די הויט.

ער נאָך גוטע עטליכע וואָכען וואַרטען ביז ער וועט בעקוממען זיינע פערלאָהרענע קראַפטען. איינענטליך געדויערט אין גאַנצען די קראַנקהייט פון 3 ביז 4 וואָכען.

## איינינע שלעכטע סימנים אונד ביי־קראַנקהייטען אין פּאָקקען.

ביז יעצט האָבען מיר בעשריבען געוועהנליכע נאַטירליכע פּאָקקען. וועגען גרינגע פּאָקקען האָבען מיר אין עטליכע ווערטער נאָר צו וויססען געגעבען, ווייל יעדען מענשען וואָס שטעלט זיך גוט פאָר דאָס בילד פון שטאַרקע פּאָקקען, וועט ניט שווער זיין צו ערקענען די זעהר גרינגע, ביי וועלכע עס קוממט פאָר: די ערשטע סימנים (בעווייז־צייט), דאָס אויס־שיטטען, די היטץ, און די וועהען אין א פיעל גרינגערען גראַד. איך מוז אָבער אָנווייזען אויף א זעלטענע שווערע פאַללען, אין וועלכע דער קראַנקער דערלעבט ניט ביז די שאָהלונגס־צייט, אָדער ער לעבט אפילו ניט־איבער די צייט פון דעם אויס־שיטטען די בלאַטטערן.

1) אין די לעצטע צייטען פון „די ערשטע סימנים", האָבען מיר אָנגעוויזען אַז עס קען ווערען אויף דעם לייב רויטע פלעקען וועלכע געהען אין עטליכע שעה פערביי, און ערשט דער־נאָך בעווייזען זיך רעכטע פּאָקקען־פינטעלעך. עס גיבט אָבער אַזעלכע שווערע מגפות, אין וועלכע עס קענען דיעזע טונקעל־רויטע פלעקען זיין אַזוי שטאַרק, אַז די בלוט שפּאַרט צו דער הויט, דאָס עס פּלאַטצען די פיינסטע הויט־אָדערלעך, און עס ווערד אָדער קליינע ביילעבדיגע פלעקקען וועלכע געהען ניט אָפּ אַז מען קוועטשט זיי צו מיט דעם פינגער, אָדער עס ווערט אַ זעליכע גרויסע פלעקקען ווי אַ בלויער צייכען פון אַ קלאַפּ. אין דעם פערשטעהט זיך אַז דער גוף איז זעהר אָפּגעשוואַכט, און דערביי בעווייזען זיך נאָך אַנדערע סימנים: בלוט פון דער נאָז, פון הערצען אָדער אין דער השתנה. ביי פרויען געהט זעהר פיעל רעגעל־בלוט, ביי שוואַנגערע—גרויסע בלוטונגען פון דער מוטער אונד זיי זיינען מפּיל. ווען דיעזע פלעקקען האָבען נאָר אַזעלכע נאַטור, איז שוין שלעכט, און פיעל מאָהל שטאַרבט דער קראַנקער איידער עס האָבען זיך איהם נאָך בעוויזען די אמתע פּאָקקען־פינטעלעך.

2) ווען די בלאַטטערן פון פּאָקקען הייבען־אָן פּאַרטיג צו־ווערען, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהט, זאָ שטייגט די היטץ הויך. דערביי רעדט דער קראַנקער פון היטץ. אונד איינינע קראַנקע דאַרף מען גוט היטען, ווייל זיי קענען פון פערהיטצונג אין קאָפּ ווערען ווי משוגע, אַראָפּ־רייסען זיך פון בעט און אַפילו זיך אַרויסוואַרפען פון אַפענסטער, (אָדער אָפט טרעפט עס זיך מיט דיעזע קראַנקע, וועלכע האָבען פריהער ליב געהאַט דעם שנאַפּס), ניט זעלטען נאָך אַזעלכע אויפרעגונג פאַללט דער קראַנקער אַריין אין אַגרויסע שוואַכקייט און גיך שטאַרבען. אויסער דעם קען ווערען דאָס זעלבע וואָס מיר האָבען פריהער בעשריבען, ד. ה.: גרויסע בלוטונגען פון דער נאָז, האַרצען, מוטער, ניערען. די בלאַטטערן גיעסען זיך אָן מיט בלוט וועלכע ווערט גיך פערדאַרבען און עס ווערט דערפון שוואַרצע פּאָקקען. אויך אין איינינע פאַללען ווערט אין דיעזער צייט אויף דער גאַנצער הויט אויף די איינענע ערטער פון די בלאַטטערן מיעסע געשווירען און אַפילו די בראַנד — און דער קראַנקער קוממט אום פון דער וועלט.

די ביי־קראַנקהייטען וועלכע קענען צו־קוממען אין דיעזע קראַנקהייט, זיינען ניט ווייניגער ווי ביי מאָזלען, דער האַלז־קרופּ, דיפטעריט, לונגען־ענטצינדונגען, בלינדהייט, טויבהייט, ענטצינדונג פון די געהירען — אונד משוגעת. עס קען דאַרען דער רוקענמאַרך, —

עס קען ווערען ענטצינדונג אין די געלענקען (איימער אין קניע). פאר ווייבס־פערזאנען איז פאקקען נאך געפאהרליכער, ווייל זיי קענען פערליערען זעהר פיעל בלוט פון מוטער־לייב.

אללע דיעזע קראנקהייטען קענען זיך צו־שלעפפען אפילו ווען דער קראנקער איז שוין ארויס פון דער סכנה פון די פאקקען אליין.

די פפלעגע: דער לעזער ווייסט שוין פון אלגעמיינעם ווי עס געהן ארום אלע שטעקקענדע קראנקהייטען (זעה ריפטעריט, מאזלען), דאך גיב איך דא נאך אמאהל צו וויסען אז מען זאלל דעם קראנקען ניט שטיקקען אין ווארעמער און אהן פרישע לופט, און ניט פערגיססען דעם מויל מיט ווארעמע זיסע טהעען. די גאנצע צייט וואס עס געדויערט די קראנקהייט, זאלל די לופט זיין אין שטוב ניט ווארעמער פון 14 גראד, און זי מוז זיין אפגעפרישט 2—3 מאהל אין טאג. דער קראנקער דארף ליגען אויף א מאטעראץ אדער אויף א זאק מיט געהאקט שטרוי, אונטערן קאפ א לעדערנער קישען און עס מוז זיין ליכט בעדעקט. אויב דער־קראנקער וויל עטוואס עססען, דארף מען איהם געבען שיטטערע זופע מילך. אטרונק גיבט מען איהם ריינע קאלטע וואססער, ציטרין־וואססער עטוואס צו־געצוקערט, אדער וואססער מיט זאפט פון שנעע־בעערן (רוסיש — קליוקווא, פאלניש — זשוראווינא).

איך מוז נאך דערמאנען דעם לעזער, ער זאלל ניט פערגעססען דערביי פאללקאממען אפצוטהיילען דעם קראנקען, און אללע קרובים ווידער אמאהל צו שטעללען פאקקען, אויב עס איז שוין פערביי־געגאנגען 6 אדער 7 יאהר ווי מען האט זיי דאס ערשטע מאהל געשטעללט די פאקקען. אויף עטליכע ערטער אין שטוב וואו עס ליגט דער קראנקער, דארף מען שטעללען אין קליינע שיסעלעך ריינע קארבאל־זויערקייט. איינינע דאקטוירים האבען בעמערקט, אז דורך דעם גאראנטירט מען. אז די קראנקהייט ווערט ניט ארויס־געטראגען פון דיעזעם צימער.

ווען די היטץ שלאגט זייער אין קאפ, דארף מען לעגען אייז־קאלטע טיכער אויף דעם קאפ, אדער גאר אייז אין א גוממי־זאק, דערביי לעגט מען פריער אונטער א טרוקענעם האנדטוך צונויף געלייגט אין 4 פאכען, אז דאס אייז זאלל ניט ליגען אויף דעם הוילען קאפ, כדי די קעלט זאלל ניט זיין צו שטרענג. אויך דעם גאנצען קערפער וואשט מען אפ עטליכע מאהל אין טאג מיט קאלטע וואססער.

אז עס הייבט אן ארויס צושיטטען די פאקקען, דארף מען געגען די שפארונג און וועהטאג אין דער הויט גוט איינשמירען מיט מאנדעל־עהל אדער פיינעם קאלד־קרעם 2 אדער 3 מאהל אין טאג, און דער נאך דעם פנים בעדעקקען מיט אייז־קאלטע נאססע טיכער, וועלכע מען בייטעט אלע פינף מינוט. אנשטאט ריינעם מאנדעל־עהל קען מען בעשטעללען אין אפטעק מאנדעל־עהל אדער קאלדקרעם 100 חלקים אונד אין דעם 6 חלקים סאליציל־זויערקייט (Acid. Salicyl.) פאר דעם פנים, אז די פאקקען זאללען ניט טיעף אייטערן, וועט ניט בלייבען טיעפע שטופפעלן.

אזוי ווי אין דיעזע צייט ווערט זעהר שווער אין מויל אונד אין האלז, דארף מען געבען צו שלינגען קליינע שטיקעלעך אייז. דאס ווירקט אויך אז דעם קראנקען שפארט אויף ברעכען. דערהויפט דארף מען אכטונג־געבען אויף די היטץ! — אויב די היטץ שטייגט זעהר הויך, זאלל מען לאזען מאכען קאלטליכע באדער (וואנעס), ווי עס וועט בעפעהלען דער דאקטאר, דען נאר ער קען אין יעדער באזונדערן פאלל פעסט אן־ווייזען וויפיעל

גראדען ווארעמקייט דארף זיין דאס וואסער. געדענקט אז דורך זאלכע באדער ווערט דער קראנקער אפגעפרישט, די היטץ לאזט אפ, אונ ער קען אויס־האלטען די קרענק וועלכע ער וואלט אהן די באדער ניט געקענט אויס־האלטען. נאך מעהר: די באדער דערלאזען ניט צו זאלכע בייקראנקהייטען, וואס קוממען ניט אזוי פון פאקקען אליין, ווי איבערהויפט פון דער שרעקליכער היטץ, וועלכע ענדערט איבער דאס בלוט.

אז עס הייבען אן די בלאטטערן צו־געטריקענט צו־ווערען, זא פערלאנגט שוין דער קראנקער עטוואס עססען, דאן גיבט מען איהם וואס גרינגערס: גוטען קרעפטיגען בוליאן, אין וועלכען מען צערקלאפט א געלבכען פון אשיטער־געקאכטע איי, אויך שיטערע אייער, ביסליך־ווייז מילך, אונד אפטער א ביסעל גוטען אלטען וויין (אונגאר־וויין, טאקאי, אדער אלטען מאזעל־וויין, רהעין־וויין). אויב דער קראנקער איז זעהר שוואך, גיבט מען איהם אללע 2־שטונדען צו עסס־לעפעל גוטען שאמפאניער, ווער עס פערמאגט. —

אזוי ווי די קראנקע קענען זיך קוים איינהאלטען ניט רייסען די בלאטטערן, דארף מען זיי פון דעם אפ־היטען: קינדער וויקעלט מען די הענדלעך ארום אין וואטע, דאס געזיכט אויך אזוי, נאר מען לאזט איבער אדורכגאנג פאר דעם נאז אונד דעם מויל. גרויסע מענשען קענען זיך איינהאלטען אליין, אבער אין שלאף ווייסען זיי ניט וואס זיי טוען, דארום איז גוט זיי אויך די הענד גוט ארומבינדען מיט וואטע פאר דעם שלאפפען.

ווען די דעקקלעך פון די בלאטטערן זיינען זייער שטארק אנגעהעפט אונ געהען ניט אראפ, דארף מען זיי גוט אנשמירען מיט פראוואנס־עהל, אונד דעם קראנקען מאכען אללע טאג ווארעמע באדלעך, וועלכע זאלען איהם זעהר אנגענעהם, אונ דער נאך איהם בעדעקקען מיט נאססע ווארעמע טיכער.

אויב אין מויל איז זעהר שווער דער וועהטאג, אונ אויך ווען פון מויל איז א שלעכטער ריח, גיבט מען צו שווענקען מיט בערטאלעטען־זאלץ (1־טהעע־לעפעלע אויף א גלאז וואסער) אללע שעה.

אויב דער קראנקער האט שווערען שטוהל־גאנג (נעצר), מאכט מען איהם אללע טאג קליזמע (קאנעש) פון 2־גלאזער זייף־וואסער (ניט קאלטע). — מען מוז זעהר שטרענג בטונג געבען, פיעללייכט בעוויזען זיך שווערע בייקראנקהייטען (זעה „די שלעכטע סימנים ונ בייקראנקהייטען" זייטע 59). אויב עס הייבט אן זעהר צו שטעכען אין זייט ברוסט, דארף מען באלד לעגען אייז־קאלטע טיכער (אללע 5־מינוט) אונ געבען צו וויסען דעם אקטאר. דאס זעלבע ווען עס הייבט אן צו שטיקקען אין האלז אונ דעם קראנקען איז שווער צו האפפען לופט.

ארויס־לאזען דעם קראנקען פון זיין געפאנגנעש, מעג מען נאר דענסטמאהל, ווען אין אנצען דאס לייב האט זיך אפגערייניגט, ד. ה. אז עס האט זיך געענדיגט די שאהלונגס־ייט *). עס פערשטעהט זיך אליין ווי פיעל מיהע מען דארף האבען, אז דער געגענענער זאלל ווי בעססער עססען, האבען פרישע לופט. א. ז. וו.

*) ווען די לופט איז אויף־דרויסען גוט אונ ריין (זוממער), מעג דער קראנקער שפאציערען פיעל ער וויל, נאר איידער עס הייבט זיך אן זעצען די זוננע, מוז מען איהם שוין אריינ־המען אין שטוב.

## 3) ווינד־פּאקקען.

דיעזע קראנקהייט איז אפילו זעהר אהנליך צו גרינגע נאטירליכע פּאקקען, דאך איז דאס אגאנץ בעזונדערע, וועלכע איז א ריינע קינדער־קראנקהייט. אידר אנפּאלל־צייט איז אזוי גרינג, אז דער געניעטסטער מענש אונ אפילו די מוטער אליין קען גאר ניט בעמערקען. גאר איידער עס בעוויזען זיך די ערשטע בלאטטערן, קען אמאהל אונ אויך זעהר זעלטען זיין דערביא היטץ. ווען אבער עס שיטען אוים אלץ מעהר אונד מעהר בלאטטערן, איז שוין שטענדיג דא ארעכטע היטץ, וועלכע מיידעט אפּ באלד ווי עס ענדיגט זיך דאס אויסשיטטען.

אנוויזען שטרענג אויף וועלכע ארטער ערשיינען די ערשטע בלאטטערן, קען מען ניט. אין אסך פאללען שפּרינגען זיי ארוים אויף דעם ארט ווי עס העבען אן צו וואקסען די האאר אויף דעם שטערן, אין אנדערע פאללען בעווייזען זיי זיך פריהער אויף דער ברוסט אונ אויף דער פלייצע. זיי שיטטען אוים זעהר גיך איינגע בלאטטערן נאך די אנדערע אין עטליכע שעה, ווי ווייסע בלאטטערן פון אבריה, מיט אקליינע דורכזיכטיגע וואסער אין זיי. זעלטען זיינען זיי מיט עטוואס אייטעריגע וואסער, אבער קיינמאהל האבען זיי ניט אין מיטטען א גריבעלע ווי עס איז ביי נאטורליכע פּאקקען. די גרייס פון זיי איז פון איין ארבעס אונ אויך גרעססער. איבער נאכט טריקענען איינגע איין, אונ אין א טאג אדער צוויי בעווייזען זיך פרישע, אונ אזוי קען עס פאססירען עטליכע טאג, אוואך אונ אויך מעהר.

ווי דער עולם ווייסט שוין אליין אז די ווינד־פּאקקען שטעללען ניט־פאר קיין געפאהר (סכנה), דאך איז בעססער דאס קינד אפּ־צו־היטען עס זאל זיך ניט פערקיהלען, ווייל יעדער אפּ־געשוואכטער מענש איז שוין דאמיט זעלבסט וועניגער פערזיכערט ניט קראנק צו ווערען אויף איינע שווערע אנשטעקענדע קראנקהייט, אויב אזעלכע הערין זיך אין שטאדט.

דאס איז פעסט בעשטימט, אז צווישען דעם גיפט פון ווינד־פּאקקען אונד דעם גיפט פון נאטורליכע פּאקקען (אפילו די גרינגסטע) איז גאר ניט אהנליכעס. אלזא נאך נאטורליכע אדער געשטעלטע פּאקקען קען דאס קינד באקוממען ווינד־פּאקקען אונד אויך פערקעהרט.

---

## 4) געשטעללטע פּאקקען (קוה־פּאקקען).

וועמען קוממט אין אונזערע צייטען אויף דעם זינען זיך צו־שרעקען פאר נאטורליכע פּאקקען אין דער־זעלבען מאס ווי 60—50 יאהר צוריק? אונד וועגען נאך פריהערדיגע צייטע איז שוין ניטא וואס צו־ריידען. אין די ערשטע צייטען פון קאפּ[2] האט דער לעזער געזעהע ווי שרעקליך שטרענג דיעזע קראנקהייט איז געוועזין פאר מענשען. ווי אזוי הען איז עס אונ געלונגען אפּ־צו־שוואכען אזא א בייזען אונ שטארקען פיינד? עס איז דא א מיינונג, אז אי אינדיען האט מען שוין מיט טויזענד יאהר צוריק געוואוסט ווי אזוי צו שטעללען פּאקקען אבער אין איירפּא איז מען אויף דעם שכל געקוממען ערשט ניט מעהר ווי איאהר 100 צוריק

אללע ווייסען אז די בהמות האבען אויך פּאקקען. די פּאקקען ווערין ביי זיי אויף ז אייטער, אלזא פלעגט אפטער זיך טרעפען, אז ביי די מעלקערנס, וועלכע פלעגען מעלקען אז א קוה אונ האבען גיהאט א שניט אדער איין אפענעם קראץ אויף א פינגער, האט זי אויף דיעזען ארט געזעצט א פּאקקען־בלאטטער. עס איז אין יענע צייטען ניט שווער געוועזן

צו בעמערקען, אז א זעלכע ווייבער וואס האבען זיך אנגעשטעקט מיט קוה־פאקקען, האבען נאך דעם נאטורליכע פאקקען זייער זעלטען געהאט און פלעגען זיי גרינגער איבער־טראגען. אין יאהר 1796 (תקנ"ו) האט איין ענגלישער דאקטאר „דשעננער" גענוממען אייטער פון קוה־פאקקען אויף איין פינגער און האט געשטעלט פאקקען איינעם יונגעל פון 8 יאהר, די פאקקען האבען זיך זעהר גוט צו־גענוממען. זייט 2 יאהר האט ער פיעלע מענשין געשטעלט פאקקען, און נאך־דעם האט ער זיי בעשריבען און געגעבין צו־וויססען אללע חוקרים.

פון דענסמאהל אן האט מען אלץ מעהר אונד מעהר אנגעהויבען אונטער־צו־פארשען געשטעלטע פאקקען, מען האט עס פערברייטערט איבער אללע מדינות און אללע קרוינען האבען פעסט־געשטעלט, אז אללע אונטערטעניגע אין יעדע מלוכה דארפען זיך שטעללין פאקקען. פון יענער צייט אן זעהען מיר שוין אז עפידעמיעם פון נאטורליכע פאקקען זיינען זעהר אונד זעהר זעלטען געווארדען, אונד אויסער דעם אויב עס ווערען אפילו קראנק אויף נאטורליכע־פאקקען יענע וועלכע מען האט געשטעלט פאקקען, געהט די קראנקהייט ביי זיי דורך זעהר גרינג, אדער פיעל גרינגער ווי ביי ניט־געשטעלטע. און זיי האבען פון 5 ביז 10 מאהל מעהר האפנונג געזונד צו ווערען.

צייט 11-יאהר, פון 1860 ביז 1871, זיינען אין דייטש־לאנד קראנק געווארען אויף נאטורליכע פאקקען צו 23-מאנן פון יעדערע טויזענט איינוואהנער. פון יעדע 100-פאקקען־קראנקע זיינען געשטארבען צו 12-מאנן אין אללגעמיינער רעכנונג, אבער בעזונדער גערעכינט איז פון אללע 100-קראנקע וועלכע מען האט ניט געשטעלט קיין פאקקען, זענין געשטארבען 32-מאנן, אבער פון די וואס האבען געהאט געשטעלטע־פאקקען זענין מעהר ניט געשטארבען ווי 9-מאנן פון הונדערט. און פון יעדע הונדערט פאקקען־קראנקע וועלכע מען האט „דאס צווייטע־מאהל" געשטעלט פאקקען, ניט מעהר ווי 5-מאנן. פערגעסט ניט אז נאך דער רעכנונג פאר גאנצע עלף יאהר זיינען ניט מעהר ווי 2 פון 100 קראנק געווארען אויף פאקקען. קען מען דען עס גלייכען צו א מאהליגע צייטען, אזוי ווי עס איז געוועזין אין גרינלאנד, אז פון 2-טויזענד מאן וואס האבען געפאקקט (נאטורליכע) זיינען נאר 7 מאנן לעבען געבליבען, אדער ווי אין איין אנדערע מדינה (איזלאנד) זיינען אין א קורצע צייט פון 50 טויזענד מאנן געשטארבען 20 טויזענד (זעה קאפ' 2).

## ווי אזוי עס קומט פאר אז געשטעלטע קוה־פאקקען היטען אפ פון נאטורליכע פאקקען.

דער לעזער ווייסט שוין פון די פריהעריגע קאפיטעל, אז דער גיפט פון איינער אנשטעקענדע קראנקהייט קען זיין אין גרינגערן גראד אונד אין שווערען, אונד דער וואס איז איבער־געקוממען דען גרינגערען, דער האט שוין זעהר ווייניג מורא פאר דעם שטארקערען, צום ב"ש דאס קינד וואס האט איבערגעטראגען גרינגע מאזלען איז שוין פערזיכערט פאר שטארקע. דאס זעלבע איז מיט דער שקארלאטינע אונד פאקקען. שטעלט אייך אלזא פאר, אז דער גיפט פון קוה־פאקקען האט עטוואס אהנליכעס צו מענשענס נאטורליכע־פאקקען, נאר ער איז נאך שוואכער ווי די גרינגסטע נאטורליכע־פאקקען, אלזא אויב מען קען אזוי מאכען, אז דער מענש זאל דורך אונזער ווילען קריינקען אויף קוה־פאקקען, וועלען מיר מיט דעם איהם מאכען זיכער פיר די נאטורליכע *).

*) מען האט גוט בעמערקט אז מיט געשטעלטע פאקקען איז מען נאך ניט פערזיכערט אויף

אויסער אלעם פון דעם ווי אזוי מען שטעלט פאקען, קען דער לעזער פערשטעהן אין גרעסערער מאס איבערהויפט ווי אזוי דער מענש קען זיך אנשטעקען אין איינער קראנקהייט, נאר דאס וואס עס קומט פאר בייא געשטעלטע פאקען דורך אונזערע אייגענע הענד, דאס קומט פאר אין דער נאטור אזוי איידעל, אז מיר קענען עס ניט זעהן, אונד קענען זיך נאר אנשטויסען אז דער גיפט איז אריין אין גוף, דורך דער הויט: ביי דיפטעריט, ביי א רויז (ערזיפעל); דורך די לונגען: ביי קאייך־הוסט, ביי קרופף, ביי לונגען־ענטצינדונג, ביי שווינדזוכט; דורך די געדארעם: ביי טיפוס, ביי האלערא. אויך דאס האט מען בעמערקט אז אנדערשט קען דער גיפט ניט קראנק מאכען אונזער בלוט ביז די טהיר איז ניט אפען, ד. ה. אז די ארטער אויף וועלכע עס פאלט ארויף דער גיפט זיינען שוין פריהער ניט געוועזין אפ־געשוואכט אדער קרענקליך ענטצונדען. קיינער קען ניט בעקומען א רויז, אויב די הויט איז גלאט אונ געזונד, דאצו מוז אויך זיין אביסעל אפגעריבען די הויט (אפילו אזוי ווענוג אז מיר קענען ניט בעמערקען). אזו אויך אויך שווינדזוכט (משאחפקע) קען דער גוף ניט קראנק ווערען אויב דער גוף איז שוין פריהער ניט געוועזין אפ געשוואכט אונד די לונגען זיינען געוועזין אין גאנצען געזונד.

יעדער פון די לעזער האט מן הסתם געזעהען ווי אזוי מען שטעלט פאקען. מען נעהמט־אן אויף דעם שפיץ פון א שארף מעססערל: שטאטער־מאטעריע (ליאמפע) פון געשטעלטע פאקען אונ מען מאכט בעהוטזאם 3—4 קליינע־שניט אויף דעם ארעם, נאר אזוי גרינג אז עס זאל ניט זיין קיין בלוט, מען קעהרט איבער דאס מעסערל אונד אזוי שמירט־זיך־איין די מאטעריע, מען פערגעסט מיט דעם מעססערל די וואונד אונ מעהר ניט. עס פערשטעהט־זיך אז אויף גלאטע הויט וועלען זיך פאקען ניט אננעהמען, נאר אזוי ווי די הויט איז שוין ניט גאנץ, קען שוין דערביי זיך צו־שטעקען נאך אנדערע קראנקהייטען אויב עס איז אויף דעם ארט אריין געקומען אויסער פאקען נאך אנדערע גיפטיגעך, דען דאס זעהט מען פיל מאהל, אז פון דעם שפאלטער וואו מען האט צו־געשטעלט די פאקען, הייבט אן צו שפילען ארויז אדער עס האפט זיך אריין די בראנד אדער עס ווערט אנדערער געשוויר מיט אייטער א. ז. וו. דאס קען זיך אבער נאר טרעפען ווען מען ווייס ניט ווי אזוי זיך צו בעגעהן מיט געשטעלטע פאקען, אז דער אייטער אליין איז געוועזין שמוציג. ווי אזוי צו דעם ניט צו דערלאזען, וועל איך געבען צו וויסען ווייטער.

---

אייביג, דען צייט 4—5 יאהר, פערלירען זיי זייער קראפט, אונ אויב עס טרעפט זיך איין עפידעמיע (מגפה) פון נאטורליכע פאקען, קענען א טהייל מענשען וואס האבען געהאט געשטעלטע פאקען, דאך קראנק ווערין אויף נאטורליכע פאקען, אונ דעסטא גיכער ווי לענגער עס איז דורך־געגאנגען די צייט פון דעמסטמאהל וואס מען האט זיי געשטעלט פאקען. דאך זאללען ביי אונז די געשטעלטע פאקען ניט אנגוועהרען זייער כבוד, ווייל אזוי ווי עס קען זיך טרעפען אז דער וואס מען האט איהם קיינמאהל ניט געשטעלט פאקען זאלל אין דער גרעסטער מגפה גאר ניט קראנק ווערען, אזוי קען זיין אז דער וואס האט אפילו געפאקט (נאטורליכע) אבער גרינג, קען אין דער אנדערער מגפה פאקען שטארק אונ אויך שטארבען, — אמת דאס איז זעהר אונד זעהר זעלטען, א צייכען האבען מיר אז די געשטעלטע פאקען היטען אפ פיעל לעבענס, דאס אין א מגפה ווערען אין אונזער צייט מעהר קראנק נאר ערוואקסענע אדער אזעלכע קינדער וועלכע מען האט נאך קיין צייט געהאט צו שטעללין פאקען.

אלזא זאל מען ניט פערגעסען אין 5—6 יאהר ארום נאך די ערשטע געשטעלטע פאקען: שטעללין דאס צווייטע מאהל, דען אויב דאס וועט זיין ניט בעדערפטיג, זוי וועט שוין דער גוף אליין די קוה־פאקען ניט צו נעמען.

## ווי אזוי געהט דורך די קראנקהייט.

נאך דעם ווי מען האט געשטעלט די פאקקען, געהט א וועך 2 אדער 3 טאג וואס מען קען אויף דעם ארט גאר ניט בעמערקען, ד"ה די אנפאלל־צייט געדויערט 2—3 טאג. נאך די 3־טעג הייבט שוין דאס ארט צו ווערין רויטלעך. נאך־דעם ווערט אויף דעם ארט א קרעציל, אויף דעם 5־טען אדער 6־טען טאג ווערט פון דעם קרעציל א בלאטער מיט העללער וואסער. אויף דעם 7 טען אדער 8 טען טאג ווערט עס נאך גרעסער און ארום־איהם איז א טונקעל־רויטע ראד. אויף דעם 9 טען טאג ווערט דער בלאטער ווענינער העלל (אזוי ווי וואסער מיט ווענינ מילך), און אויף דעם 10 טען טאג ווערט עס פול מיט אייטער. אין דיעזער צייט אז דער בלאטטער הייבט אן זיך אנצופיללען מיט אייטער, הייבט מען אן צו פיהלען א גרויסע וועהטאג אין דעם ארעם, און די הויט שפארט, און מען קען קוים ריהרען מיט דער האנד, און אונטער דעם ארעם ווערין אנגעשוואלען די דריזען (עס ווערט הארטע איננווענדיגע קייקעלעך). אין דיעזער צייט פון דעם אייטערן בעקוממט מען היטץ, אבער ניט קיין גרויסע. עס טרעפט זיך אבער אז די היטץ קען שטייגען אזוי הויך אז מען מוז גוט אכטונג געבין, אז מען זאל ניט פערליהרען דעם קליינעם אפגעשוואכטען קראנקען, דאס קען זיך אבער נאר טרעפפען ביי דארע קרענקליכע קינדער.

עס טרעפט זיך אז צו די געשטעלטע פאקקען קלעבט זיך אויך צו אנדערע הויט־קראנקהייטען, עס קען ווערין אויף די האנד אדער אויף דעם גאנצין לייב רויטע פינטעליך און פלעקקין, אזוי ווי מאזעל־פלעקקין, נאר דאס איז ניט אזוי שרעקדהאפט ווי רענסמאהל, ווען דאס ארט פון די פלעקקין ווערט זעהר טיף אנגעצונדען, עס ווערט ארויז אדער עס קומט מענכעסמאל צו די בראנד. פון דעם צעהנטין טאג אן הייבען אן די בלאטטערן צו־טריקענען. שטענדיג הייבט זיך עס אן פון דעם מיטטעל־בלאטער וואו עס איז טיעפער, און זייט אנדערטהאלבען אדער צווי וואכען ווערין די בלאטערן פערטריקענט און פאללען אראפ. אויף דעם ארט בלייבט א פלאכעס גריבעלע (א שטופפעל) וועלכעס איז פון אנהייב רויטלעך, דער נאך ווערט עס וויים און בלייכער פון דער געזונדער הויט.

## ביי דעם שטעללען פאקקען דארף מען אפהיטען פאלגענדע רעגעלן:

1) דער מענש וואס שטעללט פאקקען דארף זיין פאלקאממען ריין געקליידעט, און ניט קוממען פון איין הויז וואו ער האט דארטין געהאט צו טהון מיט אנשטעקקענדע קראנקע, (דיפטעריט, א רויז, שקארלאטינע, נאטורליכע פאקקען). איידער ער געהט צו צום קינד מוז ער גוט אפוואשען די האנד מיט סובלימאט־וואססער. דאס לאנצעטיל (מעססערל) מיט וועלכען ער מאכט דען שניט צו־שטעללין די פאקקען, דארף זיין אדער אגאנץ נייעם אדער פאר דעם איין־שטעכען מוז עס אנגעגליהט ווערין אויף א ליכט ביז עס ווערד רויט און דערנאך אפגעוואשען ווערין מיט דעם אייגענעם סובלימאט־וואססער.

2) די ארעמלעך דארף מען פריהער גוט אפוואשען מיט ווארעמע וואססער מיט זייף, און רעכט פאר דעם צו־שטעללין די פאקקען אפוואשען דאס ארט וואו מען קלעהרט צו־מאכען דעם שניט מיט סובלימאט־וואססער, אדער נאך בעסער מיט סובלימאט־ספירימוס (1 טהייל סובלימאט אויף 5 טויזענד טהייל ספיריטוס.

3) באלד נאך דעם ווי מען האט צו־געשטעלט די פאקקען, מוז מען בעדעקקען דאס ארעמיל מיט א היבשע שטיק שטארקע סאליצול־וואטע (צובעקוממען אין דער אפטעקע) און

פערבינדען מיט א ריינע ליינוואנד אויף גאנצע 5 אדער 6 טעג.

4) אויב אויף דעם זעכסטען טאג זעהט מען אז די בלאטטערלעך געמצעוו־צו, דארף מען ווידער א מאהל דורכוואשען מיט טובלימאט־וואססער און ווידער גוט פערבינדען און אזוי לאזען, ביז עס וועט אפטריקענען דער בלאטטער און וועט אראפפאללען.

5) דאס קינד פון וועלכען מען נעמט אראפ פאקקען פאר אנדערע קינדער'ס וועגען, דארף זיין א גאנץ געזונדעס קינד.

6) פאקקען דארף מען נעהמען פון אזוי א קינד וועלכען מען האט זיי איהם געשטעלט דאס ערשטע מאהל *).

7) בעססער איז צו שטעללין פאקקען גלייך אראפ־גענעהמענדיג פון איין קינד אויף דעם אנדערן (ד"ה פון האנטעל צו האנטעל).

8) מען מעג נעהמען פון בלאטטער די אייטער (לימפע) נאר אויף דעם זיעבענטען אדער אכטען טאג.

9) אויב די פאקקען האבען זיך ניט צו־גענוממען, דארף מען אין א האלב יאהר ארום פראבירען צו־שטעללין נאך א מאהל.

10) אין 5 אדער 6 יאהר ארום נאך דעם ערשטען מאהל, דארף מען אלעמען שטעללין פאקקען דאס צווייטע מאהל **).

פאקקען קענען זיך ניט אננעהמען אין יענע פאללען ווען די אייטער (לימפע) איז ניט קיין ווירקזאמע און זי האט פערלויערען איהר קראפט, אדער ווען דער גוף האט אין זיי ניט קיין נויט אין דיעזער צייט ווען מען שטעלט זיי איהם צו, אדער ווען דער גוף האט גאר פאר זיי קיין מורא ניט. ווי עס טרעפט זיך אז דער גוף קען זיך ניט אנשטעקקען אפילו אין נאטירליכע פאקקען.

אויב די פאקקען האבען זיך ניט גוט צו־גענוממען, ערקענט מען נאך דיעזע סימנים: אדער אויף דעם פינפטען טאג ווערט פון דעם קרעציל ניט קיין בלאטטער, אפילו די רויטע רינג ארום דעם קרעציל איז ווי עס געהער צו זיין, אדער אנשטאט אין אמת'ן בלאטטער מיט קוים דורכזיכטיגע אייטער ווערט א הויכער בלאטטער מיט וואססערדיגע זאפט, וועלכע ווערט באלד פערטריקענט, אדער עס ווערט ניט מעהר ווי אפראסטער געשוויר וואס אייטערט־אונטער און ניט מעהר.

ווען מען האט ניט גוט אפגעהיט די פונקטען 1, 2, 3, 4, איז מען ניט בעוואהרענט אז עס זאל זיך ניט צו־שטעקקען איינע שווערע הויטקראנקהייט (ארויז, ריטמעריט אויף דער האנד). אלזא דארף מען זיין זעהר אפגעהיטעט, און באלד ווי מען דערזעהט אז די רויטקייט געהט ברייטער און טונקעלער ווי געוועהנליך, דארף מען באלד אנהייבען צו לעגען

*) מען געברויכט היינט פאקקען אויף גלייך פאן קאלבער.

**) איטליעבען נייעם סאלדאט שטעללט מען שטענדיג נאך א מאהל פאקקען אוידער ער הייבט אן דיענען, דערפאר הערט זיך שוין יעצט ניט אז דאס גאנצע חיל זאל קריגקען אויף נאטירליכע פאקקען, ווי עס פלעגט זיך טרעפפען פאר צייטען.

קאלטע בלייוואסער (צו בעקומען אין דער אפטעק) אונ ניט פערלאזען דאס קינד אהנע דאקטארס הילף.

## די צייט ווען צו שטעללען פאקקען.

אויב עס הויבט זיך אן אין שטאדט איינע עפידעמיע אויף פאקקען, דארף מען אויף קיין זאך ניט קוקען אונ שטעללין פאקקען אללעמען, פון קינדער וואס זיינען דריי טאג אלט ביז די אלטסטע מענשין. אונ מיטעלערע קינדער מוז מען שטעללין פאקקען דעם צווייטען מאהל, אויב עס איז פון דעם ערשטין מאהל שוין פערבייא־געגאנגען מעהר ווי פינף יאהר.

אויב אין שטאדט איז שטילל, דארף מען שטעללין פאקקען נאר געזונטע קינדער פון דריי פירטעל יאהר אן אונ עלטער. דער וועטטער דארף זיין צו דער צייט מילד (ניט זעהר קאלט אונ ניט זעהר הייס). אויב עס הערט זיך איינע עפידעמיע, פערשטעהט זיך דאס מען דארף אויף דעם וועטטער אויך ניט קוקען.

---

# 5) דער שארלאך (שקארלאטינע).

דיעזע קראנקהייט איז איינע שטארקער־אנשטעקענדע, ווי אללע וואס מיר האבען שוין פריער בעשריבען. שקארלאטינע קענן זעהר לייכט איבערגעטראגען ווערין. איהר גיפט איז פילל אין צימער וואו עס ליגט דער קראנקער, דאריבער טרעפט אפטער אז די וואס געהען ארום דעם קראנקען שטיקקען זיך אן אונ ווערין אויך קראנק אויף שקארלאטינע. די גיפט־איינעליך פון דער קראנקהייט האט מען ניט לאנג ערשט געפונדען, זיי זיינען אין בלוט, אין שפייעכטס אונ אין די פרעקקען וואס ווערין אויף דעם לייב. זיי האבען איין אהנליכע נאטור ווי די גיפט־איינעליך פון דיפטעריט. אונ פון דעם קענגען מיר פערשטעהן פאר וואס געהט די שקארלאטינע קיינמאהל אהנע דעם, אז עס זאלל ניט געשוואלען ווערין אין האלז אדער עס זאלל ניט ווערין דער שווערסטער דיפטעריט, געוויס ווי אין וועלכער עפידעמיע. אויך די אנפאלל־צייט פון דיפטעריט אונד שקארלאטינע איז גלייכליך; מעהר ווי זעקס טעג געדויערט זיא קיינמאהל ניט אונ קען אויך געדויערין ניט מעהר ווי פון צוויי ביז פיער טאג.

אויף מאזלען וויסען שוין אללע אז אויף דעם מוז יעדערער קראנק זיין, אונ עס איז זעלטין צו טרעפען אזאלכען וואס האט אויף דעם ניט געקרענקט. אבער אויף שקארלאטינע ווערין ניט אללע קראנק. עס איז דא זעהר פילע מענשען וואס האבען קיין מאהל אין לעבין שקארלאטינע ניט געהאט. ווער עס אין איינמאהל איבער געקומען דיעזע שווערע קראנקהייט, דער איז שוין מעהר־טהיילס פערזיכערט אויף שפעטער. קינדער וואס זיינען שוין אלט צוויא יאהר זיינען מעהר אין סכנה צו בעקוממען דיעזע קראנקהייט. גאר קליינע קינדערליך וועלכע זענין נאך ביי די ברוסט האבען פאר איהר גאר ווייניג מורא. אבער ערוואקסענע יונגע מענשען אונד אפילו בעיאהרטע זיינען שוין ניט בעוואהרענט אויב זיי האבען קינדווייז זי ניט איבערגעטראגען.

מעהרטהיילס בעוויזט זיך די מגפה פון שקארלאטין אין פריהלינג אונד אין הערבסט.

אבער ניט זעלטין פאללט זיא אויך אן אין א נאסען זוממער אדער אין ווינטער. דיעזע קראנקהייט איז פיעל שטרענגער ווי מאזלען. אין איינע מיטעלער עפידעמיע שטארבען אוועק 5 אדער 10 פון הונדערט, אבער אין א שטרענגע עפידעמיע קעננען אויך שטארבען 40 פון הונדערט קראנקע.

## די ערשטע סימנים.

די אנפאלל־צייט געהט דורך אפטער אזוי גרינג אז מען זעהט נאך גאר ניט אן אדער מען פיהלט אזוי ווי מען איז מיד און עטוואס ניט מיט אללעמען. נאך דעם בעווייזען זיך די ערשטע סימנים: דער מענש בעקוממט אללץ גרעסערע היטץ, דערביי קען שוידערן א קעלט אדער ניט. עס טהוט וועה דער האלז אונד נאקען. עס פיהלט זיך א ניטגוטקייט אדער מען ברעכט און מען ווערט זעהר אפגעשוואכט. דער קאפ, הענד און פיס טוהען וועה ווי ביי א צושלאגענעם, און די היטץ איז אונגעהייער שטארק. צוזאמען מיט דעם הייבט אן וועה צו טהון אין האלז, אין וועלכען עס איז שווער צו שלינגען. און ווען מען וויל זיך צוקוקען אין האלז: קען מען דארט בעמערקין ווי עס איז דארט רויט און געשוואלען. שוין אין דיעזע צייט איז דער צונג זעהר בעלייגט און וייס, נאר זיינע ראנדען און דער שפיץ זיינען זעהר רויט. אויב עס הערט זיך אין שטאדט שקארלאטינע, זיינען דיעזע ערשטע סימנים גאנץ גענוג, אז מען זאלל נאך־דיינאך ערווארטען דיעזע קראנקהייט. נאך מעהר בעווייזט דערביי די גרויסע היטץ וועלכע איז ביי קיינע קראנקהייט ניט אזוי שטארק ווי ביי שקארלאטינע. פון דער היטץ איז דער קראנקער זעהער צומישט און רעדט פון זיננען, קליינע קינדער בעקוממען אויך קאנוואולסיען (די קינדערישע זאך). אונד אויך פערקעהרט: דער קראנקער קען זיין טיעף פערטראגען און ליגען ווי איין ליימערנער גולם. אזוי געדויערט עס פון איין מעת־לעת ביז צוויי. באלד נאך דעם אדער שוין צום סוף פון דיעזע שטונדען ווערט אללעס נאך שטרענגער און עס הייבען זיך אן צו בעווייזען די שארלאך (פינטעלעך).

## די צייט פאן אויסשיטטען די שארלאך.

ביי קליינע קינדער איז דאס די שטרענגסטע צייט אין וועלבער זיי קעננען בעקוממען שטארקע קאנוואולסיען. די ערשטע פינטעלעך בעווייזען זיך פריהער פאר אללעמען אויף דעם האלז און אויף דער ברוסט ניט וייט פון האלז *) אונד זייט אין איינע אדער צוויי מעת־לעת בעשיטט עס אין גאנצען דאס לייב. אויב מען וועט זיך גוט צוקוקען, קען מען זעהען אז די פינטעליך זענין זעהר קליין און זיטצען גאנץ געדיכט איינע נעבין די אנדערע הויפען־וייז, און די גאנצע הויט ווייזט דורך זיי אויס העלל־רויט, פלעקקענדיג. נאר מעהר רויט איז אויף דעם האלז, די גאנצע האנד (אונטערזייט), די פיס (פארדערע־זייט) אונד דער הויפט אויף די ארטער וואו עס בייגען זיך אויף די געלענקע (עללענבויגען, קניע, א. ז. וו.).

אין מויל אונד אין האלז ווערט דערביי אויך אללעס שטארקער: די רויטקייט ווערט טונקעלער, דער צונג ווערט נאך מעהר בעלעגט און וייס, אונד וואס וייטער — וייטער שיידעלט זיך פאן דער צונג אפ די אייבערשטע שאהלעכטם. ער ווערט רויט ווי פלייש אונד

*) אבער ניט ווי אין מאזלען, ביי מאזלען ווערין די פינטעלעך צום ערשטען אויף דעם געזיכט.

עס בלייבען אויף איהם קליינע און געדיכט־געזעצטע בארגעלעך, אונד דורך דעם זעהט ער אויס ווי מאלינע (הימבעערע). ניט אללע מאהל איז די רויטקייט פון די פינטעלעך גלייך: אין איינינע פאללען איז זי העללער אונד אין איינינע טונקעלער. אין האלדז איז אויך ניט שטענדיג זעהר שטארק אנגעצונדען, עס איז אללעס נאר לויט וואס פאר איינע עפידעמיע דאס איז;

די שארלאך־פינטעליך בליהען זיך אזוי פון איין טאג ביז עטליכע, און נאך דעם הייבען זיי־אן אפ־צוגעהן. יענע ערטער וועלכע האבען צום ערשטען אויף־געבליהט, יענע ווערין אויך פריהער בלייכער. דער הויפט איז זעהר שוועהר דער צווייטער טאג, ווען עס שיטען זיך אויס די פינטעליך. אין דיזע צייט איז אויך אין האלדז זעהר שוועהר. דער קראנקער ליגט אין גרייליכער היטץ אהנע פערשטאנד און קען זיך ניט ריהרען פון ארט. אבער ווען עס געהט צום געזונט ווערין, פאלט די היטץ ביסליך־ווייז אפ. אין האלדז ווערט אויך גרינגער. אין דער הויט הייבט־אן גרינג צו בייסען, עס בעווייזט זיך אפט שוויים, די הויט ווערט אימער בלייכער אונד עס הייבט זיך אן די שאהלונגס־צייט. —

פריהער פון אללעמען בעמערקט מען אז אויף דעם האלדז ווערט די הויט ניט גלאט, עס ווערין קליינע שפאלטלעך און עס הייבט זיך אן אפצושאהלין קליינע שטיקלעך הויט. דאס איינענע פאססירט אויף דער גאנצער הויט, און שטארקער דארט וואו עס איז געוועזין שטארקער די רויטקייט. פון די האנד שאהלט זיך די הויט אפ פיעל מאהל ווי גאנצע האנדשקעס, אדער זעהר גרויסע בלעטליך. עס קען פיעל מאהל זיך טרעפפין אז נאך דעם ערשטין אפשאהלין, שאהלין זיך איינינע ערטער נאך דאס צווייטע מאהל. ...י געדויערט דיזע צייט פון אכט טאג ביז צוויי וואכען, און דערביי געהט דער קראנקער אלץ גיכער צום געזונט ווערדען.

## שווערע פאללען אונד ביי־קראנקהייטען.

דער הויפט איז אגרויסע סכנה—די שטארקע היטץ ביי דיזער קראנקהייט. אויף פיעלע קראנקע ווירקט די היטץ אזוי פיעל אז די גאנצע בלוט ווערט ביי זיי איבער־געענדערט, זי פערלירט איהרע קראפט אונטער־צו־האלטען דאס לעבען און דער גוף שטארבט נאך איידער עס בעווייזען זיך די שארלאך־פינטעליך.

## די סימנים פון דיזען שלעכטען צו־שטאנד זיינען דיזע:

דער קראנקער ליגט טיעף פערטראגין און אפגעשוואכט. אז מען הייבט אויף זיין האנד און מען לאזט זי אפ, פאלט זי צוריק ווי אטויטע. פון צייט צו צייט בעמערקט מען אז דאך גיבט זיך אקליינער טרייסעל איינינע פון די גלידער. דער צונג ווערט טרוקקען ווי אביין, דאס הארץ הערט מען קוים קלאפען, האנד און פיס זענין קאלט, אבער דער גוף ברענט ווי א העלישער פייער. ביי קליינע קינדער געהט עס זעלטען צו אהנע קאנוואולסיען (קינדער זאך). נאר ווען אפילו דער גוף האלט ווי עס איז דיזען צו־שטאנד אויס, קען ביי איהם פארט די ענטצינדונג אין האלדז איבער געהן אין שווערען דיפטעריט, און דאן בעווייזען זיך די שארלאך־פינטעליך זעהר לאנגזאם, ווי מען זאגט „פויל", זיי זיינען אבער בלייך, אדער בלויליך, אדער זיי בעהאלטין זיך זעהר גיך, אדער עס ווערען קלענערע אונד גרעססערע פלעקקין אויף זייער ארט, אזוי ווי א פלעק פון אשטארקי

קלאפ, ד"ה די בלוט ווערט אזוי וואסערדיג, אז זי גיסט זיך אליין ארטערווייז אויס פון די פיינע בלוט־אדערליך אונטער דער הויט. דערביי בעוויזט זיך אויך בלוט פון דער נאז, פון האלדז, אזוי ווי מיר האבען שוין בעשריבען.

אין געוועהנליכער שקארלאטינע איז דאך דער כלל, אז באלד ווי עס בעווייזן זיך די פינטעליך, זא פאלט די היטץ אפ. אבער אין שווערע פאלען איז ניט אזוי: די היטץ פערבלייבט נאך אין דער אייגענער מאס, דער קראנקער פערליערט נאך מעהר זיינע קרעפטען, דער צונג אונד די צאהנפלייש ווערט בעדעקט מיט אשווארצקייט, אונד דער קראנקער האלט ניט אויס. און אויב אפילו עס גדויערט נאך, שטארבט ער דאך אוועק פון א ביי־קראנקהייט, וועגן וועלכע עס וועט באלד זיין די רעדע.

וועגן דיפטעריט וועלכער קען לייכט ביי־קוממען צו שקארלאטינע, דארף מען אפטער בעקוקען דעם האלדז.

אויסער דיפטעריט קענען די מאנדלען ווערן אזוי טיעף און שטארק אנגעצונדען אז עס ווערט די בראנד. דאס ערקענט זיך אין דער שווארצקייט אונד טונקעל־בלויקייט פון דעם מאנדלען־געשווילעכטס. עס ווערט אייטער אונד עס פאלען ארויס שטינקענדע שטיקלעך־הויט. דעם עיפוש הערט מען שוין באלד ווי מען קומט אריין אין קראנקענס צימער.

די ענטצינדונגען אין האלז קענען איבער־געהען אונטען־ארום אין נאז אריין. דאן הייבט אן רינען שיטערע שטינקענדע אייטער פון דער נאז און עס צעהרט די אויבערשטע ליפפ אונטערן נאז. אויך קען עס איבער־געהן אין אויער, און שוין אין גליקליכען פאלל ווערט מען טויב; עס קען אבער זיין נאך ערגער.

אויך קען אנגעשוואלען ווערן אין־גאנצען דער האלז, באלד אונטער די אויערן אונד נידעריגער, און דאס קען גדויערן א מאנאט אונד מעהר. עס קען דער־ביי ווערן גרויסע אונד טיעפע געשווירען אויף דיזע ערטער, אונד וויקען אזוי שלעכט אויף דעם קראנקען אז ער מוז אומקוממען פון דער וועלט.

צום סוף פון דער צווייטער אדער דער דריטטער וואך, און אמאהל אויך א סך פריהער קען פיעל מאהל צו־קוממען א שווערע ניערען־קראנקהייט, וועלכע איז וועניג געוועהנדעט אין דעם צי דער קראנקער האט זיך פערקיהלט אדער ניין. עס קען טרעפפען אז פון פערקיהלונג זאלען ניט ענטצונדען ווערן די ניערען, אונד פערקעהרט: עס קען זיין אז דער קראנקער האט אין גאנצען די צייט ניט אנגעזעהן קיין פרישע לופט און האט זיך געשטיקקט אין אווארעמער שטוב — און דאך ווערט ער קראנק אויף דיזע שווערע קראנקהייט. — דען דאס איז נאר געוועהנדעט אן דעם כאראקטער פון דער מגפה. אין איינינע קוממען־צו אזעלכע ביי־קראנקהייטען, און אין איינינע קוממען־צו אנדערע, ווי אמאהל עס טרעפט. עס קען אנהאפין די ניערען־געשווילעכטס אפילו ביי דער גרינגסטער שקארלאטינע.

## די ערשטע סימנים פאן ניערען־ענטצינדונג זיינען דיעזע:

עס בעוויזט זיך היטץ, מען הייבט אן ברעכען און עס טהוט וועה אין רוקען נאהענטער צו די לעצטע ריפפען פון ביידע זייטען נעבין דער שדרה. די השתנה (אורינע) בעוויזט זיך זעהר וועניג אונד זי איז טונקיל אונד פיעל מאהל אויך מיט בלוט. אויב מען

לאזט די השתנה שטעהן, זעצט זיך אפ אונטען אין גלאז א ברוין־רויטע געדיכטקייט. נאך בעססער איז צו מאכען דיעזע פאלגענדע פראבע: אין אריינעם זילבערנעם לעפעל נעהמט מען אביסעל פרישע אורינע פון דעם קראנקען און מען ערהיצט זי איבער אלאמפע אדער איבער אליכט, דאן ווערט זי באלד אויפגעקאכט און ווערט ווייס ווי מילך. נאך מעהר איז בעשטימט אז עס הייבט זיך אן דיעזע קראנקהייט, ווען מען בעמערקט אז דער קראנקער זעהט אויס בלייך און דער פנים אונד נעבין די אויגען איז אביסעל ווי אנגעשוואללען, דאס זעלבע איז אויף די פיס. אויך פיעל מאהל אז עס ווערט א וואססער־געשווילעכטס איבער דעם גאנצען גוף, דיעזע געשווילעכטס קען טרעפפין נאך פריהער פון אלע סימנים וועלכע מיר האבען דא פריהער בעשריבען.

דיעזע ביי־קראנקהייט איז געוויס געפאהרליך, נאר צום גליק קען מען דען קראנקען פון איהר רעטטין, אויב מען פערלאזט זי ניט. ווען עס געהט אבער שלעכט, דאן פערהאלט זיך די אורינע, און איהרע זאלצען פערגיפטען די בלוט, דער קראנקער בעקוממט קאנוואולסיען און שטארבט אוועק. אויסער דעם קען די וואססער־געשווילעכטס אונטערגעהען ביז צום הארץ און לונגען און דערשטיקען דען קראנקען.

אויך געפעהרליך איז אז עס קוממט־ביי צו דער שקארלאטינע אזוי ווי איין מין רעוומאטיזמוס אין אללע געלענקען. דער עולם קוקט איבער־הויפט אויף רעוומאטיזמוס זעהר גרינג צו, דאס איז איין פעהלער איבער הויפט, אונד אין דער שקארלאטינע איז דאס זעהר געפעהרליך. ווי זעלטען עס ווערט אייטער־געשווילעכטס אין די געלענקע (אקסעל, עלענבויגען, קניע) ביי געוואהנליכען רעוומאטיזעם, דאך אין דער שקארלאטין איז עס ניט זעלטין. אויסער־דעם ביי יעדער רעוומאטיזמוס קען ווערין אנגעצונדען די הייטלעך פון הארצין און מען קען פלוצלונג בעקוממען איין הארץ־פעהלער, אדער עס קען אנגעצונדען ווערין די הייטלעך פון די לונגען, פון די געדארעם, פון מארך א. ז. וו. אויסער אללעם קענען ביי שקארלאטינע אנפאללען די איינענע ביי־קראנקהייטען ווי ביי מאזלען, און איבער־הויפט די שארפע שווינדזוכט (טשאכאטקא).

אללע דיזע קראנקהייטען קענגען בעפאללען דען קראנקען, אפילו ווען די שקארלאטינע אליין איז געגאנגען גרינג און די הויט האט זיך שוין אנגעהויבען צו שאהלען.

עס מאכט זיך אמאהל אז די מגפה פון שקארלאטינע געהט־דורך זעהר גרינג. עס קען דערביי אבער גאר ווייניג־וואס אויס־שיטטען אויף דער הויט אדער אפילו אויך גאר ניט. איבער־הויפט בעמערקט מען עס ביי גרויסע מענשען וואס זיינען אלאנגע צייט געוועזין נעבען דעם קראנקען; עס טהוט זיי אבער אויך וועה אין האלדז און זיי זיינעו זעהר אפ־געשוואכט. מיר מוזען עס וויסען, ווייל אזוי איין קראנקער קען אנשטעקקין פיעלע אנדערע און דער עולם וועט ניט וויסען, ווייל מען זעהט ביי־איהם ניט קיין שארלאך־פלעקין! *).

## די פפלעגע אונד ערשטע הילף.

דער גאנצער צוועק ווען מיר האבען צו טהון מיט איינעם אנשטעקקענדען קראנקין, איז ניט נאר ארום איהם אליין און איהם צוועק־מעססיג צו בעהאנדלען, זאנדערין איבער־הויפט

*) היינטיגס יאהר זענען אין פינסק עטליכע פרויען פאן 40 יאהר אלט קראנק געוועזען אויף שקארלאטינע אונד נאכהער פאלקאממען געזונד געווארדען.

שטרענג אפצוהיטען אז מיר אליין אונד אויך אנדערע זאללען זיך ניט אנשטעקקען, דארום בעקונדיגע איך נאך א מאהל אונ דערמאהן דעם לעזער, אז מען זאלל ווי צום שטרענגסטען אפטהיילען דען קראנקען אונד איהם בעהאנדלען ווי מיר האבען גערעדט ביי דיפטעריט אונ אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען!.

אין איין אייגענעם אומגליק זאלל מיין ניט פערגעססען ווי פיל אנדערע

מען קען אומגליקליך מאכען אונד אוועקנעממען פון דער וועלט!!.

וועגען דעם עססין־געבען, וועגען דער לופט אין קראנקענס ציממער, אונ וועגען דעם ווי צו האלטען ריין דען מאגען אונד געדארעם, קעננען מיר נאר ווידערהאלען דאס זעלבע וואס מיר האבען גערעדט ביי מאזלען. נאר וועגען דעם ווי צו שטיללען די אונגעהייערע היטץ ביי דעם שארלאך־קראנקען מוזען מיר זאגען נאך אמאהל: זעהט שטעהרט ניט דעם דאקטאר אז ער הייסט מאכען באדליך (וואנעס) 2 אדער 3 מאהל אין טאג. געדענקט אז דאס נעהמט אוועק פיעל היטץ, עס ערפרישט דען גוף, אונד פיעלע היטץ־קראנקע ווערין דורך דעם נצול פון געוויססען טויט און פון די געפאהרליכסטע קראנקהייטען, וועלכע ווערין נאר דורך די שטארקע היטץ (קאנוואולסיען, בלוטונגען, שווערער פארטראגענער־שלאף, ריימענע שוואכקייט). אויסער דעם ווי אויך ביי מאזלען, האט ניט קיין מורא צו לעגין אייז־קאלטע נאססע טיכער אויף דעם קאפ, (די האאר שערט מען אפ). אייז־קאלטע טיכער אויף דעם האלז אויב עס דריקט צו אין האלז א. ז. וו. דאס מאכט נאר געלאססענער די היטץ אונ די ענטצינדונג. אבער פערקיהלען קען מען מיט דעם קיינמאהל ניט.

באלד ווי מען דערזעהט אז דער קראנקער ווערט זעהר אפגעשוואכט, דארף מען באלד איהם געבען גוטען אלטען וויין: אונגער־וויין, טאקאיער Nr 5, אלטען רהיין־וויין, מאזעלער וויין גוטען אונד שטארקען, גוטען שאמפאניער. אויב דאס קינד איז קליין גיבט מען איהם פון 20 ביז 40 טראפפען וויין אויף דער־העלפט מיט ריינע וואסער. אויב דער קראנקער איז פון 8 ביז 12 יאהר אלט, גיבט מען צו קאפפע־לעפעליך אלע צוויי שטונדען, מיט וואססער אויף דער העלפט, אדער ריינעם וויין, ווי דער קראנקער קען איבער טראגין. אויב דעם קראנקין לאקסירט זעהר, גיבט מען איהם די זעלבע ווייגען אויף דער־העלפט מיט גוטען אלטען רויט־וויין (בארדא־סען־זשוריען). אז דער קראנקער איז שוין געגעזין געווארין נאר ער מוז זיך קרעפטיגען, איז זעהר גוט דער סאנט־ראפאעל וויין אדער היגא־אייזען־וויין.

אז עס בעווייזען זיך די שארלאך־פלעקען, איז ניט שלעכט איינצושמירען דען גאנצען גוף מיט ריינע חזיר־שמאלץ אדער וואזעלינע (Vaselin, אין דער אפטעקע) צוויי־מאהל אין טאג, פון דעם ווערט די הויט ווייכער אונ עס שפארט ניט אזוי דער וועהטאג אין איהר.

געגען די הארטע געשווילעכטס אונטער די אויערען אונד נידעריגער ביי די זייטען־האלז, איז די ערשטע הילף צו־צו־שטעלין 2 אדער 3 בלוט־איגעל (פיאווקעס) פון ביידע זייטען, אויב מען קען זיך ניט איין עצה האלטען מיט אדאקטאר.

געגען די נירען־ענטצינדונג, איז דאס בעסטע באלד צו־לעגען א זענפט־פלאסטער (גארטשיצע) צום רוקען אלע צוויי שעה 2 מאהל אין טאג, אונד זעהר ווארעם איינוויקלען אין נאססע ווארעמליכע טיכער אונ אין גראבע ווארעמע קאלדרעס, כדי אויף־גיכסטען ארויס צו־רופען שוויים, אונד אויסער ריינע מילך (ווי מעהרער) דעם קראנקען גאר ניט געבען צו עססין ביז ער וועט פארלאססען געוועזען ווערדען.

דען קראנקען דארף מען האלטען אין בעט ביז עס בייטעט זיך איבער אין גאנצען די הויט, ד"ה ביז צום סוף פון דער שאהלונגס־צייט. נאר ארויס לאזין אויף דער גאס, מעג מען ערשט אין צוויי וואכען ארום נאך דעם ווען דער קראנקער איז פארקאממען געגעזין געווארדען, אונ דערהויפט אז דער וועטטער איז אויף דרויסען ניט ווארעם אונ נאסס.

# פערשידענעס

## מוסר פאַר אַלע

אַלע זאַכען וואָס זייער ציעל איז צו־בעססערין די מענשען, קען מען רופען מוסר, אָדער מוסר־ספרים. אַלע ראָמאַנען, נאָוועלען, טהעאַטערע, זענען זעהר פיינע מוסר־ספרים. אין זיי בעטראַכט־מען צו־וואָס אַפאַלשע ליבע קען ברינגען, וואָס קאָרטענשפּיל קען פון אַמענשען מאַכען, וואָהין שכרות קען פאַרפיהרען.

אַרעסט, אַסטראָגין, עשאַפאָטין, זענען אויסגעצייכענטע מוסר־ספרים. די קייטען, דאָס שטעהן אויף דעם עשאַפאָט, דאָס וואַרטין אויף דעם פסק־דין, און דער קיום־הפסק אַליין, מוסרין גוט דעם מענשען ער זאָל זיך היטען פון גנבה, גזלה, רציחה, פון אַלערליי פאַלשען, און אפילו פון באַליידיגען איינעם מיט אַגראָב וואָרט.

די גאַנצע פאָליציי מיט איהרע בעאַמטע, איז אַהערליכע פאַר־רעדע צו די טייערע מוסר־ספרים.

יעדער מגיד, יעדער דרשן, יעדער פּרעדיגער, איז אַלעבעדיגער מוסר־ספר. זייערע מינעס, זייערע תנועות, זייערע קרעכצען און אַכצען, פליעסען־אַיין אַליבע צו גוטע מעשים און לערנען אויס־מיידען שלעכטעס.

אַלע חדרים, גימנאַזיומס, ישיבות, אוניווערזיטעטין, זענען אויסגעצייכנטע מוסר־ספרים. אין זיי לערענט מען תורה חכמה און פרומקייט. וועלכע פערעדלען דאָס הערץ, פערפיינערן די געפיהלע און לייטערן דעם פערשטאַנד.

בקור־חולים'ס, שפּיטאַלע, אַלע קראַנקען־הייזער, זענען זעהר ריהרענדע מוסר־ספרים. די ביטערע טרויעריגע אוי'ען און וועה'ען ביי די שמערצען, די שטעכיגע געשרייען ביי די אָפּעראַציאָנען, דאָס ראָכעלן (האָרכלען) אין האַלז ביי דער גסיסה, דאָס לעצטע אַרבייטען מיט די זייטען, קענען אַשטיינערנע האַרץ אויך ווייך מאַכין, דעם גרעסטין טיראַן אויך ריהרען.

די אַלטקייט, דער געבויגענער רוקען, די קנייטשען אונטער די אויגען, די גרויע האָאר, זענען אויך גאַנץ טייערע מוסר־ספרים. דער אַלטער פיהלט ווי אַלע תאוות פאַלען ביי איהם אָפּ אייניציג־ווייס ווי די פאַרוויאַלעטע בלעטליך פון די בוימער אין אָסיען. ער מערקט ווי זיין געדאַנקענס־קראַפט איז איהם אונטערביי געוואָרין. פון טאָג צו טאָג ווערט ער אָפּגעקיהלטער, און קוקט שוין קאַלט־בלוטיג אויף אַלעם וואָס איהם האָט פריהער געבייצט. דאַרף מען דענן אַשאָנערין און אַבעסערין מוסר־ספר.

דער הייליגער־אָרט, גאָטטעס־אַקער, וואו די מענשען ליגען אויסגעזאָהעט ווי די קאָרנדליך תבואה. די שטיבלעך, די מצבות דאָרט, זענען אויסגעצייכענטע מוסר־ספרים.

יעדעם גראזעלע , יעדער בלעטיל פון די בוימער וואס וואקסען דארט , איז אבלאט פון דעם טייערן מוסר־ספר . איהם קען יעדער לייענען און פערשטעהען . עס איז זעהר קלאהר און דייטליך געשריבען , און עס איז מאקי נאר פאר איהם געשריבען , ער זאל זיך דער פון נעהמען א מוסר .

היינט וואס פאר אהויבער און הייליגער מוסר־ספר אונזער יום כפור איז ! מעהר ווי א מעת־לעת פאסט דער יוד , ער שלאגט כפרות , ער שלאגט זיך מלקות , ער שלאגט זיך בערך אכט־הונדערט קלעפ אין הארצען , ער טהוט תשובה , ער האט חרטה , ער בעט , ער וויינט פאר זיין ליבען נאמען ער זאל איהם פערציהען אללע זיינע פעהלער וועלכע ער האט בעגאנגען אין דעם פערגאנגענעם יאהר , און נעהמט אויף זיך ער זאל אין קינפטיגען יאהר זיך בעססערן .

זעהט איהר טייערע פריינד און ליבע לעזער מיינע , ווי פיל פיינע און טייערע מוסר־ספרים מיר האבען ; קען דען איינער פון אונז לייקענען , אז יעדעם פון די אויבען־געגאנטע זאכען איז אין שטאנד ניט נאר מאכען דעם מענשען פאר א מענש , נאר זאר אפילו ער זאל ווערין גאנץ הימליש אזוי ווי א מלאך , און גאר ניט וויסען פון קיין שלעכטם .

און דאך לײדער זעהען מיר און הערען פון אלע זייטען , אז אין דער ווירקליכקייט איז ניט אזוי , און אז עס קומט צו דער־מעשה פארגעסט מען זיך אלץ , די טהעארייע (לעהרע) מיט דער פראקסיס (פראקטיקע) געהערין זיך גאר ניט אן — אזוי ווי די קליינע קינדער וועלכע זאגין טאג טעגליך ברכה : „איך וועל פאלגען וואס דער טאטע הייסט , וואס די מאמע הייסט”, און אז דער טאטע אדער די מאמע הייסען עפים , זא פאר עקשנות זיך דאס קינד און וויל מאקי בשום אופן ניט פאלגען .

ניט נאר די וואס לייענע ראמאנען , ניט נאר די וואס בעזוכען טהעאטערע , נאר אפילו דאס רוב ראמאנען־שרייבער אליין , אויך אקטארין און אקטריסעס זענין דאס רוב שטארק געהאפט אין אלע מדות רעות וואס זיי שטעלין אליין פאר זייער שאנדליכקייט . ווען מען זאלל אונז לאזען זאגין די וואהרהייט , וואלטין מיר זיך גאנץ פריי און גאנץ דרייסט אויס־געדריקט , אז גראדע ביי די אויבענגעדאכטע לייט איז מעהר און שטארקער ענטוויקעלט קארטענשפיל , שכרות , אויך פערריקטע ליבעס און פיל אנדערע פערדארבענע זיטטען ווי ביי אנדערע מענשען .

ניט נאר די פערדארבענע וואס געהן פארביי דעם אסטראג , ווערין ניט גערירט און מערקען ניט די מוסר־ספרים , עס זאלל זיי אפהאלטין פון זייערע נידערטראכטיגקייטען וואס זיי זענין געוואהנט צו טוהן , נאר אפילו די ארעסטאנטען אליין , ווי אויך די פאר־משפטע און די פארשיקטע אנטלויפען אפט און מאכען ווידער זייערע פריהעריגע געשעפטין .

פיעל פאליציאנטין און אנדערע בעאמטע דינען ניט פאר קיין מוסר־ספר , ניט נאר פאר אנדערע , נאר פאר זיך אליין אויך ניט . מאנכע פון זיי גיבען אפט זעהר שלעכטע ביי־שפילע מיט זייערע האנדלונגען , זיי אכטען שטילערהייד מעהר דעם גנב איידער דעם ערהליכען מאן , ווארום פון דעם אונערהליכען מענשין האבען זיי נוטצען , מאנכעס מאהל פשוט אטהייל , און פון ערהליכע לייט האבין זיי גאר נישט .

ניט נאר די וואס הערין די מגידים , די פרעדיגער , ווערין ניט געבעסערט דורך זייערע דרשות , נאר אפילו די מגידים און די פרעדיגער אליין האלטין זיך ניט שטארק אן זייערע

רעגעלן. און וואו קיינער זעהט ניט און וויים ניט, זענין זיי אויך אפט גרייט דאס צו טוהן וואס זיי האבען דערויף געארבייט מעשים אין זייערע דרשות, יאגען זיך נאך כבוד, און געלד ליבען זיי פיל מעהר אלס אנדערע מענשין.

ניט נאר חדר־יונגלעך, ישיבה בחורים, גימנאזיסטען און סטודענטין ווערין וועניג אדער וועניגער פון וועניג געזיטעט דורך זייערע חברים, ישיבות און אקאדעמיען, נאר אפילו די מלמדים אליין, די ראשי ישיבות, די לעהרער, די פראפעסארין זענן מאנכעס מאהל אונגעזיטעטער ווי אנדערע.

ניט נאר די וואס געהן פארביי דעם בקור־חולים, אדער די וואס בעזוכען איהם אמאהל, געהען זיך ניט צום הארצען צו בעטראכטין וואס דער מענש איז און צו וואס ער איז אונטערווארפען, אום דורך דעם צו ווערין ווייכער און בעסער; נאר אפילו דער גבאי אליין וועלכער בעזוכט איהם זעהר אפט, און דער נאמן וועלכער זיצט דארט שטאנדיג, קוקען אויך ניט אויף די שמערצליכע וואונדין און אפעראציאנען, און מאכען אפט בשותפות העלמות אדער גנבות פשוט פון די פריפאסען וואס זענין בעשטימט געווארען פיר די קראנקע נעבאך.

ניט נאר דער פופציג—זעכציג יאהריגער, נאר אפילו דער זיבעציג—אכציג יאהריגער פערגעסט זיינע יאהרין און טוהט אפט די זעלביגע נארישקייט וואס דער זיבצעהן—אכטצעהן יאהריגער טוהט. דער גרייז וויל ניט וויסען פון זיין עלטער און מאכט אויך אנייטע רייזע אן־גענומען א געשעפט, און מאכט אויף איהר אקאנטראקט אויף אכטצעהן יאהר דוקא. זא איין אלטער לאזט אויך סטראיען א מויער, און זוכט מאטראיאלען דויער־האפטע (לאנג־געווערעוודיגע), ער נעהמט אדריטע פרוי און מיינט נאך צו פערפיהרען אנייע וועלט. ער ברויכט אלע היטראסטען, ער בעניצט זיך מיט אלע פאלשהייטען, און אפט איז רעכט טאקי פשוט טוהן איין עבירה. דער פון זעהט מען ווי אפילו די גרויע האאר מיט די קנייטשען ווירקען אויך ניט.

ניט נאר דער וואס פאהרט אדער דער וואס געהט פארביי דעם בית עולם, פאלט איהם ניט איין דער געדאנק אז מען דארף זיך בעסערין, נאר אויף דעם בית־עולם אליין ווערין אפט אפ־געארבייט די שענדליכסטע זאכען. מען שמועסט ניט פון דעם גבאי׳ם גאוה, פון די שמשים׳ם שכרות אויף דעם היילגין ארט, נאר וויפיל גנבישע זאכען ווערין דארט אפט בעהאלטין, וויפיל מצבות ווערין אפ געהאקט אויף האלץ, וויפיל תכריכים ווערין דארט אראפ־געצויגען פון מתים, און וויפיל חתונות ווערין דארט אפגעשפיעלט, ניט אין דער חאלערע צייט!...

היינט מיר זאלין נעהמען בעטראכטין מיט אקלאהרין קאפ, אונזער פיינסטין אונד היילגסטען מוסר־ספר, וועלכין מיר בינדען־איין אין אזא פראכטיגען בונד, מיט פערשידענע פארבען: פאסטען, וויינען, בעטין, תשובה, חרטה — אונזער יום כפור מיין איך, אויף וויפיל ער ווירקט. זעהט נאר אויף מארגען צו „גאטס־נאמען”, געהט דען ניט דער גנב פארקויפען די גנבות וואס ער האט גיגנבעט פאר יום כפור? הערט דען אויף דער קרעמער צו געבין שלעכטע סחורה אנשטאט גוטע? צו מאכין שאהער מאכער אין וואג און אין מאסס, און באשטאטיגען אלע ליגען מיט פאלשע שבועות? הערט דען אויף דער שניידער אראפ־מאפין יתור? הייבט ער דען שוין אן צו האלטען ווארט און אפ־ברענגין די ארבייט צו דער צייט? הערט דען אויף דער פראצענטניק רייסען די הויט ביי זיינע ארעמע בעלי חובות?

הערען דען אויף די קהלישע בעלי־טובות צו באגראבען ארעמע לייט פאר געלט ? הערען דען אויף אלע פאקטורים, מעקלער און שדכנים צו האקען ליגענס און פארפיהרען מענשען אין בלאטע ? און ניט נאר צו „גאטס־נאמען" נאך יום כפור, נאר אפילו באלד מוצאי יום כפור אליין קוממענדיג פון שוהל, די אויגען האבען זיך נאך ניט אין גאנצען אפגעטריקענט פון די טרערין, די הערצער קלאפען נאך פון די על חטא"ין מיט די אשמנו"ס. הערט מען דען ניט אפט קריג צווישען מאנגער מיט זייערע פרויען, צווישען ווירטענס מיט זייערע דינסטין ? צווישען בעלי בתים מיט שכנים, פאר דעם פלאץ פון דעם פלאקין וואס מען שלאגט אריין אין סוכה ? בערעדט מען דען ניט איינער דעם אנדערין און נאך מעהר איינע די אנדערע : ווי דער איז שוואך אין עברי, דער האט זיך קוים קוים „אשמנו" געשלאגין, דער איז ניט פארמענע „כורעים" געפאלין און נאך אזעלכע נארישע קליינינקייטען ? און נאך מעהר : מיר מעגין אביסעל טיפער אריין־פאהרען אין דער ווירקונג פון אונזער הייליגען טאג יום כפור אליין. טאקי אין דעם „יום אחוה ורעות", אין דעם טאג פון ברידערשאפט און פריינדשאפט — ווערט מען דען ניט בלוט־פיינד איינער דעם אנדערין פאר אזעלכע נארישקייט וואס פארדינען גאר ניט וועגין זיי צו ריידען, פאר איין ארט, פאר א ווארט, פאר איין עליה (איטליכע עליה איז דאך צו גאטעס תורה), פאר א פתיחת־ארון ? און וויפיל לשון־הרע און רכילות הערט מען זיך אן אין שוהל אום יום כפור אליין ? —

נאר נאך די אלע ריכטיגע באטראכטונגען וועלכע זענין דא פארגישטעלט געווארין, ווי אלעס איז פאלש, ווי קיין זאך ניצט ניט, ווי אלע קלוגע אונד פרומע זאכען זענין ניט אין שטאנד צו בעססערין דעם מענשינ'ס פערדארבענע הערץ — קען מען דאך ניט לייקענען אז אהן זיי וואלט דער מענש נאך ערגער געוועזין, אהן בילדונג און אהן ביכער און אהן שוהלין און אהן פראדיגער, אהן פאליציע און אהן אסטראגען און קערקערהייזער, וואלטען אלע מענשין געוועזין ווילדע. ווער וואלט זיך גענוממען די מיה צו בערעכענען אז ליגענט איז פאלש און אונרעכט איז נידעריג ? ווער וואלט זיך וועלין דעם קאפף ברעכין קלעהרין אונד דיינקען ווי ווייט און ווי פיל מוז דער גוף אפפערין צו־ליב דער נשמה, און ווי פיל דאס הערץ מוז נאך־געבין דעם קאפף, וויפיל יעדער איינציגער דארף אפפערין צו ליב דעם כלל, וויפיל די רעגירונג מוז כבוד געבין דער רעליגיאן, און ווי ווייט די רעליגיאן מוז כבוד געבין דער רעגירונג, און נאך פילע אזעלכע שווערע און פערפלאכטענע פראגען ? —

„יצר לב האדם רע מנעוריו" — זאגט אונזער הייליגע תורה, דאס הייסט : דעם מענשינס הארץ מיט זיינע געדאנקין זענין מעהר געניגט צום בייזען איידער צום גוטטען. שפארט אן א מענשין עפים א תאוה, וועט קיין פהילאזאפיע ניט העלפין. מוסר־ספרים קענין קיין הונגער ניט שטילין. נאר שטעלין אלע תאוות אויף דען ריכטיגען פונקט, אט דערויף דארף מען דעם מוסר. גוטטע זיטטען אהן ארעכענונג קעננען אפט זעהר שאדען. למשל : רחמנות האבען אויף מערדער צו געבין זיי שארפע מעססער ווען זיי בעטין, איז דער גרעססטער פערברעכין. בעשטראפין אקינד פאר א אונרעכט איז א וואהלטהאט. עס איז א מצוה אלע טאג צו עססין ווי אין א תענית צו פאסטין, דען די ביידע זאכען הייסט אונז דער הייליגער באשעפער. די ערשטע דורך דער נאטור, אונד די אנדערע דורך דער תורה. עס איז א מצוה זעקס טאג צו ארבייטין, ווי דעם זיבענטין טאג צו רוהען, ארבייטען הייסין אונז אונזערע בעדערפניסע, אונזערע הילפלאזע עקזיסטענץ, אונד רוהען הייסט אונז אונזער הייליגע תורה. ווען מען זאל אגאנצע וואך ארום גיין לייריג, וואס פאר א טעם וואלט דאן געהאט די שבת־דיגע רוהע ? — דאריבער קען דער יצר הרע האבען אלע מאהל זיינע

תירוצים. ער קען אללע עברות מאכען פאר מצות און מצות מאכען פאר עברות. ער איז שטענדיג גרייט צו געפינען אויף אללעם א היתר. דאריבער איז ער ביי אללעמען אזוי חשוב. ער איז איין אנגעדונגענער אדוואקאט ביי אללע מענשען, ער זאלל זיי פאר־ענטפערן און פארגלעטטען זייערע אללע נארישקייט. דער עולם זאגט: „גיב דעם שטן איין האאר, וועט ער דיר מיט־שלעפען ביים גאנצען קאפף“. „ווער נאר מיט איהם עטוואס אמרותן, בימטו שוין אין גאנצען זיינער בהלוטין“. ער איז חיטרע קלוג און האט גרויססע צדדים. ער קען פערדרייען די קלאהרסטע געזעטצע און אויס־ווייזען אז נאכט איז טאג און ערד איז הימעל. — נו, צו נעמקען אזא אשארלאטאן א אדוואקאט, דארף מען האבען גוטע פראקוראָרען וואס זאלען קענען איהם שטעהן אנטקעגען. אזעלכע פראקוראָרען וואס זאלען אללע ווייטע אפענען דאס געזעצבוך און פאר־לעזען איהם יעדע סטאטיא און יעדען פאראגראף, און ערקלאהרען אללעס מיט פערשטאנד, און ניט לאזען איהם פערדרייען און פארקריפלען די וואהרע ווערטער און פארדונקלען די ליכטיגע געזעטצע. אזוי דייטליך און קלאהר פאר־לעזען אונד ערקלעהרען איהם, אז ער זאלל זיך מוזען שאהמען, און ניט־וועלענדיג רויט און בלייך ווערן. אזא פרעכער אדוואקאט ווי דער יצר הרע איז און דאצו פאר אזא גרויסע סומע ווי יעדער צאהלט איהם, דארף האבען ניט איין פראקוראָר נאר עטליכע. אויך ניט קיינע וויכע פראקוראָרען נאר גאנץ־האַרטע מיט אייזערנע און שטיינערנע כאראקטערן. —

אזעלכע פראקוראָרען האט אנידער־געשטעללט די נאטור, דער פערשטאנד, די רעליגיאן, די רעגירונג, און די מענשהייט. די נאטור האט בעשטעלט דאצו: עלטער אונד קראנקהייטען אונד אויך וועהטיגען. דער פארשטאנד האט ארויס־גערופען: בילדונג אונד ערציהונג, אויך אלעהליי ביכער און טהעאטערע. די רעליגיאן האט געפיהרט צו דער שבועה; איהרע לייט: תעניתים, תפלות, יום כפורים. די רעגירונג פון איהר־זייט האט אויך געשטעלט וואהלע יונגען: פאליציאנטען, אסטראגען, עשאפאטין. די מענשהייט האט אויסגעקליבען: רבנים, מגידים, פראדיגער, פריסטער, די שרייבערײ, די זאגערײ, די מאכערײ, די שטראפען. דיעזע אללע ווירקען דאך מעהר אדער ווייניגער אויף די מענשען. דער שרייבער, דער זאגער, דער מאכער, דער בעשטראפער מעגען זיין ווער זיי ווילען, דען אהן זיי וואלט יעדער ליגנער געוועזען א גנב, יעדער גנב — א גזלן, יעדער גזלן — א מארדער, קורץ יעדער וואלט געוועזען ערגער ווי ער איז. — ווי די זאך איז, מוז דאך יעדער מענש זעהען און הערען פון אללע זייטען די ביטערע וואהרהייטען וואס אללע זאגען איהם אין די אויגען. מען ציילט איהם איינציג־ווייס זיינע חטאים: די אשמנו'ס מיט די על־חטא'ן, די מגידים מיט די לעהרער, די ראמאנען מיט די טעאטערן, בעשולדיגען איהם אין די אויגען און ער מוז שווייגען. יעדער חולה, יעדע לויה, יעדער בית־עולם גיבט דאך א שטאך אין זיבענטען ריפ און דער מאנט דעם סוף, וויפיל מאהל רופען די חברה ארוים טרעהרען, וויפיל מאהל ברענגען זיי צו חרטה און צו בעססערונג, מעהר אדער ווייניגער! וויפיל ערצטע פאר־זאגען שטרענג: ניט רייכערן און ניט טרינקען קאווע, און דער גלייבען — און זיי אליין רייכערן און טרינקען און טוהן אללעס וואס זיי האבען יענעם פערזאגט. עס איז אבער דערפון קיין בעווייז אז דאס שאדט ניט, נאר אז דער דאקטאר אליין קען ניט ברעכען די נאטור. דען די תאוות, די געוואהנהייט, איבער־מאכטיגען איהם. דער מגיד, דער אקטאר, זענען נאר כלים, דורך וועלכע דער מוסר געהט דורך. אשיינער ארגאן אז ער שפיעלט רידהרט דעם הערער, האטש דרייען דרעהט איהם א געמיינער קעריל. דאריבער איז זעהר רעכט הערען גוטע פראדיגער, אויך לייענען

אינטערעסאנטע ראמאנען , בעזוכען שיינע טהעאטערע. דען וואהרענד דער פראדיגער זאגט, דער אקטאר שפיעלט זיין ראללע , מיינען זיי עס דאך ערענסט. זייא גיסמען אויס זייערע נאראטע געפיהלע , און וואס עס געהט ארויס פון הארץ געהט אויך אריין אין הערץ , און עס בלייבען די ווערטער דאך אויף א צייט. ניט נאר דער פערשטאנד זאלל זיי פאססען נאר די געפיהלע זאלל זיי פערדויען , וואלט מאקי געוועזן אין אנדערע וועלט , מענשען וואלטען זיך גאר אנדערש געפיהרט.

גלוחאוו.

**אלעזר צבי הכהן צוויפעל.**

# איין קליין בינדעל בלומען.

## פון פערשידענע גערטנער גענוממען

פאר די לעזער

אנשטאט די זשארנאלישע איבער–נאטורליכע אונגעשעהענע מעשיות . צב"ש : מיט אקארגען א בעל־צדקה , אוואכערניק א בעל־רחמנות , א קהל'ס מאן א בעל־נאמנות , א גביר אהן גאוה, א מחבר (פערפאססער) אהן טיטולען , א שדכן אהן ליגענס , א יודישע טאכטער אהן צירונג, א מלמד אהן אלונגען–פעהלער, א נארר אן וויטצען (גליבע ווערטליך), א שיינקער אהן נבול־פה , א מיאוסקייט אהן קאקעטסווא , א קרעמער א ראיעלער מענש, א שוהלקען אהן פעטש , א פוילישען גוטען־פריינד פון ליטוואקעס, א חסיד–פון מתנגדים , א אויפגעקוממענער גביר א עדעלמאן, א יונג חסיד'ל אהן א פאפיראס, א מיטעלער מענש אהן א מאגענקאטאר , איין עם־הארץ אהן תורה־ווערטליך , א יונג־ווייב'ל אהן ספאזמעס, א קלויזניק אהן מערידין. א ליטוואטשקע אהן קללות , גבאים און משרתים אהן גראבע בייכער , א חזן א ירא־שמים , א בייביקער ניט קיין טאטעוואטער , א עזות־פנים אהן חנופה , א ליטוואק א מבנים אורח , א יודישע־הויז אהן בלאטטע , א רב א בעל־תנ"ך , א רעביצען ניט קיין בארייערקע , א חאדאטאי אווארטס־מאן , א אדוואקאט א שוא־בצע , א גוטען־יודען אהן א מופת , א דאקטאר אהן א רעצעפט , א שניידער אהן יתור , א דינסט־מיידעל אהן א ליובאוניק , א בן־יחיד אהן קאפריזען , א בת־יחידה ניט קיין קרייקליכע , א ווינט־מענש אהן א פראפעראנס, א מעקלער אהן דאמינא , א שטעטעל אהן איין עזות־פנים. א. ז. וו. א. ז. וו.

* *

*

ניט אללעס וואס נייע,
איז אונז געטריי. —
פאר אלטע ווערן וואס מיר געמיינען זעלטען
צאהלין בערנים אפ אלגע געלדטען. —

די פען , די שווערד און דאס געלט זענען די 3 וואס פיהרען די וועלט . —

מיט [3] מוז מען מיט־לייד האבען: מיט איין עדעל־מאן וואס פאלט־אריין צווישען גראבע יונגען, א רייכער צווישען קבצנים און אקלוגער צווישען נארנים. — אויף [3] איז אביטערער רחמנות: אויף אקלוגען אז ער מוז אונטערוואַרפען זיין דעם נארען, א ערליכער אונטער דעם פאדליעץ, א עדעל־מאן אונטער דעם גראבען־יונג. — פון [2] דארף־מען אנטלויפען: פון דעם וואס ליבט נאר זיך אליין, און פון דעם וואס האט פיינד אפילו זיך אליין. — [7] זענען זיך זעלבסט שולדיג, אויב מען פערשאהמט זיי: דער וואס קומט אויף אמאהלצייט אונגעבעטין, דער וואס באפעהלט אין אפרעמדע הויז אין דעם ווירטהס געגענווארט, דער וואס פערלאנגט כבוד פון אשונא, דער וואס בעט ביי־אקארגען, דער וואס זעצט זיך צו־הויך, דער וואס דערצעהלט אזוי איינעם וואס וויל איהם ניט הערין און דער וואס בעפריינדעט זיך מיט אבעל־גאוה. — [3] זאכען זענען זעהר שלעכט און זיי ווירקען שטארק אויף דעם מענשען: די דומהייט איז בלינד און זי פארפיהרט די גרעסטע מאננער, די פוילהייט איז שוואך און זי בינדעט די האנד און פיס ביי די גראסטע העלדען, און די האפנונג — זי איז פאלש און אללע קוויקען זיך מיט איהר. — עס גיבט [3] סארטין גוטע־פריינד: איינינע זענין ווי שפייז, אהן־וועלכע מען קאן ניט אויס־קוממען, איינינע ווי ארפואה, וועלכע קוממען צו ניטץ ביי דער שלעכטער צייט, און אנדערע ווי אקרענק, וועלכע מען דארף קיין־מאהל ניט. — [3] דערקענט מען אין [3] צייטען: דעם גבור אין מלחמה, דעם חכם אין כעס, דעם פריינד אין דער נויט. —

ווען יעדער בעל־הבית וואלט ריין־מאכען ארום זיין הויז, וואלט מען פאר־שפארין רייניגען די גאסין. ווען יעדער מענש וואלט פארשטעהן ווי צו־ערציהען זיינע קינדער, וואלט מען פארשפארין אללע שטראף־ריכט. — די שטראף־ריכט זענין געגליכען צו שפין־וועבס, קליינע פליגין ווערין געפאנגען, און גרויסע מאכען זיך גלייך ארוים פון דארטין. — דער וואס שטראפט איין אנדערין פאר־אונרעכט וועלכע ער אליין טוהט עס, הייסט עס: ער שאנדעט זיין איינענע סחורה. אפעהלער אויס־זעצין קענין פיעלע, אבער איהם אויס־בעססערן קאנען זעהר וועניג. — אמענש אין וועלכען דו געפינסט קיין פעהלער ניט, גלויב איהם ניט. ער איז אפאלשער: א געמאהלטע בלום האט קיין ריח ניט, געמאכט פרוכט האט קיין טעם ניט. עס גיבט מענשען וואס גיבען אלעמען: זיי זאגען אלעמען אזוי פיעל מוסר, אז פאר זיך זעלבסט בלייבט זיי גאר ניט איבער.

קיינער בעגנינט זיך ניט מיט דעם וואס ער האט, נאר מיט זיין שכל בעגנינט זיך יעדער. — אמיאוסקייט אז זי פוצט זיך זעהט זי אויס נאך מעהר מיאוס, אנארר אז ער חכמה'ט זיך זעהט ער אויס נאך נארישער. אביסעל נארישקייט האט אין זיך יעדער מענש, נאר איינער קען עס בעהאלטין און אאנדערער גיט עס ארויס. — באהאלטין דאס נארישקייט הייסט אחכמה. — קיינער איז ניט אזוי קלוג ווי דער פראקטישער, און קיינער איז ניט אזוי פראקטיש ווי דער קלוגער. פראקטיק אהן טהעאריע, הייסט אבלינדער וואס ווייס די וועג; טהעאריע אהן פראקטיק, הייסט אזעהענדיקער וואס ווייס די וועג ניט — די ביידע קעננען ניט ווייט פארגעהן. — דער אפיט (ערפאהרענהייט) איז אגוטער בעל־עצה, ער קומט אבער צו־שפעהט. ער גיבט זעהר גוטין אורזאק, אבער מען צאהלט פאר איהם זעהר טייער. — דער קלוגער ווייס וואס ער רעדט, און דער נארר רעדט וואס ער ווייס. די שאהנהייט פון פרויען דאס איז זייער שכל, און דער שכל פון מאננער דאס איז זייער שאהנהייט. —

וואַרף ניט קיין פערל פאר א שוויין, זאג ניט קיין תורה פאר א גראבען יונג. —

זיך זעלבסט קענסטו ניט בעהערשען. ווי־זשע ווילסטו בעהערשען דעם צווייטען? — דאס וואס דו פארדעקסט פון דיין פיינד, ענטדעק ניט דיינעם פריינד. — דער וואס האט אבריטע צונג, איז א סימן אז ער האט א שמאהלע הארץ. — זיי ניט בייז אויף יענעם וואס האט ניט באהאלטען דיין סוד (געהיים), נאר אויף זיך זעלבסט וואס דו האסט איהם ניט געקאנט באהאלטען ביי זיך. — שאהן שווייגען איז מעהר קונסט ווי שאהן רעדען. —

איינער האט שטארק־געוויינט אלס מען האט זיין פריינד פער־משפט (פעראורטהיילט) אונשולדיג, זאגט ער צו־איהם: וויין ניט מיין פריינד, וואלט דיר דען בעססער געוועזן ווען מען וואלט מיך פערמשפט-ען פאר מיין שולדיגקייט?

דער וואס טוהט א טובה אזוי איינעם וואס האט איהם אמאהל א טובה געטוהן, הייסט ער ניט א גוטער מענש, נאר א גוטער צאהלער. — היט זיך פאר אזוי איינעם וואס ליידעט מיט געדולד דעם פאלשען, דען ער איז נאך ערגער פאר איהם. — איינער האט געשטראפט זיין פריינד פאר דעם וואס ער האט איהם באליידיגט פאר איין אנדערן. „עס איז ניט אמת״: זאגט דער בעליידיגער. „איך האב עס אבער געהערט פון א אויפריכטיגען מענשען״ זאגט דער בעליידיגטער. „ניין״! ענטפערט דער בעליידיגער, דען ווען דיזער וואלט זיין איין אויפריכטיגער פריינד, וואלט ער קיין רכילות־זאגער ניט געוועזן. —

מענשן ערווערבען רייכטהום, און רייכטהום ערווערבט מענשן. — רייכטהום איז אגליק, נאר ניט יעדער רייכער איז גליקליך. — דער ארעמאן האט ווייניג פיינד, נאך וועניגער האט דער רייכער גוטע פריינד. — דער געלעהרטער בעזוכט אפט דעם רייכען און דער רייכער דעם געלעהרטען ניט איין מאהל: וויל דער געלעהרטער פיהלט וואס איהם פעהלט, זוכט ער עס ביי דעם רייכען, און דער רייכער פיהלט עס ניט, וויל ער עס ניט זוכען. — פון דעם וואס רייכעט אויף וואבער ביז צו דעם בעמיטער איז 2 שריט, און פון דעם וואבערניק צום רויבער, איז נאר 1 שריט. — אויף ליידענשאפט (תאוות) געהט דער רויבער אין א קאפיקע, און אויף עטוואס וויכטיגעס, געהט די קאפיקע אין ארויבער. — דער קארגער מעהרט זיך פיינד, און דער פערשווענדער — פריינד ערגערע פון פיינד. — דער פערשווענדער בארויבט זיינע יורשים, און דער קארגער — זיך זעלבסט. — קויף ניט מעהר ווי פיל דו דארפסט, כדי דו זאלסט נאכהער ניט ברויכען צו פערקויפען דאס וואס דו נאהטיג דארפסט. — דעם קארגען קרייגקט שטארק וואס ער קען זיך זעלבסט ניט ירשענען. — דער קארגער האט איבער זיך אליין קיין רחמנות ניט, ווי־זשע קען ער האבין רחמנות איבער דעם צווייטען? — א קארגער מענש און א פעטער באק, זיי ביידע ברייגען נוטצען נאר מיט זייער טויט. — צדקה איז מציל דעם מילדען פון טויט, און דער טויט איז מציל דעם קארגען פון צדקה. —

ווי איז דעם וואס איז געגזאסט פון אללעמען, און ווי איז מיר פון דעם וואס איז געליבט פון אללעמען. — דעם פעהלער וואס איינער האט אין זיך, זעצט ער איהם געווין אוים אויף דעם צווייטען. — דער אמת קאסט זעהר טהייער, דארום געפינען זיך אויף איהם ווייניג בעלנים. דער שקר אבער איז גרינג ווי א פעדער, דארום טראגט איהם יעדער. — דער אמת האט נאר איין קלייד, דאמיט מען זאל איהם ערקענען. דער שקר וועקסעלט די קליידער, כדי מען זאל איהם ניט ערקעננען. — איין ליגענט קען ניט איינשטעהן, מען מוז איהם אונטער־שפארין מיט נאך ליגענט. —

איין איי ווערד געבארין איבער נאכט, און א מענש איבער 9-מאנאטן. — דיין טויט

בלאזט אויף דעם פייער און דיין מויל פערלעשט איהם. — דאס פייער וואס צינדעט־אן ביין הויז לעהרינט דיך ווי עס צו־פערלעשין. — טרעפט דיך איין אומגליק לעהרינט ער דיך ווי צו־פערהיטען־זיך פון איהם אויף־ווייטער. — די פויהלהייט געהט טריט ביי־טריט, בארום יאגט זיך נאך איהם גיך־און דער בלות. — אללע זוכין דעם גליק, און וואו ער געפינט־זיך ווייסט קיינער ניט. — מען פערשפאהרט צו שטראפפען דעם וואס איז א מקנא, דען יענעמס גליק בעשטראפט איהם שוין גענוג. — איך קען מיך אפ היטען פון שלעכטין טוהן, יענעם אבער פון א שלעכטין איז אוממעגליך צו פערהיטען. — ביטער איז דעם וואס האט מקנאים, נאך ביטערער איז יענעם וואס האט זיי ניט. — ניט פארשעהם די נידעריגע שטאפעל דורך וועלכער דו האסט אויף געשטיגען אין דער הייך. — זאל דיך ניט שטארק־פערדריסען אז מען שאנדעט דיך אומזיסט, דען פאר דעם האט מען דיך פיעל־מאהל געריהמט אומזיסט. — וואלטען מיר ניט שטאלץ געוועזין, זא וואלט אונז ניט פערדראסין וואס יענער שטאלצירט. — דער פוללער זאנג בייגט זיך צו דער ערד, דער ליידיגער אבער, האלט דעם קאפף אויפגעהויבען. — דו קאנסט ניט שטאלצירען מיט דעם יחוס פון דיינע עלטערין, אויב דיינע קינדער קאנין־ניט מיט דיר שטאלצירען. — בייזערסטו זיך אויף יענם, שאדעסטו זיך פריהער ווי איהם. —

ווארפסטו דיין פיינד צו דער ערד, קאן ער נאך אויפשטעהן, מאכסטו מיט איהם פרידען דאן האסטו איהם איינגענומען אין גאנצין. — אז מען שלאגט גאלד קרעכצט עס שטילל, אייזען אבער, שרייט עס געוואלד, וויל גאלד שלאגט אפרעמדער, אבער דעם אייזען זיין אייגענער ברודער (דער האממער). — פערטרוי זיך ניט אויף אפיינד מיט וועלכען דו האסט פרידען געמאכט, דען איין איבערגעריסענער פאדען, ווי שטארק דוא פערקניפסט איהם, וועט ער שוין ניט צוריק ווערין ווי פריהער. — פארזיכער ניט צו פיל וועסטו ניט פאלשען. פערזיכער זיך ניט צו פיל, וועט מען דיר ניט פאלשען. —

דער שלאף און דער פיינד זענין ביידע גלייך. ווען עס ווערט אונז שלעכט, אנטלויפין זיי ביידע פון אונז. — א סלוזיטעל (משרת) און אבעזים זענין ביידע גלייך, זיי דינען טריי נור ווען זיי זענין ניי. —

דער ערשטער מאן וואלט קיין ווייב ניט גענומען: ווען גאט וואלט אויף איהם ניט אנגעווארפען אשלאף. די מאנגער זענין שטארקער פאר די פרויען, דאך זענין זיי זייערי דינער. איז דיין פרויא ערהליך, דארפסטו זיא ניט היטען, אויב ניט העלפט דיר ניט קיין היטען. — עס גיבט נאר איינע בייזע פרויא אין דער וועלט, נור יעדער מאן רעכינט דאס זיינע אוי־עם די איינע. —

דער מענש איז צו־פריד ניט געמאכט, בארום וויינט זיין אויג ווען ער הארצליך לאכט. — די עלטער ענטוואהנט אונז ביסליכווייס פון דעם לעבין ווי אמוטער איהר קינד פון דער ברוסט. דער לעבין איז אשרעקליכער חלום, דאך וויל זיך קיינער ניט אויפוואכין פון איהם. — שלאף איז אקליין־ברודעריל דעם טויט'ס, ער נעהמט־צו ביי־אונז האלב יאהרען. — די נאטור שלעפערט אונז־איין אללע נאכט, כדי אונז צו־געוואהנען צים טויט. דעם מענשענס לעבין איז אקראנקהייט פון וועלכע ער שטארבט; דער טויט היילט איהם אוים פון איהר.

* *
*

די וועלט איז א ים הגדול, דעם מענשענס לעבען: א שיף, גאטט האלט דעם רודער. דעם בלאזט א־ווטער ווינד, דעם א שטורעם, צו איין ברעג מוזען קוממען אללע! —

בעעהרטע לעזער אונד לעזערין, אדיע. איך ווינשע איידך אגליקליכע רייזע!

אייער פריינד י. י. וויסבערג

---

# אפאריזמען אונ עפיגראממען.

יאג זיך ניט נאך עהרע, אבער ווארף זיך ניט צו־פיעל אראפ; ווארום שטעלסט זיך נאר מיט איין טרעפ נידריגער, שמייסט מען דיך פון דארט אויך הערונטער.

ווייז ניט ארויס די גאנצע טרייהייט, ווארום ארויס וועסטו נאר איינמאהל בעקוממען, אונ אז דו וועסט וועללין נאך דעם זיך עטוואס אפהאלטען, וועט עס שוין הייסען א פארברעך.

האלט די וואהרהייט פאר אוועג־טייערע, נאר ענטדעק זיא ניט פאר קיינעם.

יאג זיך ניט נאך פריינד, ווען דיר איז שלעכט, ווארום וואס מעהר דו וועסט זיך נאך זיי יאגען, וועלין זיי פון דיר זיך אלעס מעהר דער־ווייטערין. בעמיהע זיך ליבער דיין לאגע צו פערבעססערין, וועלין זיי שוין אליין צו דיר קוממען.

גלויב ניט דיין פיינד, נאך מעהר — דיין פריינד.

זעה דיין פיינד זאל דיר ווערין א פריינד, אונ היט דיך דיין פריינד זאל דיר ניט ווערין קיין פיינד.

היטע דיך פאר דעם פייערינגען צארן פון דיין פיינד, נאך מעהר אבער פאר דעם פלאם־פייערינגען צארן פון דיין געוועזענעם פריינד.

אויב דו ווילסט ניט פאללען, מוזט דו היטען דיין צונג נאך מעהר ווי די פיס.

פיעל שווייגען איז פאר דעם צווייטען ניט גוט. פיעל ריידען איז פאר זיך ניט גוט.

שטאלץ זיין, איז ניט גוט פאר זיך אונ ניט פאר קיינעם.

פערלאנגען צו־פיעל, איז פאר יעדען אומגעזונד.

ווילסטו די וואהרהייט וויסען, זייזשע געדולדיג אלעס אויס צו־הערען, אפילו פארווירפע פיר איינענע פעהלערין.

ווילסטו דיין פריינד זאלל דיך ליב האבען, גיב זיך ניט בעליידיגט ווען ער דיר פאר־ווירפע מאכט, ווארום מוסר פון א פריינד איז איין אמת'ער סימן פון טריייהייט.

בעמיהע דיך זיך־זעלבסט צו קעננען, אבער היטע זיך דאס יעמאנד זאל דיך קעננען.

גלויב נימאנדין , נאך מעהר זיך זעלבסט.

פארגעס קיינמאהל די וואס טוהן דיר גוטעס , אונד נאך מעהר די וואס ברענגען דיר גוטעס צו טוהן.

זיי דאנקבאר פאר דאס מינדעסטע , נאר גלייבער האלט די דאנקבארקייט אין בארצען , ווארום קוים רעדעסטו זי ארויס , זא בלייבט אין הארצין פוסט.

**זעליג קאנטראוויץ.**

---

דעם מענשענס לעבין איז גלייך צו א קינדער־שפיעל , א גאנצין טאג שפיעלט זיך דאס קינד , עס מאכט פערלעריי שפילעכער , אבער אז עס קומט דער אבענד ווערט עס מיעד אונ לאזט אללעס איבער אונ געהט שלאפען...

ניט נאר מיט נח'ין האט גאט כורת ברית געוועזין עס זאל ניט זיין קיין מבול , נאר אויך מיט יעדין מענשין . ווארום ווען נאך יעדען מענשענס שמערצין זאללין זיך איהם די טרעהערין גיסען , וואלט געווים א מבול געווארין.

ווער עס זאגט : „איך ווייס פון א סוד נאר איך וויל־ניט אויס־זאגין" , האט ער שוין האלב אויס־געזאגט.

גלויב ניט דעם פריינד , זיין פריינדשאפט איז ניט וואהר ; גלויבע אבער דעם פיינד , דען זיין־פיינדשאפט איז געווים וואהר.

יעדער וויל דער־לעבען אלט צו־ווערין , אונ אז איינער דער־גרייכט־עס , פאר מיאוסט ער עס.

איין עזעל דערקענט מען אן זיינע לאנגע אויערן , אונ א נארר אן זיין לאנגען צונג.

יעדער לויפט נאר פרעגין א עצה , אבער ניט צו פאלגען.

עס איז בעססער א פראסט־פייגעלע אז עס איז נאר דא אין דער האנד , איידער א גוטס אונ מען לויפט ערשט נאך עס צו האפען.

גאלד אונ זילבער ווערין גענומען פון דער ערד , די אבער וואס בעקוממען עס , שמירען זיך אין די האנד , אונד איניגע בעשמוצען אויך די זעלע (נשמה).

**ב. סטופניקער**

---

## דער גרעבער (נאך זאפהיר)

צו־קוקען זיך גוט צום־מענשין זעהט מען ארויס אז פון געבוירען־אן איז ער א גראבער. צו צוועלף־יאהר בעגראבט־ער די קינדערישע יאהרען מיט זייערי אללע שפיליכלעך . ביי 18־יאהר באגראבט־ער די יוגענד מיט איהרען פריהלינג . ביי 20 יאהר בעגראבט־ער די ערשטע ליבע . ביי 30 יאהר באגראבט־ער די אמונה אין יענעם , ביי 40 יאהר — די האפפענונג . ביי 50 יאהר — די תאוה . ביי 60 יאהר הייבט ער אן באגראבין די 5 געפיהלען : הערין .

װעהין, א. ז. װ. אונד פון דעם טויט דענקט ער נאך גאר ניט, און װען צב"ש אײנער זאָל איהם אפּרעג טוהן „װי פיעל ער איז אַלט"? פיהלט ער דעם ריכטיגען־פשט, אַז דאס מיינט ער: װען װעט ער שוין טרעטין אויף זיין קבר. — און די זאָרג פאר די גרויסע האאר. מאכט איהם טאקי גרויסע האאר.

## די קלוגע דינסט.

יענטע! — שרייעט די בעלת־הבית'טע צו דער דינסט — געה־אַריין מיט דעם־קינד אין שטוב, עס איז קאלט אויף דער גאסס.

חא־חא־חא — צו־לאכט־זיך די דינסט — אַזוי א קליין־קינד װייסט־שוין־אויך פון קאלט ביז װארעם?

יוסף זאק:

---

ביי װעמין דאס הארץ איז שטענדיג אויף דער־צונג. דארף ער מורא האבין ער זאל עס חלילה ניט אוים־שפּייען.

דער דאקטאר (מיט א סעריאזנע־מינע): איך מוז אייך זאגין, אז אייער פרויא געפעלט מיר עפּיס ניט.

דער מאנן: מיר, הערר דאקטאר, געפעלט זי קיינמאהל־ניט. —

דער דאקטאר: אייער קאפ־װעהטיג האט מיך שוין גאר־װעניג.

דער חולה. מיך װאלט אויך גאר־װעניג געהארט, װען עס זאל אייך װעה טוהן און ניט מיר. ——

װאס איז דער אונטערשייד פון אמתבר ביז אראָזבוינק?
דעם צווייטען סודען 12 פריסאזשניע, און דעם ערשטען, די גאנצע װעלט...

חמ"ץ.

---

## די אשה רעה.

אשלעכטע פרויא איז ניט דא מעהר װי איינע, גאר יעדער מאנן זאגט: דאס דיינע אשה רעה איז בק זיינע...

## דער גליקליכער אלמן.

אמאנן האט זיך װעהר געפרייט
װאס מען האט זיין װייב אין קבר געלייגט.
לייטען האבען איהם געשטראפט מיט רייד.
„װי פרייעט זיך אמענש נאך אזוי א לייד".
„דארום איז דאס ביי מיר קיין פלאג,
האט ער זיי צוריק געגעבין א זאג.

נאר טאקי אגאנץ גרויסע פריידע,
ווייל יעצט האבין מיר רוהע ביידע
איך אין שטוב,
אונ זיא אין גרוב.

## א געשפרעך צווישען מאנן אונ ווייב:

דער מאנן: פון בושה אונ חרפה פלאמט מיר מיין פנים,
אז איך זעה ווי די וועלט איז פולל מיט נארנים.

דאס ווייב: אויף זיי דארפסטו זיך גאר ניט בעקלאגין,
לערען זיך פון מיר זיי אללע פארטראגין. —

העניך גיילער.

---

פאר וואס איז מען מכבד נאר דעם חזן מיט דער כתובה לייענען?
ווייל קיינער קען ניט לייענען וואס ער האט געשריבען.

א. ב.

---

## פייטיל אונ טרייטיל.

פייטעל: פאר וואס האט א יודענע 9 מאאס רייד?
טרייטעל: דאס זעהסטו איז ליגען, דען מיין יודענע רעדט גאר אהן אמאאס...

פ.: פאר וואס איז דער בלות אזא איין עזות־פנים, ער חאפט זיך אריין, אונ פרעגט זיך אפילו גאר ניט אן.

ט.: שוטה־איינער, נאך וואס דארף ער זיך פרעגין אז ער טרעפט אליין?

פ.: וויפיעל קאסט ביי דיר א פערסידסקי פראשאק צו פליי?
ט.: 25 קאפ׳.
פ.: חא־חא־חא, מיינע אללע פליי זענען אזוי־פיעל ניט ווערט..:

פ.: זאג נאר טרייטעל, צי דוא וועסט מיר אפגעבען מיין געלד צי ניין?
ט.: אסור אויב אקאפעקע.
פ.: נא זאג איך דיר אז די גאנצע וועלט וועט זיך דא צו־נויף קוממען אויף דיין בייז וואונדער.
ט.: איך ווילל טאקי די גאנצע וועלט זאלל זיך צו־נאנד קוממען, ווייל איך דארף זיך זעהען מיט מיינעם אברודער, וועלכען איך האב זיך שוין מיט איהם 15־יאהר ניט געזעהען.

ב. בעקערמאנן.

---

איין אורח: אייערע פארציעס זענין אזוי קליין אז מיט איין ביססען קאן איך זיי איינשלינגען.
די בעה״ב: די פארציעס זענין ניט קליין, נאר אייער מויל איז צו־גרויס.

## אין מיראוואי סוד.

— זייט דער מיראוואי סוד איז געווארען: זאגט איין בויער צום צווייטען, איז טאקי פיעל בעססער פאר אונז.

— מיט וואס בעססער? פרעגט דער צווייטער,

— זעהר איינפאך: א מאהל אז איך פלעג ברענגען עפיס זיין מארק פארקויפען, פלעגען די זשידיוקעס צו־שלעפפען די סחורה, און קיין געלד האב איך ניט געזעהען, היינט אבער אה־הא! היינט לאז איך ניט ריהרען פון וואגען ווען מען צאהלט מיר ניט פריהער.

---

— דוא האסט שוין גענומען די רפואה אין אפטעעק?

— ניט־דא־פרוער מיט וואס צו־צאהלען, אפילו קיין סימן (משכון) האב איך אויך ניט צו געבען.

— שוטה! גיב ר' יהודה'ס סימנים (דצ״ך עד״ש באח״ב).

— פאר דיעזע־סימנים קריגט־מען מכות, ניט רפואות.

— איך האב דיר געבראכט אבאטאמניק (א אומרוה) צו־פארריכטען, דאס איין אלטע פרוי געזאגט אריין־געהענדיג צו א זייגער־מאכער.

— וואס זאל איך מיט דעם מאטאמניק טוהן? האט פאר־וואונדערט געפרעגט דער זייגער־מאכער — וואו איז דער זייגער?

— דער זייגער? הא, דער־זייגער איז גראד גאנץ, נאר דער מאיאטניק געהט ניט.

וואס איז דער יצר־הרע, אחסיד צו אמתנגד?
געווים אחסיד, ווארום מען זעהט איהם אפט ביי דעם רבי'ן —

משה פארצאוווסקי

---

## בערעלע און לעבעלע.

זאג נור בערעלע, דו ביסט דאך אשטיקעל פילוסוף, וואס איז דאס וואס מען רופט פלאנעט?

— פלאנעט הייסט: אזוי אקערפער וועלכער בעקומט בעלייכטונג פון אאנדערען;

— העהע! איצט פערשטעה איך שוין, ווי למשל: דער שוהל־שמש בעקומט בעלייכטונג פון דער שוהל. —

אברהם פיכמאהן

---

מען דער־ציילט ווען פינע טינטלער איז געגאנגען פון פאסט אהיים, איז געגאנגען אגרויסער־רעגין. ער איז אבער געוועזין אזוי צו־טראגין פון דער קארעספאנדענציע וואס ער האט דעם טאג אוועק־געשיקט, אז ער האט אפילו ניט בעמערקט ווי דער רעגין נאשט איהם; נאר ווען ער האט איבער־געטרעטין זיין שוועל, האט ער דער־שפיהרט דאס ער איז פיטש נאסס — גענוג שרייבען האט ער געזאגט, איך וועל מיך לייגען אפ־רוהען. נאר פון גרויס־פערטראגעניש, האט ער דעם פאריסאקל אריין געלייגט אין בעט. און אליין האט ער זיך געשטעלט אין ווינקעל. —

א. זלידניוווקער

---

## זאכען וועלכע טרעפין זיך זעלטען.

דער בעריהמטער בעל־צדקה זאל געבין א נדבה בסתר.

די ארימסטע יודישע־מאכטער אהן נאדעגע אויערינגליך און אהן א סאמטמעטין קלייד;

דער ארגסטער צאהלער זאל אויף דען ערשטין־מאהל זיין ווארט ניט האלטין.

כלי־קודש זאלין קיין מתנות ניט וועלין געהמען.

דער נשרף זאל קיין שאהנער־הויז ניט אויפבויען.

דער פרומער כשר׳ער שטאדט־בטוח, זאל ניט טרפה באנקראטירען.

א פערדארבענער מענש זאל יענעם קיין מוסר ניט זאגען.

דער בעל־טאקסע, זאל ניט שעכטין ארימע לייט אנשטאט בהמות.

איוד זאל ניט וועלין קיין כבוד־שטאדט אין שול.

דער שלעכטער בעל־תוקע זאל זיך ניט ראנגלען מיט דעם שטן.

א בית־מדרש אהן מחלוקות איבער עליות.

א יודישע־שטאט אהן פערשידענע צדדים.

א יודישער־קבצן אהן א טוץ קינדער.

א בעל־תפלה אהן א פארוויקעלטען האלדז ימים־נוראים.

א יודישע אסיפה אהן פעטש.

ווען מען קומט מאהנען דעם שלעכטין בעל־חוב, זאל מען איהם צו־הויז טרעפין.

ווען דער מלמד איז בייז אויף די תלמידים, זאל־ער ניט ווארפען דער רעביצען א פאנטאפעל אין קאפף.

א יונגער־מאנן זאל צופרידען זיין נאך זיין חתונה.

א יודישע חופה אהן קריג.

א אויפגעקומענער עושר זאל זיך ניט האלטען פאר א יחסן.

דער סוחר זאל ניט לויבען זיינע ערגסטע סחורה.

דער אלטער מאנן וואס האט א יונגע פרוי, זאל באמת וועלין איינלאדען יונגע לייט צו זיך אויף טהעע.

א יודעשער מחבר זאל שטארבען אין איגענע תכריכים.

י. פ. צ.

---

װעלכעס האט קײן גרױסע װערטה

טא זוכט ניט קײן חסרונות .

דאס װארט , גלױבט מיר , געהערט

מײן פשוט׳דיגער פלונית . . .

יעדעס מײדכען װיל באין אופן ניט װערין קײן כלה

נאך די תנאים װיל זי באין אופן קײן חתונה ניט האבין

נאך דער חתונה װיל זי באין אופן ניט האבין קײן קינדער .

נאך די קינפעט װיל זי — גאר איבער־נײעס א מײדכען װערען .

---

# געדאנקען פון א משוגענעם .

נארען האבען מורא פאר דעם טױדט , קלוגע פאר דאס לעבין ! . . .

פיעל גליקליכע מענשען גלױבען אז די װעלט איז זײער עקיפאזש , די מענשען זענען די פפערד און דאס מזל איז זעהר קוטשער —

װי קלוג האט עס גאט אײנגעטהײלט , װאס ער האט אונז ארײן געזעצט מארך אינװענײניג אין קאפף און א הארץ טיעף אין דער ברוסט — כדי ניט צו פארשעהמען די װאס האבען עס ניט ! . . . (שלא לבייש את מי שאין לו) . —

דאס װאס מיר קלאגין פאר גאט , בעדארפין מיר פארשװײגען פאר מענשין .

זוך מענש װאס דו ליעבסט , און ליעב װאס דו האסט געפונען .

די גוטע־צײט טראגט אונז , די שלעכטע אבער — מוזען מיר איבער־טראגען ! . . .

װען איך בין געבױרען געװארען , האב איך געװײנט . צום סוף האט מיר ערקלערט יעדער טאג װאס איך האב איבער־געלעבט פאר װאס איך האב געװײנט װען איך בין געבױרען געװארען .

װארום האט קין געהרגעט זײן ברודער ?

— װײל ער האט קײן אנדערין געהאט װעמען צו־הרגענען (און הרגענען ליגט שױן ב״ה אין אונזער זװערסקע נאטור . . .)

פאר װאס הײסט דער מענש „אדם״?

— װײל די ראשי תיבות פון אד״ם מאכען "איך" "דו" "מיר". דען דער מענש בארף ניט זארגען נאר פאר זיך אלײן , נאר פאר דעם אנדערין אױך . — װארום איך אלײן איז נאך קײן מענש ניט , דו אלײן איז געװיסס קײן מענש , נאר פון מײן איך און פון דײן דיר און פון דעם אלגעמײנען מיר , ד. ה. פון דער גאנצער װעלט , בעשטעהט דער מענש . . .

שאלה : פאר װאס שלאגט מען דעם יודען אומעטום ,

צי װײל ער איז צו קלוג , אדער װײל ער איז צו פרום ?

תשובה: ניט דער־פאר שלאגט מען איהם, דאס שווער איך דיר ביי מיין גליק —
נאר מען שלאגט איהם דער־פאר, ווייל ער קען ניט געבין צוריק.

גאטט זאלסטו באטראכטען מיט פערמאכטע אויגען. די מענשין אבער — מיט אפענע . . .

די הויפט פריטשינע (אורזאכע) פון גט'ין זיך, איז — דאס חתונה האבין . . .

דער שטרוים־פויגעל שטאלצירט ניט אזוי פיעל מיט זיינע פעדערין, ווי עס שטאלצירט די באמע וואס פוצט־זיך מיט זיי . . .

איך בעזוך קיין שוהל — ניט דער־פאר חלילה וואס איך ווילל־ניט זעהן גאט.
נאר דער־פאר וואס איך וויל קיין מענשין זעהן! . . .

משבי"ח

# לצנות.

ווען איך זעה, וויא ארום אריכע אלמנה,
— שוין ניט יונג, איאהר פערציג, אדער מעהר —
וויא עס דרעהט זיך ארום די אלטע מאטראנע,
א שיינער און א יונגער קאוואליער,
און ערקלערט איהר זיין ליעבע מיט גרויס פייער:
זייט מיינע, איך בעט אייך, האט רחמנות!
גיב איך ניט פאר זיין ליעבע קיין דרייער,
איך וויים, דאס איז מעהר ניט וויא לצנות!

ווען אגוטער קאמעראד זאגט צו מיר,
איך ליעב דיך מעהר וויא אללעס אויף דער וועלט,
עס שטעהט פאר דיר אפפען מיין הויז, מיין טהיר,
קענסט אויך, ווען דו דארפסט, געברויכען מיין געלד,
געהם מיינע וועקסלען, אדער גאר מיין מזומן,
אונ איך גלויב עס דיר גאר אויף דיינע נאמנות!
ווייס איך אז ער וויל עפעס פון מיר בעקומען,
אונ אז איך וועל דארפען — וועט ער מאכען לצנות!

ווען איונגע אונ אשיינע מיידעל,
פערליעבט זיך "שטערבליך" אין איין אלטען באלעוואן;
אונ זיא בעהאנדעלט איהם צערטליך, איידעל,
אונ זאגט: „איהר זעהט נאך אויס וויא איונגער מאן!"
אונ דער אלטער קוועלט גאר פון פערגעניגען,
אונ שיינקט איהר געלד אונ מתנות —
ווייס איך, אז פון הינטען שטעללט זיא איהם פייגען,
אונ טרייבט נאר מיט איהם לצנות!

ווען איינער לויפט מיט פערוויינטע אויגען,
אונ מיט אפאקק רעצעפטען אין אפטייק אריין;
ער זאגט: „מיין ווייב האט ספאזמען געקריגען!
גאטט דער גוטער ווייס, וואס פון איהר וועט זיין!
אמוטער פון זעקס קינדער, אך וויא שאדע!"
ווייס איך, אז דארטען איז ניטא קיין סכנות,
דארט האנדעלט זיך נאר אום אנייע מאדע,
אונ די ספאזמען זיינען נאר הוילע לצנות.

ווען א אנטעסמיט ווערט מיט אמאל ווייך,
און פאנגט אן פאר מיר צו לויבען מיין נאציאן,
„יודען און קריסטען זיינען דאך גלייך"
פון אייער גלויבען שטאממט אונזער רעליגיאן,
און מאכע קליינע פעהלערין קען מען אייך פערצייהען —
ווער איך ניט נתפעל פון זיינע רעליגיעזע סבלנות,
איך ווייס אויף קלאר, אז ער וויל ביי מיר עפעס געלד לייהען,
און זיינע קאמפלימענטען — זייגען נאר הוילע לצנות!

ווענן איין אריעמער מלמד דארף צו דעקקען זיין הייזעל,
מיט אנייעם דאך פון רעגען, וויגד און שטורעם,
פאלט ער אויף אקלוגע המצאה ביי זיך אין קלייזעל.
צו שיקקען דעם גביר שלח־מנות אום פורים.
און ביי איהם איז פערעכענט אויף געווים. אויף קלאר,
אז דער גביר וועט אפשיקען געלד מיט שלח־מנות,
אבער צוריק בעקוממט ער אפפעלזינן אפאאר,
און עס טרויערט איהם זיין הערץ פון דעם גבירים לצנות!

**מ. זייעפפערט.**

---

*

* *

אז איך זעה אז איינער שמעקט,
אין יעדעם בוך דעם ריח
וואס איינער־שרייבט געהמט־ער און מעקט,
ס'איז ניט נאך זיין מוח
פערשטעה איך באלד, שנעלל און ראש,
ס'איז געביך א רחמנות,
ער וויל נאר עטוואס אין דער טאש,
און מיינט נאר קיין לצנות.

---

# יודישע שפּריכווערטער

א שפּריכוואָרט איז להבדיל א תורה ;
(יוד, שפריכווארט)

הערויס געגעבען פון מ. ספעקטאָר.

**Jüdiche** Sprichwörter, **aus** einem Manuscript des Herrn I. J. B.

## פאָררעדע.

שוין א יאהר צעהן אז איך האָב בערעה געהאט צו־זאממען־קלייבען אללע „יודישע שפּריכווערטער״, נאָר ווי־פיעל איך האָב געקליעבען, פערשריעבען אונ פאר־צייכענט די וועלכע איך האָב אין זכרון אונ די וועלכע איך האָב פון אנדערע געהאט, האָב איך פאָרט גיט געהאט אללע, אונ א „האלבע ארבייט״ האָב איך ניט געוואָלט דרוקען.

ווי־פיעל מיהע איך האָב מיר געגעבען האָב איך דאָך געזעהען אז עס איז „א מעשה אהן א סוף״, ד. ה. עס דארף נאָך צעהן יאהר דויערען ביז איך זאלל קומען צו א עגדע. נאָר איין געדאנק האָט מיר פאר־שפּאָרט די צעהן יאהר — דאָס איז געוועזען מיין אויפרוף וועגען די שפּריכווערטער אין „יודישען פאלקס־בלאטט״ (1886, № 4). דאָרט האָב איך אין קורצען ערקלאָרט דעם ווערטה פון אשפּריכ־וואָרט בכלל אונ פון „יודישע שפּריכווערטער״ בפרט, וועלכע טראָגען זיך ארום ווער ווייסט ווי־פיעל הונדערטער יאהרען. אונזערע עלטער־זיידעס אונ עלטער־באָבעס האָבען גערעדט מיט די שפּריכווערטער, אונ ביי אונז ליעגען זיי זיך אויך אויף דער צונג אונ ווען זיי פּאסען נאָר צום שמועס קומען זיי אליין נאָר אונ־געבעטען.

אין דעם „אויפרוף״ האָב איך זיך געווענדעט צו יעדען, וואָס אינטערעסירט זיך פאר דער זאך, מען זאלל מיר מיט־העלפען אין דעם, ד. ה. מען זאלל מיר צו־שיקען שפּריכ־ווערטער, יעדער פון זיין אָרט, פון זיין געגענד, אונ טאקע באלד אין דעם איינענעם נומער פאלקס־בלאט אנגעהייבען דרוקען איינינע פון די שפּריכווערטער וועלכע האָבען זיך געפונען אין מיינע כתבים.

ווי עס האָט זיך דער־נאָך ארויס־געוויזען, זענען מיינע ווערטער ניט געוועזען „בקול קורא במדבר״ — אין א צייט פון עטליכע וואָכען האָב איך ביז טויזענד בריעף בעקומען: יעדער בריעף איז געוועזען מיט שפּריכווערטער, די בריעף זענען געוועזען ניט נאָר פון

רוסלאנד און פוילען, זאנדערן אויך פון אויסלאנד אפילו אין אפריקא אין אויסטראליע האט זיך אויך געפונען א צוויי דריי פארוואָרפענע יודעלעך וואס האבען נישט פארגעסען די שפּריכווערטער פון זייער פאלק און האבען אויך אריינגעשיקט.

נאך מיין סארטירען די בריעף האב איך געזעהן אז די מיטהעלפער צום זאמענקלייבען שפּריכווערטער זענען: דאקטורים, אינזשעניערען, שריפטשטעלער, סוחרים, בעלי־מלאכות, פּראסטער עולם און אפילו יודישע מאכטער, מיט איין ווארט: אללע האבען זיך פאראינטערעסירט פאר דער אידעע.

איבערקוקענדיג די בריעף האב איך באמערקט, אז די אמתע ווארגינאלע] ריינע, גוטע און זאפטיגע שפּריכווערטער האבען זיך צום מעהר געפונען אין די בריעף פון דעם פּראסטען עולם, דער פאקט ווייזט אז אונזערע אינטעליגענציע האט זיך ליידער דערווייטערט פון דעם פאלק. נאר אין איין וועגס זעהט מען אויך פון זייערע בריעף אז זיי זענען נאך פארט צוגעבונדען צום פאלק, פון זיי האבען מיט פערגעניגען צו געשיקט כאטש צו פינף אדער צעהן שפּריכווערטער, פאר וועלכע איך דאנק אלעמען גלייך פון דעם גאנצען הארצען. —

אבער אין די מעלות וואס איך האב געפונען אין די שפּריכווערטער פון דעם פּראסטען עולם האב איך אויך געפינען פיעל חסרונות, ערשטענס האבען מהייל פון זיי געשריבען מיט אזא כתב אז מע האט זיך בעדארפט ארוים נעהמען די אויגען איבערלייענען און צווייטענס האט זיך זעלטען געפונען א גאנץ ווארט מען זאל עס נישט דארפען אויסבעסערען, נאר פאר זייער מיהע דאנק איך זיי נאך אמאהל פון טיעפען הארצען.

איך האב נאך געהאט זעהר אשווערע ארבייט: אויס־צו־קלויבען די שפּריכווערטער פון די בריעף. ווייל דאס רוב פון זיי האבען בעשריבען די אייגענע וואס דער צווייטער, כמעט צוויי יאהר האב איך געארבייט ארום די בריעף און פינף הונדערט פון זיי זענען נאך געבליבען נישט בעארבייטעט.

און אזוי ווי איהר זעהט איז דער רעזולטאט געוועזען זעהר א גוטער, ערשטענס האב איך פארשפּארט אנצוקומען צו די געצעהלטע ביכער וואס האבען זיך שוין צוריק מיט יאהרען געפריווט צוזאמענקלייבען יודישע שפּריכווערטער, איך בין זעהר צופרידען דער פאר, ווייל די שפּריכווערטער פון די רוסיש—פּאלנישע יודען זענען אין די ביכער גראסטענטהיילס פאר גרייזט, נישט ריכטיג און געקינסטעלט, און אין צווייטענס נישט איינעם פון זיי איז נאך נישט געלונגען צוזאמענקלייבען אללע יודישע שפּריכווערטער. מיט איין ווארט: איך האב די שפּריכווערטער נישט גענעמען פון קיין שום בוך גאר גלייך פון דעם פאלק.

דער ווייל האב איך געזעהען אז פון דרוקען אין „פאלקסבלאט" צעהן אדער עלף שפּריכווערטער א וואך, וועט קיינמאהל צו אענדע נישט קומען אין מיין צעהן יאהריגע מיהע וועט פארט צו גרונד געהען, דעריבער האב איך אויפגעהערט זיי צו דריקען.

מיט מיין קומען קיין ווארשא האט זיך מיט מיינע שפּריכווערטער געטראפען

אַזעלטענעם גליק, דער צופֿאַלל האָט מיך דאָ צוזאַמענגעפֿיהרט מיט אַ היגען בעוואוסטען אינטעליגענטען געלעהרטען און געאַכטעטען מאַנן, ה. י. ב. פֿון וועלכען איך האָב נאָך פֿיעל געהאָרט אין פּעטערסבורג אַלס ליעבהאָבער און צוזאַמענקלייבער פֿון „יודישע שפּריכווערטער" אויך האָב איך געהערט (און דער נאָך זעלבסט געזעהען) פֿון זיין גערייהמטער טהייערער ביבליאָטעק. ביי ה. ב. האָב איך געפֿונען פֿיער געשריעבענע ביכער מיט יודישע שפּריכווערטער" און רעדענסאַרטען1) (שפּראַכגעברויכע) מיט ערקלערונגען.

איבערקוקענדיג ה. ב. כּתבֿים האָב איך געזעהען אַז עס איז אַ ריזען־אַרבּייט, און ווירקליך ה. ב. האָט אין דער זאַך געאַרבּייט צוואַנציג יאָהר. ה. ב. איז געווען אַזוי גוט און מיר ניט אָבגעזאָגט זיך בענוצען מיט די כּתבֿים ווי איך וויל.

איך האָב אַלזאָ מיט דעם דרוקען פֿון די שפּריכווערטער נאָר העררן ב. צו פֿערדאַנקען. —

און אַזוי ווי איך רעכען דערווייל נאָך ניט צו דרוקען „רעדענסאַרטען" האָב איך נאָר אויסגעקליבען דער וויילע די „שפּריכווערטער".

איצט ווערען געדרוקט די אַללע שפּריכווערטער וואָס איך האָב אַרויסגענומען פֿון ה. ב. כּתבֿים און אויך מיינע וואָס איך האָב זעלבסט צוזאַמענגעקליבען אין אַ צייט פֿון

---

1) רעדענסאַרטען הייסט אַזעלכע ווערטער וואָס געבען אַרויס אַ ריכטיגען געדאַנק דורך אַ בילד פֿון לעבען, ווי למשל: „זיטצען אויף שפּילקעס": אונטער די דריי ווערטער פֿערשטעהט יעדער אַז די מיינונג איז: אַז איינער האָט קיין צייט ניט צו־זיטצען, אָדער ער וויל ניט זיטצען און מוז פֿאָרט זיטצען און נאָך אַנדערע פֿיעל בעדייטונגען; „גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק" ד. ה. איינס מיט דעם צווייטען קעהרען זיך גאָר ניט אָן; „פֿון דער גאַנז האָבער קויפֿען". „פֿון פֿויגעל מילך" א. ז. וו. מיט איין וואָרט, „רעדענסאַרטען" הייסט צוזאַמענגעשטעלטע ווערטער וועלכע געבען איבער דעם זינען פֿון דעם שמועס דורך אַ פֿיגור דורך אַ לעבענס־בילד געגרינדעט אויף פּראַקטיקע, און דער־צו קורץ און דייטליך.

שפּריכווערטער זענען ווידער גאָר עפּיס אַנדערש. אין יעדען שפּריכוואָרט איז דאָ מוסר, חכמה, אמת, רייניער הומאָר און סאַטירע. למשל: „ווער עס האָט קינדער אין די וויגען זאָל ליטען לאָזען צופֿריעדען" ד. ה. אַז דער וואָס האָט קינדער טאָר ניט רעדען אויף יענעם אַפֿילו ניט אויף קיין שלעכטע מענשען, וואָרום ווער ווייס, צי זיינע קינדער ווען זיי וועלען אויסוואַקסען וועלען זיין בעסער פֿון די שלעכטע, און אַנדערע וועלען האָבען דאָס רעכט נאָך מעהר רעדען אויף זיי און די עלטערען וועלען האָבען בזיונות. דרום דאַרף יעדער מענש ניט רעדען אויף קיינעם קיין שלעכטס. קען זיך דען יעדער פֿון דעם „שפּריכוואָרט" ניט אַראָפּנעהמען אַ גוטען מוסר?

**„אַ יודישער תּענוג איז אַ קיהלער תּשעה באָבֿ". „אַ יודיש גליק איז אַז ער קומט צו ברכו". „אַ יודיש געווינס איז דער גורל צו קדיש".**

וויפֿיעל טרויעריגער הומאָר, סאַטירע, און אַך אמת. וויפֿיעל ריכטיגע בילדער פֿון דעם יודישען לעבען געפֿינט זיך אין דעם דאָזיגען שפּריכוואָרט?

נאָך איינס, „ווען פֿרייעט זיך גאָט? — ווען איין בעטלער קראַצט דעם אַנדערען". מיר יודישע מענשען פֿרייען זיך אַז אונז איז גוט, אַז מיר מאַכען גוטע געשעפֿטען, ווען מיר וואוינען אין צעהן צימער, זיטצען אין דער ערשטער לאָזשע אין טעאַטער, פֿאָהרען אין אַ קאַרעטע, אויסגעבען טויזענדער אויף צירונג און לוקסוס, אין דער גרויסער גאָט פֿרייעט זיך ווען איין אָרעמאַן העלפֿט דעם אַנדערען מיט וואָס עס איז! דערפֿון קען מען אויך דרינגען ווי גאָט איז ברוגז ווען דער רייכער העלפֿט ניט דעם אָרעמאַן, וואָס פֿאַר אַ גרויסער טיעפֿער געדאַנק געפֿינט זיך אין דעם שפּריכוואָרט? „אַז דאָס האַרץ איז פֿולל געהן די אויגען איבער", ווי אמת זענען די ווערטער א. ז. וו.



(װעז-פֿריינד)

צעהן יאהר 1) אונ ווי איהר זעהט ליעבע לעזער געפינט זיך אין די שפריכווארטער דרייסיג יאהר ארבייט !—

מיר בלייבט נאך צו באמערקען אז ווי פיעל ה. ב. אונ איך האב בעארבייטעט די שפריכווארטער , זענען זיי דאך געבליבען פראסט ארגינאל . פונקט ווי דער עולם רעדט זיי , דען אונזער צוועק איז געוועזען ניט צו .קינסטלען די שפריכווארטער אונ זיי ריכטיג איבער־געבען” דרום האבען מיר אין איינגע ערטער איבער־געלאזט די גרייזען וועלכע דאס פאלק האט אנ־גענומען .

ס. ספעקטאר.

ווארשא , דעצעמבער 1887.

---

1) ווי איך האב פריהער געזאגט געפינען זיך ביי מיר ביז 500 בריעף מיט שפריכווארטער, נאר זיי פאדערט נאך א יאהר צייט זיי צו בעארבייטען . איך קען פאראויס ניט זאגען וויפיעל עס וועט זיך צו־זאממען־קלייבען, וועל איך זיי אלע ביי־לאגע צו דרוקען צו די דאזיגע שפריכווארטער .

# יודישע שפריכווערטער

## א.

1 א איינרעדעניש איז ערגער ווי א קראנק [1

2 א ארעמאנן וויל אויך לעבען

3 א ארימער מיוחס איז געגליכענט צו די שברי לוחות

4 א בארג מיט א בארג קומען זיך ניט צו־נויף, אבער א מענש מיט א מענשען יא

5 א בוים בייגט זיך נאר ווען ער איז יונג

6 א בלינד הינדעל געפינט אויך א מאל א קערענדיל

7 א בלינד פערד טרעפט גלייך אין גרוב אריין

8 א בן־זקונים איז א פארטיגער יתום

9 א בעל־מלאכה ארבעט פאר דעם עססען און עסט פאר דער ארבייט

10 א בעל־מלאכה שטארבט ניט פאר הונגער

11 א בערידהמער איז גוט צו שלאגען

12 א ברונען שעפט זיך אויך אוים [2

13 א גאנץ יאהר בארויס און תשעה־באב אין זאקען [3

14 א גאנץ יאהר שיכור און פורים ניכטער...

15 א גאנצער נארר איז א האלבער נביא [4

16 א גאסט אויף א ווייל זעהט אויף א מייל.

17 א גוט ווארט ברייגט א גוטען ענטפער

18 א גוטער ברויכט ניט קיין קלעפ, א שלעכ־טען העלפט ניט קיין קלעפ.

19 א גוטער מאגען קען פיעל פערטראגען

20 א ביסעל און א ביסעל ווערט א פוללע שיססעל

21 א געמאכטע מכשפה איז ערגער פון א אמתה

22 א דאנק קען מען ניט אין קעשענע אריין לייגען

23 א דאקטאר קען זיך אליין ניט היילען

24 א הונד בלייבט א הונד

25 א הונד וואס בילט בייסט ניט

26 א הונד זאל מיין הארץ אויס־חאפען וואלט ער משוגע געווארען

27 א היימעשען גנב קען מען ניט איינהיטען

82 אהן פייער איז קיין רויך ניט

29 א וואוילער יונג איז שטענדיג אין דער ערד

30 א ווארים אין חריין מיינט אז קיין זיסערס איז ניט דא

31 א ווייב שטעלט אויף די פים און ווארפט פון די פים

32 אויף א יונגען בוים שפרינגען אללע ציגען

33 אויף א מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט

34 אויף א נארר איז קיין פירוש צו מאכען

35 אויף א פארשיווע פערד שטעלען זיך אל־לע פליגען

36 אויף א פרעמדער בארד איז גוט זיך צו־לערנען שערען

37 אויף גאמט טאר מען קיין קשיא ניט פרעגען וארום ער זאגט: אז דו ווילסט וויסען דעם תירוץ קום צו מיר.

1] זיך איינרעדען (איינבילדען) אז מען איז קראנק. 2] אללעס האט א ענדע, א גרונד: א מלמד האט זיך אמאל מיט דעם ווארטיל פאר־ענטפערט ווען איינער האט איהם פאר־געהאלטען פאר־וואס ער ערקלעהרט זיינע תלמידים פאלש דעם חומש, חאטש ווען ער האט שוין געגוג מאל אין זיין לעבען איבער געלערנט. 3] א ארעמער שלעפער וואס איז אגאנץ יאהר ארום געלאפען בארוועס, האט זיך אים תשעה־באב אנגעטהון אין זאקען כדי ער זאל מיט דער פרעמענע וויזען אז ער קלאגט נאך דעם בית־המקדש גלייך ווי אללע מענשען. 4] ווייל קינדער און נאררא̈נים זאגען דעם אמת (אדער: זיי קאנען קיין ליגען ניט זאגען).

38 אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל [1

39 אויף דעם רוח איז שטענדיג דא

40 אומגעקעהרט הייסט אויך געפאהרען

41 אומזיסט איז נאר דער טוידט און דאך קאסט ער דאס לעבען

42 אומעטאום איז גוט און אין דער היים איז נאך בעסער

43 אונטער די אויגען מעג מען רעדען וואס מע וויל

44 אז איטליכער צאהלט בעזונדער, איז דער ביטעל געזונדער

45 אז איין ארעמאנן עסט א הוהן איז ער קראנק אדער די הוהן

46 אז א קארגער ווערד מיקר עסט ער בארשט מיט לעקאך.

47 אז גאטט גיבט ברוידט געבען מענשען פוטער [2

48 אז גאטט גיבט מיט דעם לעפעל, געבען מענשען מיט דעם שעפעל

49 אז גנבים שלאגען זיך, קומט ארויס די גנבה

50 אז דאס הארץ איז פולל, געהן די אויגען איבער

51 אז דאס מיידיל קאן ניט טאנצען, זאגט זי די כלי־זמר קענען ניט שפיעלען

52 אז די בעל־ביתטע איז א שלים־מזלניצע איז די קאטץ א נאשערען

53 אז די וועלט זאגט, זאל מען גלויבען

54 אז די מויז איז זאט, איז איהר דאס מעהל ביטער

55 אז די נגידים זאכען, האבען די ארעמע־לייט וואס צו קאכען

56 אז די קאטץ וואשט זיך, וועלען זיין געסט

57 אז די הייפען צו־שפרינגען, צו־פאלט דאס פאס

58 אז דער בעל־שמחה איז א פרעסער, קומט די געסט גאר ניט אן

59 אז דער האן קרייט, קרייט ער אומעטאום

60 אז דער וואגען פאלט, זענען די רעדער צו־שווער

61 אז דער מעסער זיצט אויף די שפענער, זענען די שפענער— שפענער

62 אז דער מאנן שטארבט, ווייסען די שכנים ווי פיעל קינדער ער האט

63 אז דער סידור איז ניט געשטארבען, איז דער רבי אויך ניט געשטארבען

64 אז דער קאפ איז ניט דא, געהט אללעס אין דער ערד

65 אז דער רב געהט אין שטריימעל, געהט די רבעצין אין ספאדיק

66 אז דער תלמיד איז א וואוילער, איז דער רבי אויך א וואוילער

67 אזוי גייט עס אויף דער וועלט: איינער האט דאס ביטעל און דער אנדערער דאס געלד

68 אזוי לאנג ביז דאס רענדעל איז ניט אוים געביטען, גילט עס

69 אזוי לאנג דאס רעדעל דרעהט זיך, דרעהט עס זיך

07 א זייגער וואס שטעהט, איז בעסער איידער ער שלעכט געהט

71 אז מע איז ברוגז אויף דעם חזן, ענטפערט מען קיין אמן ניט

72 אז מע איז פויל, האט מען ניט אין מויל

73 אז מע איז צו קלוג, ליגט מען גאר אין דער ערד

74 אז מע בעקומט דאס ברויט, קומט דער טוידט

75 אז מע ברידט זיך אב אויף הייסען, בלאזט מען אויף קאלטען

1] ד. ה. דער בעל-עברה רעכענט זיך תמיד אין סכנה: אויף א יאריד האט פליצום איינער א געשריי געטהון „אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל". דער וועלכען די ווארטער האבען איבער-געשראקען האט זיך א חאפ געטהון ביי דעם היטעל, דער מיט האט ער זיך אלליין אוים-געגעבען. 2] ווענן דעם מענשען שפיעלט דאס גליק, פערדיענען ביי איהם אנדערע מענשען אויך.
(הויז-פריינד)

76 אז מע גיט א זעץ אהונט וואיען אללע

77 אז מע גנבת ארויס דאס פערד, פאר־שליסט מען דעם שטאל

78 אז מע געהט אין מיטען, האט מען א גאלדענעם שליטטען

79 אז מע געהט גלייך, פאלט מען ניט

80 אז מע דארף דעם גנב, שניידט מען איהם אב פון דער תליה

81 אז מע האט ברוידט, זאל מען קיין זעמיל (אדער לעקעך) ניט זוכען

82 אז מע האט די וועלט, האט מען יענע וועלט אויך [1]

83 אז מע האט ניט אוף שבת, האט מען ניט אויף זונטאג [2]

84 אז מע האט ניט קיין פינגער, קען מען קיין פייג ניט מאכען

85 אז מע האט ניט אין קאפ, מוז מען האבען אין די פיס [22]

86 אז מען האט נעכטען געגעסען, איז מען היינט ניט זאט

87 אז מע האט קינדער אין די וויגען, זאל מען לייטען לאזען צו פרידען

88 אז מע האקט הארץ, פאללען שפענער

89 אז מען ווייגט זיך אוים, ווערט גרינגער אויף דעם הארץ

90 אז מען וויל זיך אויס־שלאגען די הוצאות, שלאגט מען זיך אוים די ציין

91 אז מען וויל זיך ביים כבוד דער־האלטען, מוז מען דעם מאהל־צייט אויף צווייען שפאלטען

92 אז מען וויל יוצא זיין פאר דער וועלט, קאסט פיעל געלד

93 אז מען וועט דיר אן רעדען אויף יענעם זאלסט דו ניט גלויבען ביז עס זעהען דיינע אויגען

94 אז מע ווערט אן דאס געלד, ווערט מען אן דעם שכל אויך

95 אז מע זאגט געשטארבען—גלויב!

96 אז מע זאגט משוגע גלויב!

97 אז מע זוכט א באנדער, געפינט מען א גלעזער

98 אז מע טהוט א הונד גוטס בילט ער

99 אז מע טהוט מיט דעם שווער, שלאפט מען מיט דעם בער. [4]

100 אז מע לעגט זיך הונגעריג, שטעהט מען אויף שלעפעריג

101 אז מע לעבט אהן חשבון, שטארבט מען אהן וידוי

102 אז מע לעבט, דער לעבט מען אללעס

103 אז מען נעמט אראב די סמעטענע, בלייבט די זויער־מילך

104 אז מע פויקט, לאז מען ווייטער פויקען [5]

105 אז מע צאהלט געלד, איז ווערט געלד

106 אז מע צו טרעט א ווארעם, קריממט ער זיך אויך

1] דער וואס האט די וועלט קען טהון גוטס אויף דער וועלט ער זאל האבען יענע וועלט אויך. 2] ווען עס האט נאר געפעהלט געלד אויף שבת וועט מען זונטאג געוויס ניט האבען, וויל אום שבת קען מען ניט פאר-דיענען אנ-צו-גרייטען אויף דעם אנדערען טאג. 3] אז מען פאר-געסט עפים מיט-נעמען אונ מען מוז זיך אומקעהרען זאגט מען: דער קאפ האט פאר געסען אונ די פים מוזען ענטפערען. 4] אז מען טוהט א שידוך מיט דעם שווער וויל ער איז א שאנע יוד, האטש די כלה איז א מיאוסע.
5] דאס שפריכווארט שטאמט פון דער דאזיגער מעשה: אמאליגע יאהרען איז געוועזען איינגעפיהרט אז ווען איינער האט אויס געהערט צאהלען זיינע חובות ד. ה. „אנגעזעטצט" פלעגט קהל שיקען א פויקער ער זאלל זיך שטעלען ביי דעם אנזעצערס שטיב אדער קראם אונ זאל פויקען כדי די גאנצע שטאדט זאלל וויסען ווער עס האט אנגעזעצט. איינמאל האט זיך געמאכט, אז שמערעל דער קרעמער האט אנגעזעטצט אונ דער פויקער האט א טעות געהאט אנשטאט וואס ער האט בעדארפט זיך שטעלען פויקען ביי שמערעלס קראם האט ער זיך געשטעלט ביי בערעלס קראם, אז בערעל האט פליצום דערהערט ווי מען פויקט נעבען זיין קראם אונ האטש טהייל האבען איהם געזאגט אז דער פויקער האט א טעות געהאט, נאר בערעל האט דערויף געענטפערט „אז מען פויקט זאלל מען שוין ווייטער אויך פויקען" אונ האט טאקע אויפגעהערט צאהלען זיינע בעלי חובות.

107 אז מע קוקט ארויס אויף דעם שוועריס שטיוועל, נעהמט מען באַרוועס

108 אז מע קלאפט אויף דעם טיש, רופט זיך אן די שעער

109 אז מע קלויבט צו פיעל, פאלט מען אין בלאטע אריין [1]

110 אז מע קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער

111 אז מע קען ניט בייסען, זאל מען די ציין ניט ווייזען

112 אז מע קען ניט מאכען ווי מען וויל, מוז מען וועלען ווי מען קען

113 אז מען שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אויס

114 אז מע שיקט א נארר אויף דעם מארק, פרייען זיך די קרעמער

115 אז מע שמיערט, פאהרט מען

116 אז מע שפייעט דעם ציגיינער אין פנים, זאגט ער: עס רעגענט

117 אז מע שפיעלט זיך מיט א קאטץ, מוז מען פאר־ליעב נעהמען איהר קראטץ

118 אז עס איז ניט דא קיין פלייש, גריזעט מען די ביינער

119 אז עס געהט, לויפט עס

120 אז עס קומט ארויס פון א קאטץ, מאכט עס „מיאו".

121 אז עס קומט דער באשערטער, ווערט דאס אין צוויי ווארטער

122 אז עס קומען די מאות, קומען די דעות,

123 אז פאטער און מוטער זענען שדים, קומען ארויס קינדער ווי די רוחות

124 אז צוויי זאגען שיכור, דארף זיך דער דריטער לייגען שלאפען

125 אז צוויי שלאפען אויף איין קישען, דארף זיך דער דריטער ניט מישען

126 אז קרופניק איז איין אכילה, איז חאנדריוקע א קהלה

127 א חיי שעה הייסט אויך געלעבט,

128 א חסרון די כלה איז צו שאן

129 א טויטען טראגט מען ניט צוריק

130 איבער איין אנגעהויבענע חלה איז ניט גוט קיין המוציא צו מאכען

131 א יוד א למדן גיט זיך שטענדיג אן־עצה

132 א יוד גיט זיך אללע מאהל אן־עצה

133 איודיש מיידיל פאר־זיצט ניט

134 א יודישע נשמה [קישקע] קען מען ניט שאצען

135 א יודישע עין הרע איז ערגער ווי גוישער כשוף

136 א יודישע עשירות איז ווי א מארצאווער [חודש מארץ] שניי

137 א יודישער תענוג איז א קיהלער תשעה באב, א יודיש גליק איז אז ער קומט צו ברכו, א יודיש געווינס איז דער גורל צו קדיש

138 א יונגעל א שטיפער האט א גוט קעפער

139 א יונגער קען שטארבען און א אלטער מוז שטארבען

140 א יחיד קענען קהל [רבים] פערלירט אללע מאהל

141 איטלעכער ארעמאנן ווייסט פון זיין עשירות.

142 איטליכער האט זיך זיין בערגעל מיסט פאר זיין טהיר [2]

143 איטלעכער ווארעם האט זיין דארום [3]

144 איטלעכער מענש מוז קוקען איינטער זיך ניט פאר זיך

145 איטלעכער נישט איז תקיף אויף זיין מיסט

146 אייגענס איז ליעב [4]

147 איידער מע דער־קאנט דעם מענשען מוז מען פריהער מיט איהם אויף עסען א שעפעל זאלץ

1) ביי א שידוך ווען מע קלייבט צו פיעל טהוט מען לסוף דעם ערגסטען שידוך. 2) איטליכער האט זיין פעקיל צרות. 3) אויף יעדער פראגע איז דא א ענטפער „ווארום?— דארום". 4) אנדערע האבען אבער אויך פרעמדעס ניט פיינד. (הויז־פריינד)

148 איידער מע ווערט זיבעציג יאהר קומט
אללעס פאר די אויגען

149 איידער עס וועט קומען די נחמה, קען
אויס־געהן די נשמה

150 איין אויג שאדט דער גאנצער באק

151 איין אויפ־געקלערטער אין א קליין
שטאדטיל עסט קאשי מיט חלב אדער
שנויץ מיט ברוידט

152 איין אלטער ברעכט אונ איונגער בויעט
איז נאך ניט גלייך

153 איין אקם האט א לאנגע צונג אונ קען
קיין שופר ניט בלאזען

154 איין ארעמאנן איז ווי א לעבעדיגער זאק.

155 איין ארעמע מלאכה איז אויך א מלאכה

156 איין מאהל איז עס שאן, צווי־מאהל
האט עס חן, דריי־מאהל ברעכט מען שוין
האלז אונ ביין

157 איין מאמע קען צעהן קינדער צו פרידען
שטעלען, אבער צעהן קינדער ניט איין
מאמע

158 איינעמס שלים־מזל איז יענעמס מזל

159 איינער האט דאס אויף דער־לינג, דער
צווייטער אויף דער צונג

160 איינער ווילל לעבען אונ קאן ניט, דער
אנדערער קאן אונ ווילל ניט

161 איין שוואלב קען קיין זומער ניט מאכען

162 אין א בריטער טהיר אריין, אין א שמאלער
ארויס

163 אין א גרויסען טייך האפט מען גרויסע
פיש.

164 אין א סך מלאכות איז ווייניג ברכות

165 אין באד זענען אללע גלייך

166 אין דעם שלאף זינדעגט מען ניט

167 אין דער מקוה לאזט מען אללע עבירות.

168 אין פוילען איז אללעס קרים נאר די
טרעפ זענען גלייך

169 אין צווייען איז שטארקער

170 א פשוט'ער גראשען איז בעסער ווי א
טרפה קערביל

171 א לאך מאכט א גנב

172 א ליגנער גלויבט ניט קיינעם

173 א ליגנער מוז האבען א גוטען זכרון

174 א ליגען מיט א סימן

175 אליין קען מען עפעס אבער ניט ארבייטען.

176 אללע ארעמע לייט האבען גוטע הערצער,

177 אללע הויקערס זענען קרים נאר דער
הוקר רגלך איז גלייך 1]

178 אללע חזנים זענען נאראנים, אבער ניט
אללע נאראנים זענען חזנים

179 אללע יקרנים האבען דעם דלות

180 אללע מעלות קענען ניט זיין אינאיינעם.

181 אללע משוגעים שלאגען יענעם די
פענסטער

182 אללעס איז ביי יודען ווייניג נאר שכל האט
יעדער גענוג

183 אללעס בעסער ווי געשטארבען

184 אללעס בעקומט מען פאר געלד נאר קיין
שכל ניט

185 אללעס זאל מען קענען–גאר נישט זאל
מען בעדארפען

186 אללע שוסטער געהען בארוועס

187 אללע שיינדעלעך זענען מיאוסע,
אללע גימעלעך זענען באז.

188 אמאהל קויפט מען דעם קליגען פאר א
גראשען אונ דעם נאר פאר א רענדעל

189 א מוטער מוז האבען א גרוים פארטוך די
חסרונות פון די קינדער צו פאר־דעקען

190 א מוכר ספרים איז קיין למדן, א חלפן
איז קיין עושר אונ א קברות יוד איז קיין
צדיק

191 א מחותן טאר קיין הונד ניט זיין

192 א מחלוקה איז א פייער

1] א פסוק אין משלי „הוקר רגלך מבית רעך“, ד. ה. האלט וועלטען דיינע פיס צו-קומוען אפט צו דיין בעקאנטען.
(הויז-פריינד)

193 אַ מיאוסע מויד טאר מען קיין קוש ניט געבען
194 אַ מיוחס עסט רוחות
195 אַ מיידיל איז ווי אַ האנדטוך. [1
196 אַ מייסטער ווערט ניט געבוירען
197 אַ מנהג ברעכט אַ דין
198 אַ משוגענער מעג אַללעס מהון
199 אַ משכון זאל מען פאר־זעצען, נאר איין גביר זאל מען זיין
200 אמת איז גוט עדות צו זאגען
201 אמת קומט אַרויס ווי בוימעל אויף־וואַסער.
202 אַ נארר איז אַ גזר
203 אַ נארר איז אַ קאַליקע אויף אַללע פיער [2
204 אַ נארר איז געזונד פאר זיך
205 אַ נארר! אַ נארר! און שאקעלט זיך
206 אַ נארר האט קיין שטאדט [ווארט
207 אַ נארר זאגט וואס ער ווייסט און אַ קלוגער ווייסט וואס ער זאגט
208 אַ נארר טאר מען קיין האלבע אַרבייט ניט ווייזען [3
209 אַ נארישקייט אַז עס גראט אַ מאהל, איז דאס אויך אַ נארישקייט
210 אַ נארישקייט געדיינקט זיך
211 אַ נארר לאכט דריי מאהל [4
212 אַ נארר קען אַמאהל זאגען אַ גלייך ווארט אויך
213 אַ נארר קען מעהר פרעגען איידער צעהן קלוגע קענען ענטפערען
214 אַ נגיד קומט אַב און אַיין ארעמאַנן קומט אויף איז נאך ניט גלייך

215 אַ נייער בעזים קערט גוט
216 אַ געהמער איז ניט קיין געבער
217 אַ עושר האט קיין יושר
218 אַ פאַראַשאָווע אין האניג געפרעגעלט איז אויך זיס
219 אַ פוילער שליח געפינט אַללע תירוצים
220 אַ פסוק מיט אַ שטעקען [5
221 אַ פריץ האט אין זונן פערד — און הונד, אַ יוד ווייב און קינד
222 אַ פרעמדער פעלץ וואַרעמט ניט
223 אַ צדיק אין פעלץ [6
224 אַ קאטץ אדער אַ הינדיג, אַבי אַ קאטץ אויף שבת
225 אַ קאטץ קען אויך קאַליע מאַכען
226 אַ קאמאר קען אויך בייסען
227 אַ קארגער צאהלט טייער, אַ פוילער געהט מעהר
228 אַ קבצן איז אַ בעל־צדקה אויף פרעמדע קעשענעס
229 אַ קבצן האט תמיד אַ שאנע מאכטער.
230 אַ קלאפ פאר־געהט אַ ווארט בייַ־שטעהט.
231 אַ קליין קינד איז אַ שפיעלכען, אַ גרוים קינד אַ מיהלכען
232 אַ קראַנקען פרעגט מען, אַ געזונדטען גיבט מען
233 אַ קראַנקער לעבט פון קריינק
234 אַ רב אהן אַ רביצין, איז אַ האלבע מעשה
235 אַ האלבע שאלה איז טריפה
236 ארעם איז קיין שאנד
237 אַ שאן מיידיל איז אַ האלבער נדן

1] יעדער שדכן און ווער עס וויל נאר, רעדט איהר שידוכים ווי י ע ד ע ן געפעלט, אָדער: כל זמן זי איז נאך ניט קיין כלה קען יעדער יונגער מאנן זיך אנמעסטען פאר א כלה, דרום זאָגט מען: „א מיידיל איז ווי א האנדטוך, ווער עס וויל ווישט זיך". 2] נאריש זיין איז אזא קראנקהייט וואס עס איז שווער אוים צו־קורירען ווי א קאליקע וואס איז געלעמט אויף די הענד מיט די פיס. 3] ווייל ביז אין ענדע וועט ער אלץ ניט אויפהערען צו פרעגען, (אדער: אלע מאל וועט ער נייע פראגען געפונען). 4] (1 אז ער הערט, (2 אז ער פערשטעהט, (3 און אז דער־מאנט זיך. ] דער פסוק „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" (שמות י"א ז') ווערט בענוצט פאר א סגולה ווען הינד פאלען אן: דאך איז גוט דער ביי אויך א שטעקען צו האבען, ווירקט עס נאך בעסער; 6] אין דעם רעדען קען מען קיין אונטערשיעד ניט מאכען אז מע זאגט „צדיק" צי מיינט מען א צדיק — א פרומען יוד אדער דאס אות „צ" אזוי ווי אין מיטען ווארט שרייבט מען א קרומע צדיק „צ" און צום סוף ווארט א שלעכטע „ץ" (פערדארבען פון דייטשען שליכט־גראדע:) „ץ" מוז אין ווארט „פעליץ" געשריבען ווערען א שלעכטע „ץ" דאריבער אז מע וויל א שלעכטין צדיק זאגען א שטאך ווארטיל זאגט מען איהם אז ער איז א צדיק אין „פעליץ" דאס הייסט ווי די „ץ" אין ווארט „פעליץ".

239 א שאן פנים קאסט געלד [1]

240 א שדכן מוז זיין א ליגנער

241 א שוחט מאר קיין פגימה ניט מאכען

242 א שטוב אהן א בעל־הבית־טע איז א פוהר אהן רעדער

243 א שטענדיגער גראשען איז בעסער פון א זעלטען קערביל

244 א שטעקען האט צוויי עקין

245 א שיכור ברויכט מען ניט צו שטויסען

246 א שיקסע ביי א רב, קען אויך פסקענען שאלות

247 א שלים־מזל פאלט אויף דעם גראז אונ צו שלאגט זיך די נאז

248 א שלעכט ווייב, איז ווי א ווינד אויף דעם לייב

249 א שלעכט ווייב איז ערגער ווי דער טויט.

250 א שם טוב, איז בעסער ווי איין אבן טוב

251 א שנור מיט איין אוידעם זענען א פאר שדים

252 א שעה אין גן־עדן איז אויך גוט

253 א שפריכווארט, איז להבדיל א תורה

## ב.

254 בארגען מאכט זארגען

255 ביז דער פעטער ווערט מאגער געהט דער מאגערער צו גרונד

256 ביז זיבציג יאהר לערענט מען שכל, אונ מען שטארבט א נארר

257 ביסט־דו א בהמה קאי שטרוי

258 ביסט דו א זעלנער, שמעק זשע פולווער

259 ביי איין ארעמאנן, זאל מען קיין געלד לייהען

260 ביי א פערד קוקט מען אויף די ציין ביי א מענשען אויף דעם שכל

261 ביידע אין איינעם, איז ניט דא ביי קיינעם

262 ביי דעם ארעמאנן ווערט די חכמה דער שלאגען

263 ביים משפט מוז מען ביידע אויס־הערען

264 ביי־נאכט זענען אללע קיה שווארץ

265 בינד מיך אויף אללע פיער, נאר ווארף מיך צווישען מיינינגע

266 בעסער א בושת פנים איידער א עזות פנים

267 בעסער א ביטערע בלאט פון גאט איידער א זיסע פון מענשען

268 בעסער א געוואנדעטער נארר איידער א היימעשער חכם

269 בעסער א ווייטאג אין הארץ איידער א חרפה אין פנים

270 בעסער א יוד אהן א בארד ווי א בארד אהן א יודען

271 בעסער א יונגע אלמנה, איידער א אלטע מויד

272 בעסער איין אומרעכט לייד(ען), איידער טהון

273 בעסער איין אלטער מאפ, איידער א נייער שארבען

274 בעסער איין גוטער פריינד, איידער צעהן פיינד

275 בעסער אין גוישע הענד, איידער אין יודישע מיילער

276 בעסער א נאהנטען גראשען איידער א ווייט קערבעל

277 בעסער א פאטש, איידער א פאלשער קוש

278 בעסער א קווינט מזל איידער א פונט געלד

279 בעסער א רייכער שכן, איידער איין ארעמער בעל־הבית

280 בעסער ביי זיך קרופניק [קאליש] איידער ביי יענעם געבראטענם

[1] דער וואס וויל האבען א שאן פנים פאר דער וועלט דארף געבען צדקה, מיט־העלפען ארעמע לייט, לעבען שאן ווי א מענש א. ז. וו. אונ דאס אללעס, פערשטעהט זיך מוז קאסטען געלד.

281 בעסער ביים טאטען ברויט, ווי ביי זיך קוילעטש

282 בעסער גוט געזעהן איידער שלעכט געהערט

283 בעסער געזונד געהערט, איידער קראנק געזעהן

284 בעסער דאס גליק זוכט דעם מענשען, איידער דער מענש דאס גליק

585 בעסער דאס קינד זאל וויינען, איידער די עלטערען

286 בעסער דעם בעקער, ווי דעם דאקטאר.

287 בעסער דער ערשטער רוגז איידער דער אנדערער

288 בעסער מיט א קלוגען פערלירען, איידער מיט א נארר צו געפינען

289 בעסער פאפיער צו־רייסען, איידער פארמעט [1

390 בעסער פיער אין פריידען איידער צוויי אין ליידען [2

291 בעסער פריהר איין ווארט, איידער צוויי דער נאך

292 בעסער צעהן מאהל פערדארבען, איידער איין מאהל געשטארבען

293 בעסער שלעכט געפאהרען, איידער גוט געגאנגען

294 ברעכט זיך א רינג, צו־רייסט זיך די גאנצע־קייט

### ג.

295 גאטט באשערט דעם טרינקער זיין וויין, אונ דעם שפיגער זיין פלאקס

296 גאטט גיט די קעלט, נאך די קליידער

297 גאטט גיט ניט בחנם

298 גאטט האט געשווארען, אין דער וועלט זאל גאר נישט ווערען פאר־לוירען

299 גאטט ניצט אויבען, אונ פארט אונטען

300 גאטט שיקט די רפואה פאר דער מכה

301 גאלד לייכט פון בלאטע ארויס

302 גדלות ליגט אויף דעם מיסט

303 גוט איז דעם וואס ווערט באגליקט אויף דער עלטער

304 גוטע מאנער, זענען שלעכטע צאהלער

305 גוטע פערד, בלאנדזען ווייט

306 גיס ניט ארויס די אומריינע, כל זמן דו האסט ניט די ריינע

307 געבענטשט זענען די הענד וואס טהון זעלבסט

308 געה לאנגזאם, וועסט דו שנעלער קומען

309 געה פאמעלעך, וועסט דו נישט פאלען

310 געלד איז בלאטע אבער בלאטע איז קיין געלד

311 געלד געהט צו געלד

312 געלד פערדינען, איז גרינגער ווי צו האלטען

313 געלד פארלוירען האלב פארלוירען, מוזמן פארלוירען, אללעס פארלוירען

314 געפאשעט איז געפאהרען [3

315 געצוואונגען אונ געניט, טהוט גאטט לייד

316 גראד איז שטענדיג גוט [4

317 גראהע האר זענען קברות בלעטליך.

318 גרינג צו זאגען, שווער צו טראגען

### ד.

319 דאס אויג דער־צעהלט וואס דאס הארץ מיינט

320 דאס אויבערשטע קלייד פאר־דעקט די אונטערשטע לייד

1] בעסער תנאים צו-רייסען וואס מע שרייבט אויף פאפיער איידער א גט וואס מע שרייבט אויף פארמעט. 2] איידער א פאר-פאלג (מאנן אונ ווייב) זאללען זיך קריעגען איז גלייכער זיי זאללען זיך גט'ן, ער וועט התונה האבען מיט איינער אונ זי מיט איינעם וועט אוים-קומען פריער צוויי אין ליידען אונ שפעטער פיער אין פריידען. 3] אום־געפאשעט קען מען ניט פאהרען; אז מע עסט ניט קענן מען ניט ארבייטען. 4] „גראד" הייסט צו־דער־פאאר, וואס צו־דער־פארר איז גוט, א פארר איז בעסער ווי איינער אדער איינע; אין צווייען איז שטארקער א. ז. וו.

321 דאס בעסטע עפעלע כאפט אויס דער חזיר

322 דאס ברויט פאלט שטענדיג מיט די פוטער אראב

323 דאס נוטע געדיינקט זיך לאנג, דאס שלעכטע נאך לאנגער

324 דאס גוטע פערד שלאגט מען

325 דאס העמד איז מיר נאהנטער ווי דאס קלייד

326 דאס ווארט אין מויל איז א הארר, פון מויל איז א נארר

327 דאס ווייב מאכט פון דעם מאנן וואס זי וויל

328 דאס מזל לאזט ניט לאנג מיט זיך שפילען.

329 דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון ביימעלע.

330 דאס ערשטע ווייב, איז א געזונד צום לייב.

331 דאס פנים איז א מסור

332 דאס קריגעל געהט זא לאנג נאך וואסער ביז דער אויער ברעכט זיך אב

333 דארט וואו מען האט דיך ליעב געה וועניג און דארט וואו מען האט דיך פיינט געה גאר ניט

334 די אויגען זענען גרעסער ווי דאס מויל

335 די אייער ווילען קליגער זיין פון די הינער

336 די בעסטע סחורה אין דער וועלט איז מזומן געלד

337 די גאנצע וועלט איז איין שטאדט

338 די גאנצע וועלט זארגט: די זארגט וואס די פערעל איז איהר צו שיטער, און די צווייטע זארגט וואס די פעריל-גריץ איז צו שיטער

339 די גאנצע וועלט שטעהט אויף דעם שפיטץ צונג

340 די האלבע וועלט לעבט ווי שררות, די אנדערע אין צרות

341 די וועלט איז א פיינע, אבער יעדער האט דאס זיינע

342 די וועלט איז ווי א לייטער: איינער געהט ארויף דער צווייטער אראב

343 די זונן שיינט גלייך, אויף ארעם און רייך.

344 די זעלבע זונן מאכט ליינוואנד ווייס, און דעם ציגאנער שווארץ

345 די טאכטער שטראפט מען, די שנור מיינט מען

346 די ערשטע פלוימען זענען ווערעמדיג

347 די פיס טראגען, וואו דער קאפ זאל רוהען.

348 די צייט מאכט גראה די פאה, און ענדערט די דעה

349 די ציג עסט דא גראז און דארט גראז [1]

350 די צונג פערפיהרט דעם מענשען צום גליק און אומגליק

351 די תורה האט קיין גרונד

352 דלות און גאוה פאסען ניט צו־זאמען

353 דעם אמת מעג מען זאגען אפילו איין איינענעם טאטען

354 דעם ארעמאנן איז תמיד דער ווינד אין די אויגען

355 דעם געפאלענעם העלפט גאטט

356 דעם דלות פאסט אללעס

357 דעם ליגנער גלויבט מען ניט אפילו אויף א אמת אויך

358 דעם רבינס עסען און דעם פערדס טרינקען קען מען אויס האלטען, אבער דעם רבינס טרינקען און דעם פערדס עסען איז אונמעגליך

359 דעם רשע געהט אויף דער וועלט, דעם צדיק אויף יענער וועלט

360 דעם שדכן שטראפט גאטט ניט פאר זיינע ליגען

361 דער אמת איז דער גרעסטער שווינדעל.

[1] דעם געמיינעם מענשען איז אומעטאום שלעכט. (הויז-פריינד)

362 דער אֶתְרוֹג קָאסְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְד, אוּנ אִיבֶּער דֶעם לוּלָב מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה.
363 דער בֶּעסְטֶער בִּיסֶען קוּמְט אָהן דֶעם עֶרְגְסְטֶען הוּנְד
364 דער דָאקְטָאר קֶען צוּ אַללֶעס הֶעלְפֶען נָאר נִיט צוּם דַלוּת
365 דער דַלוּת לֵייגְט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט אוֹיף דֶעם פְּנִים
366 דער הָאלְדז הָאט אַ קְלֵיין לֶעכֶעל אוּנ פֶער־שְׁלִינְגְט דִי הוֹיז מִיט דֶעם דֶעכֶעל.
367 דער הוּנְד חַאפְּט אַ בֵּייגֶעל בַּיים בֶּעקֶער, דֶער בֶּעקֶער בְּלַייבְּט אַ בֶּעקֶער.
368 דער וָואס הָאט אַ הוֹיקֶער, מוּז אִיהם טְרָאגֶען
369 דער וָואס הָאט גֶעהאלְפֶען אוֹיף דִי פִיש, וֶועט הֶעלְפֶען אוֹיף פֶּעפֶער.
370 דער וָואס הָאט דִי מֵאוֹת, הָאט דִי דֵעוֹת.
371 דער וָואס הָאט לִיעב צוּ נֶעהמֶען דֶער הָאט פַיינְט צוּ גֶעבֶּען
372 דער וָואס זִיצְט לֶעבֶּען בּוּךְ דֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ אָן אַ גוּט יָאהר
373 דער וָואס טְרִינְקְט זִיךְ חַאפְּט זִיךְ אָן אָן אַ שַׁארְף פוּן אַ שְׁוֶוערְד
374 דער וָואס לוֹיבְּט זִיךְ אַלֵיין מוּז הָאבֶען שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים
375 דער וָואס פְרֶעגְט בְּלָאנְדְזֶעט נִיט
376 דער זַאטֶער גְלוֹיבְּט נִיט דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען.
377 דער חֶשְׁבּוֹן אִיז רִיכְטִיג, נָאר דָאס גֶעלְד פֶעהלְט
378 דער טוֹידְט אִיז קֵיין נְקָמָה
379 דער טוֹידְט בֶּעוַוייזְט דֶעם אֱמֶת
380 דער טוֹידְט קְלַייבְּט נִיט אִיבֶּער
381 דער כַּעַס אִיז אַ נַארר
382 דער לוּחַ טְרֶעפְט אוֹיף אַ מָאהל
383 דער לִיגְנֶער רֶעדְט זִיךְ דִי לִיגֶען אַיין, בִּיז עֶר גְלוֹיבְּט זִיךְ זֶעלְבְּסְט
384 דער מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָאט תָּמִיד אַיין אוֹיס־רֵייד
385 דער מַלְאָךְ הַמָּוֶת זָארְגְט נִיט צוּ דֶער טוֹיטֶער הָאט תַּכְרִיכִים.
386 דער מַלְאָךְ הַמָּוֶת שֶׁעכְט אוּנ בְּלַייבְּט גֶערֶעכְט
387 דער מֶענְשׁ גֶעהט אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ וַוייסְט נִיט וָואס הִינְטֶער זַיינֶע פְּלֵייצֶעס גֶעפִינְט זִיךְ
388 דער מֶענְשׁ טְרַאכְט אוּנ גָאטט לַאכְט
389 דער עוֹשֶׁר בְּלָאזְט זִיךְ אוּנ דֶער אָרֶעמַאנְן וֶוערְדְט גֶעשְׁוָואלֶען
390 דער עֶרְשְׁטֶער בִּיסֶען אִיז אַיין עֶקְבּוֹיר
391 דער קוּגֶעל גֶערָאטה נָאךְ דִי גֶעסְט
392 דער רֶבִּי מֶעג
393 דער שֵׂכֶל קוּמְט נָאךְ דִי יָאהרֶען
394 דער שַׁמָשׁ קְלַאפְּט אִין שׁוּל אַרַיין אוּנ לֵייגְט זִיךְ אַלֵיין שְׁלָאפֶען

## ה.

395 הָאב אִין זִינֶן ז י ך, וֶועסְט דוּ פַארְגֶעסֶען אָהן יֶ ע נֶ ע ם
396 הָאבֶּען מִיר נִיט גֶעוָואלְט עֶסֶען מַן מוּזֶען מִיר עֶסֶען צִיבֶּעלֶעס
397 הַאלְט מִיךְ פַאר אַ רַב אוּנ הִיט מִיךְ וִוי אַ גַנָב
398 הַאנְדֶעל־שַׁאפְט אִיז קֵיין בְּרִידֶער־שַׁאפְט.

## ו.

399 וואוּ דָאס וַוייבּ רֶעגִירְט וֶוערְט מֶען אִיבֶּער־גֶעפִיהרְט
004 וואוּ דַלוּת דָארְט אִיז אַללֶעס
401 וואוּ דֶער שְׁטְרִיק אִיז דִין דָארְט רַייסְט עֶר זִיךְ
402 וואוּל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אִין דֶער הֵיים.
403 וואוּל צוּ דֶעם וָואס קוּמְט צוּ אַ גְרֵייטֶע שִׁיסֶעל
404 וואוּ מֶע גֶעהט פִיעל, וַואקְסְט קֵיין גְרָאז.
405 וואוּ מֶע דַארְף הָאבֶּען מוֹחַ הֶעלְפְט נִיט קֵיין כֹּחַ
406 וואוּ תּוֹרָה דָארְט אִיז חָכְמָה

407 וואס איינער האט אין זיך, ווארפט ער פון זיך

408 וואס אלטע קייען טהון יונגע שפייען

409 וואו א סוד דארט איז א גנבה

410 וואס באשערט דאס באווערט

411 וואס ביי א ניכטערען אויף דער לונג, איז ביי א שיכורען אויף דער צונג

412 וואס ביי דעם נגיד פאר־וואלגערט זיך, געפינט זיך ניט ביים ארעמאנן אין פאר־מעגען

413 וואס ביי יענעם איז שאן

414 וואס בילליג איז טייער

415 וואס גאט טהוט, איז מסתמא גוט

416 וואס דער מענש טהוט זיך זעלבסט, וואלטען איהם קיין צעהן שונאים ניט געטהון

417 וואס דער פריץ איז גרעסער איז ער אלץ קלענער ביי זיך

418 וואס ווערט מיט א מאהל א מיוחס? — א יום־טוב־דיגער זעקעל פאר פסח אונ א בעל־תקיעה אום ראש השנה

419 וואס מע האט וויל מען ניט אונ וואס מע וויל האט מען ניט

420 וואס מע האנדעלט אום־שבת געהט אין דער וואך צוריק

421 וואס מעהר געווארט מעהר גענארט

422 וואס מע נעהמט ניט אליין דאס האט מען ניט

423 וואס מע רייסט ניט אב מיט געוואלד דאס האט מען ניט

424 וואס נאהענטער פון שול אלץ ווייטער פון גאטט

425 וואס עלטער איז אלץ קעלטער

426 וואס עס וועט זיין מיט כל־ישראל וועט זיין מיט רב ישראל

427 וואס פאר א גוט מארגען אזא גוט יאהר,

428 וואס פאר א כלי־זמר אזא חתונה

429 וואס פאר א קהילה אזא פרנס

430 וואס צו גאטט איז צו גאטט, אונ וואס צו לייטען איז צו לייטען

431 וואס צו־פיעל איז אונגעזונד

432 וואס קומט ארויס פון דעם גוטען ביער אין דעם שלעכטען פאס?

433 וואריף די קאטץ ווי דו ווילסט בלייבט זי שטעהן אויף די פיס

434 ווי מע שמיערט אזוי פאהרט מען

435 ווי די שררות אזוי איז דער משרת

436 ווי דער הארר האלט דעם הונד, אזוי האלט איהם דאס גאנצע געזינד

437 ווייבער האבען לאנגע האר אונ קורצען שכל

438 ווייבער האבען ניין מאס רייד

439 וויז א הונד א פינגער, וויל ער די גאנצע האנד

440 ווייניגער עולם גרעסער די שמחה

441 ווייניגען אונ לאכען, איז ביי ווייבער גלייכע זאכען

442 ווילסט האבען א פנים ביי לייטען? האב פריהר ביי זיך אליין

443 ווי מע בעט זיך אויס אזוי שלאפט מען

444 ווי מע נעהמט זיך פאר, אזוי העלפט גאטט

445 ווי־פיעל קעפ אזוי פיער דעות

446 וועגען שנאת חנם איז דאס בית המקדש חרוב געווארען

447 ווען גאטט וויל דער קוויקען, דעם קאנען מענשען ניט דער שטיקען

448 ווען גאטט ליעבט דעם שטראפט ער.

449 ווען א חזיר וואלט האבען הערנער, וואלט די וועלט קיין קיום געהאט

450 ווען איין אלטער מאנן נעהמט א יונג ווייב ווערט דער מאנן יונג אונ דאס ווייב אלט

451 ווען אללע מענשען וואלטען געווען נביאים וואלטען ניט געווען קיין עניים

452 ווען א נארר ווארפט א שטיין אין ברונען [אדער: אין גארטען], קענען קיין צעהן קלוגע ניט ארויס־נעהמען

453 ווען א קינד זאגט א חכמה, שיקט עס באלד אוועק [1]

454 ווען א קינד פאלט, שטעלט דער מלאך די הענד אונטער

455 ווען גאסט דער פרייט איז קיין מאהל נישט צו שפעט

456 ווען גאסט וויל מאכען צום נאר, נעמט ער צו ביים מענשען אויף דער עלטער דאס ווייב

457 ווען גאסט וויל - שיקט א בעזעם

458 ווען גלויבט א ליטוואק? ווען ער צעהלט דריי מאהל איבער

459 ווען דאס מזל געהט, קאלבט זיך דער אקס

460 ווען דאס מזל וויל ניט, מאכט קמץ בית „בא"

461 ווען דער מאנן איז א רב איז דאס ווייב א רביצין

462 ווען דער קצב געהט אוועק שפרינגט דער הונד אויף דעם קלאטץ

463 ווען וועסט דו וויסען אז איך בין דיר א א גוטער פריינד? ווען דו וועסט מיר ניט פאלגען

464 ווען זינגט א יוד? ווען ער איז הונגעריג.

465 ווען חתן כלה זענען נאשערס, רעגענט ביי זיי צו דער חופה

466 ווענט האבען אויערען, די גאסען האבען אויגען

467 ווען מע האט ניט צו פארלירען, מוז מען אללעם פראבירען

468 ווען מע שערט די שאף ציטערען די לאממער

469 ווען נאהט א שניידער אומזיסט? ווען ער מאכט ניט קיין קניפעל

470 ווען עס איז ניט ווי מע וויל, מוז מען וועלען ווי עס איז

471 ווער עס ברויכט א סך דער קען פיעל ניט שפארען

472 ווען פרייעט זיך א הויקער? ווען ער זעהט דעם צווייטען הויקער

473 ווען פרייעט זיך גאסט? — ווען איין בעטלער קראטצט דעם אנדערען

474 ווען פרייעט זיך דער ארעמאנן? ווען ער פארלירט און געפינט

475 ווען פרייען זיך די חדר יונגלעך? ווען דער רבי זיצט שבעה

476 ווען קלאגט דער ארעמאנן? ווען ער האט צוויי חתונות אין איין טאג

477 ווען שכנים שלאגען זיך, צו געהט דער שדוך

478 ווער עס איז פויל דער האט ניט אין מויל

479 ווער עס גראבט א גרוב אויף דעם צווייטען דער פאלט אליין אריין

480 ווער עס גרייט ניט אן ערב שבת, דער האט ניט אויף שבת

481 ווער עס האט א געהאנגענעם אין דער משפחה, פאר דעם טאר מען קיין שטריק ניט דער־מאנען

482 ווער עס האט אליין ניט צו קייען דער זאל יענעם ניט לייען

483 ווער עס האט געגעבען ציין, דער וועט געבען ברויט

484 ווער עס ווארפט דיר מיט שטיינער ווארף איהם מיט ברויט

485 ווער עס וויל אללעם וויסען, ווערט גיך אלט,

486 ווער עס וויל בארגען דער זאלל קומען מארגען

487 ווער עס טויג ניט פאר זיך טויג ניט פאר יענעם

488 ווער עס לייגט זיך הונגעריג שלאפען דעם חלומען זיך בעטלער

[1] ווייל א קינד איז מעהר ניט ווי א קינד און קען באלד נאך דער חכמה זאגען א נארישקייט.
(הויז-פריינד)

489 ווער עס פארעט זיך מיט סמאלע דער מוז זיך די הענד אויס־שמירען

490 ווער עס פאר־שטעהט ניט אויף דעם ווינק, צו דעם נעמט מען א שטעקין

491 ווער עס פיהלט זיך דער מיינט זיך

492 ווער עס קאכט נאך דעם בוך אונ זעהט נאך דעם לוח, דער האט דעם רוח

493 ווער עס קאן קיין פולווער ניט שמעקען דער זאל אין דער מלחמה ניט געהן

494 ווער עס קומט פריהער, דער מאהלט פריהער

495 ווער עס שטעלט ניט איין, דער געהמט ניט אויס

496 ווער עס שמייכעלט איז א פיינד, ווער עס שטראפט איז א פריינד

## ז.

497 זארגען אונ יאהר מאכען גרוי די האר.

498 זיבען זיהן ברייגען א שטוהל אין גן עדן, זיבען טאכטער א שטוהל אין גיהנם.

499 זיי ניט צו־פיעל זיס, מע זאל דיך ניט אויף־עסען, זיי ניט צו פיעל ביטער, מע זאל דיך ניט אויס־שפייען

500 זכות אבות איז קיין קאטאוועס [1

## ח.

501 חברותה איז גוט מיט זיין אייגען ווייב.

502 חוצפה גילט.

503 חן קאסט ניט מעהר ווי אומ־חן

## ט.

504 טאטע מאמע מוזען פון קינדער ליידען.

505 טהו א הונד גוטס בילט ער נאך

506 טייערע סחורה וואקסט פון די ערד ארויס [2

## י.

507 יחוס אויף דעם בית־הקברות—אין דער היים צרות

508 יעדער איז פאר זיין געלד א פריץ

509 יעדער בעל דרשן דרשעט פאר זיך

510 יעדער גאנג איז ווערט געלד

511 יעדער הונד איז א בעל־בית אויף זיין מיסט

512 יעדער ווארטיל האט זיין ארטיל

513 יעדער יוד האט זיין פעקיל

514 יעדער מארגען ברייגט זיינע זארגען

515 יעדער מענש איז אויף זיך בלינד

516 יעדער נארר האט שכל פאר זיך

517 יעדער נארר מיינט אז ער איז קלוג

518 יעדער סוחר לויבט זיין סחורה

519 יעדער פאר זיך, גאטט פאר אללע

520 יעדער קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל.

521 יעדער שטאדט־פיהרער האט פער־שטאכענע הענד

522 יעדער שיינקער לויבט זיין ביער

523 יעדע שטאדט האט איהר משוגענעם

524 ירושה אונ נדן־געלד האבען קיין ווערט, [אדער: קיין מזל ניט]

---

1] וועגען דעם שפריכווארט זינגט דאס פאלק דאס דאזיגע ליעדעלע:

דאס ווייב: א, מיין מאנן, זיי דו קיין נארר, לאך מיר מיין טאכטעריל ניט אויס, זי איז טאקע א יאשטשערקע גרין אונ דאר, זי קומט אבער פון שאנע לייט ארויס. איהר זיידע דער צדיק וועט זיך מיהען, וועל איך מיט איהר נאך א גוטען שדוך טהון, זכות אבות איז קיין קאטאוועס!

דער מאנן: א, מיין ווייב, דו ביזט זעהר גערעכט, דיינע רייד זענען להבדיל א תורה, דיין טאטע אונ מאמע האבען זיך זעהר ניט גערעכט, צו־בעקומען א קונה אויף זייער שמויקעל סחורה; נאר דיין זיידע דער צדיק האט זיך געמיהט, האב איך מיר נעביך אב־געבריהעט, זכות אבות איז קיין קאטאוועס!

2] אזוי דאכט זיך אז עס געפינט זיך גאר ניט די סחורה צו פאר־קויפען; ווערט נאר טייער, וואקסען ארויס סוחרים אונ ברייגען פון אונטער דער ערד די טייערע סחורה צו פאר־קויפען.
(הויז־פריינד)

## כ.

525 כבוד וואלגערט זיך אויף דעם מיסט ווער עס וויל נעמט אומזיסט

526 כסף וזהב מטהר ממזרים

527 כעס וחמה מאכען דעם מענשען פאר א בהמה

## ל.

528 לאנג געבארגט איז אלץ ניט געשיינקט.

529 לוידיגע האנד מאכען קאליע די וואנד

530 לעבען א פעטען טאפ איז זיך גוט צו רייבען

531 לעבען א שווערען וואגען איז גוט צו פוס צו געהן

532 לעבען זאל מען צווישען גוים, שטארבען צווישען יודען

533 לייג א קראנקען ווי דו ווילסט, טהוט איהם אלץ וויי

## מ.

534 מיט א יודען איז נאר גוט אין שול צו געהן

535 מיט אמת קומט מען פאר גאטט

536 מיט א נארר איז איין איבריגער צער

537 מיט א קלוגען קען מען אלעס אויספיהרען

538 מיט דעם מלאך המות טרייבט מען ניט קיין קאטאוועס

539 מיט וואס דער טאפ איז אנגעברענט, דער מיט שמעקט ער

540 מיט וואס מע האנדעלט, דאס קלעפט זיך אן

541 מיט ווייגען באצאהלט מען ניט קיין חובות

542 מיט וועלכע מענטשען מע האט צו טהון אזוי איז מען אליין

543 מיט טראכטען וועסט דו גאר ניט מאכען.

544 מיט פרעמדע האנד איז גוט פייער צו שארען

545 מיט צוויי ריטער שטראפט (אדער 2] שמייסט) מען ניט

546 מיט קהל איז זיך שלעכט צו משפטין

547 מיט שווייגען פארררדט מען זיך ניט.

548 מיט שרייען פיהרט מען ניט אויס

549 מיט תורה ווערט מען ניט פאר־פאלען.

550 מיינע קינדער זענען געטטס וואונדער 1]

551 מע דארף עסען אבער ניט פרעסען.

552 מע דער־קאנט דעם פויגעל נאך די פעדערן

553 מע דער קאנט נאך די באקען ווי די ציין קנאקען

554 מעהר גוי—מעהר מזל.

555 מעהר ליכט פאר־ברענט ווי געלד פאר־דינט

556 מעהר סוחרים—מעהר גליק

557 מע זאל זיך קענען אויס־קויפען פון דעם טוידט וואלטען די ארעמע לייט שאן פרנסה געהאט 1]

558 מע טאר דאס שטריקעל ניט איבער־ציהען

559 מע טאר ניט אויס־זאגען פון חדר

560 מע טאר ניט בעטען אויף א נייעם מלך 3]

561 מע מוז זיך אמאהל מאכען צום נארר.

562 מע מוז זיך שטרעקין נאך די דעקין.

563 מע מוז פאר דעם רוח־ס ווענען אויך זאמלען

564 מע מיינט ניט די הגדה נאר די קניידליך.

565 מע מעג זיין שווארץ אבי א גוט הארץ.

566 מע נארט ניט יענעם נאר זיך אליין.

567 מע קנייפט די באקען די פארב זאל שטעהן

568 מע קען די וועלט דאס מויל ניט פאר־מאכען

1] אזוי זאגט יעדע מוטער. 2] עס וואלט דאן זיין ארענדיל א קאפיטעל תהלים. 3] אויף דעם פסוק „ויקם מלך חדש" מאכט רש"י שנתחדשו גזרותיו. (הויז-פריינד)

569 מע שפילט דעם חתן ווייגענדיגט און ער האט זיינם אין זינען

570 משה רבינו האט מיט די יודען אויך ניט געקענט אויס־קומען

## נ.

571 נאך א שרפה ווערט מען רייך

572 נאך יום טוב בלייבט חובות און קוויטינגע וואש ׳

573 נויט ברעכט אייזען , דלות ברעכט שלעסער

574 ניט אזוי גיך מהוט זיך ווי עס רעדט זיך •

575 ניט דאס הארץ וואס לאכט איז פרעהליך•

576 ניט דאס היטעל איז פאר־דרעהט, נאר דער קאפ

577 ניט דאס שאנע פנים איז דער עיקר, נאר דאס שאנע הארץ

578 ניט פיעל געטראכט, אבי גוט געמאכט •

579 ניט קיין מזומנים, ניט קיין שאן פנים •

580 נעמט גאט נאר צו דאס געלד, נעמט ער דעם שכל אויך צו

## ס.

581 סיג לחכמה שתיקה— אבער שתיקה אליין איז קיין חכמה

## ע.

582 עהרליך איז שווערליך

583 עלטערען קענען אלעס געבען נאר ניט קיין מזל

584 עס איז א גרויסער חילוק פון וכך היה אומר ביז וכך היה מונה [1]

585 עס איז א מצוה פון א חזיר א האר אויס צו־רייסען [2]

586 עס איז בחנם וואסער אין ברונען אריין צו גיסען, אז עס קומט ניט אליין צו פליסען

587 עס איז ניט דא קיין מעלה אהן א חסרון

588 עס ווייסט ניט קיינער וועמעס מארגען איז.

589 עס זענען ביי גאטט אללע גלייך , ארעם און רייך

590 עפעס שלעכטעס וועט דער רוח ניט נעמען•

591 ערגער ווי שלעכט קען ניט זיין •

592 ער זוכט א פגימה אויף דער זעג •

593 ער קומט נאך דער ירושה און מוז בעצאהלען קבורה געלד •

594 עשו גיט מעשר פון שמרוי

## פ.

595 פאר א גנב איז קיין שלאס ניט דא •

596 פאר א געשלאגענעם הונד טאר מען קיין שטעקען ניט ווייזען

597 פאר א גר טאר מען קיין גוי ניט שעלטען•

598 פאר א היימעשען גנב קען מען זיך ניט איינ־היטען

599 פאר א טובה קומט אפט־מאהל א רעה •

600 פאר איין אלטען שלעכטען חוב נעמט מען פלעווע אויך

601 פאר א מענשען מוז מען זיך ניבער פאר־ענטווערען , ווי פאר גאטט

602 פאר א נארר איז קיין סוד ניט דא

603 פאר א נארר טאר מען קיין האלבע ארבייט ניט ווייזען

604 פאר אנקוקען צאהלט מען קיין געלד •

605 פאר א פעקעל מאכער איז א פינסטערע נאכט א ליכטיגע וועלט

606 פאר א צאפ האט מען מורא פון פארענט, פאר א פערד פון הינטען , פאר א נארר פון אללע זייטען

607 פאר א שכור איז קיין שלעכטער בראנפען ניט דא

[1] פון צו־זאגען אויף דעם ווארט ביז צו־צאהלען במזומנים . [2] מע זאגט אויך : „פון א חזיר א האר איז אויך גוט".

608 פאר געלד קריגט מען אללעס, נאר טאטע מאמע ניט

609 פאר דעם אמת שלאגט מען.

610 פאר דעם טויט קען מען זיך ניט בעהאלטען

611 פאר דער וועלט מוז מען מעהר יוצא זיין ווי פאר גאטט

612 פאר מארגען זאל גאטט זארגען

613 פאר נויט טהוט מען אן דעם שבת אין דער וואכען

614 פאר נויט עסט מען וויס-ברויט

615 פון א גנב איז שווער צו גנבינען.

616 פון א חזירישען עק קען מען קיין שטריימעל ניט מאכען

617 פון איילענעש קומט קיין גוטס ניט ארויס

618 פון א נארר האט מען צער

619 פון א פרעמדער פעל איז גוט פאסעס צו שניידען

620 פון דעם בית עולם נעמט מען ניט צוריק

621 פון דער חופה צו דער סעודה האלט זיך האלט זיך מיט דער ביידע

622 פון וואונשען ווערט מען ניט רייך,

623 פון יודישע לייד קען מען זיך ניט אב-וואשען מיט צעהן וואסערען

624 פון ליידיגע פעסער איז דער ליארעם גרעסער

625 פון נעמען ווערט מען ניט בדלות.

626 פון על חטא ווערט מען ניט פעט.

627 פון קנאה קומט שנאה

628 פון תענוג לעבט מען ניט, פון צרות שטארבט מען ניט

629 פורים איז קיין יום טוב, קדחת קיין קרענק

630 פייער איז א גנב

631 פינף טאכטער פארגעהט דאס געלעכטער,

632 פליה ניט הויך, וועסט דו ניט פאלען נידריג

633 פעריל אויף דעם האלז—שטיינער אויף דעם הארצען

634 פרנסה היטט אללע מכות

635 פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה.

636 פרעמדע קליידער ווארעמען ניט

## צ.

637 צדקה זאל קיין געלד קאסטען, גמלות חסדים זאל קיין עגמות נפש ניט מאכען, וואלטען געוועזען פיעל צדיקים.

638 צו א קינד א רוט, צו א נארר א שטעקין,

639 צו בארשט דארף מען קיין ציין

640 צו ברויט געפינט מען שוין א מעסער.

641 צו גוט איז אומגעזונד.

642 צו די עשר מכות נעמט מען ניט קיין חתן צו גאסט

643 צוויי הארטע שטיינער מאהלען ניט.

644 צוויי קעמץ אין איין זאק קענען קיין שלום האבען

645 צווישען דער קינדבעטערין און ווארטערין ווערט דאס קינד דער שטיקט

646 צווישען טיהר טאר מען קיין פינגער אריין לעגען

647 צום קבצן ארוים טרייבען דארף מען איין עושר

648 צום שלים-מזל מוז מען אויך מזל האבען.

649 צו-פיעל כבוד איז א האלבער שאנד

650 צו-שאן איז א מאהל א חסרון.

651 צו שטארבען האט מען אלע מאל צייט.

## ק.

652 קיין געבראטענע טויבען פליהען ניט אין מויל אריין

653 קיין מיעסע כלה איז ניט דא.

654 קיין תשובה איז אויך א תשובה

655 קליידער מאכען לייט

656 קליינע היתרים ברייגען גרויסע יסורים.

657 קליינע עברות ברייגען גרויסע גזרות.

658 קְלֵיינֶע קִינְדֶער לָאזֶען נִיט שְׁלָאפֶען אוּנ גְרוֹיסֶע לָאזֶען נִיט לֶעבֶּען

659 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, קְלֵיינֶע זָארְג • גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, גְרוֹיסֶע זָארְג.

660 קִינְדֶער אוּנ גְלֶעזֶער הָאט מֶען קַיין מָאהל צוּ פִיעל

661 קֵיינֶער וֵוייסְט נִיט וֶועמֶען דֶער שִׁיךְ קְוֶועטְשְׁט נָאר דֶער וָואס גֶעהט אִין אִיהם.

662 קֵיינֶער וֵוייסְט נִיט וֶועמֶעס מָארְגֶען עֶס וֶועט זַיין

663 קֵיינֶער טְהוּט נִיט יֶענֶעם נָאר זִיךְ אַלֵיין.

664 קֵיינֶער שְׁרַייט נִיט „אוֹי!" אַז עֶס טְהוּט נִיט וֵויי

## ר.

665 רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ טֵייעֶרֶער בִּיסֶען •

666 רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֵייב מִיךְ נִיט אוּנ וַוארְף מִיךְ נִיט

667 רוּף מִיךְ נַארר, נָאר גִיבּ מִיר לֶעקֶעךְ •

668 רֶעדֶען אִיז זִילְבֶּער, שְׁוַוייגֶען אִיז גָאלְד •

## ש.

669 שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער בֶּעסְטֶער יוֹם טוֹב •

670 שַׁבָּת הָאט דֶער רָשָׁע אִין גֵיהִנֹם אוֹיךְ רוּה •

671 שַׁבָּת־שְׁטֶעךְ הַאלְטֶען נִיט •

472 שְׁוַוייגֶען הֵייסְט גֶערֶעדְט

673 שְׁוֶוערֶען אִיז עֶהרְלִיךְ, הַאלְטֶען אִיז שְׁוֶוערְלִיךְ •

674 שְׁטַארְבֶּען פַארזָאמְט מֶען נִיט •

675 שְׁטִיל וַואסֶער גְרָאבְּט טִיעף

676 שְׁטֶעה נִיט אוּנְטֶער דֶער וַאנְד, וֶועסְט דוּ נִיט הֶערֶען דַיין אֵייגֶענֶע שַׁאנְד •

677 שָׁלִים־מַזָל וואו גֶעהסְט דוּ? צוּם אָרֶעמַאנְן.

678 שְׁטַיים דָאס פֶערְד מִיט הָאבֶּער נִיט מִיט אַ בַּייטְשׁ

679 שְׁפָּאר! שְׁפָּאר! קוּמְט דֶער רוּחַ אוּנ נֶעמְט צוּ גָאר

630 שְׁפִּיעל זִיךְ נִיט מִיט פַייעֶר

## ת.

681 תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה •

# יודישע טאכטער

## (ראמאן)

פון מ. ספעקטאר.

### 1

### קלארא

די פריילין קלארא, ר׳ קלמן קאפּילס דעם גבירס טאכטער, האט זיך פּלוצים צוקריעגט מיט איהרע חברטעס — די דריי שוועסטער פראניא, מאניא און סאניא, אדער, ווי מען פלעגט זיי רופען מיט זייער פאמיליע נאמען: „די פריידקינזאהנס“.

דאס גאנצע שטאדטיל אריבאטאווקע, וואו אונזער ערצעהלונג הויבט זיך אן, האבען זיך שטארק געוואונדערט דערויף, וואס פון אזא גרויסע און אלטע ליעבע האט זיך אויסגעלאזט אזא מיך!...

פיעל זענען געוועזען זעהר צוקאווע זיך דער וויסען ביי קלארען „פאר וואס?“ „פאר וועמען?“ און „ווי אזוי איז די מעשה געוועזען?“. נאר קלארא האט מיט קיינעם ניט גערעדט וועגען די פריידקינזאהנס ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס, זי האט פּשוט ניט געהאט מיט וועמען א ווארט צו רעדען, ווייל מעהר קיין חברטעס ווי די פריידקינזאהנס, האט זי ניט געהאט, זי איז געוועזען פון די מיידליך וועלכע ליעבען ניט צו האבען אסך חברטעס, ווייל זי האט פיינד געהאט די אללע פליאטקעס און פוסטע רייד, דאס אומזיסט פארברענגען צייט אויף אדום צו ריידען יעדען בעזונדער, ווי דער שטייגער איז וועגען דער געווייסער סארט ווייבליך אדער מיידליך קומען זיך צוזאמען.

קלארא איז ניט געוועזען קיין שאנע נאר פון די געראטהענע מיידליך וועלכע קענען געפעלען מיט זייערע אנדערע מעלות. ביי איהרע עלטערען איז זי געוועזען טייער און ציטעריג ווי דאס אויג אין קאפּ, אין שטאדט האבען אללע געהאט פון איהר די בעסטע מיינונג, זי האט קיין מאל קיין פליעג אויף דער וואנד געטשעפעט, זי האט ניט געוואוסט וואס הייסט זיין אין כעס, שטענדיג שטיל ווי א טויב, זיצען אין שטוב איז ביי איהר געוועזען דאס בעסטע פערגניגען, מיט די פריילין פריידקינזאהנס האט זי זיך נאר בעקאנט דערפאר, ווייל זי האט אין זיי געפונען אסך מעלות וועלכע זי האט ניט געהאט, און ווירקליך האט קלארא פון זיי גוטע זאכען געלערנט.

פריידקינזאהנס הויז איז ביי איהר געוועזען א נייע וועלט און דאס וואס זי האט געפונען אין דעם נייעם הויז, האט זי עס ניט געזעהן ביי איהרע עלטערען, וואו עס האט זיך אלץ געפיהרט אויף דעם אלטען שטייגער. חאטש איהר פאטער איז געוועזען א גביר, נאר איין „אלטמאדעשער יוד פון דער נייער וועלט“. דאס הייסט: זיין פרוי מיט זיינע קינדער זענען געגאנגען געקליידעט נאך דער נייעסטער פאריזער מאדע, און ער איז געגאנגען מיט א גארטיל אפילו אין דער וואכען; זיינע טאכטער האבען זיך גערופען אלגא און קלארא, זיינע זיהן — גריגארי און אפאנאסיע; און שבת האט קיינער געטארט טרינקען טהעע פון דעם סאמאוואר נאר משאלענט־טהעע. אין שטוב האט ער ערלויבט זיינע קינדער געהן אהן א היטעל; און שבת האבען זיינע קינדער ניט געטארט טראגען אפאטשיילקע אין קעשענע, ווייל אין אריבאטאוונקע איז ניט געוועזען קיין עירוב. און נאך אזוינע אסך קאפויערישע זאכען האט מען געקענט זעהן ביי ר' קלמן קאפילס אין הויז. די קינדער האבען שטענדיג געפאלגט זייער פאטער אין די אלט מאדישע זאכען און ער האט זיינע קינדער אפט נאכגעגעבען זייערע היינטמאדישע אויפפיהרונגען, דערום איז אין זיין הויז שטענדיג שלום געוועזען און די גאנצע פאמיליע האט זיך געפיהלט גליקליך.

ר' קלמן קאפילס האט זיין קלארא געגעבען א שאן צימער צום וואוהנען נאך היינטיגער מאדע, עסען און טרינקען אויך נאך היינטיגער מאדע, שאנע קליידער צום געהן נאך פאריזער מאדע, און געלד אין קעשענע ווי פיעל זי האט נאר געפאדערט, נאר אנדערע זאכען וואס א מענש דארף האבען אויף דער וועלט האט ער קלארא'ן ניט געקענט געבען; די אלע „אנדערע זאכען“ האט זי דערזעהן ביי די פריידקינזאהנס, און דרום האט זי זיך צוגעבונדען צו זיי ווי איין אייגענע שוועסטער. זי פלעגט אין זייער הויז פארברענגען כמעט דעם גאנצען טאג, איהרע עלטערען האבען איהר אין דעם ניט געשטערט, ווייל זיי האבען געזעהן אז זייער טאכטער פארברענגט דארט די צייט ניט אומזיסט, שטענדיג האט זי פון דער היים מיטגענומען א האנד־ארבייט און ווען זי איז געקומען צוריק איז שוין די ארבייט פארטיג געוועזען. די עלטערען פלעגען דערפון אנקוועלען. נאר חוץ די האנד־ארבייט האט זי ביי די פריידקינזאהנס גענאשט אזוינע זאכען וואס די עלטערען האבען ניט געקענט וויסען און ניט באמערקען. ביי די פריידקינזאהנס האט זי בעקומען די בעסטע ביכער צום לעזען פון וועלכע זי האט ביז יעצט פון זיי ניט געוואוסט. דארט האט זי זיך בעגעגענט מיט געבילדעטע יונגע לייט, און מע פלעגט אלע צוזאמען גוטע און פרעהליכע שטונדען פארברענגען. —

פריידקינזאהנס הויז איז ביי איהר געוועזען אלץ איינס ווי איהרע עלטערנס און אין אנדערע פאלען נאך פיעל טייערער.

די גוטע עהרליכע קלארא האט באמת ליעב געהאט די דריי שוועסטער, און טאמער האט זי געהערט אמאהל א שלעכט ווארט וועגען זיי, האט זי יענעם די אויגען אויסגעריסען. אלע האבען געוואוסט, אז קיינער איז ניט אין שטאנד זייער פריינדשאפט צו רייסען.

נאר עס איז ניט דא קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט!

II.

## א חתונה מיט קאוואלערען ·

ר' קלמן קאפילס האט חתונה געמאכט זיין עלטסטע טאכטער אלגא. איהר קענט זיך פארשטעלען וואס עס האט זיך געטהון אין אריבאטעווקע ווען דער דארטעגער גביר מאכט חתונה! מע קען זאגען אז דאס גאנצע שטאדטיל האט געהארעוועט אויף דער חתונה, אללע אריבאטאווקער ווייבליך אונ מיידליך האבען שטארק געשוויצט ארום זייערע קליידער אויף דעם גבירס חתונה, אונ ביי ר' קלמן קאפילס אין הויז האט מען אלס איבער־געקעהרט מיט דעם קאפ אראפ אונ מיט די פיס ארויף, געוואשען, געשאבען, געריבען, געקאכט, געבאקען, נאר נאך מעהר פון אללע האט געהארעוועט די כלה'ס שוועסטער, קלארא.

די מעשה איז דער פון אזוי: קלארא צו זאמען מיט דער כלה האבען געפועלט ביי זייערע עלטערען אז די חתונה זאל זיין א היינט־וועלטיגע, דאס הייסט: מע זאל רופען אויף דער חתונה אללע היינט־וועלטיגע יונגע לייט אונ אויך די מיט וועלכע קלארא האט זיך בעקאנט ביי די פריידקינזאהנס, כדי מע זאל אויף דער חתונה „טאנצען מיט קאוואליערען“: דרום האט קלארא געהארעוועט איבערן כח עס זאל אללעס זיין אין ארדענונג, ווי עס פאסט צו א היינטוועלטיגע חתונה. וואס אללע אנדערע האבען געטהון אין שטוב איז איהר אלץ ניט געפעלין. האט מען צו שטעלט דאס מעבעל, האט זיך איהר אויס געוויזען אז עס שטעהט „אלט־מאדיש“ אונ די היינטוועלטיגע וועלען לאכען. זי האט ניט געקוקט אויף איהר שוואכען כח, אויף איהר דארע קליינע הענדטליך אונ האט צו זאמען מיט די שטוב־מענשען נאך א מאל געשלעפט דאס מעבעל אונ איבער געשטעלט אויף אנדערע ארטער.

—לאזט פריילין, מיר וועלען אללעס אליין טהון ווי איהר וועט הייסען, צו וואס דארפט איהר שלעפען?—האבען זיך ביי איהר גיבעטען די שטוב־מענשען.

—איך קען זיך אויף אייך ניט פארלאזען, איהר פארשטעהט ניט ווי איך מיין... ווען אפילו די מוטער האט זי געבעטען זי זאל אזוי ניט הארעווען, זי האט גענוג געארבייט אהן דעם מעבעל אויך, אונ די מוטער האט אליין געוואלט טהון די ארבייט, האט קלארא ניט געפאלגט, „איך קען זיך אויף זיי ניט פארלאזען, אונ פון וואנען זאלען זיי וויסען, ווי אזוי עס דארף זיין א היינט־וועלטיגע חתונה?“—האט קלארא ביי זיך געטראכט אונ טאקע ווייטער אללעס אליין געטהון פון קליין ביז גרויס מיט דעם געדאנק: „לאזען די היינט־וועלטיגע ניט האבען צו זאגען אז ביי אונז איז אלטמאדיש“ —.

די לעטצטע צוויי טאג פאר דער חתונה האט זי אנגעהויבען ארבייטען ארום איהר קלייד, אין וועלכען זי דארף טאנצען מיט די קאוואליערען. צעהן מאל אין טאג איז קלארא געלאפען צו די פריידקינזאהנס אונ די פריידקינזאהנס צו קלאראן אויף די רעפעטיציעס, זעהן ווי דאס קלייד ליעגט, ווי די האר זעהן אויס, ווי די בלומע איז פארשטעקט—אונ אללע מאל האט קלארא אין שפיעגעל געפונען א נייעם חסרון אויף א נייעם ארט, אונ מע

האט ווייטער אויסגעטהון און אנגעטהון, ווייטער צוגעשפילעט און אבגעשפילעט. און דא איז אין גאנצען איבער געבליבען צוויי טאג און עס איז נאך דא אזוי פיעל אנדערע ארבייט! נאר עס האט ניט געהאלפען; מע האט ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ניט געשלאפען, און מע איז ווייטער געלאפען צו די פריידקינזאהנס, זיי זאלען זעהן, זיך גוט צו־קוקען און זאגען ווי זעהט איצט אויס דאס קלייד, די האר א. ז. וו.

די צייט איז ביי קלארען זעהר גיך געפלויגען, און מע האט דערלעבט דעם לעצטען טאג פון דער חתונה. ביי ר' קלמן קאפילס אין הויז זענען שוין געוועזען אללע צימער אויפגערארמט, אללע שטוב־מענשען און סארוערס מיט סארוועקעס האבען זיך שוין אויך ארום געוואשען. ר' קלמן קאפילס מיט דער "קלמן־קאפילטע" האבען זיך נאך דעם עסען אביסעלע צו געלייגט אפרוהען, זיי זאלען קענען זיין די גאנצע נאכט אויף דער חתונה. זיי האבען אויך געבעטען קלארען, זי זאל זיך אביסעלע אויסשלאפען; נאר קלארא האט וועגען שלאפען אפילו ניט געוואלט טראכטען; איצט אין דער שטילקייט, אין דער ריינקייט, אין דער גרויסען ארדענונג האט זי געדארפט מאכען די לעצטע רעפעטיציע פון איהר קלייד — פארשטעהט זיך אז איצט האבען אללע דריי שוועסטער, די פריידקינזאהנס, געמוזט זיין דער ביי.

די רעפעטיציע איז פארגעקומען אין דעם אייגענעם גרויסען זאל וואו מע וועט היינט אבענד טאנצען מיט די קאוואלירען. און אללע פיער זייטען האבען געבלישטשעט גרויסע שפיגלען, אין אללע ווינקלען גרויסע וואזאנעס מיט א סך בלומען. צוויי שעה האט געדויערט דאס אנטהון און אויסטהון, צו־שפילען און אויף־שפילען, די פריילין פריידקינזאהנס האבען ווי תמיד געזאגט די בעסטע מיינונג, און אפילו קלארא האט שוין אויך ניט געפונען קיין שום חסרון אין איהר קלייד.

די פריילין פריידקינזאהן האבען געאיילט אהיים, זיך אויך צו־גרייטען צו דער חתונה, און קלארא איז אין דעם גרויסען שאנעם בעפוצטען זאל געבליבען אליין.

זי האט פארשלאסען אללע טהירען פון זאל, און צום הונדערטען מאל ווייטער אנגעהויבען קוקען אין שפיעגעל, זיך געדרעהט אזוי און אזוי, ביז זי האט זיך ארום געזעהן פון אללע זייטען ווי גרוים זי איז ווי דאס קלייד איז אויף איהר געלעגען אויסגעגאסען — וואונדער שאן! פון גרויס פרייד איז איהר ביסעלע בלוט געקומען אין פנים אריין, און גרינג ווי אוינטעלע און גיך ווי א פייגעלע האט זי זיך אלאז געטאהן איבער דעם גרויסען זאל, אין איין מינוט איז זי איבער געפלויגען דעם גאנצען זאל ארום און ארום.

אך! ווי גרינג, ווי גוט און זים איז איצט! — האט זי פון גרוים פערגניגען אויסגעשריגען —, און די מאמע וויל איך זאל איצט שלאפען, אויסרוהען מיינע צובראכענע אוים געהארעוועטע ביינער... איך האב שוין דריי נאכט ניט געשלאפען, איך בין געוועזען אזוי פאר הארעוועט, אז עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז איך וועל אויף דער חתונה ניט האבען קיין כח צו זיין, און איצטער פיהל איך גאר ניט די אללע ווייטיגען וואס פריהער. די מאמע הייסט מיר שלאפען פארשלאפען אזא טייערע צייט, אזא זיסע ליכטיגע

גאלדענע וועלט ... אך ווי שאן ריין און גוט איז דאס איצט !...

מיט א זיסען שמייכעל אויף די ליפען האט זי זיך פאר טראכט אויף עטליכע מינוט ;

—און ווי גוט , ווי טייער און פרעהליך וועט זיין היינטיגען אבענד ... ביי אונז וועלען זיין אללע קאוואליערען—און גארפינקעל מיט שטיינקפינקלען אויך !...

ביי די לעצטע ווארטער האט זי שפרינגענדיג איצט איבער דעם זאלל פלוצים צו געלעגט איהרע פינגער צום מויל און ארום געלאזט אקוש איבער דעם גאנצער זאלל , אז עס האט אבגעקלונגען אין אללע ווינקעלעך .

דעם „וואזדישנע קוש“, ווי מע רופט איהם אן ביי די פארליבטע , האט קלארא געשענקט אללע קאוואליערען פאר זייער שאן טאנצען און אפשר גארפינקעל'ן מיט שטיינפינקעל'ן פאר זייערע שאנע האר . ווער קען וויסען וואס עס האט זיך איצט געטהון ביי דער יונגער גליקליכער קלארע אין הארצען !...

חאטש מע האט קלארען ניט גערעכענט צווישען די שאנע מיידליך , נאר איצט האט זי אויסגעזעהן אזוי פיין , אז יעדען האט זי געקענט געפעלען . איהר שטענדיג בלאה פנים איז איהר געווארען פארביג. איהרע אויגען האבען געבלישטשעט, עס האט פון זיי געשפריטצט פייער פון לעבען; איהר שפרינגען און טאנצען ווי א קליין קינד האט איהר צו געגעבען א בעזונדער חניוודיקייט , זי האט דאס בעמערקט און איז געוועזען זעהר גליקליך .

זי איז נאך עטליכע מאל דורך־געשפרונגען איבער דעם זאלל ביז זי איז אביסעל מיעד געווארען . זי האט זיך אנגעשפארט אויף דעם ווייכען דיוואן, און זיסע געדאנקען האבען זי אנגעהויבען פארשלעפערן...

***

וועלכע זיסע געדאנקען האבען איצט קלארען איינגעוויגט — איז שווער צו טרעפען , נאר פון איין זאך האט זי געטראכט , אז היינטיגען אבענד וועט זי זיך מעהר בעקענען מיט זיי , זי האט שוין לאנג געוואלט זיין מיט זיי בעקאנט , ווי די פריידקינזאהנם ; נאר ווי אזוי האט דאס געקענט זיין , אז זיי האבען צו איהר אין שטוב ניט געקענט קומען ! איהרע עלטערען וואלטען דאס ניט ערלויבט און דרום איז זי געוועזען מיט זיי , ווי מע זאגט , נאר „פון ווייטענס בעקאנט“ , ווען די יונגע לייט זענען געקומען צו די פריידקינזאהנם, האבען זיי איהר אויך דער לאנגט די האנד און ווייטער גאר ניט , זיי האבען מיט איהר קיין מאהל ניט גערעדט ווי מיט די פריידקינזאהנם .

—זיי מיינען אז איך קען ניט רעדען , פלעגט קלארא אפט טרויעריג טראכטען , ווייל איך בין א חסידישע טאכטער . א! זיי ווילען גאר ניט וויסען , זיי ווילען זיך ניט צו־קוקען צו מיר , אז איך קען אויך אזוי רעדען ווי די פריידקינזאהנם . זיי זאללען קענען וויסען און פארשטעהן וואס מהוט זיך בא מיר אין הארצען , ווי איך קען פיהלען ... ווי איך קען אמת , אמת טריי ליעב האבען ! און זיי רעכענען מיך פאר א שטומע , איך קען גאר ניט

רעדען, איך בין א חסידיש מיידעל—ווארט נאר ווארט, וועט איהר זעהן ווי וועל איך זיין א חסידישע פרוי!...

ניט צו ווערען קיין כלה פאר א חסיד, ד. ה. ניט פאר קיין געבילדעטען פון היינטיגער וועלט, האט זי זיך שוין לאנג געטרעשטעט. זי איז געוועזען פארזיכערט אויף איהר גרויס חשובקייט ביי איהרע עלטערען אז זיי וועלען איהר ערלויבען, נאר ווי אזוי זשע קען דאס זיין, אז א כלה ווערען פאר א היינט־וועלטיגען פאסט ניט דורך אשדכן! די כלה מוז אליין געפינען א חתן, אזוי לאנג זיין בעקאנט מיט היינטוועלטיגע ביז מע וועט זיך אין איהר פארליעבען. ניט איין מאל האט זי זיך געפרובט אנהויבען זיך מעהר בעקאנען און רעדען מיט זיי, נאר דאס „אנהויבען" איז איהר עפים געוועזען זייער שווער. אז עס איז אזוי אוועק געגאנגען טאג און וואכען און־גאר ניט! נאר אויך ט—היינטיגען אבענד איז געוועזען איהר גאנצע האפענונג. אויף איהר שוועסטערס חתונה וועט זי טאנצען מיט די קאוואליערען מעהר ווי אלע אנדערע מיידליך. און מיט נארפינקלען און שטיינפינקלען וועט זי געוויס אסך טאנצען!...

מיט די געדאנקען איז קלארא זיצענדיג אויף דעם ווייכען דיוואן אנטשלאפען געווארען ווי א קינד אין וויעג, פאר וויעגט מיט איינענע געדאנקען.—

## III.

## געטאנצט מיט יאשטשערקעס

דאס גאנצע הויז איז געוועזען בעלייכטעט מיט אסך ליכט און לאמפען, נאך שענער און ליכטיגער איז געוועזען דער גרויסער זאלל, וואו עס זענען איצט פארגעקומען די טאנץ. אלע קאוואליערען זענען געוועזען אויף דעם אורט, איינער האט פון זיי ניט געפעהלט. אויך פון אלע בולוואנאווקער אריסטאקראטקעס דאמען און פריילין האבען ניט געפעהלט; די כלה'ס שוועסטער האט מען געזעהן אומעטום, אלע האבען אין איהר דערקענט אז זי איז דא אויף דער חתונה די גלאוונע מחותנת־טע, קלארא איז געוועזען זעהר פרעהליך, מיט איהרע ליעבע חברטעס פריידקינזאהנס האט זי געשפאצירט געארעמט איבער דעם זאלל און צו זאמען אויפגענומען די יונגע היינטוועלטיגע געסט.

—אך, פראנעטשקע, ווי איז גוט וואס מיין פאטער האט ערלויבט אזא חתונה— האט זיך קלארא געווענדעט צו דער עלטערער פריילין פריידקינזאהן — אומשטיינס געזאגט איין אלטמאדישע חתונה איז דען אויך א חתונה? געה טאנץ מיט די אלטע ווייבער! עס גלוסט זיך נאר שלאפען; אבער אויף אזא חתונה ווי איז עס גוט, ווי איז עס פרעהליך!

די טאנץ האבען זיך אנגעהויבען. נארפינקעל און שטיינפינקעל, צוויי סטודענטען פון דעם פעטערבורגער מעדיצינסקי פאקולטעט, זענען געוועזען די „דיריזשארען" (די פיהרער) פון די טאנץ, אויסער דעם וואס זיי האבען געקענט שאן טאנצען און גוט פארשטאנען ווי צו פיהרען די טאנץ: זענען זיי אויך געוועזען צוויי שאנע יונגע לייט און פארשטעהט זיך־אז ביי די טאנץ זענען זיי געוועזען די העלדען, און יעדעס פריילין

און יעדעס יונגע דאמע האבען ארויסגעקוקט אז נארפינקעל אדער שטיינפינקעל זאל זיי „אנגאזשירען" [איינלאדען].

ווי גליקליך איז קלארא געוועזען צום ערשטען טאנץ, ווען נארפינקעל האט זי אנגאזשירט! —

קלארא האט זיך ניט אויסגערוהט אפ־רוהען פון ערשטען טאנץ, איז שוין אונטערגע־שפרונגען שטיינפינקעל און זי איינגעלאדען צום צווייטען טאנץ.

קלארא האט זיך געפיהלט נאך גליקליכער, פונקט ווי די זינגערין וועלכע די פובליקע רופט ארויס דאס צווייטע מאהל זינגען דאס אייגענע שטיק — א גליקליכע איז קלארא גע־פלויגען איבער דעם זאלל מיט דעם העלד, זי איז גאר ניט מיעד געווארען פון דעם צוויי־טען טאנץ, פונקט פאר־קערט — וואס ווייטער האט זי זיך געפונען גרינגער און גרינגער, און וואלט אזוי געפלויגען אייביג, אייביג מיט דעם גרינגען קאוואלייער, העכער, העכער ביז אין בלויען הימעל אריין, וואו אנשטאט כלי זמר, שפיעלען די פויגעל, אנשטאט די אללע לאמ־פען, בעלייכט די גאלדענע זונן מיט מיליארדען שטראהלען.

ווען עס האט זיך געענדיגט דער טאנץ, און זי איז מיט איהר קאוואלייער געבליבען שטיין אויף די פיס, האט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי זי איז מיט א גוטען מלאך אראב־געפא־לען פון הימעל אויף דער ערד.

דער גוטער מלאך האט זי צו־געפיהרט צו א ביינקעל, ליעבליך געדאנקט איהר פאר דעם טאנץ, און מיט א זיסען שמייכעל אוועק־געגאנגען און פאר־פאללען געווארען צווישען די גאסט, וועלכע האבען זיך געדרעהט אין זאלל.

זיצענדיג אזוי אויף דעם בענקעל האט זיך איהר געהויבען דאס הארץ, א קליין געשמאק ווינטעלע פון דעם ווייער האט איהר נשמה אביסעלע דערקוויקט, זי האט זיך אומגעקוקט ארום און ארום און האט געזעהן ווי איהר גוטער מלאך האט זי ווי איין עלענדע שטיין איבער־געלאזט אויף דער זינדיגער ערד, צווישען פראסטע זינדיגע בע־שעפעניששען — אך! ווי וואלט זיך איהר איצט געוואלט מיט דעם גוטען מלאך זיך אויף הייבען הויך... אין דער הייך... נאר געוויס וועט ער באלד קומען צו פליהען, אויף זיינע גרינגע פליגעל זי אויף הייבען פון דער זינדיגער ערד און זיי וועלען אוועק ווייט... ווייט... — ווי פיהלט איהר זיך, קלארעטשקע? — האט פראניא, וועלכע איז געזעסען ביי איהר רעכטער האנד, זי געפרעגט, און איבער געשלאגען איהרע זיסע געדאנקען — דאכט זיך עס איז דא צו היים?

איך פיהל זיך גוט, זעהר גוט, מיר איז ניט היים, מיר איז גוט.

אך קלארעטשקע! ווי שאן ליגט אויף דיר דאס קלייד! — האט זיך אנגערופען מאניא וואס איז געזעסען נעבען איהר לינקער זייט — דו זעהסט איצט אויס אזוי פיין, אז עס איז א פערגניגען צו קוקען אויף דיר — האט מאניא געזאגט גאנץ ערענסט.

— יא, איך פיהל עס, איך געפעהל זיך איצט אליין, איך בין מיט זיך איצט זעהר צו פרידען — האט קלארא געענטווערט און מיט דעם גאנצען הארצען זיך צו קושט מיט איהרע טרייע חברטעם.

די מוזיק האט אנגעהויבען געבען אסיגנאל צום טאנצען, די ביידע דירעקטארען האבען אנגעהויבען שווימען איבער דעם זאלל פרעהליך, און אויף „טאנץ—לשון" אויסגעשריגען, די „פארלעך" זאלען זיך שטעלען אויף זייערע ערטער. די קאוואליערען האבען געכאפט זייערע דאמען *) און פארליך האבען אנגעהויבען פליהען. קלארא האט אויך געטאנצט נאר שוין ניט גרינג אונטערען בלומען הימעל ווי אין די ערשטע צוויי טאנץ, נאר פראסט געטאנצט מיט די פיס אויף דער ערד. איהר נייער קאוואליער איז איהר געוועזען צו שווער, פונקט ווי זי איז איינגעשפאנט אין א שווערען וואגען. זי איז באלד שטארק מיעד געווארען און זיך געזעצט אויף איהר שטוהל.

די גוטע גרינגע מלאכים האבען ניט אויפגעהערט צו פליהען מיט די פרייליין פריידקינזאהן ביז אין סוף טאנץ.

20 מינוט איז אוועק געגאנגען. די מוזיק האט ווייטער געגעבען א סיגנאל. די צוויי דירעקטארען האבען זיך געלאזט לויפען נעמען זייערע דאמען אין דער זייט וואו קלארא איז געזעסען. זי האט שוין אוועק געלעגט דעם וועיער, ווייל זי איז געוועזען פארזיכערט אז נארפינקעל מיט שטיינפינקעל לויפען צו איהר. עס האט זי נאר איני טערעסירט ווער וועט זי דער ערשטער איינלאדען. נאר דער ערשטער האט אוים געכאפט פראניא'ן וועלכע איז געזעסען ביי דער רעכטער זייט פון קלארא'ן, און דער צווייטער — מאניא'ן וועלכע איז געזעסען ביי דער לינקער זייט—און קלארא איז ווייטער מגולגל געווארען צו א פרימען נייעם קאוואליער.

זי האט זיך איצט נאך ערגער געפיהלט ווי פריהער. זי האט זיך אביסעל געדרעהט מיט איהר נייעם קאוואליער און זיך באלד געזעצט אויף איהר שטוהל.

מע האט נאך פיער טאנץ געטאנצט און קלארא האט די גוטע מלאכים מעהר ניט געזעהן. זיי זענען פארפאלען געווארען ווי אין וואסער אריין, ד. ה. דעם גאנצען אבענד האבען זיי נאר געטאנצט מיט די פריידקינזאהנ'ס.

קלארא האט איצט געקוקט אויף איהרע פריהעריגע מלאכים ווי אויף ראזבאניקעס און אויף איהרע טייערע חברטעס, די פריידקינזאהנ'ס, וואס זי האט אהן זיי א שעה ניט געקענט איבער לעבען—ווי אויף איהרע שונאים.

די שטאנדיגע גוטע קלארא איז איצט געווארען בעז ווי אשלאנג. דאס יונגע בלוט האט אין איהר אנגעהויבען זידען ווי אין א קעסעל פאר גרויס פארדראס. נאר וואס האט זי געקענט טהון? די גוטע עהרליבע קלארא וואס האט ניט געקענט זיין פאלש האט נאך געמוזט מיט איהרע ראזבאניקעס און שונאים איצט זיין גוט און פריינדליך, בעטען אללע מאהל זיי זאלען עפיס געניסען פון די גוטע פארבייסענס און געטראנקען וואס מע האט אנגעגרייט אויף דער חתונה.

ווען עס זאל ערגיץ זיין אזא מין ביסעלע סם וואס מע זאל דערפון ווערען מיאוס און דער צו אהן פיס, מע זאל ניט קענען טאנצען, וואלט געוויס די גוטע קלארא געבעטען

*) א פריילין ביי די טענץ רופט זיך אויך אן „דאמע" — אנמערקונג פון הבחור׳ הטענצער ;

די פריילין פריידקינזאהן, זיי זאלען דער פון עפיס געניסען; נאר אזא מין סם האט זי ניט
געהאט. מע האט עס ניט אנגעגרייט אויף דער חתונה, אונ ווידער האט עפיס ניט געפאסט
מכבד זיין מיט אזעלכע זאכען, אונ קלארא האט טאקע ווייטער געמוזט זיי בעטען עפעס
געניסען פון די גוטע קאנפעקטען, גוטען לעקעך אונ פלאדען אונ פארטרינקען מיט גוטע
ווייגען.

קלארא האט ניט געטאנצט, די פריילין פריידקינזאהן האבען דאס בעמערקט
אונ זי געפרעגט.

—איך בין זעהר מיעד—האט קלארא געענטווערט—איך פיעל זיך ניט גוט.

—טאמער דארף מען רופען אדאקטאר?—האט זיך פראניא דער שראקען.

—בערוהיגט זיך, איך דארף קיינעם ניט, איך בין נאר מיעד; איך האב אסך
געהארעוועט פאר דער חתונה.

—מיר דארפען גאר ניט שיקען נאך קיין דאקטאר, איהר ווייסט דאך; מיר האבען
אייגענע. קומט נאר אהער, יונגע דאקטוירימלעך!—האט פראניא גערופען די צוויי
סטודענטען.

—אייעדער אזעלכע דאקטוירים איז שוין גלייבער געזונד צו זיין—האט מאניא געלאכט.

מע האט ווייטער אנגעהויבען שפיעלען, אונ גארפינקעל מיט שטיינפינקעל
האבען ווייטער פרעהליך אונ לעבעדיג געטאנצט—מיט די פריידקינזאהנס.

קלארא האט מעהר ניט געקענט איבער טראגען. זי איז געוועזען פון די אמתע
עהרליכע נאטורען, וועלכע האט ניט געקענט זיין מיט דעם הארצען אזוי אונ מיט דעם
פנים אנדערש. וואס עס האט זיך געטהון ביי איהר אין הארצען, האט מען גרינג געקענט
בעמערקען אויף איהר געזיכט. ווען זי האט איינעם ליעב געהאט, האט זי ליעב געהאט
מיט דעם גאנצען הארצען, אונ ווען זי האט איינעם פיינד געהאט, איז אויך געוועזען מיט
דעם גאנצען הארצען. ווען עס זאל היינטיגער אבענד ניט געוועזען זיין איהר שוועסטערס
חתונה, וואלט זי שוין לאנג אוועקגעגאנגען פון זאלל, איהר געדולד האט שוין אבער
געפלאצט אונ זי האט זיך גערעשעט, אויב די ראזבויניקעס וועלען זיך איצטעריגען טאנץ
אן איהר ניט דערמאנען, וועט זי אוועק געהן צו זיך אין צימער, עס מעג זיין וואס עס
וועט זיין.

קלארא האט אליין געהייסען שפיעלען דעם טאנץ, טאמער וועלען זיי זי בעמערקען.
די מוזיק האט באלד אנגעהויבען שפיעלען, די דירישארען האבען אנגעהויבען אויס־שרייען
צו די „פארליך“. אללע אנדערע קאוואליערען זענען צו געלאפען, נאר ניט גארפינקעל
אונ שטיינפינקעל! זיי זענען שוין געשטאנען אויף זייערע ערטער—פאר שטעהט זיך,
מיט די פריידקינזאהנס. קלארא פון גרויס פארדראס וואלט שוין אנטלאפען פון זאלל,
נאר וויל זי האט אליין געהייסען שפיעלען, האט זי שוין געמוזט טאנצען ביז אין סוף.
מיט דעם שוויס איז זי אבגעגאנגען איידער מע האט געענדיגט דעם טאנץ, וויל איהר
קאוואליער האט זיך איהר אויסגעוויזען איז אויך עפיס א מין „שווערער וואגען“ וואס האט
זי איינגעשפאנט אין איהר אונ שלעפט זיך מיט איהר ווי מיט רעדער אויף א שליט־וועגס. —

זי האט זיך געוואלט אביסל אפרוהען אונ אוועק געהן פון זאלל, נאר די מומער איז צו געגאנגען מיט א פרעהליך געזיכט אונ איהר געזאגט:

—קלארעטשקע! וואס לאזט דו אונזערע טייערע געסט זיצען ליידיג? וואס בעטסט דו זיי ניט מע זאל עפּיס געניסען?

אונ קלארא האט געמוזט מיט איהרע אייגענע הענד הארעווען איהרע אייגענע גזלנים אונ נאך מעהר איהרע שונאים—די פריילין פריידקינזאהן!...

אין עטליכע מינוט ארום האט קלארא געזאגט אז דער קאפּ טהוט איהר שטארק וויי, די מומער, וועלכע איז געווען זעהר צופרידען וואס קלארעטשקע וויל זיך געהן אפרוהען, האט זי זיך פארענטפערט פאר די געסט, אז זי האט זעהר געהארעוועט פאר דער חתונה, זי איז שוואך, איין איידיל קינד א. ז. וו.

—היינט זעהט, אז אקינד וויל ניט פאלגען!—האט די מומער געזאגט—איך האב זי ביי טאג געבעטען זי זאל זיך אביסל צו לייגען, האט זי ניט געוואלט, איצט קען זי אפילו ניט זיצען.

די פריידקינזאהנס האבען זיך היים צו קושט מיט איהר אונ געווינשען איהר אללעס־גוטס, גארפינקעל אונ שטיינפינקעל האבען פריינדליך זיך געזעגענט, דער נאך אללע געסט, אונ קלארא איז אוועק געגאנגען אין איהר צימער.

VI.

## מיינע א בעקאנטע דאמע.

זינדיגער מענש, קלארא! זי האט געמיינט אז נאר זי איינע איז איין אומגליקליכע. זי זאל זיך געוועזען צו־קוקען צו אנדערע פריילין, וואס האבען זיך געפונען אויף דער חתונה „מיט קאוואליערען“, וואלט זי געפינען פיעל אומגליקליכערע פון איהר, וועלכע האבען אויך גיטאנצט מיט „יאשטשערקעס“! —קלארא האט געטאנצט מיט די גוטע מלאכים האטש איין מאל, אונ נאך די ערשטע פרישע טאנץ, אונ יענע האבען אפילו דעם לעצטען אלטגעבאקענעם טאנץ מיט זיי אויך ניט געטאנצט. נאר אזוי איז שוין דער מענש זינדיג, אז ער פיהלט נאר ווי איהם זעלבסט איז שלעכט, אונ וועגען אנדערע אונגליקליכע וויל ער אפילו אין יענעמס ווינקעל ניט אריין קוקען.

א! ווי פיעל, ווי פיעל אונגליקען קומען פאר אויף יעדער חתונה, אויף יעדען באלל, וואו עס טאנצען דאמען מיט העררען!

***

איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך, ליעבע לעזער, אז אויף אזוינע חתונות אונ באללער ביי אונז אין די גרויסע שטאדט, אין דער „גרויסער וועלט“ האב איך זעהר ליעב צו זיין— איך האב ליעב אונ קוועל־אן קוקענדיג, ווי הונדערטער יונגע לייט, פריילין אונ קאוואליערען ווערען אללע גלייכע ברידער אונ שוועסטער, מען איז גוט איינס צום אנדערען, די אללע

הונדערטער יונגע מענשען טאנצען אונטער איין ראד ווי איין מענש, עס איז א גרויס פערגניגען צו קוקען ווי ארעם אונ רייך זענען ביי די טאנץ גלייך; מע נעמט זיך ארום ווי אייגענע, אללע צו זאמען האבען גלייכע פערגניגען, מע טאנצט, מע שפרינגט אונ מע רעדט צווישען זיך ווי קליינע אונשולדיגע גליקליכע קינדער!

—איהר האט אגרויסען טעות, האט מיר אמאהל אויף א באלל געענטווערט מיינע א בעקאנטע היינטוועלטיגע דאמע פון מיטעלע יאהרען, אלס איך האב איהר מיינע געפיהלע ארויס געזאגט—איך בין אין מיינע יונגע יאהרען אויף א סך באללער אונ אויף היינטוועלטיגע חתונות געוועזען. איך בין אמאהל אזוי שטארק פארברענט געוועזען אין אזוינע פערגניגען, אז איך קען זאגען איך האב איין באלל, איין חתונה ניט אויסגעפעהלט— אונ שווער אייך אז היינט ווען איך בין אויף א חתונה ווער איך זעהר טרויעריג.

—אפשר דער פאר וואס איהר זענט שוין איין עלטערע פרוי אונ קיין שאנע יונגע לייט ווילען מיט אייך ניט טאנצען?...

—איך רעד ניט פון מיר, איך זאג עס גאנץ ערנסט, איך רעד נאר פון די אללע גליקליכע, פון וועלכע איהר האט אזוי פיעל פערגניגען. איך מיין פון די אלע אונגליקליכע! איך בין אויך אמאהל געוועזען אזא אונגליקליכע!.

—אונגליקליכע! אט די יונגע פריילין וואס איהר זעהט דא אין זאלל ארומשפרינגענדיג ווי די יונגע פייגעלעך רופט איהר אן אונגליקליכע? —האב איך פער וואונדערט געפרעגט.

—יא, —האט זי נאך אמאהל ערנסט געענטווערט—איהר קוקט זיי אן ווי שאן ווי פיין זיי זענען געקליידעט, ווי פרעהליך ווי גליקליך זיי פליהען דא ארום פארליך־וויים. א! ווי ביטער אגער, ווי שווער, ווי פיעל צרות אונ שלעק האבען זיי איבער געטראגען איידער זיי זענען געקומען אויף דעם באלל! ניט איינע וועט איהר דא געפינען, וועלכע האט פריהער דריי טאג געוויינט, דריי נאכט ניט געשלאפען, איידער זי האט אויס געבעטען ביי די עלטערען עטליכע רובל אויף צו באפוצען דאס קלייד, ניט איינע האט זיך אויס־געוויינט די אויגען, ווייל זי האט ניט געהאט קיין האנדשוהע אדער קיין וועער, ניט איינע האבען די יונגערע שוועסטער מיט דער מוטער באגלייט אויף דעם באלל מיט טויטע קללות, פאר וואס זי געהט יא אונ די יונגערע ניט. נאר זי, אייער גליקליכע פריילין האט צו גענומען אללע קללות פון יעדען פארליעב, אונ איז טאקע געגאנגען אויף דעם באלל. זי האט אפילו פארגעסען וואס פאר א שרעקליכע קללות זי ערוואַרטעט נאך דעם באלל, צוריק א היים קומענדיג פון דער מוטער אונ פון די יונגערע שוועסטער. א סך אזוינע ביישפילען וואלט איך אייך געקענט ברענגען, ווי שווער אונ ביטער עס קומט זיי אן איידער זיי קומען אויף דעם באלל אדער אויף דער חתונה. נאר דאס אללעס וואס איך האב אייך דער ציילט איז נאך קיין אנהויב ניט וואס זיי ליידען איבער טאקע דא אין זאלל, טאנצענדיג, שפרינגענדיג אונ פרעהליכדיג.

—דא אין זאלל? דאס פערשטעה איך ניט!

—דא אין זאלל! אז וואס איהר מאנסלייט ווייסען ניט אונ פארשטעהן ניט איז קיין וואונדער ניט, — איהר קענט עס ניט פארשטעהן, אין אייך געפינט זיך ניט קיין ווייבערש

הארץ. דאס קען נאר וויסען יעדע פריילין וועלכע האט נאר געטאנצט אויף באלער אונ אויף היינט־וועלטיגע חתונות, אונ ווער שמועסט פון די, וועלכע גאטט האט געשטראפט דער מיט וואס זי איז ניט אזוי שאן: די פיהלט נאך מעהר. ווי אונגליקליך זי איז אויף דער פרעהליכער חתונה, וואו עס שפיעלט מוזיק...

מיין בעקאנטע דאמע האט געזעהן ווי איך הער זיך ניט אויף צו וואונדערען אויף איהר געשפרעך, האט זי ווייטער אנגעהויבען רעדען,

נאר אז איהר בלינדע מאנסלייט, פאר שטאפטע אויערען, שטיינערנע הארצער! אייזערנע קאפ, זאלט אויך קענען פארשטעהן אונזערע הארצער, מוז איך אייך ערקלערען: אויף יעדען באלל אדער חתונה וואו מע טאנצט מיט קאוואליערען, מוזען זיך געפינען צוויי דריי יונגע לייט, וועלכע האבען אללע מעלות, זיי זענען יונג, שאן, לעבעדיג ריהרעווידיג, שפרינגענדיג, רעדעוודיג אונ ־ער צו טאנצען זיי אויך גוט, — אזויגע ווערען באלד די „העלדען" ביי די טענץ; זיי מאכען די טענץ, פיהרען די מאנץ, די שאנסטע פריילין לאדען זיי איין פאר זייערע דאמעם צום טאנצען, מיט איין ווארט: זיי אונ זיי — זיי זענען אומעטום! ביים בופעט זענען זיי די ערשטע אונ עסען אין טרינקען דאס בעסטע, דער גאנצער זאלל מיט דאמען אונ קאוואליערען צו זאממען מיט די כלי זמר זענען זייערע דיענער, אונ זיי זענען זייערע נאטשאלניקעס. אללע מוזען זיי גלייך בעמערקען, אונ יעדע פריילין, יעדע דאמע איז זעהר צו פרידען, ווען איינער פון די העלדען לאדעט זיי איין—מיט איהם צו טאנצען, אונ ווער שמועסט אז דער „העלד" טאנצט מיט זיי עטליכע טאנץ, פיהלט מען זיך טאקע פון די גליקליכסטע אין דער וועלט. מיט זיי זדי העלדען טאנצט זיך גאר אנדערש, מיט זיי פליהעט מען אין די ערשטע פאר, מיט זיי לעבט מען, מיט זיי ווייסט מען פון א חתונה צו זאגען! אבער ווי פיהלט זיך די פריילין, וועלכע ניט איינער פון די העלדען האט זי אפילו איין מאל ניט איינגעלאדען צום טאנצען? א! דענסמאל איז מען ניט נאר ניט צו פרידען מיט דעם לעבען, נאר די גאנצע וועלט ווערט נמאס ומאוס. מע פיהלט זיך אונגליקליך, ווי שטארק באליידיגט, אונ מע ווערט אראב געפאלען ביי זיך, דאס יונגע בלוט הייבט אזוי אן צו קאכען, פונקט ווי ביים שניידער שמחת תורה, ווען ער וויל דווקא די שאנסטע אונ פעטסטע עליה, אונ עס לאזט זיך אויס אז מע לאזט איהם איבער עפיס א עק שטיקעל פארדארטע תורה!... מיט איין ווארט מע האט נאר א פארשטערטע חתונה אונ א פאריאמערט לעבען! אונ דער צו מוז מען נאך זיין פרעהליך, לאכען, רעדען, כדי מע זאל ניט דער קענען וואס עס טהוט זיך אין הארצען, מע מוז נאך זיך שלעפען, טאנצען מיין איך, מיט די „שווערע פוהרען" — א דאס איז א באזונדער אפקומענעש אויף דער וועלט! די געצעהלטע צוויי דריי העלדען זענען נאך ווי אויף צו זעצענעש אזויגע מארדער, אז יעדער פון זיי קלויבט זיך אויס איינע פון די שאנסטע אונ טאנצט מיט איהר אוועק דעם גאנצען אבענד אללע טאנץ, אונ מיט קיין אנדערע אפילו קיין טריט ניט. וואס איז דער פאר וואס מע האט ניט אזא שאנע נאז ווי יענע. אונד דאס אללעם דארפען די, אללע אנדערע" צו־זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען!..

א, מיט ווי פיעל פארדראס אונ כעס געהן אוועק די פריילין פון דעם פרעהליכען באלל! אומגליקליכע! זיי באקלאגען זיך וועגען דעם פאר קיינעם ניט, אפילו ניט פאר זייערע בעסטע חברטעס, יעדע טראגט דעם פארדראס שטיל ביי זיך בעהאלטען אין טיעפען הארצען,

אזוי אין דער שטיל, צווישען טויזענטער ליכט, צווישען מוזיק מיט טאנץ, ווערט פארגאסען טייכען־ווייז דאס בלוט פון יונגע פריילין!

—באמערקט נאך אזאך! —האט מיין דאמע ווייטער אנגעהויבען רעדען—עס איז דא אזוינע פון די ניט־שאנע, וועלכע געהן זעהר זעלטען אויף א באלל, אונ טאמער וועט איהר זי פרעגען פאר וואס געהט זי ניט, וועט זי אייך ענטווערען מיט פערשידענע תירוצים.

—איך האב פיינד די באללער, וואס האב איך דארט ניט געזעהן? פארברענגען אומזיסט צייט. איך וועל בעסער די צייט לייענען א בוך אדער געהן שפאצירען אין גאס וועל איך מעהר פערגניגען האבען, א. ז. וו.

—אונ טאנצען ווילט איהר גאר ניט?

—עט! וואס קומט ארויס דער פון, איך האב ניט שטארק ליעב טאנצען.

אזוי אדער אזוי ענטווערט זי אייך; נאר גלויבט איהר ניט!—האט מיין בעקאנטע דאמע ניט אויפגעהערט צו פייערען—אין דער צייט וואס זי ענטווערט אייך מיט תירוצים, ווען איהר זאלט קענען א קוק טאהן ביי איהר אין הארצען, וואלט איהר געזעהן, אז טאנצען האט זי זעהר ליעב, אונ וואלט זיך אבגעזאגט פון אללע אנדערע פערגניגען, אבי געהן אויף דעם באלל, זי געהט אבער ניט, נאר דער פאר ווייל זי ווילל ניט קיין בלוט צאפענעש". דאס בלוט זאל אין איהר אומזיסט ניט איבער געקאכט ווערען. זי ווייסט פון פ ר א ק ט י ק ע אז די העלדען פון די טאנץ זענען ניט קיין מבינים אויף איהר שאנקייט (עס איז ניט דא קיין פריילין וועלכע זאל ניט מיינען אז זי איז שאן), אונ זי קען אזוי אוועק־זיצען דעם גאנצען אבענד, אונ ניט נאר די העלדען וועלען זי ניט איינלאדען, נאר אפילו אללע אנדערע געוועהנליכע קאוואליערען קענען זי אויך ניט באמערקען. אונ בכלל איידער זיך שלעפען מיט די „שווערע פוהרען" איז גלייכער גאר ניט צו טאנצען אונ בעסער זיצען אין דער היים. ווען אזא מין פריילין געהט שוין יא אמאל אויף א באלל, געהט זי שוין מיט א אנגענגרייטען קאוואליער וועלכער וועט טאנצען מיט איהר, אהן אזא בעקאנטען אנגעגרייטען קאוואליער וועט אזא פריילין ניט געהן אויף קיין באלל אדער אויף „א חתונה מיט קאוואליערען". חאטש דער הרגיט זי, מיינע שונאים, וועט זי אייך ליעבער הונדערט נייע פיסטע תירוצים אויסטראכטען, אונ טאקע אויף דעם באלל ניט געהן, זי זאל אפילו, מיינע שונאים, דעם שלאק באקומען.—

—איך האב אמאהל געקענט א יונגען מאנן—האט מיין בעקאנטע דאמע ווייטער דערצעהלט—א שאנער, א לעבעדיגער, א פרעהליכער, גיטאנצט קינסטליך גוט. מיט איין ווארט: דער ערשטער העלד אויף אללע חתונות—אונ שטעלט זיך פאר! אז ער פלעגט נאר טאנצען מיט ניט קיין שאנע פריילין—די מיאוסטע פלעגט ער עטליכע מאל איינלאדען צום טאנצען, אזוי אז די שאנע פלעגען די מיאוסטע מקנא זיין. אללע האבען זיך זעהר געוואונדערט אויף דעם „העלד", אונ מע האט איהם אמאהל געפרעגט.

—צו וואס טהוט איהר עס? איז דען ניט בעסער צו טאנצען מיט שאנע ווי מיט

מיאוסע ? מיט אזא קראסאוועץ ווי איהר וועלען דאך מיט פערגניגען טאנצען די שאנסטע פריילין.

—איך טהו עס מיט א וואלטאהטיגען צוועק, עס איז א רחמנות—האט דער העלד געענטווערט, און איך זאג אייך דעם אמת, אז פאר דעם יונגען מאנן איז שוין געוויס אין גן עדן אנגעגרייט אגילדענער שטוהל, באהרעכענט נאר ווי פיעל אונגליקליכע יונגע יודישע טאכטער האט ער אין זיין לעבען גערעטעוועט פון בלוט צאפענעש און גליקליך געמאכט! גאטט זאל איהם דערלאנגערען זיינע יאהר, ער זאל נאך לאנג און א סך יאהרען זיין יונג און דער ערשטער העלד אויף אללע חתונות! אט וואס פאר יונגע לייט עס זענען אמאהל געוועזען אין מיינע יונגע יאהרען! היינטיגע יאהרען, אומשטיינס געזאגט, טהוט נאר יעדער וואס איהם געפעהלט, אבי זיי איז גוט, און פון קיין אנדערע אונגליקליכע ווילען זיי גאר ניט טראכטען!

—אט זעהט אין יענעם ווינקעל—האט מיין בעקאנטע מיר אנגעוויזען אויף צוויי פריילין וואס זענען געזעסען אין זאלל וואו מע האט גיטאנצט—זעהט ווי טרויעריג זיי זיצען, זיי האבען נאך קיין איין מאל ניט געטאנצט. קיינער פון די קאוואלירען האבען זיי ניט איינגעלאדען, וואס איז? זיי זענען ניט שאן, א! איך פיהל זייער הארץ!

***

נאך מיין שמועס מיט מיין בעקאנטער היינטוועלטיגע דאמע, האב איך ערשט איצט פארשטאנען מיט וואס פאר א הארץ קלארא איז היינטיגען אבענד אוועק געגאנגען פון איהר שוועסטערס חתונה, און ווער ווייסט וויפיעל נאך „אונגליקליכע” עס האבען זיך היינטיגען אבענד געפונען אויף קלארעס שוועסטערס חתונה!

V.

## עס טאנצט שוין אין שטעדטיל

עס האט שוין געטאנצט אין אריבאטעווקע. די פענסטער זענען שוין געוועזען בלאה ווען מע איז זיך צוגאנגען פון ר' קלמן קאפילס חתונה. אזא גרויסען עולם האט מען שוין לאנג אין אריבאטעווקע ניט געזעהן ובפרט נאך אזוי פיעל יונגע לייט מיט יונגע פריילין.

בכלל אין די קליינע שטעדטליך אז איינער מאכט חתונה רופט מען אללע שכנים מיט זייערע קינדער, ארעם און רייך אללע גלייך. היינט קען מען זיך פארשטעלען ווען אזא גביר ווי ר' קלמן קאפיל מאכט חתונה! פון אללע טהירען האבען זיך געשיט מענשען, „פארליך” און „פארליך”. פיעל קאוואלירען האבען אבגעפירט זייערע דאממען און פיעל זענען געגאנגען אהן אבפיהרערס נאר מיט זייערע חברטעס, מיט וועלכע זיי זענען געקוממען אויף דער חתונה. פון דער „ברייטער גאס” וואו ר' קלמן קאפיל האט געוואהנט האט זיך דער עולם אנגעהויבען צו שיטען אין פערשידענע שמאלע פינסטערע גאסליך און קוטיגע הייזליך. דער לארעם פון דעם גרויסען עולם איז אביסעל שטילער געווארען, און מע האט שוין געקענט הערען וואס איינער מיט דעם צווייטען האבען גירעדט.

—אך, ווי שאן עס איז געוועזען, גיטעל!...

—דו ביזט אמאהל געוועזען אויף אזא חתונה, געלע? האט גיטעל געענטווערט מיט א פראגע איהר חברטע מיט וועלכער זי איז צו זאממען געקומען אויף דער חתונה און איצט געהען זי א היים דורך א שמאל גאסיל און רעדען צווישען זיך.

—איך? פון וואנען האב איך געזאלט זיין אויף א דייטשער חתונה?

—איך בין אויך קיין מאל ניט געוועזען, נאר איך האב געזעהן פאר א יאהרען האבען פונקט א קעגען אונזערע פענסטער געוואהנט דייטשען. אך ווי איז עס גוט ביי די דייטשען!...

ביז היינטיגען אבענד האבען זיי דער פון אזוי פיעל ניט געוואוסט. פארקערט; אפט פלעגען זיי מיינען אז ווי „ביי זיי" איז גאר קיין בעסערעס ניט דא. ערשט איצט האבען זיי זיך דערמאנט און ארום געקוקט זיך ווי ביי „זיי" איז ביז א העך געוועזען סקוטשנע, אומעטיג—און וואס ערוואַרטעט זיי איצטער? ווייטער די אייגענע מאמע מיט איהרע שטרענגע און שארפע זאקאנעס וואס זי האט געלייענט פון איהרע היילינע ווייבערשע ספרים אויף „עברי־טייטש", ווייטער דער אייגענער טאטע וואס פאלגט שטענדיג די מאמען, און מעהר ווי די עלטערענס הויז ווייסען זיי ניט פון קיין אנדער פערגניגען: איין גאט ווייסט צי־וועט זי נאך אויף איהר לעבען האבען אזא טייערען אבענד ווי היינט אויף דער דייטשער חתונה.

—ביי די דייטשען איז אזא חתונה גאר ניט קיין אנטיק — האט זיך אנגערופען גיטעל—אללע אבענד קומען זיך צו זאממען קאוואליערען, און מע רעדט און מע שמועסט.

—פון וואנען ווייסט דו? ביזט דען אמאהל געוועזען ביי די דייטשען אויף א אבענד?

—איך האב דאך דיר געזאגט אז פאר איאהרען האבען קעגען אונז געוואהנט דייטשען.

—וואס דען מיינסט דו? מיר ווייסען עפיס אויך פון א וועלט און פון א לעבען? אומשטיינס געזאגט! מע זיצט און מע זיצט אין שטוב און מע זעהט פאר זיך ניט דעם ליכטיגען שיין, און אז עס קומט א גאסט טארען מיר אפילו א ווארט ניט רעדען און אומשטיינס געזאגט: ווער קומט צו אונז? א שכנטהע, א גבאיטע, פרומע ווייבער. אדער גאר בערעל שדכן און טאקע ווייטער בערעל שדכן, זיץ און ווארט ביז וואנען ער וועט דיר געבען א חתן פאר עטליכע רוביל מיט עטליכע טרונק בראנפען שדכנות! און ווער איז דער חתן? עפיס פון א קליין שטאדטיל, וועלכען דו קענסט ניט און ווייסט ניט. געהען מיר אמאל שבת שפאצירען, אומשטיינס געזאגט, געהט מען מיט דער מאמען און אפילו אהן דער מאמען זאל דיך גאטט אב היטען ווען זו וועסט זיך מיט אימעצען באגעגענען, ניט נאר דו דארפסט ציטערען פאר די אייגענע עלטערען, נאר פאר אללע אין שטאדטיל, מע זאל דיך ניט בארעדען. יעדע ליאדע קוטינע יודענע האט איבער דיר צו שאפען. ביי די דייטשען איז א פערגניגען—א דייטשעס מיידיל איז פריי, חוץ איהרע עלטערען האט קיינער איבער איהר ניט צו שאפען, זי טהוט וואס זי וויל, זי געהט שפאצירען ווען זי וויל און באגעגענט זיך מיט יונגע לייט מיט וועמען זי וויל נאר, און האט פאר קיינעם קיין מורא ניט. קיין פרעמדע האבען איבער זיי ניט צו שאפען, זיי מעגען אפילו

צו זעצט ווערען רעדענדיג און פלאטקענדיג, די אויגען מעגען זיי ארוים קוקענדיג, אזוי ווי דער פאר א יאהריגער שנעע, און זיי פיהרען זיך אויף ווי זיי ווילען, פראנק און פריי פאר דער גאנצער וועלט—אך, בין איך מקנא די פריידקינדוואהנס!...

—מיר מעגען זיי טאקע מקנא זיין, זייערע עלטערען פארפינסטערען ניט זייערע קינדער דאס לעבען ווי אונז.

געלע האט א זיפץ געטהון און גיטעל איז אויך טרויריג געווארען.

אין א צוויי מינוט שפעטער האט זיך געלע פלוצים פרעהליך געגעבען א חאפ.

—אי גיטעלע, דו זאלסט געוועזען זעהן ווי ער האט מיך געבעטען טאנצען.

—און מיך—האט גיטעל א שפרונג געטהון פרעהליך—האט ער געפיהרט ביי דער האנד איבער דעם גאנצען זאל און מיר געדאנקט פאר דעם טאנצען מיט איהם.

—און איך בין שיער, שיער ניט געפאלען ווען איך האב זיך מיט איהם געטהון א דרעה, האט ער מיך א חאפ געטהון און אונטער געהאלטען.

—דו זאלסט געוועזען זעהן ווי ער האט מיך מיט דער האנד ארום גענומען!—

—אי! דו זאלסט געוועזען זעהן ווי ער האט מיר דערלאנגט א גלאז וואסער!

—ביי דער „פאליקע" האט ער מיך צוגעדריקט צו זיך, מיר האט אזוי געקלאפט דאס הארץ!

—ווען ער איז אוועק געגאנגען האט ער זיך מיט מיר געזעגענט און אזוי שטארק געדריקט ביי דער האנד.

—א גוטע נאכט, געלע! מארגען וועל איך דיר דערצעהלען ווי ער האט... נאר לאז שוין זיין, היינט זאלסט דו זיין ביי מיר.

—א גוט יאהר דיר, גיטעלע, היינט אויף דער נאכט וועל איך זיין ביי דיר אדער דו וועסט אריין קומען צו מיר, אך גיטעלע לעבען, איך האב דיר גאר פארגעסען דערצעהלען ווען ער איז... נאר לאז שוין זיין ביז איך וועל קומען צו דיר. א גוטע נאכט, טפוי! עס איז שוין באלד טאג, א גוטען טאג! אויף דער נאכט פארגעס ניט.

—א גוט יאהר דיר, געלע הארץ, קום נאר קוט, וועסט שוין הערען!

בײדע חברטעס זענען זיך צוגאנגען.

צו 18 יאהר זענען די צוויי חברטעס אלט געוועזען, 18 יאהר זענען זיי אין טורמע געזעסען, זייערע חסידישע פרומע עלטערען—די שטרענגע משגיחונקעס, גאטעס כטראפטשעס, האבען זיי אין די גאנצע 18 יאהר צו איין קאפעל פרישע לופט קיין מאל ניט צו געלאזט. נאר היינטיגען אבענד האבען זיי זיך דאס ערשטע מאל פריי און גליקליך געפיהלט, ווי בעפרייטע ארעסטאנטען, פון גרויס פרייד האבען זיי ניט באמערקט אז זייער גליק איז ניט אויף לאנג און זיי קלאפען איצט אליין אן אין זייערע אלטע טורמעס.

—עפענט שוין אויף! האבען זיי געקלאפט אין די טהירען פון זייערע עלטערענס הייזער.

ניט אזוי גיך זענען זיי אנטשלאפען געווארען—א קלייניגקייט! זייער גאנץ לעבען האבען זיי מיט קיין יונגען מאנן ניט גערעדט, אונ אנריהרען א יונגען מאנן ביי דער האנד בודאי ניט.

א! וויפיעל גוטע געדאנקען אונ זיסע חלומות האבען זיי פארזוכט! זיי זענען געקומען פון דער חתונה דווקא גליקליך, ווייל ביי זיי איז גארפינקעל אונ שטיינפינקעל אדער אצפינקעל געוועזען אלץ איינס—אבי געטאנצט מיט א קאוואליער!

***

גיט ווייט אויף דעם צווייטען גאסיל האט א קאוואליער אבגעפיהרט זיין דאמע, איין היינטוועלטיגע אריבאטעווקער פריילין, זי האט זיך אין שטאדט געדעכענט פאר א היינטוועלטיגע דער פאר, ווייל ערשטענס האט זי געהייסען ראזע, אונ צווייטענס האט זי שוין טאקע אפשר צעהן מאל אין איהר לעבען געטאנצט מיט קאוואליערען, אויסער דעם האט מען זי אפט געזעהן שפאצירען אין גאס מיט יונגע לייט.

ביי ראזען איז שוין געוועזען א גרויסער חילוק צו טאנצען מיט גארפינקלען אונ שטיינפינקלען ביז אצפינקלען, נאר דער אצפינקעל וועלכער האט זי איצט אבגעפיהרט א היים האט דעם גאנצען אבענד אזוי פיעל געטאנצט מיט איהר אונ ארום איהר אונ מיט אזוי פיעל קאמפלימענטען זי פארשיט, אז איצט געהנדיג מיט איהם א היים ווען עס הויבט אן צו טאגען, דער הימעל איז בלאה, די פייגעלעך שטעהן אויף די גרינע בלעטעלעך אונ פיפטשען, זינגען דעם „פריה מארגען“ אונ איצט ווען דער מארגענשטערען הייבט זיך אויף אין עק הימעל אונ די ברעגעס פון הימעל זיימען זיך אב מיט א רויטען זוים, איצט ווען א שטיל ווארם ווינטעלע בלאזט פון דער זייט וואו די זון דארף אין א האלבע שעה אויפשטעהן, איצט ווען די פריהמארגענדיגע ראסע פרישט אב דאס געזיכט ווי מיט גוטענשמעקענדיגען אדעקאלאן אונ עס צו געהט זיך אין יעדען אבר—איצט וואלט ראזע איהר אצפינקלען ניט פארביטען אויף קיין שום פינקעל, יענער זאל אפילו זיין א פינקעל פון פינקעל־לאנד. איצט האט זי אפילו פארגעסען אן דעם גרויסען פארדראס פון דעם אבענד, פאר וואס די העלדען האבען זי אפילו איין מאל ניט איינגעלאדען טאנצען. פארגעסען, פארגעסען אן אללעם וואס זי האט איבער געליטען, אונ איהר פריהריגע „שווערע פוהר“ איז ביי איהר איצט געווארען א פליהענדיגער פויגעל וואס פליהעט מיט איהר הויכער, הויכער פון אללע באשעפענישען אין דער וועלט. יעדעס ווארט זיינס איז ביי איהר געווארען א שאנע מוזיק. זי געהט איצט מיט איהם געארעמט, אביסעל אנגעשפארט אויף איהם פון גרויס מיעדיגקייט, פון דעם אבענד טאנצענדיג, אונ ווי זיס איז איהר זיך אנשפארענדיג אויף איהם!

אזוי זענען זיי צוגעגאנגען ביז ראזעס עלטערענס הויז, איהר קאוואליער מיט א טרויעריג געזיכט ברעכט זיך אין דרייען, ער נעמט איהר האנד, ער דריקט זי שטארק, ראזע זעהט אויף זיין געזיכט ווי ער וואלט איביג ניט אבגעלאזט איהר האנד, נאר וואס קען מען טהון? קיין אבגעשיילט איי קומט ניט גלייך אין מויל, מע מוז זיך איצט דער ווייל

צוגעהן . זי נעמט זיך אן מיט הארץ און וויל ארויס נעמען איהר האנד , נאר ער האלט זי ווייטער נאך עטליכע מינוט און ער נעמט זיך אן מיט זיינע לעצטע כחות , ער לאזט אב איהר האנד און געזעגענט זיך , ער צו שיידט זיך פון איהר מיט א זיפץ און געהט אוועק. ראזע האט איהם נאכגעשיקט א זיפץ ...

קלאפענדיג אין טהיר זעהט זי איהם נאך פון ווייטענס , ווי די פייגעל בעזינגען איהם און ליכטיגע ברעגען פון הימעל בעלייכטען איהם .

—ווי גוט , ווי שאן , ווי טייער איז די וועלט! האט ראזע געזאגט. אלס איהר קאוואליער האט פון דער ווייטענס געזאגט צו איהר דעם לעצטען „צום ווידער זעהן", און האט זיך פארדרעהט אין א גאסיל אז זי האט איהם שוין מעהר ניט געזעהן .

ראזע האט אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען אין דער טהיר , אלס זי האט געזעהן אז מע עפענט נאך ניט , ענדליך נאך פיעל קלאפען האט די מוטער געעפענט .

—דער רוח האט זי אנגעטראגען! ביזט שוין אין איין וועגס ניט קראנק געוועזען צו נעכטיגען אויף דער גאס— האט די מוטער געזאגט און אוועק געלאפען צו איהר בעט , ראזע האט צוריק פארשלאסען די טהיר און זיך געגאנגען לעגען שלאפען . די מוטער האט ניט אויפגעהערט פון בעט צו רעדען .

—קוק זי נאר אן , די פריצטע! מע דארף איהר נאך געהן עפענען—עפענען זאל זיך איהר א קבר , רבונו של עולם! זי קלאפט נאך אין דער טהיר ווי גלייך זי האט וואול געדרשעט—קלאפען זאל איהר אין קאפ. יוסער גאמט!

ראזע האט ניט געענטווערט מיט א האלב ווארט , זי האט זיך אנגעהויבען אויס צו־טהון , זיך לעגען שלאפען, טאמער וועט זי ניט הערען דער מוטערס קולות . איהר פריהעריגער שמאלץ איז אוועק , זי האט ביי זיך זעלבסט אויסגעזעהן נידריגער מיט עטליכע קאפ , זי איז שוין געוועזען אויסגעטהון און געוואלט זיך לעגען און איהר בעט , האט זי ניט געפונען איין קישען , זי האט אנגעהויבען זוכען און געפונען אז איהר יונגערע שוועסטער שלאפט אויף צוויי קישען. זי האט אנגעהויבען ארויס שלעפען איהר קישען , נאר די שוועסטער האט זיך אויפגעהאפט .

—וואס איז דארט פאר אגעשריי! —האט די מוטער זיך אריינגעמישט פון בעט .

—א קרענק אויף דער גרויסער מויד! זי רייסט ביי מיר דאס קישען! —האט די יונגערע שוועסטער אנגעהויבען שרייען אריינפלאנטענדיג זיך אין ראזעס צעפ .

—קרענק און „זאאך"— גיב איהר!!! האט זיך די מוטער ערשט איצט צי לאזט ווי מיט פיר פאטשטאווע פערד , זי איז ניט קראנק זיך צו לעגען אויף ברעטער. וואס איז זי ווייטער ניט געבליבען אויף דער חתונה? פאפען און פרעסען איז זי געקומען א הער! א גליק האט זי געטראפען: ר' קלמן קאפיל דער גביר מאכט חתונה , דארף זי זיך פרייען— וואס איז? מע האט זי געבעטען! —קיין קאטאוועס ניט! מע האט מיך אויך געבעטען ,

דא בין איך דען געגאנגען ? וואס איז ? מעהר געהט אונז ניט אב ווי חתונות ! ? ...

—איך זאל זיין אין דיינע יאהרען וואלט איך מיט פערגניגען געבליבען אין דער היים׳ אבי די עלטערע טאכטער זאל קענען געהן אויף א חתונה — האט זיך ראזע ניט געקענט איינהאלטען .

—פינסטערע , וויסטע , שווארצע יאהר אויף דיין קאפ , אויף דיינע האנד אונ פיס , עס זאל זיך צו קיינעם ניט צו קלעבען נאר צו דיין לייב אונ לעבען—זי רעדט נאך , די מויד ! זי מיינט אין אמתען אז זי איז נאך א פיצעלע ברעקעלע מיידעלע . אין פאליסע וויקעלט מען אויגע ! איז ניט א געלעכטער א געזונדטע מויד וואס ווערד באלד נאך יום טוב פארשריגענע 19 יאהר , האט נאך אין זינען „מוידען זיך" אונ פוטצען זיך—געהן אויף חתונות ! אז איך בין געוועזען אין דיינע יאהרען האב איך שוין ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר געהאט צוויי קינדערליך . איך בין שוין געזעסען אליין אין א קלייט אונ געפיהרט א געשעפט

—אונ די געזונדטע מויד , פארשריגענע יאהר אויף איהר , האט נאך א פיסק צו זאגען אז איך זאל זיצען אין דער היים אונ זי זאל געהן אויף חתונות—אזוי לאנג קרענקסט דו שוין , רבונו של עולם , ווי איך וועל דיר שוין זיצען אין דער היים ! איך בין נאר ביז א הער א נארר געוועזען , אומשטיינס געזאגט , ווער האט מיך אין זינען ! האט זיך די מוטער צו־וויינט .

—אט ליגט ער אין געהאקטע וואונדען—האט זי אנגעוויזען אויף איהר מאנן וועלכער איז געשלאפען קעגען איהר , עס זאל איהם אנהויבען נאר צו אפרען ! אומשטיינס געזאגט , ווער קוקט זיך אום אויף מיר אז איך בין אזוי עלענד ביי מיין אייגענעם מאנן אונ קינדער .

—געה אין דער ערד אריין , איך וועל דיר ניט געבען קיין קישען זאלסט אפילו דא שטארבען פאר מיינע אויגען ! האט די קלענערע שוועסטער געשריגען אונ זיך אין גאנצען אנידער געזעצט אויף דעם קישען וואס ראזע האט געריסען .

—ווער הייסט דיר , דו זאלסט זיצען אין דער היים , ווער לאזט דיך ניט געהן אויף קיין חתונה ? — האט ראזע געענטווערט דער מוטער אונ ווייטער ביי דער שוועסטער געשלעפט דאס קישען .

—איך זאל נאך געהן אויף חתונות אז אזא געזונדטע מויד ליגט מיר אויף דעם קאפ ? אז א־אך אונ וויי איז צו מיר וואס איך האב גאר אזא טאכטער דערלעבט ! אלס דארף זי אונ איך היים שוין אלט , איך דארף שוין גאר ניט ! באגראבען זאל איך דיך , וואלט איך אויך געוואוסט אז איך לעב אויף דער וועלט .

—מאמע ! זי רייסט דאס קישען ! א קרענק אויף דיר ! מאמע ! ! האט די שוועסטער אנגעהויבען שרייען צו דער מוטער אונ שעלטען ראזען ווען זי האט געזעהן אז מיט דעם קישען האלט עס שלעכט—ראזע האט שוין געהאלטען א גרויסען עק .

—איצט וויים איך שוין פאר וואס דו ביזט אין כעס ! —האט ראזע געענטווערט דער מוטער .

—די ווייסט שוין ? זאלסט אזוי וויסען פון דיין געזונד , פון דיין לייב אונ לעבען .

—וויים איך ניט—דארף מען ניט .

—דארפען זאלסט דו שוין חברים, רבונו של עולם!

—גוואלד! גוואלד! — האט אנגעהויבען שרעקליך שרייען די שוועסטער ווי זי האט געזעהן אז זי האט שוין אנגעווארען דעם עק פון קישען.

—וואס איז דארט? האט זיך פון שלאף אויפגעכאפט ראזעס פאטער ווי איין אב־געבריהטער.

—„וואס איז דארט?” פרעגסט דו? ווען ניט ווייסט דו ניט?

—וואס איז דארט פאר אזא געשריי! האט איהר מאנן זיינוויל אנגעהויבען שרייען, און, אויס געריבען זיך די אויגען.

—וואס פאר א געשריי?” פרעגסט דו? —דיינע מיידען!

—וואס הייסט מיינע? נא—און דיינע זענען זיי ניט?

—ניין, נאר דיינע, דו האסט זי אזוי אויס געלערענט, דו זאלסט זיין א ליטווישער טאטע, וואלטען זיי געוועזען צו לייטען גלייך.

מיר זענען מיינע קינדער געפעלען און וואלט זיי ניט פארביטען אויף קיינע פון דיינע „לייטען”.

—נאר וואס האב איך מיט דיר צו רעדען, דו ביזט דען בעסער פון זיי?

—א...די אלטע מעשה!... האט ער געזאגט און זיך איבערגעקעהרט אויף דער רעכטער זייט.

זיינווילס איבערקעהרען זיך האט זי פארדראסען, און זי האט איהם אנגעהויבען שעלטען מיט טויטע קללות.

—וואס ווילסט דו? פרעג איך דיך! האט זיינוויל זיך ניט געקענט איינהאלטען.

—וואס איך וויל, פרעגסט דו? איך וויל אז דו זאלסט שוין ניט אויפשטעהן.

זיינוויל האט זיך ווייטער איבערגעקעהרט.

—ווי לאנג קרענקסט דו ווי איך וועל דיך לאזען שלאפען כל זמן דו וועסט מיר ניט אבגעבען דאס קישען—האט ראזעס שוועסטער ניט אויפגעהערט.

—מיין קישען וועל איך דיר ניט אבגעבען.

—עס איז ניט דיין קישען; דיין קישען האט די מאמע אונטער געבעט דעם טאטען.

ראזע האט געזעהן אז עס וועט קיין ענדע ניט נעהמען האט זי צוריק אוועק געטהון דאס קישען און זיך געלעגט אויף איהר בעט שלאפען אהן א קישען.

—אך ווי איז גוט די פריידקינאהנס, ווי בין איך זיי מקנא!—מיט די ווערטער איז ראזע געשמאק אנטשלאפען געווארען.

שלאף! שלאף! שלאפט שטארקער, יודישע אונגליקליכע טאכטער, כל זמן איהר וועט נאך האבען אזוינע מוטטערס וועלכע פאדערען פון איך איהר זאלט לעבען גלייך ווי זיי, און צו 18, 19 יאהר זיין אלט גלייך מיט זיי.—

***

קלארא האט נאך ביז איצט קיין אויג ניט צוגעמאכט, זינט זי איז אוועקגעגאנגען פון זאלל צו זיך אין צימער איז שוין דא גוטע צוויי שעה, די גאנצע צייט טהוט זי זיך אויס

צו לייגען שלאפען און איז ערשט האלב אויס געטהון. פריהר פאר אללעם האט זי אנגעהויבען אבשטעקען די בלומע פון קאפ, נאר פלוצים האט זי אזוי פארקלעמט ביים הארצען אז די בלומע איז אידר ארויס געפאלען פון די הענד און זי האט זיך שטארק צו וויינט.

—אט פאר וועמען איך האב געהארעוועט גאנצע 8 טאג פאר דער חתונה, מיט דעם שוויים אבגעגאנגען—און פאר וועמען? פאר די פריידקינזאהנם. זיי זאלען קענען טאנצען און פרעהליך זיין מיט זייערע גארפינקעל און שטיינפינקעל... אללעם געבראכט אין ארדענונג ווי זיי וועט געפעלען, ווי זיי האבען ליעב—אזוי פיעל געהארעוועט צו ליעב זיי—איך בין געוועזען זייער דיענסט!...

עס איז איהר געווארען שווער צו זיפצען און זי האט אנגעהויבען אויף שפילען דעם קארסעט.

—גארפינקעל מיט שטיינפינקעל האבען זיי ליעב!... מיך באמערקען זיי אפילו גאר ניט!

זי האט אז אבגעווארפען פון זיך דעם קארסעט, א קליין שטיל ווינטעלע האט זי דערקוויקט, איהר איז געווארען אסך גרינגער.

—איך בין אין כעס אויף די פריידקינזאהנם; נאר וואס זענען זיי שולדיג אז איך האב ליעב, ליעב מיט מיין גאנץ לעבען! וואס זענען זיי שולדיג אז גארפינקעל מיט שטיינפינקלען האבען זיי ליעב?

קלארא האט זיך פארטראכט אויף עטליכע מינוט.

—נאר וואס זשע בין איך שולדיג אז איך האב ליעב? ווען עס זאלען ניט זיין די פריידקינזאהנם וואלט איך דאך געטאנצט מיט זיי. מיט איהם דעם גאנצען אבענד, זיי וואלטען געפיהלט, ער וואלט געזעהן ווי איך קען ליעב האבען... עס וואלט געוועזען גוט, אללעם גוט... ניין! איך קען זיך מעהר ניט באגעגענען מיט די פריידקינזאהנם—איך האב זיי פיינד!...

—בין איך דען אזוי שאן ווי פראניא אדער מאניא? — האט זיך קלארא זעלבסט געפרעגט—קען איך דען זיי געפעלען?—א גאטט. צי וואס טויג מיר מיין רייכקייט— די 20 טויזענט רובל וואס דער טאטע וויל מיר געבען נדן? פאר וואס בין איך בעסער ניט פריילין פריידקינזאהן! וואס פאר א חתן קען מיר מיין פאטער געבען מיט די 20 טויזענט רוביל, עפים א חסיד אדער אפילו א דאקטאר—ווער און וואס איז דער דאקטאר? א פרעמדער מענש וואס איך קען איהם ניט. א מענש וואס מיין פאטער וועט איהם בעצאהלען 20 טויזענט רוביל, ער זאל מיך האלטען ביי זיך אין שטוב! גארפינקעל און שטיינפינקעל האבען ליעב מיידליך א הן נדן, אזויגע האנדלען ניט מיט קיין יודישע טעכטער!

קלארא האט פארגעסען אז זי איז נאך ניט אין גאנצען אויסגעטהון און איז טאקע אזוי אנטשלאפען געווארען ווי מע זאגט: „מיט א שטיין אויף דעם הארצען".

***

אויף דער ברייטער גאס האט מען שוין קיינעם ניט געזעהן, ווייל יעדער האט געאיילט א היים זיך אויסשלאפען פון דער חתונה, נאר פראניאן האט זיך נאך ניט געוואלט

שלאפען און צו ליעב איהר האבען אויך געשפאציערט נארפינקעל, שטיינפינקעל און איהרע שוועסטער. אללע מאל איז מען שוין געזעסען ביי זייער היים און וויטער זיך אומגעקעהרט. געדרעהט זיך א הער און א הין, גערעדט און גערעדט אהן א אויפהערונג. די קליינע סאניא האט קוים דעם קאפ געהאלטען, מאניאן האט זיך געקלעפט די אויגען נאר פראניא מיט די קאוואליערען האבען פרעהליך גערעדט, געלאכט און געלאכט, און גאר ניט געטראכט צי מע דארף אמאל שלאפען אויך.

נאר אזוי ווי יעדע זאך מוז האבען איין ענדע אויף דער וועלט, אזוי האט זייער שפאציערען אויך זיך געענדיגט, און מע איז זיך צוגאנגען.

—היינטיגען אבענד ביי אייך! — האבען די יונגע לייט צו זיי נאך־געשריגען פון ווייטענם.

*
**

ווען די פריילינס זענען אריין געקומען אין שטיב האט שוין דאס דיענסט־מיידיל געבלאזען אין סאמאוואר און זייער מוטטער האט געווישט די גלעזער.

—אזוי פריה? —האבען זיך די קינדער געוואונדערט.

—דער טאטע האט געבעטען היינט פריהר דעם סאמאוואר, כדי ווען איהר וועט קומען פון דער חתונה זאלען מיר אללע צוזאממען טרינקען טהעע. איהר ווייסט דאך קינדערליך ווי ער איז פארקויפט טאג און נאכט, און נאר פון איין שבת צום אנדערען טרינקען מיר אללע צוזאממען טהעע.

—טייערער פאטער! —האבען אללע קינדער אויסגעשריגען, און זענען געלאפען צום פאטער איהם אבגעבען דעם „גוט־מארגען" און בעשיט איהם מיט הייסע קושען.

דער היינטיגער סאמאוואר האט די קינדער גערירהט ביז צו טרערען, און ווירקליך די גאנצע וואך האבען זיי ניט געזעהען ווי זייער פאטער טרינקט טהעע אין דער פריה, ווארום ווען זיי פלעגען אויפשטעהן פון שלאף האט ער שוין לאנג מיט דער מוטטער אבגעטרונקען און שטיל אויף די שפיץ פינגער אוועק געגאנגען, די קינדער ניט אויפצו־וועקען פון שלאף. און איצטער ... איצטער וויל ער זיך מאכען א פערגניגען, א יום טוב „אין הערוואכען"—טרינקען צוזאממען טהעע מיט זיין ווייב און קינדער!

אין צעהן מינוט ארום איז שוין די גאנצע פאמיליע געזעסען ארום סאמאוואר. מאניא האט זיך אבגעזאגט פון טהעע, —„איך וועל אזוי זיצען" האט זי געזאגט.

—ניין, דאס וועט ניט זיין—האט זייער פאטער געזאגט—ערשטענס וועסט דו קאליע מאכען מיין גאנצען פלאן, און אין צווייטען, קינדער, ווען איהר וועט איצט אבטרינקען טהעע, וועט איהר קענען שלאפען דעם גאנצען טאג ווי פיעל איהר וועט וועללען.

אללע קינדער האבען געטרונקען, חאטש זיי האבען ניט געוואלט. באלד זענען זיי אוועק געגאנגען אין זייער צימער און ווי דערהרגעטע געשמאק ענטשלאפען געווארען.

איך האב פארגעסען צו זאגען אז פריהר איידער די צוויי עלטערע שוועסטער זענען עגטשלאפען געווארען, האבען זיי זיך צווישען זיך פון עפּיס געסודעט, חאטשי די אויגען האבען זיך ביי זיי געקלעבט. —

## א משכון צו פארזעמצען אונ א גביר זאלל מען זיין

(יודישעס פאלקס־ווארטיל)

## VI.

ר' חיים פרייד־קינזאהן, אונזערע בעקאנטע פרייליינס פאטער, איז ניט געוועזען רייך, נאר כל ימיו האט ער געהאט זיין פרנסה, „ברויט מיט קולעטש האט אין זיין הויז נים געפעהלט", אבער אויך ניט קיין איבריגעס, ד. ה. ווען עס האט זיך אין זיין הויז געמאכט א בעזונדערע הוצאה, ווי למשל ווען חו"ש איינער פון זיין פאמיליע איז קראנק געווארען אונ מע האט בעדארפט האבען א דאקטאר מיט איין אפּטייק, האט מען זיך אביסל פארשולדיגט, אונ אז גאטט האט געהאלפען מע איז געזונד געווארען, האט מען פארשפּארט פון דער הוצאה אונ מע האט זיך אויסגעצאהלט די פריהריגע חובות, ווארום מעהר ווי זיין זשאלאוואניע וואס ער האט בעקומען פון זיין שטעלע אין אריבאטעווקער פּיוואווארענע זאוואד, האט ער קיין מאל ניט געהאט. פון דעסט וועגען האט ער זיך מיט זיין פאמיליע געלעבט זעהר גליקליך, דען חוץ וואס ער האט געהאט א שטענדיג שטיקער ברויט, איז זיין פרוי געוועזען זעהר א אויסגעצייכענטע בעלבית־טע, וועלכע האט פארשטאנען עקאנאמיש אונ גוט צופיהרען איהר קליינע בעל־בתישקייט. זי האט זעהר געשעצט איהר מאנן אונ אכטונג געגעבען אז איהר מאנס פאר הארעוועט רובעל זאל ניט אוועקגעהן אומזיסט. נאר נאך מעהר גליקליך זענען זיי געוועזען דער מיט, וואס גאטט האט זיי געבענטשט מיט זעהר שאנע דריי קינדער, איינע איז געוועזען שאנער פון דער אנדערער, אונ אללע דריי צוזאממען האבען געבליהעט אין זייער עלטערענס הויז ווי שאנע בלומען, ארום וועלכע עס געהט א גוטער אגאראדניק, וואס ווייסט ווי אוים צושניידען די שלעכטע בלעטעליך אונ צו דער צייט בעגיסען מיט ריינע וואסער די גוטע, כדי זיי זאלען וואקסען גלייך אונ שאן: די עלטערען האבען קיין מאל ניט געקענט אונטערשיידען וועלכע פון די קינדער איז שאנער, אונ איין נאכט זענען די עלטערען ניט אנטשלאפען געווארען זיי זאלען פריהר ניט רעדען פון די קינדער, „פראניא איז א שאן מיידיל אונ מאניא מיט סאניא'ן זענען שאנע קינדער" פלעגען די עלטערען זאגען.

ר' חיים מיט זיין ווייב האבען אויף זייער לעבען ניט געקרעכצט אונ ניט געזיפצט. אויף זייער געזיכט איז נאך איין קנייטש ניט געוועזען אונ אין קאפ ניט איין גרויע האר. נאר אז פראניא איז אונטערגעוואקסען, האבען זיך אויף זייער שטערען געוויזען צו צוויי קנייטשען, אונ ביי ר' חיים־ען אין דער בארד עטליכע גרויע האר. ניט איין נאכט פלעגען זיי איבער רעדען וועגען דעם אין דער שטיל ביי זיי אין ספאלניע, ווען קיינער האט ניט געהערט.

אנהויבען רעדען פלעגט שטענדיג די מוטטער:

—וואס וועט זיין דער תכלית, חיים? פלעגט זי אנהייבען מיט א זיפץ ליגענדיג אין בעט, אונ חיים האט שוין געוואוסט וואס זי רעדט, אונ דער ביי האבען זיך זייערע צוויי קנייטשען נאך טיעפער פארלייגט אויפען שטערן.

— וואס קען איך וויסען וואס פאר א תכלית עס וועט זיין ?

—דאס איז ניט קיין ענטפער , חיים ! עס איז ניט א בייגעל פאר א גראשען וואס דו ענטפערסט אזוי גרינג .

—וואסזשע קען איך דיר ענטפערען , מיין פריינד ? דו ווייסט אליין גוט , חנה'לע , אז איך זאל וויסען עפים וואס צו טהון דער צו , וואלט איך מיין לעבען ניט געזשאלעוועט פאר אונזערע קינדער . דו ווייסט גאנץ גוט , ווען איך נעם מיין חודש־געלד , גיב איך עס דיר אוועק אין גאנצען , אונ אז איך דארף האבען א גראשען אין קעשענע קום איך אן צו דיר , ווען דו האסט—גיבסט דו מיר , ווען ניט—איז אויך רעכט ביי מיר , אונ ווייטער ווייסט דו דאך אז איך בין פארקויפט פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט ; אונ געלויבט גאטט דער פאר אויך ! אנדערע זענען אונז אפשר דערויף אויך מקנא ; היינט וואס קען איך דיר ענטפערען ?

—אבער , חיים , דער מיט וואס דו האסט מיר ניט צו ענטפערען מאכט מען ניט חתונה קיין טאכטער .

—אבער וואסזשע קען איך טהון ? גלויב מיר , דעם לעצטען גראשען , מיין לעצט מלבוש פארקויף , פאר זעץ , מיט פערגניגען , מיט פערגניגען ...

פון דיין לעצט מלבוש אונ פון דיינע לעצטע גראשענס קען אונזער פראניא פאר־זיצען ביז אין גרויען צאפ . חיים ! אונ מאניא איז שוין אויך באלד הויכער מיט א קאפ פון פראניאן .

—מיינע קינדער וועלען פאר־זיצען ! האט ער זיך אויפגעזעצט פון בעט , מיין טייערע פראניא , מיינע גאלדענע טאכטער , א גיין ! ... אונ וויפיעל איז אונזער פראניא זאל לעבען , דען אזוי אלט ?

—איך ווייס? ביי דיר איז דאך ערגיץ פארשריבען , דאכט זיך ... נאר שא ! ... זי איז געבוירען געווארען , צו מזל , ווען מיר האבען זיך אריין געקליבען צו ר' יוזיל ר' יוסילס , דארט האבען מיר געוואהנט 5 יאהר , דער נאך ביי הירשעל לייבצים 4 יאהר , שא נאר שא... ניין טאקע 5 יאהר , געדענקסט ניט , חיים ?

— 4 יאהר דאכט זיך :

יא , יא , איך האב זיך דערמאנט : פיער יאהר , יא , פיער יאהר— האסט דו דיר ניין יאהר , ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר , דער נאך אז מיר האבען זיך איבער־געפיהרט צו „בערעל באס“ ביזט דו אריין אין זאוואד—ווי פיעל ביזט דו שוין אויף דער שטעלע ?

דאכט זיך צעהן יאהר , אונ אפשר טאקע גאנצע עלף יאהר .

—ניין , טאקע צעהן , ביי בערעל באס האבען מיר געוואהנט פיער... פינף... יא טאקע פינף יאהר , אונ דא וואהנען מיר שוין דאס זעקסטע יאהר , מיר זאלען נור זיין געזונד אונ שטארק— נא וויפיעל האבען מיר , חיים ?

—ניינצעהן יאהר .

—אונ מאניא וויפיעל איז אלט ?

—וואס פרעגסט דו , אליין ווייסט דו ניט ?— מאניא איז יונגער פון פראניא מיט צוויי

יאהר אונ מאניא פון מאניאן אויך מיט א יאהר צוויי אדער מיט עפּעס ווינציגער. איך געדיינק ניט אקוראט; דו וועסט א קוק טוהן ווי ביי דיר איז פארשריעבען.

— נא, אונ מעהר קיין אלטע מיידען האבען מיר ניט? — טא נעם בעסער די קאלדרע איבערען קאפּ אונ ווער אנטשלאפען, איך וויל אויך שלאפען.

חנה האט מיט איהר חיים׳ען פאר די לעטצטע ווארטער גאנצע צוויי טאג ניט גערעדט. זי האט זיך מיט איהר מאנן קיין מאהל ניט געקריעגט, אונ ווען עס האט זיך יא עפּיס אמאהל געמאכט צווישען זיי א קליינינקייט, איז געווען געוועזען איין ווארט ער זאל זי איבערבעטען; נור איצטער וויפיעל ער האט זי געבעטען האט ניט געהאלפען, אונ ערשט אויף דעם צווייטען אבענד, ווען ער האט ערענסט אנגעהייבען זי פרעגען פאר־וואס אונ פאר־ווען אונ וואס האט ער אזוינס גערעדט וואס זי איז בייז אויף איהם, ערשט דענסט־מאהל האט זי זיך צו־ווייינט:

— מע רעדט מיט דיר פון אזא ערענסטע זאך, פון וועלכען אונזער גאנץ לעבען הייננט אב, אונ דו וואללסט באדארפט מעהר טראכטען פון מיר — צום סוף אז איך דערמאנן דיך וועגען דעם, געהמסט דו עס אן פאר א נארעשקייט אונ וואַרטעלסט זיך, מאכסט חוזק פון מיר ווי פון א יודענע. דו זאגסט אז אונזער פראניא איז נאך ניט קיין אלטע מויד, דרום מאגען מיר שלאפען רוהיג, איך זאג חס ושלום ניט אז אונזער פראניא איז אלט אונ זי וועט שוין פאר־זיצען, איך זאג נור אז עס איז שוין צייט ערענסט וועגען דעם צו־טראכטען אונ גלייב מיר, חיים, ווי גוט, ווי שאן אונ ווי נעראטהען אונזער טאכטער זאלל זיין, דארפען מיר גוט אכטונג געבען, איהר בעסטע צייט זאלל ניט אוועק־געהן, ובפרט נאך אז עס וואקסען אונטער ברוך השם אנדערע קינדער, דארף מען בודאי זעהן פאר דער־ערשטער עפּיס צו־טוהן.

— בייזט גערעכט, מיין פריינד, אדרבה איז דא אחתן, וועללען מיר רעדען

— א חתן וועט זיך מיט גאטטס הילף געפינען פאר אונזער טאכטער, נאר...

— וואס נאר? — האט חיים געפרעגט פער־וואונדערט.

— געלד... נדן...

חיים איז אונטער־געשפּרונגען ווי גלייך מע האט איהם אב־געבריהעט מיט הייסע וואסער.

— געלד?!... פאר מיין פראניאן געלד? וואס איז? זי איז א קאליעקע? איך בין ניט פארבלענדעט אין מיינע קינדער, עס איז גיט קיין סוד, אז גאטט אונ לייט זענען אונז מקנא אויף אונזערע קינדער, שאן זענען זיי, גייען קענען זיי, אונגעבילדעט זענען זיי ב״ד אויך ניט. איך האב פון זיך געצויגען דאס לעטצטע. זיי צולערנען אללעס וואס נאר א היינטיגע מיידיל דארף קענען, אונ קען ב״ה מיט שטאלץ זאגען, אז אונזער פראניא קען זיין א פרוי פאר דעם געבילדעטעסטען יונגען מאנן. מיט איהר רעדען אונ שרייבען, מיט איהרע באלעזענהייט, מיט איהרע שאנע אללערליי האנד־ארבייט אונ הויז ארבייט, מיט איהרע גאלדענע פינגער קען זי דאך נייען פאר זיך דאס שאנסטע קלייד; שאן ווי גאלד. געוואקסען ווי א סאסנע, מיט איין ווארט: מיין גאנצע הארעוואניע, מיין גאנץ לעב ע

האב איך אוועק־געגעבען מייגע קינדער, זיי זאלען קענען זיין געטריייע פרויען פאר זייערע מאנגער און גוטע מוטערס פאר זייערע קינדער—וואס־זשע דארף מען נאך? וואס־זשע נאך, חנה, זאג וואס פעהלט זיי? געלד מוז איך נאך געבען! און ווען איך האב ניט?.. איך זאל האבען, וואלט איך אליין אוועק געגעבען דעם לעצטען גראשען, אבער ווען איך האב קיין מעגליכקייט צו געבען א גראשען —דרום וועט מען זיי ניט קויפען?... מיין טאכטער, מיין פראנציזין קויפט מען! און איך דארף נאך צוצאהלען, ווען ניט ווילל זי דער סוחר ניט קויפען! און דו ביזט נאך די מעקלערין און דערצעהלסט מיר „געלד"!... ניין, ניין! מייגע קינדער דארף איך ניט פארקויפען, זיי זעגען ביי מיר קיין מאל ניט איבריג, אללעס וועללען זיי האבען ביי מיר, פאר וועמען הארעווע איך ווען ניט פאר זיי? וואס איז מיין גאנץ לעבען ווען ניט זיי?!

חיים האט גערעדט מיט כעס, מיט פייער, דרום האט איהם חנה דער־ווייל גאר ניט געענטפערט און איבער געוואָרט.

—דו ביזט גערעכט ווי גאטט אלליין— האט איהם חנה מיט שטיללע און גוטע ווארטער געענטפערט, נאך דעם ווי חיים האט זיך אביסעל בערוהיגט— נא וואס קען מען טהון, אז עס איז היינט אזא גרויסער אומגליק אויף דער וועלט. אז יעדער גאר־נישט און טויגעניכטס, אבי ער איז נור א מאנסביל און די כלה מעג זיין מיט אללע מעלות, מוז מען איהם צו־צאהלען!

חיים האט דערויף גאר ניט געענטפערט. ער איז געווארען שטארק טרויעריג און האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף די האנד.

ער האט גאר ניט גערעדט, נאר פון וואס, פון וואס האט ער איצט ניט געטראכט און וואס האט ער זיך איצט ניט דער מאנט!

צווישען אללע אנדערע זאכען, נאך וועלכע עס איז שוין אוועק געגאנגען פיעל צעהנדליגער יאהרען, האט ער זיך אויך דערמאנט ווי ער איז א חתן געווארען פאר חנה'ן, ווי ער האט זיך פארליעבט אין איהר, חאטש זי איז געוועזען ארעם, נאר זי איז געוועזען שאן און מיט א סך גוטע מעלות. ווי זיינע עלטערען האבען זיך דער וואוסט אז ער ווילל פאר איהר א חתן ווערען, האבען זיי געעפילדערט און געשריגען, אז ווען ער וועט עס טהון וועללען זיי איהם פאר קיין זוהן ניט קענען, ווייל זיי שטעהט ניט אן, זייער זוהן זאל נעהמען איין ארעמע כלה אהן נדן. ער האט מיט זיי געטענהעט, אז זי איז ניט שולדיג וואס זי איז ארעם, נאר עס האט ניט געהאלפען. זיי האבען פון קיין שום זאך ניט געוואלט הערען. נאר ער האט זיי ניט געפאלגט, און איז א חתן געווארען, און ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט איז ער גאר געוועזען גליקליך, איינער פון די גליקליכסטע, חאטש זיינע עלטערען און זיין גאנצע משפחה זענען געוועזען נאך ברוגז אויף איהם, און ער האט דער פאר געקוקט אויף זיי ווי אויף ווילדע מענשען, ווי אויף פאנאטיקער.

נאך גליקליכער איז ער געוועזען אז זיין חנה האט איהם געשענקט א טאכטער, וועלכע איז געוועזען ביי איהם א בריליאנט. אין צוויי יאהר נאך איינע, א דימענט, און אין פיער יאהר ארום א דריטע־א טייערער פערל.

קוקענדיג אויף זייגע קינדער, פלעגט אפט טראכטען. אז גאטט וועט העלפען אז איך וועל דערלעבען, וועל איך זיך מיט מיינע קינדער אנדערש אויפפיהרען, ווי מיינע עלטערען אדער ווי נאך אנדערע פאנאטישע עלטערען פיהרען זיך אויף מיט זייערע קינדער. ווען עס קומט מיט א קינד א שידוך מהון, מאכען זיי נאר מסחר, דא ווילען זיי ניט ווייל עס איז ווינציג נדן, דארטען — ווייל דער שידוך שטעהט זיי ניט אן, אי חתן כלה געפעלען זיך און זענען איינס בייי דעם אנדערען דאס לעבען? דאס אסרט זיי גאר ווייניג. קארג, קארג האב איך זיך געמוטשעט אין מיין לעבען נאר דער פאר, ווייל איך האב מיט מיין כלה קיין מסחר ניט געוואלט מאכען! א. מיינע קינדער וועט שוין זיין פיעל בעסער ווי די וועלכע האבען אזוינע עלטערען ווי איך האב געהאט!

אין דעם אללעמען האט ער זיך דער מאנט אין דער מינוט ווען חנה האט איהם געזאגט: אז יעדער גישט און טויגעניכטס, אבי ער איז נאר א מאנסביל און די כלה מעג זיין מיט אללע מעלות, מוז מען איהם צו־צאהלען.

—נא, צו וואס האסט דו זיך אזוי פארזארגט, חיים? — האט זי געפרעגט ווען זי האט געזעהן אז ער האט זיך טרויריג פארטראכט אויף עטליכע מינוט. עס האט איהר שוין באנג געטהון, וואס זי האט גאר היינטיגען אבענד אנהויבען דעם שמועס.

איהם האט זיך אויסגעוויזען אז זי פרעגט איהם ווייטער וואו נעמט מען נדן צו געבען?

—נא, נא, איך בין גרייט, האט ער זי ניט געלאזט ווייטער רעדען. נעהם פארקויף מיך, פאר קויף אללעס און צאהל צו, אבי שנייד מיר ניט לעבעדיג מיין פלייש מיט מיין אייגען מעסער.

—חיים! — האט זיך די גוטע חנה אנגעהויבען בעטען ביי איהם ווי א קליין קינד, אנגעהמענדיג איהם ביי דער האנד — צו וואס דארפסט דו אומזיסט אין כעס זיין? וויללאיך דען דיר צאפען דיין בלוט? קענסט דו מיך דען פאר אזא שלעכטע? האבען מיר זיך דען אמאל איבער עפים חו״ש געקריעגט? לאמיר זיך בעסער בעטראכטען, און טאקע באמת געפינען איין עצה, וואס מיר זאלען טהון — עס איז דאך אונזער קינד, אונזער בלוט און פלייש!

—נא, נא, אדרבה זאג, רעד, גיב איין עצה! איך בין גרייט אויף אללעס.

חנה האט איינינע מינוט א טראכט געטהון און געפרעגט:

—וויפיעל געהמטט דו א חודש געהאלט?

—חא, חא, חא! — האט זיך פלוצים חיים צו לאכט — גאר א נייע פראגע, שוין ב״ה צעהן יאהר ד. ה. דאכט זיך... דאכט זיך איין ערך פון הונדערט און צוואנציג חדשים אז איך האב דיר הונדערט און צוואנציג מאל געבראכט צו פינף און זיבעציג רובעל יעדען חודש, — פרעגסט דו ביי מיר וויפיעל איך נעהם! נא, איך נעם פינף און זיבעציג רוביל א חודש, איצטער ווייסט דו שוין ווי פיעל איך נעהם?

—נא, נא, איך ווייס אליין אז מיר האבען פינף און זיבעציג רוביל א חודש, און פאר־

לעבען זיי ביז אין דער לעטצטער קאפיקע. דרום איז מיין עצה מיר זאללען ווינציגער פאר־לעבען. עס איז דען ניט דא אזוינע פאמיליעס ווי מיר, וואס פאר־לעבען נאר פערציג רוביל א חודש? נא, און מיר וועללען פאר־לעבען פופציג רוביל א חודש, און פינף און צוואנציג רוביל זאללען מיר אב־שפארען פאר אונזער פראניען זאלל לעבען, טאמער וועט זיך טאקע דורבען יאהר עפעס צו־זאממען געהמען.

—וויפיעל־זשע וועט זיך אנגעהמען א יאהר? דריי הונדערט רוביל— צי מיט אזא סוממע געלד וועסט דו שוין האבען נדן פאר פראניא'ן?

—איך ווייס, אז דריי הונדערט רוביל נדן קען געהמען היינטיגע צייטען א שוסטער, ניט פראניאס א חתן; נאר פאלג מיך, חיים, לאז מיך מאכען איין אנהייב, טאמער וועט גאטט העלפען שפעטער עפיס אויך! וואס איז? חוץ די פינף און זיבעציג רוביל א חודש האבען מיר שוין דען קיין גאטט ניט?

—נא, איך באשטיי אויף דיין פלאנן, נאר, מיין פריינד, איך געהם מיט דיר אויס איין זאך: אז פון די קינדערס לעבען זאלסט דו גאר ניט פאר־שפארען, ווי זיי זענען געוואהנט ביז איצט זאלסט דו זיי ווייטער אויך געבען. קיין רייכקייט האבען זיי ביי אונז קיין מאהל ניט געהאט, נאר דאס וואס קינדער מוזען האבען, האבען זיי געהאט, און פון דעם דארפען מוז״ אב־שפארען, וויילל איך באין אופן ניט, דו קאנסט נאר פאר־שפארען פון מיר וויפיעל דו ווילסט— נא... און פון דיר אויך, אויב דו ווילסט; איך מאך שוין איין אנהייב; אויף טאבאק מיט פאפירעס־פאפיער געהט אוועק ביי מיר א חודש איין רוביל מיט פופציג קאפיקעס, פון מארגען אן, חנה, הער איך אויף צו רויכערען. נא האסט דו דיר שוין, חנה, איין רוביל מיט פופציג קאפיקעס א חודש, נא וואס נאך?... יא, איך האב זיך דערמאנט, קיין גראשענס אין קעשענע געהם איך שוין ביי דיר מעהר ניט, דאס איז אויך א רוביל— האבען מיר שוין בסך הכל צוויי רוביל מיט פופציג קאפיקעס, מיט איין ווארט, חנה׳ליאו, וואס דו וועסט זיך נאר דערמאנען— פאר־שפאר, אבער נאר פון מיינע הוצאות, וואס ביי מיר זעלבסט געהט אוועק.

—אויף יום טוב, חיים, האב איך זיך געוואללט מאכען א מענטעלע פאר צעהן רוביל, וועלל איך זיך ניט מאכען, נישטקשה— איך וועלל נאך קענען געהן אין אלטען, עס איז נאך גאר ניט אזוי אלט, אט בעטראכט עס.

און טאקע אזוי רייעדנדיג האט זי ארויס גענומען דאס מענטעלע, וואס האט ווירקליך מעהר ניט געפאסט צו־טראגען, און ערשט מיט אכט טאג צוריק, האט זי געבעטען די קינדער טאמער וועללען זיי באגעגענען א טענדלערען זאללען זיי זי שיקען, ווייל זי ווילל דאס מענטעלע פאר־קויפען— און איצטער האט דאס אייגענע מענטעלע אויס־געזעהן גאר גוט, כמעט נאך שפיגעל־נייע.

—היינט פון שטוב־הוצאות קען איך אויך פאר־שפארען עטליכע רוביל א חודש— האט חנה ווייטער אנגעהייבען רעדען:

—פון וואס, למשל?

—איך נעהם שטענדיג דריט־האלבען פונט פלייש, וועלל איך איצט אנהייבען נעהמען צוויי פונט.

—דאס ניט, מיין פריינד, יודישע קינדער עסען זיך קיין מאהל ניט איבער מיט פלייש.

—נא, אז דו באשטייסט ניט דארף מען ניט— אויף שבת וועלל איך אנהייבען נעהמען דעם צווייטען סארט מעהל אויף חלה, און פיש רעכען איך גאר־ניט קויפען, אנשטאט פיש וועלל איך עפּיס אנדערש מאכען.

—דאס קענסט דו, אויב דו ווילסט, —האט חיים געענטפערט שטילל און מיט א טרויע־ריג קול, די טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען.

פון נאך אזוינע קליינינקייטען האבען זיי צו־זאממען גערעכענט, אז מע וועט קענען פאר־שפּארען פון אכט ביז ניין רוביל א חודש, און ווי זיי האבען זיך געבראכען דעם קאפּ טראכטענדיג, האבען זיי מעהר ניט געקאנט אויסטראכטען. „חיים האט שוין געוואלט אין גאנצען חרטה האבען, „אודער אזא קליינע סוממע איז גלייכער גאר ניט", האט ער געוואלט זאגען, נאר חנה האט פריהער פאר איהם באלד פאר־חאפּט „גוט איז עפּיס אודער גאר־נישט".

די גאנצע נאכט האט די מוטער ניט צו־געמאכט קיין אויג פון פרייד, די ניין רוביל א חודש האבען זי ניט געלאזט שלאפען. ווי נאר חיים האט געגעבען א הוסט, אויס־גע־שנייצט די נאז, אדער זיך איבער־געקעהרט אויף דער אנדערער זייט, האט זי איהם געפרעגט:

—שלאפסט, חיים?

—נא?

—וויפיעל איז ניין מאהל צוועלף?

—דאכט זיך הונדערט רוביל, האט ער צווישען די ציין מיט פערמאכטע אויגען גע־ענטפערט, און זיך ווייטער גוט צו־געדעקט מיט דער קאלדרע.

חנה האט אן־געהייבען איבער־חשבונען, צי חיים האט ריכטיג אויס־גערעכענט. נאך פיעל רעכענען איז בייא איהר עפּיס ניט גלייך אויס־געקומען.

—ער מוז האבען א טעות— האט זי זיך געטראכט—מארגען וועללען מיר שוין ריכטיג בערעכענען; עס האט זיך איהר אויס־געוויזען אז חיים האט זיך א ריהר געטוהן.

—שלאפסט, חיים?

—נא?

—האסט געהאט א טעות, ניט הונדערט רוביל.

—וועלכע הונדערט?

—ניין מאהל צוועלף וויפיעל איז?

—וועלכע צוועלף?

— אין א יאהר איז דאך צוועלף חדשים, וויפיעל־זשע איז ניין מאהל צוועלף? וואס פאר שטעהסט דו דא ניט? נאר חיים האט שוין ווייטער געשלאפען און זי איבער־געלאזט אהן א ענטפער.

חנה האט ענדליך בארעכענט אז אין א יאהר וועט זי צו־זאמען קלייבען הונדערט אכט רוביל, נאר זי האט נאך זיך זעלבסט ניט געגלייבט צי זי האט ריכטיג בחשבונט און גע־וואלט אז חיים זאלל עס איהר בעשטימען. מיט אונגעדולד האט זי ערווארטעט ער זאלל זיך נאך א מאלל א ריהר געבען, נאר דערווייל האט זי ניט אויפ־געהערט צו־חשבונ'ן גאר ביידע חשבונות:

—108 א יאהר, הייסט אביסעלע פראצענט, קען אפשר אין אנדערהאלבען יאהר ווערען אויף א וויגרישנעם בילעט. איך וויל א י ה ם נאך ניט זאגען אז איך וועל פאר דעם געלד קויפען א וויגרישנעם בילעט. נא, אז גאטט זאלל וועלען דער בילעט זאל געווינען חאטש אכט טויזענט רוביל—פאר וואס ניט פינף און צוואנציג און טאקע פינף און זיבעציג און אפשר טאקע די גאנצע צוויי הונדערט טויזענט רוביל — פאר וואס ניט? עס געווינען דאך פארט מענשען, איינער מוז דאך געווינען, פאר וואס קען זיך ניט טרעפען אז מיין נומער זאל געווינען דעם גרעסטען געווינס? חלעבען מע קען גאר ניט וויסען, א! א! וויפיעל מאהל האט מען שוין דער צעהלט, אז ארימערע פון אונז האבען געוואונען און הייסט פאהרען זיי אין קארעטעס, אפילו פארגעסען אז זיי זענען אמאל געשטארבען פאר הונגער, און שעמען זיך ניט צו־זאגען פאר זייערע טעכטער פופציג טויזענט. א! צו וואס פאר א לייטישע חתנים וואלטען מיינע קינדער געקומען מיט פופציג טויזענט רוביל נדן! באשר מיינער איז אין די זאכען א נארר, און פארשטעהט ניט אז מיט א סך נדן קען מען אויסחאפען דעם לייטעשסטען יונגען מאנן; אבער ווייטער וואס וואלט מיר אבי־געגאנגען אז פופציג טויזענט זאל איך געבען פראניאין, פופציג טויזענט מאניאין, און פופציג טויזענט סאניאין, פאר מיר מיט מיין חיים'ען וואלט אויך גענוג געוועזען פופציג טויזענט. איך וואלט נאך געקענט דעם ארימען קרעמער, וואס איך קויף ביי איהם שפייז אין קלייטעל, אללע זונטאג אויף דעם יריד אנטלייהען עטליכע רוביל, ער זאל קענען צו דער צייט קויפען סחורה, ער זאל ניט דארפען אנקומען צו די בלוט־צאפערס, די וואכערניקעס, וואס ציהען אוים פון איהם די נשמה. חלעבען א רחמנות! א יוד פון א ווייב מיט אזוי פיעל קליינע קינדערליך, זיי הארעווען נעבעך אזוי—און די יודענע וואס טראגט מיר מילך, א ביטערע אלמנה מיט פיער קראנקע יתומים'ליך, איהר וואלט איך דען ניט געהאלפען? און דעם וואססערטרעגער—א גאנץ ערליכער יוד, ניט לאנג האט זיך ביי איהם אנידער געלעגט דאס פערדיל, זיין איינציגע פרנסה, און איצטער מוטשעט ער זיך, מיינע שונאים, אויף דעם טויט און טראגט נעבעך אויף זיינע פלייצים די עמער— מיט פונפציג רובעליעם וואלט איך איהם דאך געקענט פאר א גליקליכען מענשען מאכען!... אוי, אוי! וויפיעל, וויפיעל מענשען וואלט איך געקענט העלפען! אז איך זאל צו טהיילען א האלב פערמאגען וואלט אויך געבליבען פינף און צוואנציג טויזענט, פון מיינעט וועגען וואלט רעכט געוועזען זיך באגניגען מיט צעהנ־טויזענט און אפילו מיט פינף־טויזענט אויך. וואס דארף איך אימשטיינס־געזאגט האבען מיט מיין אלטען? אז אללע מיינע קינדער וועט זיין גוט, און אללע מיינע ארימע בעקאנטע וועלין שוין ניט זיין ארעם. אוי גאטט! פריוו מיך חאטש איין מאל מאכען פאר דיין קאנאטשיי, וואלסט דו געזעהן אז דו וואלסט ניט חרטה געהאט. פריוו מיך, פריוו מיך, גאטוניא!...

מיט א גוטען שמייכעל אויף די ליפען אז עס איז א יושר אז גאטט זאל איהר אויך

חאטש איין מאל אויף איהר לעבען פריוועט מאכען פאר איין קאנצאטשיי. איז זי געשמאק אנטשלאפען געווארען ערשט צוויי שעה פאר טאג. „גאטט איז א גוטער אונ זאגט ניט אפ די וואס בעטען איהם ערנסט“ — איז געוועזען איהר לעצטער געדאנק פאר דעם שלאף.

# VII.

# אבגעשפארט פון שבת

פרייטאג פאר־נאכט האט חנה איבער־געצעהלט וויפיעל זי האט פאר־שפארט די ערשטע וואך — עס איז געוועזען צוויי רוביל! זי האט זיי בעשפיעגען דריי מאהל, עס זאלל זיין מיט מזל, אונ זיי בעהאלטען אין קאסטען, אין א בעזונדער קליין קעסטעלע, וואס נאך מיידיל־ווייז האט זי דארט געהאלטען אללע זאכען, וואס מע דארף האבען צום נייען. חנה איז געוועזען זעהר צו־פריעדען — ווי זאגט מען: „געלויבט איז גאט, איין אנהייב געמאכט!“

פרייטאג פאר־נאכט, די זונן האט זיך פער־בעהאלטען, פונקט ווי זי האט געוואוסט אז דער ליעבער ליכטיגער שבת קומט אן, דער שבת וועלכען טויזענטער ליכט בעשיינען איצט אין אללע יודישע הייזער, די ליכט וועלכע טויזענטער יודישע טאכטער בענשען. דער עולם איז שוין געלאפען אין שול אריין דאווענען.

חנה האט שוין אויך אב־געבענשט די ליכט, אין שטוב איז געוועזען שאן אונ ליכטיגער דאכט זיך ווי אפילו די זונן בייטאג. פון יעדען ווינקעלע האט עס געשיינט, די בענש־ליכט מיט דעם ריינעם ווייסען געגרייטען טיש אין דעם ליכטיגען הויז האבען בעשיינט די דריי שאנע טאכטער מיט זייער מוטטער, וועלכע האבען זיך אנגעטוהן אנדערע קליידער — לכבוד דעם טייערען שבת.

ר' חיים איז געקומען פון שול צו־זאממען מיט איין אורח, געזאגט „גוט שבת“, זיין פאמיליע האבען אללע אין איין קול גע־ענטפערט א „גוט יאהר“. דעם אורח, וועלכער איז געגאנגען זעהר ארום געקליידעט, האבען זיי אללע מיט א פריינדליכע מינע געבעטען זיצען. ר' חיים האט מיט א שטיללער נאר א זיססער שטיממע אנגעהייבען זאגען „שלום עליכם“ אונ דער אורח אויך גלייך מיט איהם. ר' חיים האט געמאכט קידוש, צו־געגאסען דעם כוס, געגעבען צו־ביסלעך זיין ווייב אונ קינדער, דער דיענסט־מיידיל וועלכע איז גע־שטאנען נעבען דער טהיר אונ געהארט ווי דער בעל־הבית מאכט קידוש, האט חנה אויך צו־געטראגען דעם כוס, געגעבען פון קידוש. אלס דער אורח האט אויך געמאכט קידוש, האט מען זיך געוואשען אונ זיך געזעצט צום טיש. —

אללעס איז געוועזען ווי עס דארף צו זיין — נאר די פיש אונ חלה פון פערווי־סארט מעהל האבען געפעהלט, חאטש קיינער האט עס אפילו ניט בעמערקט, נאר טהיילס האבען אללע עס געפיהלט. די קינדער האבען נאך געהערט פאר שבת פון דער מוטטער, אז זי וועט אנהייבען פאר־שפארען, אויף וואס למשל פאר־שפארען, האבען זיי ניט געוואוסט, נאר פראניאן האט דאס הארץ אויס־געזאגט אויף וואס דאס איז. קיינעם האט ניט געפעהלט די פיש, די פערווע חלה, קיינער האט וועגען דעם א האלב ווארט ניט דער מאנט — נאר חנה האט אנגעהייבען צו־פיהלען אז עס פעהלט עפים צום שבת, זי איז עפים ניט פרעהליך גע־

וֶועזֶען ווִי אַלֶע שַׁבָּת בַּיים טִישׁ. חַיִים הָאט אויךְ בַּאמֶערְקְט אוּן זִי גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז זִי טְרוֹיעֶרִיג, זִי הָאט גֶע־ֶענְטְפֶערְט „ֶעס אִיז גָאר נִיט. ֶעס וַוייזְט זִיךְ דִיר אוֹיס".

אִין אַ פַאמִילְיֶע אִיז גֶענוּג אַז אֵיינֶער זָאל וֶוערֶען טְרוֹיעֶרִיג, וֶוערְט שׁוֹין דָאס גַאנְצֶע הוֹיז, דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אוּנְמוּטְהִיג.

מֶע הָאט אָבְּגֶעגֶעסֶען, נָאר ֶעפִּיס נִיט אַזוֹי פְרֶעהְלִיךְ ווִי אַלֶע שַׁבָּתִים. דֶער צְווייטֶער סָארְט חַלָה הָאט ֶעפִּיס גָאר נִיט גֶעשְׁיינְט פוּן טִישׁ, דָאס גַאנְצֶע ֶעסֶען הָאט גָאר נִיט גֶעהַאט דֶעם שְׁטֶענְדִיגֶען שַׁבָּת'דִיגֶען טַעם. אֲפִילוּ דִי לִיכְט מִיט דֶעם לָאמְפּ, הָאט אוֹיס גֶעוויזֶען, בְּרֶענֶען טוּנְקְלֶער ווִי אַלֶע שַׁבָּתִים. חַנָה הָאט זִיךְ גֶעפִיהְלְט אִין דֶעם אַלֶען שׁוּלְדִיג, נָאר זִי אַלֵיין אִיז שׁוּלְדִיג, אִיבֶּער אִיהְר אִיז פַאר שְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען דֶער שַׁבָּת. אָ! ווִיפִיעל וָואלְט אִיצְט חַנָה אַוֶועק־גֶעגֶעבֶּען, אַז ֶעס זָאל פְּלוּצִים אוֹיף אִיהְר טִישׁ אוֹיס־וַואקְסֶען גֶעקָאכְטֶע, שְׁמֶעקֶענְדִיגֶע פִישׁ אוּן חַלוֹת פוּן פֶערְווֹי מֶעהְל!...

חָאטְשׁ פוּן הַיינְטִיגֶען שַׁבָּת זֶענֶען אויךְ אַלֶע גֶעוֶועזֶען זַאט אָנְגֶעגֶעסֶען אוּן אַלֶע זֶענֶען ווִי נָאךְ אַ גוּטֶער וֶועטְשֶׁערֶע גֶעשְׁמַאק אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען, נָאר חַנֶה'ן הָאט זִיךְ נִיט גֶעשְׁלָאפֶען, דֶער סָאוֶועסְט הָאט זִי גֶעמוּטְשֶׁעט, וָואס זִי הָאט פוּן קֵיין אַנְדֶער זַאךְ נִיט גֶעפוּנֶען צוּ פַארְשְׁפֶּארֶען נָאר פוּן דֶעם טַייעֶרֶען הֵיילִיגֶען לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ!...

דֶער לָאמְפּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיסְגֶעהֶען, דִי בֶּענְשׁ־לִיכְט—צוּ קְיינֶעצֶען, שְׁוַוארְצֶע לַאנְגֶע אוּן קְלֵיינֶע שָׁאטֶענְס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּאדֶעקֶען דִי וַואנְד אוּן אַלֶע זַאכֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין שְׁטוּב. אָט אִיז אוֹיף אַ סֶעקוּנְדֶע אַ בִּיסֶעלֶע לִיכְטִיגֶער גֶעוָוארֶען אוּן דִי שָׁאטֶענְס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפְּרִינְגֶען צוּרִיק, קְלֶענֶער וֶוערֶען, אוּן אָט אִיז נָאךְ מֶעהְר טוּנְקְלֶער גֶעוָוארֶען, דִי שְׁוַוארְצֶע שָׁאטֶענְס הָאבֶּען שׁוֹין כִּמְעַט בַּאדֶעקְט דִי גַאנְצֶע וַואנְד, נָאר אֵיין טוּנְקֶעל ווִינְקֶעל מִיט אֵיין שְׁמָאלֶען פַּאס אוֹיף דֶער סְטֶעלְיֶע אִיז נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע לִיכְטִיג. חַנָה קוּקְט אוֹיף דֶעם לִיכְטִיגֶען ווִינְקֶעל ווִי ֶער וֶוערְט אַלֶע מָאל לִיכְטִיגֶער, גְרֶעסֶער, גְרֶעסֶער, אוּן פוּן דֶעם דָאזִיגֶען ווִינְקֶעל גֶעהְט אַרוֹיס אַ יוּנְג שֵׁאן וַוייבִּיל, מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען, דָאס גֶעזִיכְט אִיז ווַייס אוּן שַׁיינְט ווִי דִי זוּנְן, זִי גֶעהְט אָנְגֶעטְהוּן אַ לַאנְג ווַייס אַטְלֶעסִין קְלֵייד, אַיינְגֶעהֶעפְט מִיט בְּרִילְיַאנְטֶען, דִימַאנְטֶען אוּן פֶּערְעל. דָאס יוּנְגֶע וַוייבִּיל טְרָאגְט אוֹיף דֶעם קָאפּ אַ טִשׁפִּיקֶעל ווַייס ווִי זִילְבֶּער, מִיט אַסַךְ, אַסַךְ שְׁלַיארְקֶעלֶעךְ, אוֹיף יֶעדֶער שְׁלַיארְקֶעלֶע אַ גְרוֹיסֶער פֶּערֶעל, אוֹיף אִיהְר בְּרוּסְט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט אַ סַךְ פְרִישֶׁע שֶׁאנֶע שְׁמֶעקֶענְדִיגֶע בְּלוּמֶען, חַנָה פִיהְלְט דֶעם טַייעֶרֶען רֵיחַ פוּן דֶער וַוייטֶענְס, אוּן דֶער קְווִיקְט זִיךְ מִיט זֵייעֶר פְרִישְׁקַייט. דָאס יוּנְגֶע וַוייבִּיל הֵייבְּט אָן מִיט קְלֵיינֶע שְׁטִילֶע טְרִיט צוּ־גֶעהְן נֶאהֶנְטֶער צוּ חַנֶה'ן אוּן אַלֶע מָאל ווִי זִי מַאכְט אַ טְרִיט וַוייטֶער, וֶוערְט ֶעס הֶעלֶער אוּן הֶעלֶער, לִיכְטִיגֶער אוּן לִיכְטִיגֶער, פוּן אִיהְר סַךְ פֶּערֶעל אוּן בְּרִילְיַאנְטֶען פוּנְקֶעלְט חַנֶה'ן אִין דִי אוֹיגֶען, אָט אִיז זִי שׁוֹין נֶעבֶּען אִיהְר, פוּן גְרוֹיס לִיכְטִיקַייט קֶען חַנָה אִיהְר נִיט קוּקֶען אִין גֶעזִיכְט פוּנְקְט ווִי אִין דֶער שַׁיינֶענְדִיגֶער זוּנְן. דָאס יוּנְגֶע וַוייבִּיל שְׁטֶעקְט אַ שְׁמֶעקֶענְדִיגֶע רוֹיז פוּן אִיהְר בְּרוּסְט אוּן לֶעגְט אִיהְר צוּ בַּיי דֶער נָאז. חַנָה דֶער קְווִיקְט זִיךְ, זִי ֶעפֶענְט דִי אוֹיגֶען, אוּן קֶען אִיהְר שׁוֹין קוּקֶען גְלַייךְ אִין גֶעזִיכְט, אוּן זֶעהְט ווִי דָאס יוּנְגֶע וַוייבִּיל וָואס הָאט זִי אַזוֹי דֶערְקְווִיקְט אִיז זֶעהְר טְרוֹיעֶרִיג.

—וואס זענט איהר אזוי טרויעריג, טייערע, שאנע? איהר האט דאך מיך פשוט ערקוויקט מיט אייערע טייערע בלומען. זעהט ווי איהר זענט שאן, ווי איהר זענט רייך. איהר דארפט דאך זיין די גליקליכסטע פון אלע גליקליכע אין דער וועלט! זייט בעסער פרעהליך. צו וואס דארפט איהר זיין טרויריג?

— אמת. איך בין די גליקליכסטע אין דער וועלט—האט דאס יונגע ווייבעל אנגעהויבען רעדען מיט א זיסער שטימע, אז חנה'ן האט זיך אויסגעוויזען ווי א שאנע מוזיק שפיעלט וויינענדיגם—יא איך בין די גליקליכסטע. די גאנצע וועלט לויבט מיך און באזינגט מיך. און צו ליעב מיר, מיר זאל זיין ליכטיג, צינדעט מען אן אויף דער וועלט מיליאנען ליכט. צו ליעב מיר נעהמען זיך צונויף גאנצע פאמיליעס אויף איין ארט. און מע עסט, מע טרינקט, מע זינגט און מען איז פרעהליך. אפילו דעם ארימאן גיט מען אויך צו ליעב מיר זאטט צו עסען, אלע, אלע, זענען גליקליך צו ליעב מיר.—איך בין שבת!

—זענט איהר עס דער הייליגער שבת, דער טייערער שבת—צו וואס־זשע זענט איהר אזוי טרויעריג, מיין לעבען, מיין הארץ, מיין נשמה, מיין טרייסט, מיין פריינד, מיין רוה, מיין געזונד, מיין גאלד, מיין שיין, מיין וועלט! זיצט א ביסעל, מיין הייליגער שבת, און זייט ניט טרויריג. איהר זענט דאך געקומען צו געטרייע פריינד אים הויז! איהר זענט דאך פון אלעמען אזוי געליעבט! איהר זענט דאך די גליקליכסטע אין דער וועלט און מאכט גליקליך די גאנצע וועלט!

—איך דאנק אייך. איך קען איצט ניט זיצען, איך קען איצט ניט זיין פרעהליך. קוקט וואס פאר איין אומגליק מיך האט געטראפען! (זי האט אנגעוויזען מיט דער האנד אויף די שליארקעלעך פון טשיפעק) אט זעהט, קוקט, ווי צ ו ו י י פערעל פעהלען מיר—צ ו ו י י פערעל האב איך צו ליעב אייך פארלוירען!... דרום בין איך געקומען צו אייך זיך קלאגען, מיין טרויער אייך ווייזען—איז דאס א יושר, ליעבע חנה, איהר טראגט דאך א יודישען נאמען, איז דאס א יושר פון א יודישער טאכטער פ א ר ש פ א ר ע ן פון מ י ר, איך זאל איבער דיין פארשפארען פארלירען צוויי טייערע גרויסע פערעל? איז דאס א יושר אז ווען אין מיין שוים רוהעט איהר זיך אלע אב פון דער וואך, דיין מאנן חיים וועלכער הארעוועט ווי איין אקס אין דער יארמא די גאנצע וואך, רוהעט זיך אב ביי מיר און גלייכט אוים זיינע צובראכענע פארהארעוועטע ביינער, און בעקומט ווייטער כח די גאנצע וואך צו ארבייטען פאר אייך, אייך געבען ברויט—איז דאס א יושר, דו זאלסט פון מ י ר פאר־שפארען, איך זאל איבער דיר אזוינע צוויי טייערע פערעל פארלירען? און דו פרעגסט מיך נאך, וואס איך בין טרויעריג!...

חנה האט זיך געוואלט צו וויינען ווי א קליין קינד, זי קושען, זי האלזען, איבער־בעטען דעם טייערען הייליגען שבת; נאר דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען שטארק דריקען און זי האט אפילו א האלב ווארט ניט געקענט אויסרעדען. זי האט נאר צוגעזעהן ווי דאס שאנע ווייביל איז ווייטער פאר איהר געשטאנען טרויעריג מיט איין אראבגעלאזטען קאפ. די אייגענע רויז האט זי איהר פאמעליך צו געלעגט צו דער נאז און חנה האט שוין מעהר ניט געקענט קוקען אין איהר ליכטיג געזיכט. ווי אין דער שייענדיגער זונן,

עס האט איהר שטארק געפונקעלט אונ געבריליאנטעוועט אין די אויגען, דאס שאנע ווייביל האט אנגעהויבען צוריק אבטרעטען אין ליכטיגען ווינקעל מיט קליינע שטילע טריט. חנה האט אויסגעשטרעקט בײדע האנד אונ זי געוואלט חאפען אונ ציהען צוריק, נאר—זי האט זיך פון שלאף אויפגעחאפט ...

—מאמע, דער טאטע וואַרט, שטעה אויף, וועללען מיר טרינקען אללע צו זאמען טהעע! — האט פראניא אויפגעוועקט די מוטטער מיט צוויי הייסע קושען.

## VIII

## דריי שוועסטער.

פון דעם שבת אהן איז שוין אוועקגעגאנגען א יאהר אונ נאך א יאהר ד. ה. פראניא איז שוין אלט געווארען איין אונ צוואנציג יאהר. נאר דאס איז נאך גאר ניט, פיעל ערגער איז געוועזען וואס מאניא איז אלט געווארען נײנצען יאהר ...

אין דער קלײנער צייט האט זיך בײ חנה'ן אויף דעם שטערען געוויזען א סך נײע קנייטשען אונ נאך מעהר א סך נײע גרויע האר בײ חיים'ען אין קאפ.

שדכנים זענען צו זײ אין הויז ניט אריין געקומען, ווייל "צו די היינטוועלטיגע געהט מען זיך נאר אן אונ מע רייסט אומזיסט שטיוועל" פלעגען די שדכנים צווישען זיך רעדען, "די לייט איז שווער אז מיר זאלען זײ חתנים געבען". אגב זענען זײ אויך דער פאר ניט געגאנגען, ווייל זײ ווייסען גוט וועלכע מיידיל עס האט נדן אונ וועלכעס ניט. פון דעסט־וועגען האבען אללע רייכע כלות, פון וועלכע די שדכנים זענען ניט אבגעטרעטען, שטארק מקנא געוועזען די פרײליין פריידקינזאהן, ווייל ארום פראניא'ן האבען זיך געדרעהט פיעל יונגע לייט, די שאנסטע, די פיינסטע, די געבילדעטסטע אונ די געלעהרענטסטע. נאר פראניא זעלבסט פלעגט אפט קרעכצען אונ זיפצען בײ זיך אין צימער וועגען די דאזיגע יונגע לייט, אויף וועלכע די רייכסטע פלעגען זי מקנא זיין.

וואס ווילען זײ פון מיין לעבען האבען, די דאזיגע "טשערעדע"! צו וואס יאגען זײ זיך נאך מיר? זײ נעמען נאר צו בײ מיר מיין גאנצע צייט, מיינע גאנצע יאהרען, אז עס בלייבט מיר אפילו קיין צייט ניט אב צו־טהון מיינע שטוב־ארבייטען, שטענדיג זײ איינגעש־פאנט אין קארסעט, וואס איז? הערר א ץ איז געקומען אונ הערר ק ל א ץ וועט באלד זיין—איין אבקומעניש אונ ווייטער גאר ניט! אמאהליגע יאהרען האט זיך מיר אלץ געגלוסט, עס איז בײ מיר געוועזען דאס בעסטע פערגניגען, ווען זײ האבען זיך ארום מיר געדרעהט, נאר ... נאר זינט איך האב א י ה ם דערקענט ...

ווען זי האט זיך נאר דערמאנט אין "איהם", האבען זיך איהר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. אונטער דעם ווארט "איהם" האט זי געמיינט דעם איצטיגען יונגען נײעם דאקטאריל, פאוועל אבראמאוויטש ז י נ ג ע ר, וועלכער האט זיך מיט איהר בעקענט אלס סטודענט, ווען ער איז איבערגעגאנגען פון ערשטען קורס אין צווייטען אונ איז געקומען אויף "קאניקול" קיין אריבאטשעווקע צו זיינעם א פעטער, וואו ער פלעגט פאר־

ברענגען גאנצע צוויי חדשים. פון דער צייט אן וואס ער האט זיך בעקאנט מיט פראניאן פלעגט ער די גאנצע צוויי חדשים איבער ליגען ביי פריידקינזאהנען אים הויז, צוזאממען שטענדיג געגאנגען שפאצירען, גערעדט האבען זיי נאר ביידע אונ געוועזען פארליעבט איינס אין דעם אנדערען איבער די אויערען, די געצאהלטע יונגע לייט וואס האבען דערפון געוואוסט האבען שטארק מקנא געוועזען זינגערין, וואס פראניא, די זעלטענע „קראסאוויצע", די קלוגע, די וואוילע פראניא, האט איהם ליעב... פראניא האט זיך ווירקליך איבער־געגעבען זינגערין מיט איהר גאנץ לעבען, עס איז ביי איהר געוועזען די ערשטע ליעבע, זי האט געלעבט מיט זיינע אידעאלען, מיט זיין לעבען, ער האט נאר געטראכט דער פון ווי ער וועט זיין א דאקטאר, וועט ער די גאנצע צייט אוועק געבען פיר די ארומע קראנקע, אונ מאכען א פאנד, זייערע פאמיליען צו שטיצען ביז די קראנקע וועלין געזונד אונ שטארק ווערן. וואס ער האט געזאגט איז ביי איהר געוועזען תורת דאקשען, זינגער איז געוועזען איהר גאטט; זינגער האט איהר אויך מיט דעם געצאהלט, אונ ווען עס איז געקוממען די צייט אז ער האט בעדארפט אוועק פאהרען, האט מען זיך געזעגענט פונקט ווי ער פאהרט אויף יענער וועלט. דאס גאנצע יאהר איז געגאנגען צווישען זיי עטליכע מאל אין דער וואך הייסע בריעף. די צעהן חדשים ביז ער האט בעדארפט ווייטער קוממען אויף קאניקול איז ביי זיי געוועזען צעהן יאהר. אונ ווען ער איז געקוממען איז מען ווייטער געוועזען פון די גליקליכסטע פון דער וועלט. אונ מע האט ווייטער אבגעלעבט די צוויי חדשים ווי גאטט אין אדעם. דער איינציגער צוועק אין זייער לעבען איז געוועזען, ער זאל שוין ענדיגען, מע האט שוין אפילו אויסגערעכענט וויפיעל טאג עס זענען נאך דא אין די צוויי דריי יאהר ביז ער וועט ענדיגען, טייבען טרערען האט זיך אין דער צייט געגאסען. מיליאנען זיפצען זענען פון הארץ געפלויגען, טויזענטער בריעף האט מען אין דער צייט צו שרייבען אונ געלויבט גאטט אט! אט „ענדיגט" ער, עס זענען געבליבן געצאהלטע טאג, אונ אז ער וועט איצט קוממען וועט ער שוין מעהר ניט אוועקפאהרען, ער וועט שוין בלייבען אייביג, אייביג נעבען איהר.

די צייט פון זיין ענדיגען איז שוין לאנג איבער געגאנגען, אונ ניט נאר ער איז ניט געקוממען, נאר אפילו קיין בריעף איז אויך פון איהם ניט געקוממען. פראניא האט נאך געפרובט איהם שרייבען א לעצטען בריעף מיט איינעם וואס איז געפאהרען קיין ק. אונ זי האט אויך בעקוממען א „לעצטען" בריעף, וואו ער גיסט מיט טרעהרען, וואו ער הייבט זי ביז אין הימעל—נאר, נאר... ניט אללעס קען ער ארויסשרייבען וואס ביי איהם קומט איצט פאר א. ז. וו. א. ז. וו.

אין א צייט ארום האט פראניא געהערט ווי ער האט חתונה געהאט פאר א פרייליין מיט צוואנציג טויזענט רובל נדן, אונ דער דאקטאר זינגער פאהרט איצט מיט זיינע איינציגע פערד צו די קראנקע — דרום נעהמט ער ניט ווינציגער ווי דריי רובל א וויזיט.

פון דענסמאל אן זענען איהר נמאס געווארען די אללע וואס דרעהען זיך ארום איהר. וואס זיי האבען גערעדט האט זי ניט געגלויבט איין ווארט. „זייער גאנץ רעדען איז מעהר ניט ווייל זיי האבען מיילער. וואס דען זאלען זיי טהון מיט די מיילער?" פלעגט זי זיך טראכטען.

שפעטער מיט א צייט האט זיך בעקאנט מיט גארפינקלען, און וועלכען זי האט געפונען איין זעהר עהרליכען מאנן, נאר דערפאר ווייל ער פלעגט שטענדיג זידלען די היינטיגע פאר־דארבענע געבילדעטע יונגע־לייט, וואס פאר־קויפען זיך צו רייכע ארענדאר־סקע טאכטער אבי צוואנציג טויזענד רובל נדן. בכלל פלעגט־ער ניט אויפהערען צו זידלען די רייכע יודען, ווי זיי עקספלואטירען דעם ארעמאנן, ווי זיי טוהען גאר ניט לטובת הכלל. זיי האבען גאר זיך אין זינען א. ז. וו. מעהר פון אללע פלעגט־ער זידלען זיינע חברים, די סטודענטען, וועלכע פאר־שטעהן גאר ניט דעם צוועק פון אמתע בילדונג און הייבען אן צו־לערנען נאר מיט דעם געדאנק: א קערבעל, א קערבעל, צוואנציג טויזענד רובל נדן. קארעטעס, א. ז. וו. א. ז. וו.

גארפינקעל האט געקענט שאן ריידען, און דער־צו האט ער א ווארט ניט ארויס־געלאזט אהן פייער.

די גוטע עהרליכע אונפראקטישע פראניא האט איהם זעהר געאכטעט פאר זיין רע־דען מיט פייער, ד. ה. וואס ער האט ליעב דעם אמת. און זאגט עס יעדען גלייך אין די אויגען.

פראניא האט זיך צו־געבונדען צו־איהם ווי צו א גוטען פריינד, ווי צו איין אייגענעם ברודער וואס טרויערט צו־זאמען מיט איהר אויף די פאלשקייט פון דער וועלט. ווען אללע מענשען זאללען אזוי ליעב האבען דעם אמת ווי גארפינקעל— פלעגט פראניא טראכטען — וואלט גאר קיין פאלשקייט, ניט אויף דער וועלט געוועזען, קיין טרעהרען און בלוט וואלטען זיך ניט פאר־גאסען.

אויסער גארפינקלען זענען אללע יונגע לייט וואס האבען זיך געדרעהט ארום איהר געוועזען איבעריג.

נאר לאמיר זיך ווייטער צו־הערען צו איהרע געדאנקען:

—אמאהל האט זיך מיר אלץ געגלויבט, עס איז ביי מיר געוועזען דאס בעסטע פאר־געניגען, אבער היינט, וואס קומט מיר ארויס פון די אללע וואס דרעהען זיך ארום מיר? ניט פון די וועל איך א כלה ווערען. אייגענטליך וואלט איך דערפון גאר ניט געדארפט טראכטען ווארום וואס פארזאמט מען דא? דוכט זיך אז אפילו אין פינף יאהר, אין עלף יאהר ארום, וועל איך נאך אויך האבען צייט אויס־צו־כאפען דעם פיינסטען חתן. נאר וואס זאלל איך טוהן? אז ביי אונז אין שטאדט שטעכט יעדער די אויגען ווען מע איז אביסעל איבערגעוואק־סען, חאטש יעדער זאגט דיר גאר ניט און רעדט ניט א האלב ווארט, זו מערקסט דיר זיין איבער־געוואקסען וויפיעל דו ווילסט, נאר אויף יעדענס אויג איז אנגעשריעבען „איך קוק אויף איין אלטע מויד״. אוי גאטט, וואס האב איך אזוינס געזינדיגט וואס איך קום אב אויף דער וועלט! נא, איך וויל ניט חתונה האבען—און ווער נויט עס מיך דענן דער־צו? מיינע עלטערען ברוך השם טרייבען מיך ניט פון דער שטוב, צו־וואס־זשע דארף איך און מוז חתונה האבען? און אז איך זאלל קומען צו דעם „מוז״, בין איך געצוואונגען זיך ארום צו־שלעפען מיט פופציג קאוואלערען, וואס איז? טאמער וועל איך איין איינציגען געפעלען, אזוי אז ער וועט וועללען פאר מיר חתונה האבען און ניט פאדערען קיין טויזענטער נדן.

ווייסט זיי אללע דער גוטער יאהר! אללע יאגען זיך נאך מיר, אללע דוכט זיך זענען פאו ליעבט אין מיר— אונ צום סוף אז זיי דארפען חתונה האבען איז נאר פאר כלות מיט טויזענ־טער נדן. דא האבען זיי אללע חרטה אונ הייבען אהן אב־קיהלען צו מיר; זיי האבען שוין איינינע יא געוואלט אונ ניט געפרעגט אויף קיין נדן, האבען זיך זייערע עלטערען אריין געמישט אונ ניט דער־לאזט, אזוי אדער אזוי אונ חתונה געהאט ניט פאר מיר.

אונ מיך זענען נאך אנדערע מיידליך מקנא! וואס איז? צו אונז אין הויז קומען אריין די פיינסטע אונ געבילדעטסטע יונגע לייט. א! זיי זאללען וויסען וואס עס טהוט זיך ביי מיר אין הארצען... פון זייער ארומדרעהען זיך האב איך מעהר ניט ווי דאס דאזיגע: איך מוז אוועק ווארפען אללע ארבייט אונ ווערען יעדענס דיענסט, זיך אנטהון ד. ה. זיין איינגעשפאנט אין קארסעט אז עס ווערט שווער דעם אטהעם צו ציהען, ווארום ניט איינ־ציהען שטארק דעם קארסעט וועט דאך דאס קלייד אזוי גוט ניט ליגען אונ טאמער באמערקט מען דאס, וועט מען זאגען אז איך „קען זיך ניט אנטהון" אדער מיין טאליע איז ניט אויס געוואקסען, אונ נאך אזוינע פעהלער. אונ אז מע איז שוין איינגעשפאנט, פארצויגען, פאר־קרעמפעוועט—טא זיץ אונ זיץ, רעד, לאך, שפרינג, מאך זיי פרעהליך—וואס איז? לאזען זיי האבען א גוטע מיינונג. לאזען זיי דער־נאך זאגען, אז זיי האבען ביי אונז אין הויז די צייט גוט פארבראכט, טהו דאס אללעס ניט, פאסט ניט, עס איז ניט שאן, וואס פאר א יונגער מאנן וועט דערנאך אריין צו אונז אין שטוב. ווען מע וועט איהם חו"ש איבערלאזען מיט דער מאמען רעדען, אדער לאזען איהם שווייגען, צי חו"ש אליין זיצען אונ אברוהען דאס מויל!

אין דעם אייגענעם צימער, נאר אויף איין אנדער בעטעל, האט מאניא, די יונגערע שוועסטער, אויך געטראכט מיט זיפצען אונ קרעכצען—אויך וועגען די־קאוואליערען:

— איין אונגליק איז פאר מיר מיין עלטערע שוועסטער! אומעטום שטעהט זי מיר אין וועג; וואלטען דען די יונגע לייט ארום מיר זיך ניט געדרעהט, ווען ניט זי? אונ צו וועמען קומען זיי דען, אז ניט צו מיר? עס איז נאר צום לאכען ווי זי מיינט אין אמת'ן, אז זיי געהען צו ליעב איהר, דער גאנצער יחוס איז מיט איהר וואס זי איז די עלטערע, אונ די מאמע זאגט מיר אן, אז ווען עס קומט א יונגער מאנן, זאל איך זיך ווינציגער ווארפען אין די אויגען" אונ אמאהל זיך גאר ניט ווייזען, וואס איז? — איך האב איין עלטערע שוועסטער! אוי, ווי גליקליך זענען די וואס האבען ניט קיין עלטערע שוועסטער! איך טאר אפילו קיין ווארט ניט אויסרעדען ווען פראניא רעדט; קען איך דען ניט שענער רעדען פון איהר? דאס שענסטע קלייד מאכט מען איהר, וואלט עס מיר דען ניט שענער געפאסט? איך וואלט שוין לאנג געווען א כלה, ווען מיין עלטערע שוועסטער זאל מיר ניט שטערען—ניט שטעהן אין וועג.

אויף דעם דריטען בעטעל האט מאניא, די יונגסטע שוועסטער, אויך געטראכט:

—עס איז נאר צו לאכען; איך בין שוין אלט זיבעצען יאהר—אונ די מאמע לאזט מיך ניט ארויס פון מיין קורץ קליידעל! וויפיעל איך האב זי געבעטען זי זאל מיר שוין מאכען א לאנג קלייד, וויל זי ניט, זי זאגט אז איך בין נאך א קינד אונ מעג נאך טראגען א קורץ קליידעל, מע דארף נאר לאכען, האט איהר געהערט־א קינד? א שאן קינד, חלעבען!

אנדערע און מײנע יאהרען טראגען שױן פון צװײ יאהר לאנגע קלײדער נאר איך טאר ניט, װאס איז? איך האב צװײ עלטערע שװעסטער! אױ איז ניט גוט אז מע האט צװײ עלטערע שװעסטער! בערטהע מײן חברטה אין אײנע יאהרען מיט מיר — איז שױן פון צװײ יאהר פארליעבט, און אפאנאסיא האט זי אזױ שטארק ליעב!... באריס איז שױן אין זעקסטען קלאס — און ער האט מיך דען ניט ליעב? ער װאלט ־דען ניט געקומען אפט צו אונז אין הױז? נאר די מאמע װעט ניט לאזען, װאס האט צו טוהן באריס בײ אונז? װעט באלד די מאמע פרעגען. און װען ער קומט יא אמאהל, רעדט מיט איהם פראניא און מאניא, און איך טאר אפילו א װארט ניט אױס־רעדען — װאס איז? איך האב עלטערע שװעסטער!... װאס, װאס לײד איך דען ניט איבער זײ? — איך מוז זיך מאכען פאר א נארעש קינד, איך מוז װערען א שטומע און טאר ניט רעדען װי א מענש רעדט מיט מענשען, איך קען רעדען נאר מיט קלײנע קינדער, איך טאר ניט זײן און זיך ניט רעכענען פאר קײן מענש גלײך מיט מײנע שװעסטער, קען איך דען ניט רעדען גלײך װי זײ, זיך אנטוהן שאן װי זײ? נאר איך טאר ניט — איך טאר גאר ניט! װײל איך בין פון גאטט געשטראפט מיט עלטערע שװעסטער! עס איז אזא פאר־דראס!...

בײ יעדען צו־פאלל װי עס האט זיך נאר עפיס א קלײניגקײט אנגעהױבען צװישען די שװעסטער, פלעגען די יונגערע געבען שטארק צו־פיהלען פראניאן, אז זי שטעהט זײ אין װעג, און װען ניט זי װאלט־מען זײ שױן לאנג אױס־געהאפט, זײ װאלטען שױן לאנג געװעזען כלות פאר די רײכסטע, געבילדעטסטע און שאנסטע יונגע לײט. און פראניא, װעלכע האט געהאט דאס אומגליק צו געבױרען װערען די עלטערע, פלעגט איהר שװעסטערס װינק גוט פאר־שטעהן און פיהלען „אז זי שטעהט זײ אין װעג“ — און זיך ניט אײן מאל דעריבער בעװא־שען מיט טרעהרען.

—איבער דעם אלײן װאס זײ װײזט זיך אױס אז איך שטעה זײ אין װעג, װאלט איך אנטלאפען אין עק װעלט — פלעגט פראניא זיך טראכטען און די טרעהרען זיך גיסען פון די אױגען — דאס אלײן קען מיך ברײנגען איך זאל חתונה האבען אפילו פאר א איך װײס ניט װעמען, אבי זײ ניט שטעהן אין װעג, נא? און אפילו „איך װײס ניט װעמען“ קען מען דען האפען פון דער גאס? און אפילו די יונגע־לײט װאס דרעהען זיך ארום מיר און זיצען איבער טאג און נאכט בײ אונז אין הױז, קען מען דענן האפען?

דורך די גרױסע ליעבשאפט פון די עלטערען צו איהר, פלעגט זי אפט קומען צו איהר פריערינגען שטאלץ און זיך אױפהערען אזױ האלטען פאר אראב־געפאלען, אז זי װעט מוזען חתונה האבען פאר א מענשען װאס שטײט קלענער פון איהר, און אױך האט זי נײע געדולד בעקומען זינט זי האט זיך באקענט מיט דעם עהרליכען גארפינקלען.

—גארפינקעל איז װעהר אײן עהרליכער מענש — פלעגט פראניא טראכטען װעגען איהם — װאס ער רעדט דאס מײנט ער. א! װען אלע מענשען זאללען זײן אזױ װי ער, װאלט גאר אײן אנדערע װעלט געװעזען.

פראניא האט געמעגט רעכענען אז ער זאלל זיך אין איהר פאר־ליעבען, װײל שױן במעט דאס דריטע יאהר װען ער קומט אױף קאניקול, פער־ברײנגט ער די צײט מיט איהר מעהר װי מיט אלע אנדערע פרײלײן

—און אפשר איז ער שוין פאר־ליעבט— פלעגט פראניא טראכטען— ער איז אזא עהר־ליכער, אז עס עפענט זיך איהם גאר ניט דאס מויל ער זאלל עס מיר קענען זאגען, דוכט זיך ווי ער באגעהט זיך און רעדט מיט מיר, דארף איך שוין אליין פאר־שטעהן. יא, ער האט מיך ליעב, דאס ווייס איך, דאס זעה איך, וואס ווייטער איז ער אין מיר אלץ פאר־ליעבטער.

אין די מינוטען ווען זי האט געטראכט פון גארפינקלען איז פראניא נאך געוועזען גליקליך און האט זיך געפיהלט גוט ווי גלייך זי האט קיין צרות ניט געהאט. נאר ווען די יונגערע שוועסטער האט געוויזען א מינע אז זי שטעהט איהר אין וועג, איז פראניא ביי זיך באלד ווידער אראבגעפאלען, געפיהלט זיך פאר דער אונגליקליכסטע, פארגעסען אן אללע יונגע לייט וואס דרעהן זיך ארום איהר, פארגעסען אפילו אן גארפינקלען אז ער האט זי ליעב, פארגעסען אז זי איז נאך יונג, שאן, געבילדעט און האט נאך פיעל אויסזיכטען זי זאל זיין גליקליך. אין די טרויעריגע מינוטען האט זיך איהר אויסגעוויזען אז זי איז שוין אלט, זי האט שוין איהר יוגענד אבגעלעבט, זי איז שוין איבריג אפילו ביי איהרע עלטערען אין הויז, און עס איז שוין צייט אנדערע אבטרעטען דעם וועג—ניט שטערען אומזיסט יענעם, ווארום יענע ווילען און דארפען אויך האבען א יוגענד גלייך מיט איהר. אין אזעלכע מינוטען איז זי געוועזען גרייט אויף אללעס, אבי ניט זיין מעהר ביי איהרע עלטערן אין הויז. אין דער מינוט ווען עס וואלט מעגליך געוועזען זי זאל ווערען א כלה פאר וועמען עס איז, נאר אבי ווערען א כלה, אז זי זאל טאקע אין דער מינוט חתונה האבען פאר איהם, און טאקע אין דער אייגענער מינוט ארויס פון איהרע עלטערען מיט איהר מאנן וואהנען, אפילו אין א פאדוואל, אין א קאנורע, וואלט זי זיך גערעכענט פאר די גליקליכסטע אין דער וועלט.

האטש די עלטערן האבען קיין מאל ניט געהערט און ניט געוואוסט וואס עס קומט פאר צווישען זייערע טאכטער. נאר חיים־ען האט זיין פאטערס הארץ אויסגעזאגט פאר וואס פראניא איז טרויעריג, און איין מאל ווען ער האט זי געפונען אין אזא לאגע, האט ער זי אנגעהויבען קושען און האלזען.

—דו זאלסט זיין טרויעריג, פראנעטשקע? דו זאלסט זיך רעכענען פאר אונגליקליך, ווען איך לעב נאך, ווען דו געפינסט זיך ביי מיר?! ווייסט דו דען ניט, אז דו ביזט ביי מיר קיין מאל ניט איבריג, אז מיין לעבען, מיין הארעוואניע, איז נאר פון דיינעטוועגען, אז איך האב דיך ליעבער פון אללע מיינע קינדער? ווארום דו ביזט ביי מיר די עלטערסטע די שאנערע, די וואוילערע, די קליגערע! דו ביזט מיין קינד, דו ביזט אויך מיין טייערע חברטע, איך גיב דיר און וועל דיר געבען אללעס. וואס געהט דיר דען אב וואס דו האסט ניט? דאכט זיך איך גיב דיר אללעס, און פון קיין זאך ברויכסטו זיך ניט אב צו זאגען— היינט צו־וואס־זשע דארפסט דו זיין טרויעריג? וואלסט דו דען זיך ניט בעדארפט פיהלען גליקליך? זאג מיר אדרבה וואס פעהלט דיר? ביזט דו אפשר ניט געזונד, און ווילסט מיר ניט אויסזאגען? זאג, זאג דאך מיין לעבען!

ניט איין מאל האט ער איהר אזא ליעבשאפט ארויס געוויזען און געבעטען זי זאל איהם זאגען וואס איהר פעהלט, פאר וואס זי איז טרויעריג, און זי פלעגט איהם ענטפערן, אז זי

איז גאר ניט טרויעריג זי איז געזונד. עס ווייזט זיך איהם גאר אויס, זי פיהלט זיך גליקליך א. ז. וו., אונ קיין מאל דעם אמת איהם ניט געזאגט, נאר איצטער האט זי אליין ניט באמערקט, ווי זי האט אנגעהויבען ארויס רעדען פאר איהם איהר ריין הארץ.

—טייערער פאטער! איך פיהל אונ ווייס, ווי גליקליך איך בין, וואס גאט האט מיך געבענשט מיט אזוינע טייערע עלטערען, מיט אזא געטרייען פאטער ווי דו. איך ווייס אז איך בין דיר קיין מאל ניט איבריג, אונ ווילסט מיר מיט פרייד אוועק געבען דיין גאנץ לעבען פון דער לעצטער נשמה. נאר טייערער פאטער, אללעס קענסט דו מיר געבען, נאר ניט קיין מזל; אללעס קענסט דו מיר געבען—נאר ניט אזא זאך איך זאל מעהר ניט דארפען זיין אין דיין הויז.

אין מ י י ן הויז! וואס הער איך? דו באליידיגסט מיך! אין מ י י ן הויז ווילסט דו ניט זיין.

—איך וויל זיין, נאר איך קען מעהר ניט אונ טאר טאקע מעהר ניט זיין אין דיין הויז.

—דו ווילסט ניט? דו טארסט ניט? איבער וועמען? ווער איז אין דעם שולדיג? ווער לאזט דיך ניט זיין? ווער מאכט דיר שווער ביי מיר אין מיין הויז—אין ד י י ן הויז מיין איך, מיינס איז דיינס!

—פאטער! דו ביזט ניט אליין אונ איך אויך ניט אליין.

—וואס הייסט?

—דו האסט קיין רעכט ניט צו זאגען אז דיינס איז מיינס. דו האסט נ א ך קינדער, איך האב נ א ך שוועסטער, זיי ווילען א ו י ך זיין יונג, זיי ווילען א ו י ך לעבען.

—איך פארשטעה ניט. וואס הייסט? זיי האבען דען ניט ביי מיר אללעס וואס דו? זיי שטערען דיר אין מיין הויז? א! זיי האבען דיר עפיס געזאגט, געקריגט זיך מיט דיר, זאג מיר באלד!

—זיי האבען מיר גאר ניט געזאגט, אונ מיר האבען זיך גאר ניט געקריעגט, ניין פאטער, ניט זיי שטערען מ י ר, נאר א י ך ז י י. איך האב קיין שום רעכט ניט זיי אין וועג צו שטעהן. עס איז שוין פון מיר א יושר זיי אבטרעטען דעם וועג, צו מיר אין זייערע יאהרען האבען זיך שוין לאנג געשדכנט חתנים, אונ זיי מוזען צו ליעב מיר אלץ זיין גרויסע קינדער—מוזען זיין קינדער מיט א דערוואקסענעם שכל, —קינדער מיט א הארץ וואס פיהלט א סך. ניין פאטער! פארשטעה אליין אז ניט זיי זענען שולדיג, נאר איך; איבער מיר רעכענען זיי זיך אפשר פאר אונגליקליך, אונ האבען פאלקאמען רעכט דאס צו טראכטען, אפילו מיר די גרעסטע שונאים ווערען. ניין פאטער! ניט אללעס וואס דו גיבסט מיר צוזאמען מיט דיין גרויס ליעבשאפט אונ געטריישאפט קען מיר דער ווייל קיין גליק ניט געבען; ניט צו זיין אין דיין הויז איז איצט מיין איינציגער ווילען.

—דו... מיין קינד... נ י ט אין מיין הויז!... האט ער קוים אויסגערעדט אונ מעהר ניט געפונען קיין ווארטער וואס צו ענטפערן אויף איהר אמת. ער האט זי גאר א סך

געקוויטשט אונ געהאַלזט אונ אָהן וואָרטער אַוועקגעגאַנגען פון איהר. וויי איין אונגליקליכער אָרעמער פאָטער וואס זיין גאַנץ לעבען שטעקט נאָר אין די קינדער אונ קען זיי גאָר ניט געבען, מיט גאָר ניט העלפען, אַפילו ניט מיט קיין טרוקען שטיקעל ברויט, וואס אָהן דעם קענען די קינדער איין טאָג ווייטער ניט לעבען.

—חנה די פּראָסטע יודענע איז גערעכט אונ פאַרשטעהט מעהר ווי חיים דער געלערנטער מאַנסביל— האָט ער געזאָגט צו זיך— ערשט נעכטען איז זי אויך געווען גערעכט, די מוטטערס מיט איהרע נאַררישע ווייבערשע רייד זענען אַמאָל קליגער פון די מאַנען מיט זייערע חכמות... אונ ערשט נעכטען האָב איך זיך אויף איהר געבייזערט — איך קען עס מיר ניט שענקען!

## IX.

## נעכטיגען אבענד.

נאָכטען האָט זיך חיים געבאַזערט אויף חנה'ן איבער דער דאָזיגער מעשה: זינט חנה האָט פאַרטראַכט אָבשפּאָרען פון דער הוצאה אויף־צו־קלייבען גדן. האָט זי ניט פאַרשפּאָרט נאָר פאַרקערט: די הוצאה האָט אָנגעהויבען ווערען גרעסער אונ עס איז איהר איצט געווען שווער אויסצוקומען, חאָטש חיים האָט שוין פון אַ יאָהר צוויי אויפגעהערט צו רויכערען טאַבאַק.

איין חודש האָט חנה'ן געפעהלט צו דערציהען די הוצאה ביז אין ערשטען, אונ זי האָט זיך פאַרשולדיגט אויף עטליכע רובל אין די קלייטלעך וואו זי האָט שטענדיג געקויפט שפּייז מיט דעם אופן, אַז דעם "ערשטען" ווען חיים ווערט ברענגען זיין זשאַלאָוואַניע, זאָל זי באַצאָהלען. נאָר דעם צווייטען חודש האָט זי זיך נאָך מעהר פאַרשולדיגט — אונ זי האָט ווייטער געוואַרט אויף דעם "ערשטען". פון דעם דריטען חודש האָט זי זיך נאָך מעהר פאַר שולדיגט, אונ וואס ווייטער איז געוועזען ערגער.

אין די ערשטע חדשים איז איהר געוועזען זעהר שווער אַזוי פיעל אָנצובאָרגען אונ לייען, ווייל זי געדענקט גאָר ניט אויף איהר גאַנץ לעבען זי זאָל אויף אַזוי פיעל זיך פאַר־שולדיגען, נאָר כדי איהר מאַן ניט מצער צו זיין, האָט זי עס געמוזט טהון, אונ אַלץ געוואַרט ביז אין "ערשטען" דאַן וועט זי זיך אויסצאָהלען. מיט אַזא אופן האָט זי זיך צו־געוואָהנט צו באָרגען אונ צו באָרגען.

דער חוב איז אָבער אַזוי גרויס געוואָרען, אַז מע האָט איהר אויפגעהערט וועלען באָרגען, אונ די שווערע נויט האָט חנה'ן אויסגעלערענט, צו זאָגען, אַז זי וועט דעם ערשטען אין גאַנצען באַצאָהלען אונ דער נאָך ניט מקיים זיין, ד. ה. פּראָסט: חנה האָט אָנגעהויבען ווערען אַ ליגנערין, אויס זאָגען איהר חיים'ן, איז איהר געוועזען זעהר שלעכט, זי האָט געוואוסט ווי ער וועט זיך דער שרעקען, ווען ער וועט פלוצים דערהערען, אַז זי איז שולדיג אַזוי פיעל געלד. עס האָט איהר שוין באַנג געטהון, פאַר וואס זי האָט איהם ניט געזאָגט פריהער— ווען זי איז נאָך אַזוי פיעל ניט שולדיג געוועזען, חנה איז אַרום געגאַנגען ווי אַ דער־שלאָגענע אונ אַליין ניט געוואוסט וואס צו טהון. נאָר די ליעבע טייערע נויט ראַשעט אַללעם

ביים מענשען, וואס דער מענש האט מורא אונ שרעקט זיך צו טהון, אונ אז זי (די „נויט" מיין איך) קומט נאר אן ווערט דער מענש א העלד. אונ טהוט אונ רעשעט אלעס אהן א שום פחד אונ שרעקעניש. דער קרעמער האט איהר געזאגט אז ער בארגט איהר דאס לעצטע מאל, אונ טאמער וועט זי דעם „ערשטען" ניט באצאהלען וועט ער איהר מאנען די גאס ניט דורכלאזען, אונ חנה האט זיך באלד פעסט געראשעט:

—איך וועל איהם זאגען, אויס זאגען דעם גאנצען אמת! אונ וואס האב איך דא מורא, וואס איז? איך האב זיך דען פארשולדיגט איבער מיר, דאס געלד איז דען אוועק געגאנגען אויף מיר? איין גאטט ווייס דעם אמת אונ חיים מיט די קינדער מיינע וויסען עס זעהר גוט, אז איך פארגינן אויף זיך ניט קיין איינציגען גראשען, מיין מענטעלע. גאטט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רייד, וואלט קיינער שוין לאנג ניט געטראגען, אונ איך טראג עס נאך. אונ וויפיעל חיים מיט די קינדער בעטען מיך עס איז שוין צייט איך זאל זיך מאכען אנייעס. קענען זיי ביי מיר ניט פועלען. נארישע קינדער, זיי מיינען אז איך וויל ניט! איך וואלט בודאי געוואלט. עס פלאמט מיר שוין דאס פנים טראגענדיג די אלטע שמאטע; נאר וואס זאל איך טהון, אז קיינער ווייסט ניט מיינע צרות, אז איך האב ניט פון וואנען אונ בין אזוי פיעל שולדיג אין די קליטען! בעסער וועל איך פאר דעם געלד אבגעבען א חוב, וועל איך חאטש איינעם מיט עטליכע רובל ווייניגער שולדיג זיין. פון מיין אלט מענטעלע פלאמט מיר נאר איין מאל דאס פנים, אונ אז יענער מאנט מיך אונ איך האב איהם ניט צו געבען, פלאמט מיר צעהן מאל דאס פנים. —

אונ טאקע נעכטען אבענדס פאר דעם שלאף האט זי איהם גלייך אויסגעזאגט, אז זי איז שולדיג חובות ביז צוויי הונדערט רובל! חיים האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ, זיך שטארק געבאזערט. חנה האט אין איהר גאנץ לעבען אזוי פיעל ניט געהערט פון איהם. נאר פון דעסט וועגען האט זי א ווארט ניט געענטפערט. אלץ געשוויגען, אונ זיין גאנצען כעס פאר ליעב אנגענומען, ווי א פערברעכער ווען ער הערט זיין גערעכטען משפט.

חיים האט זיך ניט אויפגעהערט צו באזערען אונ באזערען, ביז ער האט זיך איבער געבאזערט אונ אביסעל שטילער געווארען.

—נאר... נאר, זאג מיר ווי אזוי אונ איבער וואס האסט דו זיך געקענט פאר שולדיגען צוויי הונדערט רובל? — צוויי הונדערט רובל איז ניט קיין גראשען! אונ איך האב געקענט אז דו פארשפארסט, צום סוף... וואס שווייגסט דו? זאג מיר חאטש פון וואנען האט זיך ביי דיר אנגעקליבען אזא חוב?

—פון וואנען? גלויב מיר, חיים, אז אויף מיר האב איך אפילו א האלבען גראשען ניט אויסגעבראכט, נאר אויף דער שטוב, די הוצאה איז גרעסער געווארען.

—פאר וואס גרעסער? עס איז אונז דען קינדער צו געקומען? צי וואהנען מיר דען אין גרעסערע צימער! לעבען מיר דען שענער? דאכט זיך ער גער! אפילו א נייע מענטעלע קענסט דו דיר די גאנצע צייט ניט מאכען. ווען איז דאס געוועזען ביי מיר, אז דו זאלסט זיך דארפען עפיס מאכען אונ זאלסט ניט קענען באלד מאכען? איך האב אלץ געגעבען, אז דו מאכסט זיך ניט קיין מענטעלע נאר דער פאר, ווייל דו ווילסט פאר שפארען, טראכט

איך זין׳ לאז זיין, וואס מהוט מען ניט פון קינדער וועגען? צום סוף זאלסט דו נאך שולדיג זיין צוויי הונדערט רובל? סטיימש, צווי י הונדערט רובל! ווי קומט צו אונז אזא חוב! אונ איבער וועלכער הוצאה? צוויי הונד...

—איך מיין דער פאר איז גרעסער געווארען די הוצאה, ווייל מיר דארפען טראכטען ווי א קינד חתונה מאכען...

—דאס פארשטעה איך גאר ניט—א האלב ווארט פארשטעה איך ניט! מיר האבען נאך ניט חתונה געמאכט.. קיין איידעם אין שטוב האבען מיר נאך ניט אונ די הוצאה איז שוין גרעסער געווארען! קיין גארדעראבע צו דער חתונה האסט דו דאכט זיך נאך אויך נ.ט געמאכט, פאר וואס־זשע איז די הוצאה גרעסער געווארען?

—דו ווייסט גאנץ גוט, אז מע האט דערוואקסענע טאכטער מוז אונזער הויז זיין אפען פאר יעדען, אונ איין אפען הויז קאסט געלד.

—דו מיינסט די גאסט וואס קומען צו אונז? אז מע קען ניט דארף מען ניט קיין גאסט, גאסט זענען נאר פאר גבירים געשריבען געווארען.

—וואס־זשע זאל איך טהון, אז מע קומט צו אונז? אונ געלויבט איז גאט דערפאר! פיעל ערגער איז אז מע האט א דערוואקסענע טאכטער אונ קיין יונגער מאן פארשמעקט ניט אין הויז אריין. אז קיין שדכנים געהען ניט צו אונז, דארפען חאטש די גאסט זיין ביי אונז טייער; פון דער גאס קען מען דאך קיין חתנים ניט האפען.

—נא, אונ איבער די יונגע לייט וואס זענען בעקאנט מיט פראני׳אן איז גרעסער געווארען די הוצאה?

—פארשטעהט זיך; עס הויבט זיך דאכט זיך אן נאר פון א זיס גלאזעל טהעע, אונ יעדען אבענד קאסט דאס גלאזעל טהעע אגאנצען רובל, אמאהל נאך מעהר, טהעע אליין פאסט ניט צו געבען, מוז זיין דער צו עפיס, אונ עפיס קאסט אויך געלד. איינער ווערט גאר הונגעריג, מוז מען אוודאי עפיס געבען עסען, אונ דער לאנגען צום טיש אז דאס פנים זאל ניט שווארצען, אונ אז „דאס פנים זאל ניט שווארצען” קאסט בנדאי געלד, דער ווייל איז מען דאך אליין אויך מעהר ניט ווי לעבעדיגע מענשען—ווען מע פאר זיצט זיך שפעט ווערד מען אויך הונגעריג, אזוינע זאכען קען מען ניט פארשפארען, חיים. פון אזוינע זאכען איז גאר אונמעגליך צו פערשפארען, וואס מע מוז—מוז מען, ווי עס איז אונז שווער— ווי קען מען אנדערש מאכען? — מע מוז אללעס ליידען ביז אצייט, וואס דען טהוט מען ניט צו ליעב קינדער ווען מע דארף זיי חתונה מאכען?

—לאז מיך צו רוהע; פון די אללע יונגע לייט וועט גאר ניט ווערען!—האט חיים א זיפץ געטהון אונ אוועקגעמאכט מיט דער האנד—וויפיעל חדשים לאנג האט זינגער ביי אונז געפרעסען אונ געזאפען, דאס לעצטע האט מען איהם אוועק געגעבען אונ אליין האט מען געדארט. דו האסט דענסטמאל אויך געזאגט: וואס טהוט מען דען ניט צו ליעב קינדער, ווען מע דארף זיי חתונה מאכען”.

—וואס־זשע דען קען איך טהון? איך זאל חאטש האבען עטליכע טויזענט געבען נדן

וואלט איך געזאגט די שדכנים וואלטען זיי גערעדט שידוכים. אז קיין געלד האב איך ניט, מוז איך דאך חאטש שאן אויפנעמען די יונגע לייט. טאמער וועט טאקע באמת גאטט העלפען. —

—אונ דערווייל איז שלעכט—א נייער גרויסער בעל חוב בין איך היינט!

—אודאי שלעכט, חיים, נאר וואס קען מען טהון?

נאך אסך קרעכצען אונ זיפצען זענען זיי טרויריג אונ שווער אנטשלאפען געווארען.

אנייער בעל חוב! אונ אפשר א נייער אנזעצער איז איצט אנטשלאפען געווארען,— ווער ווייסט?

***

אין דער צווייטער ספאלניע, וואו די קינדער זענען געשלאפען, איז פראניא געוועזען זייער פרעהליך. היינטיגען אבענד האבען זיי גוט פארבראכט. גארפינקעל אונ שטיינפינקעל מיט נאך עטליכע בעקאנטע יונגע לייט האבען ביי זיי ביי טהעע פערבראכט דעם גאנצען אבענד. גארפינקעל איז געוועזען זעהר פרעהליך, אונ שענער ווי אללע אבענד, מע האט געלאכט, געטאנצט אונ געשפרונגען, פראניא האט זיך איצט מעהר פאר־זיכערט, אז גארפינקעל האט זי ליעב מיט זיין גאנץ לעבען.

מאניא אונ סאניא זענען פון היינטיגען אבענד אויך געוועזען צופרידען, פראסט דער פאר וואס זיי האבען זעהר גוט פארבראכט די צייט, אונ גערעדט אונ געשמועסט האבען מיט זיי די יונגע לייט מעהר ווי תמיד.

—א, ווען פראניא זאל מיר ניט שטעהן אין וועג! האט מאניא געטראכט.

—א, ווען ניט מיינע עלטערע שוועסטער, וואלט איך מארגען אנגעטהון אלאנג קלייד. פע דאס קורצע קליידעל! איך קען שוין דערויף ניט קוקען! האט געטראכט סאניא.

—ער האט מיך ליעב!... האט פראניא ניט אויפגעהערט צו טראכטען. מיט די געדאנקען זענען די דריי שוועסטער זיס אנטשלאפען געווארען מיט א גרינגען שלאף.

## X.

## גארפינקעל אונ שטיינפינקעל.

עס איז שוין געוועזען צוועלף ביי טאג ווען גארפינקעל האט אויף־געעפענט די אויגען, זיך אויסגעצויגען מיט אזוינע הויכע לאנגע גאהנעצען, אז דאס מויל האט זיך איהם שיער צוריסען, אונ שטיינפינקעל וואס איז געשלאפען קעגען איהם האט זיך אויפ־געהאפט, אונ ליגענדיג אזוי דערלאנגט צו פינקעלשטיינען א פוס, אז גארפינקעל האט זיך ווי איין אבגעבריהטער אויפגעזעצט.

—וואס הרגיתט דו זיך?

—איך האב דיר טויזענט מאל געזאגט, אז פון אזוינע פריהמארגענדיגע גאהנעצען וועל איך סוף כל סוף טויב ווערען.

—האסט א טעות, עס איז ניט קיין פריה מארגענדיגע גאהעצען, אין בולוואנאווקע עסט מען שוין באלד מיטטאג; שוין נאך צוועלף—אונ גארפינקעל האט זיך גענומען נאך ברייטער ציהען דאס מויל אונ ארויסלאזען נאך הויכערע משונה'נע קולות אין פערשידענע מאנער. שטיינפינקעל האט זיך מיט די האנד פארשטעלט די אויערען.

—נא דיר מיין שליסעלע אונ געהע צו מיין טשומעדאן, דארטען אונטען ליגט א קעסטעלע, דארטן אין א שטיקעל פאפיער וועסט דו געפינען וואטען, אבער וואטען זאג איך דיר, שטיינפינקעל, אנטיטשנע וואטען, אפטעטשנע וואטען, חאטש גלייך אין אויער אריין־צו־לייגען! אט די דאזיגע וואטען זאלסט דו אריין לייגען אין די אויערען, וועסט דו פארשפארען צו־האלטען מיט די האנד.

נאר אנשטאט וואטען האט שטיינפינקעל גענומען זיין שטיוועל אונ מיט דער חאליעווע אנגעהויבען צעהלען אויף גארפינקלען. גארפינקעל איז אראב פון בעט אונ זיך בעשיטצט מיט אצווייטען שטיוועל, די קליינע מלחמה האט זיך געענדיגט דער מיט, אז מע האט זיך ביידע בשלום געזעצט אין איין בעט אונ אהן ווארטער געקוקט איינער אויף דעם אנדערען ווי אלטע גוטע ברידער.

—נא, וואס זיצען מיר ווי גולמ'ס? עס איז שוין צייט דאכט זיך אויף־צו־שטעהן!— האט שטיינפינקעל זיך אנגערופען.

—וואס א ארט דיך אז מיר זיצען? דערויף זענען מיר דאך אין דער פראווינציע — אך פראווינציע, דו טייערע, ליעבע, זיסע פראווינציע! — אט א לעבען! — אט וואו דאס אמתע לעבען איז! ביי אונז אין דער גרויסער שטאדט N. לעבט מען דען? — ביי מיר האט גאנץ N... אפנים ווי איין גרויסע קרעטשמע, א גרויסער טראקטיר, אגרויסע חארט־שעווניע—אונ מע לעבט טאקע דארט ווי אין א קרעטשמע. קיינער האט ניט זיין הויז. זיין שטיקעל ארט, אפילו ניט זיין בעט אויף צו שלאפען. די גאנצע האראוואניע, דאס גאנץ געלד וואס דו פארדינסט, געהעט אוועק אין דער סטאיקע (בופעט) פאר א בולקע, א טרונק בראנפען מיט אשטיקעל פארדארטע קישקע. אונ אז עס בלייבט נאך עטליכע גראשען אין קעשענע גיט מען אוועק די באלאלאיקעס, די פאקוסניקעס, די טאנצערס, זינגערינס, שפרינגערינס וואס טופען, קלאפען אין דער גרויסער קרעטשמע, דעם עולם פרעהליך צו מאכען—אזוי געהט אוועק דאס לעבען ביז שפעט אין דער נאכט, אונ דער נאך ווי שלאפט מען? ווי רוהט מען זיך אב פון דעם פארטשאדעטען קרעטשמארסקי לעבען? — ניט יעדער אויף זיין בעט ווי מענשען! נאר דער אויף א טיש, דער אויף א באנק, דער זיצענדיג אויף א בענקיל א. ז. וו. אונ אז דו פאר חאפסט שוין יא אין דער קרעטשמע א שטיקעל ארט, ביזט דו ניט זיכער, אז איין אנדערער זאל צו דיר ניט אריין קריכען מיט די פיס; אדער דיך אין גאנצען אראב־ווארפען פון דיין געלעגער ערגיץ אונטער א טיש אונ אליין זיך לעגען אויף דיין ארט—הייסט דאס א לעבען? אין דער פראווינציע האט יעדער זיין הויז, זיין פאמיליע, זיין בעט, אונ קיינער שטערט גאר ניט זיין הויזליך—פאמיליען־לעבען; יעדער לעבט פאר זיין פאמיליע, זיין גאנצע האריוואניע, זיין גאנץ געלד געהעט נאר אריין אין ז י י ן פאמיליע, דו עסט פון דיין ק י ך אונ טרינקסט פון דיין קוואל...

—וואס האסט דו זיך פלוצים צו רעדט דער פון.

נאר ניט פלוצים , נאר וואס מעהר איך קום צו די פריידקינזאהנם אין הויז , מעהר טראכט איך דער פון , וואס פאר א לעבען עס איז אין די גרויסע שטאדט און אין דער פראווינציע : ערשט געכטען ווען מיר זענען געקומען פון די פריידקינזאהנם, האב איך א גאנצע שעה פאר דעם שלאף געטראכט אז אין N וועסט דו ניט געפינען אזוינע פריילין ווי אין דער פראווינציע—דארט זענען זיי עפים אללע לאנג , מיט א האלב טויטען פנים און דישלעוואטע , דער צו איינם פון די ציין , אדער רעוומאטיזים אין די פים אדער א מאגענ־קאטאר .

—און די דארטיגע יונגע לייט זענען דען ניט אזוי ?

—ערגער , נאר איך רעד ניט פון זיי , איך זאג נאר אז עס איז קיין וואונדער ניט וואס זיי זענען אזוי—פון אזא קרעטשמארסקע לעבען קענען קיין געזונדערע קינדער ניט געבוירען ווערען . אדרבה קוק זיך צו צו די N—ער פריילין , וועסט דו חוץ א שאן מזל צום רעדען און דער ביי צו־הוסטען [קאשלען] אויף עטליכע שפראך—וועסט דו מעהר ניט געפינען .

—פון דעסט וועגען האבען מיר אין N..... געזעהען גענוג געזונדע יונגע לייט און שאנע געזונדטע פריילין .

—ווער זאגט דיר ניין ? נאר זיי זענען געוויס ניט קיין געבוירענע N־ער נאר ניט לאנג אנגעקומענע פון דער פראווינץ, און האבען נאך זאפאס פון דעם פראווינציאלישען לעבען , דרום זעהען זיי דער וועיל נאך אוים אזוי פיין .

—נאר איך פארשטעה פארט ניט , צו וואס האסט דו זיך פלוצים צו־דרשעט דער פון ? געפעלט דיר ניט N—ער פריילין , וועסט דו נאך זיי ניט אותאזשעווען . ניט איינע פון זיי וועט דיך ביי די פאלעס גיט שלעפען .

—דארף מען ניט !

—נא , איז בודאי רעכט , צו וואס־זשע דארפסט דו זיך קריגען מיט דער־שטאדט N, ווען נאך קאניקול דארפסט דו צוריק אהין פאהרען ?

— דער אמת איז אבער אזוי . דרום רעד איך—האט גארפינקעל שוין אנגעהויבען ווי זיין שטייגער איז שפריטצען דאס ווארט „אמת" מיט פייער .

—קיהל זיך אב !

—איך בין שוין אבגעקיהלט און זאג דיר אז איך פיהל און זעהע דאס אמתע לעבען נאר אין קאניקול , ווען איך בין אין דער פראווינציע , דא פארברענג איך באמת גוט די צייט . וואס קען נאך זיין אבעסער פערגניגען ווי פארברענגען צווישען אזוינע פריילין ווי די פריידקינזאהנם און נאך מעהר—ווי די עלטערע פראניא ? א ווי פיעל לעבען זעהט מען אין איהרע אויגען אין איהר יעדע בעוועגונג , ווי איז זי אין גאנצען שאן אויסגעגאסען ! וואס פאר א געזונדע , שאנע פארב אין איהר געזיכט ! וואס פאר א האאר ! וואס פאר א טאליע ! וואו זעהט מען נאר אזוינע פריילין אין N ? —דארטען טאנצסט דו גאר ניט מיט קיין פריילין , נאר מיט שטארקע הארטע , אייזערנע און שטאהלענע קארסעטען !

—אויב אזוי, ברודער, אז פראניא געפעלט דיר יא אזוי, האב חתונה פאר איהר! דו ווילסט דאך חתונה האבען באלד ווען דו וועסט ענדיגען, ווער דער ווייל א חתן אדער בעט זי ווארטען.

—חתונה האבען פאר פראניאן קען איך ניט.

—פאר וואס? זי איז דאך געבילדעט, קלוג און מיט אללע מעלות. קיין פיינערע פרוי קענסט דו זיך גאר ניט ווינשען.

—אמת: נאר איך קען ניט און טאר טאקע ניט פאר איהר חתונה האבען.

—פאר וואס?

—זי האט ניט קיין נדן.

—פאדליעץ!

—ניט קיין פאדליעץ.

—ביסט דו א מערזאוועץ!

—אפילו ניט קיין מערזאוועץ.

—נו, ביסט דו „וואס אין דער קארט"!

—אויך ניט.

—וואס—זשע דען?

—ניט קיין יונגעל, ווי דו, נאר א פ ר א ק ט י ש ע ר מענש!

שטיינפינקעל האט זיך געלאזט אויף איהם מיט א פולל מויל זידלעריי, נאר גארפינקעל האט איהם אב־געהאלטען.

—קיהל זיך אויך אב און הער אויס וואס איך וועל דיר ערקלעהרען.

—נו?

—ניין, דו ביסט נאך היים געבאדען, כל־זמן דו וועסט ניט ווערען קאלט ווי אייז, וועל איך אווארט ניט רעדען.

—שוין קאלט ווי אייז.

—שוין?

—אייז—קאלט.

—נא, הער־זשע מיט מוח, מיט אויערען און לעג צו קאפ: ניט דו ביסט איינער. נאר א סך בעשולדיגען אונז סטודענטען, געלעהרענטע לייט, וואס מיר האבען חתונה נאר פאר די צוואנציגער טויזענטער רוביל. געוויס זענען איהר אללע גערעכט, באמת דארף ניט אזוי זיין, נאר געהט אריין אין אונזער לאגע, אט למשל איך: א יאהר פיער האב

אִיךְ גֶעלֶערֶענְט אֵיידֶער אִיךְ בִּין אַרַיין אִין גִימְנַאזְיֶע, אַכְט יָאהְר זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין גִימְנַאזְיֶע, פִינְף אוּן אֶפְשַׁר זֶעקְס יָאהר וֶועט גֶעדוֹיֶערְט דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, בס"ה אַכְצֶעהְן יָאהְר—ווִי פִיעל הָאבּ אִיךְ גֶעהוּנְגֶערְט, גֶעדָארְשְׁט, קֶעלְט גֶעלִיטֶען; ווִי פִיעל צָרוֹת אוּן נוֹיט הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרָאגֶען אִין דִי אַכְצֶעהְן יָאהְר! וָואס וֶועל אִיךְ הָאבֶּען פַאר דִי אַכְצֶעהְן יָאהְר, פַאר מַיין יוּגֶענְד, פַאר מַיינֶע בֶּעסְטֶע יָאהְרֶען? — אַדִיפְּלָאם אוֹיף דָאקְטָאר מִיט אַיין אֵיינְגֶעֶעם מָאגֶען־קַאטְהַאר פוּן דִי וָואלְוֶועלֶע מִיטְטַאגְס! מִיט אַזוֹינֶע צְווֵיי זַאכֶען וָואס קֶען אִיךְ טְהוּן מִיט אַ פְּרוֹי, וֶוען אִיךְ וֶועל בַּיי אִיהר קֵיין סַךְ גֶרְן נִיט נֶעהְמֶען? טַאקֶע בֶּאֱמֶת, נָאךְ אַזוֹינֶע בִּיטֶערֶע אַכְצֶעהְן יָאהר זָאל אִיךְ ווַייטֶער הוּנְגֶערֶען אוּן ווִיסֶען פוּן נוֹיט, אוּן דֶער צוּ נִיט אַלֵיין, נָאר מִיט אַ ווַייבּ אוּן קִינְדֶער?

—וֶועסְט דָאךְ זַיין אַדָאקְטָאר! נָא, וֶועסְט דוּ זִיךְ פַאר רִינֶען גְלַייךְ מִיט אַלֶע אוּן קֶענֶען לֶעבֶּען גְלִיקְלִיךְ.

—הָאסְט אַ טָעוּת. אַ דָאקְטָאר וָואס זָאל פַארְדִינֶען דַארְף הָאבֶּען אַשֵׁאן וָואהְנוּנְג, אַ רַייכֶען קַאבִּינֶעט, אַקַארֶעטֶע מִיט צְווֵיי פֶערְד א. ז. וו. א. ז. וו., אָהְן דִי אַלֶע זַאכֶען וֶועל אִיךְ נָאר קֶענֶען זַיין אַ דָאקְטָאר אִין אַטֶעסְטַאט. וואוּ־זְשֶׁע וֶועל אִיךְ נֶעהְמֶען דִי אַלֶע זַאכֶען וֶוען אִיךְ זָאל נִיט בֶּעקוּמֶען פִינְפְצֶעהְן אָדֶער צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְט רוּבִּיל נָדָן? נִיט פְרַאנְיַא'ס שֵׁאנְקַייט, פְרַאנְיַא'ס חָכְמָה מִיט אִיהְרֶע אַלֶע מַעֲלוֹת קֶענֶען מִיר גֶעבֶּען דָאס וָואס אַיין קֶערְבֶּעלֶע—אַ רוּבֶּעלֶע, בְּרוּדֶער!

—אוֹיבּ אַזוֹי, צוּ וָואס־זְשֶׁע קְרִיכְסְט דוּ נָאךְ צוּ פְרֵיידְקִינְזָאהְנְס אִין הוֹיז? פַאר וָואס נִיט צוּ דֶעם הִיגֶען גְבִיר אִין הוֹיז, וָואס ווִילל זַיין טָאכְטֶער קְלַארַא גֶעבֶּען צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְט רוּבִּיל?

— אַ הַארְבֶּע פְרַאגֶע, חָלֶעבֶּען! ... נָא וֶועל אִיךְ דִיר עֶרְקְלֶערֶען, נַארִישׁ יוּנְגֶעלֶע, מַיין טַייעֶר אוּן פְּרַאקְטִישׁ קִינְדֶעלֶע: טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז אִיךְ גֶעה פַאר בַּיי אוּן דֶער זֶעה וַואקְסֶען אַשֵׁאנֶע רָאזֶע, טָאר אִיךְ זִיךְ נִיט אָבְּשְׁטֶעלֶען קוּקֶען אוֹיף דֶער דָאזִיגֶער רָאזֶע אוּן פוּן דֶעם דָאזִיגֶען קוּקֶען הָאבֶּען פֶערְגְנִיגֶען, טַאקֶע בֶּאֱמֶת אִיךְ מוּז דַוְקָא זִי אוֹיסְרַייסֶען פַאר זִיךְ— אַנְדֶערְשׁ טָאר אִיךְ נִיט קוּקֶען? אִיךְ פְרֶעג דִיךְ?

—אַיין זַאךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ בֶּעטֶען, נַארְפִינְקֶעל, מִיר רֶעדֶען אִיצְטֶער פוּן אַ עֶרֶענְסְטֶע זַאךְ, דָאס רֶעדֶען קָאסְט מִיךְ גֶעזוּנְד, רֶעד מִיט מִיר נִיט פוּן קֵיין פָּאֶעזְיֶע. אוֹיף אִיצְטִיגֶעם מָאהְל—פָּאֶעזְיֶע אִין אַ זַייט—גֶעדֶענְק־זְשֶׁע גוּט אַז דוּ וֶועסְט דַארְפֶען זָאגֶען „דִי שֵׁאנֶע פְרַאנְיַא אִין אִיהר עֶלְטֶערֶענְס הוֹיז" זָאלְסְט דוּ נִיט זָאגֶען „אַ רָאזֶע וָואס וַואקְסְט אִין גָארְטֶען"— רֵיינֶע שַׁארְפֶע, דַייטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פָארְדֶערֶע אִיךְ פוּן דִיר!

—נָאר רֵיינֶע אוּן דַייטְלִיכֶע וֶוערְטֶער; דִי שֵׁאנֶע רָאזֶע אִיז טַייטְשׁ „פְרַאנְיַא" אוּן דֶער גָארְטֶען אִיז דִי טַייטְשׁ „פְרֵיידְקִינְזָאהְנְס הוֹיז"—נָא אִיז שׁוֹין גוּט? פְרֶעג אִיךְ דִיךְ אִיצְטֶער טַאקֶע בֶּאֱמֶת, אַזוֹי בַּאלְד אִיךְ זֶעה אַשֵׁאנֶע פְרַיילִין, מוּז אִיךְ שׁוֹין בַּאלְד אִיהר חָתָן וֶוערֶען. אַנְדֶערְשׁ טָאר אִיךְ אוֹיף אִיהר נִיט קוּקֶען, נִיט רֶעדֶען, נִיט קוּמֶען אִין אִיהר עֶלְטֶערֶענְס הוֹיז?

—דער מיט ביסט דו אפילו גערעכט, נאר דו זאגסט דאך אליין אז דו ביסט א פראקטישער מענש, ווייסט דו דאך אויך געוויס פון פראקטיקע, אז חאטש דו מעגסט קומען אין יעדען הויז וואו עס געפינט זיך א פריילין, פון דעסטוועגען, ווייסט דו זעהר גוט, אז מיט דיין אפט קומען צו די פריידקינזאהנס מיט דיין אפט ארום שפאצירען מיט פראניאן, קענסט דו איהר אומזיסט פאר דרעהען דעם קאפ. און נאך דיין אויפפיהרונג האט זי רעכט דיך צו רעכענען פאר א קינפטיגען חתן. איך פרעג דיך וואו איז דיין סאוועסט? צו וואס דארפסט דו אומזיסט פאר דרעהען א ארומע אונשולדיגע פריילין דעם קאפ? עס קען געוויס זיין, אז ווען זי זאל ניט האפען אויף דיר, וואלט זי געוועזען אפשר צו פרידען מיט איין אנדערען וואס רעכענט זיך ניט פאר א צוואנציג-טויזענדיגען חתן.

—איך שלאג דיר איבער די רייד, זאג מיר נאר פון וואנען ווייסט דו אז פראניא האט מיך ליעב? —האט גארפינקעל פלוצים מיט א שמייכעל געפרעגט, מע האט געזעהן אז זיין פנים שיינט פאר פרייד, פון גרויס פערגעניגען אז מע זאגט און אז אללע ווייסען שוין אז אזא שאנע פריילין ווי פראניא האט ליעב גארפינקלען.

שטיינפינקעל האט אבער ווי דורך אגלאז דער זעהען וואס טהוט זיך ביי זיין חבר אין הארצען, ווי זיין כאראקטער איז פאר דארבען, ווי זיין עגאיזמוס איז נאך גרעסער.

שטיינפינקלען איז נמאס געווארען קוקען אויף זיין איצטעריגען שמייכעל און שיינענדיג געזיכט.

—איך זאג גאר ניט, אז איך ווייס אז זיא איז שוין אין דיר פארליעבט, איך ווייס אפילו ניט צי זי וואלט דיך גאר געוואלט פאר אחתן, גלויב מיר ווען איך זאל זיין אפריילין וואלט איך דיך ניט געוואלט אפילו מיט אכטצעהן דיפלאמען אויף דאקטאר, און אפשר וויל פראניא טאקע אויך ניט, איך זאג עס גאר למשל, אז עס קען זיך אזוי זעהר גרינג טרעפען, און פאר וואס ניט, וועלכע פריילין אין די יאהרען וויל נאך זיצען ביי איהרע עלטערען אין הויז?

—וואס-זשע וואלסט דו געוואלט, איך זאל ניט געהן צו זיי אין הויז?

—אויב דו האסט נאר סאוועסט, וואלסט דו ניט בעדארפט געהן אהין פארדרעהן אומזיסט יענעם א קאפ. אזא מענש ווי דו וואס וויל נאר חתונה האבען פאר צוואנציג טויזענד רובל, איז גלייכער צו געהן צום גביר אין הויז און אומהאשעווען ארום קלארען, קיינער וועט צו דיר דער פאר גאר ניט האבען.

—קלארא! — אשאנע מעשה הלעבען, ערשט אין דריי יאהר ארום דארף איך חתונה האבען, זאל איך זיך שוין ארום שלעפען מיט קלארען, א שאן געשעפט פאר מיר, חלעבען! זוודאי וועל איך עס אן ווערען צוויי חדשים פאר די תנאים! גענוג פון מיינעט וועגען אז איך על זיך דארפען ארום שלעפען מיט אזא קלארא אגאנץ לעבען און אלץ פאר די צוואנציג טויזענד רובל! ניין, איך בין נאך יונג, ברודער שטיינפינקעל, איך וויל נאך לעבען!! דער ייל פיהל איך אז איך לעב ווען איך געפין זיך צווישען אזא געזעלשאפט ווי די פריילין ייידקינזאהנס און די קלארעס מעגען אביסעל צו-ווארטען ביז אין דער גוטער צייט.

—מעהר, ליעבער פריינד, האב איך מיט דיר דער פון ניט וואס צו רעדען. איצט קען איך דיך שוין אונ זאג דיר נאך אמאל, אז דו ביסט וואס אין דער קארט, ביסט שוין פאר דארבען פון קאפ ביז אין די פיס, ניט איך אונ ניט קיינער אפילו קיין טאטער וועט דיר שוין אויך ניט העלפין. איך זאג נאר: אומגליקליכע יודישע טאכטער, וואס ערווארטען זייער גליק פון אזעלכע סטודענטען ווי דו! פאר איך ווייס גאר ניט וועמען, וואלטען זיי פיעל גליקליכער געוועזען ווי פאר אייך, יודישע סטודענטין, קונפטיגע אינטעליגענץ, דאקטורים, אדוואקאטען, אינזשעניערען, א. ז. וו.! אין אונזערער אוניווערזיטעט געפינען זיך אויך פיעל פראקטישע קרים טליכע סטודענטען, נאר קיינער פון זיי טראכט גאר ניט מיט אזא ראזסטשאט חתונה האבען ווי מהייל פון אונזערע יודישע סטודענטען, וואס זייער גאנץ לערנען באשטעהט נאר אין דעם חתונה האבען פאר צוואנציג טויזענד רובל. ווי אפט טרעפט זיך אז דער קריסטליכער סטודענט האט חתונה פאר אארומע פריילין וואס מוז איהר נאך פון זיינע קליינע פערדינסטען מאכען אגארדעראבע צו דער חתונה, פון דעסטוועגען וואהנען זיי שאן, מע לעבט שאן אהן צוואנציג טויזענד רובל נדן; נאר איהר פראקטישע יודישע סטודענטין ווילט נאך זיין איבער געשפיצטער פון אונזערע יודישע שיינקארעס, ראסטאווטשיקעס אונ עקספלואטאטארס, ווארום איהר זענט דאך געלערענטערע פון זיי.

אונגליקליכע יודישע קלארעס! אונגליקליכע ארומע פראנעס וואס פאר דרעהן זיך אומזיסט די קאפ! אייך פראניאס געבען, עקספלואטירען זיי מעהר ווי אלע, אז דער פראקטישער סטודענט האט ניט וואס צו עסען לויפט ער צו דער ארומער פראניא האפען א מיטאג; אז די נאהט צו רייסען זיך, אדער די קנעפליך רייסען זיך אב פון דעם פראקטישען סטודענטס אלטען פארלאטעטען פאלטא, לויפט ער צו דער ארומער פראניא; אפילו מזומנע גראשענס ווען עס פעהלט, אויך ביי פראניאן נעהמט מען אונ אז מע בעקומט א דיפלאם. לויפט מען צו קלארען!...

—רעד, רעד, ברודעריל, זאג מוסר וויפיעל דו ווילסט, דו וועסט עלטער ווערען, וועסט דו קלוגער ווערען, איך האב שוין פיעל אזעלכע צדיקים סטודענטען געזעהן!... האט גארפינקעל גאנץ קאלט אונ שטיל געענטווערט.

שטיינפינקעל איז בלאס געווארען. ער האט מער ניט גערעדט, ער האט אויף געעפענט דאס פענסטער, ארויס געקוקט אויף דער גאס, די זונן האט זיך שוין גאנץ הויך אויף געהויבען, געבראטען אונ געווארעמט אריבאטאוקע פון אלע זייטען. די גאס איז געוועזען פיעל מיט מענשען ווייל עס איז היינט יריד געוועזען, יודעלעך האבען זיך געדרעהט ווי זאמד אין א שטורם. דער הט גיטראגען א שווערען זאק אויף די פלייצעס דער אפעל פון א קוה וואס ער האט געקויפט אויף דעם יריד אויף צו פארדינען א גילדען, דער פארקויפט איין ארשין ציץ אונ דינגט זיך שוין פון א שעה מיט דעם קונה איבער א גראשין, אומעטום בלישצען אין די אויגען אזעלכע סוחרים מיט פארדינסטען אונ פון אלע קאפעט דער שוויס ווי פרייטאג אין שוויטץ-באד.

—גארפינקעל! — האט שטיינפינקעל איהם גערופען, — קום צום פענסטער, וועסט דו זעהן די עקספלואטאטארס, די בלוט-זויגערס, פון וועלכע די פעטערבורגער שרייבען אין די גאזעטען זיצענדיג אין זייערע קאבינעטען.

—איך האב נאך געכטען געוואלט שרייבען אקארעספאנדענציע דער פון אין אצייטונג, נאר היינט וועל איך שוין געוויס שרייבען *) האט ער געענטווערט מיט פייער.

—אונ איך ווען איך זאלל מיר נאכגעבען דאס הארץ, וואלט איך פון עפעס אנדערש אין אונזערע צייטונגען געשריעבען!...

## XI.

## א העבראישע קארעספאנדענציע פון אריבאטאווקע.

אין א קורצע צייט איז אין א העבראישע צייטונג געווען פון דעם סטודענט נארפינקעל אקארעספאנדענציע פון אריבאטאווקע, דארט האט ער וואָרעם אונ מיט פייער געשריעבען וועגען דעם שווערען לעבען אין די יודישע קליינע שטאדטליך:

„ווי איינגעדהויקערט אין דרייען, ווי פארוואגעלט, פארפינסטערט זענען אונזערע אונגליקליכע ברידער אונ שוועסטער אין די קליינע שטאדטליך! עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס זיי זעהען אלע אזוי קרענקליך אויס. טאג טעגליך הארעוועט מען ווי אקסען אין דער יארמא, איבער א גילדען אויף ברויט; גוטע רוהע אונ פערגניגען האט דער יוד, די יודישע פרוי קיין מאל ניט; פון דעם שבתדיגען אברוהען אונ שלאפען דעם גאנצען טאג איז נאך ניט גענוג אז דער יוד אונ די יודישע פרויען זאלען קומען צו זייער געזונד, פארקעהרט — שבת ווען דער יוד אונ די יודישע פרוי רוהען זיך אויס די ביינער, דער-פיהלען זיי ערשט די ווייטיגען, ווי זיי זענען פון דער וואך פאר הארעוועט אונ פאר מוטשעט, דרום ליעבע שוועסטער אונ ברידער אונ נאך מעהר איהר פארמעגליכע שוועסטער אונ ברידער! צו אייך ווענד איך זיך אונ זאג עס וואלט א יושר געוועזען, אז מע זאל אין די יודישע שטאדטליך פאר די אומגליקליכע פאר-הארעוועטע יודען אונ וויבער מאכען רעסורסען (טאנץ אבענד). אין פלוג ווערט אייך אויס-ווייזען דער פלאן משונה'דיק, אבער איך האב עס ריכטיג בארעכענט אונ געפונען אז דאס איז דאס בעסטע מיטעל זיי צו העלפין. קאמיר אדרבא זעהן: פאר וואס אין די גרויסע שטאדט ביי די קריסטען, אפילו די בעלי מלאכות מאכען אויך עטליכע מאהל אין יאהר רעססורסען. פון אזעלכע אבענד האט דער מענש פערגעניגען, פון דעם טאנצען אליין, פון דער אנגענעהמע פיינע בעוועגונג ווערד דער מענש געזונדער אונ שטארקער, דאס קענען נאר וויסען די וואס האבען באריין דעם ריכטיגען געפיהל. ווער ווייסט עס ניט, אז גימנאסטיקע איז דאס בעסטע מיטעל צו קרעפטיגען אלע גליעדער אונ צו שטארקען דעם אפעטיט? אונ פאר וואס זאל טאקע ביי אונז יודען ניט זיין איינגעפיהרט זיך איינגעוואהנען אין גימנאסטיקע? די היגיענע, די פאטהאלאגיע אונ אנטראפאלאגיע ווייזען אויף ריכטיג, אז גימנאסטיקע אונ עקווילבריסטיקע איז אזוי וויכטיג פאר יעדען מענשען ווי די פארמאקאלאגיע אונ באלנאלאגיע! דער גרויסער היפאקראטעס האט פיעל דאריבער געשריבען, נאר ניט אלץ קען מען איבער-געבען וואס ער האט געשריבען. ביי די אלטע גריעקען אין גריעכענלאנד איז די גאנצע לערנונג געוועזען

*) גארפינקעל האט געקענט אביסעל העבראיש אונ האט זעהר פערגעניגען געהאט אז ער איז געוועזען אונטערגעשריבען „סטוד. מעד. של האוניווערזיטעט בסט' פטרבורג".

נאר אין גימנאסטיקע *) און די גרויסע זאקאנאדאטעליעס [געזעטצגעבער] זאלאן אונ ליקורגוס האבען דאס געשטעלט אין זייערע וויכטיגע געזעטצע [זאקאנעס]. דרום וועגדע איך זיך נאך אמאהל צו אונזערע פערמאגליכע שוועסטער און ברידער, אז עס וואלט געוועזען א יושר, מע זאל אין יעדען יודישען שטאדטעל גרינדען רעדונטע־זאלען, אום צו מאכען טאנצאבענדע, לאז חאטש דער פאר־הארעוועטער יוד און יודענע האבען פערגעניגען איין מאהל אין דער וואך און פיהלען וואס הייסט לעבען אויף דער וועלט! פארגעסט ניט אז אונזערע פרויען זענען דאך די מוטערס, וואס דארפען ערציהען אונזערע קינדער, די נייע פאקאלעניע [דור], די האפנונג פון אונזער נאציאן [אומה]. איך האפף אז מיינע ווארטער וועלען ניט זיין כ ק ו ל ק ו ר א ב מ ד ב ר.

ליפמאן דוד ב״ר חיים יעקב גארפינקעל תלמיד האוני״ווערזיטאט בק״יח מלך רב בס״ט פטרבורג.

---

אנמערקונג פון דער רעדאקציע: עס האבען זיך געפרייעט אונזערע געדארים מיט אונזערע ביערען זעהענדיג די דאזיגע קארעספאנדענציע געשריבען פון א יודישען סטודענט, וואס זיצענדיג אויף די טויערן פון די חכמות פאר געסט ער אויך ניט צו זארגען פאר דער טובה פון דעם כלל ישראל און טראכט טראכטונגען ווי איהם ארויס־צו־ציהען פון דער פינסטערקייט צו א גרויס ליכטיגקייט. מיר טהוען זיך אן די שטאלציגקייט אזוי ווי אונזערע קליידער, קוקענדיג אויף אזעלבע הויכגעבילדעטע פאטריאטען, וואס ברענגען מיט דעם פייער פון ליבשאפט צו אונזער פאלק. הלואי זאללען ביי אונז געמעהרט ווערען אזעלבע קינדער, וואס זענען צו־געבונדען צו זייער נאציאן מיט פייכטע שטריקלעך פון ליעבע וואס זענען ניט אויס געטרייקענט געווארען! נאר אז מיר זאלען אפענען אונזערע אויערן ווי א וויזעלמהיר צו פאלגען די עצה פון אונזער יונגען חכם, און טאקע זעהען איינפיהרען פאר אונזערע קליינשטאטעלדיגע ברידער און שוועסטער רעססורסען [טאנץ אבענדע], רעדוטע־זאאלען וכדומה — זאגט דער זאקאן אז מע דארף האבען א ראזרעשעניע פון נאטשאלסטווא. פון אונזער זייט זענען מיר גרייט אנצווייזען ווי אזוי מען זאל איסחאדא־טאיסטוועווען ביי נאטשאלסטווא אזעלבע זאכען, לאזען נאר אונזערע שוועסטער און ברידער און נאך מעהר די פארמאגליכע זיך פלייסיג נעהמען, וועט מיט גאטס הילף אויסגעפיהרט ווערען. מיר האפפען אז דאס ביישפיעל פון דעם יודישען סטודענט וועט ווירקען אויף אללע אנדערע, דאס זיי זאלען זיך באמיהען צו פארפלאנצען די ליכטיגקייט פון זייער חכמה אין אללע לאבער און שפאלטען פון אונזערע אומגליקליכע ברידער וואס געהען אין פינסטער־קייט— דענסמאל וועט טאקע צו אללע קינדער ישראל זיין אליכטיגקייט אין זייערע געזעסען, אמן.—

המו״ל

---

*) דער פון טאקע שטאממט ארוים דאס ווארט גימנאזיע, ד. ה. די שולען וואס אללע שילער פלעגין זיך מוזען לערנען גימנאסטיקע.

אנמערקונג פון דעם המו״ל.

# XII.

## די טאגעס־ביכער

### קלארעס טאגע־בוך.

אריבאטאווקע, דען 20 אווגוסט... 188

באלד ווער איך צוואנציג יאהר; די טהיר פארמאכט זיך גאר ניט פון די שדכנים. דער טאטע אונ נאך מעהר־די מאמע ווילען זעהר. איך זאל שוין א כלה ווערען אונ טאקע באלד חתונה האבען. זיי זאגען: אויף וואס ווארט איך אונ וואס וויל איך דא אויס־זיצען? צוואנציג יאהר איז שוין בייא לייטען לאנג צייט אונ וואס ווילסט דו נאך?— זאגען זיי — א דאקטאר, לאז זיין א דאקטאר; א אינזשינער — נו, א אינזשינער, חאטש אונזערע טאטעס אונ זיידעס האבען גאר ניט געוואוסט פון די מינים, פון די לייט; נאר וואס טהוט מען דען ניט פאר היינטיגע קינדער — וואסזשע נאך ווילסט דו?"

אזוי טענה'ט מיט מיר די מאמע, אונ איז אפשר טאקע גערעכט—וואס וועל איך דא אויס זיצען? נאך צוואנציג יאהר הייסט מען שוין ביי אונז אין אריבאטאווקע „איין אלטע מויד". אונ ווער פארשטעהט עס דען ניט, אז עס איז בעסער צו זיין א יונג ווייבעל איידער איין אלטע מויד? נאר וואס זאל איך טהון? איך קען ניט! איך קען ניט! — איך קען ניט זעהען ווי מע שדכנ'ט זיך ניט צו מיר נאר צו מיינע צוואנציג טויזענד רובל! איך קען דאס מיינע עלטערען ניט געבען צו פאר־שטיין, אונ מוז טראגען די וואונד אין הארצען. עס איז דאך שרעקליך! — מענשען געבילדעטע, געלערנטע, וואס וואוהנען פאר הונדערטער אונ טויזענטער ווערסט ווייט פון מיר אונ האבען מיך קיין מאהל ניט געזעהן, ווילען פלוצים פאר מיר חתונה האבען— וואס איז? האבען זיי דען ניט געזעהען קיין שענערע, געבילדעטערע פריילין פון מיר? איך גלויב אז אין די גרויסע שטאדט געפינען זיך פריילין פיעל לייטעשערע פון מיר. אונ וואלטען זיך דארטען אויך געקענט געפינען „א פריינד צום לעבען", ווי זיי שרייבען צו די שדכנים; אבער דער אמת איז: ניט מיר מיינען זיי, נאר די צוואנציג טויזענד רובל! טויזענטער ווערסט ווייט אפילו פון דעם בלאטיגען שטאדטעל אריבאטאווקע, שמעקט זיי אויך דער ריח פון מיין נדן. מיט מיין כאראקטער קען איך ניט ליעב האבען אזא מאנן, חתונה האבען פאר אזעלכען וועל איך מיר נאר פאר־וויסטען מיינע יאהרען אונ ברייננגען אויף דער וועלט אונגליקליכע קינדער— ניין, ניין — פארזיצען, פארזיצען!...

גאטט! פאר וואס בין איך ניט געבוירען געווארען ביי ארעמע עלטערען, וואלט איך דאך געוועזען די גליקליכסטע אין דער וועלט! פאר א פרוי קען איך זיך גאר ניט פארשטעלען קיין בעסער גליק, ווי זעען זי ווייסט, אז איהר מאנן האט נאר חתונה געהאט פאר איהר. אזעלכע מאנן אונ ווייב, זיי מעגען זיין ווי ארעם, זענען זיי מיט זייער גאנצע פאמיליע דאך די גליקליכסטע אין דער וועלט... עס איז נאר צום לאכען, ווי פיעל זענען עס מיך מקנא, וואס איך האב צוואנציג טויזענד רובל נדן! — די מינוט וואלט איך זיי די טויזענטער אוועק געגעבען, די מינוט וואלט איך מיין נדן פאר ברענט אין

גאנצען, אין בלאטע געווארפען! — וואס טויגען מיר די טויזענטער אז איך קען פאר זיי נים קויפען דאס ביסעלע גליק, וואס דאס ארעמסטע מיידיל קען עם אויס פירען. איך רעד שוין נים וואס מע פארליעבט זיך אין זיי. אבער דיום איז דאך א ריכטיגער כלל: אז דאס מיידיל וואס מע נעהמט זי אהן נדן הייסט אז דער מאנן האט זי א מת ל׳ י׳ ע׳ ב׳ —

אוי. ווי גליקליך זענען די פריידקינווארנים! זיי זענען ארעם און מע האט זיי ליעב און נים היינט מארגען ווערט זי חתונה האבען אהן נדן! נאר זיי, נאר זיי בין איך מקנא און ווייטער קיינעם נים!

אבער צי בין איך דען איינע די אומגליקליכסטע אויף דער וועלט? אט ערשט היינט האט זיך אונזער פעטעל פאר מיר צו וויינט, זי דיענט ביי אונז שוין באבט זיך א יאהר צוועלף, אבער ערשט איצט האב איך זיינגעזעהען אז מיר בידע געפינען זיך אין איין לאגע, איהר גאנץ ביטער הארץ האט זי געעפענט היינט פאר מיר געעפענט און זיך גוט אויס־געוויינט.

„אין די צוועלף יאהר וואס איך דין ביי אייך, קלארעטשקע — האט זי מיר דער צעהלט — האב איך זיך געמאכט א גאנצע גארדעראבע צו דער חתונה, צוויי מין זאקען. א טוץ גוטע העמדער, א האלב טוץ פראסטע, זעקס לאליקער, צוויי קישען, אגרוים פוכאווע איבער־בעט, צוויי קאלדרעס און א סארימענעם מאנטעל, דערצו האב איך אויך צו נויפגעקליבען א ג א נ צ ע ן הונדערטער, און איהר ווייסט דאך אז פאר לייבקע דעם שניידער־יונג בין איך שוין פון א יאהר אכלה [פאר קנבת געווארען], — איהר געדיינקט דאך דעם טאג האט איהר מיר געשיינקט נאך גאר אניי קלייד — און אבגעשטעלט די חתונה אויף א יאהר. שוין פון א האלב יאהר אז ער האט ביי מיר ארויס געשלעפט די הונדערט רובל ביז אין דער לעצטער קאפיקע. די גראשענס וואס איהר און אייער מאמע זאלען געזונד זיין שיינקען מיר, שלעפט ער אויך ביי מיר אוועק און איצט וויל ער זיך נים שטעלען צו דער חופה, כל זמן איך וועל איהם פריהר נים געבען מיט אמאל נאך גאנצע פופציג רובל, וואו זאל איך נעמען, מיין טייערע קלאראטשקע, אזוי פיעל געלד מיט איין מאהל — פופציג רובל! דאכט זיך אייער איך קלייב צו נויף איין רובל, ווי פיעל דארף איך הארעווען, און ער וויל פ ו פ צ י ג ר ו ב ל! ווען איך וועל איהם באלד נים אנידער לעגען אבגעציילט די פופציג רובל, זאגט ער, מעג נאך א יאהר גרויערען —. איך וואלט שוין געווארט נאך א יאהר, און וואלט אפשר צו נויפגעקליבען פינף און צוואנציג אדער דרייסיג רובל, אפשר וואלט ער זיי שוין געהמען אז ער וועט זעהען אז איך האב מעהר נים, אבער ליובעניא, גאלדענע קלאראטשקע, זאגט מיר: ווי קען איך נאך ווארטען א יאהר און דאס סאמעטען מאנטעל ווייטער לאזען אזוי ליגען? אז ער וועט נאך א יאהר ליגען, וועט ער געוויס צו האקט ווערען אויף שמיקלעך, ווי פיעל קאסט מיר דער מאנטעל אפשר פופציג רובל! זעקס רובל איין ארשין האב איך געצאהלט — איהר געדיינקט דאך! היינט זיידענע פאטשעווקע [אונטערשלאק] און אטלעסענע באלאג.

ווען פעטעל האט מיר דאס אלעס דער צעהלט, האט זי ביטער געוויינט. איך האב מיט איהר צוזאמען געוויינט, איז דען פעטעל נים אזוי אונגליקליך ווי איך? ווען

זי זאל ניט געוועזען האבען דעם הונדערטער גדן, אזוי פיעל זאקען מיט אסאמעטענעם מאנטעל, וואלט דאך געוויס לייבעשקע איהר חתן ניט געווארען, ווארום וואס טויג זי איהם אהן דעם הונדערטער?— וואס טויג איך פאר די אלע געשטודירטע לייט, פאר די דאקטורים, אינזשעניערען א. ז וו. אהן מיינע צוואנציג טויזענד רובל? זענען זיי דען בעסער פון לייבעשקע דעם שניידער־יונג? און אז לייבקע זאל ניט זיין איהר חתן, וואלט זיך דאך געפונען איין אנדערער וואס וואלט זי גענומען אהן גדן, האבען דען אלע דינסטמיידלעך גדן? נו, און פון דעסטוועגען פאר זיצען יודישע מאכטער פאר זיצען ניט ב"ה.

איין אונגליק האט אונז ביידע געטראפען: גאטט האט אונז געשטראפט מיט גדן, מיט רייכע גארדאראבעס. אומגליקליכע פעסעל! מיר זענען ביידע גלייך אומגליקליך, ביידע דארפען מיר מקנא זיין די פריידקינזאנס, וואס גאטט האט זיי געבענשט אהן גדן אהן רייכע גארדאראבעס!...

---

## גיטעלס טאגע־בוך

מיר זאלען ניט פארגעסען וואס מאכען איצט אונזערע צוויי בעקאנטע יודישע טאכטער גיטעל און געלע קענען מיר זיך דער־וויסען פון זייערע טאגע־ביכער:

ווי פליהעט דאס פייגעלע
אזוי בין איך צו דיר געפלויגען טייערע גרינעטעלע.
ווי די זונן מיט דעם מארגענשטערען,
אזוי האסטע, מיין גאלד, אויס געזעהען.
דיין ריידען, דיין שמועסען,
איז דער נאכטיגאלס זינגען און פיפטשען.
דיינע אויגען זענען ווי די שטערען,
דיינע ליפען ווי די הימעלשע ברעגען
דיינע האר זעהען אויס
ווי אשמעקעדיגער וואלד דורכאויס.
שבת ביי טאג,
ווי דאס פייגעלע פאר טאג
פליע איך צו דיר נשמהלע
אך! מיין טייערע גרינעטעלע!...

אך, ווי גוט איז אז מע ווערד געבילדעט! אט שרייב איך זיך אויך אטאג בוך. געכטען האב איך בעקומען די טייערע ליעד פון מיין טייערסטען ליעבסטען מאטוועיהען, וואס ער האט אליין פערפאסט פאר מיר, און האב עס שוין צום אנדענק אין מיין טאגע בוך פאר־שריבען, און די טייערע ליעד מיט זיין שאנעם פאטשערעק נכתב וועל איך אויף דעם הארצען טראגען. א וויפיעל מאל האב איך שוין דאס ליעד געזונגען מיט מיין אייגענע מעלאדיע וואס איך האב אליין פערפאסט. וויפיעל מאל האב איך דאס פאטשטאנע ביגעלע

פאפיער געקושט, וויפיעל וואונדערשענע פאעזיען האב איך איהם געשיקט.

אך! ווי גוט, ווי גוט — ווי גוט איז אז מע איז פארליעבט אונ מע שפיעלט א ראמאן! א! איך האב איהם ליעב מיט מיין גאנצער זעעלע, מיט מיין גאנצען הערץ, קיין שום חוואליעס אונ שוים פון וואסער וועט אונזער שטארקע ליעבע ניט שטערען, די שטארקסטע פעלזען מיט שטורעמווינדען מיט פאר דראללעטע פארגליווערטע המארעס וועלען זיך צו געהן פאר אונזער שטארקער ליעבע ווי וואסער! די מאמע מיט דעם טאטען מיט דער גאנצער משפחה — די חסידים די פאנאטיקער מעגען אבטצעהן בערג מיט וועלדער אויף מיר ארויפווארפען, וועט אונזער ליעבע ווי א העלעש פייער ניט פארלאשען ווערען אונ וועלען זיך אויף אייביג, אייביג ביז אין גרוב, פארבינדען מיט איין אייביגען בונד.

א גאטט מיין גאטט! א הימעל! ביז וואנען וועלען נאך מיינע עלטערען זיין פאנאטיש! אין דעם נייניצעהנטען יאהר-הונדערט וואו די בילדונג שיינט אין אללע ווינקעלעך! ביז וואנען וועט הייסען ביי זיי א פערברעכען צו ליעבע אפענטליך צו פיהרען אונ מיין מאמעשי זאל קיין מורא ניט האבען קומען אללע אבענד צו אונז אויף טהעע, ווי די קאוואלירען וואס קומען צו די פריידקינדאהנס, אונ דער נאך זאל איך קענען געהען מיט איהם שפאצירען איבער דער גאס פאר דער גאנצער וועלט געארעמט! א! ניט אומזיסט זאגט דער גרויסער וועלט-בעריהמטער פערפאססער אין זיין ראמאן „די פארבלאנזעטע שטערען" וואס האט אליין פערפאסט, „ביז וואנען — זאגט ער — וועלען מיר ליידען פון אונזער פאנאטיזים!" אונ אין דעם ראמאן „די פארפלאנטעטע ציגען" פון דעם אייגענעם פערפאסער וואס ער האט אליין פערפאסט זאגט ער דען ניט „ביז וואנען וועלען מיר פריילין ליידען פון אונזערע עלטערען", אונ אין דעם ראמאן „דער קודלעוואטע פראנט", טאקע פונ'ם אייגענעם פארפאסער וואס ער האט אליין פארפאסט, זאגט ער דען ניט „א איהר עלטערען!!!", אונ אין דעם העכסט אינטערעסאנטען ראמאן „די פארקאטשעטע ראזע" אדער „די איינגעפאלענע נאז", טאקע פון דעם אייגענעם פערפאסער וואס ער האט אליין פערפאסט, זאגט ער דען ניט „מיט א רעוואלווער וועל איך זיך אויפהייגען אונ מיט א שארפער בלויזער שווערד וועל איך זיך דערשיסען ווען מע וועט אונז צווינגען אז מיר זאלען פאלגען אונזערע עלטערען! א! וויפיעל פערגעניגען האב איך פון לעזען די ראמאנען פון דעם וועלט בעריהמטען פערפאסער, וואס ער האט אליין פערפאסט! ערשט פון די ראמאנען האב איך דער זעהען ווי פערדארבען זענען מיינע עלטערען, ווי זיי פיהרען זיך שלעכט אויף מיט זייערע קינדער — די ראמאנען האבען מיר מיינע אויגען ליכטיג געמאכט.

איך וואלט ניט איבער-געלעבט די גרויסע שמערצען, אונ די סטראדאניעס מיט די שווארצע וואלקען וואס איך טראג איבער פון מיינע עלטערען, ווען איך זאל איצט אויך אזוי זיין ניט געבילדעט ווי פריהר, אך, ווי גרויס איז מיין פרייד אונ מיין הימעלשע פערצווייפלונג וואס איך בין געבילדעט אונ מיין גרויס פערגעניגען איז די לאנגע נאכט מיט די טייערע וועלט-בעריהמטע ראמאנען פונ'ם פערפאסער וואס ער האט אליין פערפאסט.

די דאזיגע ראמאנען מיט מיין ליעבע צו מאטוועיען זענען מיינע טרייסטען צו מיינע גרויסע שמערצען אונ שרעקליכע סטראדאניעס פון מיינע עלטערען!

מיין הארץ איז מיר פול און וואלט נאך אויסגעגאסען אין מיין טאג־בוך, נאר איך וועל געהען ניכער ענדיגען דעם ראמאן „די צופאמשטע מויד” אדער „די אויסגעקראכענע באָרד”, וואס דער פערפאסער האט אליין פערפאסט, וואס מאטוועי האט מיר געגעבען אין גאנצען אויף צוויי טעג און מיין פריינדין קלאווארע וגעלע] האט מיך אויך געבעטען איהר איהם געבען לעזען:

## געלעס טאג־בוך.

„מיין פריינדין גרינעטע האט שוין אפשר איבערגעלייענט פופציג ראמאנען, און איך ערשט צעהן, און אפילו ניט געענדיגט דעם דריטען טהייל פון דעם ראמאן „דער קודלעוואטער פראנט” וואס דער פערפאסער האט אליין פערפאסט, דארום איז קיין וואונדער ניט וואס זי איז א סך געבילדעטער פון מיר און קען שאנער רעדען מיט א מענשען ווי איך. עס איז אזא פארדראס; מיר האבען זיך ביידע גלייך אנגעהויבען בילדען — איך געדיינק עס ווי היינט פון זינט מיר זענען געוועזען אויף דער „חתונה מיט קאוואליערען”, ביידע גלייך האבען מיר זיך בעקאנט מיט מאטקען אדער ווי זי מאכט פון איהם אגאנצען צימעס און רופט איהם מאטוועי, ביידע גלייך האבען מיר איהם אנגעהויבען ליעבען און ער האט אונז ביידען ביכער געגעבען לעזען, נו וואו האלט זי און וואו האלט איך??? דאס איז אלץ מיין פאנאטישע מאמעניא שולדיג, וואס ווי באלד זי זעהט מיר האלטען א ראמאן צודרייסט זי איהם. דרום האט מיר מאטוועי אויפגעהערט צו געבען. איהר מאמע שלאגט זי דען ניט פאר דעם לעזען ראמאנען אדער ווי זי רופט עס אן: „לייענען ליעבעס”? נאר גרינעטע הערט זי ווי דעם פאר א יאהריגען שנעע און טהוט זיך מאקע איהרס. די ראמאנען וואס ער האט אליין פערפאסט זענען מאקע געעכט וואס זאגען, אז מיר ליידען פון אונזערע „פאנאטישע עלטערען”. אך ווי גליקליך איז גרינעטע וואס האט קיין מורא ניט פאר איהרע עלטערען זיך בילדען! און איך טאר ניט, איך דארף מורא האבען פאר דער מאמען! נאר מעהר וועל איך שוין אזוי פון איהר ניט ליידען, איך וועל זי אנהויבען אזוי הערען ווי גרינעטע הערט איהר מוטטער, אויב מיין מוטטער וועט מיר נאך אלץ שטערען, האב איך זיך געשעשעט — איך וועל זיך לויפען טרינקען!... אזא פארדראס — ערשט צעהן ראמאנען איבער געליינט און זי שוין אפשר פופציג”...

# הזכרת נשמות

## ר׳ אליעזר צבי הכהן צווייפעל.

פון גלוחאוו (טשערניגאווער גוב.) האבען מיר בעקומען זעהר אטרויריגע נאכריכט. או יום ב׳ ח׳ אדר, איז דארט געשטארבען אונזער ליבער שריפטשטעללער הרב החכם אליעזר צבי הכהן צווייפעל ז״ל. פיעל גוטע נימצליכע, העבראישע און זשארגאנישע ספרים האט ער אויף זיין לעבען געשריבען. איבער די טייערע ספרים וועלען מיר יודען, איהם לאנג, גאנץ לאנג נים פארגעססען. אויסער דעם איז ר׳ אליעזר צווייפיל ז״ל געוועזען איין אמת׳ר עהרליבער און פרומער יוד, און דערצו איוד אחכם, און פון דער נאטור א זעלטענער גוטער מענש. קראנקער־הייד האט ער זיין פאמיליע געטרייסט מיט חכמה און מיט צופרידענהייט, ווי זיין שוועגער איז געוועזען: „דאס איז אומזיסט, קיין דאקטאר קאנן שוין נים העלפען דעם וואס זיין זייגער איז אבגעלאפען און דער גרויסער מייסטער רופט איהם צו זיך״! — מיט די פיעל־בעדייטענדע אמת׳ע רייד איז די ריינע נשמה זיינע ארויף צו דעם ארט פון וואנען זי איז געקומען.

מעהר אלס ווער, האט אונזער ארעמער זשארגאן אין איהם פיעל פערלארען. ה״ר אליעזר צווייפיל ז״ל האט פאר דעם זשארגאן פיעל געטוהן, אבער מעהר וואס ער האט געטוהן בפועל האט ער געטוהן בכח, ווארום אין זיין נאמען און אין זיין אויטאריטאט, האבען מוטה געפונען אללע ערענסטע זשארגאן־שרייבער וואס האבען מיט איהם זיך פערטהיידיגען געקענט געגען די וואס האבען דעם זשארגאן און זיינע שרייבער נים גערן. — די צייט און דער ארט איז אונז דא ווייניג אום זיינען ווערטה פיר־אונז ריכטיג צו בעשרייבען. מיר פערשפרעכען אבער אין קינפטיגען „הויזפריינד״ אם ירצה השם, איינע אויספיהרליכע לעבענס־בעשרייבונג העראוס צו־געבען פון איהם, וואו עס וועלען אויך געדרוקט ווערען זיינע לעצטע זשארגאנישע כתבים, וועלכע ער האט אונז פאר זיין טוידט זעלבסט צוגעשיקט, צוזאממען מיט זיין זעהר אויסגעצייכענטען „מוסר פאר אללע״, וואס קוממט אריין אין יעצטיגען „הויז פריינד״.

דערוויייל קענענ מיר נאר זאגען דאס 73־יאהר איז ער אלט געוועזען. ותהי נשמתו צרורה בצרור החיים ובצל שדי יתלונן!

## ר׳ יהודה ליב לעוואנדא

יום ב׳ ז׳ ניסן, איז אין פעטערסבורג געשטארבען אונזער טאלענט־פאללער רוססישער בעלעטעריסט, ליטעראט און פובליציסט יהודה ליב לעוואנדא ז״ל. אין דעם

מעבשען האבען מיר פערלוירען א גרויסען טאלענט מיט א היים־יודיש־הארץ. ער האט דאס יודישע לעבען זעהר גוט געקענט, און אין זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען האט ער דאס יודישע לעבען ריכטיג איבערגעגעבען ווי איין אמת׳ר חודאזשניק. אויסער מאפו אין העברעאישען און אבראמאוויטש אין זשארגאן וויסען מיר ניט פון צווישען יודען קיין בעססערען קינסטליכערן בעלעטעריסט ווי ה׳ לעוואנדא ז״ל. די צייט לאזט אונז ניט יעצט דערפון אסך רייד׳ען, נאר מיר וועלען זיך נאך אומקעהרען צו לעוואנדעס ראמאנען אונד ערצעהלונגען.

דער־ווייל ווילען מיר נאר זאגען, אז קיינער פון אונזערע גרעסטע שרייבער איז ניט געוועזען אזוי בעליעבט ביי זיינע לעזער ווי לעוואנדא, און ווער האט נאך געהאט אזוי פיעל לעזער ווי לעוואנדא? מיר רעדין שוין גאר ניט פון אונזער גאנצע יודישע אינטעליגענץ — נאר יעדער יוד וואס קען נאר דעם רוססישען אזבוקא, האט געלעזען אלעס וואס לעוואנדא האט געשריבען! היינט ווי פיעל פון לעוואנדעס ווערק זענין איבער־זעצט אין העבראיש און אין זשארגאן! —

ביי זיין טוידט האבען איהם אין פעטערסבורג די גרעסטע לייט דעם לעצטען כבוד אב־געגעבין, און אין פיעל אנדערע שטאדט האט מען דעם טאג אין די שוהלען „אל מלא רחמים" געמאכט. לעוואנדא ז״ל איז אלט געוועזין 53־יאהר. תנצב״ה.

## הר״ר נחום ב״ר זאב ראבינאוויטש

אין דעם יאהר האבען מיר פערלוירען נאך א וויכטיגען מענשען, וואס האטש זיין נאמען איז ניט אזוי בעקאנט אין דער וועלט, אבער אויף זיין ארט (אין דער שטאט פעריאסלאוו), איז ער זעהר געעהרט און געשעצט געוועזין אלס איינער פון די זעלטענע מענשען וואס שליסען דעם איבערגאנג צווישען ביידע דורות, דעם אלטען דור מיט דעם נייעם. ה״ה הרב המופלג והחכם המשכיל כהר״ר נחום ב״ר זאב ראבינאוויטש (דער פאטער פון אונזער פאלקס־שרייבער ה׳ „שלום עליכם"). אין פעריעסלאוו: אין זיין וואהנונגס־שטאט, איז ער געוועזין איינער פון די פיינסטע חשובי הקהלה, געריהמט און בעליבט פון אללעמען, דורך זיין תורה און חכמה און מעשים טובים און מדות טובות. גאנצע צוויי יאהר איז ער שווער קראנק געלעגין, און נפטר געווארען בח׳ אדר אים 58־סטען יאהר פון זיין לעבען. תנצב״ה:

## להתודע ולהגלות:

„דאס נייע מחזור׳ל" פון ה. לינעצקע וואס איז ארויין געקוממען אין „הויז־פריינד" האבען מיר ביי דעם מחבר געקויפט און געלד בעצאהלט א. יף וועלכען מיר האבען פון ה. לינעצקען א רוססישע ראספיסקע, נאר נאך דעם ווי דער „הויז־פריינד" איז שוין אבגעדרוקט געווארען האבען מיר זיך דערוואוסט אז דער מחבר האט אייניגע זאכען פון „נייע מחזור׳ל" נאכגעדרוקט. איין אנדערער אויף אונזער ארט וואלט ה. לינעצקען לייכט געקענט מאכען א פראצעס, נאר מיר בעגנוגען זיך דארויף צו־פראטעסטירען:

## דער צווייטער

# הויז=פריינד

דרוקט זיך שוין . אין דעם צווייטען וועלען מיט־ארבייטען די אייגענע שרייבער אונ זיך האלטען ביי דער אייגענער פראגראממא ווי אין ערשטען „הויז־פריינד“ אונ אויסער די פראגראממא וועט דער טהייל פון ראמאנען , אונ ערצעהלונגען אונ פעליעטאנען פארגרעסערט ווערען .

צווישען אללע אנדערע ארטיקלען פון אונזערע בעסטע טאלענט־פאללסטע יודישע פאלקס־שרייבער , וועט אויך זיין געדרוקט צווייא ראמאנען פון מ. ספעקטאר .

## 1) יודישע חתונות.

אין דעם ראמאן וועלען פארקומען די אייגענע פערזאנען פון דעם ראמאן „יודישע טאכטער“ וואס איז געדרוקט אין ערשטען „הויז־פריינד“ אונ אויך פיעל נייע .

## 2) יודישע מחברים אונ יודישע לעזער.

אין צווייטען „הויז־פריינד“ וועט צו־געגעבען ווערען א ביילאגע וואו עס וועט זיך דרוקען די נייע יודישע געשיכטע [פאלקס־טיהומליכע געשיכטע דער יודען] פון דעם בעריהמטען פראפעסאר ד״ר. צבי גראטץ . איבערזעצט פאר דעם „הויז־פריינד“ פון איינעם פון אונזערע בעסטע יודישע פאלקס־שרייבער .

אין צווייטען „הויז־פריינד“ אויסער די גרויסע פראגראממא האבען מיר איינגעפיהרט א נייעם טהייל: „יודישע ליטעראטור“ .

אין צווייטען „הויז־פריינד“ וועלען זיין בילדער מיט ביאגראפיעס פון וועלט־בעריהמטע יודען. 1] ה׳ משה אנטאקאלסקי , 2] ר׳ אליעזר צבי הכהן צווייפיל ז״ל , 3] ר׳ יהודא ליב לעוואנדא ז״ל, אונ 4] ר׳ שמואל פאליאקאוו ז״ל.

דער צווייטער „הויז־פריינד“ וועט ארויס פון דרוק אונ צו שיקט ווערען די אבאנענטען אויף **חנוכה.**

## דער פרייז איז 1 רובל (מיט פארטא)

מיר בעטען די וועלכע פערלאנגען זייערע ארטיקלען זאללען זיין געדרוקט אין צווייטען „הויז-פריינד" זאללען צו-שיקען בעציייטען.

די אבאנענטען וואס וועלען אויסשרייבען דעם „הויז-פריינד" ניט שפעטער ווי ביז **ראש השנה,** וועלען בעקומען איין אומזיסטיגע **פרעמיע:**

# דעם צווייטען
# פאמיליען-פריינד,

אין וועלכען עס וועט זיין געדרוקט:

**יהודית**— א היסטארישע דראממא אין פיער אקטען אונ פינף בילדער פון י. לערנער.

**איינע ערצעהלונג**— פון דעם טאלאנט-פאללען שרייבער ד. פרישמאנן.

**שירים**— פון מיכל גארדאן אונ נאך אנדערע ארטיקלען.

**דאס בילד** מיט דער ביאגראפיע פון לעדי יהודית מאנטיפיורי ע"ה ודי בעריהמטע פרוי פון הצדיק ר' משה מאנטיפיורי ז"ל.

**א לוח**— צום נייעם יאהר תרמ"ט.

דער צווייטער „פאמיליען-פריינד" וועט צו-שיקט ווערען די אבאנענטען אויף

## חג הסוכות.

---

נאך דעם ווי מיר האבען הערויס-געגעבען דעם ערשטען „הויז-פריינד" אונ דעם „פאמיליען-פריינד", רעכענען מיר פאר איבעריג פאר-אויס א סך צו-זאגען, מיר פער-זיכערען נאר אונזערע געעהרטע אבאנענטען, אז מיר וועללען ניט אויפהערען מיט אללע כוחות זיך צו בעמיהען אז דער „הויז-פריינד" זאלל פארגרעסערט ווערען, ער זאל זיין איין ניטצליך אינטערעסאנטעס בוך פאר יעדען, אונ הערויס-געבען צו דער צייט ווי מיר זאגען צו.

מיר בעטען נאר די וואס וויללען אויס-שרייבען דעם „הויז-פריינד" אונ וויללען אויך האבען דעם „פאמיליען-פריינד", זאלען זיך אבאנירען וואס פריהער, מיר זאללען וויסען וויפיעל עקזעמפלארען פון דער „פרעמיע" צו דרוקען, דען איצט ווענדען זיך פיעל צו אונז מיר זאללען זיי ארויס שיקען אויך דעם „פאמיליען-פריינד" פאר וועלכען זיי וויללען צאהלען, נאר צו אונזער בעדויערען קענען מיר זייער וואונש ניט ערפילען, וויל פון דעם ערשטען „פאמיליען-פריינד" האבען מיר ניט איין עקזעמפלאר. דען די פרעמיע דרוקען מיר א געוויסע צאהל עקזעמפלארען, ד. ה. נאר פאר די אבאנענטען וועלכע שרייבען אויס דעם „הויז-פריינד" צו דער צייט.

מיר בעטען אויך אונזערע בעקאנטע לעזער אונ ליעב-האבער פון אונזער יודישער

פאלקס־שפּראכע זיי זאָלען דעם „הויז־פריינד" פאר־ברייטערן צווישען זייערע בעקאנטע, דען דער מיט זעלבסט קענן יעדער מיט־העלפען אז דער „הויז־פריינד" זאָל זיין אין שטאנד זיך צו פאר־גרעסערן און פאר־שאנערן.

## געלד, ארטיקלען און בריעף קען מען שיקען אויף דער אדרעססע פון דעם הערויס־געבער:

**Варшава. М. Спектору, Дзѣлная д, № 3, кв. 16.**

דורך די רעדאקציע פון „הויז־פריינד" (ווארשא. דזיעלנא 3) קען מען אויס־שרייבען די דאזיגע ביכר:

| | |
|---|---|
| **א וועלט מיט קליינע וועלטעליך.** א לעבענס ערצעהלונג פון איין אלטען בעקאנטען וואס איז געבוירען און געלעבט צווישען פוילישע יודען פון **מ. ספעקטאר.** (פרייז מיט פּאָרטאָ) | 50 ק' |
| **יודיש!** ערצעהלונג פון היינטיגע צייטען. הנ"ל; די' די' | 35 |
| **בר־כוכבא.** איינע דראממא אין פיער אקטען. פון א. **גאלדפאדען.** די' | 35 |
| די' (אויף גוטע פאפיער) די' די' | 50 |

(פאר די אבאנענטען פון „הויז־פריינד" ווערען די ביכער פערקויפט וועלוועלער מיט 20 פראצענט.)

עס איז נאך געבליעבען א קליינע צאהל עקזעמפליארען פון דעם בוך **„ראמאן אהן א נאמען"**, וואס איז פריהער געוועזען די פרייז 50 קאָפּ. ווערד פערקויפט צו 30 קאָפּ. מיט פּאָרטאָ.

דורך דער רעדאקציע פון „הויז פריינד" קען מען אויסשרייבען פון אללע זשארגאנישע און העברעישע ביכער אויף די אייגענע פרייזען ווי ביי אללע מוכרי ספרים.

## עס דרוקט זיך א ניי ביכעל

**יום־טוב־דיגע ערצעהלונגען.** (מאנכע געוועזען אין פעליעטאָנען) פון **מ. ספעקטאָר.**

**אינהאלט:** I. יום-טוב-דיגע מחשבות אין א גרויסער שטאָדט. II. ווי ווער עס פרייט זיך אום יום-טוב. III. די פינפטע קשיא. IV. די ימים טובים. V. ווי דעם זיידענס אייניקעל האט די ערשטע פאר שוך אנגעטוהן. VI. פאר פסח אין גאס און אין שטוב. VII. פורים-דיגע טרעהרען.

פרייז 20 קאָפּ. פאר די אבאנענטען פון „הויז־פריינד" נאר 15 קאָפּ. מיט פּאָרטאָ. די וואס וועלען אויסשרייבען דאס ביכעל וועט עס צו-שיקט ווערען אויף **חג הסוכות** צו־זאממען מיט דעם **„פאמיליען־פריינד".**

# ДЕРЪ ГАУЗФРАЙНДЪ

## ИСТОРИКО-ЛИТЕРАТУРНЫЙ СБОРНИКЪ.

### ТОМЪ I.

ИЗДАНІЕ

М. СПЕКТОРА.

ВАРШАВА
Типографія И. О. Алапина.

1888.